STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05919

A SHTEYN TSUKOPNS

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

אַ שטיין צוקאָפּנס

יוסף אַקרוטני

אַ שטעקן צוקאָפּנס

פאַרלאַג סביבה

בוענאָס־איירעס, 1960 — תשכ״א

Copyrigth by
J. OKRUTNY
Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la ley
Industria Argentina

שער־בלאַט: יוסף ראַטנער—מירסקי

J. OKRUTNY

Una Piedra de Cabecera

(A SCHTEIN ZUKOPNS)

Buenos Aires, 1960

דאָס געשריי

(אָנשטאָט אַן אַריינפיר)

טאָג איין, טאָג אויס האָט מענדלען פאַרפאָלגט דאָס זעלביקע דריקנדיקע געפיל: מ׳כאַפּט אים, און די קראַנ׳קע מאַמע וואָס וואַלגערט זיך אין שפּיטאָל, די מאַמע וועט חלילה אויסגיין אָן אים.

— אוי, אוי, די מאַמע!

אָפט האָט אים אַ ברי געטאָן דער געדאַנק: „וואָס ׳עט זאַן מיט דער מאַמע?“

פּלוצלינג גיט עס אַ רודער אין זיין מטושטשדיקן מוח. און באַלד נעמט ער זיך איילן, כאָטש ער ווייס נישט וווהין, ער באַנעמט נישט — צו וואָס אים ציט. ס׳ביטער — פלאַמט אין אים אַן אינעווייניקדיק געשריי פון אַנגסטן. דאָ איז נישט גוט, דאָ איז סכנות ענג, איז אפשר דאָרט בעסער, הגם אים איז נישט קלאָר ווו עס איז דער דאָרט. פאַראַן מסתמא אַן ערגעץ, קלערט ער אין פיבער פון שרעק, ווו ס׳זענען נישטאָ די בייזע דייטשן, די זשעדנע יידישע פאָליצייען.

אַ וויסטער אומרו באַוועגט מיט אים. שטרענגט ער אָבער אָן דעם געדאַנק, באַקומט אַלץ איין נאָמען, איין וועג: די מאַמע.

די מאַמע איז מענדלען זיין אַלץ מיטאַנאַנד. די מאַמע איז כולל די גאַנ־צע וועלט און זי איז שטאַרק געשראָמפּן. איר לעבן הענגט אויף אַ האָר. דאָס פ י ל ט ער, ווייסן ווייסט ער נישט אַ מינדסט. די מאַמע זשיפּעט קוים, די מאַמע אָטעמט שוואַך, דער מאַמעס אויגן טרערן מיט געבעט. מענדל געדענקט עס כסדר, דערפאַר באַפאַלט אים שטענדיק די בהלה: די מאַמע. וואָס טוט איצט די מאַמע?! דייטשן קומען, דייטשן ביוכען, זיי כאַפּן אַרויס פון שפּיטאָל די קראַנקע, זיי סמען, זיי שיסן די שוואַכע, די בלאַסע. די מאַמע, מיין מאַמעניו — —

זיך גופא איז אים שוין נישט קיין שאָד געווען. שוין נישט שטאַרק געראַנגלט זיך מיט די קראַמפּן פון הונגער, וואָס האָבן צעשניטן די געדערעם, אָנגעטשאַדעט דעם קאָפּ, אָנגענעפּלט דעם בליק. ער איז מיד פון אומאויפ־הערלעכן יאָגן זיך נאָכן ביסן, וואָס איז קיין מאָל נישט קיין פולער. תמיד פאַרנעמט ער אַ ליאַרעם פון זיינע קישקעס און די אויגן, אָנגעשוואָלענע ווי גלאַזורנע גאַלקעס, קריכן אַרויס פון זיין שאַרף־אויסגעדאַרטן פּנים, פון דעם גרויס־געוואָרענעם, סקעלעטישן שטערן: „מ׳גייט שוין ווידער?" „מע גייט" מיינט די דייטשן וואָס באַגלייטן די פּאָליצייען פון געטאָ. ווי פּלייסיק דאָס איז! — פלעגט מענדעל זיך וווּנדערן דאָס ווונדערן זיך פונעם רוב, הלמאי לייט האָבן הנאה צו גראַבלען זיך אין די וויסטקייטן פון קויט און טויט, וואָס האָט איינגעמושבט די מענטשן פון די געסלעך. סיי ווי פאַלן זיי ווי די פליגן, טאָ צו וואָס זיי נאָך נעמען, שלעפּן, אַוועקפירן! מאַכן אַ לוויה? — דאָס פאַרשטיי איך, אָבער צי׳ען, רייסן יסורימדיקע? מיט „זייער" קומען פאַרמערן זיי נאָר די וויטיקן, טרייסלען די נשמה, לעכערן דעם שאַרבן. שטענדיק אַזוי. סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט רוט דאָס נישט, און מ׳לאָזט אים נישט אַ ביסל מנוחה. פאַלט ער אַוועק אין דער פינצטערניש אויף די טוכלע שמאַטעס, האַרבעט זיך אָן איבער אים די נאַכט ווי אַ שטעכלמויז; זי לויערט אויף אים און ער טשאַטעוועט אויף איר. פון אָנשטרענג ווערט מענדל מיד, פאַמעלעך פאַרוועבן זיך זיינע געהירן, אָבער ס׳גאַנצע לייב און לעבן בלייבט שלעפעריקערהייט איינגעהערט אין דעם פאַרקראַמפּטן דרויסן: די הילצערנע הענגלבריקן, וואָס אויבן, איבערן געטאָ, פויקן און ברעכן זיך אונטער זייער בייזן ראַפּטעמדיקן לויפן. חמרימוויז לאָזן זיי זיך אין די ייִדן־גאַסן אַריין, דאָס גאַנצע עם־רע. אַזש די געטאָ־צוימען כמורען זיך, ס׳טויער קרעכצט פון די יסורימדיקע געשרייען, וואָס וועלבן זיך איבערן טויער און איבער דער גליוורנדיקער וואַך. אָ, תמיד גלאָצט זי מיט די סמיקע אויגן, די וואַך! אָקערשט וואַרפט זיך אַלץ אויף אים. אוי, די מאַמע, — ראַנגלט זיך דער פאַרצווייפלטער מענדל אין אַנגסטיקער שוואַכעניש — ווייט איז די מאַמע, אויף יענער זייט הענגלבריק באָמבלט זיך די פּעטליע־שטריק פון דער גרויסער סכנה און ער, ער איז דאָ אַ פליג. אין די שטעכיקע לאַפּעס פון אַן אומגעהאַרישער שפּין וואַלגערט ער זיך, זי בייסט, זי נאָגט אויס זיינע לעצטע זאַפּטן. — מאַמעלע, — וועקט ער זיך פון חלשות־דרימל — ווי אָפּגעריסן מ׳האָט דיך פון מיר!

ער צעווייִנט זיך אין זײַן נאַרע. אויסגעזויגן ליגט ער דערנאָך אין גאַנצן וואַך און הערט זיך איין אין דער לאַנגער לויערנדיקער נאַכט.

◆

... זיי גייען אויף אַן אמת. אָקערשט נעכטן האָט מע געררופן זיך גרייטן צום אַרויספאָרן און שוין אַצינד... „ראַוס, אַלע ררױס־אַוסאַוס, פֿאַרפלוכטע! זאַמלען זיך, שוין זאַמלען זיך! אַלע אויף מאַרישין!“

אַוודאי, קיינער ווייס נישט אויף קלאָר צי עס וועט טאַקע נישט זײַן בעסער,, אויב מ'וועט אַרויספאָרן וווהין ביבאָוו הייסט, נאָר קומט דערצו, כאַפּט אָן אַן אימה. באַלד דערשפּירט מען אויפן אייגענעם לייב דעם הויך פֿון פֿאַרציקנדיקער שריפה און דער שאַרבן פֿרירט. אין מיטן דער נאַכט לויפט מען ערגעץ אין גריבער אַריין, אויף בוידעמס, אין פֿאַרהוילענע שפּאַלטן צווישן ווענט. תהומען, שלינגט אונדז איין, פֿינצטערניש, פֿאַרשטעכט די אויגן פֿון בייזן שונא, באַהיט אונדז! דער אָטעם ברענט, ווייטיקן ווערן פֿאַרטויבט. אין בהלה קריכן מענטשן אויך אין מיסטקאַסטנס אַריין, מ'פֿאַלט מיטן קאָפּ אין מיגלדיקן פֿוילן קויט; צוגלייך מיט ווערעם און שטשורעס עסט מען זיך אָן מיט שווערן, פֿאַרעדיקן אַוויר. עס עפֿענען זיך פֿייערדיק־רויכיקע הימלען, ווייטע פֿון יעטוועדער שיין, ווייט פֿון מענטשן. מענטשן זענען פֿיינטלעך. אויסבאַהאַלטן זיך, אַנטרינען וואָס גיכער! — טומלט עס אומעטום ווי פֿון דערוואָרגענע גלאָקן — עד יעבור זעם.

ווילדע האָפֿענונג פּלאַקערט אויף דעם הויפֿן פֿון אימהס.

אַ שרעק, וואָס עס ברענגען אָט־די! שוין אַזוי פֿיל מאָל אַרויסגעפֿירט ייִדן־טראַנספּאָרטן פֿון געטאָ. ווי די שטיינער די מענטשן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף וועגענער און אַוועקגעפֿירט. זיי האָבן געהייסן, זיי האָבן צוגערעדט און זיי האָבן געטריבן. און פֿון דאָרט, וווהין מ'האָט אַוועקגעטריבן, הערן זיך וויסטע זאַכן: מ'הרגעט, מ'ברענט לעבעדיקערהייט. אָך, אָך, טאָג און נאַכט היט מען שייטערס צו ברענען מענטשן אין די פֿלאַמען. אוי, און מע וווערגט מיט גאַז! — די שרעק גריזשעט די הויט, זי צעשטעכט דאָס האַרץ און דעם מוח שלאָגט עס מיט האַמערס. אַלע, אַלע שפּירן עס, ער, מענדל, טאַמלט נאָך מער. אין גאַנצן צאַפּלט ער דערפֿון, ער שרייט און זידלט, אויב מ'לאָזט אים נישט ערגעץ אַוועקלויפֿן, ערגעץ שפּרינגען צי עפּעס כאַפּן. און קודם גיט אַ זענק די דערמאָנונג: די מאַמע! אַ גייענדיקער סקעלעט איז ער

און אַ כּוח שפּאַרט פון אים אַ ווילדער, ווען אים כאַפּט אָן דער רייץ צו לויפן ראַטעווען די מאַמע. תמיד אָנט ער אַז די סכנה לויערט צוגרשט אויף איר.

„דאָסיק דער־אָ אויפן קאָפּ“, — וויבקט מען זיך איבער און מ׳באַזיפצט אים.

„ס׳איז׳ן ווילער פון אַ טויטן. פון דער מאַמעס פאַרטעך אַ קינד, דער אַלטער באָק“.

שפּאָט און רחמנות האָבן אים באַגלייט, ער אָבער האָט זיך געטאָן ס׳זייני־קע. געלאָפן, דורכגעשטויסן זיך. די האַרבע חוקים פון געטאָ זענען מענדלען קנאַפּ אָנגעגאַנגען. „אַ משוגענער“, האָט מען אָפּגעמשפּט זיינע גענג אין דעם תוהו ובוהו ווו ס׳לעבן איז אויף לעבן לחלוטין נישט ענלעך. האָט ער זיך געשטופּט נאָך אַ שטיקל ברויט, געשטויסן זיך פאָרויס פאַר אַלעמען נאָך אַ שיסעלע פּאָמיעס־זופּ, האָט מען „אַוועקגעקוקט“. פאַר דער מאַמען ברויך ער, זיין מאַמע איז אַ חרובדיק מענטש. שוין מוז ער׳ס האָבן, און די אויגן זיינע נעמען שפּילן, אַזש מענטשן קריגן מורא פאַר אים. פון דער מאַמעס וועגן שטעלט מענדל זיך אויס אויף סכנות. אין איר הענגט ער אָן זיין בלייכע האָפענונג אויף... אויף וואָס? ער אַליין באַנעמט נישט אויף וואָס ער וואַרט; די מאַמע, מיין מאַמע, ליאַרעמט עס אין זיינע געהירן, די מאַמע — איז זיין ענטפער אויף אַלע טענות צו אים, הלמאי ער היט זיך נישט. מבולבל איז מענדלס רעיון. די מאַמע און זיין גאַרער נעכטן ווימלען אינעם אויסגע־שוואַכטן געדעכעניש פון דעם צערודערטן יונג. זי, די מאַמע, איז אויך זיין היינט. ער שפּירט דאָס בפירוש, אַ שפּירונג אַ קראַנקהאַפּטיקע, וואָס איז באַלאָדן מיט טרערן. זינט דעם קלאַפּ מיטן טאַטן, וואָס ס׳האָט געטראָפן באַלד אין תחילת — דאָס אומגעריכטע אַרויסנעמען אים פון שטוב און ס׳הענגען אים אין מיטן מאַרק ווי אַ פיש צום טרוקענען, הענגען אַז גויים זאָלן לאַכן, ייִדן זאָלן מוזן קוקן! — זינט דעמאָלט דאָס פאַרדרייעניש אויף דעם רירעווי־דיקן בחור, זיין אויסטערלישע מרה־שחורה. די מאַמע, די מאַמע! חוץ דעם האָט גאָר נישט קיין האַפּט, גאָר נישט רייצט אים. ער איז גלייכגילטיק צו אַלצדינג. ער שוויגט שוועד אָדער ער וויינט סתם אַזוי; אַ ליאַדע־וואָס צינדט ער זיך אָן און איז גרייט אויף אַ יעדער אומבאַרעכנטקייט. און האָט ער נעבן זיך די מאַמע, איז ער רויק. טייל מאָל שיינט ער אַפילו. די מאַמע באַהעפּט אים מיט דער גאַנצער השגה פון דעם, וואָס רופט זיך לעבן.

— ניטע, מענדעלע. מענדל, גיי נישט אַרויס! אַ מענטש דאָס איז, — באַקלאָגט זיך די שוואַכע מאַמע — דייטשן גייען און מענדלען טראָגט עס.

מענדל הערט נישט, און ער האָרכט נישט. אויב ער האַלט זיך נאָך יאַקאָש ביי די אַלע צרות, היטן אים „אַלע גוטע מלאכים“.

אַזוי איז געווען פריִער, ווען די מאַמע איז געווען מיט אים.

אַצינד שפּרייט זיך אומגליק אַרום, פינצטער איז מענדלס פּנים. וואָס פרעמדע זאָגן, דערגייט נישט צו אים. און פילט ער גיבן זיך די מאַמע (אַ מאָל קומט צו אים אויך אַזאַ אויסדאַכטעניש), באַדאַרף ער פּאַר איר ברויט, באַדאַרף מען אַ שטיקל האָלץ אין שטוב אַריין אויף אָפּצוקאָכן אַ ביסל גרויפּן; אַז די מאַמע איז אין דער היים לויפט ער, שפּאַרט זיך דורך אַ יעדע ענגעניש, פרעגט, רעדט און ר'געדענקט: מ'באַדאַרף זיך אויסהיטן פּאַר כאַפּערס. נישטיקע לייט די היימישע פּאָליצייען! ערשט אַז די מאַמע איז נישטאָ, איז די אויסמעסטונג פון דער צייט, דאָס צעקרימטע, צעשני־טענע פּרצוף פונעם דרויסן — אַלץ, אַלצדינג איז אויסגערונען; ווי אַ חולה־וואַט באַשעפעניש קוקט ער אויף אַלעם: ר'זעט און זעט גאָר נישט. ווער'ט אים פרעגן, וועמען ט'ער ענטפערן? און נישט ער באַדאַרף עסן, נישט עס דאַרשט אים. רק זיינע אויגן גליִען אין אַ ווייטער פּאַרטראַכטקייט. און דער־מאָנט ער זיך עפּעס, נעמען משוגענע וויכערס טראָגן זיין קאָפּ. די ליידיקייט וואָס אַריבער די נידעריקע שוואַרצע דעכלעך מיט די געזונקענע קוימענדלעך, נעמט אים ווייטיקלעך דריקן. אים טרייבט איין בלינדע קראַפט: די מאַמע. זי צו הערן רעדן, צו זען ווי זי באַוועגט איר פאַרטריקנט מויל:

— מענדעלע, זינדיק בין איך ביי גאָט. דו פייניקסט זיך נעבעך און איך מוז דאָס צוזען.

ווי די סטעליע וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער איר, פאַרקוועטשט דער מאַמען ביים האַרץ דאָס קלאָגעדיקע אויסזען פונעם זון, וואָס דרייט זיך אַרום איינער אַליין אַ פויגל מיט צעבלוטיקטע פליגל. וויי און ווינד איז איר.

און נעצט זיך דער מאַמעס אויסגעלאָשענע פּנים, אַ שוואַך געוויין ברעכט אויס פון איר, צעכליפּעט זיך אויך דער זון חסר־דעהדיק:

— מאַמע, דו ווערסט געזונט ווערן? זאָג מיר צו, מאַמע!

— מאַמעלע מיינע, — קייעט ער ס'געוויין וואָס גייט אויף פון זיינע אינגעווײדן.

שטאַמלדיק פאַלן מענדלס רייד, די נאַסע באַקן קנייטשן זיך; שאָטנ־האַפטיק ענדערן זיך די גרימאַסעס אויף זיינע קינען און דער בליק גלאַנצט ווי פאַרנאַכטלעכע שויב אַנטקעגן אויפגעברענגטן ליכט.

אָנגעבויגן איבער דער מאַמעס קראַנק געלעגער, גלעט ער אירע קנאָ־

כיק פֿאַרשפּיצטע הענט, העשעט קינדיש אַריין אין איר. אונטערטעניק איז מענדלס קול, ער קניט אין געבעט:

— האָב רחמנות, מאַמעלע, לאָז מיך נישט אַליין. — די קאַלטע שפּיטאָל־ווענט האָבן טונקל אָפּגעוועגדט דעם בליק פֿון מענדלס תחנונים. די מאַמע האָט נאָר גערירט מיט אירע ליפּן, אָן כּוח פֿאַרן וואָרט.

אַהיים שלעפּט ער זיך ווי אַן אונטערגעהאַקטער. דער מאַמעס שוואַ־כעניש האָט אים נאָך מער אומעטיק געמאַכט. די מאַמע איז מוראדיק אויס־געצערט, די אויגן — מאַט, ווי נישט לעבעדיקע. פֿון דער מאַמען קוקט אויף אים דער טויט, — האָט עס אים פּלוצלינג אַ פּיק געטאָן מיט אַן אויפשווי־דערנדיקן פּחד — און ר'איז געבליבן שטיין. אפשר זאָל ער צוריקגיין, אפשר — — שרעק האָט פֿאַרקלעמט מענדלען.

— דער־אָ „רופֿט זי צוריק", זי מאַטערט זיך צו לאַנג, די חושבֿע, — האָבן געמורמלט זייטיקע. — די אַלטע ליגט אין גסיסה און דער זון לאָזט זי נישט שטאַרבן.

◈

קאַלט, ווי אין אַ דורכויסיקער אויסגעהוילטקייט, ליאַרעמט די אַכזריות אונטער די פֿאַרשטיינטע הימלען. אויסגעבליאַקירט איז אַ יעדע שיין, אָנ־פֿאַרביק, גראָ איז דער אַרום.

אַזוי יעדער טאָג, אַזוי די ווינטערס, אַזוי די זומערס אין דער לאַנגאָניקער איינגעקלעמטקייט.

היינט איז דער טאָג אַדורך בשלום, נעכטן אויך אַזוי. אַ שלעכטער סימן, זיפֿצט מען. די חיה איז שטענדיק בלוטדאַרשטיק, איז זי גאָר שטיל — איז אַוודאי אַ גרויסע סכנה. זי לויערט, אָט־אָט אַ שפּרונג צו געבן אויף איר פֿאַרציקונג. ס'איז דורכויסיק די פּיין, די נויט איז שאַרף און „ס'איינ־שלאָפֿן" אין מיטן גיין און שטיין איז עפּעס צו גוט. אין דער אמתן: וואָס איז די נפֿקא מינה? אַלץ איינס פֿאַלט מען ווי די אויסגעסמטע ווערעם. און פֿאַלט מען אין מיטן גאַס, האָט מע כאַטש טייל מאָל „אַ זיסן טויט": עמעצער שאַרט זיך צו, שטעלט אַריין אַ לעפֿעלע סיראָפּ אין מויל פֿון אַנידערגעג־זונקענעם — אפשר וועט מע נאָך דערכאַפּן אַן אומגליקלעכע נשמה? לרובֿ פֿאַרשפּעטיקט דער ראַטונאַק. צוגעדעקט מיט אַ צייטונג־פּלאַכטע שלאָפֿט מע שוין דערנאָך דעם אייביקן שלאָף. שפּעטער קומט ס'וועגעלע אויפֿקלייבן די מתים פֿון די גאַסן. „דערלעבט" אַזוינער צו קריגן אַ מקום־מנוחה אין

דר׳ערד, צו װעלכער יעדער בן־אָדם מוז סוף כל סוף אָנקומען, איז אים „װײל זײן סוף־װעלט״. ײדן פּאַרװײנטשן זיך איצט אַזאַ שטאַרבן. ערגער איז, אַז מען טרײבט אַרײן אין פאַרמאַכטע פּי־װאַגאָנעס. פאַר דעם ציטערט מען גאַר שטאַרק. בכלל אַ װאָלװעלע זאַך געװאָרן דער טויט אין געטאָ. בײ די װאָס דינען דעם דײטש האַנס ביבאָװ און בײ די װאָס אין ײדנראַט, איז אַ שטענדיקער יאַריד אויף די לעבנס און טויטן פון די ײדן װאָס זענען אײנגעצאַמט צװישן מויערן און שטעכלדראָט. דער פאַרצאַפּלטער קנופּ נערװן ליגט תמיד בײ זײ אויף דער װאָגשאָל. עס װענדט זיך נאָר, װען מ׳װערט פאַרשריבן. זעלטן אַז ש װ ע ר ג אָ ל ד צי ברילײאַנטן לאָזן זיך פאַרבײטן אויף חסד פאַרן אָפּגעהתמעטן. אומדערבאַרעמלעך איז די האַנט װאָס האָט פאַראַמאָל צונויפגענומען װי אַ סטאַדע שעפּסן די מחנות ײדן הינטערן אימהדיקן פאַרקאַן. זעלטן װער ס׳האָט זיך אויסגעקויפט בײם מלאך המות װאָס אין געטאָ־פאַנצער.

„איך און בלויז איך בין אײער געביטער״.

חיהש טראַכט דער שר פון געטאָ און אַזוי טוען זײער טװנג די קנעכט דעם דײטשס.

אַ בײזער סימן די שטילקײט, װײסן די איבערגעשראָקענע. האַנס בי־באָװ גרײט מסתמא װידער „אַן אַקציע״ און מ׳האָט שוין מורא בײנאַכט אַנטשלאָפן צו װערן. בעסער איז שוין בײטאָג. מ׳פאַרגעסט טײל מאָל אין די שלעק, װײל מ׳איז פאַרנומען מיטן יאָגן זיך נאָכן ביסל פּרעס און מ׳מוז זיך אָפּיאָגן פון די פּחדים װאָס גײען אום אין די גאַסן, דרינגען אַרײן אין די „רעסאָרטן״, װוּ מ׳זיצט צוזאַמענגעבראָכענע און מ׳טוט כל עבודת פּרך.

דער דײטש שרעקט, דער ײדנעלטסטער שרעקט און דער טויט איז אין אומאויפהעריקן לויער.

◈

זינט מענדלען איז צוגענומען געװאָרן די מאַמע, איז ס׳גאַנצע געטועכץ זײנס און ס׳גאַנצע קלערן — די מאַמע. ר׳עט ברענגען פאַר דער מאַמע, ר׳גײט צו דער מאַמע. די מורמלענישן פון דער געטאָ, די אימה װאָס הענגט װי שפּינװעב־צװיטן איבער די אַרומגעצוימטע גאַסן, דער הונגער װאָס גײט אַרום אַ פאַרשטשירעטער — גאַר נישט רירט אים אָן. די מאַמע, װאָס טוט אַצינד מײן מאַמע? און כאָטש עס איז אַן אײנשטעלעניש צו װײזן זיך אין שפּיטאָל אַרײן (מ׳שמועסט: קעטשלעך מיט דײטשן פאַרן אַהין אַרײן, נעמען

אַרויס פֿון שפּיטאָל די חולאים, מען „דערענדיקט״ זיי אין גאַייל), קומט ער צו איר אַ פֿאַרציטערטער, שלייכט הינטער די פֿענצטער, גנבעט זיך אַריין אין פּאַלאַטע, הויכט אָן אויף דער קראַנקער דעם אָטעם פֿון זיין שטאַמלדיקער, מעלאַנכאָלישער ליבשאַפֿט: „מאַמע, טייער מאַמעלע. ס׳ווילט זיך אַזוי זיין מיט דיר! כ׳וועל דאָ בלייבן. באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקל, אויף ביינאַכט וועלעך זיך אַריינקריגן צו דיר. מאַמעלע, פֿאַרגעס איך, אַז דו ביסט דאָ, זיך איך דיך אַרום אין די גאַסן — —״

מבולבל ביז משוגעת איז דער מרה־שחורהניק. אים דריקט די אַליינ־קייט אין פֿאַרוואָרלאָזטן חדרל אונטערן משופּעדיקן דאַך פֿון דער וואָל־באַזשער גאַס, וואָס איז אָן אָרט פֿון סאַמע פּרוכבע, פֿון לאַנגאַניקער פּינצ־טערנדיקער אַלטקייט. ער צינדט נישט אָן קיין פֿלעמל אויף דער נאַכט זינט די שכנים האָבן אים צעממיתט: „וועסט אונדז פֿאַרברענען, דו גולם!״ (אַזוי האָבן זיי געשריגן) און בייטאָג איז שאָטן־טונקל אין דעם אויסגעהוילטן קעמערל. אויף מענדלען רינצלט דאָס לייב: מאַמע, מאַ־מע! די מאַמע רופֿט צו אים אין די געדאַנקען, זי פֿעלט אים אויף יעדן שריט און טריט. ער האָט נישט ווער ס׳זאָל אים הערן. כאָטש מאַנצבילש צעוואַקסן אין זיין גוף, איז מענדל קינדיש להוט די נאָענטקייט פֿון דער קוואַרער מאַמען. פֿאַר־טונקלט געוואָרן דער מוח פֿון דעם געעלטערטן יונגן מאַן. ווי לאַנג דער מאַמען האָבן געטראָגן די פֿיס, האָט זי פֿאַר מענטשן פֿאַרדעקט דאָס אומ־גליק מיטן זון — זיין שוואַכזיניקייט. „אַזאַ טייערן פֿאָטער געהאַט, און אַזוי אים ליב געהאַט, איז נישט קיין וווּנדער״, האָט זי געזיפֿצט, געשטיקט זיך מיט די אייגענע טרערן און געבויגן זיך אונטערן עול פֿון מענדלס פֿאַר־קרענקטער אומבאַהאָלפֿנקייט. אָקערשט איז ערגער: די מאַמע איז אים אַוועק־גענומען געוואָרן, דער דייטש טשאַטעוועט און די נויט שלאָגט אָן רחמנות די, וואָס קענען זיך בעבעך אַליין נישט קיין עצה געבן. אַצינד שרעקט מענדלען זיין אַליינקייט אין אויסגעליידיקטן שטיבל, ווו ס׳ווייזט צו אים דאָס ליידיקע אָרט דער מאַמעס. אוי, זי איז נישטאָ! אים סטראַשען אויך די הורמעס צעשאָטענע טויטע ציגל פֿון די צעשטערטע הייזער און ס׳וואַרפֿן אָן אויף אים אַ פּחד די געזונקענע שטיינער פֿון דער שיל, פֿון וואַנען עס קלאָגן נאָך און ציקלען זיך בלאָנדזשנדיק די פֿרומע תּפֿילהדיקע געזאַנגען, וואָס קומען אים ערשט אַנטקעגן, מענדלען. ס׳אונדזער שיל, — שטאַמלט מענדל אַרויס און ס׳ווילט זיך אים וויינען. ער קוקט אויף די איינגעוואַל־גערטע שטיינער, זעט ווידער אַ מאָל די שריפֿה די אַנומלטיקע, וואָס די

דייטשן האָבן אָנגעצונדן אין מיטן טאָג און ער נעמט לויפן פון די יללות וואָס טראָגן זיך איבעראַנייס פון די פלאַמען. מענדל זעט עס, ער הערט אַלץ, מענדעלע וויניק. „קום, קום פון דאַנעט", שעפּטשעט ער צו זיך מיט יתומשן רחמנות און קוקט אויף די פאַרקרימטע פּנימער פון ברענענדיקע קינדער, פון פאַרצאַפּלטע מאַמעס. און דאַרף מענדל זיך אויסרעדן פון פאַר־קלעמטן האַרץ, מוז ער זיך צוקריגן צו דער מאַמען.

אויך דאָס מאָל האָט מענדל זיך אַריינבאַקומען אין שפּיטאָל־הויף. ער מוז זען די קראַנקע מאַמע. געגנבעט זיך הינטערן פענצטער, געדראַפּעט זיך אַרויף הויך אויפן פונדאַמענט פון דער פּאַלאַטע. דער דאָקטער זאָל נאָר נישט זען! שש, קיינער גייט נישט. הענגעדיק שוין איבערן פאַראַפּעט פונעם צימער ווו די גוטע מאַמע דאַרף זיין, גליטשט זיך מענדלס דערשראָקענער בליק איבער דער טונקעלער, קילער שויב. ווייס־פלעקיק ווי לאַטעס פאַר־נאַכטיקער שניי וויגן זיך אויף זיינע וויעס די רייען בעטלעך, ס'געלבן זיך אויסגעסוכניעטע פּנימער. די מאַמע... ווו איז די מאַמע? דאָס איז איר בעטל, יאָ, ס'אירס! געבויגן זיך איבערן פאַרמאַכטן פענצטער האָט ער, זשמורנדיק, אומגעריכט זיך אָן אימפּעטיקן בראַך געטאָן אינעווייניק אַריין. דאַכט זיך — די שויב האָט זיך צעדרינזשעט אויף קולי קולות, ווי זיך צעבייזערט אויף אים. אוי־ווויי, מ'עט אים כאַפּן און אָנשלאָגן די זייטן. ניין, ס'האָט קיינער נישט דערהערט ס'געשריי פון זיין מורא, קיינער גייט נישט. ווידער אַ מאָל זיך אָנגענומען מיט כוח. געקוקט, געקוקט, פון ס'ניי האָרט זיך אָנגע־שטויסן אָן דער שויב און אַ טיפע בלייכקייט האָט ווי מיט אַ מעסער זיך אַריינגעשניטן אין זיינע אויגן.

— איז עס דאָס?

לאַנג, דריקנדיק קריכן די אויגן אַרויס פון די נעסטן, זיי הענגען זיך אָן אָן די בעטלעך: לידיק! ליי־יי־דיק! —

אָן אייזיקער שוויס האָט מענדלען איינגערייפט, נאָדלדיק שאַרף גע־שטאָכן ביי יעדן אָטעמצי. נאָך אַ רגע זיך אָנגעשטרענגט. ער בלאָנדזשעט ווידער איבער דער שויב. די גרויסע קאַמער דאָרט האָט אַ שפּרונג געטאָן, ס'אָפּגעליידיקטע בעטל איז בולט אָנגעשוואָמען, זיך אַ וויג געגעבן און אַ ברי ווי סם האָט ער דערשפּירט טיף אין די רויע אינגעווייד. קראַמהאַפטיק האָט עס אים אַ קאַרטשע געטאָן און זיין גאַנצער גוף, אַ הענגענדיקער אין דער לופטן, האָט זיך אָפּגעריסן, ערגעץ געפאַלן גיך, געזונקען אימפּעטיק אין פינצטערנישן אַריין. אין דעם־אַ פּלוצלינגן הרף־עין האָט עפּעס הייזע־

ריקלעך־שפּיציקס זיך אַריינגעשניטן אין דער פֿאַרשטאַרטער פֿאַרקוקט־קייט פֿון דעם פֿאַרוואָרפֿענעם שפּיטאָל־הויף.

◆

צי ס'האָט אים אַזאַ שטאַרקן דריק געטאָן די דערזעענע ליידיקייט פֿון דער מאַמעס שפּיטאָל־בעטל, אָדער הונגער האָט אים צעטומלט — מענדל האָט גאָר נישט געדענקט פֿון יענער רגע. דערנאָך האָט ער זיך נאָר דער־מאָנט: ער איז אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ שווערער זאַק און איבער אים האָט זיך געעפֿנט אַ תהום, אַן אומענדלעכע פֿינצטערניש. פּלאָסטנווייז האָט זי זיך געשפּאָלטן אַרויף־אַראָפּ און אין איר האָט זיך אויפֿגעלייזט דער שניידיקער ווייטיק וואָס האָט אָקערשט איצט, צי גאָר לאַנג, לאַנג צוריק, צעשניטן זיין לייב. אײַ, ווי עס נעפּלט אין די געהירן!

עס איז געווען אַ קורצזיכטיקער בלאָער פֿאַרנאַכט, ווען מ'האָט אים אָפּגעמינטערט. געעפֿנט די אויגן האָט ער, דער זעלביקער מענדל, דער מאַמעס מענדעלע, זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן און מיט אַן אויפֿגעריסן מויל, קוויטשיק, מיט אַ נישט־דאָיִק קול אויסגעיאָמערט זיין געשריי:

— מאַ־מעעעע! מיי־יי־יין מאַאַאַ־מעע!

— גע־וואַאַאַ־ללל, וו־ווו־ווו ז'מיי־יי־יין מאַמאַאַ־מעע — — !

ס'האָט זיך נישט געזען ווי ער איז געוואָרן בראַנדיק שוואַרץ, נאָר שווערע סמאָלינעס פֿון אַ לאַנגאַניקער שריפֿה האָט זיך געהערט פֿון אָט־דעם וויסטן געשריי אין דער אויסגעצויגענער טונקל אַריין. און ס'ווידערקול פֿון דעם האָט בהלהדיק שאַרף צערונצלט די געטאָ. אונטערן נידעריקן הימל האָבן די איינגעשטילטע גאַסן זיך צונויפֿגעשרומפּן.

מיט גרויל האָבן די תּמיד אָנגעשראָקענע מענטשן זיך איינגעהערט אין דעם יאָמער: ממאַאַאַ־ממעעע! מיין מאַמע, דיין מאַמע, האָט אָפּגעציטערט איטלעך האַרץ. וויי, וויפֿל יידישע מאַמעס זענען שוין געבראַכט געוואָרן אויפֿן מזבח פֿון דעם געץ פֿון אַכזריות.

— —

אַ שפּיציק גראַגערנדיקער דריל האָט פֿלוצלינג פֿאַרטריבט דאָס מאַוימ־דיקע געשריי אין דער אויפֿגעהאָרבעטער געטאָ. מיט אַ מאָל האָט אַ לויערנ־דיקע שטילקייט זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער פֿינצטערניש וואָס עקבערט און דרינגט פֿון דעם דראָענדיקן געטאָ־טויער, גייט פֿון „יענער זייט".

פארברענטע שוועלן

די מוטער פון יאָהאַן שטראַוס

פאַר הענרי לעווי

1

זאַלבעצווייט זענען זיי געקומען, די מחותנתטעס — אַלטע, געשרומפּענע, איבערגעשראָקענע. נאָר וואָס האָט דאָ אויפגעהערט דער רעגן, וואָס האָט וואָכן לאַנג געגידערט פון די ברוגזע הימלען. געגאָסן, געכליאַפּעט מיט שווערע, שווערע טראָפּנס. ס׳האָט אָן אַ שיעור געגאָסן. ס׳איז אַזאַ דער איטאַליענישער ווינטער, וואָס איז שוין געגאַנגען צו זיין סוף. איצט האָט דער ים זיך געלאָזט הערן. ווי מיט מאַכטיקע טרומייטערס האָט אַ פּייכטער, שניידיקער שטורעם געוואָיעט זינט דער לעצטער נאַכט; מיט ברייטע פאָלעס האָט ער פאַרשייט זיך צעלייגט איבער די אַלייען, געסווישטשעט איבערן הויכן אָפּגעליידיקטן בולוואַר און איטלעך מאָל מיט ווילדקייט אָפּגעשפּריצט די צירלעך אויסגעפּלאַסטערטע בראַנד־רויטע שטיינקלעצלעך. די מיטנשטאָטישע גאַסן זענען, פאַרקערט, גיך אָפּגעטריקנט געוואָרן אויף גראָ, די פאַלמעס אין די סקווערן האָבן, שטיף צונויפגעבונדענע מיט די צווייגן אויף אַרויף, זיך געטרייסלט אונטער די שטויסן פון דעם קדחתדיקן ים. ווייל איז געווען די אַלטע שמאָלענקע געסלעך מיט די פּיל־גאָרנדיקע, טונקעלע הייזער, צונויפגעשפּאַרטע זינט לאַנגע דורות אויף דער בראשיתדיקער ערד פון אָט דער צוויי טויזנטיאָריקער שטאָט. אַהין, אין די פינצטערלעכע, געדרייטע, ענגע ליקן, ענלעכע צו אויסגעגראָבענע מיטלעלטערלעכע קאַטאַקאָמבעס, האָט דער שטורעם געהאַט ווינציקער שליטה.

— אַ שטאָט, אַ וועטער! — האָבן ביידע זקנות זיך איבערגעקוקט — ס׳זאָל נאָר זיין צום גוטן, — און געשלעפּט זיך צום פּיאַצאַ טאָמאַסעאָ.

— אַמעריקען דזשאָינט, דזשאָינט — האָט די עלטערע פון זיי, די פּול־לייביקע, איינגעחזרט כדי צו געדענקען, כדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען.

אָ, סערעלמעם *, מ׳וועט ווידער דאַרפֿן פֿרעגן — האָט זי, גייענדיק, אַריינ־געזעדט אין דער באַגלייטערן, אויך אַזאַ נידעריקע ווי זי, אַ מאָגערע און מיט אַ וויגנדיק קעפּל.

ווי אַן אוימגעהייערער בלינדער האָט דער שטיינערנער כרך זיי באַ־געגנט מיט פֿאַרמאַכטע הילצערנע שאָלוזיע־לאָדנס איבער די פֿענצטער. די הייזער האָבן אויסגעזען אַקוראַט זיי וואָלטן אין מיטן דערינען זיך אָוועקגע־שטעלט אַ דרימל טאָן. אין מיטן טאָג זיך דערלויבט אַזוינס, און אין די שטובן און אין די געשעפֿטן האָט בייטאָג געלויכטן קאָלט עלעקטריש פֿייער.

אומהיימלעך! אַ גריזשעניש האָט דורכגעביסן זייערע אַלטע רוקנס.

נישט היימלעכער איז געוואָרן די זקנות, ווען זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועלן פֿון דעם קליינעם דזשאַינט־אַפּטייל אין דער דאַזיקער פּאָרט־שטאָט. אַהער קומען שיפֿן פֿון לענדער און אינדזלען און ס׳גייען אָפּ שיפֿן אין דער ווייטער, פֿרעמדער אומענדלעכער וועלט אַריין. ס׳איז אַ ריזיקער קאָרידאָר פֿאַר פֿעלקער, פֿאַר ליידנשאַפֿטן, און דאָך פּאַטשט דאָ אַזאַ אומדערקלער־לעכער אומעט! די ביוראָ־צימערן האָבן אויסגעזען אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקאָרטשעט אין דערעסנדיקער דערוואַרטונג. ס׳איז זיי פֿריקרע אַן רעש און ס׳פֿריקרע מיטן ליאַרעם וואָס רייסט זיך תמיד אָפּ פֿון ערגעץ־ווו און שוימט, קאָכט דאָ ווי אַ באַרג־טייך. דערפֿאַר פֿאַלט אַן נאָך דעם אַזאַ לאָקנ־דיקע שלעפֿעריקייט. עס סטראַשעט יעדעס מאָל, ווען ס׳צעברילט זיך דאָס טירגלעקל און מ׳מוז אַ ריר טאָן די פֿיס פֿון אָרט — — שאַ׳ט, אָט באַווייזן זיך ווידער בלעזלעך איבער דער פֿלאַך פֿון אונדזער רו. ס׳עט נעמען זידן.

ס׳איז אָנהייב חודש. אויסגעוועפּט שוין דער טומל פֿון לעצטן עמי־גראַנטן־טראַנספּאָרט, צו וועלכן ס׳האָט פֿון דאָס ניי זיך צונויפֿגעקליבן אַ נייער רומל מענטשן, אַנטרונענע פֿון יענע שטרענג־פֿאַרמויערטע לענדער וואָס באַגערן זיך נאָך מער אַרומצוצוימען, אַז אומדורכדרינגלעך זאָל זיין יעדע שיין פֿון דרויסן. איטלעך מאָל קומען זיך דאָ צונויף די וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון ד אָ ר ט ן , און גייען זיי אַוועק, בלייבט שטענדיק נאָך זיי דער נאָכרויש ווי פֿון אַן אָרעמער חתונה. דאָ באַגעגענען זיך אומ־באַקאַנטע, וואָס ווערן זיך גיך אומצוטרוילעך נאָענט, ס׳טרעפֿן זיך אָפּגע־פֿרעמדטע, דאָך רעדט פֿון אַלעמען מענטשישע בענקשאַפֿט, ס׳צעריידן זיך

---

* מיין ליבע (אונגאַריש).

געגנטן גאַנצע, כלערליי לשונות. עס פֿאַרשמעקט מיט אויסגערונענער, בישט־דאַ־קער היימישקייט.

אויסגעזועסענע במשך פֿון יאָרן אין לאַגערן, אין קיבוצים גלותדיקע, איבלט עס דערפֿון איצט אין די דזשאַינט־ביוראָס מיט דערווידערדיקן דייטשישן עיפוש, צו וועלכן מ׳האָט זיך געמוזט צוריקקערן; עס הערט זיך פֿון נשמהדיקע קוועלענישן, מיט וואָס מ׳איז געפּרווט געוואָרן אין עסטרייך, איטאַליע. וואָגל־צער האָבן אַ סך דערלעבט אויך אין די טשעכישע ראַנד־שטעט און אין די פֿאַרוואָרפֿענע פֿאַריזער וואַנצן־האָטעלעכלעך. דזשאַינט זאַמלט זיי צום סוף אין איין אָרט און פֿון דאַנען גייען זיי אַוועק שטראָמען־ווייז איבער ימים.

פֿון איינגעשטילטן ליאַרעם זענען די פּאָר באַאַמטע באַשיימפּערלעך מיד. אויף די טונקעלע טישן זענען אָנגעוואָרפֿן הויפֿנס פּאַפּירן, מיט וועלכע עס איז בישט לייכט פֿאַרטיק צו ווערן, מחמת אין די הונדערטער קומען זיי אָן אָהער, די אויסגעליטענע; טעקעס מיט זייערע אַקטן בערגלען זיך כסדר. די לעצטע ייִדישע מחנה, אויך אַ צונויפֿגעמישטע פֿון איינזאַמע, פֿאַרעלנטע און פֿריש צוזאַמענגעקלעפּטע משפחות, וויגט זיך ערשט אויף די אומרויִקע וואַסערן פֿון ים. דאָ ווימלט עס אָבער מיט זייערע נעמען. די פּאָסט וועט זיי נאָך פֿונאַנדערשפּרייטן איבער מדינות, דער טעלעגראַף וועט זיי אויס־קלאַפּן אויף ווייטע קאָנטינענטן.

לאַנגע טעג וועט מע דאָ זיך נאָך פֿאַרנעמען מיט די דאָזיקע, כאָטש דעם ביז איצטיקן זיגזאַגישן לעבנסלויף האָבן זיי אָפּגעשלאָסן טאָקע הי. דערווייליק. ס׳נייע לאַנד, ווּהין עס ציט, וועט דאַרפֿן באַווייזן זיינס. די ברויזיקע וואַסערן פֿון מיטללענדישן ים, צי די כוואַליעס פֿון פּאַציפֿיק וועלן געוויס אָפּשווענקען דאָס איבעריקע בייז. די יאָרן וואָס געלאָזן הינטער זיך, ווילט זיך פֿאַרגעסן, אין גאַנצן אָפּמעקן.

2

זי הייסט עדיט שטראַוס, די וואָס מיט איר — גיט זי אַ ווונק מיטן קאָפּ אָן אַ זייט — די איז שאַרלאָטע בוירמאַן. ס׳איר מחותנתטע. פֿאַרשטייט זיך,ביידע האָבן איין ציל, ביידע איז באַשערט איין גורל. ביידע האָבן פֿאַר־לוירן זייערע היימען, ביידע גייען אויף דער עלטער צו די הייסגעליבטע

קינדער. אַך, אַך, ס'איז גענוג געשעען! ראַקאַשי, דער קאָמוניסטן-יודע, איז אויסנאַמווייז נישט געווען אַזוי אומדערבאַרעמלעך צו זיי. דאָך איינגעזען: עלטערע מוטערס. מ'גיט קיינעם נישט קיין אויסלאַנד-פּעסער, זיי האָבן געהאַט די זכיה. דער גאָטזעליקער מאַן און דער אומגעקומענער זון אירער, היינריך — „איך זאָגע איהנען, איין וואַרער ענגעל אונטער די לויטן" — זיי האָבן זיך געמיט פֿאַר איר. „יאַ, יאַ, דאָס עלענד איסט גראַוזאַם" — שטיקט זי זיך. זי וויל נאָך דערלעבן צו זען די קינדער. „גאָט, מיין גאָט", — העשעט זי פּלוצלינג אויס און וויל זיך אַראָפּלאָזן. און איז קיין באַנק נישטאָ נעבן איר, בלייבט זי ווייטער אויף די פֿיס, לענט זיך אָן מיט די הענט אָן באַריער.

טרערן האָבן סאָליד געקאַפּעט איבער אירע לענגלעך-בלאַסע, פּליישי-קע באַקן.

— באַרויקן זי זיך דאָך, פֿראַו... — בעט מע זיך ביי עדיט שטראַוס פֿון יענער זייט באַריער, וואָס איז אומיסטן אויפֿגעשטעלט געוואָרן ווי אַ וואַנט צווישן די באַאַמטע און די געשעצטע קליענטן פֿון דזשאָינט.

מיט קליינע, שלעפּעריקע אויגן הערט די אַנדערע, וואָס די מחותנתטע בליפּעט אַרויס, און זי שאָקלט צו שטומערהייט: ריכטיק, ריכטיק!

פֿאַרלאַנגווייליקטע האָבן הענט שפּעטער זיך געעסקט ביי די פּאַפּירן, וואָס פֿראַו עדיט שטראַוס האָט אַרויסגעסדרט פֿון איר גרויסן רידיקול. דערווישט צווישן אַלעם די נייטיקע אויטאָריזאַציע-בריוו (אָ, די „אויטאָרי-זעישנס!" אויף זיי האַלטן זיך די זיילן פֿון דער פֿאַרקבצנטער איירָאָפּע!), האָט מען פֿאַר די נייע צוויי פּאַסאַזשירקעס אויסגעשריבן אַ רויט, שוואַרץ-געקעסטלט פּענסיאָן-קאַרטל.

קענטיק שטאַרק מידע, האָט מען די זקנות אָפּגעשיקט זיך אויסרוען נאָך דער לאַנגער רייזע און דער דירעקטאָר, אַ באַזאָכטער מענטש מיט אַ קיל פֿאַרטראַכט ציגן-פּנים, האָט זיי געווונטשן אַ געשמאַקן שלאָף אויפֿן פֿולן טאָג.

פֿרוי שטראַוס איז דעם ליבן מענטש נישט שולדיק געבליבן אַן אַי-בעריקן „דאַנקע שען". די צווייטע מחותנתטע האָט בלויז זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום גוטן הער. שאָקלענדיק מיטן דאַרן קעפּל, האָבן אירע בלאַסע ליפּן פֿרום זיך אַ באַוועג געטאָן. ס'האָט אויך געקענט הייסן: „איך מיין ס'אייגענע, הערכיען!"

3

— או־או־אואואוווו! אויף אונדזערע יאָרן! אַזאַ שווערער וועג, איבער ימען און אָקעאַנען, — האָט די אַלטע עדיט געקרעכצט אין דרימלענדיקן חלל אַריין און שוואַכענקע זיך אויפגעזעצט אין בעט. פון ליגן איז ס׳פּנים איר געווען מערער צעקנייטשט, די שטים האָט זיך איינגעבראָכן: — ווי דער ליבער גאָט פּרווט אויס דעם מענטש!

— סעגעין, סעגעין, אַ מי סעגעינשעק! * — האָט די מחותנתטע אין אַנטקעגנדיקן בעט מיט ציטעריקע הענט געריבן די פאַרקלעפּטע אויגנ־דעקלעך. י ע נ ע האָט זי איבערגעוועקט. פּאַמעלעך זיך אויפגעזעצט האָט זי, די אַלטע שאַרלאָטע, איצט רעכט זיך איינגעקוקט אין איר מיטפּאָ־רערן. געקוקט און אָקערשט דערזען איר אייגן פּאַרגיין. נישט גוט, אַ סע־רעלמעם. אַזעלכע ווי מיר טאָרן נישט אַוועק פון וואָרעמען געלעגער. מיר דאַרפן רו. זי האָט צוגעקוועטשט די אויגן:

— צופיל אַנשטרענגונג איז געפערלעך. אוי, כ׳פיל עס ערשט אַפּ, אַ, סערעלמעם — —

איר דינע שטים האָט אינדעם זיך ווי אָפּגעריסן. די זיקנה האָט אַ קלאָג געטאָן.

עדיט האָט זי געטרייסט, געפּילט, זי מוז די־אַ אונטערהאַלטן, אַנישט וועט פאַר איר זיין ערגער. וואָס צווייִ איז נישט איינע. איינע אַזאַ ווי זי, אין עק וועלט, קען זיך אין גאַנצן פאַרלירן. זי האָט מיט דער מחותנתטע אַנגעבונדן אַ גערעדעכץ, כדי זיך גופא צו פאַרטומלען; ס׳הייסט, זי אַליין האָט גערעדט, די אַלטע עדיט, און נישט געלאָזט יענער ס׳מויל עפענען. שאַרלאָטע, סתם אַ צוגעלייגטע, האָט נאָר באַוויזן יעדעס מאָל אַרויסצו־קרעכצן. געוויגט מיטן דאַרן קעפּל און געקרעכצט. זעלטן אַ וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם־אַ געקרעכץ. אין דער רויִקער דירה האָט שטאַרק אָפּגעקלונגען דאָס באַטשקען פון דעם פּריש־באַזעצטן צימער. איבערן לאַנגן קאָרידאָר האָט גראָד זיך דורכגעשלייכט די קליינע, רירעוודיקע באַלע־באָסטע. „אויפגעשטאַנען ענדלעך די גראָע קינדער“, — האָט זי גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן. אָפּגעשטעלט זיך הינטער זייער טיר, איינגעהערט זיך, האָט זי אומדרייסט אַנגעקלאַפּט און אויך אומדרייסט אַריינגערוקט זיך אַהין.

---

* נעבעך, נעבעך, אונדזער שוואַכעניש (אונגאַריש).

מיט איר גינציקן, וואַרעמען שטימעלע האָט זי די אַלטע פֿרויען מיט אַ מאָל איינגענומען, באַרויקט, הגם זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען וואָס די־אָ מיינט. זי האָט נאָר געשמייכלט, די יונגע, געמאַכט פֿריינדלעכע מינעס. דער דער־דריקנדיקער דעמער, וואָס האָט אָקערשט געשפּאַרט פֿון די פֿרעמדע ווענט, איז צוקוקנדיקערהייט אָפּגעטראָטן. די מיידלשע געשטאַלט פֿון דער האָט עפּעס ליכטיקער געמאַכט, איר זאָג האָט ליבלעך אָפּגערוישט. וועדליק דעם וויגן מיטן שאַטין־קוילעטש האָר וואָס הויך איבערן שפּיץ קאָפּ פֿון דער אַריינגעקומענער, האָבן זיי זיך משער געווען אַז דאָס באַגריסט זי זיך אַזוי.

— באָן דזשאָרנאָ, אָ בוענאָ סעיראַ, סיניאָראַס *־ —

דאַכט זיך, נאָך אַ מאָל האָט דאָס זעלביקע איבערגעחזרט די אָנגע־נעמע באַלעבאָסטע. קוקנדיק מיט נייגער אויף די זקנות אין די בעטן, איז די פֿרוי אַלץ געבליבן שטיין ביי דער טיר. האָ־האָ, אַ דעליקאַטע אַזאַ, — האָבן די זקנות געשטוינט, געשעמט זיך אויפֿצומאַכן ס׳מויל מיט אַ פֿרעג וואָס האָט געשפּאַרט פֿון דער צונג. אַזוי מסתמא אויך די פֿיינע פֿרוי. ערשט דערנאָך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, די יונגע, און זיך דערנענטערט צו זיי.

— ס׳צייט שוין עפּעס צו עסן, עעסן, — און אַ דזשאַמדזשע געטאָן מיט די ליפּן.

פֿלינק האָט זי גערעדט אויף איר קלינגענדיקן, הייסן לשון און לע־בעדיק צוגעלאַכט:

— מאַנדזשאַ, מאַנדזשאַ **, — האָט זי אויסגעצויגן יעדן קלאַנג. עטלעכע פֿינגער אַריינגעפֿירט צו זיך אין מויל און באַוועגט מיט די דיקע, רויטע ליפּן — האַם, האַם!

זיי האָבן זיך ענדלעך פֿאַרשטאַנען, די אַלטע פֿרויען מיט דער באַלע־באָסטע. די־אָ האָט זיך באַלד דערפֿילט היימיש און אַוועקגעשאַרט דעם ראָלעט פֿון ברייטן פֿענצטער. די זקנות האָבן שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו איר און ציינלאָז, שטיקנדיק, אין זיך אַריינגעלאַכט:

— ווי קינדעריש מ׳דאַרף זיך מאַכן אויף צו פֿאַרשטיין אַזאַ!

און אַ רגע שפּעטער:

---

* גוט מאָרגן, אָדער אַ גוטן אָוונט אייך ווינטשן, פֿרויען? (איטאַליעניש).

** עסן, עסן (איטאַליעניש).

— כאַטש גוט, מ׳פּאַלט אַריין צו אַזעלכער. אוי, אַז מ׳איז עלנט און טויט־שטום!

ווען די באַלעבאָסטע איז געווען אַרויס פון צימער, האָט די מחותנתטע שאַרלאָט באַמערקט דער אַלטער:

— ס׳דאַכט זיך, זי איז אויך אַ שיינע, די יונגע דאַמע.

אין אָפּגעדעקטן פענצטער האָט זיך אַריינגעבויגן אַ מאַטער, לייכט־אָנגעהויכטער פאַרנאַכט.

4

זי איז אין הויכן עלטער: דורכויס גראָ דער קאָפּ, אויסגעקייקלעכט דער רוקן. די געשטאַלט איז דייטלעך געזונקען. אין זוניקן בלענד, וואָס צעפּאָכעט זיך שוין כמעט יעדן פאַרמיטיק (דער שפּעטער טאָג איז אָפּט מאָל נאָך נישט קיין זיכערער: כמאַרעס ציִען פון ים, דער בולוואַר איז ליידיק, שטאָר פאַרקוקט אין דער ווייט), צייכנט זיך שטאַרק איר בכבודיקע אַלטקייט, אַ געהילטע שטענדיק אין שוואַרצן.

עדיט שטראַוס ווייזט זיך קיין מאָל נישט אַליין. ביי איר זייט שפּאַנט די מחותנתטע. שאַרלאָטע בוירמאַן איז ייִנגער פון איר, אָבער ווי נישטיק קוקט זי אויס נעבן דער עלטערער. זעקס און זיבעציק יענע, זיבעציק זי, און פון דעסטוועגן אַ קזשאַק אַ פאַרדאַרטער פּנים אַל פּנים מיט אַ פונאַנ־דערגעוואַקסענעם מימאָזע־בוים, וואָס וואַרפט זיך גראַד אין די אויגן מיט זיינע פרישע הענגלעך געלע, פוכיקע בלימלעך. אמת, ביידע זקנות זענען נידעריק, שווער באַוועגלעך, ביידע האָבן די יאָרן אין פּנים, אָבער דער אונ־טערשייד צווישן זיי איז גרויס. ווי אַ פאַווע איר פאַרביקן עק פאַררייסט די אַלטע עדיט דעם זילבערנעם קאָפּ, בעת די צווייטע גייט מיט איינגע־צויגענע אַקסלען און איבער זיי הוידעט זיך אַ מין הינעריש קעפּל. שטענדיק איז פרומלעך פאַרהילט שאַרלאָטעס נאַקעטער שאַרבן. אַ שאַרפע היץ־קרענק אַמאָל האָט צוגערויבט איר פרויִשע האָר־קרוין. און קוקט מען, מ׳וויל זען אַ פּנים אונטער דעם תמיד פאַרקניפּטן טונקעלן טורבאַן, געפינט מען אַ חושכדיק ציפּערבלעטל. בלאַס, קרענקלעך געשרומפּן איז די ייִנגערע מחותנתטע. ס׳זענען אַנזעעוודיק נאָר די צוויי לעבעדיקע, קליינע אויגן. אויך איר קול איז אַ קולכל, אַן איידלס, אַן אָפּגעריבנס.

פרוי עדיט שטראַוס האַלט זיך חשוב. באַשיימפּערלעך, זי פאַרגעסט

נישט אירע יאָרן. יעדער שריט אירער, איטלעך וואָרט דערציילט פֿון אַ וואָכן מוח. אַז די מחותנתטע גייט מיט איר, גיט די אַלטע עדיט אַכטונג, מ׳זאָל דער מחותנתטע נישט אַ שטויס טאָן, זי זאָל נישט פֿאַלן איבער אַ גאַסן־בריקל. און שטעלט זי אָפּ די אַלטע שאַרלאָטע ביים אַריבערגיין דעם פֿאָרוועג — ס׳קען חלילה טרעפֿן אַן אומגליק: ווי משוגע לויפֿן די אויטאָ־מאָבילן, די מאָטאָציקלען! — קוקט שאַרלאָטע אויף דער עלטערער מיט פֿאַרענטפֿערניש. זי דזשאַמדזשעט די צונג אין איינגעפֿאַלענעם מויל. ווערליק דער מינע וואָס פֿרוי בוירמאַן שטעלט אָן אויף דער מחותנתטע איז קלאָר אַז זי, די יינגערע, בעט יענע, זי זאָל נישט פֿאַראיבל האָבן אויף איר. זי איז נעבעך פֿאַרביי. זי וועט נישט דערציִען אַהין... וואָס, משטיינס געזאָגט, זעגען יאָרן, אויב די כוחות פֿאַרלאָזן דעם מענטש! כאָטש עלטער פֿון ד ע ר, פֿאַרצרהט אַקוראַט ווי זי, שפּירט זיך פֿראַו עדיט מער תקיף אין דעם מעמד. זי, עדיט שטראַוס, רעדט ווו מ׳דאַרף, פֿאַרביידן, זאָרגט פֿאַר יענער, שרייבט אַפֿילו בריוו צו די קינדער איןביידנס נאָמען. אין אַלעם האָט זי די דעה, אומעטום. עדיט שטראַוס פֿירט; שאַרלאָטע בוירמאַן לאָזט זיך פֿירן. און גייט די אַלטע עדיט מיט איר געלאַסן טריטעלע, קוקט זי זיך כסדר אום אויף ד ע ר, פֿאַררייסט דעם געדיכט־גראָען קאָפּ און נעמט פּלוצלינג שטעלן אַ דרייסטערן שפּאַן. ס׳הייסט: שאַט, כ׳האָב עפּעס צוגע־טראַכט. די צווייטע קוקט איר נאָך קינדיש מיטן פֿאַרוועלקטן פּנים. עדיט פֿאַרגעסט זיך נישט חלילה, מ׳באַדאַרף זיך אַ מאָל אונטעראײלן, — מורמלט זי און שפּאַנט פֿעסטער, זעט שוין נישט נעבן זיך די מחותנתטע, וועלכע באַוועגט זיך פּונקט ווי אַ לעבעדיקע, טונקעלע אַקוואַרעל אין אַ פֿאַרדראַ־פּירטער ראַם. אין כעס פּילט זי, די אַלטע עדיט: יענע גייט איר נאָך. אָבער זי׳ט נישט וואַרטן. און דער אָפּהילך פֿון עדיטס געגגל אין די ווייכע לעדער־שיך קלאַפּט עקשנותדיק, חזרט איין פֿאַר יענער איר רוגזה אַזוי אַז די שאַרלאָט זאָל זיך נעמען אין זינען אַריין:

— עדיט שטראַוס איז קלוג. צו עדיטן אין געוועלבל אַריין מעג מע קומען נאָך חכמה. איר, פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ, — אַוודאי און אַוודאי!

אַן אויגנבליק שפּעטער רעדן שוין אירע טריט מיט בפּירושן צאָרן. זי טרעט האַסטיק:

— איר מיינט עפּעס, אַלטער נאַר וואָס איר זענט, א י ר, ש אַ ר־ל אָ ט, — אייך מיין איך, יאָ, אייך!

און נאָכן אָפּעטעמען זאָגט זי איר שוין אויף אַן אמת:

— אין פּעשט זענט איר, צי...? מ׳מוז גיין געשווינדער!

די מחותנתטע הערט אַלץ נישט. אירע דינע ליפּעלעך זענען פאַרביסן און ס׳קעפּל וויגט זיך אין שטומען געקלער.

5

צווישן פּיאַצאַ דזשוסעפּע ווערדי און פּיאַצאַ טאָמאַסעאָ ליגט די רחבות־דיקע, שיינע טאַרינבער אַלייע, וואָס איין זייט אירע האָט אַן אויסבליק צום אָפּע־נעם ים, בעת די צווייטע שפּאַרט זיך אָן אין דער באַנסטאַציע ברינייאַלי. עס איז אַ פּראַכטיקער פראַגמענט פון דער שטאָט. פייערלעכקייט איז דאָ אויסגע־שפּרייט איבער יעדער מויער, איבער יעדער באַנק וואָס צווישן די גרויסע, ערגעץ פאַרקוקטע אַלטעביימער. אין איינעם פון די הייזער־פּאַלאַצן (לויטער מירמל, קינסטלערישע קאַרניזן, פיגורן, טירן געשניצטע און געצירטע מיט בלאַנקנדיקן מעש) פון דער טאַרינבער אַלייע איז דער פּענסיאָן, אין וועלכן ס׳זענען אַריינגעזעצט געוואָרן די מחותנתטעס.

דער פּענסיאָן „דזשענאָוועזע״ איז געליבט צווישן עמיגראַנטן, וואָס דאַרפן דאָ אָפּוואַרטן זייערע שיפן. ציכטיקע, באַקוועמע צימערן, אַ געשמאַ־קער, זאַטער טיש, אַ גלאָז גוטן וויין צו דער מאַלצייט און אַ היימישלעכן שמייכל ווי אַ צוליינ — אָט וואָס עס געדענקט זיך די מענטשן, וואָס זענען, דורכפאָרנדיק, איינגעשטאַנען ביי סילוויאַ דזשענאָוועזע.

סילוויאַ דזשענאָוועזען קאָן מען; סילוויאַ דזשענאָוועזע רעכנט זיך פאַר אַ געניטע, קלוגע סוחרטע. די דזשאַינט־מענטשן האָבן גערן מיט איר צו האָבן עסקים. קומט אַ פּאַרטיע עמיגראַנטן, געדענקט מען קודם־כל אין איר. אירע צימערן דאַרפן זיין באַזעצט; דאָס איז אַ כלל אין דזשאַינט. וועגן דער דזשענאָוועזע זאָגט מען: ס׳איז אַ פרוי וואָס האָט „עפּעס״ אין קאָפּ. זי טראָגט טאָקע בלומען ווו מ׳באַדאַרף, פאַרבעט אין געסט ווען מ׳באַדאַרף און זי געדענקט אַ געבוירנטאָג פון וועמען מע דאַרף. זי פאַרשטייט זיך אויף געשעפטן, זי היט עס.

זי האָט אויך אַ מאַן, די פּענסיאָן־אייגנטימערן, אָבער ער ציילט זיך דאָ נישט. געקומען צו אים אָן נדן, פון אַ בידנער היים געקומען, האָט זי דערפאַר אַריינגעבראַכט אין שותפות צום מאַן אַ סכום ענערגיע און פאַר־ביסנקייט זיך אַרויפצואַרבעטן. יאָרן־לאַנג האָט זי, שוין אַ חתונה־געהאַטע,

זיך געראַנגלט פֿאַר איר ווײַבערישער זעלבשטענדיקייט. דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטאָן, איז שפּאָרן אַ ליר צו אַ ליר, געמאַכט זיך אַ „קניפּל" פֿון דעם געלט וואָס דער מאַן פֿלעגט איר צוטיילן. פֿון אירע צונויפֿגעזאַמלטע פּרוטות האָט זי געדונגען דעם אַפּאַרטאַמענט אין דער פֿאַרמעגלעכער געגנט און מיט נייער עקשנות געפּרווט זיך פֿאַרדינען ס'איריקע. וואָס מ'לייגט אין בויך אַריין, דאַרף קיינער נישט וויסן, האָט זי געקנעלט מיטן מאַן, וועלכער פֿלעגט צײַטנווײַז זיך קרימען אויף די מאַלצײַטן וואָס זי האָט צוגעגרייט. „וואָס מ'טוט אָן, ווי אַזוי מ'גייט אַרויס אין גאַס אַריין, דאָס זעסטו, אַרנאָ, איז וויכטיק; אויף דיר זעט מען דווקא אַלץ, אָבער דאָס וואָס די לייגסט אַריין אינעווייניק? דאָס איז אַן אײַנרייִדעניש. מ'באַדאַרף זיך נאָר אַ ביסל פֿאַר־טראַכטן, און מ'קומט דורך..." און זי וויל זיך נישט פֿאַרשוואַרצן ס'פּנים. זי וויל זײַן שיין, זי מוז דערגרייכן כּבֿוד. דאָס אַלץ איז נאָר מיטן בייטל, אַרנאָ. וואָס דען האָט אַ מענטש צו דערוואַרטן? אַמאָל איז זי געווען יונג, הײַנט איז דער בליאַסק שוין נישט דער. ערשט דאַרף זי אויסבעטן מיט קליידער, מיט מאַנטלען, מיט אַ פּערסיאַנער, מיט אַ זילבער־פֿוקס. און די וווינונג דאַרף זײַן הערלעך. אַ וווינונג איז דער שפּיגל אין וועלכן ס'שטייט שטענדיק דער לעבעדיקער מענטש. דער שפּיגל באַלייכט. זי האָט געהאָ־רעוועט, ווידער געשפּאָרט און — אַרויסגעקראָכן. צוערשט האָט זי אַליין באַרוימט די גרויסע וווינונג, באַרוימט די פּרעמדע, וועלכע זי פֿלעגט אַרײַנ־פֿירן צו זיך מיט כּל הקונצן; ס'זענען געגאַנגען מעקלערס פֿון צווישן די וואָקזאַל־טרעגערס, אינפֿאָרמאַטאָרן פֿון פֿאַרט. איטלעכן האָט זי געגעבן פּראָוויזיע און איטלעכער האָט זיך געסטאַרעט צו ברענגען עסערס, שלאָ־פֿערס, און צו קיינעם לייגט מע נישט צו. דערנאָך, ס'געשעפֿט איז געווען איינגעפֿירט, איז מען שוין אַליין געקומען. „דזשענאָוועזע" איז געוואָרן אַ נאָמען צווישן פּענסיאָנען אין שטאָט. סילוויאַ דזשענאָוועזע איז איינס, מ'קאָן זאָגן, אַן עיקר; ער, דער מאַן אירער, איז אַ פֿירמע פֿאַר זיך. אַנדערע דאגות פֿירן מיט דעם מענטשן וואָס הייסט אַרנאַלדאָ דזשענאָוועזע. איצט טרוימט ער פֿון עקספּאָרט. ער וועט פּרוון מיט אויסלאַנד; ס'ריווח אויפֿן גרויסן פֿוס. די אָנהייבן זענען געראָטענע. זײַן אייגענע ווײַנקעלטערײַ איז אים שוין קאַרג; ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די ווײַנקעלטערייען פֿון די רוימער קאַס־טעלאָס: קאַסטעל גאַנדאָלפֿאָ, מאַריאַנאָ, דזשענזאַנאָ, פֿראַסקאַטי... גרויס זענען די ווײַנפֿעלדער אַרום אַלטן רוים; צענדלינגער שטעטלעך לעבן פֿון שטעלן־ווײַן, ווײַן קוועטשן. דאָ זשע דאַרף ער, אַרנאַלדאָ, זוכן דעם שליסל צו זײַן

מאַרגן. ער איז פֿאַרקאַכט אין די געשעפֿטן. אין דער היים איז ער כמעט אַ גאַסט, אַ גאַסט צוגלייך מיטן ווייבס געסט. ער קומט נאָר צו מיטיק און אין אָוונט. נישט מער, די באַלעבאָסטע פֿון שיינעם פּענסיאָן האָט די טבע נאָך יעדן מיטיק־עסן זיך אָפּצושליסן מיט דעם דאָזיקן גאַסט אין אַן אייגע־נעם צימער. ווי די שטילקייט איז אויך דער נאָכמיטיק־דרימל דאָ אַזוי צו זאָגן אַ מוז־זאַך. מיט די אויסלענדערס (בעיקר האַלט זיך דער פּענסיאָן „דזשענאָוועזע״ אויף אויסלענדישע געסט) בלייבט זי, די באַלעבאָסטע, אַ גאַנצן טאָג, זי מיט דער דינסט און מיטן קליינעם ווייס־ברוינעם הינטל וואָס גייט אַן אין הויז ווי אַ משפּחה־גליד. ס׳טרעפֿט נעמלעך נישט קיין איין מאָלצייט וואָס ס׳הינטל זאָל נישט מיטהאַלטן, ביים טיש, אויף אַ ספּעציעלן הויכן בענקעלע. אויסגעלערנט עס זיצן, קוקן, וואַרטן, ביז מ׳וועט דערלאַנגען ס׳שיסעלע. דערפֿון לעקט עס געלאַסן מיט דער צונג, מיט דער מאָרדע און ס׳זעצט זיך צוריק חשוב, רויק, וואַרטשעט אויס כמו „אַ דאַנק״ אַלע מאָל, ווען די באַלעבאָסטע גיט דערויף אַ קוק. אומעטום גייט ס׳הינטל מיט מיט דער באַלעבאָסטע, ווי להבדיל, אַ קינד מיט דער מאַמען. מען שמועסט מיט דעם, מ׳קוועלט פֿון זיינע חנדלעך. אויפֿדערנאַכט, ווען סיניאָר אַרנאַלדאָ דזשענאָוועזע קומט אַהיים פֿון זיין ווייןז־לאַגער, נעמט ער פֿון דאָס ניי אַרויס דאָס הינטל אויף שפּאַציר. פֿאַרן שלאָפֿן גיין דאַרף מע זיך איבערגיין.

פֿאַרשטייט זיך, ס׳הינטל ביאַנקאַ איז אַ מילדס, איטלעכער האָט עס גערן אַ גלעט צו טאָן, צו שמיצערן דערצו ווי מ׳שמיצערט צו אַן עופֿהלע. און די באַלעבאָסטע האָט שטענדיק געמיט פֿאַר דעם שפּילעוודיקן באַשע־פֿעניש. מיט דער גראָבער אַרבעט גיט זיך אָפּ פּאַוסטינע, ס׳שטובן־מיידל. די סיניאָראַ סילוויאַ גייט נאָר איינקויפֿן, חשבונען זיך מיטן דזשאָינט און זי גייט שפּאַצירן. געוויס, צוזאַמען מיטן געפּיעשטשעטן הינטל ביאַנקאַ. איצט האָט די סיניאָרע דזשענאָוועזע שוין צייט צו פֿוילן זיך, לענגער אויס־צוליגן אין בעט, פֿאַרבן די האָר. זי האָט אַ שוואַרצן קאָפּ און אַ ווייס גלאַטיק פּנים, איז בלאָנד איר מער געפֿעלן. איצט איז סיניאָרע דזשענאָוועזע מיט איר פּענסיאָן אַן אָנשפּאַר פֿאַר איר מאַן, און ער וואַקסט, דער סיניאָר.

קורץ, ס׳איז אַ הויז, די דזשענאָוועזעס, וואָס בויט זיך אין דער שטיל. און שטילקייט איז ווי הייוון פֿאַר אַ מענטש וואָס נעמט זיך פֿאַר עפּעס.

... אוןביידע מחותנתטעס האָבן נישט קיין סיבה צו זיין אומצופֿרידן פֿון דזשענאָוועזען, פֿון פּענסיאָן דזשענאָוועזע. זקנות, פֿאַלן זיי אַ מאָל צו בעט. דעמאָלט זעט די באַלעבאָסטע זיי צו, רעדט זיי אויס: „ס׳וועט אַדורך.

עס וועלן צוריקקומען די כוחות און איר וועט ׳פּאַרטירן׳, וויאַ, וויאַ״. אַוודאי, נאָר מיט די הענט און אויפֿן וווּנק רעדט זי צו די זקנות — און מ׳לאַכט באַנאַנד פֿון די אייגענע המצאות, וואָס מע געפֿינט אויס אין דער נויט פֿון פֿרעמד־זיין איינע צו די אַנדערע. נאַטירלעך, זי געפֿעלט זיי, די אַלטע, ווייל זי פֿרעגט תמיד אויף זייער פֿילן זיך, ווי ס׳איז מיטן געזונט. אָ, דאָס איז דער עיקר! נאָר זיין געזונט ווילט זיך זיי, גוט אויסזען. ווי יונגע מיידלעך האָבן זיי ליב צו גנבענען אַ בליק אין שפּיגל, שטיין און גלעטן די באַקן. יאָהאַן זאָל זיך נאָר נישט דערשרעקן: די מאַמע... הערמינע וועט זיך צעוויינען. די מאַמע אַ שאָטן. הויט און ביין. „אוי, זי מוז קומען צו זיך״ — טראַכט יעדע פּאָר זיך און זיי באַמיִען זיך אַריינצופּאַקן אין בויך אַלץ, וואָס מ׳שטעלט אונטער דער נאָז. און די סיניאָרע זשאַלעוועט נישט. זי גיט אַ סך געפּרעגלטס, פֿיש, לאָקשן געדיכט אָנגעפּאַרעטע, מיט סאָס, פֿלייש פֿולע טעלערס, קעז געריבענעם, פּיקאַנטן, שאַרפֿן. און זי גיט ווײַן אויף אַפּעטיט. זיי עסן, די אַלטע, פּאַקן אין זיך אַריין און פֿאַרפּאַקן זיך. שוואַך די מאָגנס, אויסגעדינט, לייגן זיי זיך אַנידער אויף גאַנצע טעג נאָך אַזעלכע פֿאַרשטאָפּונגען. און עס פֿאַרדריסט זיי — נישט באַשערט קיין מנוחה. זיי ווערן אָן די כוחות, הייבן פֿון דאָס ניי אָן זיך צו קלאָגן אויף אָפּמאָגערונג, האָבן שוין מורא צו קוקן אין שפּיגל, שלאָפֿן נישט, האָבן מורא נישט איינצושלאָפֿן — אין גאַנצן, אַ שרעק דאָס שוואַכעניש, וואָס באַפֿאַלט אַן עלנטן מענטשן! —

יאָהאַן, יאָהאַן! — רופֿט די אַלטע עדיט אין דער שטיל. — אָ, סערעלמעם, כ׳וועל נישט דערציִען, — קרעכצט די אַנדערע: — קינד מיינס, הערמינע! זי איז אַזאַ שיינע, אַ גאַלדהאַריקע ווי די מאַדאָנע. זי וואָלט כאַטש געהאַט די מאַמע ביי זיך, — מורמלט די אַלטע שאַרלאָטע אין מיטן דער נאַכט. און טרעפֿט אַז ווער פֿון די מחותנתטעס קילט זיך צו, לאָזט די סיניאָרע זיי שוין נישט אַרויס פֿון שטוב. ס׳שאַדט נישט, טענהט זי, אַז מ׳גייט נישט אַ טאָג צו די געשעפֿטן.

— מאַממאַ, נאָן, — מוסרט זי דער זקנה און לייגט צו אַ פֿינגער צו דער נאָז.

זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט, ס׳געפֿעלט זיי דאָך און האַרכן זי, און לאָזן זיך מעסטן די וואַרעמקייט. — ס׳וועט זיין „בוענאַ״, גוט — קלעפּלט זי אַזאַ איבערן אָרעם און פֿוילט זיך נישט טעלעפֿאָניש אַרויסצורופֿן אַ דאָקטער. דערווייל לייגט די סיניאָראַ סילוויאַ די זקנה אין בעט אַריין, האַלט זי איינגעדעקט.

קומט דער דאָקטער, איז ער נישט ווינציקער ליבנסווירדיק. ווי אַ סך יונגע איטאַליענער האָט ער אַן אויסטערליש בערדל אויפֿן יונגן פּנים; גלאַט אויסגעגאָלט די באַקן, נאָר איבער דער גאָמבע איז אויסגעשפּרייט אַזאַ קליין שוואַרץ פֿלעדערמייזל. טאַקע אַ האָריקס, אַ לעבעדיקס, וואָס באַוועגט זיך פֿון מאָל צו מאָל. ער איז גאָר פֿיין, דער דאָקטער. ער מאַטערט זיך נעבעך מיטן רעדן. קוים וואָס ער ברענגט אַרויס: „גוד, מודער, גוד זיין“. די סיניאָרע לויפֿט דערנאָך אין אַפּטייק אַריין, מישט אַליין קרעסטירן, קאָכט גריצן, גיט צו טרינקען פֿרישענקע הייסע מילך; זי היט די שעה ווען מ׳דאַרף געבן אַ לעפֿל מעדיצין, אַ ביסל זופּ. זי האָט געדולד, די איטאַליענערן, צו עמעצנס אַלטקייט־גרימאַסן, איז מוותר פֿון גיין כאַפּן אַ מוטל, ביז וואַנען די קראַנקע שטעלט זיך אויף די פֿיס.

אָן ספֿק, די מחותנתטעס זענען דאַנקבאַר פֿאַר דעם. זיי קענען אַלץ נאָך נישט רעדן אויף דער שפּראַך פֿון דער גוטער פֿרוי. זיי זענען גנאָדיק צו איר מיט אַ זקנישן שמייכל, מיט אַ מוטערלעכן גלעט יענער איבערן הויך צוגעקאַמטן, לייכט פּאַרפֿומירטן קאָפּ. פֿרוי דזשענאָווענזע קושט זיי אין די שלאַבעריקע באַקן און די אַלטע שפּירן זיך ווי קינדער, וואָס ווערן געוווינט צו צערטלעכקייטן.

— מיר האָבן אַ גוטן גאָט אין הימל — מורמלט די אַלטע עדיט.

— דאַנקעלאָב דעם ליבן גאָט, — וויגט מיטן קאָפּ די אַנדערע.

6

די זקנות איז גוט אין דער דאָזיקער פֿרעמדער דירה. זיי באַמערקן צומאָל נישט ווי די צייט ציט זיך. אויב נישט די אָפּטע בריוו פֿון זון יאָהאַן — און טאַקע אויך פֿון דער טאָכטער הערמינע — וואָלט זיי אַזוי נישט געצערט די בענקשאַפֿט אַהיים, צו די קינדער. אָבער ביי דעם בייז פֿון אָפּגעריסנקייט פֿון די לייבלעכע, איז ס׳הויז פֿון די דזשענאָוועזעס דאָך אַ גליק. נישט בלויז וואָס די באַלעבאָסטע האָט אַ וואַרעמען שמייכל פֿאַר זיי; אויך די אַנדערע באַווינערס פֿון די דערביייִקע פּענסיאָן־צימערלעך זענען האַרציק. איטלעכער קומט אַנטקעגן מיט אַ ליכטיק פּנים, מיט אַ ליבן צו־זאָג און אַ מאָל מיט אַ ווונטש, כאָטש נישט יעדן איז גרינג אויפֿן געמיט: ווען ס׳ציט צו די היימישע, פֿון וועלכע מ׳איז אַוועק אומגעריכט, מחמת

אַ נויט און ווער עס האָט אַ צרה מיטן קאָנסול, וועלכער איז נישט אַלע מאָל פֿריינטלעך צו מענטשן וואָס באַגערן, נאָך יאָרן וואָגל, זיך ערגעץ־ווו צו פֿאַראַנקערן, כדי צו געפֿינען אַ ביסל רו, אָנצוהייבן פֿון ס׳ניי אַ לעבן, אויב דער גורל וועט זיך חלילה נישט פֿאַרעקשנען אויף קאַפּריער. „די קאָנסולן זענען האַרצלאָז״, הערן זיך צו די באַיאָרנטע מחותנתטעס, אַזש עס נעמט זיי אַ פּלוצלינגער שלוקערץ — — באמת, אַ גליק זיי מיטן הויז פֿון די דזשענאַוועזעס. כאָטש פֿון אָט דער זייט האָבן זיי מזל. ס׳וויל מיט סאָלידע לייט.

און נאָך אַ מעלה האָט פֿאַר זיי דער פּענסיאָן דזשענאָוועזע — ער איז נישט ווייט פֿון דעם דזשאָינט־ביוראָ. אין דזשאָינט מוז מע זיין יעדן טאָג. האָט די אַלטע עדיט שטראַוס אָפּגעמאַכט ביי זיך. ווי לאַנג זי איז דאָ, און זי וועט נאָך באַדאַרפֿן בלייבן הי, אוי, בלייבן (פֿאַפּירן נאָך אַזוי פֿיל צו באַזאָרגן אַהין!), טאָר זי נישט דורכלאָזן דעם דזשאָינט; נאָר אין דזשאָינט קען זיך אַ מענטש אויסרעדן, אין דזשאָינט דאַרף זי מאָנען אירס. זי האָט דאָך אַלץ פֿאַרלוירן, מ׳האָט איר אַלצדינג צוגערויבט, ווו־זשע זאָל זי זוכן אַן אָנשפּאַר? דאָס האָט מען זי געלערנט, וועגן דעם האָט געשריבן דער זון, איר טייערער יאָהאַן. יאָהאַן איז אויך דורכגעגאַנגען אַ שפּאָרן וועג — מיט צוויי יאָר צוריק. — ער איז געפֿאָרן, געפֿלויגן, שווערע געלטער נעבעך געמוזט צאָלן די מאַכערס; ער האָט אונטערוועגס שוין דערשמעקט וואָס און ווען. ער האָט נעבעך נישט געהאַט קיין צייט אָנצוקומען צום דזשאָינט, וואָס שלעפּט געלט פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע — — זי מעג זיך פֿאַרגינען צו נעמען פֿון זיי. זי, די מוטער פֿון יאָהאַנען, וועלכער האָט זיי גאָר נישט געקאָסט. שאַדט נישט, אַן עלטערע פֿרוי וועלן זיי געוויס העלפֿן, מוטער, זיי מוזן העלפֿן, די „גאַונערס״ פֿון דזשאָינט, — האָט ער געשריבן. אויפֿן דזשאָינט זענען אַדרעסירט אירע בריוו. מיטן דזשאָינט האָט זי, אַ חוץ אַלעם, אַ היפּש געטועכץ, עדיט שטראַוס.

— וואָהין געהען זי אייגענטליך? — האָט מען איר געפֿרעגט אין דזשאָינט ווו מען האָט געזען אַז זי האָט גאָר נישט בדעה צו פֿאָרן אַהין, ווו עס פֿירן די פּאַפּירן, וועלכע ווערן פֿאַרטיק.

— איך געהע נאָך מאָנטעווידעאָ, — האָט געענטפֿערט די אַלטע עדיט און זי האָט פֿאַרלוירן אַ ביסל פֿון איר שטייפֿקייט, מיט וועלכער זי האָט באַלד פֿון אָנהייב איינגעשטעלט אירע טענות מיט די דזשאָינט־מענטשן.

— ווי זאָ? — איז צו איר שוין אַרויס דער געלאַסענער דירעקטאָר — וויר האַבען קיינען גרונד דאַפֿיר. זי געהען נאָך קאָלאָמביאַ, פֿראַו! —

אַן אָקטאַווע פֿון בייזקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער שטים פֿון דעם געמיטלעכן, געעלטערטן מאַן. ס'איז אַ שטילע ביורע ביי אים, ר'וויל נישט דערלאָזן צו אַ סקאַנדאַל, אָבער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט טראָגט ער, נאָר ע ר. ער קען עס מער נישט. אַוועקגעזעצט זיך און וויל זיך נישט רירן! ס'וועט אויסגיין צו זיין קאָפּ. ער איז געווען מער ווי פֿאַרווונדערט איבער דער דרייסטקייט פֿון דער אַלטער אין נאַנע־שוואַרצן.

— וויסן זי, וויסן זי, — האָט ער זיך אַזש פֿאַרשטאַמלט, — וויר האַבן קיינע רעכט זי אויסהאַלטען היער.

פֿון טיפֿער אויפֿרעגונג האָט ער קורץ געאָטעמט און זי האָט אים געגעסן מיט די אַרויסגעזעצטע אויגן; זי האָט'ן געוואָלט איבערשרייען, פֿראַו שטראַוס.

— אַך, וואָס זי זאָגען, ליבער הער דאָקטאָר! אַמעריקאַ גיבט זאָפֿיל מיליאָנען פֿיר אונדז, איסט איהנען איינע שאַדע איין ביסכיען פֿיר איינע אונגליקליכע מוטער? שאַנדע, שאַנדע!

זי האָט זיך פֿון אים אָפּגערוקט פֿאַראַכטלעך, געפּיקט מיט די שאַרף־גלאַנציקע, אַרויסקריכנדיקע אויגן. איר גאַמבע האָט אַפּאָפּלעקסיש געצי־טערט: — איבעריקנס, שלאַכטן זי, דאָקטאָר, איינע אַלטע יידין. ביטע, דיזעס קענען זי מאַכן.

רויטע פֿלעקן זענען אַרויסגעטראָטן אויף אירע בלייכע באַקן, פֿון שטערן האָבן געריננען ריטשקעס שווייס.

— איך קאָן ניכט אַנדערס, — האָט זי דערנאָך אַרויסגעדעכעט און זיך אַ וואַקל געטאָן.

אין אָנמאַכט האָט זי זיך שווער אַנידערגעזעצט, באַלד זיך אויפֿגע־שטעלט. אַ שטאַרקער ספּאַזם האָט באַוועגט מיט איר. זי האָט ווידער גע־רעדט, אַרויסגעכליפּעט, האַסטיק, הייזעריקלעך. זי האָט איצט גאָר נישט בדעה געהאַט אויפֿצוהערן אַריינעקבערן אירס: זי מוז, דער זון איז פֿאַר־אָרעמט. יאָהאַן שטראַוס וואָלט נישט צוגעוואָרפֿן זיין מאַמע דעם גנעדיקן דזשאָינט. מיין הער, ס'איז קיין געדרייעכץ. זאָלן זיי נישט מיינען, זיי האָבן פֿאַר זיך אַ בעטלערקע, די דזשאָינט־לייט. דער „שיקזאַל" האָט זי מוראדיק געשלאָגן. זי האָט געהאַט אַ פֿיין הויז, אַ באַרימט הויז אין בודאַפּעשט, אַ וויכטיקער נאָמען די שטראַוסעס! איר מאַן איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש, האָבן פֿיל גוטעס געטאָן פֿיר לויטע, פֿיל האָבן געלעבט פֿון איהן.

יעצט, אַך, אַזאַ פֿינצטערע צייט! מען גלייבט נישט, כאָטש קראַפּיר — — ווידער פֿאַרגלייזט זי די גרויסע, פֿאַרנעפּלטע אויגן.

מ׳האָט זיך דערשראָקן אין דזשאַינט, די ייִדענע זאָל נישט מאַכן „די קונץ״. אַ קשיא אויף אַ מעשה. שוין נישט קיין יונג מענטש. ווײ, ווײ, אַזאַ־כע אומאַנגענעמלעכקייטן! מ׳איז געלאָפֿן נאָך וואַסער, זי געמינטערט; דער דירעקטאָר האָט פֿון אַ בלינדער ביוראָ־שאַנק אַרויסגענומען אַ דריי־באָקיקע פֿלאַש „סטאָק״, אָנגעגאָסן אַ גלעזל און אייגנהענטיק דער אַלטער געגעבן דערפֿון, צו דערוועקן זי. אירע פֿליישיקע ליפּן האָבן להוט זיך געצויגן צו דעם. „ס׳שטאַרק, שטאַרק, שאַדט נישט״, און ער האָט בשעת מעשה צוגע־וווּנקען צו די אַרומשטייענדיקע: לאָזט צו אַ ביסל לופֿט. פּפֿהאַ, פּפֿהאַאַאַ, — האָבן זיך בייז געבלאָזן זיינע ליפּן. צוזאַמענגעלאָפֿן פֿון אַלע זייטן־טירן, האָבן די מענטשן זיך אָפּגערוקט. די פֿאַרחלשטע האָט פּאַמעלעך געעפֿנט די אויגן — גרויסע, שרעקלעכע ווייסלעכער אַזוינע! — זי האָט טיף אָנגעשעפּט אָטעם און באַווּיליקט זיך אויסצוגלייכן. אַרומגעקוקט זיך: קעפּ, אַזוי פֿיל קעפּ האָבן אַרויסגעשטעקט פֿון דאָ, פֿון דאָרט — און ביסלעכווייז, שוואַך האָט זי אַרויסגעזייעט, גלייך יעדעס וואָרט וואָלט, חלילה, געקענט זיך צעברעכן, אויב מ׳זאָל עס אַרויסברענגען האַסטיק:

— אוי, אוי, נאָך מסתמא נישט גענוג אַלט, מ׳זאָל איר נישט גלייבן...

ווידער אויפֿגעהויבן אַ פּאָר גרויסע צעווייטיקטע ווייסלעכער, פֿאַר־קרימט ס׳מויל און, געוויינטלעך, אַ ראַפּטעמדיקן כליפּע געטאָן.

יאָ, אין אָנהייב האָט זי באַדאַרפֿט זיך שטאַרק דינגען מיטן דזשאַינט, געווען אַ שווערער ביסן. זי איז טאַקע געקומען מיט אַ קאָלאָמביאַנער וויזע, אָבער אַהין וועט זי נישט פֿאָרן. ס׳איז פּרעטעקסט, הער דאָקטאָר, נישט מער ווי אַן אויסרייד. אָן דער דאָזיקער ענד־וויזע האָט זי נישט געקענט קריגן די טראַנזיט־וויזעס. שרעקלעך פֿאַרדאָרבן די וועלט! געמאַכט גרענעצן, אָנ־געטאָן אַ צוים די מענטשן. הער דאָקטאָר, זי האָט אַנדערש נישט געקענט. געמוזט אַראָפּפֿאַרקויפֿן פֿון זיך ס׳לעצטע, צו קענען זיך פֿאַרשאַפֿן אַזאַ וויזע, און „זי, יודע, וואָלען דאָס ניכט פֿערשטעהען. אַנדערס ניכט געקאַנט, קיין ראַט״ — שפּריצט זי מיט טרערן. אין מיטן כליפּען לייטערט זיך איר פֿעט פּנים און זי פּלאַצט אומגעריכט אַרויס מיט אַ געלעכטערל.

— זי האָט געמוזט זיך באַפֿרייען פֿון איר ליבלינג, דעם ווילבאַקאַנטן הער ראַקאָשי, כיע־כעכע!

איצט האָט זי זיך שוין אָפּטער דערלויבט אַ שמייכעלע, אַ לאַכל צום הער דירעקטאָר, צום הער קאַסיר. צו אַלעמען מוז מען אָנקומען, פֿאַר אַלע־מען דאַרף מען געפֿינען אַ פֿרעג, אַ חניפֿהלע, וויסן יעדנס שוואַכע אָרט, אַפֿילו עפּעס אינטימס. וואָס אַן אַנדערן איז פֿאַרווערט, מעג זיך אַזאַ זקנה דערלויבן. פֿרוי שטראַוס איז געגוג געביפּט צו קענען מאַניפּולירן מיט אַ ביסל היימישקייט, מיט אַ ווערטל, אַ גלעט יענעם איבער דער באַק.

און אַז זי האָט דעם הער דירעקטאָר געפֿונען אַ מער צוגעלאָזענעם צו זיך, האָט פֿראַו שטראַוס אים שוין מערער מסביר געווען דעם פּלאָנטער פֿון איר ענין: „איר זאָן וואַר ווירקליך אין קאָלאָמביאַ, גאַר אַנפֿאַנגס. דאָרט איז אים אָבער געווען אונמעגליך. ער האָט געמוזט אַריבער נאָך מאָנטעווי־דעאָ. דאַרום, פֿערשטעהען זי, ליבער הער דאָקטאָר, מוס איך געהען צו איהן — — קיינע ראַט, איך מוס וואַרטן!"

— ווי... ווי זאָגען זי? איסט דיזער דער וואַרער יאָהאַן שטראַוס? — האָט געפֿרעגט דער דאָקטאָר, אַן אמתער גאַליציאַנער דאָקטער, וואָס האָט זינט יאָרן זיך שוין צוגעוווינט שלינגען פּאַסטאַשוטאַ *, ליטערוויז אַריינגיסן אין זיך איטאַליענישן ביטערלעכן ווייַן. אומבאַמערקלעך איז זיין סאַרקאַזם אַרויסגעקראָכן פֿון הינטער דער געדעמפּטער אינטאָנירונג פֿון דעם פֿרעג. די אַלטע, אַ פֿאַרכליניעטע פֿונעם געדאַנק וועגן דעם זון, האָט עס נישט דערשפּירט.

— בעשטימט, ליבער דאָקטאָר. ס'מיין זאָן, יאָהאַן שטראַוס. זעער איין בעגאָבטער מאַן אונד איין ליבעס קינד... זיינער צייט, — האָט זי זיך שוין באַלעקט — פֿאַר דען קריג, וואַר דערזעלבע יאָהאַן שטראַוס איינע ערוויר־דיקע פּערזענלעכקייט. ווער מיט איהן געשעפֿט מאַכטע, האָט איהן שאָן אימער געזוכט.

— זאָ, זאָ, — האָט דער דירעקטאָר זיך שוין אויסגעלענגערט פֿון לאַנג־ווייל, אָבער אַ וויץ האָט ער סכנות געהרן — זעער שען! זאָגען זי, איינע בערימטע פֿירמע דיזער יאָהאַן שטראַוס?

— זעער בערימט, איינע גראָסע אונטערנעמער, לויטע בעשעפּטיקט. דער גרעסטער צימער־מאָלער אין בודאַפּעסט!

— זאָנדערבאַר, — האָט דער גאַליציאַנער דאָקטאָר פֿון דזשאָינט שוין

---

* לאַנגע טרוקענע לאָקשן — נאַציאָנאַל מאכל פֿון איטאַליענער

הנאה געהאַט פֿון זיין געפּינס. — איסט פֿיליכט יאָהאַן שטראַוס אין פֿער־וואַנדשאַפֿט מיט איינעם ריכאַרד שטראַוס?

— ריכאַרד, ריכאַרד שטראַוס? — פֿאַרטראַכט זיך די אַלטע און ציט דעם נאָמען ריכאַרד — איך קאָן עס אויף בעשטימט ניכט זאַגען. איך ערינער זיך ניכט זאָ איינעם נאָמען אין אונזערן פֿאַמיליע. — דער שטערן קנייטשט זיך איר, קלערט, לסוף זאָגט זי: — איך ווערדע שרייבן מיינען זאָן איבער דיזן, — און פֿאַרציט דאָס מויל אין פֿאַרטראַכטקייט: — וואַרטן זי, הער דאָקטאָר! איך ערינער זיך שאָן עטוואָס. אין וויטערער נאָכבאַרשאַפֿט וואַר איין געוויסער ריכאַרד שטראַוס, אָבער מיט דיזן האָט מיין זאָן קיין געמיינ־זאַמעס געהאַבט. פֿערגעסען זי ניכט הער דאָקטאָר, דער בערימטעסטע צימער־מאָלער דער שטאָדט בודאַפּעסט. יאָ, יאָ, — און אַ קנאַק מיט די גראָבע ליפּן.

נאָטירלעך, פֿראַו שטראַוס שפּרעכט דויטש. מיט דיר ווי מיט אַנדערע אומבאַקאַנטע, וואָס זי באַגעגנט אונטערוועגס, וועט זי זיך נישט אויסגעבן מיט איר אונגאַר־לשון. דאָ רעדט זי ייִדיש, און ייִדיש, ווייסט זי, איז דייטש. אונגאַריש אָבער איז איר שפּראַך; אין אונגאַריש זענען די בריוו פֿון דעם זון. איצט איז עפּעס אַנדערש. זי טאָר איצט נישט פֿאַרגעסן דאָס זי ייִדין איסט, מ׳מוז אַ מאָל אַריינוואַרפֿן אַזאַ וואָרט ווי „שאַבאַס״, „וויר האַבען טרייף ניכט געגעסן״. זי איז נישט אַזוי פֿאַרנאַרישט נישט צו געדענקען, אַז דזשאָינט איז ייִדיש, ער שיקט געלט פֿיר דען יודנשטאַט, שיקט יודן נאָך פּאַלעסטינאַ״. אין דזשאָינט באַגעגנט זי אַזעלכע וואָס צעשמעלצן זיך אין גאַנצן, ווען ס׳קומט צו רייד וועגן ייִדישקייט. מ׳מוז קענען מיטהאַלטן, פֿאַרטרויט זי זיך דער מחותנתטע שאַרלאָט, אַ וואָרע קריסטין וואָס האָט ליב, דורכגייענדיק די קירך אויף דער גאַס פֿון צוואַנציקסטן סעפּטעמבער, זיך אַהין אַריינצוכאַפּן און אַנידערקני׳ען אין תּפֿילה. די פּוילישע, זאָגט זי, זענען די פֿאַרביסנסטע ייִדן, הייסע, קאָכן זיך באַלד, אויב זיי הערן רעדן אונגאַריש. „שוין ווידער ציגייַ־נעריש? עגע־מעגע. כאָטש גיב זיי הונדערט כאַלערעס, אַ ייִדיש וואָרט וועלן זיי נישט אַרויסברענגען די... וואָס זיי רעדן אַלץ אויס אויף אונדז!״ זאָל זיין אַזוי. די פּוילישע זענען אמתע ייִדן, די בעסטע, מיינען זיי. זי וועט זיך נישט רייצן, זי מוז האָבן פֿריינד; אַפֿילו צווישן די... זאָל מען זי נישט פֿאַרשעלטן. און אַ רעה טאָן קען מען אויכעט. גלייכער געאַכט צו ווערן, איידער באַשפּיגן. זי איז עדיט שטראַוס, זי האָט אַן איינציקן זון; צו אים איז איר גאַנץ שטרעבן. פֿאַר דעם מעג אַלץ זיין די כפּרה. דעם שטאָלץ מוז

זי פֿאַרבייגן. אַזאַ גאָלדן קינד ווי יאָהאַן! יעדער טאָג פֿון וואַלגערן זיך דאָ, איז אַ טאָג פֿון געמינערטן גליק צו זיין נאָענט מיט אים, אַ טאָג פֿון די גע־שאַנקענע טעג. אוי, אוי, נאָך דורכצוקומען אַ שווער פעקל. ווען עס איר כאַטש באַשערט זיין? — זי רעדט, רעדט, לאָזט יענער נישט עפֿענען ס׳מויל און ביי דער מחותנתטע שאַרלאָט טרערן די אויגן, עס האַמערט אין מוח. די אַלטע עדיט עסט איר ס׳האַרץ, דערמאָנט כסדר די יאָרן. זעקס און זיבעציק יאָר, זאָגט זי; זי דאַרף זיך ערנסט באַאומרויקן, עסט זי איר די גאַל. ס׳זאָל זיך נאָר נישט לאַנג פֿאַרציִען מיטן פֿאָרן. עס שלעפּט זיך צופּיל. אויך ביי־נאַכט קען זי נישט שלאָפֿן; רק זי דרייט זיך אויפֿן געלעגער. עדיטן אַרט, וואָס יענע, די אַלטע שאַרלאָט, שנאָרכט. פֿאַר וואָס פּייניקט זי זיך אַליין, איינע אַליין? גייט אַרום, קרעכצט קלאָמפּערשט ווי אַ קראַנקע און שלאָפּט ווי אַ קו. אַלץ מוז זי שלעפּן אויף די אייגענע שוואַכע פּלייצעס, אויך זי, די קו!

די עדיט ווערט אָפּט בייז אויף דער מחותנתטע. אין דער פֿרי, ווען יענע וועקט זיך, ווייזט זי איר דעם רוקן, די אַלטע עדיט. זאָל זי זיך פּייניקן ווי איך, זאָל זי ערשט קאָפּען דאָס ליילעך. זי האָט שוין מסתמא אַ פֿולן ד אָ ס מיט מעשיות, חלומות, וואָס דרייען זיך איר אין לעקישוואַטן מוח. געַנוג, כ׳וויל נישט הערן. אַ לייכט לעבן געמאַכט זיך: „אָ, סערעלמעם, איך גיי אויס, כ׳וועל דאָ בלייבן אַ משכון“ — אָנגעהאָנגען זיך אין איר! וואָלט איר נישט גרינגער געווען איינע אַליין, ווי מיט אַזעלכער?

אָבער אַז עס גייט איר איבער, דערמאָנט זי זיך אין איר ראָל, די עדיט. מע מוז ווידער נעמען טאָן אין דער זאַך. מ׳טאָר נישט שווייגן. אַן אויס־געסטראָצלטע אין כוואַליעדיקן שוואַרץ, גיט זי זיך אַ וויג איבערן צימער און הייבט אָן יאָגן די אַלטע שאַרלאָטע:

— אָ, סערעלמעם, איילט זיך אַ ביסל!

אויפֿגעכאַפּט זיך פֿאַרטאָג, האָט עס איר באַלד גענומען טראָגן: — דער דזשאָינט שלאָפֿט נישט — האָט זי געמורמלט און געטשאַפּעט אין די שטעק־שיך.

און אין אמתן: דזשאָינט טשעפּעט זיך ווידער. שוין חדשים ווי די זקנות זיצן און ס׳נעמט נישט קיין סוף. מאַנטעווידעאָ שלאָפֿט אויף די פּאַ־פּירן פֿון די אַלטע ווייבער, קיין קאָלאָמביע קענען זיי נישט פֿאָרן. אָ, סע־רעלמעם, נו־נו, נאָך לאַנג?

אַז דער מחותנתטעס שטים איז היפּשלעך שטעכיק, מאַכט זיך די־אָ

נישט פֿאַרשטיין. די אַלטע שאַרלאָט איז אַ מקבל־באהבהניצע, זי פֿאַרשווייגט בעסער; זי איילט זיך טאַקע מיטן אָנטון און האָט אין זינען דעם דזשאָינט. זאָל מע דאָרט וויסן: זיי רוען נישט. זיי ווען טאַקע גלייך גיין; אַ רגעלע, יאָ? און אפֿשר איז אַ טעלעגראַם אָנגעקומען, אַן אָנווייז? דער הייליקער ווייט זיך דערבאַרעמען!

די דאַרע אַלטעטשקע איז קאַמיש אין איר איילעניש. אַלץ פֿאַלט איר פֿון די הענט און די־אַ הערט נישט אויף צו פֿרעסן זי מיט די אויגן, פֿרעפֿלט אָן אויפֿהער:

— זאָלן זיי דאָרט נישט מיינען, מיר זענען שוין פֿאַרזאַרגט. מ׳קען אויסקומען אָן דזשאָינט. מ׳האָט צייט. אַך, אַך, אַ ביסעלע גיכער!

און גייען זיי אַרויס, ביידע אין שוואַרצן, צייכענען זיך אין דער אַלייע צוויי געזונקענע געשטאַלטן: איינע מיט אַ זילבערווייסן קאָפּ און די צווייטע מיט אַ טונקעלן טורבאַן איבערן בלייכן, געשרומפּענעם פּנימל, וואָס דער־מאָנט אַן אָפּגעריבן ציפּערבלעטל.

פֿאַר דער שוועל פֿון דזשאָינט־ביוראָ מינטערט אונטער די אַלטע עדית דער מחותנתטע:

— פֿאַרטיק?

די אַלטע שאַרלאָט פֿאַרשטייט שוין, מ׳דאַרף פֿאַרריכטן די קאָפּ־באַדע־קונג, מיט אַ טאַשנטוך איבערווישן ס׳פּנים און קאַרעקט זיך אַהינצו אַריינ־שטעלן. דזשאָינט קען זיי שוין: „די מחותנתטעס״, — ווינקט מען זיך באַלד איבער. אויף זייער גוטמאָרגן ענטפֿערט מען אונטער דער נאָז.

— פֿאַראַן דער הער דאָקטאָר?

יעדן טאָג מוז זי זיך ווייזן פֿאַרן דירעקטאָר. זאָל ער נישט מיינען... עדית שטראַוס ווייט זיך נישט לאָזן!

— באַלד, — קומט טייל מאָל אַ ברום פֿון יענער זייט באַריער. אַן אַנדערש מאָל מוז די אַלטע איבערחזרן דעם פֿרעג. אויך מאַכט זיך אַז מ׳באַ־מערקט נישט איר אַריינקום.

און דערוואַרט זי שוין אָט־אָט ס׳אַרויסקומען פֿונעם דירעקטאָר, צופּט זי דער מחותנתטע שאַרלאָט: „איר׳ט שפּעטער זיצן. שטייט צוגלייך מיט מיר. מ׳באַדאַרף אייך זען״.

און נאָך דאַרף עס הייסן:

זאָל מע וויסן אַז צוויי אַלטע מוטערס מאָנען זייערע רעכט.

צום זון שרייבט זי אינצווישן, זי, עדית שטראַוס:

— פֿאַרגעס נישט, לייג איין וועלטן. אין דזשאַינט הי בילט מען כסדר: „וואָס הערט מען, פֿראַו שטראַוס?" איך ווייס, ס׳קומט איך שווער אָן, דיר און הערמינען. שרייב כאָטש אַ בריוו, ס׳זאָל זיין זיסלעך פֿאַר זיי. דאַנק די דזשאַינט־הערן און זאָלן זיי זיך ווערגן. פֿאַר די פּוילישע מאַכן זיי אַלץ, מע צעשיקט זיי וווהין זיי ווילן. אייערע מאַמעס זענען נעבעך געשטראָפֿט. שרייב אַהער צו זיי. אפֿשר וועט מע דאָך קענען דורכהאַלטן ביי די דאַזיקע...

7

אין דזשאַינט איז זי די ריידערקע, די פֿראַו עדיט. די מחותנתטע הערט צו אַלע אירע טענות, שאָקלט מיטן קעפּל און דער טורבאַן וויגט זיך צו מיט אַ נעבעכדיקייט: „ריכטיק, ריכטיק". פֿון דער אַלטער שאַרלאָט הערט מע נישט אַ וואָרט. ווי אַ שטומע שטייט זי, צוקט מיט די קינען, קוועטשט די אויגן. זי פֿאַרלאָזט זיך!

די אַלטע עדיט האָט שוין דערשמעקט ווי עס דרייען זיך אַלע רעדלעך פֿון דעם אויסטערלישן געווערק וואָס רופֿט זיך „דזשאַינט". זי ווייסט ווו אָנצודריקן אַז ס׳זאָל געשען אַזוי ווי זי באַדאַרף. טאָקע שלעכט, גאַר שלעכט. „אויסוווּרפֿן", פֿלעגט זי שטשירנדיק איבערחזרן אַלע מאָל, ווען זי האָט באַדאַרפֿט גיין אין דזשאַינט עפּעס פֿרעגן, דערמאָנען. און באַדאַרפֿן גיין מוז זי שטענדיק, טאָג איין, טאָג אויס. עס איז איר איינציקע באַשעפֿטיקונג, ממילא די באַשעפֿטיקונג פֿון דער מחותנתטע שאַרלאָט, וועלכע מוז זי באַגלייטן, אַפֿילו ווען זי פֿאַלט פֿון די פֿיס. „זאָל מע נישט מיינען, כ׳בין אַליין. מ׳וועט זען איינע, וועלן זיי געבן נאָר פֿאַר איינער. קומט, אָ, סערעלמעם — פֿלעגט זי איבערקרימען די מחותנתטע, די שלימזלניצע — ס׳וועט אייך גאָר נישט זיין. אַכצט נישט, שטאַרבן שטאַרבט מע סיי־ווי נישט, ווען מ׳וויל".

דער „הער דאָקטאָר" האָט איצט פֿון איר נישט געהאַט קיין מנוחה. שטיין פֿאַרנט, אויף ד ע ר זייט באַריער, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַלע דרויסנדיקע מענטשן, האָט זי נישט קיין געדולד. אומאויפֿהערלעך האָט זי זיך אַריבערגעבויגן צו דער דערבייזיקער צוגלעלנטער טיר:

— הער דאָקטאָר, קאָן מאַן זי ביטטען?

איז דער דאָקטאָר גראָד געווען פֿאַרנומען, אָדער ער האָט זיך געמאַכט

געפּגרט — ער הערט כלומרשט נישט — האָט זי געלאָסן, כאָטש גענוג ענערגיש אָנגעקלאַפּט מיט דער בלאָ־אָדערדיקער האַנט. „הויטע ניכט", פלעגט טייל מאָל קומען אַ געשריי פון יענער זייט: געוואָלט זי אָפּפּטרן, אָבער פראַו שטראַוס קלערט זיך אירס: זי וועט אים שוין אָפּהיטן. און איז איר געראָטן זיך אַריינצוכאַפּן אין קאַבינעט, האָט זי זיך ברייט צעזעצט, האָט געמרונצעט און נישט אָפּגעטראָטן. אַפילו ביים מיטיק עסן האָט זי אים געלעכערט דעם מוח: „הער דאָקטאָר, פאַרצייען זי... הער דאָקטאָר, איינע אַלטע פראַו... זאָגען וויר, עס איסט איינע גאַבע" — — און שוין צענעמט זיך ביי איר ס׳פּנים אין אַ ברייטער זויערער גרימאַסע. דעם דירעקטאָרס ווייב קריגט אַזש רחמנות אויף דער זקנה, בייזערט זיך אָן אויפן מאַן: „סאָל־וואַטאָרע, קענסטו עפּעס טאָן פאַר דער דאַמע, וואָס־זשע טוסטו נישט? איך בעט דיך!"

דער ביסן בלייבט אים שטעקן אין האַלדז, ער פילט זיך שולדיק.

אומגעריכט איז ער געוואָרן אַ קרבן פון דער אַלטער, דער דירעקטאָר פון באַשיידענעם דזשאָינט־אָפּטייל. ער האָט שוין געטאָן וואָס זי האָט גע־וואָלט: געשיקט ווענדונגען, זיך פערזענלעך איינגעשטעלט פאַר איר, רע־קאָמענדירט. מ׳האָט באַדאַרפט טעלעפאָניש רעדן מיט דער צענטראַלע, אי־בערדברן עמעצן, געווינען, האָט ער׳ס גענומען אויף זיך. דער סענטימענט פאַר אַן אַלטער מוטער איז, פאַרשטייט זיך, דאָ שוין אַריין אין קאָן. און דו האָסט דאָך אַ מאַמע! מיין מאַמע איז אַוועק מיט די בראַנדן פון אוישוויץ — — אַ מאַנצבילשע טרער איז ביי דער געלעגנהייט אַרויסגעצויגן געוואָרן פונעם האַרץ פון אַ טרוקענעם באַאַמטן. און „דזשאָינט" האָט סוף כל סוף געלאָזט זיך איבערצייגן: צוויי אַלטע מאַמעס זענען אין טיפן עלנט, אין דער פרעמד. מיט סכנות זיך אַרויסגעריסן פון קאָמוניסטישן אונגאַרן. בשום אופן טאָר מע נישט בלייבן גלייכגילטיק צו זייערע גורלות. אויף דער טע־לעפאָן־ליניע גענוא־רוים, גענוא־פּאַריז האָט אין משך פון טעג פיל מאָל אויסגעברומט: שטראַוס, שטראַוס, יאָהאַן שטראַוס... אָט, אָט, ווי פון דעם באַרימטן מוזיקער, גענוי, האָ־האָ־האָאָ — — אין צוויגטן מרחק האָט זיך געריסן אַ ברעקלדיק, קייכיק געלעכטערל. דער דאָקטאָר האָט׳ס געוואָלט אונטערכאַפּן, פון העפלעכקייט וועגן אונטערכאַפּן. ס׳געלעכטער האָט זיך אָבער אינדעם אויסגעדריוולט, הויל אָפּגעהילכט און אויסגעגאַנגען ווי פלוצ־לינגער שניי אין וואַרעמען זונען־שיין. — יאָ, מאַנטעווידעאָ, עקס בודאַ־פּעסט. זיין מוטער עדיט, זעקס און זיבעציק יאָר אַלט, אויך די שוויגער־

מוטער זיינע, שאַרלאָטע בוירמאַן, בוי־בוי־רררר־מאַן. מיט בי, בי, בי, ווי באַזעל, אויגסבורג, ראָם, מיילאַנד, אַקווילאַ, נעאַפּאָל — — אַלזאָ, אויטאָ־ריזירן זי. כ׳הער, כ׳הער. דאַנקע, הער דאָקטאָר... גוווט, אַדיע!

... וואָכן, חדשים פֿאַרגייען — דער לאַנגער ביי־ימיקער, הייסער זומער דאַנקט שוין אָפּ און די מחותנתטעס זיצן ווי געזעסן. ס׳גאַנצע גרויסע הויז פֿון דער טאָרינער אַלייע — אַלע וואָס הייבן זיך אויף טאָג־טעגלעך מיט דער ווינדע און די, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פֿון די זעקס שטאָק ציכטיקע, ווייסע מירמלנע טרעפּ, אַלע קאָנען שוין די צוויי אַלטע אויסלענדערנס. פֿון באַ־קאַנטשאַפֿט צי פֿון געוווינשאַפֿט גריסט מען די זקנות. אַ סך שטעלן זיי אָפּ העפֿלעך: „קאָמאָ וואַ?״ ווי גייט עס? די מערסטע ציִען צונויף די ליפּן אין אַ מיטפֿילנדיקן שמייכל פֿאַר די אומגליקלעכע, ווי זיי פֿאַרשטייען עס. אַלע ווייסן שוין די גראָע, פֿאַמעלעכע זקנות פֿון דער דזשענאָוועזע, ווייסן צו ווען זיי פֿאָרן, ווילן פֿאָרן אין דעם ווייטן לאַנד. „אָ־אָ, ס׳איז אַ גוט לאַנד, באַלעקן זיך אייניקע. אָ, אַ זון, אַ טאָכטער וואַרטן דאָרט, און זיי דאָ, נעבעך״. — מורמלען אַנדערע. ווי טרויעריק!

באמת, טרויעריק. מינכען, לאַנדסבערג, ווין, לינץ, זאַלצבורג, פּאַריז, בריסל, רוים, באַרלעטאַ... פֿון רוישיקע ווייטן ברענגען אַהער די באַנען גרופּעס יִדן־פּליטים. און עלטערע לייט צווישן זיי. דאָ פֿולט מען אָן מיט זיי גרויסע שיפֿן און זיי שווימען ווי אין פֿאַרשיכורנדיקן חלום צו אויסגע־בענקטע שטעט. ד אָ ר ט וועט זיי געוויס שוין גוט זיין. אויס לאַגערן, אויס בעטל־ברויט. בלויז זיי, די אַלטע, זינדיקע מאַמעס, מוזן אַלעמען איבערהאַרן.

ס׳איז שווער דאָס געזעגענען אַנדערע, בעת אין דער אייגענער נשמה ציט עס ווי אַן אָנרייסנדיקער געשוויר: „ווועלן אויך מיר דערלעבן זיך איינ־צושיפֿן?״ ספֿיקות צערן ס׳בלוט און דאָס לעכצן אַנטקעגן אייגענעם צאַנקענ־דיקן לעבן וואַקסט איינצייטיק מיטן שטילן, ברענענדיקן האַס צו די וואָס פֿאָרן, דערלעבן יאָ צו פֿאָרן צו די לאָקנדיקע ברעגעס פֿון אומבאַקאַנטע לענדער.

— זעט נאָר די! פֿון מיסטקאַסטנס אַ נפֿש. אַזוינס האָט גליק!

— שנאָרערס אין קאַרעטע אַריין, — שוימט זיך פֿראַו שטראַוס.

די אויגנווייסלעכער דרייען זיך איבער ביי דער אַלטער עדיט, קוקנדיק אויף ד י וואָס זענען מיט אַלץ שוין גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. די בלייכע, מאָגערע מחותנתטע שוויגט, מאַכט מיט די ליפּן ווי אַ זשאַבע. עס הוידעט זיך איר פֿאַרבונדענער, דאַרער שאַרבן.

פֿון צרות למאַי יענע דערגרייכן שוין דאָס וואָס זי באַגערט אַזוי שטאַרק, האָט די אַלטע עדיט זיך פֿונאַנדערגעוויינט. הלמאַי די־אָ, און זי, זי מוז דאָ פֿוילן. אָקערשט ליידט זי אַ שטראָף פֿון גאָט; מסתמא איז זי זינדיק, טיקט אויף אין איר אַ צווייפֿל. אַ גליק, טראַכט זי, וואָס די שאַרלאָט האָט יעדעס מאָל רחמנות אויף איר, בייגט זיך צו צו איר, גלעט איבערן אַקסל, גיט אַ קוש אין קאָפּ אַריין. שוין די דערמאָנונג אַז זי איז נישט איינע אַליין, האָט די עדיט געקרעפֿטיקט.

און אַליין האָט זי זיך געשטאַרקט. אָפּט האָט זי זיך געלאָזט צום דזשאָינט־ביוראָ, ווען דאָרט האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַ מחנה עמיגראַנטן. געווען אָנגערויכערט, אַ סך האָבן די לייט גערעדט צווישן זיך, דורכגעשפּאַרט זיך אין סאַמע ענגשאַפֿט כדי עפּעס געוואָר צו ווערן, איבערצופֿרעגן ביי עמעצן. ביי יעדן גליט נייגיר, איידער מ׳לאָזט זיך אין דעם לאַנגן ים־וועג וואָס סיי ער וואָרנט, סיי ער לאָקט. געווען דערשטיקט צו ווערן אין דעם געדראַנג צווישן די וואַרטנדיקע, און קיינער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער דושנעקייט, מיטן ענגעניש, מחמת ס׳איז פּשוט נישט געווען קיין צייט זיך צו צוצוהערן צו זיך. אַלע זענען געווען דעריאַכמעט. מ׳איז געשטאַנען אַ שפּאַן ווייט פֿון גורלדיקן שריט. מאָרגן גייט אָפּ די שיף, *דאָרט* וועט פֿאַר זיי זיך שוין אָנהייבן דער לעצטער *פֿון דאָסניי*. מער וועט מע נישט וואַנדערן. וואָרן ווי לאַנג האָט דער מענטש כּוח זיך אַרומצושלעפּן?

די אַלטע עדיט איז געווען פֿאַרשלונגען פֿונעם רויש. זי האָט צוזאַמענגעצויגן דאָס מויל, אָנגעשפּאַנט דעם בליק, געבישטערט. אָקערשט האָט זי דערשפּירט אַ באַגער זיך דאָ צו פֿאַרלירן. הלוואַי כאַפּט זי מיט דער דאָזיקער שטראָם! ווי זיס עס שליסן זיך די אויגן. עס טראָגט, טראָגט.

... ווען דער רעפֿערענט פֿאַר טראַנספּאָרט, אַלקעליי, אַ קורץ, צאַפּלדיק פֿאַרשווינדעלע מיט אַן ענגן בערעטל אויפֿן גאָלן קאָפּ האָט אָנגעהויבן זיין „פֿאָרטראָג וועגן די וואַליזן”, ווי לייט האָבן עס חוזקדיק גערופֿן, איז געוואָרן שאַ־שטיל. מיט אַ מאָל האָט די גרויסע ענגעניש זיך ווי איינגעקאָרטשעט. די איינגעזאַמלטע האָבן זיך צונויפֿגעשטופּט אויף איין אָרט, אַלע האָבן געוואָלט הערן. ס׳דאָך דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט, מ׳מוז טאַקע וויסן ווי אומצוגיין זיך מיט די וואַליזן. ששאַ! — צישעט עמעץ, — דער אינזשעניער רעדט וועגן פּאָרט, ווי אַזוי אַריינצוגיין אין פּאָרט. ווי קליין ער איז, פֿלאַמט ער, דער הער אינזשעניער. ער שילדערט מיט פֿלינקע הענט,

מיט וויגנדיקן קאָפּ, רעדט פון טירן, פון טרעפּ אויף רעכטס, לינקס, דערנאָך גלייך, אונטער אַן אומענדלעכן דאַך. אויף אַ בויגן פּאַפּיר האָט ער אַנגעוואָרפן אַ סך ליניעס ווערטיקאַלע, האָריזאָנטאַלע און איבער אַלע — אַ קיילעכיקן קרייז: „ד אָ ס א י ס ט ד י א ו ר פ אָ ן ה א פ ן“, גיט ער צו, יעצט וויסן זי שאָן?״ — ער האָט מערערע מאָל איבערגעחזרט, געשוויצט און זיך מיד אַראָפּגעזעצט, און פון ס׳ניי איז ענגער געוואָרן. דער צונויפגעג־דרענגטער עולם האָט ווידער זיך אַ ריר געטאָן, ס׳איז ערשט צווישן אַלעמען אָנגעגאַנגען ס׳געררייד וועגן מאָרגן, וועגן דער שיף. די הויפּטזאַך, אַכט אַ זייגער אין דער פרי — האָט זיך איינגעשנאָבלט אין איטלעכנס מאַרך. אַכט אַ זייגער אין דער באַגאַזש־האַלע, דערנאָך דער פּאַס־קאָנטראָל, שפּעטער — מ׳זאָל נאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק, פאַרלירן זיך פון אַלעמען.

אַ דריקנדיקע פייערלעכקייט האָט זיך געטראָגן איבער דער אויפגעג־לייזטער שטילקייט און פּנימער האָבן געפלאַמט. שש, לאָ׳מען הערן — האָט ווידער עמעץ זיך אויפגעכאַפּט. אַפילו קינדער, וואָס זענען בייגעווען, האָבן באַנומען דעם ערנסט. בלויז פּרוי שטראָוס האָט מער נישט געקענט בלייבן רויִק, שטיין און וועלן הערן נאָך, נאָך. אַ שלעפּ געטאָן די מחותנתטע און אַרויס אין פירהויז. מ׳קען דאָך דערשטיקט ווערן. אַזאַ היץ! אוי, אוי, געזעסן כדי צו הערן אַ דומהייט! געמיינט צו באַגעגענען אַ מענטש, הערן עפּעס נייס.

די אַלטע האָט געצויגן די מחותנתטע אויך צו די אָפּגייענדיקע שיפן. מיט אויגן, מיט הענט שפּרייטן זיך שיפן איבערן ריזיקן ים, יעדע שיף איז אַ לעבעדיקע וועלט; די וועלט שווימט, ציט זיך, זעצט זיך ענדלעך אַראָפּ דאָרט ווייט, ווייט און זי פאַרפלאַנצט זיך, וואַקסט, צעוואַקסט זיך אין דער גרעסטער האָפענונג — —

כאָטש ס׳האָט געשטאָכן אין ברוסט, אַ באָך טרערן אַרויסגערופן, אָבער אָפּזאָגן זיך דערפון האָט זי נישט געקענט, די אַלטע עדיט. „מ׳וועט אַזוי לאַנג באַגלייטן יענעמען — האָט געזאָגט מחותנתטע צו מחותנתטע אויף זיך צו טרייסטן — ביז מיר אַליין וועלן פאָרן. אַ שיף איז אויך פאַר אונדז אָנגעבאַרייט״.

מחמת איינגעגעסענער פאַרביטערונג, פון וואָס די אויגן זענען אָפּט איבערגעגאַנגען, האָט די זקנה עדיט זיך דערשפּירט אַזוי, אַז פון קלעמעניש האָט זי געמוזט אַרויס אויפן קול מיט אַ טרייסט — פאַר זיך אַליין ווי פאַר דער אַלטער שאַרלאָט.

— אָ, סערעלמעם, — האָט יענע אַ פּרעפּל געטאָן מיט פאַרבאַקענע ליפּן. און ביי דער האָבן זיך די שמאָלע אויגן צוגעקוועטשט ווי פון אַן אָנגעשוואָמענער האַרבקייט.

8

די וואָכן און די חדשים גייען, קאָלערן זיך ווי די שטיינער אויפן ברעג פונעם טונקלענדיקן ים, און זיי דאָ, גליוווערן. גאָר נישט רירט זיך מיט זייער פאָרן. ביי פרוי שטראָוס ווערן קאַליע די אויגן, זיי רויטלען זיך און זי טאָמלט איבער דעם. אַ נייער ביטערער סימן! ס׳זאָל כאָטש אין דער דאָזיקער שטאָט זיך געפינען אַ גוטער דאָקטאָר. אַ קאַליקע וועט זי נישט צולאָזן צו זיך. דער דזשאַינט איז נישט חולה צו באַצאָלן אַן אָנשטענדיקן ספּעציאַליסט פאַר אירטוועגן. נישט אַלע מאָל טרעפט זיך ז יי אַזאַ בכבודיקע דאַמע. ניין, זי פאַרלאָזט זיך נישט אויפן דזשאַינט. אויף קרומע הענטלעך איז זי אַ גוטער מבין. זי וועט זיך נישט שעמען. זי׳ט מער נישט קיין כוח צו ליידן. אדרבא, זאָלן זיי קומען אויף אירע צרות, וועלן זיי שוין גלייבן! דעם דזשאַינט וועט זי נישט דורכלאָזן. די אויגן ראַפּיען, זענען רויט. זי׳ט נישט וואַרטן. ערשט איז צוגעקומען נאָך אַ געטועכץ: „איר קאָנסול". אין מאָנטעווידעאָ מאַכן זיך די פּאַפּירן פאַר איר מיט דער שאַרלאַט, זענען צו דעם נייטיק אַ באַרג באַשטעטיקונגען, דאָקומענטן. דער דזשאַינט איז נישט קליין אַלץ צו פאַרשאַפן! דער קאָנסול באַדאַרף „דיזע שריפטן" אָפּשיקן אַהין. דאָרט איז יאָהאַן; ער רוט נעבעך נישט. פרוי עדיט שטראָוס קען זיך אַליין נישט פאַרשטענדיקן מיטן אורוגווייער פאַרשטייער (נישט ער פאַרשטייט דייטש, נישט אונגאַריש), מוז זי זיך באַהעלפן מיט אַ דזשאַינטמענטש. אַ פאַרטייטשער מוז זי האָבן אומעטום. נישטאָ קיין עצה. ליידער, ליידער. צו דער באַלעבאָסטע וועט דאָך אַזאַ איינער נישט מיטגיין, מאַטערט זי זיך, שטאָמלט, פאָכעט מיט די הענט, דרייט מיט די אויגן. ברויך מען צום קאָנסול, גילטן מער נישט קיין תירוצים. דאָ וועלן זיך שוין די דזשאַינטלערס נישט אַרויסדרייען פון עדיטן. דער „הער דאָקטאָר" איז טאַקע געווען פריינדלעך און מיטגעשיקט אַ יונגן מאַן: „גייט, ביטע, דאַווידע. פראַו שטראָוס ווירד איהנען ניכט פאַרגעססען איבער הונדערט צוואַנציג יאַרע". ער האָט קלוג געשמייכלט, אָנגעוווּנטשן דער אַלטער און דער דאַווידע, אַ גיכער, אַ שוואַרצער און באַריידעוודיקער האָט אָנגעהויבן גיין צום קאָנסול, גיין און

גייען, ווייל די אַלטע האָט עס געוואָלט; זי האָט אים געשלעפּט, ממש גע־הרגעט מיט אירע רייד, מיט אירע גלעטן און מיט טרעריקייט. אָבער דאָ־ווידע איז סוף כל סוף מיד געוואָרן. געזען נאָך דעם די אַלטע, האָט ער זיך אָוועקגעדרייט, אויסבאַהאַלטן זיך. נישט געקענט מער נאָכקריכן דער זקנה, וועלכע האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע כאָטש יעדן טאָג צו גיין צום קאָנסול. גיי, גראַב זיך ווי אַ קראָט אין דער פֿינצטער! „נישטאָ צו וואָס, פּראַו שטראַוס. מ׳דאַרף נישט אומזיסט באַאומרויִקן דיזע הערן — האָט דער יונגער מאַן געטענהט — זיי קענען זיך דערבייזערן. מ׳דאַרף נישט״. ער האָט אַפֿילו גע־פּרוּווט זי אָנשרעקן, אָבער אָן פּעולה. די אַלטע עדיט איז נישט אָפּגעשטאַנען. אַן עלטערע דאַמע וועט מע נישט באַליידיקן, האָט זי געלערנט פּשט און ספּעקולירט אויפֿן געדולד פֿון די מענטשן אין קאָנסולאַט, און שוין אָנגעהויבן ווירקן אַליין — מיט איר אַלטקייט, מיט העגט־ציטער, מיט מינעס וואָס זענען עלול אַרויסצורופֿן מיטלייד. זי האָט זיך באַמיט אַז דער קאָנסול זאָל זי ווידער זען. זי מוז רירן אָט־דעם שטיין, און זי האָט שוין געפּלאַנט ווי אַזוי זיך אַוועקצושטעלן פֿאַר אים, ווי אַזוי זיך צו רייסן ס׳היפּשע אַש־קאַליריקע פּנים. זיכער, ער וועט נישט ביישטיין, ר׳מוז זיך אָפּרופֿן!

— — — אַ שרעק, דער קאָנסול פֿאַרבאַהאַלט זיך אין די פֿאַרמאַכטע צימערן. שטענדיק קומט איר קאַפּויער די חלשותדיקע סעקרעטאַרקע. רעד היינט, רעד מאָרגן, ס׳העלפֿן נישט אַלע אירע גרימאַסעס. זי, די כלבטע, האַלט אין איין צוקן מיט די אַקסלען: „נאָן סאַ״, זי ווייס נישט. זי ווייס, אמת, נאָך וואָס די אַלטע דאַמע קומט, אָבער טאָן קען זי גאָר נישט, פֿאַרענטפֿערט זי זיך. ס׳איז אויך נישט אין דער מאַכט פֿון סיניאָר קאָנסול. פּאַציענצאַ, געדולד, זאָגט זי צעשפּרייטנדיק די הענט און פֿירט זי אַרויס מיט אַ „רעווי־דערלאַ, סיניאָראַ״ *.

מ׳גיט אָפּ האָנאָר איר עלטער, אָבער... זי ביטערט שוין, די זקנה און קוקט זייטיק צו דער מחותנתטע, גלייך יענע וואָלט געווען חייב אין דעם וואָס מ׳שלעפּט זי אַהער אומזיסט. געמיינע קערלען אַלע! ער וויל אירע פּטור ווערן, דער קאָנסול. זי גייט, גייט און ער, גלייך עס וואָלט גאָר נישט געשען דאָרט, אין מאָנטעווידעאָ. איר יאָהאַן שלאָגט זיך אַרויס פֿון די כוחות, ער שרייבט דאָך: די פּאַפּירן מאַכן זיך, אייער קאָנסול, מוטי, קען צואיילן, אויב ער וויל. וויל ער נישט, פֿאַרהאַקט זיך אויפֿן שלאָס, ווייל נישט

---

* צום ווידערזען, פרוי.

רירן אַ פֿינגער אין אַ פֿינגער. און זי מוז זיך וואַלגערן. אָט אַ האַלב יאָר, אָט דריי פֿערטל יאָר. אָט... זי ברעכט זיך שוין צוזאַמען. אוממעגלעך! זי וועט׳ס מער נישט דערלאָזן. זאָל ער ענטפֿערן, דער סיניאָר. פּאַפּירן האָב איך געגעבן אַלע, אַ טויף־שיין צוגעשטעלט? ער האָט׳ס באַדאַרפֿט בלויז אָפּשיקן. זאָל ער האָבן אַ פֿליכט: אַ מוטער האָט רעכט צו קומען צו איר קינד. אַן אַלטע מוטער. נאָר אַ ביסל גוטן ווילן פֿון הער קאָנסול. איך וויל אים בעטן. ער מעג האָבן אַ מענטשלעך האַרץ, ערגעץ! ער לאָזט אַפֿילו נישט צו צו זיך, דער... רק די סעקרעטאַרין קריכט אַרויס, צעשפּרייט די הענט: „סי־ניאָראַ — —״ אָ! זי׳ט מוזן אַרויסשיסן מיט אַלע אירע ווייטיקן. זי וועט אים זאָגן. נאָך איין מאָל וועט זי פּרווון.

קוים זי שלעפּט זיך אַראָפּ פֿון די הויכע שטיגן, די אַלטע. די מחותנתטע שאַרלאָט שאָקלט שולדיק מיטן פֿאַרדראָפּירטן שאַל אַרום אויסגעדאַרטן קעפּל און די פֿאַרטריקנטע ליפּן באַוועגן זיך קלאָגנלאָז.

מחמת אויפֿרעגונג וויל זי זיך אָנהענגען אין איר, די עדיט, הלמאַי אויך זי וואַרפֿט נישט צו אַ וואָרט אין קאָנסולאַט: „אפֿשר וועט זי אויפֿהערן נאָכצוגיין איר, אָ, סערעלמעם!״ פֿרוי שטראַוס האָט פֿלינק זיך אָפּגעקערט און מיט אַ מאָל געגומען שטעלן בייזלעכע טריט. די אַלטע שאַרלאָט האָט קוים באַוויזן איר נאָכצואיילן מיט די שוואַכע פֿיס.

דערנאָך איז אויף דער עדיט אָנגעגאַנגען אַ כוואַליע כעס אויפֿן זון:

— ער וואָלט ליבערשט מער נישט געשריבן: „טייערע״. אַ קופּע מיסט געוואָרן פֿון דיין אַלטער מאַמען, יאָהאַן. יעדער טרעט אויף איר. פֿאַר די מיאוסקייטן פֿון דזשאָינט איז מיר שוין דערעסן, ווי איך לעב; „וואָס הערט מאַן, פֿראַו שטראַוס?״ אַך, די שפּיצבובן!* — איז זי שוין הויך אויפֿן קול אַרויסגעשפּרונגען מיט איר זידנדיקן צאָרן.

די מחותנתטע שאַרלאָט האָט מורא איצט צו ווייזן זיך איר אין פּנים אַריין. אַ געפּלעפּטע קריכט זי איר נאָך. און ווי אויף להכעיס שיפּעט יענע נאָך מער, וואַרפֿט זיך אין נכפּה, טופּעט מיט די פֿיס. אפֿשר מיינט זי איר?

אויף דער אַלטער שאַרלאָט האָט גערונצלט די הויט.

---

* גנבים (דייטש).

9

אין טעמפּער פינצטערניש פאַרבאַרגן זיך די טעג, די וואָכן. אַ תהום די־אַ צייט.

ווידער גייען טעג האַמעטנע, ברוגזע. די אַלטע שאַרלאָט זעט זיי ווי מידע וואַנדערערס, פון וועלכע עס דערציילט זיך אין דער עוואַנגעליע. אַ, דערלייזער, פאַרלאָז נישט דיינע אונטערטעניקע! דער ים טרייבט שוין קילע ווינטן — אַוועק דער זומער, עס ציִען וואָלקנס און דער הימל טונקלט. אומעטיק. ווי לאַנג זיצן זיי שוין דאָ?

פרוי שטראַוס שפּירט אַ קעלט אין די ביינער. זי איז שוין גלייכגילטיק צו די בריוו וואָס דאַרפן אָנקומען. זי גייט מער נישט אין דזשאָינט פרעגן. אָפּגעשטאַנען ווי אַ פיש. זי פרעגט זיך אַן טעלעפאָניש: „עטוואָס נויעס פיר מיך?״ פרוי דזשענאַוועזע גייט ווייטער זיך חשבונען אין דזשאָינט פאַרן פּענסיאָן פון די צוויי זקנות. „וואָס מאַכן זיי?״ אין דזשאָינט־ביוראָ אָנט מען, אַז זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט קראַנק, די אַלטיטשקע, מ׳דאַרף זיי מער העלפן. מ׳וועט דאַרפן סיגנאַליזירן דער צענטראַלע. די איידעלע פרוי דזשענאַוועזע ענטפערט יעדעס מאָל: „אַ רחמנות, פיינע באַבעשיס״. זי האָט אַ קלאָר, בלייך, ווי אויסגעשטראַלט פּנים מיט אַ חנעוודיק נעזל, די סיניאָרע. אין דזשאָינט האָט מען אַ פאַרגעניגן מיט איר צו רעדן.

— גלייכער אַזוי. זאָל זי גיין אַליין, די סיניאָרע, — קלערט די אַלטע עדיט. נישט כדאַי אַזוי פיל צו קריכן זיי אין די אויגן אַריין, די דזשאָינט־לייט. און זי קען זיך שוין נישט פאַרענטפערן: פאַר וואָס עס שלעפּט זיך, „וואַרום איהנע זאָן זאָ רוּיק זיצט ד אָ ר ט ?״ אַן אַכעניש אויף זיי, אויב זיי צאָלן די פאַר לירעס! זאָל זי גיין, די דזשענאַוועזע. דער קאַסיר איז שוין צוגעוווינט צו צאָלן פאַר זיי, וועט ער ווייטער צאָלן. בעסער נישט צו ווייזן זיך.

יאָ, אין מאַנטעווידעאָ מאַכן זיך נאָך די פּאַפּירן. דאָס וועלן זיין אייזערנע, שטאָלענע פּאַפּירן, — רייסט זי ס׳מויל, די אַלטע עדיט און זי וויל נישט הערן וואָס יאָהאַן האָט ערשט אַנומלט געשריבן: „מוטער, אָט שוין גאָר אין גיכן״.

באמת, ס׳איז שוין נמאס פאַר אַלעם. זי זאָל נאָר נישט קראַנק ווערן אונטערוועגס. און די אַלטע, וואָס שלעפּט זיך איר נאָך, דערגייט איר די יאָרן. זי שווייגט, שוויגט און בייסט זי מיט דעם שווייגן! מ׳וואָלט זיך

כאָטש געקענט אויסטענהן מיט איר, אַן עצה האַלטן. נאָר זי מורמלט און גייט שטענדיק אין קירך אַריין. אַ גויה! — ווערט זי פּלוצלינג בייז אויף איר, לייגט שווער צונויף אירע פלײשיקע ליפּן און די נאָז, אַ שווערע, אַן אַראָפּ־הענגענדיקע, קוקט אויס ווי זי וואָלט זיך פאַרטראַכט. אַ נאָז אַ חכמה. צו־נויפּגעקוועטשט די מאָסיווע ליפּן, צוזאַמענגעדריקט די אויגן און זי, די נאָז, טוט זיך ס׳איריקע: זי הענגט שווער אין שטיל זשומענדיקן חלל פון דעם שיין־מעבלירטן פּענסיאָן־צימער און טראַכט.

... ס׳טוט שוין רעכט הנאה דער פראַו שטראַוס, וואָס זי האָט לסוף גענומען צוהילף איר צלם. געהיטן זיך, געהיטן, צוליבן דזשאַינט, זאָלן זיי זיך נישט כאַפּן, די יודן, אַז מ׳קריגט זיי אָן, אָבער ס׳איז נישט געווען אויס־צוקומען אָן דעם — — זי האָט געמוזט איינשטעלן, און ס׳האָט געהאָלפן. אָ, ווי ס׳איז איר געלונגען! אַריבערגעבויגן זיך צו דער סעקרעטאַרן פון קאָנסול איינצורוימען איר עפּעס אין אויער, און זי האָט עס דערזען, די פריילן. אַוודאי, אַ פרוי פאַר אַ פרוי מעג האָבן אַ סוד, אַפילו אַז מ׳איז זיך נישט נאָענט. זי איז דאָך אַן איינגייערן דאָ. דעמאָלט האָט עס זיך גע־געבן אַ גליטש אַרויס פון בוזעם, צעבאַמבלט זיך אויפן קייטל. זי האָט׳ס דערוואַרט אַזוי, עדיט, און אין דער רגע עס אָפּגעפּילט. דער סעקרעטאַרן איז תיכף ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, שוין אַנדערש געקוקט אויף איר. זי וועט רעדן מיטן שעף, האָט זי באַלד געזאָגט. אויפריכטיק, איר איז עס אויך שוין איבערדריסיק, וואָס אַזאַ דאַמע גייט אַזוי לאַנג. — זי האָט עס דערזען, די מיאוסע כאַלערע, — האָט עס געסיקעט פון איר מיט באַסט — נאָר ד אָ ס דערזען און נישט באַמערקט זי, דער פראַו שטראַוס.

ס׳אַ מאַט, קליין, גאָלדן צלמל. עס הענגט אויף אַ גאָלדן שנירעלע.

אויף דער דערמאָנונג פון דעם האָט דאָס פּנים איר געפלאַמט, דער עדיט. „ווען מ׳זאָל עס ווייסן אין דזשאַינט! יידן, נאָר יידן גיב זיי, און איך וואָס בין?... איך בין אַ יידין, איר חזירישע! וואָס, מ׳קען זיך דען אייביק פירן אַזוי, ווי איר, פוילישע? איידלקייט אַ ביסל, איידלקייט, דאַן וואָלט איר אַזוי נישט געפייניקט אַן אַלטע מוטער — —“

זי האָט נערוועז, שווער געאָטעמט און זיך באַמיט בייצוקומען דעם פּלוצלינג דערוועקטן האַס. אינערלעך, אין סאַמע בלוט ביי איר איז עס אויסגעבראָכן, הלמאי זי האָט גערנוויליק אויף זיך אַרויפגעצוווּנגען דאָס, וואָס זי איז אָקערשט פאַר די לייט פון דזשאַינט: אַ יידין. אַ גליק איז איר

געשען — אַ ייִדין איז זי, אירררר! — — וואָס איז דען? זי האָט רעכט צו וואַרטן אויף איר זון, דעם באַוווסטן יאָהאַן שטראַוס. צופּעליק האָט ער געמוזט זיך דערווייטערן פון איר. מ׳האָט דען יאָהאַנען נישט אומגליקלעך געמאַכט, פון אַ שיינעם געשעפט פאַרטריבן? אוך, אוך, איר — איין ביסכיען פאַרטשריט, פערשטענדניס. און אַז הערמינע איז נישט קיין ייִדישע, איז זי נישט קיין ערלעכע פרוי יאָהאַנען? ווילד, צו אַל די שוואַרצע יאָר, די פּויִ־לישע! זי וועט מער נישט אַזוי טאַמלען: דזשאַינט, דזשאַינט, גיין אויסקרימען ס׳מויל: „שאַבאַס, שאַכעט, פּוי, פּוי!״

דאָס גרימעניש באַמיט זי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דער מחותנתטע. ס׳איז איר אַ חרפּה: מורא האָבן פאַר ייִדן! איר, דער שאַרלאָט, איז מקנא צו זיין. אַ גויע — גאַנץ געוויינטלעך. זי מעג עס זיין. זי האָט עס אַפילו נישט פאַרהוילן. זי קען נישט קיין דויטש, רעדט זי אין גאַנצן נישט צו זיי, דער דזשאַינט־באַנדע. בעסער אַזוי. האָט זי וויניקער פאַרדראָס. אַן אמתע קאַ־טויליך, שאַרלאָטע בוירמאַן, באַגייט זי אַ פאַרברעך? זי פאַרט צו איר קינד, וואָס איז רעכטלעך פאַרוואַנדט מיט יאָהאַן שטראַוס. יאָהאַן שטראַוס איסט יודע, יאָהאַן שטראַוס איז דער מאַן פון הערמינאַ בוירמאַן — איז עס אַ זינד? ער האָט רעכט, זי האָט רעכט, און דער דזשאַינט איז נישט קראַנק צו צאָלן. מיר האָבן מער געלאָזן אין בודאַפּעסט. געזעץ זאַ־וואָס!

די הענט שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער שויס, זיצט זי מיטן פּנים צום פענצטער און קאַכט זיך אויף די יודן „וואָס זאָ ענגהערציג זינט״.

— אָ, סערעלמעם! — רופט זי זיך פּלוצלינג אָן צו דער מחותנתטע — פייניקט אויך אייך דער אומעט? איך בין אויס, — און ראַפּטעם אַנטשוויגן געוואָרן. אין צימער, אַ פול געוואָרנס מיט שאָטנס פון די אַלטע פרויען, פון דער הענגענדיקער לאָמפּ און פון די שטולן וואָס טראָגן אויף זיך די ברייטע, שוואַרצע קליידער פוןביידע מחותנתטעס (נאָר אין דער היים זענען זיי אַ ביסל באַפרייט פון די לאַנגע, שווערע אַלטקייט־איינהילן), איז רעכט אַרויסגעקראָכן דער אומעט; ער שאַרט זיך אויף אַלטע שטעקערס, פּאַכעט אָן אַ מתים־שרעק, צינדט לוויה־פּלעמלעך; ס׳איז פול און געדיכט מיט גע־פּלאַטער, גלייך פלעדערווישן וואָלטן זיך פאַרהויבן האַרט איבער זייערע קעפּ.

— מאָרגן איז זונטיק, האַ? אין געהירן מישט זיך פון דעם געגייעכץ אַ גאַנצע וואָך, מ׳פאַרלירט דעם סדר דערפון וואָס דער מענטש משטיינס געזאָגט האָט געטאָן, אוך־אוך! אַ ביסל אָפּאָטעמען פון דעם געמיינעם

געטועכץ — אָ, ווי דערלעבט מען עס שוין! — און ווערט אַנטשוויגן אויף אַ ווייל. — ווּעט איר מסתמא גיין צו דער מעסע, מאַרגן, האַ, ס׳ערעלמעם?

די שאַרלאַט באַוועגט מיט די טרוקענע ליפּן און גלייך ווי אַ פֿויגלנעסט אויף אַ שלעפּעריקן בוים גיט זיך אַ וויג די דראַפּעריע אויף איר קאָפּ. יאָ, זי׳ט גיין — הייסט עס. אומגערן איז איר ס׳רעדן; פֿון דער טונקל אַרויס קוקט די אַלטע עדיט אין איר זייט, הגם זי זעט זי נישט, זי פֿילט נאָר איר בייזיין. „יעזוס דער הייליקער זאָל נאָר געבן ס׳געזונט״, — ענטפֿערט זי ענדלעך. אָפּגעמורמלט און ווידער געדרימלט אין פֿינצטערן שווייגן. שפּע־טער, פֿאַרן שלאָפֿן גיין וועט זי אויפֿן נאַכטשענקעלע צוגרייטן די שוואַרצע קרעלן. אָ, ווי ווויל. מאַרגן וועט זי גיין אין קירך אַריין, באַוועגט זיך שוין אינטענסיווער דער מוח ביי דער אַלטער עדיט. — אַז מ׳מאַכט ס׳געבעט ווערט ווירקלעך גרינגער אויף דער נשמה!

... בררר, קאַלט. ס׳גוט וואָס זי רעדט נישט, די שאַרלאַט. זי, עדיט, וועט זיך איינוויקלען אין טוך. אפֿשר אַזוי־נאָך וועט זי לייכטער איינשלאָפֿן. ביטער זענען די נעכט, מ׳מוז זיי דורכשלעפּן. מאַרגן קען שוין עפּעס זיין. די סעקרעטאַרן פֿון קאָנסול האָט צוגעזאָגט. זי האָט גענומען ביי איר דעם נומער פֿון טעלעפֿאָן. זי׳ט זיך דורכרעדן מיטן סיניאָר קאָנסול, — האָט זי נאָך צוגעוואָרפֿן אין דער שטיל. ער וועט צואײַלן די זאַך, ער ׳עט שוין — —

איינשלאָפֿנדיק האָט אין די סענקעוואַטע פֿינגער פֿון דער אַלטער עדיט זיך פֿאַרפּלאָנטערט ס׳גלאַטינקע צלמל אויפֿן גאָלדשנירל. געגלעט עס, אַריבערגעוואָרפֿן פֿון פֿינגער אויף פֿינגער; זי האָט עס אויך געשפּירט אויף דער הויט פֿון איר לייב. איטלעך מאָל האָט עס אַ קיל געטאָן מיט דער קאַלטקייט פֿון אומגעריכט אָנגערונענעם וואַסער. אָ, עס וואַרעמט, ציט, ציט. פּלוצלינג האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און אַנגסטלעך געכאַפּט זיך אויפֿן פֿאָדעם פֿון אַ חלום און — זי פֿאַלט, פֿאַלט פֿון אַן אומגעהייערער הייך.

אויפֿגעקומען, האָט אין איר קעל געדריקט אַ פֿאַרגליווערט געשריי.

יאָ, זי איז שוין געשלאָפֿן, — דערמאָנט זי זיך, — אָבער וואָס וועט זיין מיט איר? דאָס שוואַכעניש ווערט ביי איר וואָס אַ מאָל מער קענטיק. ווער ווייס ווי אַזוי זי וועט אָפּשניידן ביים קאָנסול. און די פֿאַרשטייפֿטע פֿינגער האָבן אומרויִק געטאַפּט, גענישטערט אַרום זיך: — ווו איז עס? געענוי, זי האָט געהאַלטן ס׳צלמל! געזוכט עס אין שרעק, גענישטערט מיט נערוועזקייט, אומגעריכט דערשפּירט די קעלט פֿון אַ גרוב וואָס דערנעענטערט זיך צו איר

אין אימהדיקן גיר. רעכט, זי איז געפֿאַלן. זי פֿילט נאָך די אָנדנאָיִקייט, אַזש עס ברענט איר דעם שאַרבן. טאַקע נישטאָ ס׳צלמל. נישט מעגלעך! ס׳אַ טייער חפֿץ, אַ גאָלד־זאַך — — זי דערמאָנט זיך שוין: אײַגנטלעך איז זי געלאָפֿן. אין הויז ווו זיך אָפּגעשטעלט איז אַריין אַ דונער, אַ שריפֿה האָט זיך צעפֿלאַקערט. ווײַ, די מהומה שטייט נאָך אונטן, די גאַס הודזשעט. זי וועט לויפֿן, דאָ ׳עט זי נישט שטיין — —

נאַכט. זי הערט זיך איין אין דער פֿונאַנדערגעגאָסענער פֿינצטערניש: עס גיסט אַ רעגן. ס׳וועט באַלד ווידער אַ דונער טאָן. דער קאָפּ איז איר ווי אַ שטיין.

די אַלטע עדיט האָט שוין מורא געהאַט אַנטשלאָפֿן צו ווערן.

ש כ נ י ם

1

נעבראַכט האָט זיי איין שיף, די „נגבה“, און ביידע זענען זיי אַריין אין איין פּענסיאָן. דאָ דאַרף מען באַקומען די וויזעס פֿאַר דער ווייטערדיקער נסיעה, וואַרטן בריוו פֿון אייגענע, שיפֿקאַרטן. וואַרטן טעג און אפשר, וואָכן צי חדשים.

די פֿרוי וואָס האָט זיי אויפֿגענומען, האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען. געמיינט: ס׳איז מאַן און ווייב. געקומען צוזאַמען, ביידע כמעט אין איין עלטער, איז פֿאַרשטענדלעך, אַז זיי קענען פֿון איר פֿאַרלאַנגען איינס: אַ צימער. זיי דאַרפֿן אָפּרוען, אָפּעסן. אַז זיי זענען אויסלענדער, איז נישט געווען קיין ספֿק. אַן איטאַליענער קומט גאָר אַנדערש, ס׳קלינגען אין טיר איז נישט אַזוי אומדרייסט; אַפֿילו דער קוק, דער שטעל פֿון אַזאַ איז אַן אַנדערער. איבעריקנס, דאָס וואָס די דאָזיקע האָבן אַרויסגעבראַכט פֿון מויל האָט שוין גענוג געזאָגט: „עמיגראַנט, עמיגראַנטי!“ געקלערט, אַז דאָס וועט זי שוין פֿאַרשטיין, די איטאַליענערן. אויך דאָס האָבן זיי אַרויסגעבעבעט אומזיכער, דערנאָך עפּעס געשטאַמלט, געוואָרפֿן מיט די ליפּן, געפּינטלט מיט די אויגן. ער, דער יונגער מאַן, האָט נאָך אַפֿילו אויסגעבויגן דעם קאָפּ צום רעכטן אַקסל און אָנגעשפּאַרט אים אויף דער אונטערגעשטעלטער דלאָניע. דערפֿון האָט זיין שוואַרצבאַוואָקסן פּנים אומהיימלעך זיך אויסגעקרומט. שלאָפֿן, וווינען, הייסט עס אויף דער מענטשלעכער פֿאַנטאָמינע. די באַלעבאָסטע האָט עס, אמת, פֿאַרשטאַנען, דאָך איז זי געבליבן אין פֿאַרלעגנהייט און אַוועקגעלייגט די הענט אויפֿן בויך. שטומע מענטשן, זעט זי. זי האָט לענגער נישט געקענט אַזוי. „אָ, קאַפּיטאָ, קאַפּיטאָ“ *, האָט זי געמורמלט און איינגעצויגן דעם שטערן. נאָך נישט געוווּסט וואָס, ווער, און סוף כל סוף פֿאַר זיי געעפֿנט אַ טיר.

---

* פֿאַרשטאַנען, — (איטאַליעניש).

אַ גרויס צימער, אַ ברייט באַלקאָן־פֿענצטער און ליכטיק, גרין לאַקירט מעבל האָבן זיך מיט אַ מאָל אַ וויג געטאָן אויף זייערע ווײַעס.

— פרעגאַ* — האָט זי, פֿאַרבעטנדיק, דייטלעך אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו די בײדע.

נישט געוואַרט אויף זייער ענטפֿער איז זי גיך אַוועק און צוריקקערנדיק זיך, באַלד געבראַכט פֿריש איבערצוג פֿאַר די קישנס, פֿרישע ליילעכער. עס האָט אַ ווייַע געטאָן מיט שמעקעדיק קוואַל־וואַסער, מיט זוניקער לופֿט, און אַרײַנגעפֿירטע אין הויז מיט די פֿלייסיקע הענט פֿון אַ געניטער פֿרוי.

אינעם פֿאַרען זיך פֿון דער באַלעבאָסטע האָט זיך געזען אַז זי אײַלט זיך. עס איז שוין נישט פֿרי — האָט עס געקענט הייסן אויף דער שפּראַך פֿון אירע גיכע באַוועגונגען — מ׳דאַרף רעכט אײַנשטעלן די נײַ־געקומענע און נישט פֿאַרגעסן אַז ס׳איז נאָענט צו מיטיק.

צוגעקוקט זיך צו איר אונטערשפּרינגענדיקן דראָבנעם גופֿל, וואָס האָט געשפּרייט געפּרעסטע ליילעכער אויף די צוזאַמענגערוקטע צוויי בעטן, איז בײדן געוואָרן דעמפּיק. ער, ווי ער. אינערלעך האָט ער געקייכט: אַ שיינע געשיכטע! באַנאַנד מיט איר אין איין חדרל, אַ שכנותדיק געלעגער, כי־כיכי — — ער איז אָבער געווען צו מיד אַרויסצוקוועלן פֿון דעם להכעיסדיקן שפּאַס. זי ווידער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ געדיכטער רויטקייט, גלייך זי וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן אַן אונטערגעהייצטן בעקער־אויוון — אויגנבליק־לעך איז אַרויס די היץ אויף איר: וואָס טוט זיך דאָ? פֿאַר וועמען נעמט זי איר? מסתמא פֿאַרן ווײַב פֿון דעם — — זײַטיק אַ קוק געגעבן אויף אים, האָט זי אַ פֿאַרלוירענע זיך צוגערוקט צו דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך געבראַכן די גלידער איבער די געלעגערס:

— נע, מאַדאַם! —

נישט באַגנוגנט׳ זיך מיט דעם זאָג, האָט זי אונטנאַרומעט איר נאָך אַ דיר געטאָן ביים אַרבל.

שוואַרצע פּודל־קרויזן קוקן אויף איר, אַ היפּש האָר־דעכל און ס׳פּנים הינטער דעם איז נישט קליין, כאָטש געגנוג ווייבלעך. זי שטוינט, די באַלע־באָסטע: „וואָס ווידער?“ און זי פּילט: די איבערגעלאָפּענע, טונקעלע אויגן פֿון דער פֿרעמדער גראָבן זיך איין אין איר מיט טענה.

אין גאַנצן אויסגעגלייכט זיך, כדי זיי בעסער צו פֿאַרשטיין, האָט די באַ־

---

* ביטע (איטאַליעניש).

לעבאַסטע שוין אַן אומגעדולדיקע זיך געוואָנדן צו די געסט, ס׳הייסט — זי האָט מיט די הענט אַ פּיר געטאָן סיי איבער זיין בליק, סיי איבער אירן:

— נאַן מאַרידאַ עד מאַליע? *

דאָס וואָרט „נאָן" — כאָטש אַן אומבאַקאַנטס — האָט רעכט אָנגעשלאָגן אין זייער צעטאַמטקייט. אינסטינקטיוו האָבן בײדע מיט אַ מאָל עס איבער־געחזרט: „נאָן, נאָן!" און געפינקלט מיט די אויגן און אויסגעשאָסן אין אַ הילכיק, אַ ביסל אומהיימלעך געלעכטער: איכככ־כי־כיכי, מיט אַ שפּריצנ־דיקן קנאַל. דערפון האָט די פּענסיאָן־פרוי נאָך הילכיקער געלאַכט, כאָטש ס׳איז געווען אַ פאַרשפּעטיקט געלעכטער און די אויגן זענען איר פייכט געוואָרן.

דערנאָך האָט זי זיי פונאַנדערגעפירט אין צוויי באַזונדערע, שוין קלע־נערע צימערלעך.

— בוענאָ? — האָט זי געפרעגט סיי אים, סיי איר.

ווידער נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן האָבן סיי ער, סיי זי מבולבל געוויגט מיט די קעפּ.

גאָר נישט ענטפערן איז דאָך נישט שייך. זאָל זיין יאָ פאַרשטאַנען, נישט פאַרשטאַנען; אַ צוק מיט די אַקסלען, אָבי יוצא, און באַהאַלטן זיך מיט דער משא פון דער אויפגערייצטער שעמעוודיקייט.

2

אַנידערגעלייגט זיך מידע זענען זיי, מחמת איבערגעמאַטערטקייט, נישט באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

עס האָט אַלץ זיך נאָך געוויגט דער ים, געקרייזט פאַרן בליק די שריי־ענדיקע מעוועס, ס׳פילדערן פון די טערקישע הענדלערס אויפן אינדזל — — די איטאַליענערן, כאַכאַאַ, רק זי שאָקלט מיטן קאָפּ, רק זי לאַכט — סיניאָר, סיניאָר!!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט די ערשטע. עס האָט זיך שוין געהאַט פאַר־וועבט אַ מאַטער דעמער וואָס האָט געציטערט אין דער לופט. ס׳צימערל האָט זי נאָך געקענט באַטראַכטן אין דער טונקל־שיין, וואָס האָט ווי אַ העלער

*נישט מאַן און ווייב?

פֿלעק גליוועדיק אָפּגעלויכטן פֿון דער אַנטקעגנדיקער געלער מויער. נישקשה, דאָס בעט איז שיין, באַקוועם, אויף שפּרינגפֿעדערס; די שאַנק קענטיק אַ נייע. ס׳וועט קלעקן פֿאַר איר. דאָס טישל איז מיט געשמאַק אַרייַנגעפּאַסט אַהער, אַ זויבער סערוועטל אויף דעם, מסתמא פֿון פֿלאָרענצער שפּיץ — דיך, פֿיין געוועבט. אַ חן האָט דאָס נאַכטלעמפּל — זיי האָבן אַ גבורה פֿאַר שיינקייט, די איטאַליענערס. הלוואי וואָלט זי אין יפֿו געקריגן אַזאַ ווינקל; ס׳לעבן וואָלט אַזוי נישט פֿאַרקירצט געוואָרן. אין אַ ווינקל געפֿינט מען שלום און אין אַ ווינקל וואָס איז מיר ענג, דיר פֿינצטער, קען געדייען קידער־ווידער — — נישט ווילנדיק האָט יסורימדיקס זיך דורכגעקראָגן צום געדעכעניש. אַוודאי, וואָס האָט זי געקענט טאָן? אויף אומאויפֿריכטיקייט איז נישט מעגלעך צו בויען אַ לעבן. דער ברוך האָט געמוזט קומען. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח נישט צו טראַכטן פֿון דעם וואָס ס׳איז פֿאַרגעקומען צווישן איר און א י ם. „אָפּגעהאַקט, אַן עק!“ און כדי צו צעשטערן דעם צודרינגלעכן רייץ פֿון דעם וואָס געווען און איז נמאס געוואָרן, — האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן צו די צוויי וואַליזעס. דאָס איז איר גאַנצער באַגאַזש. אין אומאָרדענונג זענען זיי געשטאַנען אויף דער ערד צעעפֿנטע, פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע; געגראַבלט צווישן די זאַכן, אויסגעפֿונען ס׳נייטיקסטע און געקליבן זיך צו באַקענען מיטן אַרום. אין אמתן איז זי אַצינד שטאַרק צעברויזט פֿון דער אומאייַנגעזעסנקייט אירער: אַ פֿרוי, און זי מוז זיך מיט ציין און נעגל איינע אַליין ערשט פֿאַרנעמען אויף אַ נייעם וועג. דערפֿאַר דער אומאויפֿהעריקער אומשלאָף, וואָס מאַטערט איר. צו באַרויקן זיך, מוז זי עפּעס טאָן. זי וועט זיך אַ ביסל באַוועגן. איר צימער ליגט אין דער טיף פֿון קאָרידאָר, געדענקט זי, אָבער עס איז כדאַי צו וויסן וואָס און ווו. עס מאַכט זיך ביינאַכט, ס׳איז שטאָק־פֿינצטער, דאַרף מע וויסן אויף נישט צו פֿאַרבלאָנדזשען. אַוודאי, ז׳עט גיין. עסן וועט זי סיי ווי נישט איצט. ס׳נעמט איר נישט קיין חשק צום עסן; אָנטוען זיך ווילט זיך אויכעט נישט. זי וועט אַ ביסל אַרומטשאַפּען, מאַכן אַזאַ הויז־שפּאַציר און זיך צוריקלייגן. צו ערשט מוז זיך אויסוועפּן די מידקייט. שלאָפֿן דאַרף זי, דערנאָך וועט דער קאָפּ זיין קלאָר. ס׳שטייט דאָך פֿאַר וויכטיקס אָפּצוטאָן דאָ. ווידער אַן אָנהייב פֿאַר איר!

זי איז שטילענקע אַרויס פֿון צימער. די טונקל האָט פֿליסטערנדיק געלויערט, אַקוראַט פֿלעדערמייז וואָלטן געווען פֿאַרבאָרגן אין די ווינקלען. זי איז נישט קיין שרעקעוודיקע, לילי, אָבער פֿאַר אומגעריכטיקייטן האָט זי

פֿון דעסטוועגן מורא. ס'הויז דאָ איז אָנגעלויערט אויף דער שטילקייט, עס ליגט צונויפֿגעקנוילט אין פֿאַרנאַכטן־דרימל. אַפֿילו קינדער פֿילן דאָס, און איצט הערט זיך נישט קיין איינס פֿון ערגעץ. אויף ביידע זייטן קאָרידאָר בלינצן גלאָז־טירן פֿון די דאָזיקע צימערן; פֿון זיי פֿאַלט אַ שיטער ליכט. אָ, ס'אַר אַ געוואַלטיקער אַפּאַרטאַמענט. 12,11,10,9,8,7, און ווייטער נאָך. נישט ווילנדיק האָט זי געציילט. אַזוי פֿיל טירן, אַ חוץ שמעלערע, זייטיקע, מן הסתם זענען דאָס ווינצימערן, די אַנדערע געהילף־קעמערלעך, צוויי זעראָס. באמת, שוין צו טונקל, אָבער, קענטיק ריין ווי גאָלד. קיין שטוי־בעלע האָט דאָ נישט קיין אָרט, עס שפּירט זיך די ריינקייט. איי, ס'גליטשיק אויכעט. פּרוטאָרירט דער שטיינערנער דיל; לייכט זיך אַנידערצוקייקלען. דער־צו איז נאָך פֿינצטער. אַ קאָרידאָר אַ בייז באַשריגעניש. ליכט איז ערגעץ פֿאַראַן, זיכער, אָבער אָנצינדן וועט זי נישט. ס'איז שטיל אַזוי, וועט זי נישט שטערן די שטילקייט.

אַ טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן און זי האָט זיך פֿאַרלוירן: נישט צוגע־קאָמט, נישט צוגעקליבן. אַ מענטש קען זי דערזען אַזאַ! אַ פֿרוי אין אַ שלאָפֿראָק אין דער פֿאַרנאַכט־שעה — און זי האָט זיך צוריק אַריינגע־שאַרט אין איר אָנגעפּינצטערטן חלל אַריין. דאָ ליגט נאָך די געלע אָפּשיין פֿון דער אָנטקעגנדיקער מויער. מאַכן ליכטיק האָט זי צייט. זי וועט נאָך זען צו זיצן, הערן, אָבער איינזיצן רויק איז איר געוואָרן שווער.

ווידער געבויגן זיך איבער די זאַכן, אַריינגעסדרט זיי אין דער שאַנק, אין שיפֿלאָד. עס האָבן געשאָרכט קליידער, בלוזעס, ס'האָט זיך געצייכנט דער שלאַבעריקער סילועט פֿון אַן אויפֿגעוואָרפֿענעם דינעם רעגן־מאַנטל, ס'האָט געשורשעט זייד, צעפּלאַטערט זיך פֿאַלעס, אַרבל, ווייס האָבן גע־מיניעט שטיקלעך פֿרויען־וועש. די טונקלקייט האָט זיך געלייגט קלאַפּטער־ווייז און נישט ווילנדיק האָט זיך געטראַכט: אַ טאָג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן הייגט. זי וועט מוזן דאָ זוכן ידן, טאַפּן דעם דופֿק ווי עס פֿירט זיך ביים קאָנסול, און בכלל — ווי אַזוי מענטשן אונטערוועגס גיבן זיך אַן עצה. ידן האָבן זיך אָנגעליטן, ווייסן זיי אַ סך, קענען דינען מיט אַן אָנווייז. איילן זיך וועט זי נישט, ס'איז סכנה.

געטראַכט און עס אַרויסגערעדט. זי האָט זיך אַליין געוואָלט דערהערן:

— ווי אַזוי וועט זי גיין פֿרעגן, אַז זי איז דאָ אַ פֿרעמדע צווישן פֿרעמדע? אַ שאָד, וואָס אין חיפֿה צי אין תל־אביב נישט אויסגעפֿונען אַן

אַדרעס, עפּעס אַ תּירוץ, אַבי צו קענען הי זיך פֿאַרטשעפּען ביי עמעצן וועגן אַן עצה, אַ שטיקל טובה.

דאָס געמיטלעכע איז כהרף־עין צערונען געוואָרן. זי האָט דערשפּירט די לאַסט פֿון אַ פּלוצלינגן שווערן לעבנס־פֿאַרנאַכט. הלוואַי זאָל די דאָזיקע שעה נישט לאָזן אַ ווייטיקלעכע וווּנד. דראָענדיק ווייזן איר אויס די ערשטע שפּאַן וואָס זי שטעלט אַליין, אָ ן א י ם , נ אָ ך א י ם . ביטערע זאָרגן פֿון אָקערשטיקער פֿאַראייניזאַמונג האָבן אויף איר אַ דריק געטאָן.

אין דער אמתן: אַ פֿ ר ו י א יי נ ע אַ ל יי ן — וו ע ר וו ע ט ז י ה ע ר ן , אַז זי קען צומאָל נישט אַ מענטשלעך וואָרט אויסרעדן? גיי, שטעל אָפּ עמעצן, מאַך מיט די הענט, צעעפֿן די ליפּן און — זאָג נישט וואָס דו האָסט צו זאָגן! דער מענטש וועט זיך באַליידיקן, אָנקוקן דיך ווי אַ משוגענע, אָפּקערן זיך מיט אַ שפּיי. אָדער, אפֿשר, זאָל זי זוכן אַן אייגענעם, אין תּהום זוכן ס׳געשריי פֿון דיין פֿרעמד־זיין: „עברי אתּה, יהודי?“ און טייטלען מיטן פֿינגער אין דער פֿינצטערניש אַריין?

נישט באַוויזן דאָס צוצעקייען — מ׳קלאַפּט אין טיר. אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער צעמישונג און אומווילּיק אַ קלער געטאָן: „ווער קען עס זיין?“

אַז מ׳קען רופֿן עסן, עס איז שוין „טשענאַ“ ביי זיי, נאַכטמאָל, דאָס איז איר נישט איינגעפֿאַלן.

אָפּזאָגן זיך פֿון עסן? דרייען מיטן קאָפּ, פֿאָכן מיט די הענט, איז איר אַ חרפּה; אַ דערוואָקסענער מענטש טראָגט אומעטום מיט זיך דעם לעבער־לעכן ערנסט: „עס פּאַסט נישט“, כאָטש ס׳איז קלאָר אַז אַנדערש קען עס נישט זיין. ביסט געגאַנגען אין אַ שול, לילי, טאָרסטו נישט זיין אַזוי ווילד, וואַרפֿן מיטן קאָפּ אָנשטאָט רעדן.

ווי אַ הייסער ווינט האָט איר געטראָפֿן דער־אָ ווירוואַר פֿון געפֿיל. געבליבן שטיין אַן אומאַנטשלאָסענע, האָט זי בלית־ברירה זיך געלאָזן אַריינ־פֿירן אין אַ גרויסן עסצימער, אַ באַליכטענעם פֿון אַ פֿיל־פֿלאַמיקן זשי־ראַנדאָל איבער אַ לאַנגן, ציכטיק־צוגעגרייטן מאָלצייט־טיש.

— אָ, אַזוינס? — אַן אויגנבליק האָט זי געזשמורעט אין דער אויס־געשפּרייטער שיין אַריין.

3

ביים אָוונטמאָל האָט זי זיך באַגעגנט מיט אים. ער איז געווען אַן אויסגעשלאָפּענער, מיט קלאָרע, פּולע אויגן, די באַקן פריש אויסגעגאָלט, אָבער נאָך אין דער פּידזשאַמע. אָנגעקוקט זיך, האָבן ביידע פאַרלעגן גע־שמייכלט און שעמעוודיק אַריינגעשטעלט די אויגן אין די טעלערס. אַ גרויסע מאָלצייט מיט זופּ, מיט פליש, סאַלאַט און פּרוכט. געווען עפּעס צו טאָן! עסנדיק האָבן ביידע געשפּירט אַ באַדאַרפטיקייט צו רעדן, אַליין זיך אַראָפּצורעדן פון דער ענג־פאַרשפּיליעטער ברוסט, די שטילקייט אָבער, דאָס גליווערנדיקע ליכט פון די טירן, וואָס קוקן אויף זיי חשדיק — אַלץ אַרום פאַרהאַקט ס׳מויל. געגעסן און ווי אַ ביין איז אים אין האַלדז גע־שטאַנען די דריקנדיקע דערמאָנונג אַז זיין סגאַל איז שוין פון לאַנג אָפּגע־ווינט פון אַזוינס, כאָטש ער האָט נישט שלעכט פאַרדינט. ס׳אַ הונגעריקס, אַן אויסגעדייוועדטס, דאָס גאָר יונגע לאַנד פון די יידן. וואָס ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין גאַנץ איז חרובדיק, וואָס פּעט — איז איינגעדאַרט, ליידט דערפון דער אויסגעמאָטערטער ייד — — געגעסן, געשלונגען און געשטיקט זיך מיטן נישט אַרויסגעזאָגטן. צום סוף האָט ער זיך נישט געקענט מער גובר זיין:

— פריילן לילי, וואָס טענהן זי? — און אָנגעהאָנגען איז איר זיין בליק. איר איז געווען פריקרע יעדער קלאַנג וואָס האָט ווי אַ באַזאָפענער דאָ זיך געוואָקלט איבער דער געשפּאַנטער שטילקייט אין דער אָוונטיקער גרויסער דירה מיט די אָנצייליקע טירן, וואָס קוקן אויף דיר, היטן דיך.

זי האָט זיך אָנגעשטויסן: ער מיינט די אכילה, די פּריצישע ווינונג וואָס זיי האָבן געפונען. נישט געוואָלט פאַרשטאַרקן דעם גרילץ וואָס ס׳פּלוצ־לינגע רעדן האָט אַרויסגערופן, האָט זי געענטפערט גאָר קאַרג:

— אַזוי...

אָבי אים אָפּצופּטרן.

ער האָט געפּרוווט נאָך רעדן, זי אָבער איז געווען אומווילִיק דערצו און דער אָפּגעריסענער שמועס איז ווי אַ טשוואָק געבליבן שטעקן אינעם נישט ניחאדיקן שווייגן.

מחמת דער אומגעריכטיקייט פון אַלץ, וואָס האָט זיי אָקערשט דאָ אַרומגענומען, האָבן ביידע דאָך זיך נישט געפונען באַקוועם. חוץ דעם האָט זיי געשראָקן אַן אומבאַגרייפטע שרעק: אָט קומען אַן נאָך מענטשן,

אומבאַקאַנטע, פרעמדע — וואָס וועלן זיי זאָגן אַזוינע, וואָס זיי ענטפערן? ס׳וועט זיין אַ שטאַרקער אָנפאַל פון דער אָנגעשפיצטער פרעמדקייט. די אַלע צימערן זענען פול מיט דעם; די־אָ טוען זיך מסתמא איבער, וואַשן זיך, גרייטן זיך אַריינצוקומען! די ליידיקע שטולן אַרום טיש, די צוגעגרייטע לעפל־גאָפל־מעסער, די גלעזער, די צונויפגעלייגטע סערוועטקעס וואַרטן אויף די דאָזיקע. זיי, די אויסגעהונגערטע צו אַלץ וואָס דאָ איז אָנגעשטעלט, וועט נישט פאַסן אָנצולייגן זיך די בייכער, אַז יענע וועלן קומען. די אַנ־דערע כאַפּן זיך אַוודאי נישט צו צום עסן אַזוי ווי זיי. ס׳אי׳ נישט אידל.

די מערכה האָט זיי צוגעדינט. קיין זייטיקע זענען נישט אָנגעגאַנגען. איינע אַליין אָפּגעגעסן אין גרויסן, ליכטיקן צימער, זענען זיי אַריין אין זייערע קליינע שטיבלעך זיך איבערטאָן, כדי באַנאַנד אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין. אויפגעשטעלט זיך, האָבן זיי זיך טאַקע דעררעדט:

— מ׳דאַרף אַ קוק טאָן אין שטאָט אַריין, — האָט ער געזאָגט — זי גייען, פריילן לילי?

זאָגן „ניין“ דאַרף מען קענען אין אַזאַ געמיט. זי האָט עס נישט געקענט.

פאַרבייגעגאַנגען דערנאָך דעם נאָך נישט אָפּגערוימטן טיש, האָטביידן זיך אויסגעדאַכט אַז דער זשמורנדיקער זשיראַנדאָל שושקעט זיך וועגן זיי מיט די פאַרקוקטע ווענט, מיטן זלידנעם איבערבלייבעכץ אויף די טעלערס:

— געסט אויסטערלישע, געזען אַזוינס? פרעסן זיך אָן און לויפן. בייטן נישט אויס אַ וואָרט מיט דער גוטער באַלעבאָסטע. זאָגן צומאָל נישט דעם געוויינטלעכן „גראַציאַ“.

טאַקע געלאָפן. פון אַלע דריי שטאָק ווייסע מירמלנע שטיגן זענען זיי אַראָפּ ווי געיאָגטע. געמאַכט פּיס. ער — פאָרויס, זי הינטער אים, און אויס־געזען האָט עס ווי זיי וואָלטן זיך שטאַרק געאיילט ערגעץ־ווו. אין דער אמתן האָבן זיי נאָר נישט געוואָלט עמעצן אָנטרעפן אין טרעפּן־הויז.

אויף דער גאַס איז זיי שוין נישט געווען קיין געאייל; אויף דער גאַס איז געווען פינצטערלעך. ס׳האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ קילער אָוונטלעכער פלאַטער. עס האָט געצויגן פון ים, ים אויסגעמישט מיט געדיכט טונקעלן הימל און קאַלטן עלעקטרישן פייער, וואָס האָט פלעקנווייז זיך דורכגעריסן דורך דעם צוזאַמענגעאָסענעם בלעטערוואַרג פון דער אַלייע, ווו זיי האָבן

זיך אָפּגעשטעלט. אַאַאַ־אַ, — האָט ער מיט הנאה הויך אָפּגעאָטעמט און זיך צוגערוקט צו איר:

— ני, פֿריילן לילי?

— וואָס ני...? — איז איר נישט געפֿעלן זיין שטעל אַקעגן איר. — גייט גליידך!

— וואָ׳דען? — האָט ער געענטפֿערט אַן אָפּגעבריטער פֿון איר שטרענג־קייט. געשפּירט אין דעם זיינע אַ שטרויכלונג און אַ קלער געטאָן: — נישט געטאָרט אַזוי. זי איז אַ געלאַרנטע, — אָבער געזאָגט האָט ער:

— מ׳דאַרף זיך פֿירן אַרטיק, העי? מ׳אי׳דעך אין אויסלאַנד.

און זיין פּנים האָט באַזאָפֿן, ברייט געשמייכלט צו איר.

זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי זי וואָלט אים נישט געהערט. גע־גאַנגען זאָל ווערן, האָט באַטייט איר האַסטיקער, שטומער שריט פֿאָרויס. געשפּאַנט נעבן איר האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַהין, אַהער. ר׳האָט אַזוי־נאָך געפּרוווט אַרויסצוקומען פֿון דער צעטומלטקייט.

— האָסט געזען: אַזוי פֿיל צו אַכלען! — האָט ער פּלוצלינג זיך אָנגע־רופֿן אין אַ טאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

— מ׳זאָל אין דער מדינה האָבן אַזעלכע בתי מלון וואָלט נישט שלעכט געווען, בחיי, — האָט ער ווייטער געשמועסט מיט זיך.

פֿריילן לילי איז, ווי געווען, ווייטער פֿאַרטאָן אין דאָס איריקע. ער האָט׳ס נישט אויסגעהאַלטן און איר אַ ריר געטאָן ביים אָרעם:

— זי האָבן געזען פֿאַרציעס פֿלייש, איי־איי! כ׳האָב זיך געשעמט צו באַקענען זיך צו דעם. ס׳איז נישט פֿאַר אַברהמען געדאַכט, — און נישט קלוג פֿאַרקרימט די באַקן אין אַזאַ מין געלעכטערל: קהי־קהי־קקי.

איר האָט עס באַשיימפּערלעך געאַרט.

— מ׳עסט ווי מ׳קען. — איר פּנים האָט אומליב געצוקט. ס׳האָט איר פֿאַרדראָסן למאי ער האָט זיך דווקא פֿאַרמאָסטן אויף אַזאַ גערייידעכץ. — די איטאַליענער, האָט זי געזאָגט, האָבן אויך שוין געהאַט צייטן פֿון הונגער. אין ישראל וועט אויך ווערן בעסער.

— פֿאַר דעם האָב איך דאָך בלוט אָפּגעגעבן! — האָט ער פֿון ס׳ניי געשפּירט דער פֿריילנס פֿאָרוווּרף. — זי זעען דאָ דעם שראַם אויפֿן שטערן? — האָט ער פֿאַר אַ ווייל צו איר צוגעבויגן זיין קאָפּ. — ס׳איז מיין חותם אויף אונדזער מדינה. ווילן זי גוט קוקן, שראַבט זיך דאָ: „ארץ ישראל״.

איצט האָט זי מאָדנע געשמייכלט, ס׳קליינע נעזל האָט צוגעציטערט:

געטראָפן דער... — איז איר איינגעפאַלן — נישט נאַריש זיך געוועדט קעגן איר מוסר. און אויף צו געבן אים אַ פולע פאַרגיטיקונג, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גיין און צוגעפירט אַ פינגער צו זיין רעכטער שלייף:

— רעכט, רעכט. אַ גבור זענט איר, אַן אמתער איש־צבא פון ישראל.

האָט זי שוין דערמאָנט וועגן חייל, די מלחמה פאַר דער ייִדישער מדינה, האָט גיך זיך אויסגעלייטערט זיין געמיט און גלייך ווי פון אַ שפרודל־דיקן קוואַל איז ביי אים שוין געגאַנגען אַ מעשה אין אַ מעשה. ער האָט געהאַט ס'געפיל אַז פריילן לילי דאַרף עס הערן פון אים, דורכויס פון זיין מויל, ווי אַזוי ער איז פון יעקע־לאַנד אויף אַ קאַליקעוואַטע גריכיש שיפל אַוועק קיין ארץ, ווי אַזוי ער איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין דער ערשטער שלאַכט, פאַרטריבן די אַראַבער פון יפו, איינגענומען דעם נגב. טאַקע ער!

— אַזוי ווי זי הערן. און אָסור צי כ'האָב זיך געשראָקן. ס'אייגענע לעבן אין גאַנצן נישט געדענקט. אַזוי פיל געליטן, זאָל מע זיך ווייטער לאָזן פייניקן?! מ'טאָר זיך מער נישט לאָזן. מ'האָט דעם שונא געשלאָגן מיט פייער, געשראָקן מיט געצונדענע פעסער סמאָלע, אָפּגעוואָרפן מיט ייִדישע המצאות און מיט אמתער גבורה.

— אַזוי געפעלט מיר, אַבראַם!

געגאַנגען און ווידער זיך אָפּגעשטעלט, דערלאַנגט אים די האַנט און זי האָט געזאָגט:

— לאָמיר אָפּמאַכן נישט קיין שלעכטס צו רעדן וועגן אונדזער מדינה. מ'האָט געליטן, ווייל מ'מוז. מיר האָבן זי פאַרלאָזן? דאָס איז נישט קיי־נעמס עסק. עס איז אַ משפחה־זאַך. אין היימישע ענינים מישט זיך נישט קיין שום רעכטפאַרטיקער מענטש, אויב ר'איז אַ זייטיקער. און מיר זענען דאָך זייטיקע.

— איך רעד אויס? חלילה וחס. און קיין שלעכטס וועל איך נישט זאָגן, כאָטש...

זי האָט אים איבערגעריסן:

— האַלט איך פון אייך, אַבראַם!

זיינע אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט. ווידער האָט זי אים אָנגערופן ביים נאָמען און אין דעם דערשפירט נאָענטקייט פון איר. ער איז איינזאַם אויף דער וועלט, וואָרעמקייט איז אים זשעדנע. דאַכט זיך, גאָר אַ ווילע די לילי. זי זעט, כ'בין קנאַפּ געלאַרנט, מוז מע זיין אַ ביסעלע שטרענגער.

גאַנץ גיט אַזוי, — און ער האָט געגומען קוקן אויף לילין מיט ציטעריקער דערוואַרטונג, מיט דאַנקבאַרקייט פֿאַר אירן אַ קוק, פֿאַר אַ ליבלעך וואָרט.

4

זייער פֿאָרן האָט זיך פֿאַרשלעפּט. מ׳האָט געמוזט וואַרטן — ער אויף אַ שיפֿקאַרטע פֿון פּעטערשי, זי אויף אַן אַריינפֿאָר־דערלויבעניש פֿון דער פּערואַנער רעגירונג. פֿאַר אַ ייִד מוז מען צוטראַכטן צרות, אויב זיי זענען נישטאָ, האָט זי גערעדט מיט גאַל. דער ברודער שרייבט: אַלץ שוין געמאַכט, אַלץ איז באַוויליקט פֿאַר דיינעטוועגן און זי, זי מוז נאָך צאַפּלען. נישט לייכט וואַרט זיך אונטערוועגס. גוט, וואָס דער אַבראַם האָט איר אויסגערעדט, געטרייסט. געוווינט באַנאַנד, אין גאָר נאָענטער שכנות, האָבן זיי געמוזט זיך טרעפֿן אַ פּאָר מאָל אַ טאָג. ממילא האָט איינע געהאָנגען אַן צווייטן, בפֿרט אַז קיין היימישע איז סיי ווי נישט צו געפֿינען אין אַזאַ מקום: אַז סאַמע פֿרעמדס האַלט זיך דאָ אויף. פֿון מענטשנס וואַגלען און צאַפּלען זיך איז די פּרנסה פֿונעם רוב דאָיקע. גוטע זענען זיי אַלע, נאָר סכנות ענג איז דאָ פֿאַר אַן אונדזעריקן. דאָס האָבן געשפּירט סיי ער, סיי זי. פֿון מאַלצייט־טיש זענען זיי כמעט שטענדיק אַראָפּ אין גאַס זיך איבערגיין. און כמעט תמיד דער זעלביקער שמועס: לילי האָט אַבראַמען דערציילט פֿון אירע בריוו, ער — וואָס דער פּעטערשי שרייבט. דער פּעטערשי האָט אים אַרויסגעצויגן פֿון דער מדינה, דער פּעטערשי זאָגט־צו. בריוו איז דער תוך פֿון זייער גאַנצן טראַכטן, די האָר אויף וועלכער עס האַלט זיך דעם מענטשנס גורל, די גורלות פֿון די וואָס זענען געבליבן שטאַרן אין דער ווייטיקלעכער ליידיקייט, וואָס עקבערט אין בלוט, פֿינצטערט דעם בליק. דער פּעטערשי, — פֿלעגט אַבראַם זאָגן, — דער פּעטערשי איז „אַ מענטש, זאָל מע שוין געזינט זאָגן״. ר׳האָט צוויי געשעפֿטן, דער פּעטערשי, אין ריאָ דע זשאַנייראָ; איך בין אַן איינציקער וואָס איז אים געבליבן לעבן פֿון דער נאָענטער גרויסער משפּחה. ער האָט זיך שיִער נישט צעוויינט, דער שטאַרקער מאַנצביל, פֿון וואָס לילי איז גערירט געוואָרן און איר וואָרט האָט אים אַ גלעט געטאָן: „איר׳ט נישט איינער אין דעם אומגליק, אַבראַם. פֿאַרפֿאַלן״. אַבראַם האָט אַראָפּגעשלונגען די שטיקנדיקע טרער און גייענדיק פֿאַרמרויט לילין אַז דער פּעטערשי האָט אויך אַ טאָכטער.

— איך קאָן זי נישט, דערמאָן זיך נישט, ר'זאָל אַ מאָל האָבן געשריבן אַהיים וועגן אַ טאָכטער אַמאַליאַ. — ער גיט עס צו אין פֿאַרלעגנהייט און ווערט טרויעריק פֿאַר אַ ווייל. דערנאָך דערציילט אַבראַם אַז זי, דעם פֿעטערס טאָכטער, שרייבט קיין מאָל נישט צו אים. כ'בין דאָך אַ קוזין אירער, האָ? — פֿרעגט ער אין אומעטיקלעכער פֿאַרטראַכטקייט. — אַ קוזין אַן אַרויסגעצויגענער פֿון שרפֿעדיקן קאַלכאויוון, און דאָך — — חידושלעך מיט די מענטשן פֿון אויסלאַנד! זיי גלייבן אונדז נישט, פֿריילן לילי, אַז מ'האָט איבערגעלעבט אַזוינע גרוילן. אַ דערוואַקסן מיידל און זי זאָל זיך נישט איבערנעמען מיט די פּיין פֿון אַן אייגענעם! דער טאַטע האָט דאָך מסתמא איר דערציילט. דער פֿאָטער וואַרפֿט נאָר צו תמיד אַ גרוס פֿון איר. „מיין אַמאַליאַ הייסט דיך גריסן גאָר פֿריינדלעך". זאָגן איהן דעם אמת? כ'האָב שוין אַ סך געקלערט פֿון דעם. ס'לאָזט זיך עפּעס נאָכטראַכטן. ווי מיינען זי, לילי? שטעקט נישט אַ שכל אין דעם רופֿן מיך אַהין, אין דעם שרייבן, אין די בכיוונדיקע זייטיקע גרוסן פֿון דער אַמאַליאַ? —

די אויגן פֿינקלען אים אין דעם גאַרן קיילעך פֿון זיין ברייטן פּנים, וואָס האָט שוין באַוויזן צו קריגן אַ געדיכטן ברען פֿון דער זון.

— ר'ווערט קומען אויף אַן אָרט, וועט איר שוין זען, — האָט זי אומגערן זיך אָפּגערופֿן — „אַ בהמה פֿון אַ יונג, איך זאָל וויסן וואָס אַ כניאַק האָט אין זינען!" די קלאָץ־קשיות האָבן איר געעקרט: וואָס דערגייט ער עמעצן די יאָרן? ער איז טאַקע אַן אָרנטלעכער, ווי עס זעט זיך, אָבער ווער קען אויסהאַלטן אַזאַ פּראָסטקייט! זי וואָלט שוין וועלן פֿון אים פּטור ווערן, הלוואי קריגט ער מאָרגן די שיפֿקאַרט. זאָל ער פֿאָרן! אָבער ס'איז קלאָר אַז עפּעס מער ווי אַ שיפֿקאַרט פֿעלט אים. זי וועט אים אָבער נישט גראָב פֿאַרקומען. ער פֿאַרשטייט דען בעסער? העכסטנס קען זי אים זאָגן: „אַבראַם, נאָכמיטיק גיי איך זיך וואַשן. קומט נישט צו מיר. אַבראַם, כ'האָב צו שרייבן וויכטיקע בריוו. איר האָט מן הסתם אויך עפּעס צו טאָן, אמת?" אויסטערליש, זי פֿילט זיך נאָך שולדיק קעגן אים, וואַרפֿט אים צו אַ שמייכעלע און קערט זיך אָפּ. נאָר אויף אַזאַ אופֿן גיט זי אים אַ לויף־פּאַס, וויבאַלד ער האָט גענומען קלעפּן צו איר, נישט אויסגעקומען אָן „פֿריילן לילי" ביי יעדן שריט.

יאָ, מחמת לאַנגווייל מוז זי פֿון אים ליידן. אַ לעבעדיקער מענטש קען זיך נישט פֿאַרמויערן אין שטוב, און זי איז אַ פֿרוי. אַ פֿרוי איינע אַליין, וועט זי נישט אַרויסגיין אַפֿילו שפּאַצירן.

פֿון לאַנגווייל, מחמת נישט שטענדיק קען מע גיין אין דזשאָינט, מ׳קען נישט אייביק אַריינקוקן אין זעלביקן בוך, וואָס וואַלגערט זיך אין דער וואַליזע — און צו להכעיס איז דער זומער אַזאַ אויסגעצויגענער — מוז פֿריילן לילי מיט ־אַזוינעם טיילן די טעג און די אויפֿדערנאַכטן.

איינע אַליין איז סתם שווערער זיך צו שלעפֿן אַהין און אַהער; זאַלבעצווייט איז גרינגער. פֿריילן לילי האָט נישט קיין עצה: אין איר צרה איז ד ע ר איר באַשערט צו זיין דער באַגלייטער. עלעהיי דער מענטשן־שאָטן אין זונליכט צי אין אָוונטשיין.

פֿאַרלאַנגווייליקטע זעט מען אָפֿט אין דער טאָרינער אַלייע די בלאַספּנימדיקע, שוואַרצהאָריקע, שטאַלטנע יונגע פֿרוי ביי דער זייט פֿון דעם פּלייציקן, בלאָ־אויסגעגאָלטן יונגן מאַן וועגן וועלכן מ׳ווייסט אַז ער איז נישט איר מאַן און נישט איר ברודער. וועגן אַ מאָדנער נאָענטקייט טראַכטן די דאָ:קע פֿון די־אָ צוויי און אַן אויסטערלישע קעלט טראָגט זיך פֿון זייער שווייגעוודיקן פֿאַרביישפּאַצירן. פֿרוי דזשענאָוועזע פֿון פּענסיאָן האָט געגנוג צייט, גייט זי אַריין צו שכנים, שטייט פֿאַר דער טיר מיטן הינטל ביאַנקאַ; זי האָט ליב אַ מוטל צו טאָן. דערציילט זי עפּעס, ווייסט עס באַלד די באַלעבאָסטע פֿון דער מילך־קראָם. אין די ליידיקע נאָכמיטיקן האָט די מילכערן גערן צו שטיין פֿאַר איר שוועל, אַלעמען נאָכקוקן און איטלעכן אַנטקעגנצוטראָגן איר ברוסטיקן „בוענאָ סעיראַ״. צו עמיליאַ נאַוואָנע פֿון מילך־קראָם גייען פֿרויען פֿון דעם גאַנצן אַרום, אַפֿילו פֿון די שכנותדיקע גאַסן. צוויי מאָל אַ טאָג גייען זיי — אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט. פֿול מיט מענטשן זענען די הויכע, שטיינערנע הייזער אַרום דעם־אָ ראָג פֿון קאָרסאָ טאָרינאָ. ס׳איז געמיטלעך און נישט צו שטאַרק זענען זיי געפּלאָגט פֿון טעגלעכע דאגות. רעדט די מילכערן, הערן עס באַלד די דערבייִקע הויכע, שטילע הייזער און מ׳קוקט־שוין־נאָך די פֿרעמדע.

טרעפֿט מען די יונגע, בלאַס־פּנימדיקע אויסלענדערן מיט איר באַגלייטער גיין מיט פּעקלעך, איינגעוויקלטע אין גראָבן פּאַפּיר, ווייס שוין די מילכערן — זיי זענען אַוועק אין דער וועשעריי. פֿרוי דזשענאָוועזע האָט דווקא דאָס נישט באַדאַרפֿט דערציילן. זי האָט ליב צו רעדן פֿון עמעצנס אַ ניי קלייד וואָס איז אומגעראָטן געניית. אַזאַ פֿיינע סחורה אַזוי פֿאַרטאַכליעווען, און נאָך פֿאַר אַזאַ פֿיגור אַ צאַצקע, — שנירלען זיך אירע ליפּן מיט דאַמעשער מבינות. די מילכערן באַדאַרף נישט אַזוי פֿיל הערן פֿון עמעצן אויף צו קענען יענעם באַרעדן. אָ, זי אַליין ווייס אַ סך. געגנוג איר

נאָר אַ פּיפּס, אַ מרוזשע מיטן אויג. זי האָט אַ שווער לייב און צעגאַסענע, ריזיקע פּיס, שטייט זי רק פאַרן קלייט, קוקט, קלערט־נאָך עפּעס געזאָגטס, עפּעס געהערטס. און קומט מען צו איר, גייט זי שוין אַלעמען אַנטקעגן מיט „זייער וויכטיקס״.

פון לאַנגוויל און אויך מחמת אומגעדולד פון וואַרטן אויף „זייערע שיפן״, שלעפּן זיך לילי מיט אַבראַמען צו די אויסשטעל־פענצטער פון דער שיינער הויפּטגאַס: צירונג פאַראַן אין זיי לרוב, פּערל, בריליאַנטן, בראַס־לעטן, זיידנציייג, קעשענע־ראַדיאָס. אַ וועלט מיט אויסטערלישע נייסן, אַ שיינע וועלט וואָס איינצלנע מענטשן האָבן זי און דער רוב גלוסט בלויז צו איר, פגרט. און ווערן לילי מיט אַבראַמען „סתם משוגע״ פון גאָר נישט צו האָבן צו טאָן, בלאָנדזשען זיי איבערן טומלדיקן, פאַרביקן מאַרק. זי קען אַבראַמען אויך ציִען צו דער פּאָסט, כדי אָוועקצולייגן אַ מאָגער בריוול; אין פּאָסטקעסטל ווילט זיך נישט אַריינוואַרפן דעם בריוו. ר׳וועט לאַנג גיין, זאָגט זי. באַנאַנד האָבןביידע שוין אויסגעמאָסטן אַלע שיינע באַרגיקע ער־טער אַרום שטאָט, געזוכט איבערראַשונגען. לילי האָט אויסגעפונען אַ מאַל־פּעלע, וואָס כאָוועט זיך אין אַ הויף אונטער אַ ברייטער פּאַלמע. ס׳מאַלפּעלע שפּרינגט אויף אַ קייט, פאַרבייגייערס רעדן צו דעם, וואַרפן צו אַ מאַראַנץ, אַ נוס. דאָס עסט, קלייבט אַרויס די קערנדלעך, וואַרפט די שאָלן, איז ערנסט באַשעפטיקט.

פריילן לילי האָט אַהינגעפירט אַבראַמען צום מאַלפּעלע:

— שיין? — האָט זי זיך געחנדלט פאַר אים. — איר׳ט זיין אַ לייט, וועל איך אייך ווייזן נאָך שיינע זאַכן. — זי האָט עס געזאָגט מילד, ליב געשטעכעלירט און ער האָט מאָדנע צופרידן געבראָכן ס׳ברייטע, בלאַע פּרצוף:

— וואָס, כ׳בין דען נישט קאַ׳ לאַאַט? לאַרנען זי מיך, וועלעך זיך פאַ־פראָוען, — און זיינע ציין האָבן שטאַרק געגלאַנצט.

5

הייס זענען די טעג. מיט פולער ברוסט אָטעמט זיך ערשט אָוונטצייט. דעמאָלט קלייבן זיך מענטשן צום ים. לענגויס דעם בולוואַר — אויף די פעלדזיקע הויכקייטן, טיף איבערן ים־ברעג צעעפענען זיך מיט ליכטיקייטן

אַ שערענגע שטילע, בכבודיקע עסהייזער, דאַנסינגס און האָלן פֿון קאַלטע געטראַנקען, אייזקרעם און אָקערשט־פֿאַרפֿאַרעטע, שטאַרקע שוואַרצע קאַווע. מיט פֿליסנדיקער מוזיק און מיט ריחות פֿון געפּרעגלטע פֿיש וויגט זיך דער בולוואַר און עס הוידעט זיך דער ים־ברעג. פֿון אַלע עקן שטאָט ציט מען אויפֿדערנאַכט צום ים. ווי לאַנגע, ווייס־באַוועגטע סטענגעס פּליוכעט זיך דער נידעריקער נאַכטישער ברעג, ער שוימט. נייגעריקע שטעלן זיך אָפּ, מידיקלעך לענען זיי זיך אָן אין דער שטיינערנער באַלוסטראַדע, הערן ווי ער רעדט, דער ריזיקער ים, און ער פֿאַרלירט זיך ערגעץ אין שוואַרצן אָנענד. די לופֿט איז אָפּגעפֿרישט און דער געמיטלעך אָונטלעכער טומל וויגט זיך אויף די העלע, זומערדיקע זאַפֿטיקע פֿאַרבן פֿון אַנטבלויזטע מיידלשע נאַקנס, אויף בלומיקע קליידער און צעשויבערטע, ברעקלענדיקע קולות. עס שטייט אַ רויש אַזש ס׳באַמערקט זיך נישט די שיין פֿון די בייזייענדיקע לאָמפּן, וואָס אויף די מיטגייענדיקע הויכע סלופּעס, אויף די לייכט אָנגעפּלאָנטערטע דראָטן. ווייל אַ שטאַרק ליכט הויפּט אָן ס׳שיכורע געזאַנג פֿון די מענטשישע געלוסטן, וואָס גייען דאָ אויף. ערשט אין טיף־נאַכט כאַפּט מע זיך אויפֿן בולוואַר: „שוין אַזוי שפּעט!״ מ׳דערזעט אַז דער הימל איז געדיכט שוואַרץ, מ׳באַדאַרף אַהיים גיין, כאָטש די מידיקייט איז ווי געוועזן — שווערפּיסיק, מיט הילכנדיקער פּוסטקייט אין קאָפּ.

דאָס נעמלעכע טרעפֿט אויך מיט פֿריילן לילי און אַבראַמען. זיי פֿאַרפּלאָנטערן זיך צווישן די שפּאַצירנדיקע, פֿאַרגאַפֿן זיך. אַ מאָל לויפֿט ער פֿון איר אַוועק אויף אַ מינוט, ברענגט ווי אַ קינד אַ שקאַרמיצל אייזקרעם, דערלאַנגט עס איר: „נעמען זי, פֿריילן לילי״. „אַ דאַנק״, נאָר אַליין וויל זי עס נישט אויפֿעסן, זאָגט זי אין נעפּל פֿון גליק, וואָס האָט־אָ זיך צוגענייגט צו איר. „אַ פּראָסטער, און דאָך...״ גייענדיק לעקן ביידע ס׳זיסע, שמעקעדיקע אײַז, זאַפֿן זיך אָן מיט אָונטיקער פֿרישקייט, שלינגען אַן אינטענסיוו־אויפֿגעוואַכט טראַכטן פֿון האַרץ, וואָס קלעמט זיך אָקערשט, נאָגט און איז זשעדנע צו הערן נאָענטנס, געטרייס.

פֿון לאַנגוויל זענען זיי געגאַנגען אויך צום פּאָרט אָפּוואַרטן שיפֿן אָנקומענדיקע, אַוועקגייענדיקע: ייִדן קומען און ייִדן פֿאָרן. אויך קיין ישראל. ייִדן פֿאָרן אין די אומעטומען. צו ייִדן איז אַ ברענענדיקע בענקעניש, אַ נאָגנדיקע, איז כאָטש זעען שיפֿן. אין שיפֿן קען מע געפֿינען אַ ייִד. יעדע שיף וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג פֿרישע מענטשן, יעדער מענטש ברענגט נייס. און ייִדן האָבן אַוודאי אַ סך צו דערציילן. אין דער דאָזיקער שטייני־

קער פֿרעמד איז מען להוט צו אַלץ וואָס זאָגט אָן אַ ברעקל לעבן פֿון ערגעץ. און לילין מיט אַבראַמען האָט געצויגן צו קוקן ווי מענטשן טרעטן אויף די בריקלעך צו די מאַכטיקע, שווימענדיקע הייזער. פֿאַרקוקט זיך אויפֿן ים און אויף די אָפּפֿאָרנדיקע האָט די ברוסט אויסטערליש פֿאַרקלעמט. איז עס בענקשאַפֿט בלויז?

אין סקווער ביים פּאָרט רוישט עס אין די דושנע אויפֿדערנאַכטן. אַלץ איז מיד — דער ים פּליעסקעט שלעפֿעריק דעם ברעג. די ביימער זענען טונקל פֿאַרבאַבלט און דער הימל לענט אָן דעם בליק אויף די דעכער פֿון די נאָענטע שפּייכלערס, פֿון די האָטעלן. מיד איז די גאַנצע שטאָט, אָבער ייִדן וואָס זענען מיד פֿון דריקנדיקן עלנט, זוכן זיך דווקא אויף מתוך דער עלנטקייט. איינער מאַכט דעם אַנדערן אָן אָרט נעבן זיך אויף דער באַנק פֿון אָוונטיקן סקווער. אַלע טוליען זיך צונויף. מ׳שלאָגט צוזאַמען די קעפּ אויף אַ צוויי שכנותדיקע בענק, מ׳גיט זיך איבער „אינטערעסאַנטס“, מ׳שמועסט, טייל נעמען זיך היצן — — לילי מיט אַבראַמען פֿלעגן אַ מאָל מיטלאַכן, אויך אויסהערן עמעצנס פֿלוצלינגע רוגזה און לסוף זיך אָפּרוקן. אַזוינס ווילן זיי נישט הערן. אַן אַנדערש מאָל זענעןביידע אַוועק פֿאַרשטומטע. גאָר ביטערע טענות צו דער יונגער מדינה! פּאָליטיק איז אַ ביטערע זאַך. וואָס ווילן מענטשן? ס׳טעלערל פֿון הימל איז נאָר אין מעשהלע. געוויס, אויך זיי זענען אַוועק פֿון ארץ, האָבן איבערגעריסן מיט אַלעם וואָס קען זיי צובינדן צום לאַנד. ס׳זענען יסורים וואָס מ׳קען נישט אויסדערציילן. איצט שפּירן זיי זייער קלעמונג נאָך שאַרפֿער. דאָ קאָכן זיך, האָבן הנאה פֿון געוואַלדעווען די, וואָס גייען ערשט צום אויסגעלייזטן לאַנד מיט אָנגעפּוישטער ברוסט און עס רייסן זיך די העלדזער יענע וואָס זענען אַוועק פֿון דאָרט אָפּגעבריטע ווי פֿון אַן אומגעריכטער פּראָסט. די־אָ זענען אַוועק און גאָר איינגעשניטן אונטערוועגס. זיי וואַלגערן זיך, האָבן נישט קיין פּרוטה צו פֿאַרטרייבן דעם הונגער און שטייען נאָך פֿאַר פֿאַרמאַכטע טויערן פֿון די מדינות, ווו זיי האָבן געלאָזן אַ העלפֿט פֿון זייערע לעבנס. „פֿאַרראַט“, ליאַרעמען איינע; „איר זענט שיכור, איר וועט רעדן שפּעטער, נאָך דעם“ — שפּאָטן די אָפּגעקילטע. די און יענע האָבן זייער מענטשלעכן, ייִדישן חלק רעכט נאָך נישט צוגעטראָגן צו דער דראַמע ישראל, — טראַכטן לילי און אַבראַם — די־אָ האָבן זיך נאָר איבערגעפּאָרן. ס׳איז ס׳געשריי נאָך דעם ערשטן ברי. דאָס וואָס קאָכט זיך דאָ איז אַ ווינטמיל אַנטקעגן שטורעם. זיי, אַבראַמען מיט דער־אָ, מוז מען דווקא מיטשלעפּן אויף די דאָזיקע

צעהודזשעטע פליגל? בעסער נישט צו קומען אַהער, נישט אויפרודערן ס׳אַנטשוויגענע, קלערט אַבראַם. אין דער היים, ביי אַ געלעגנהייט, וועט ער שמועסן וועגן דעם מיט פריילן לילי. זי איז אַ קלוגע. ס׳לויפן סתם, איז אַן אומגליק פאַר מענטשן: פאַר אויבנאויפיקן חשק צו ישראל האָבן טייל געוואָרפן די היימען דאָרט, וווהין אים ציט ערשט היינט. נישט אויסגע־האַלטן דעם פרווו פון לײדן, אַלץ געפטרט. איצט האָבן זיי נישט וווהין אַוועקצוגיין. קאָנסולן זענען האַרט ווי קיזלשטיין, אַן הערצער זענען די מושלים. „ביסט אַ ייִד...?"

אויך זי, לילי, וויל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט: ס׳איז אַ צעריסענער דער דור אונדזערער. ווייטיקן וואָס זענען נישט צום דערטראָגן, שטילט מען מיט נאַרקאָטיקעס. נאָך דעם מוראדיקן חורבן פון פאָלק, איז ישראל אַ היילנדיקער נאַרקאָז. דערווייל נעבעך נישט פאַר אַלעמען. מ׳מוז האָבן כוח. ייִדן דאַרפן האָבן מיט וואָס זיך צו באַגייסטערן. דאָס איז קודם כל און ס׳איז אַן עיקר, אויב מ׳איז שוין יאָ אַזוי פיל געברענט און געבראָטן געוואָרן, שוין פון אַזוי פיל אויוונס ברויט געגעסן. הפנים, באַגייסטערן זיך בלויז מיטן געפיל אַז מ׳האָט אייגנס איז נאָך צו ווינציק, אויב הונגער שלאָגט, אויב שנאה בייטשט — אַזוי פון אינעווייניק און אַזוי פון דרויסן. אמת, אמת, ס׳שוין גענוג מיטן געקלאָג. אַרבעטן, בויען, איז דער ער־שטער מוז. אַנדערש גייט עס נישט. מ׳מוז לעבן, און לעבן הייסט פאַרגעסן דאָס בייז — צומאָל לפנים פאַרגעסן. מיט איר, לילין, איז דען נישט פונקט אַזוי? ערשט זיך צעבראָכן, אָבער קלאָגן אויף דעם אומבאַוווסטן: ווער קומט איצט איר אַנטקעגן? אַזאַ ווי דער...? ווער קען וויסן וואָס זי איז ווערט אין אמתן! באַשטימט: בויען, בויען, האַרעווען. צי אויף שטיין, צי אויף וואַסער, דאָס איז שוין אַ גורל־זאַך. אַלץ וואָס שטערט, מוז מען בייקומען. בויען, אויך זי מוז בויען, אַנדערש איז — טרויעריק, נישטיק, נישט כדאי צו דרייען זיך דעם מוח מיט אַ תכלית וואָס האָט אייגנטלעך נישט קיין פאַרב און נישט קיין געשטאַלט. איר פאַנטאַזיע איז שוין אויסגעליידיקט.

ניין, זי וועט נישט טרויערן.

ווי אין שטורעם האָט ס׳טראַכטן צעשפאַרט אירע געהירן.

— גייען מיר?

דערווייטערט זיך פון סקווער גייט זיי נאָך דער פיינלעכער שטרייט. מיט בליצנדיקע אויגן, מיט גערעגטן האַרץ וואַרפן זיך די וואָס שטייען

נאָך אין שאָטן פֿון די אַלץ רייכערנדיקע ייִדן־שייטערס. געליטענע קענען נישט פֿאַרגעסן זייער פּיין. קולות, הערן זיי, שרייען זיך איבער:

„ווינציק אונדז אויסגעקוילעט, היטלער?‟

„נישט אייך האָט ער ווי געטאָן, נאָר אונדז, די ייִדן פֿון יוראָפּ! גע־דענקט כאָטש: די ייִדן פֿון יוראָפּ! איר זענט אויסגעפּרעסן, איר זענט שוין צופֿיל אָלרייט — פֿאַרט איר ערשט נישט באַזעצן זיך אין הייליקן לאַנד. אמת, איר ווילט נעמען אָן אָפּמאַגערונג־קוראַציע, מיסטער? זייט נישט ברוגז, ארץ ישראל ווילט איר נעבעך נאָר פֿאַר די אָרעמע ברידער פֿון דער אַלטער היים, הע? מיר, די אָרעמע ברידער, האָבן אונדזער חוב אָפּגע־צאָלט. בלוט געגעבן, געקעמפֿט מיט ביקס אין האַנט, געבויט. היינט גיט איר אַ ביסל כוח דעם לאַנד, גיט אייער מאַרך, מיסטער. פֿאַרט, פֿאָרט, לחיים ולשלום, גע־העעערטו!‟

אומעטיק. כאָטש גוט וואָס זיי ווינען אין שכנות. מ׳דאַרף נישט אַליין גיין אַהיים.

עס ציִען זיך די טעג און נעכט, מאַוימדיק שלעפּט זיך זייער וואַרטן, פֿריילן לייליס און אַבראַמס.

6

זיי האָבן זיך באַקענט אויף דער שיף. פֿון לאַנגווייל אַ וואָרט גערעדט, מענטשלעך זיך פֿונאַנדערגעפֿרעגט — זי וועגן אים, ער וועגן איר, נישט מער. ערשט אַצינד ווערן זיי אמתע פֿריינד — האָט ער געטראַכט בשעת מעשה און ביסלעכווייז געעפֿנט פֿאַר איר אַלע טויערן פֿון זיין האַרץ, פֿון זיין נעכטן; אַפֿילו שוין אויפֿגעשפּאַרט אַ פֿענצטערל צום מאָרגן. זיכער, אַ מענטש איז מחויב צו קלערן אויף וו יי ט ע ר. אים בלייבט בלויז דאָס אומבאַשטימטע האָפֿן. אַ חוץ דעם איז ער אין גאַנצן ווייטיקלעך אויסגע־הוילט. צופֿיל שווערע יאָרן געהאַט אַז ר׳זאָל זיך קענען האַלטן אַליין. — האָט ער נאָך צוגעוואָרפֿן אַ וואָרט און געמיינט, זי וועט עס נישט רעכט דערהערן. פֿריילן לילי איז אָבער אַן אויפֿמערקזאַמע, זי ווייזט אים אַרויס מיטגעפֿיל.

— בחיי, ער שמועסט זיך גאָר נישט איין, טענהט ער און איז נישט דרייסט צו קוקן איר אין אויסגעקלאַרעוועטן פּנים אַריין. ער פֿאָרט נאָר צום פֿעטערשי און צי דער מומעשי, ווייל ס׳ציט אים צו אַ ביסל היימישקייט.

דא, אייגנטלעך, ווארצלט אלץ וואס ער דערווארט — זיין צוקונפט. רעדנדיק ווערט זיין דערציילן סודותפול פארשלייערט. זי פארשטייט דאך: פארשפילט זיין יוגנט. דער פעטערשי מיט דער מומעשי טראכטן פאר אים ווי פאר אן אייגענעם, זארגן זיך פאר זיינעטוועגן. אבער ווער ווייס? — ווערט ער מיט א מאל טרויעריק. ער איז שוין נישט אזוי יונג, נעבעך נאך גאר נישט געלעבט, — זאגט ער מיט א באזונדערן טראפ פון רחמנות אויף זיך אליין. כלערליי חלומות זיינע קרייציקן זיך ערשט, ווען ער פארט צו זיי. אין פאר־טראכטקייט פארציט ער דעם שטערן:

— דער פעטערשי, די מומעשי. אזא ווי ער זאל זיך אזוי אויסדריקן? ער קען זיי אנדערש נישט רופן. זאל פריילן לילי זיך נישט וואונדערן. דער טאטע זיינער איז אים אויך געווען א טאטעשי און די מאמע — א מאמעשי. כאטש פראסט און פשוט איז געווען דער שטייגער פון זייער ארעם הויז, איז דער דרך־ארץ געווען גאר גרויס. שטארק צוגעקניפט צו דער היים געווען יעדער. כאטש אין די אומקום־ערטער געווארפן געווארן, איז ער — עס איז שוין א צוועלף יאר זינט יענעם גיהנומדיקן אנהייב — ביז היינט גע־בליבן דער זעלביקער: ביי טאטעשי, מאמעשי. וואס זאל מע טאן אז מ'קען נישט אנדערש? ר'ווייס, אים איז עס נישט צום פנים, אבער זאל זי נישט פאראיבל האבן אויף אים. ער פארט טאקע צום פעטערשי, — שאטנט זיך זיין געענדערטער טאן. אמת, ער ווייס נישט, ווי עס וועט זיך אויסשפילן דארט. אפשר וועט ער געווינען אויף דעם, אדער חלילה — — אין ריכ־טיקן, זאגט ער איר ווי א סוד, וואלט ער זיך שוין געהאט פארבונדן. מיט א מיידל, מיינט ער; ער זאגט עס מיט אזא קנייטש אז ער דארף עס שוין נישט דערזאגן. זי פארשטייט עס, און אן אומבאמערקלעכער ציטער גיט א שוועב איבער אירס א מוילווינקל.

— זי ווייסן נישט — רעדט ער איבעראנייס פון זיין טראכטונג — א מענטש קען נישט שטענדיק בלייבן אזוי. גאר נישט שטייט אויף איין ארט. אבער ער האט זיך געשלאגן מיט דער דעה: אפשר האט דער פעטערשי אין זינען פאר אים עפעס אזוינס? דערפאר טאר ער נישט, אפילו ס'הארץ זאל ווערן צעשפרונגען. — און ווידער רייסט זיך ארויס פון אים א זיפץ: ער'ט זען, — איז ער זיך מודה פלוצטאלבן אינעם צווייפל וואס טאטשעט אים. — אוממעגלעך צו זאגן פריערויס. דער פעטערשי מיט דער מומעשי פון ריא זענען די איינציקע וואס געבליבן פון דער אויסגעשאכטענער משפחה. נישטא מער פאר אים קיין אנדערע אויף דער גאנצער וועלט. און זיי ווייזן

אים אַרויס האַרציקייט. נאָר דער גאָרער אמת וועט אַרויסקומען ערשט שפּעטער, ווען ר׳וועט זיין אויף אַן אָרט. ער גלייבט שוין קיינעם נישט. דער פֿעטער מיט דער מומע פֿון תל אָביב האָבן אים אויכעט געשריבן גילדענע בריוו, דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעוויזן ס׳ריכטיקע פּרצוף. ער וועט זיך נישט שעמען פֿאַר פֿריילן לילי. צוליבן תל אָביבער פֿעטער פֿילט ער אַ שטיק שנאה צו די ישראלדיקע ותיקים. די גאַנצע וועלט ווילן זיי אַריינכאַפּן אין איינציקע פֿאַר יאָר! אַ לעבן לאַנג אָפּגעשטופּקען פּרימיסיאָן אין אָסטראָווצע, געווען אַ שנאָרער בן שנאָרער, פֿאַר גראָשנס איטלעכן צוגעלאַטעט אַ חרובע כאַטע, געריייניקט אַ קוימען, פֿאַרקלעפּט אַ לאָך. היינט האָט אַזוינער פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. ס׳איז אַ משוגענער שוואָם: ער וואַקסט גרויס, פֿאַררייסן אין זיין קלאָמפּערשטער שיינקייט און איז גיפֿטיק. ער טאָר זיך נישט שעמען, אַבראַם: דער תל אָביבער פֿעטער איז רייך געוואָרן אויך פֿון זיין שווייס, נישט גערעכנט זיך וואָס ער איז בלוט פֿונעם בלוט פֿון דער אייגענער משפּחה. דער תל אָביבער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ שלימזלדיקן עבד; קיינער האָט נישט אויף מיר קיין רעכט, אַ חוץ אים, דעם ׳קבלן שואלקע דרילעך. בחיי, ר׳האָט פֿון אים אַרויסגעיאָגט דעם דעך, מער ווי אַנדערע געטריבן אים מיט גרויסע זעק זאַמד אויפֿן פּערטן און פֿינפֿטן גאָרן פֿון אַ געביי. מיין געזונט איז דעם פֿעטער נישט געווען אין רעכענונג. ער האָט געחשבונט נאָר זיינע פֿונטן, זיינע פּרוטות. אַ פֿרעמדן מאַטערט ער נישט אַזוי, דער קבלן; אַנדערע, האָט ער מורא, קענען אים דערלאַנגען מיט אַ רידל איבערן שיידל. אַבראַם איז דאָך אַרומגעריסן פֿון אַלץ, ר׳האָט קיינעם נישט, ער האָט נאָר דעם טייערן פֿעטער, און ער מעג פֿון אים אויסצאַפּן דעם לעצטן מאַרך. פֿריילן לילי ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ קבלן? — אַ הינטישע צורה, וואָס וואַרפֿט זיך אויף יענעמס לעבן. אַזוינער איז דער פֿעטער. ר׳ציט, באָגט ווי אַ פּיאַווקע. קוקן זי אויף אַ סך בנינים אין תל אָביב, וועלן זי וויסן אַז אַ חלק פֿון מיין האָרעוואַניע, פֿון מיין בלוטיקער עוולה איז אַריינגעקנאָטן אין זייערע ווענט. מסתמא איז אַ שטיק להכעיס געווען אין דעם פּייניקן. כ׳בין דאָך אַ קאַוואַליר, האָבן די קרובים משטיינס געזאָגט מיך געוואָלט באַגאָבן מיט זייערס אַ חפֿץ, מיט אַ טאָכטער וואָס האָט איר אייגנס אַ הויקער. און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק, הינקט זי נאָך צו. „מומעשי, דו ווינטשסט דאָך מיר גליק, וויזשע קומט עס, זאָלסט מיך וועלן דערדריקן?״ — האָב איך געפֿרעגט און זי, אַקוראַט נישט איר זענען שייך די ווערטער. זי האָט נאָר געהאַלטן אין איין טענהן: „וועסט לעבן און לאַבן

ביי מיר, כאַמל, אַלע דײַנע יאָרן װעסטו זײַן פֿאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. כ׳וויל, דו זאָלסט בלייבן אין דער משפחה און דער מאַיאָנטעק זאָל בלייבן אין דער משפחה" — — אַ קאָזאַצקע טובה דער מומעס! אַ צולאָג צו מײַדאַנעק, צו בוכנוואַלד, וואָס האָבן צעלעכערט מיין לייב, ס׳האַרץ אויסגעטריקנט. אָן איינזעעניש פון אויפגעקומענע! נישטאָ קיין נאמנות ביי אַזעלכע, וואָס האָבן דערשמעקט אַלע טעמים אין דעם געלט. גאָלד איז ביי זיי טייערער ווי משפחה, ממילא מער אָפּגעציטערט ווי די יתומשאַפט פון די אויסגעדאַרנטע דורך היטלערן. אויב דאָס זענען ייִדן, איז גלייכער לגמרי נישט צו וויסן פון קיין ייִדן. ס׳איז אונדז אַ בראָך געשעען. ערשט מוז מע נאָך אַלץ לעבן מיטן חוזק-שריי איבער דער בראָך. פעטער, מומע, — אויך אַן אָפּגעריבענע מטבע. כ׳על זען, וואָס ס׳וועט ווייטער זיין.

אומגעריכט האָט ער זיך אויפגעקאָכט. נישט געוואָלט דעם שידוך מיטן פעטערשיס קרומער טאָכטער, האָבן זיי אים געטאָן אָן דין. געפייניקט, געטרונקען ס׳בלוט. אַזוינע און אַזעלכע. ער קען עס זיך נישט מוחל זיין, וואָס ר׳האָט זיי נישט געגעבן די ציין אין האַנט אַריין, די געלט-פרעסערס!

זי האָט אים קוים איינגערויקט:

— שטילער, אַבראַם, מ׳איז דאָך אויף דער גאַס. מענטשן הערן זיך צו.

ער האָט זיך נאָך געכמורעט, האַרב אָפּגעשוויגן און זי האָט אים געפירט צו מיניענדיקע אויסשטעל-פענצטער, אַליין זיך געקוויקט מיט אַ פראַכטיקער קאָלאָנאַדע אין געשליפענעם, קאָליריקן מאַרמאָר, אין אַנטיקער מאָזאַיִק וואָס פינקלט שטאַרק אין שיין פון צוזאַגנדיקן אָוונטיקן ליכט; זיך אַנטציקט מיטן צעשימערטן שפעטן אויפדערנאַכט אין דער רייכער גאַס און זי האָט געוואָלט אויך אַבראַמען אָנשטעקן מיט איר אַנטציקונג.

שטיל, וואַרעם האָט זי אין אים אַריינגערעדט און עפּעס ווייטלעכס דערציילט אויך פון זיך. אָנגעשפאַרט זיך אויף זיין אָרעם זענען זיי פּאַמעלעך דערגאַנגען צוריק אַהיים.

7

ס׳איז געווען שפעטע שעה. די גאַסן האָבן געגלימערט אין ביינאַכטיקע מידע פלאַמען. ס׳הויז אויף קאָרסאָ טאַרינאָ איז שוין געשלאָפן. פינצטער. איבערן טיפן קאָרידאָר פון פענסיאָן זענען ביידע געגאַנגען אויף די שפיץ-פינגער, זיך אָנגעהאַלטן איינס אין ס׳אַנדערע, כדי נישט אויסצוגליטשן זיך,

נישט איבערצוּוועקן די שטילקייט. זי האָט'ן דערמאָנט אויפֿן אויער: „אַבראַם, געלאַסן, מ'קען פֿאַלן" — און אין מורא פֿאַר אומפֿאַלן פֿעסטער זיך איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם.

אין דער זיכערקייט אַז אַלע שלאָפֿן, קיינער זעט נישט, האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט דרייסקייט און לפּי דעם זכרון זיך דערקליבן צו זייערע טירן. אַוועק פֿון אים האָט זי, ווי נישט אומיסטן, אים נאָך אַ פֿרעג געטאָן:

— איר גייט זיך שוין לייגן?

— כ'האָב געמיינט, כ'וועל אָפּשלאָפֿן אַ פּאָר מעת לעת דורכאַנאַנד, — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ געדעמפּטן, האָפֿערדיקן קריי — ס'הייבט זיך נישט אָן! — און געפּרוּווט שמייכלען צו לילין, וואָס זי האָט דערפֿילט. — ווי אָפּגעווישט דער שלאָף. נאָכן שפּאַציר גלוסט זיך אַוודאי נישט צו שלאָפֿן. און זי, פֿריילן לילי?

— איך? — שפּירט ער אויף זיך אַ צוק פֿון אירס אַן אַקסל. — אויסגעלופֿטערט זיך דער מוח, ערשט רעדט ס'האַרץ, — איז איר ענטפֿער געקומען מיט האַלב־אַרונטערגעלאָזענע אויגן; ס'קול האָט אָפּגעציטערט מיט אַ צעוואַקלטער אָנגעגאָסנקייט — עפּעס אַ בענקעניש, אַבראַם, כ'ווייס נישט וואָס.

גוט וואָס ס'איז פֿינצטער, מ'קען זיך אָפּענער אויסרעדן פֿאַר אַזאַ און — ווי דערמאָנט זיך פּלוצלינג, ווו זי האָט זיך אין דער וועלט — גיך אַ שפּאַר געטאָן די טיר פֿון איר צימער.

— איך וועל אַוודאי נישט שלאָפֿן היינטיקע נאַכט. כ'בין צערוישט. ווילט איר, קומט אַריין, — האָט זי נאָך אויסגעשעפּטשעט און פֿון איר צעגעלענטער טיר האָט אין פֿינצטערן קאָרידאָר אַריין זיך אַריינגעשניטן אַ שפּיציקער קלין רעשיק ליכט.

רעכט נישט באַוויזן צו שליסן די ליפּן אין פֿאַרחלשטן מורמל און זי האָט זיך אַריינגערוקט אין צימערל ווי אין אַ פֿאַרהוילעניש אַריין: ששש!

— כ'וועל קומען, — האָט אין די אויערן איר געגלושעט דער גאַנצער אַבראַם — פֿריילן לילי, לילי — —

געבליבן אַליין, האָט זי געשווינד אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די פּאַנטאָפֿל, ס'נעטע קלייד צעקנעפּלט און אַריינגעקראָכן אין אַ בלאָ־זיידענעם שלאַפֿראָק. פֿאַרגאָסן אויף די הענט קעלניש וואַסער, וואָס אין אַ העלדזלדיק־שפּיציקן פֿלאַקאָן אויפֿן נאַכט־טישל, האָט זי זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן בעט, ווי אַ קינד זיך אויפֿגעקוליעט מיט די באָרוועסע פֿיס. פֿאַרקוקט זיך אויפֿן פֿלאַם

וואָס הענגט אַראָפּ פֿון דער סטעליע האָט זי אין ערשטן אויגנבליק נישט באַמערקט ווי ע ר איז באַלד אַרייַן. לייכט געווען צוגעשפּאַרט די טיר איז אַבראַם אַרייַן אַן אַ פֿריִערדיקן אָנקלאַפּן. ס׳איז מיטגנאַכט, מ׳דאַרף קיינעם נישט שטערן, ווייסט ער.

— זעצט זיך, זעצט זיך דאָ, אַבראַם, — האָט זי אים אָנגעוויזן אַן אָרט נעבן זיך, אויפֿן בעט. — אַ פּיצל שטיבל, איז נישט אַזוי געראָמיק — פֿאַרענטפֿערט זי זיך. — ס׳באַקוועם? זיצט, זיצט, מיר שטערט איר נישט. אַ יונגער מאַן אַ כוואַט, אַן אמתער חייל — און היימישלעך געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע. — ערשט פֿיל איך אַ קאָפּ מידיקייט אין די פּיס, גיט זי צו אַ ווײַלע שפּעטער — און איר?

— איך נישט, פֿריילן לילי — באַמיט ער זיך צו מאַכן פֿאַר אירטוועגן אַ פֿריילעכע מינע — אַוועק דער איבל פֿון שלעפֿעריקייט. אַצינד פֿיל איך זיך פֿריש, ס׳קומען אויפֿן זינען דעליקאַטע זאַכן — זי פֿאַרשטייען, קהי־קקהי... אַ דזשעבלע בענקט זיך אויכעט.

ערשט קומען פֿון אים די רייד שעמעוודיקע.

— פּשיאַקרעוו אַ וועלט, — זאָגט ער לסוף ווי אַן אָקערשט דערוואַכטער פֿון אַ ווייטן קלערן.

— איר זענט קינדעריש, אַבראַם. איר בענקט! צו וועמען, נאָך וואָס? איר האָט דאָך נישט געליבט, ווי איר דערציילט, נישט איבערגעלאָזן קיין כלה, קיין געליבטע. שלאָגט זיך אַרויס פֿון קאָפּ די נאַרישקייטן, וואָס פּלאָנטערן זיך אייך. איר גיט זיך נאָך: בענקשאַפֿט. אַן אַנדערן נאָמען גיט דעם געפֿיל, אַבראַם. אינערלעך האָט איר עפּעס מורא פֿאַר דאָס נייַע, וואָס דערוואַרט אייך ערגעץ. דערפֿאַר ציט עס, — כ׳האָב געטראָפֿן, אַבראַם? — זי גיט אים שטיפֿעריש אַ נעם פֿאַרן פּנים, וויל אים קוקן אין די אויגן אַרייַן. — אייך שטייט פֿאַר אַ וועג, איר מוזט זיך גוט האַלטן. זייט אַ מאַנספּאַרשויִן! ער בענקט ווי אַ קליין יינגל — הערט זיך שוין פֿון איר גוטמוטיקער שפּאָט.

— לאַכן זי נישט. איך בין ערלעך: כ׳בין טאַקע אַ יינגל. אמת, שוין נישט קיין קליינטשיקס, אָבער פֿאַרגעסן זי נישט — כ׳האָב נאָך נישט געליבט. דאָס איז עפּעס — ווי מיינען זי? איך שפּיר, מיר פֿעלט עפּעס אַזוינס, בפֿירוש —

און קוקט אויף איר מיט אומדרייסטקייט, און זיין פּנים טוט זיך אַן אין פֿלאַמען.

— דולט זיך אַליין אַ מוח. איר דערציילט אינטערעסאַנטס פֿון אייערע לאַגערניקעס, פֿון דער הגנה — אָט וואָס עס ווילט זיך הערן! צעקראַכנקייט פֿאַרטראַג איך נישט ביי אַ מאַן.

— וואָס זאָלעך טאָן, — פֿאַלט ווידער זיין געמיט — כ׳בין אַ קליינ־שטעטלדיקער. כ׳רעד מיר גאָר נישט איין. כ׳האָב נאָך ווינציק געזען, חוץ צרות. ס׳לעבן איז אויך אַ שקאָלע, אָבער נאָר פֿאַר דערוואָקסענע. אין אמתן בין איך נאָך אַ יינגל, כאָטש שוין אַריבער די דרייסיק.

ער האָט גערעדט, געאײַלט זיך אין גאַנצן זיך אַראָפּצורעדן און די באַקן האָבן געגלאַנצט, די אויגן זענען אים שווער געוואָרן אין קאָפּ.

— איר וועט זיך נאָך אָפּנעמען ס׳אייעריקע, אַבראַם — שטראַלן אויף אירע שוואַרצאַפּלען מיט אַ שיכורלעכן בלישטש.

— כ׳גלייב עפּעס נישט, — הערט זיך אונטערטעניקייט פֿון דעם יונג מיט די גרויסע לאַפּעס און ברייטן ברוסטקאַסטן. — מיינען זי, כ׳וועל נאָך קריגן אַ לייטישע פֿרוי? — רייטלט ער זיך — וויסן זי, פֿריילן לילי, כ׳וויל חתונה האָבן, שאַפֿן זיך אַן אייגענע היים?

— הע־הע — לאַכט זי — אַ מאַן איז שטענדיק אַ סחורה. אַ מאַן קוקט מע נישט אין די ציין אַריין. יעדער געפֿינט זיך זיין זיווג, אַבראַם, — און זי האָט אָפּגעפּילט ווי איר שטים זינקט אַריין אין אירע אייגענע טיפֿן. זי האָט מער נישט קיין שליטה איבער איר שטאָלץ.

שטילענקע וועבט זיך ווייטער דער מיטגנאַכטיקער שמועס. ראַפּטעם איז ערגעץ פֿאַרטרונקען געוואָרן דאָס אויבנאויפֿיקע כיכיקען, וואָס האָט זיך חוזקדיק אָפּגעריסן פֿון איר. דער שלאָף האָט פֿאַרכאַפּט ס׳פֿאַרזונקענע הויז. ער קוקט אויף איר, וואַרט, זי זאָל עפּעס זאָגן; קוקנדיק אויף אים, שמייכלט זי פֿאַרלעגן. בינו לבינו דערמאָנט זיך איר, זי דאַרף זיך וואַשן די פֿיס. ער וועט איר אַנטשולדיקן, אַבראַם, יאָ? ר׳וועט צוװאַרטן אַ רגע, אַ רגעלע נאָר — גוט?

אויף ווייכע שטובלאַטשן גייט זי פּאַמעלעכקע אַרויס — זייטיק גנבעט ער אַ בליק אויף איר, היינטערווײַלעכטס; באַלד ברענגט זי אַ בעקן פֿריש וואַסער, ציט אַרויס פֿון דער וואַליזע אַ האַנטעך און שטעלט אַריין די פֿיס אין בעקן.

— איר׳ט מוחל זיין, אין באַדצימער איז מיר אומעטיק איצט. באַנאַנד וועט זיין היימלעכער, אמת? — און באַלד קוויקט זי זיך מיטן וואַסער: —

באַ־באָ, די מידיקייט פֿאַרשווינדט תיכף. אַ גליק פֿאַרן מענטש וואָס ס׳פֿאַראַן פֿריש וואַסער.

— אַוודאי, נאָך אין אַזעלכע היצן, — איז ער מסכים און דאָס אַרויסגערעדטע קוועלט זיין קעל.

— אייך שמעקט אויך אַזוי דאָס וואַשן זיך, אַבראַם? — פֿרעגט זי ליידנשאַפֿטלעך פֿויל, אויסגעצויגן — צען מאָל אין טאָג וואָלט איך נישט גענוג געהאַט זיך צו פּליעסקען אין וואַסער.

אירע בליקן בריִען, פֿאַרנעפּלען אים די ראיה. דעם־אָ קוק האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, זיין קאָפּ האָט גענומען באָמבלען.

— ווי אַ מאָל, — און עס טומלט ווייט אין זיינע געהירן.

— איר מעגט פּרווון, — ציט זי די רייד עפּעס אָנמאַכטיק — ס׳איז גוט אַזוי. איר קענט זיך עס נישט פֿאָרשטעלן. אַ שאָד, כ׳קען זיך נישט אַראָפּבייגן. כ׳וואָלט אייך באַלד באַוויזן ס׳פֿאַרגעניגן פֿון דעם. איירע פּיס וואָלט איך אויף ס׳כוח איינגעטונקען אין דעם קאַלטן וואַסער, אַאַ־אַ,

— פֿאַרקרימען זיך אירע ליפּן אין אַ ווייטיקלעך־זיסן שמייכל. — עס איז גענוי אַזוי ווי מ׳געוווינט זיך צו צו גימנאַסטיק — בייגן זיך, ברעכן זיך, אויסציִען די גלידער, נו, ווי מ׳געוויינט זיך צום רייכערן. — אירט פּרווון?

— פּלוצלינג בייגט זי אָן איר פּנים צו זיינעם — ניין? איז נישט! זייט זשע אַ גוטער חבר, באַליידיקט זיך נישט און פּליעסקעט מיר אַ ביסל די פּיס. כ׳האָב׳ס אַזוי ליב. אַליין קען איך נישט איצט, און כ׳וויל נישט אָנשפּריצן אויף דער פּאָדלאָגע. געווייִנטלעך, מיט די הענט. אָט אַזוי, ר׳זעט?

— און זי פֿאַרנעצט זיך איין פּוס מיטן אַנדערן.

— כ׳וועל דאָך איהן איינגעצן דעם שלאַפֿראָק, — ווערט ער זיך נאַרישעוואַטע און שפּירט אַן אַנגסטיקייט אינעם חוט־השדרה.

— ס׳מאַכט נישט, אַבראַם. כ׳האָב ליב וואַסער. איר וועט מיר נאָר גוטס טאָן מיט דעם. מיינע פּיס חלשן נאָך פֿרישקייט. מיר איז נאָר נישט באַקוועם זיך אָנצובייגן. שעמט זיך נישט — און זי גיט מיט דער האַנט אַ גיי איבער זיין קענדזשער.

אַ ציטעריקער שטראָם איז אים אַדורך איבערן לייב. אַראָפּגעלאָזט זיך פֿונעם זיץ, פֿאַלט ער צו צו איר שויס, דערכאַפּט זיך פֿון שטרויכלונג און זיינע גרויסע, האָריקע הענט נעמען מבולבל רודערן אין וואַסער, טונקען די דלאָניעס: ערשט גייען זיי איבער אירע פֿעסטע,מוסקולאַרנע פּיס, גלעטן זיי מיטן באַלבנדיקן וואַסער, שווענקען זיי, מאַסאַזשירן אַרויף, אַראָפּ און

ווידער ס'זעלביקע — פֿון די דעליקאַטע קנעכל־אָדערן אַריבער דעם שיפּ־בייַן, אַריבער דעם שטייפֿן מוסקול, אַריבער די קני. אַ היץ צעוויגט זיך איבער זייַנע שלייפֿן. דער שלאַפּראָק איבער אירע קני איז ברייט, זייַנע פֿאַלעס פֿאַלן אַוועק אָן אַ זייַט; זי באַמערקט עס נישט, איר אַרט עס נישט; זי געדענקט שוין נישט די מידקייט. לילי פֿילט נאָר דעם תענוג פֿונעם קרעפּטיקן פֿליעסק פֿון צעוואַרעמטן בלוט. אַ פֿאַרכליניעטע צעעפֿנט זיך פֿריילן לילים מויל, זי אָכצעט, לאַשטשעט דעם אַנגעבויגענעם אַבראַם:

— נאָך, נאָך! — וויספּערט זי און די אויגן זענען געשלאָסן.

דער יונג האָט זיך פֿאַרגעסן. ער פֿליעסקעט אין וואַסער, פֿליעסקעט, גלעט די פֿולע פּרוייִשע פֿיס און שפּירט אין שיכורלעכער געפּענטעטקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן, ווי זייַנע אייגענע קני דריגען פֿון מאָל צו מאָל און דאָס מויל גליט פֿון קאָכיקער זיסקייט. אויפֿשטעלן זיך האָט ער אָבער נישט געקענט.

ער וואָלט מסתמא אַנטשלאָפֿן געוואָרן אַ פֿאַרשמאַכטער, דער זכר, אויב זי, פֿריילן לילי, וואָלט זיך נישט געכאַפּט אַ קוק צוטאָן אים אין פּנים אַרייַן. פּלוצלינג האָט זי אים אויפֿגעריסן ביי די אויערן און געהייסן זיך פֿאַרנעמען אין זייַן צימער אַריין:

— גייט שלאָפֿן, אַבראַם.

צומאָרגנס איז זי אויפֿגעשטאַנען מיט קאַפּווייטיק. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ מטושטשער, איז אַראָפּ בלאָנדזשען אין די פֿרעמדע גאַסן. דער פֿריילן לילי האָט ער זיך געשעמט צו באַגעגענען.

8

גאָר פֿרי האָט דאָ זיך געשטעלט דער זומער און ר'ווערט, ווייזט אויס, נאָך לאַנג אָנהאַלטן. אַ גליִעדיק ווייסע גלאָצט די זון איבער דער צעקוואָלענער ערד. אַריבער די אייזן־געפֿלאָכטענע פּלויטן האָבן זיך צעשאָטן וואָלקנס רויזן, אין קליינע איַנהזעלעך שווימען שוימיק מאַרגאַריטקעס מיט פֿונאַנדערגעעפֿנטע ווייסע פֿליגל, זיי רייסן זיך אין אויג אַריין; לאַנגפֿיסיקע אַלע־אַנדער־ביימלעך וואָס וואַקסן אין געדיכטע געזעמלעך, טראָגן פֿריילעך זייער ראָזע, ווייסע און געלבלעכע בלומען. פֿון צווישן די מענגעס גרינס און שאָטנס פֿון אַלערהאַנט ביימער, וואָס גייען דאָ אומעטום מיט מיטן מענטש,

האָבן ציטרינען לאַכנדיק איצט געקוקט ווי באַלויכטענע פּנימלעך פון נאָך נישט געזעענע קאַרליקעס.

און סוף כל סוף איז ערשט חודש מײַ, ענדע מײַ.

אין אומעט פון פוסטן וואַרטן אויף דעם וואָס קאָן קומען אַ ליאַדע שעה — און דאָס דויערט שוין לאַנגע חדשים — איז זיי מיט אַ מאָל געוואָרן אויסטערליש גוט אין דעם פרעמדן, שיינעם זומער, דער פריילן לילי און אַבראַמען. זיי האָבן פּשוט זיך צוגעוווינט צו דעם וואָס עס איז פאַראַן דאָ (דאַך זענען זיי אין די הענט פון אַ קאָנסול, צי פון אַ פּעטערשי אין ריאָ, וועלכער האָט נעבעך נישט קיין צייט צו פיל פון צופיל פּרנסה. און ס׳נעמלעכע איז מיט דעם ברודער וואָס אין לימאַ); אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט איט־לעכער אָפּגעשפּירט דעם אומגעריכטן צאַפּל פון אייגענעם אויפגעוואַכטן האַרץ. ביידן האָט זיך ווינציקער שוין געוואָלט גיין זען אַ מענטש אין סקווער פון פאַרט, מ׳איז מער נישט געווען להוט צו הערן דאָס, יענץ. אומגעריכט האָבן לילי מיט אַבראַמען אויסגעפונען אַז איינער באַדאַרף דורכויס דעם צווייטן. אויף אַן אמת: צוגעבונדן זיך צו איינאַנדער. אין דער פרי איז ער מיטגעגאַנגען מיט לילין ווו איר איז געווען נייטיק; און האָט ער געדאַרפט ערגעץ גיין, האָט זי, אַ גרייטע, אים געזאָגט: „כ׳בין פריי, אַבראַם״, און געוואַרט, ער זאָל זי פירן. „פיין, פיין״, — פלעגט זי נאָך אַ מורמל טאָן און אינסטינקטיוו גענומען זיך צוקוקן צו זיין הילוך. קענטיק, דאָס איז אים געווען ליב. וואָרן ער האָט איר אַלצדינג נאָכגעגעבן. איבערטאָן דאָס־אַ העמד? זאָל זיין. ער איז אַ לויף געטאָן, געאײַלט זיך נאָכצוקומען לילים באַ־גער. האָט זי געהייסן פאַרקניפּן אַן אַנדער קראַוואַט, האָט ער אויף דער גיך איר צוגעטראָגן ס׳גאַנצע בינטל אויסביינדערס, וואָס ער האָט געהאַט: דאָס, פריילן לילי, צי...? זי האָט אָפּגעקליבן און ער האָט פליסיק, גלאַט אויסגעבונדן דעם קראַוואַט און געשטעלט זיך אַקעגן איר: „נו, כ׳געפעל אַצינד בעסער?״ — גייט שוין, גייט, — און פון הנאה, וואָס ער פאַלגט, האָט דער גאַנצער קאָפּ איר זיך צעלויכטן: „ס׳אַ מאַטעריע וואָס לאָזט זיך קנעטן״, האָט זי אַ טראַכט געגעבן.

און זי האָט וואָס אַ טאָג מער נושא חן געווען אין זיינע אויגן: „זי איז אַן אײדעלע, אַ געלאַרנטע. הלוואי וויל זי מיך — —״

אין איינעם אַ פראַכטיקן טאָג פון דעם נייעם, שיינעם זומער האָט ער דער פריילן לילי אַריינגעצויגן אין אַ הוט־געשעפט:

— די זון ברענט שטאַרק, די האָר דאַרפ׳עך אַנהייבן היטן — האָט ער

איר געגעבן צו פֿאַרשטיין — די שטראַלן עסן אויף דאָס שוואַרץ, ווער איך רויטהאָריק — איז עס שיין? דאַכט זיך, ס׳איז נישט וואַזשנע אַן אָפּגעבליאַקעוועטער קאָפּ. — רעדנדיק איר דערלאַנגט אַ לויפֿיקע מינע און אָנגעטאָן אַ וויכן, ווייסן פּאַנאַמע־הוט. „ס׳עט בעסער זיין, העז?" — „אַוודאי בעסער", — האָט זי געענטפֿערט אַ צופֿרידענע. אַבראַם האָט גענומען אויך צוהיטן זיין באָרד. זי איז אים געוואָקסן אַ געדיכטע, אַ פּעך־שוואַרצע. יעדן פֿרימאָרגן, איידער זיך געוויזן צו פֿרישטיק אין דער עסשטוב אַריין, האָט ער זיך געגאָלט, עפּטער געלאָזט פּרעסן זיינע הויזן, זיי זאָלן זיך טראָגן מיט אַ קנייטש. מיט אַ פֿאַרהוילענעם שמייכל פֿון זיגערישער באַפֿרידיקטקייט האָט פֿריילן לילי געקוקט אויף דעם שנוי און מער גערן מיט אים שפּאַצירט. יאָ, איצט האָט מע שוין געזוכט באַנאַנד צו שפּאַצירן אין שטאָט, אַרויס־שטאָט, ווו ס׳זענען פֿאַראַן ווונדערלעכע ווינקלען, — נישט אַבי צו ממיתן די צייט.

און פֿריילן לילי האָט בפֿירוש געוואָלט זיין גוט צו אַבראַמען; איטלעך מאָל אים פֿאַרגעלייגט צו טאָן עפּעס פֿאַר אים: צונייען אַ קנעפּל, באַזאָרגן נייטיקס, קויפֿן, ברענגען. ס׳אַ קלייניקייט, איר וועט עס נישט זיין שווער. אַליין האָט זי אויך געזוכט אָפּטער איבערצוטאָן די קליידער, צו ווייזן זיך פֿאַר אים אין אַ שענערער בלוזע, אין אַן אַנדער פּאַנטאָפּל, מיט אַן אויס־געהוילטן, מער געשיקטן אָבצאַס. זי האָט געוואָלט אַז אַבראַם זאָל עס באַמערקן, און טאַקע זאָגן: „איי, אַ נייע זאַך? איך גראַטוליר. ווי שיין! עס געפֿעלט מיר".

באַשיימפּערלעך, טיף אין איר האָט געצייטיקט אַ מאָדנע געפֿיל צו דעם־אָ. אפֿשר... אַזאַ שווידערלעכע איבערקערעניש געקומען איבער דער גאַנצער וועלט, אויף דעם פֿאָלק, קיין שום יחיד נישט געשוינט, פֿאַר וואָס זשע זאָל זי נישט איבערטראַכטן וועגן איר גאַנג? און אינטעליגענטע האָבן דען געקענט זיך אויסהיטן פֿון שטרויכלונגען? דער עיקר איז דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטש, און ס׳ביסל רו נאָך אַזאַ בלוטיקן געוויטער. — לילי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין איר שטאָלץ פֿון אַ האַרנטע, וואָס ווערט אין פּלוצלינגן חשבון־הנפֿש געשטעלט פּנים אל פּנים מיט דער חשיבות פֿון איר קנעכט. זי איז געוווינט צו בעסערס, צו עפּעס אַנדערשס. צי איז זי נישט אָפּגעבריט געוואָרן? שטאַרק אָפּגעבריט. וויפֿל כוח האָט עס אַ שוואַכער מענטש! און ווי אַן ענטפֿער אויף אירע ספֿיקות, האָט זי דערשפּירט אַ ברענענדיקן חשק אַז ע ר זאָל קוקן אויף איר, זען נאָר זי. לילי האָט באַגערט,

ער זאָל זיך פֿילן היימיש ביי איר זייט. און זענען אַנגעשטאַנען גאָר הייסע טעג, האָט זי אַבראַמען אַרויסגעצויגן פֿון זיין צימערל.

— קומט, אַבראַם, זיך באָדן. באַהאַלטן זיך פֿון היץ איז נישט קיין גרויסער שכל. מענטשן גייען חמרימווייז צום ים, לאָמיר אויך נישט פֿאַר־שעמען די גאָב פֿון זיין ליבן נאָמען.

זי איז שוין געשטאַנען גרייט מיט אַ באָד־קאָסטיום, מיט אַ פּלעד אויף אויסצושפּרייטן ערגעץ אין שאָטן, אויב די חמימה וועט צופֿיל דאַ־קוטשען. אַבראַם האָט זיך נישט גערירט.

— כ׳ווייס, — האָט ער זיך געקרעקט, — כ׳וועל אַהין אַריינפֿאַלן ווי אַ פֿליג אין דער פּוטערמילך. דאָרט זענען בלויז היגע, אויסגערוטע. מער ווי פֿרישע לופֿט פֿעלט זיי נישט. זיי לאַכן, קוויקן זיך מיט אַלעם. אָבער איך...

ער האָט זיך געשעמט: גיין אויף דער פּליאַזשע? זיין טאַטנס זון איז נישט געוווינט צו אַזוינס. געברענט ס׳נאַקעטע לייב אויף דער זון האָט ער אַמאָל אין מיליטער, ביי דער אַרטילעריע. געווען אויף מאַנעוורעס, ס׳האָבן זיך געשטעלט היצן און נישט געהאַט מער ווי איין העמד אויפֿן לייב, האָט ער עס אויסגעוואַשן אין אַ סטאַוו און טריקענענדיק עס, זיך געבראָטן דעם הוילן קערפּער. בחיי, איין מאָל אין זיין גאַנצן לעבן! אין אָסטראָווצע וואָלט אַ יידיש יינגל זיך נישט דערוועגט אַזוינס. פֿרום געווען איטלעך הויז, אָפּגעהיטן יעדעס קינד, ס׳זאָל חלילה נישט ווערן זינדיק. אַ גרויסער רבי געווען ביי אונדז, טויזנטער חסידים זענען געפֿאָרן צו אים פֿון גאַנץ פּוילן. פֿון די פּרעמדע האָט געלעבט אָסטראָווצע, מ׳האָט זיך שטאַרק גע־רעכנט מיטן רבין. יאָ, יאָ — דערמאָנט זיך דאָס, האָט האַסטיקער געקלאַפּט די ברוסט, זיין פּנים האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט אַנגסטן.

און איז לילי צוגעשטאַנען: „אַבראַם, ס׳שיינע מעשות. אָבער מיר איז הייס. קומט גיכער". האָט ער אויסגעפֿונען אַן אַנדערן תירוץ: ער האָט נישט קיין שווים־הייזלעך. ביי פֿרײלין לילי גילטן אָבער נישט קיין תירוצים. זי גייט, וועט ער זיך נישט שטיקן צווישן די פֿיר ווענט פֿון דער ענגשאַפֿט. היזלעך וועלן שוין זיין, קומט! אונדזער האַרץ קען אויך לעכצן נאָך פֿריש־קייט, — זאָגט זי כלאחר יד און לאָזט אים גיך הערן איר פֿרייכן פֿון אומ־געדולדיקייט. — הי זענען מיר טאָקע פּרעמדע, אַ שווידערלעכער נעכטן גייט אונדז נאָך, אָבער די היצן זענען אונדז אויך סכנות פּרעמד; כ׳שפּיר, ב׳מוז זיך ראַטעווען, אַבראַם.

אומגעריכטן טרויער האָט אָנגעהויכט איר וואָרט, אַזש אַבראַם האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— איר האָט געהאַט אַן אָסטראָווצע, כ׳ווייס, אַ הייליקן רבי — האָט זי זיך צערעדט — איך האָב געלאָזן אַ פּרעשבורג, בראַטיסלאַווע אויפן הײַנטיקן נאָמען, מיטן חתם סופר. אויך אַ צדיק געווען. מיר זענען קוויט. קומט, אַ סוף. אַ מענטש טאָר נישט אַזוי, אַנישט איז נישטאָ צו וואָס צו דרייען זיך דעם מוח מיט פּאָרן און רייטן. וווּהין פּאָרן, אַז קיין ווייטקייט איז נישטאָ פּאַרן צער! שוין דאָ דאַרף מען זאָגן: „סטאָפּ, גענוג מיט אַלע זאָרגן! צו וואָס?״ דער ים וועט צונעמען. פון דעסטוועגן מיינט איר דאָך נישט אַזוי, האַ? אַבראַם, עס גיט אַ צופּ אין דער נשמה, ווען מ׳דערמאָנט זיך בלויז. ס׳קען ווידער קומען שלעכטס. ווײַטער אָנהייבן לײַדן? נישטאָ קיין כוחות, און קיין חשק דערצו. ניין, מ׳מוז לעבן, אַבראַם, באָדן זיך, באַהאַלטן זיך פון דער היץ. געגאַנב־גענען, אַבראַם!

נישט געווען קיין ברירה. נישט ער איז מיטגעגאַנגען, ער האָט זי באַגלייט צום ים. שווים־הייזלעך האָט זי, לילי, אים שוין אונטערגעטראָגן: נעמט — און דאָס האָט אויף זײַן געהער זיך געלייגט גוטפרײַנדלעך, באַפּעלעריש מיט אַן אָפּברום פון פּרויסישער ליבשאַפט. זי הייסט און ער האָט ייִנגליש נאָכגעגעבן. אָנטוענדיק די קורצע הייזלעך האָט אַבראַם זיך אַפילו משער געווען, פון וואַנען עס קומען צו איר מענערשע זאַכן: פאַרוואַלגערט זיך פון י ע נ ע ם. דאָך אַן אָנדענק באַהאַלטן. און אפשר זיך פאַרוואַלגערט צווישן אירע קלייניקייטן און ערשט דאָ עס באַמערקט? אפשר, און אפשר טאַקע בכיוון מיטגענומען? ער האָט ערנסט געקלערט דערפון, אָבער זיך נישט געמאַכט פאַרשטיין. זײַן דאגה! אַדרבא, ער האָט נאָך געפּרווּוט איר אַנטקעגן צו לאַכן: „ס׳גוט אַז מ׳קען אַ מאָל זיך נישט שעמען מיטן אייגענעם נאַקעט״. אַוודאי, ער וועט איר נישט פרעגן וועגן אָט־די הייזלעך. זאָל זיך אים דאַכטן, אַזוינס וואַקסט אויפן ברעג פון ים. גאָטס וווּנדער! — צוגעגאַנגען צו איר אַ נאַקעטער מיט אַן אויסגעשטייפטער, שטאַרק האָריקער ברוסט, האָט ער זיך נאָך אַ מאָל צעשמייכלט: „הע, אַ מעמד?״ און זיך צוגעזעצט צו איר. זי איז שוין געווען אין אירע טריקאָטן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעצאַפּלט ס׳פולע לייב מיט אַלע רייצן פון צייטיקער ווייבערישקייט. פאַרשעמט פון זײַן בליק וואָס האָט געבלאַנדזשעט איבער איר, האָט זי מבולבל זיך פאַרקוקט אויפן ים, אויף די שווימענדיקע. זי האָט לאַנג געקוקט, פאַרלוירן זיך, און ס׳שווייגן האָט געפּלאָגט: לסוף האָט ער

דערוואַרט זי זאָל עפּעס זאָגן. ווי אַ שפּין האָט גראָד אין אים זיך געפּלאָנ־טערט דאָס וואָס זי האָט אַנומלט אים דערציילט, זי, לילי:

... צווי מענער האָט זי שוין אָפּגעגט. אַזאַ קלאָר לייב! — האָבן זיינע גראָבע ליפּן שטום געטשמאָקעט — באמת אַ חידוש. „ס'איז טראַגיש דער גורל פון דער פרוי וואָס וויל דווקא זיין זעלבשטענדיק", הילכט אין אים די שווערמוטיקייט פון איר אַנומלטיקן גערייד אין אָוונטיקן אומעט, ווען זיי זענען געזעסן איינס קעגן ס'אַנדערע. מאָדנע, אַזאַ געלאַרנטע און זי האָט זיך אָנפאַרטרויט פאַר אים. כאַראַקטער ביי אַ פרוי איז אַ קללה, האָט זי געזאָגט, באַקלאָגט זיך. מענער האָבן ליב פרויען ווי טייגלעך, ווייכטשיקע, אונטערטעניקע. דאָס נעמען זיי פאַר ליבע. דעם מענטש אין דער פרוי ברויכן זיי נישט. און אַ פרוי דאַרף האָבן אַ קאַצישן קאָפּ, מוז קענען פאַר־געסן אויך עוולות פון אַ מאַן. זי ווייס עס, לילי, העלפן קען זי זיך נישט. באַדאַי אַ העפטיקן שניט דערשפּירן — אַזאַ מענטש איז זי שוין. זי דאַרף געפינען אַ מאַן, וואָס זאָל זי פאַרשטיין, מיט מוח און האַרץ פאַרשטיין, אַנישט איז אַלץ פאַרשפּילט. מיט יענעם, דעם ערשטן, האָט איר באַלד נישט אָפּגעגליקט. איבערגעריסן אין סאַמע האָניק־חודש. אויב באַשערט יסורים, קען מע פון דעם נישט אַנטלויפן. עס קומט־נאָך. בעסער דאָס אויפּצונעמען פריִער ווי שפּעטער. עס איז אַן אָפּעראַציע: אַ שאַרף מעסער שניידט אין לייב און אין דער נשמה, איר פאַרשטייט? מיט דעם מאַן וואָס געלאָזן אָקערשט, איז די סיבה געווען גאָר אַן אַנדערע, אַן אינטימערע. צווישן מענטשן קען אַלץ טרעפן... זי איז פרוי, זי וויל דערלעבן די פרוכט פון איר פרויִשקייט. זי האָט אים ליב געהאַט, אָבער נישט געקענט בלייבן מיט אים. ער האָט מיך פאַרשטאַנען, מיט טרערן באַגלייט זי צו דער שיף, ביז דער לעצטער מינוט אַרויסגעוויזן געטריישאַפט. זאָל ער, אַבראַם, דאָס אָנרופן ווי ער וויל — זי איז ערלעך. וואָס עס האָט געזאָלט געשען הינטער דעם מאַנס פּלייצעס, מוזן אים סוף כל סוף גענאַרן, איז בעסער ס'זאָל געשען אַן אים. אָן זיין שאָדן. איך וויל זיין פריי. ע ר איז נישט קיין קינד און איך בין נישט קיין עופהלע. מענטשלעך גליק איז נישט ווי אַן עפּל וואָס מ'רייסט אָפּ פון בוים, אָדער מ'קען עס קויפן. מ'מוז געבוירן ווערן צו גליק, אָדער מ'דאַרף האָבן געניג שטאַרקייט עס אויסצוואַרטן. יאָ, אַזוינס קומט אָן פון אַ ווייט־ווייטן וועג, וואָס אין די טיפעניש פון האַרץ אָדער אין שוואַרצאַפּל פון זעעוודיקן אויג — — זי, לילי, וואַרט איר גליק, — האָט זיך צערויסגעהערט פון איר געדעמפּטן קול און עס האָט זיך געזען

אינעם נערוועזן פּלעכטן זיך פון אירע פינגער. אַבראַם באַנעמט דאָס מיט מיטגעפיל פון אַן אויסגעליטענעם. אַזעלכע ווי זי וואָלט ער נישט פאַרלאָזן.
— גיט אים מיט אַ מאָל אַ שטאָך אין קאָפּ.

אָבער גליק? — הייבט ער שוין אויף די אויגן צו איר. גלייך זי וואָלט אָקערשט אים געגעבן אין האַנט אַריין דאָס ציטערדיקע וואָגעלע צו וועגן אָט־דעם זעלטענעם מעטאַל. זי איז נאָך אַ יונגע, אַ געבילדעטע. ר׳איז זי מקנא. זי קען זיך אײַנרעדן. ווי אַזוי עסט מען דאָס, אַבראַם! ער האָט זיך שטענדיק געשפּירט דערשלאָגן. ווען מ׳האָט אים גערופן צום וואָיסק, איז ער נאָך געווען ווי אַ ייִנגל אָן פאָלנע שכל. וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געהייסן, האָט ער געטאָן. דער טאַטעשי און די מאַמעשי האָבן געהאַט שכל פאַר אים. אַבראַמען זענען געבליבן זאָרגן בלויז ווי אַ געוווינהייט; כסדר זיך גע־דאגהט פאַר דער היים. פון קליינוווּיז אָן געצרהט איבער דעם וואָס אין שטוב ביי זיי איז נישטאָ אַלץ, וואָס ס׳פאַראַן אין אַנדערע לייטישע הייזער. דער שבת אַפּילו איז געווען אַ וואָכעדיקער, מיט פאָסנע חלה און אַ זויער־לעכן קאַרטאָפל־טשאָלנט. דער פּראָסטער טאָג איז געלעגן אין די ביינער: תמיד האָט ער זיך געשעמט פאַר מענטשן, געשפּירט זיך אַ געשלאָגענער, מחמת די היים איז געווען שפל. דערנאָך — דער דייטש, ימח שמו זאָל ער ווערן! מיט אים איז געקומען מאַידאַנעק, בוכנוואַלד. דאָ איז די צונג שוין אַ לעדער אין מויל. ברענענדיק איז די פּיין, ערגער נאָך פון דעם מאָרד, וואָס דער דייטש איז באַגאַנגען. נישטאָ שוין דאָ דער מענטש, פאַראַן לויטער שרעק. איבערגעהאַלטן אַלץ, איז ערשט געקומען די אימה פאַר דעם וואָס איז געבליבן אויפן מיסט פונעם חורבן. אמת, די גאַנצע צייט האָט ווי אַ געשוויר אָנגעריסן די דערמאָנונג: ביסט צוגעקניפּט צו אַן ערגעץ, וואָס איז ווייט; ד אָ ר ט איז דיין היים. און האָט דער זכרון זיך שוין געוועקט: אָסטראָווצע, מיין אָסטראָווצע — האָט די הויט געגומען רינצלען. עס איז קאַפּויער געקומען די מורא צו וויזן זיך צוריק אין שטעטל אַריין. אַהין, האָט עס געפּויקט אין די שלייפן, איז אַריין די אימה. ס׳אַ פּחד פאַרן טויט וואָס שפּרייזט דאָרט אַרום און אַ פּחד פאַר דעם וואָס איז געבליבן ד אָ ר ט לעבן — — שאַנדע און שרעק אויף אַזאַ מרחק אויסגעשפּרייט! אַזוי איז אַוועק זיין בינטל יאָרן, די קרעפּטיקסטע יאָרן. ערשט דאַכט זיך אים אויף דער נעוואָרעט: ער איז פון ס׳ניי אַ ייִנגל, מיט שוואַכניש פון אַ ייִנגל. ר׳האָט מורא אַליין אַ שפּאַן צו טאָן ערגעץ־ווו. נישט אומזיסט יאָגט ער זיך נאָכן שפּיגל און ער אַנטלויפט פון דעם שפּיגל. דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע

פּנים, די אויגן וואָס זענען אויסגעלויכטן — אַלץ זאָגט עדות. קעגן אײגענעם ווילן קוקט ער זיך אָפּט אָן. דער שפּיגל פֿאַרפֿאָלגט אים: וועט ער נאָך געפֿעלן ווערן? אַוודאי, ער טראַכט פֿון אַ פֿרוי. ער גלייבט: אַן אומבאַקאַנטע קוקט אים אויס ערגעץ אין אַ לאַנד, אין אַ הויז, אין אַ בלאַנקנדיקן פֿענצטער הינטער אַ גאַרדין. אפֿשר איז עס דעם פֿעטערס טאָכטער...? וואָסערע איז זי? וועט זי זיך נישט אָפּקערן פֿון אים? אומזיסט וויל ער זיך אויסמאָלן ווי זי זעט אויס. אַמאַליאַ, אַ־מאַל־יאַ, אַ רייכער נאָמען אַזאַ. ער פֿאָרט דאָך צו איר; ער פֿאָרט כּדי צו ענדיקן מיט זיין אַלט־בחורשאַפֿט. נישט געהויבן, גאָר נישט געהויבן אַז אַ מענטש דאַרף זיך שעמען: אַן אַ ל ט ע ר ב ח ו ר. און פֿאַר וואָס זאָל ער זיך נישט קענען צופֿרידן טאַקע מיט אַזאַ ווי די...? לילי איז אַ גאַנץ ווילע. אַ פֿרוי ווי עס געהער צו זיין, וועט אים לאַרנען, ר׳וועט באַכדאָנזשען, ר׳עט לייגן קאָפּ. זיכער, אַליין איז קאַלעמוטנע. ר׳האָט׳ס גענוג!

נישט ווילנדיק קלערט ער פֿון דעם. ער מוז חתונה האָבן. דאָס וועט זיין דער ערשטער שריט זיינער. אויך דער פֿעטערשי טראַכט מסתמא וועגן דעם, אַנדערש וואָלט ער נישט אַזוי געברענט אַ וועלט, ער זאָל קומען, וואָס גיכער קומען, ער, דער טייערער אַברהם־חימל. ס׳שוין די העכסטע צייט, שרייבט זיך אין די בריוו פֿון פֿעטערשי. ער האָט אַ מיין דערביי, — זאָגט ער און זי, לילי, שאָקלט צו מיטן קאָפּ אין הסכּמה.

— האַלאָ, האַלאָ, — רייסט זיך פּלוצלינג אַ קול צו אים — אַלבערטאָ, אַאַאַל־בעעעעררר! —

פֿון פֿאַרטראַכטקייט גיט ער זיך אַ רייס אַרויס.

דאָס וואַסער פֿון ים איז גרינלעך, עס שוימט זיך אין די אויפֿגערירטע כוואַליעס ווו ס׳טראָגן זיך אַרום די באַוועגטע קעפּ און צעשריגענע מיילער. אַלע שוימען זיי אַנטקעגן דער קייכנדיקער זון.

אים מיינט מען עס. יאָ, זי רופֿט, לילי.

אַבראַם האָט עס גאָר נישט באַמערקט. זי איז שוין גאָר ווייט אין ים; אירע קיילעכיקע אַקסלען שניידן ס׳וואַסער, דער קאָפּ שווימט ווי אַ האָריקער, לבנהקער באַלעם אַרויף, אַרויף און ס׳קול, איר קול באַלבעט זיך אויף גרינלעכע, זוניק דורכגעלויכטענע, פֿונקען־שפּריצנדיקע כוואַליעס — —

פֿונעם באַרג טרויער, אויף וועלכן ער איז פֿאַרטראָגן געוואָרן, האָט זי

אים אָקערשט אַראָפּגעשליידערט. ער קוקט איר נאָך, לילין, ער איז איר ווידער מקנא: „אַ פרוי, ווער מיר אַ שטיקל גוטס גינט. זי פֿאַלט נישט ביי זיך".

9

... זי קאָן אים שוין, אַבראַמען, ער — זי אויבעט. כאָטש אומדרייסט, מיט אַ וואָרט, אַ צופעליקע דערמאָנונג — זיי האָבן זיך קענען געלערנט.

אים איז נאָכגעגאַנגען ס'קליינע פּוילישע שטעטל אָסטראָווצע מיט די ייִדן, מיט דער אָרעמקייט וואָס איז אויסגעשפּרייט אומעטום; זי האָט געדענקט איר פּרעשבורג, כאָטש געלעבט האָט זי איצט נאָר מיט זיך: צו ראַטעווען זיך, אָנכאַפּן זיך ביי דעם וואָס לאָזט זיך. זי איז פרוי און אַ פרוי פאַרשפּעטיקט — נאָך געוויסע יאָרן. אומדערבאַרעמלעך איז דאָס געדענקען: די גרענעץ פון בלוינג און ס'שטאַרקן זיך אין די אייגענע זאַפטן איז שוין לאַנג אַדורך. איצט איז זי אין צייט־שטח פון נסיון, סכנה. זי דאַרף קלייבן, אָבער גאָר נישט פאַרזען: לילי, לילי, מאָנט זי זיך גופא. ביטער איז די דערפאַרונג — צוויי מענער שוין געהאַט, און מיט קיין איינעם „דעם פּוד זאַלץ" נישט געקענט אויפעסן. רק מיט כאַראַקטער (צי גאָר אַן איינרעדעניש אַז ס'איז כאַראַקטער) איז קענטיק נישט אויפצוטאָן. אויב דאָס איז כאַראַקטער, איז עס צו האַרט. ווייכקייט וואַרט מען פון דער פרוי. איצט זעט זי עס. אַ פרוי מוז לאַקן, זי מוז באַזיצן דעם אומאַרויסגערעדטן צוזאָג, זי מוז געפעלן ווערן.

אַבראַם דערמאָנט עס זיך, אַבראַם געדענקט כסדר: זי איז נישט פריילן לילי, כאָטש ער רופט זי אַזוי. לאה ברוין איז זי, פון אַ פרומער שטוב אין פּרעשבורג; בראַטיסלאַווע איצט, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון אַ סך ייִדישע ליפּן. אַ פּליטים־שטאָט מיט אָנגעהויפטער שרעק פון אַ וועלט ייִדן וואָס ציִען מיט חרובדיקן האַרץ איבער פאַרדעכטיקע וועגן. ס'איז אַזאַ מין דייטשמעריש אָרט; ער פאַרשטייט עס פון לילים דייטשישן רעדן. פרומע זענען זיי דאָרט געווען, כאָטש אָן לאַנגע פּיאות, אָן זיידענע יוביצעס. עס איז אַ ייִדישקייט אין קאַפּעליושן און מיט געלערנטקייט. און נאָך קומט אים אויפן רעיון: נישט איבעריק אָפּגעהיטן מוז זי זיין. אויף דער שיף האָט זי געלאָזט פאַלן רייד אין שמייכל: „רופט מיך ווי איר ווילט — פריילן לילי, פרוי לילי, נישט קיין נפקא־מינה. מ'ווייס דען היינט אַן אונטערשייד?" און די

אויגן האָבן פֿילזאָגנדיק אַ פֿינטל געטאָן. פֿריילן לילי האָט פֿאַרדרייכערט זײַנעם אַ פּאַפּיראָס, צוזאַמען מיט אים געשטאַנען אויפֿן דעק, באַנאַנד גע־זוכט אין די פֿאָרטן צו קויפֿן מתנות פֿאַר די אייגענע, צו וועלכע מ׳וועט האָפֿנטלעך קומען. נאָך מער געדענקט זיך: זיי זענען געווען באַנאַנד אין די נאָגנדיקע שעהען, ווען די שיף האָט זיך גענומען אַרייַנוויגן אין אָנזינקנ־דיקן ימיקן פֿאַרנאַכט; דעמאָלט האָט זי ווי פֿאַרבייגייענדיק זיך פֿאַרטרויט: „איר הערט, נישט גוט צו זײַן איינזאַם. פֿילט מיר מיט... האַ, אַבראַם רופֿט מען אײַך?״ — און זיך געטוליעט צו זײַן אַקסל, אַרײַנגעסאַפּעט אין אים די שרײַענדיקע שטומקייט פֿון דערשטיקטע פֿרוילעכע באַגערן. זי האָט אויך עפּעס אויסגעמורמלט, נאָר זײַן פֿאַרנעפּלטער מוח האָט עס נישט באַנומען. שעפּטשנדיק האָט זי שוין אין יענע מינוטן אויסגעקלאָגט ס׳גע־ווײַן פֿון געטראָטענעם ווײַב: „פֿאַרלוירן דעם מאַן, אַ פֿרוי טאָר נישט אַזוי בלײַבן״. ער האָט נישט דערוועגט זיך צו פֿרעגן, אָבער זי גופֿא האָט אויפֿ־געלייזט זײַן דריקונג:

ס׳איז אמת, זי איז קאַפּריז, דאָס איז אָבער נישט דער עיקר. זי האָט נישט קיין מזל. געליבט האָט מען זי גאָר שטאַרק; זי, פֿאַרקערט, איז נישט גרינג אויף ליבע, פֿלאַקערט נישט אויף באַלד. פּאַמעלעך, שטיל, צינדט זיך איר האַרץ. דער ליבנדיקער ליידט זיך אָן אַ ביסל, ערשט דערנאָך דערקענט ער זיך אויף דער ערלעכקייט פֿון געפֿיל. ס׳איז די סאָלידקייט פֿון דויערנדיקן געפֿיל צו דעם, וואָס איז עס ווערט. דאָס איז דער סאַמע אמת. מ׳דאַרף איר שטאַרק געפֿעלן ווערן, רייצן — — יונגשאַפֿט, אַבראַם, איז נישט בלויז פֿלאַמיק; יונגשאַפֿט איז אויך זייער פֿילעוודיק, איבערקליי־בעריש. ווי מיינט איר, אַבראַם?

עס איז געווען ציטעריקע טונקל־שעה. אויף די גרויסע אויסגעשפּרייט־קייטן פֿון געוואַלטיקן ים האָט עס געדעוועט און אין אים, אַבראַמען, האָט עס געצאַפּלט מיט דער וואָס האָט אַנטפּלעקט די פֿאַרהוילנקייטן פֿון רעדנ־דיקן, מאָנענדיקן מענטשישן בלוט. לילי, לילי! — האָט עס לאַנג איבערגע־חזרט אין אים און ער איז איר דאַנקבאַר געווען פֿאַרן אומדערקלערלעכן סוד, וואָס זי האָט אים אָנפֿאַרטרויט, כאָטש אָן ווערטער, אָן די בולטקייטן, צו וואָס ער איז להוט מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

נאָענטקייט פֿון מענטשלעכן האַרץ האָט לילין ערשטמאָליק דערנע־ענטערט צו אַבראַמען אין יענער טונקלעניש, און זינט דעמאָלט קריכט ער איר נאָך. ער זוכט זי, זעט זי אָט־אָט־אָ און זי איז אַלץ נישט דערגרייכ־

לעך. אַבראַם גייט מיט לילין צום ים, שפּאַצירט מיט איר איבער די אָונטערעכע, דעמפּיקע גאַסן, ער גייט אָפּט מאָל נעבן איר נישט אויסצורעדן אַ וואָרט. ער פילט איר הייסן, פעסטן אָרעם אויף זיך און ר׳איז צעטומלט. די נעכט זענען אים אַנגסטיקע. אַן איבערגעוועקטער פון זעונגען, וואָס רייצן זיינע נערוון, ראַנגלט ער זיך מיט דעם ברי וואָס ציט אים מיט כוח אין קעגנאיבערדיקן צימער אַריין. דאָרט איז זי. זי ליגט איצט אַ וואַכע. אויך איר חלומט זיך פון אים. ער מוז איר זאָגן אַלץ. ער וועט זיך נישט שעמען. ער איז אַ מענטש ווי אַלע, כאָטש נישט קיין געלערנטער. ער מיינט ערלעך מיט איר. ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין פרוי, זי וועט זיין די ערשטע און די איינציקע. אַוודאי, בעסער אויפצודעקן די קאָרטן! זי מעג אים גלייבן, לילי. ר׳וועט זיך אויסוויינען פאַר איר, ר׳וועט זי קושן, איידל קושן; ער איז נישט קיין גראָבער מענטש, אַבראַם. ר׳קען בלויז נישט רעדן אַזוי ווי ר׳פאַרשטייט.

ער ווייס באמת נישט ווי אַזוי: אומגעריכט האָט זי זיך טיף אַריינגעקליבן אין זיין האַרץ. ער שפּירט עס, אַבראַם, און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק און אַ פרייד צוזאַמען. ער ווייסט נישט פאַר וואָס — דער פעטער לאָזט אים נישט צו נאָענט צו איר, ער וואָרנט אים מיט אַן אָנווינקנדיקן וואָרענען. אים דאַכט זיך אַזוי און ער איז זיכער מיט דעם. דער פעטערשי פאַרבאָרגט עפּעס פון אים — דאָס פילט ער און עס שרעקט און זי, לילי, רופט, מאַכט אים פול. די־אָ פולקייט צעברויזט אים פריידיק, דאָס קריכט אַרויס מיט אויגן און אויערן: „אַבראַם איז נאָך עפּעס ווערט, אַבראַם וועט נאָך ווערן אַ לייט" — —

וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט ער זיך צוגעבונדן צו איר, כאָטש זי האָט קלוגעטשקע געשפּילט אַ גלייכגילטיקע. סתם אַזוי פירט זי זיך מיט אים; ביידע זענען אויף די זעלביקע צרות, מחמת — מחמת ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה. אַהיים געקומען פון שפּאַציר, פלעגט ער ביז שפּעטער נאַכט זיך פאַרזיצן ביי איר אין צימער: געפילט זיך שוין היימישלעך, אָוועקגעהאָנגען איר זשאַקעט, צוגעטראָגן אַ טרונק און זי, זי האָט געקוקט אויף אים מיט רויך־פאַרהויכטע גראָע אויגן, אי ליבלעך, אי אויפמערקזאַם — געקוקט פון הינטער לאַנגע וויעס. און פּאַמעלעכן האָבן זיי זיך אַלץ אויסדערציילט. איצטער האָט זי זיך שוין ווינציקער געשעמט פאַר אַבראַמען. זי האָט אים מער נישט געזאָגט ווי אין תחילת: „אַבראַם, גייט אַרויס אויף אַ רגע". זי האָט זיך איבערגעטאָן אין זיין ביייזיין, זי האָט אים נאָר באַפוילן

זיך אויסדרייען. „קוקט נישט, גזלן", און פון צווישן די ציין אַ געשריי געבן מיט אַ געלעכטער. אָפּט מאָל האָט ער, עפּענענדיק די טיר, זי געטראָפן אין דער שלאָפוועש און זי האָט אים נישט געטריבן. זי האָט'ן נאָר געהייסן דערציילן נייעס. נייעס מיינט האָפענונגען צו פאָרן אַהין, ווו אַלץ וועט זיך ערשט אָנהייבן פון דאָס ניי. ער האָט ווידער אַ מאָל דערציילט פונעם „פעטער, אַ רוח אין דער וועלט אַריין" — און האָפּערדיק זיך געריבן די הענט. דער פעטער — האָט ער שוין געזאָגט מחמת בייזקייט, ווייל עס שלעפּט זיך אויף אַן אמת שוין צו לאַנג. אַבראַם איז צוגעוווינט צו פריילן לילי, געוואָרן דרייסטער מיט אַ וואָרט, מיט אַ קוק. אויך זי איז געוואָרן אָפענער. אַ מאָל פלעגט זי אים אַ וואָרף טאָן:

— וואָס פאַר אַ צעקראָכענער איר זענט. איר'ט עפּעס נישט קיין מאַנספּאַרשוין, אַבראַם.

— אַ־אַאַ! — האָט ער זיך אַ ביס געטאָן די ליפּן און הארט פאַרשוויגן.

— צעקראָכענער, וואָס מיינט זי, לילי?

האַמעטנע, אָבער דרך־ארצדיק האָט ער נאָכגעטראַכט אירע רייד: „אַ מאַנספּאַרשוין ? !"

און האָט געטראָפן: זי איז אַ מאָל איינע אַליין אַרויס אין שטאָט אַריין, זי פלעגט אומגעריכט אויף אַ טאָג אַרויספאָרן אין נאָענטן מילאַן, האָט אַבראַם דערשפּירט אַ ברען אין האַרצן, אַן אומבאַוווסט, ניי געפיל. אוממעג־לעך געווען אים דעמאָלט צו קענען איינזיצן אין צימער. ער האָט נישט געוווסט ווי דאָס אָנצורופן, אָט דעם אומרו; ר'האָט נאָר געשפּירט אַזוי, ווי עמעצער אַן אַנדערער, אַ מער פאַרחוצפּהטער — יאָ, מ'מוז זיין מיט חוצפּה אָנגעגורט, האָט ער אינסטינקטיוו באַנומען — האָט אים אָקערשט אונטער־געשטעלט אַ פיסל אַז ער זאָל פאַלן. „ווער ווייס צו וואָס זי פאָרט אַהין, צו וועמען עס ציט איר!" — האָט די שפּירונג דערנאָך באַקומען אַ נאָמען, אַ קאָליר.

כעס האָט אין אים געוועלטיקט. וואָלט גראָד געוווען אַן אייגענער דער־נעבן, וואָלט ער זי געזידלט פאַר אים. צו וועמען וועט ער דאָ אויסלאָזן? פּרוי דזשעגנאָוועזע האָט אים נאָך באַגעגנט מיט אַ לאַכל: „עקקאָ, סאָלאָ אַדזשי". ס אָ ל אָ, געלאָזן אים אַליין, מאַכט עס אויף איר כיטרע מינעלע. ער וועט איר נישט ענטפערן; נאָר ס'פּנים האָט זיך אים געצונדן. אַן אַ צור־וואָס איז ער ראַפּטעם אַראָפּ אין גאַס, געדרייט זיך הינטער די אויסשטעל־פענצטער, געפּילט, די זון באַקט היינט מער ווי אַן אַנדערש מאָל. און ר'האָט

עפּעס מורא געקראָגן פֿאַר דער באַלעבאָסטע. זי קאָן אים דורך און דורך, האָט ער געקלערט. זי איז אַ דורכגעטריבענע. נישט אומזיסט שמייכלט זי אַזוי ממזריש: „ע, סיניאָר!" צו להכעיס איז זי אָפּט געקומען אים אין די אויגן אַריין, איטלעך מאָל געהאַט עפּעס צו זאָגן. וואָס וויל זי? אין מוח זענען פֿאַרבליבן עקבערן אירע איינצלנע ווערטער: „דאָטאָרע, דאָטאָרע האַ פּידאַנצאַטאַ, ברוטאַ, באַססאַ — עלי גראַנדע, בעללאָ"... אַ כלה אַ מיאוסע, אַ קליינע האָט עפּעס אירער אַ דאָקטער און ער איז אַ הויכער, אַ שיינער. גוואַלד, ווער דאַרף דאָס וויסן! אין דער גרויסער, שטילער דירה האָבן הויך, קלינגענדיק זיך דורכגעריטן אירע רייד און עס האָט געשטאָכן ס׳בייגעלעכטערל פֿון פֿאַוסטינעס דעם שטובמיידל. זי האָט אַרויסגעהאָלפֿן דער באַלעבאָסטע אין שמועס מיט דעם, וואָס פֿאַרשטייט נאָך אַלץ נישט וואָס מ׳רעדט צו אים. די באַלעבאָסטע רעדט, מאַכט מיט די הענט, ווייזט אויף דער טיר וווּ עס וווינט ביי איר באַשטענדיק דער יונגער כעמיקער — ר׳איז אַ הויכער, אַ שיינער; ער אַרבעט אין אַ פֿאַבריק, זיין מאַמע איז אין ליוואָרנאָ, פֿיר שעה רייזע פֿון דאַנען — ווייזט זי מערערע מאָל מיט די פֿאָרויסגעשטרעקטע פֿינגער: ווייט, ווייט. אַ פּידאַנצאַטאַ„ אַ כלה האָט ער, דער דאָטאָרע, אַ באַססאַ, אָט אַזאַ, נידעריק — הייבט זיך איר האַנט אויף דער הויך פֿון אַבראַמס קני; און אַ מיאוסע איז זי, אַ ברוטאַ, ברוטאַ, — פֿאַרקרימט זי זיך. ער שטייט אַקעגן איר אַ צעחושטער, שאָקלט מיטן קאָפּ, ענטפֿערט אויף אַלץ: סי, סי, גלייך ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, דער פּאָליאַקאָ און זי, פֿאַוסטינאַ מיטן געלבלעכן ציבעלע־פּנים קוקט אויף אים מיט רחמנות, למאַי ער באַנעמט נישט דאָס אומגעוויינטלעך טשיקאַווע וואָס די באַלעבאָסטע דערציילט: לסוף לאַכט זי, די דינסט מיט די פֿולע באַקן, מיט די פֿאַרוואָקסענע אויגן; זי פֿאַרציט שטאַרק די פּלאַטשיקע נאָז. אַזאַ בעללאָ דאָטאָרע, זאָגט זי, קלייבט זיך נעמען אָט די ברוטאַ פֿאַר אַ מאָליע, פֿאַר אַ ווייב, חזרט זי איבער און ווייזט אַ פֿינגער אין אַזאַ באַוועגונג פֿון דער צווייטער האַנט, ווי מ׳טוט אָן אַ רינגל.

ערשט האָט עס אַבראַם רעכט צעקייעט, אָבער אַ צייט שפּעטער האָט ער נאָך נישט געקענט פֿאַרטיק ווערן מיטן געדאַנק למאַי ז יי האָבן עס אים דערציילט, ביידע פֿרויען פֿאַר אַ מאָל, און גראָד היינט, ווען ז י איז אַרויסגעפֿאָרן. קענטיק, זיי האָבן נישט פֿאַר וועמען זיך אויסצורעדן, אויך זיי איז סמוטנע. און אפֿשר נישט ד אָ ס. מן הסתם ווייסן זיי עפּעס וועגן לילין, האָבן זיך שוין אָנגעהערט וועגן א י ר , דעם שטילן טרושיקל,

דערפֿאַר — — זיי האָבן מיטלייד מיט אים; פֿילן ווי ער גייט אויס נאָך איר. זיי זענען אָרנטלעכע, כאָטש אין אמתן פֿאַרגינען זיי אפֿשר נישט לילין וואָס ער קניפּט זיך צו צו איר. אַ פֿרוי אויף אַ פֿרוי איז שטענדיק אײפֿערזיכטיק. אַבראַמען האָט עס געמאַטערט.

ווען לילי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך: אויס שמעלקע מיט איר. גענוג! וואָס איז ער איר און זי — אים? פֿרעמדע, וואָס האָבן זיך אַ מאָל באַגעגנט און באַלד צעגייען זיי זיך. זאָל זי גיין. ווײַבאַלד אָבער פֿריילן לילי איז אים אַנטקעגן געקומען, האָט ער זיך מאָדנע פֿאַרלוירן. עס איז אים אָנגעקומען פּיינלעך־שווער, ר׳זאָל מאַכן דעם אָנשטעל אַז אײגנטלעך אַרט אים גאָר נישט. אַי, זי איז ערגעץ אַוועק — וואָס גייט עס אים אָן? ווערמענס דאגה איז וואָס עמעצער טוט? ר׳איז איר נאָר אַ גוטער, אויפֿמערקזאַמער שכן:

— או, ווערמען מ׳זעט!

דעם ריכטיקן סקאַנדאַל קומט, וואָס עס קומט דער פֿריילן לילי, האָט ער פֿאַרבאַהאַלטן אין זיך, און שוין.

צופֿעליק איז עס אים געראָטן. דער בלומרשט קאַלטער פֿרעג האָט איר געטראָפֿן. ער כאַפּט זיך נישט אַרום מיט איר, דער... אַוועקגיין פֿון איר האָט ער פֿון דעסטוועגן נישט געקענט. אַדרבא, ער איז איר נאָכלעסיק נאָכ־געגאַנגען.

זי האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט. נאָך מיד פֿון וועג, הייסט עס, און ער — ער ווייס פֿון ס׳ניי נישט וואָס אָנצוהייבן. פֿרעגן? וואָס פֿרעגן! און וואָס איז עס זיין עסק? זיכער, זי קען אים נאָך באַליידיקן: זע נאָר אַ חוצפּה. זי פֿרעגט דען, וואָס ער טוט? פֿריינטלען זיך איז טאַקע שיין, אָבער נישט תמיד איז ס׳געמיט צו דעם. זי האָט זיך אירע דאגות.

נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך אין דער שווערער מינוט, איז ער געשטאַנען אין פֿענצטער, אָט דאָ ביי לילין אין פֿענצטער און — אַרויס־געקוקט. ער פֿילט זי הינטער זיך, אירע בליקן בריִען אים דורך. ר׳האָט געשפּירט, ער ווערט רויט, ר׳ווערט בלאַס, אָבער אויסדרייען זיך, נעמען רעדן, האָט אַבראַם נישט געהאַט קיין יאַנדעס. אַצינד וואָלט עס זיך נישט געקלעפּט. ער איז דאָך בייז אויף איר, און מיט רעכט. אַוועקגעפֿאָרן און אַפֿילו נישט געזאָגט: זייט געזונט, אַבראַם. ער וועט איר נאָך זאָגן, ר׳מוז עס איר זאָגן. אַצינד איז נישטאָ קיין כוח דערצו. ר׳עט צוואַרטן.

ווידער איז געגאַנגען אַ לאַנגער, פּיינלעכער אָונט, ווידער האָט זיך געצויגן אַ נאַכט מיט לעסטיקע הוריות; חלומות האָבן אים פֿון שלאָף אַרויס־געריסן, דערמאָנט אָן א י ר.

ווייזט אויס, ר׳האָט זי ליב, די־אָ. צי מעג ער אַזוינס? דערצו אַזאַ וואָס זעט נישט וואָס פֿאַר אַ מענטש ער איז: אַלץ מיינט ער ערלעך. יאָ, און דער פּעטערשי? דער פּעטערשי האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. אַלץ איז קעגן אים. אָבער דער אמת איז אַז אויף אַבראַמען האָט זיך אָנגעזעצט דאָס יינגל, וואָס איז שטאַרק צוגעוווינט צום אַלטהיימישן דרך פֿון מורא האָבן אַליין עפּעס צו טאָן: ווייל וו אָ ס ו ע ט מ ע ז אָ ג ן?

ער איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעגאַנגען, ר׳האָט זיך צונויפֿגעקאָר־טשעט ווען די אַנטקעגנדיקע טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן. ס׳איז ז י! זי האָט פֿאַרדראָס פֿון דעם ברוגז. אייגנטלעך איז ער אין גאַנצן שולדיק. אַליין אָנגעקוואָרן עס. אָבער — ער האָט דאָך איר נאָך גאָר נישט געזאָגט. זי וואַרט אַוודאי אויף אים, און ס׳פּאַסט איר נישט זיך אַזוי צו אונטערטעניקן. דאָך אַ פּרוי. וואָס זיין פּראָסטן קאָפּ קען אַלץ איינפֿאַלן!

לילי איז געווען: ר׳איז אַ צעקראַכענער, און די צעקראָכנקייט זיינע האָט אים ווי געטאָן: גאָר פּלוצלינג האָט זיך אַ וואַקל געטאָן זיין דעה. זי איז אַ געלאַרנטע. מיט דרך־ארץ און מיט קלעמעניש דערמאָנט זיך אַ סך רגעס מיט איר, דערמאָנט זיך מיט חרטה. שלעכט געטראַכט פֿון איר און שוין באַגערט ער צו זאָגן איר וואַרעמס אַזוינס, חניפֿהדיקס: „כ׳האָב גע־בענקט נאָך איהן, פֿריילן לילי. כ׳מיין נישט קיין געלאַכטער“.

אָבער אַבראַם האָט זיך צו דעם נישט דערשלאָגן. זאָגן אַ פּרוי, אַז ר׳האָט זי ליב, וועט ער נישט. ר׳קען זיך נאָך באַנאַרישן מיט דעם, קלערט ער, און שוין איז ער דעריאַכמעט דערפֿון.

10

דאָך, די גוט־שכנותשאַפֿט האָט גובר געווען.

ווידער און אָבער־אַ־מאָל זענען געקומען און געגאַנגען די טעג און נעכט אַריבער די פּענסיאָן־צימערלעך, אין וועלכע עס איז נישט קיין אופֿן רויק אַליין איינצוזיצן. אַבראַם האָט איטלעך מאָל אויסגעקוקט לילים אַריינ־קום, צוזאַמען מיט איר געהאָפּט אויף גוטע בריוו, געגאַרט נאָך דער שיף

וואָס וועט זיי ענדלעך אָוועקפירן ווייט אַהין, וווּ דער גורל איז פֿאַרהוילן אין טויזנט שלייערן.

און איז לסוף אָנגעשטאַנען דער טאָג, ווען אַבראַם האָט דער ערשטער געדאַרפֿט זיך לאָזן אין אומבאַוווסטן וועג אַריין, האָט לילי פֿאַרלוירן אַן ערשטע טרער פֿאַר זײַנעטוועגן.

— ע, עע. נישט שיין, פֿריילין לילי. מ׳באַדאַרף נישט, — און אַליין זיך שיער צעוויינט.

— געדענקט, אַבראַם, איך בין אייך אַן אמתע פֿריינדין.

ער האָט געזען ווי אירע ליפּן ציטערן. אַבראַם איז געשטאַנען קעגן איר ווי אַן איינגעקאָפּעטער, זײַנע באַקן האָבן זיך געוואָרפֿן אין דינער קאָנוולסיע. דערנאָך האָט ער פֿעסט געדריקט איר ווייכע פּרויִשע האַנט, שטום גע־שאָקלט מיט איר:

— ס׳עט גיט זאַן, פֿריילין לילי. — ער האָט קוים אַרויסגעקראָגן פֿון זיך אַ וואָרט און פֿלינק זיך אָפּגעטראָגן. ער איז אַוועק אין די אינעווייניקייטן פֿון דער צעזשומעטער שיף און געשפּירט אין די אייגענע זשמעניעס דאָס צאַפּלעניש פֿון דער גאַנצענער וועלט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעקוליעט אין אים.

שעהען לאַנג נאָך דעם איז לילי איינע אַליין געזעסן אויפֿן ווייטלעכן ווילדן ברעג פֿון ים, געוואַרט ביז די שיף מיט אַבראַמען וועט אַנשווימען און פֿאַרשווינדן פֿון האָריזאָנט.

אין פענסיאָן-צימערל האָט זי לגמרי שוין נישט געקענט אײַנזיצן. זי האָט זיך באַרויִקט ערשט דעמאָלט, ווען פֿון אַבראַמען איז אָנגעקומען דער ערשטער גרוס —

„איך וועל איהן נישט פֿאַרגעסן, ליבע פֿריינדינע לילי. גאָט ׳עט העלפֿן, וועלן מיר זיך נאָך טרעפֿן“.

שיינע האָפֿענונגען האָט ער מיטגענומען, דער־אָ און איר, לילין, אַ וואַרעם געטאָן מיטן צאַפּל פֿון געפּרוווטן פּרויִשן גורל. אין דער אמתן איז גאַנץ אומגעריכט געוווען פֿאַר איר דאָס בריוועלע. נאָך דעם איז איר עפּעס לייכטער אויסגעקומען דאָס וואַרטן אויף איר אייגענעם אָפּפֿאָר. זי וועט אָנקומען אויף אַן אָרט, וועט איר שוין נישט זיין שווער זיך צו זען מיט אים. פֿאַרט אַן אָרנטלעכער, דער אַבראַם. ווי ווייט איז עס דען פֿון פּערו ביז בראַזיל?

דערווייל האָט זיך געשפּינט פרײלן לילים נייער טרוים איבער ים און יבשה. זי וועט׳ס האָפנטלעך איבערקומען. ער איז אַ פּראָסטער, נאָר אַן אָרנטלעכער, אַ שטאַרק אָרנטלעכער און אַזעלכער איז אין שטאַנד צו גרויסער געטריישאַפט. און אַזאַ לאָזט זיך אויספּאָלירן. נישקשה, זי הייסט לילי.

אומעטיקלעך האָט לילין אַ דריק געטאָן דאָס געמיט. זי האָט נישט פאַרגעסן: זי איז אַ פּרוי און אַ פּרוי פאַרשפּעטיקט — נאָך געוויסע יאָרן. אומדערבאַרעמלעך איז דאָס געדענקען וואָס שפּאַנט תמיד אַריבער די גרענעצן פון ווילן און אומווילן.

... פרײלן לילי האָט געדולדיק געוואַרט ווייטערדיקע בריוו פון אַבראַמען.

אַ שיף אין מיטן ים

1

ווען די שיף האָט צוגעשלאָגן צום ברעג, איז פֿאַר דבורהקע בוימוועלק די וועלט געשטאַנען אין צעדריוולדיקן רויך. די קרענק האָט אין גאַנצן זי געוואָרפֿן פֿון די פֿיס. די אַטאַקעס, וואָס זענען כסדר צוגעטראָטן צו איר אין דער גרוביקער פּאַלאַטע, האָבן צום איבעריקן דערדריקט יעדן פֿונק ליכט. פֿונעם לעבן וואָס האָט זיך נאָך אויפֿגעהאַלטן אין איר, איז ערשט געבליבן די ווייטע, בלאַסע אַנונג אַז אַ קאָשמאַר וועפּט זיך אויס. אירע אויגן זענען געווען שווער און פֿאַרמאַכט פֿון די לאַנגאָניקע יסורים און די שיין, וואָס דרינגט איצט אויף זיי, צוקט ווי אַן אָנרייסנדיקער געשוויר. אַ רגע, נאָך אַ רגע און זי האָט זיך ווידער דערשפּירט ווי אַ זאַק מיט צובויפֿגעקנופּטע ווייטיקן. ס׳גאַנצע לעבן טוט איר וויי. אויך אין אינגעווייד פֿוישן איצט די גרימעניִשן. זי שפּירט זיי בפּירוש, און זיי דריקן. פֿון דעסטוועגן איז איר גוט, ווי גוט! זי פֿילט אַ דערלייכטערונג, מחמת אָקערשט זענען עס יסורים וואָס קלאָרן אויס דעם אַרום. ביז איצט איז אין אירע צעהיצטע געהירן נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט. זי האָט זיך געצאַפּלט צווישן הייכן און אָפּגרונטן, געבאָלבעט זיך אין פֿינצטערנישן. טיף אין זיך פֿאַרנומען אירע אייגענע געשרייען און געשטיקט זיך מיט זיי. און האָט זי בעל־כרחי זיך אַרויסגעקראָגן פֿון דעם באַרג אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אויף איר, האָט זי אין שוואַכעניש אַרויסגעקרעכצט:

— מאַ־מעע, געקומען מיין סוף!

באמת: די אומגעהייערע לאַסט איז נישט געווען פֿאַר איר אויסגעדאַרטן גוף, און ס׳קרעכצן איז נישט געווען קיין קרענקלעכע גוזמא. פֿון מינוט צו מינוט זענען איר אויסגעגאַנגען די כוחות. ס׳האָט געטונקלט אין מוח, דאָס

מויל האָט געטריקנט און אין די אינגעווייידן האָט געשרפּעט אַ שריפֿה. איר קול האָט אָן אויפֿהער אַרויסגעבראַכט אַ מבולבל בעטן: וואַסער, אַקוואַ, מאַ־ממ... באַשיימפּערלעך, זי פֿאַרלירט דעם שווערן געראַנגל.

אַ פֿאַרלוירענער האָט איר מאַן זיך געדרייט פֿאַרן אַריינגאַנג אין קעלער, ווו זיין דבורהקע הויכט אויס דאָס איבערגעריסענע שטיקל אָטעם; זי ברענט אין אירע לעצטע פֿאַרלאַנגען און ער, ער קען איר גאָר נישט העלפֿן. פֿאַרקערט, מען דערווייטערט אים פֿון איר, מ׳טרייבט אים שוין פֿון זיין שוואַכענקער דבורהקען. וואָס פֿאַר אַן עצה טוט מע זיך, גאָט מיין אייב־ציקער! אומדערבאַרעמלעך איז דער ים און די געזעצן פֿון זיינע מענטשן. זיי חוזקן גאָר פֿון יענעמס נויט! מ׳קוקט אים אויך שוין נאָך אויף שריט און טריט, בייזע אויגן פֿאַרפֿאָלגן אים מחמת זיין צעטראָגנקייט. נאָר ער זעט עס ווינציק, שמואל בוימוועדק. איטלעך מאָל האָט ער זיך אַריינגע־שלייכט אין שפּיטאָל־קעלער, טרויעריק געמורמלט אין דבורהקעס שטאַרק אויסגעצערטן פּנים אַריין, געווישט דעם שווייס פֿון איר שטערן, פֿונעם האַלדז און — מחמת אומבאַהאָלפֿנקייט — אין פּיין אויסגעשלייפֿט ביטערע גרימאַסעס אויף זיינע באַקן, געביסן זיך די ליפּן, געריעדט צו זיך אין גע־בראָכענעם געוויין און געלאָפֿן פֿון ווינקל צו ווינקל צו די אַנדערע בעטלעך, אויסגעשטאַמלט: „מי סעניאָראַ קי דעבאָלאַ!“ ער האָט געבראָכן זיך די פֿינגער, געקוקט אויף דער בלייכקייט פֿון מענטשישן עלנט דאָ און דאָרט און איז געטראָגן געוואָרן פֿון צעשטערערישן אומרו. די שמאָלע, לאַנגע שיף־קאָרידאָרן זענען אָפּט פֿול געוואָרן מיטן שטומען אַליאַרם וואָס דער שטילער מענטש האָט צעפּירט איבער דעם שווימענדיקן אינדזל. מ׳האָט געקוקט אויף דעם מאַן מיט דער פֿאַרקרימטער צורה און מ׳האָט געקוקט אויף דעם שיף־קעלער, ווו עס יוירט די סכנה. אַ מינוט, אַ ליאַדע מינוט קען עס געשען. דער טויט אין מיטן ים! מענטשישע פֿרומקייט און מענטשישער נייגיר האָבן זיך געפּאָרט ביי די דרינגדזשנדיקע ווענט פֿון דעם משונהדיקן געביי, וואָס האָט איינגעצאַמט די מענטשן און אָט געבוירט עס פֿאַר זיי דעם טויט. אָנגעקליידט אין מענטשלעכן לבוש האָט די אימה זיך צעפּאָכעט איבער אַלע צעוויגטע קאָרידאָרן און אייבערשטע דעקן. און האָט די שיף מיט אַ מאָל געלאָזט הערן איר הייזעריקן סירענע־רוף, האָבן אַלע געזעצן אין דעם אַן אָנזאָג פֿון — סוף. אומעטיק האָט דער ערנסט אַ קוק געטאָן פֿון הונדער־טער פּאָר אויגן. ערגעץ האָט זיך אַ ריר געטאָן די גוטסקייט פֿון פֿילעוודיקן האַרץ; מ׳האָט אומבאַקאַנטערהייט געכאַפּט דעם יונגן מאַן פֿון דער קראַנקער

פֿרוי, געצויגן אים איבער די שמאָלע אייזערנע טרעפּלעך, געשטעלט זיך מיט אים פֿאַרן קאַפּיטאַן, אויסגעפּונעו אַ דאָקטער צווישן די פּאַסאַזשירן.

— ס׳איז דרינגלעך, מעסיע!

— איך הער, סער.

— דער מענטש איז נישט הפֿקר! — האָט אויך שוין געטומלט די שטים פֿון דער מאָסע.

דער קאַפּיטאַן אַליין אין זיין בעטן אוניפֿאָרם האָט זיך מטריח געווען, ס׳האָבן גיך פֿאַרבייגעמיניעט ווייסע כאַלאַטן, אויגן האָבן זיך אָנגעשטרענגט.

די האָפֿענונג האָט געצאַפּלט, דער נייגיר איז געוואַקסן — טרויעריק האָבן שערענגעס פּאַסאַזשירן זיך פֿאַרבייגעשאַרט דעם קעלער, וואָס דראָעט מיט סכנה.

מיט אַ מאָל איז שטיל געוואָרן, געזונקען דער רעש, גלייך מע וואָלט אים איבערגעשניטן דעם לעצטן נערוו און דעם קאָפּ אַריינגעשליידערט אין ים.

ששש! ס׳האָט זיך נאָר געהערט דער ים, ס׳האָבן געהודזשעט די מאָ־טאָרן און צום קעלער פֿונעם שיף־שפּיטאָל איז געווען אָנגעהאָרכט דאָס פֿאַרחלשטע אויער:

„וואָס איז געשען? חלילה נישט צו שפּעט?...״

דער עס־האָל פֿון שיף איז צו יענעם אָונטבריט געבליבן האַלב־ליידיק. אַז דער טויט האָט זיך געשטעלט אין מיטן אַריין, איז אויך דער חשק פֿון מאָגן אין שרעק. מענטשן האָבן זיך באַרויִקט ערשט ווען מ׳האָט זיי אָנ־געזאָגט:

— ס׳בעסער. אַ ריכטיקע איינשפּריצונג האָט געמאַכט דער דאָקטער פֿון ערשטן קלאַס. די קראַנקע דרימלט — —

נאָך דעם זענען געגאַנגען נאָך שווערע ים־טעג, אָבער די סכנה איז אַוועק.

2

איצט געדענקט זי גענוי:

אין די אַנגסטלעכע מינוטן, ווען זי איז געהאָנגען צווישן לעבן און טויט, האָט זי זיך ממש צעריסן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג: נאָר נישט אויפֿן ים: דער טויט וועט איר זיין אַ דערלייזונג; די יסורים פּרעסן זי שוין זיבט יאָרן. סיי ווי האָט אָפּגעוועלקט יעדער ווילן. נישטאָ פֿאַר איר מער קיין שום רייצן. יאָ, שטאַרבן. נישט דאָס שטאַרבן האָט איר געשראָקן, נאָר די לעצטע האָ־

פֿענונג וואָס ווערט פּלוצלינג אויסגערונען. גרויסע נסיונות שוין אויסגעשטאַנען און אַנגעזיכט פֿון סכנה. זי האָט אויסגעמיטן די נעגל פֿון ערגסטן שונא, און אָקערשט...

געקומען אַן אויגנבליק אַזאַ און דער מוח האָט זיך קיל אויסגעקלאָרט. איר גאַנצע וועלט הענגט אויף אַ האָר. אָט זע — דער גורל וואַרפֿט דיך אויף דער מערכה פֿון ים. דער ים איז פֿאַררעטעריש, דער ים פֿאַרציקט. ניין, דער טויט איז איר שוין נישט שרעקלעך; שווידערלעך איז נאָר די שאַרף פֿון אַנטבלויזטן באַוווסטזיין אַז די ימישע טיפֿן נייגן זיך צו דיר. דער ים מיט אַלע זיינע אויסטערלישקייטן און שרצים. סאַר'ע אַכזריות! — — וואַקלט זיך אַ בלאָנדזשענדיקע שיף אויף די אָנסופֿיקע וואַסערן און איבער דעם וואַקלט זיך איר לעבן! די כוחות לאָזן זיך אויס, זי וועט נישט דערפֿאָרן אין איר לעצטן פֿאָרן. וואָלט ליבערשט די שטילע ערד פֿאַרדעקט אירע אויגן! סודותדיק, מיט גאָטס מויל רוישן די ביימער אויפֿן קראָשניעוויצער בית־עולם, די ביימער איבער די קברים פֿון דער מאַמען, פֿון דער באָבען און דער הימל ליכטיקט מיט זייערע אויגן. מאַ־מע, העלף מיר!

ווידער האָט זיך געטוקט די שיין פֿאַר דבורהקעס אויפֿגעריסענעם בליק און פֿון ס'ניי האָבן זיך געקרייצט די שרעקן פֿאַרן טויט מיט די וויטיקן, וואָס גריזשען איר לייב. אַזוי לאַנג זענען די טעג, מוראדיק לאַנג די נעכט. די צייט איז צו איר גרויזאַם. זי האָט פֿאַרשפּילט. געראַנגלט זיך אַזוי פֿיל מאָל מיט חולאתן, בייגעקומען פּורעניותן פֿון נויט, קעלט, וויסטקייט, און ערשט — — ס'פֿאַרמעסט זיך דער ווילדער ים אַנטקעגן דעם עלנט פֿון אַ חרובדיק מענטש.

אַ רויִקע טונקלקייט איז געשטאַנען אין שפּיטאָל־קעלער פֿון דער אָנגעכמורעטער, אייביק מליאַסקנדיקער שיף. אַנטקעגן דעם סקראָבן מיט די ציין פֿון דער קראַנקער און איר וויסטן קרעכצן, האָט דער אַרום מיט די בעטלעך דערמאָנט אין אַן אויסטערלישן קבר, וואָס באַוואָרט ס'געדעכעניש פֿון מתים־געלקייט, אַ פֿאַרוועבטע מיט תכריכים־שיין.

מיט די לעצטע טראָפּנס לעבן אין זיך האָט דבורהקע זיך געקלאַמערט אין דעם פֿאַכלדיקן ברעג, וואָס האָט אָט געגעענט צו איר, אָט זיך דערווייטערט. דאָס ווייט־אַנטפּלעקטע ליכט האָט געצויגן און ביי איר שטייט אָפּ ס'האַרץ, האַרט פֿאַרבאַקן זענען די ליפּן. אין שוואַכעניש האָט זי געשעפּטשעט אַ תּפֿילה, כאָטש נאָך איין מאָל צו קענען אַריינקוקן אינעם קאָנוווּלסיוון פּנים פֿון טאָג. ראַפּטעם האָבן דערוואַכט אירע חושים און באַלד

זענען זיי אַנטלאָפֿן געוואָרן אין תהום פֿון אַנגסטן וואָס האָבן געפֿלאַמט און געדאַמפֿט מיט ווייסן וואָלקן. ס׳האָט שוואַך אויפֿגעלויכטן און גיך אָפּגעדעמערט אין איר צעוואַקלטער וועלט. דערנאָך איז זי לאַנג געזונקען איז אַן אָפּגרונטיקייט און דער קאַמפֿאָר האָט ווי אין אַ שפּינוועבס זי פֿאַרפּלאָנטער אין די דינע פֿעדעם פֿון בלייכע דערמאָנונגען.

געווען אַריינגעוואָרפֿן אין בויך פֿון דער שיף איז זי אומאויפֿהערלעך געטריבן געוואָרן איבערן שאָרסטקן רוקן פֿון אַ בייזער הודזשעניש. מאָנאָטאָן האָט געברומט דער ברויזיקער ים, די זידנדיקע כוואַליעס האָבן געפּאַטשט ס׳קליינע מוטנע פֿענצטערל; העפּטיק, מיט שוים אויפֿן פּיסק און מיט געשריי האָבן די כוואַליעס דבורהקען אַריינגעקניפּט אין עקבערנדיקע ווייטיקן, און זיי האָבן געגליט און פֿאַרטייבט.

איצט איז זי אויפֿגעקומען פֿון קראַנקן שלאָף. משמעות, דער ריח פֿון דער דערנעענטערנדיקער ערד און דער לעצטער טרייסל פֿון דער שיף האָבן איר אַ געזונטן שטויס געטאָן, אַרויסגעטרייסלט פֿון איר דעם אין פֿיבער אָנגעהויפֿטן אַש פֿון אַלע איבערגעלעבטע בהלות און האַלוצינאַציעס. פּלוצלינג איז געקומען די מטושטשע דערלייכטערונג. שוואַך האָט זי געעפֿנט די אויגן און מיט שווערקייט באַוועגט די גלידער, בעת דער מאַן האָט אין געאייל גענומען זיך אָנטאָן. פֿאַמעלעך האָט זי דערנאָך געשטעלט די טריט צום דעק, וואָס איז שוין געווען אין גרויסן טומל. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פֿאַרכליניעט מיטן רייך פֿון דעם נייעם, וואָס איז זיי אָקערשט אַנטקעגן געגאַנגען נאָך זייער לאַנגן וואַרטן. ערשט האָט אויך שמואל בוימוועדק זיך געאיילט, געמוזט זיך איילן, מחמת אַ שיף איז נישט קיין הויז וואָס שטייט עולמות אויף איין אָרט. אַ שיף איז אָנגעיוירן אויפֿן וואַסער און וואַסער איז אַ שאַרפֿער כוח וואָס באַהאַלט זיך נישט לאַנג מיט זיין גבורה. דער ים האָט נישט די טבע צו קוקן ווי עס גאַפֿט צום הימל אַיעדער דאַך איבער דער ערד. און דבורהקע איז מוראדיק שוואַך. ער האָט די גרויסע אַחריות פֿאַר איר. וויזשע זאָל ער...?

דאָס רעקל אַן אַרויפֿגעוואָרפֿנס אויף זיך פֿאַרן אַרויסגיין אויפֿן דעק, שפּירט ער ווי אַ פֿרעמדע זאַך וואָס האָט איינגעראַמט זיינע אַקסלען און אַ ניי־געבוירנס שפּירט ער אין זיין דלאָניע דבורהקעס לעבן. ער האָט עס טאָקע געפּירט געלאַסן, שטאַרק געהיטן ווי מ׳היט זיך ביים גיין מיט אַ טייערן חפֿץ אין האַנט. געגאַנגען און מיט פֿאַרקוועטשטע ליפּן געהאַמעוועט אין זיך די פֿרייד וואָס שפּאַרט פֿון אים מחמת דבורהקעס שטעלן טריט,

מחמת דבורהקעס אויפֿאַטעמען, בעת זי ציט־נאָך נאָך דעם שטראָם מענטשן, וואָס לאָזט זיך אַרויף־אַרויף מיט די שטייפֿע אייזערנע טרעפּ.

ער האָט זי אַרויסגעפֿירט אויפֿן רוישיקן דעק. דאָ האָט עס געווימלט פֿון די וואָס זענען מיט האַרצקלאַפּעניש געקומען אַהער זיך איבערפֿלאַנצן. דער בלענד פֿונעם דרויסן האָט אַ שנייד געטאָן דבורהקעס אויגן. זיי האָבן זיך ברייט צעעפֿנט און איבער איר אויסגעקנאַביקטן פּנים האָבן אַ שפּיל געטאָן די פֿאַרבן פֿון ווידערגעקערטן לעבן: זי האָט זיך לייכט געדרויטלט, דער בליק איז איבערגעלאָפֿן מיט פֿייכטן גלאַנץ און איר טראָט האָט ווי אין שיכרות אומגעריכט אַ טאָפּ געטאָן דעם באָדן.

— טאָקע שוין אָנגעקומען? —

אַ צעמישטע געקוקט אויפֿן מאַן און די שלאַבעריקע האַנט פֿאַוואָליע צוגעטראָגן צו דער ברוסט. זי האָט זיך אַזוי צעפּויקט! דבורהקע האָט דער־פֿילט אַ מורא פֿאַר דעם צו אימפּעטיקן צופֿלוס פֿון פֿרייד.

זי האָט אויף אַן אמת זיך געפֿרייט, וואָס זי איז אָנגעקומען, וואָס זי'ט איבערגעהאַלטן דעם אָנגריף פֿון די קרענקען וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין איר, — זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח זיך צו פֿרייען. האָט זי דאָך וואַכן דורכאַנאַנד געצאַנקט אויף דער שיף. זי האָט שוין דורכגעפֿיבערט דאָס מאַומדיקע קאַלטע זינקען מיט אַ ברעט אין די טיפֿן פֿון וואַסער. „געשטאַרבענע אויף דער שיף לאָזט מען אין ים אַריין", האָט עס די גאַנצע צייט געפּלאַקערט אין איר. זשעדנע זענען די וואַסערן פֿון ים, זשעדנע ווי די אומבאַגרייפֿלעכע פּרעסנדיקע באַשעפֿענישן, וואָס ווידמענען זיך אין זייערע מוראדיקע אומענדן און ברייטן.

— איז מיר טאַקע באַשערט ס'לעבן?

פֿרייד און ספֿק האָבן צעפֿיבערט איר גאַנצן מהות.

און ס'לעבן האָט שוואַך געפֿאָכעט אַרום איר. זיך גופֿא האָט די פֿרוי נישט פֿאַרגונען דעם פֿרעג, מחמת מורא פֿאַר אַ בייז אויג וואָס מ'קען חלילה זיך אַליין געבן. קוים האָט זי געשפּאַנט אין מאַנס טריט און זי האָט פֿאַר אים פֿאַרבאָרגן די גרימאַסע פֿון שרעק פֿאַר דעם, וואָס זי האָט אַהערגע־בראַכט. עפּעס צופֿיל שפּילט זיך מיט איר דער... ס'וואָרט „טויט" האָט זי פֿאַרטריבן פֿון זיך און בעל כרחה אַרויסגעקראָגן פֿון זיך אַ שמייכל. „זאָל אים לייכטער זיין דער ביטערער עול פֿאַר אירעטוועגן".

שמואל בוימווערקן האָט זיך ערשט גאָר נישט געטראַכט. אים האָט געטראָגן דאָס אומאויסגעמאָסטענע גליק, מחמת ער האָט אָקערשט געפֿירט

גענאָרעמט אַ נײַ־אויפֿגעקומען לעבן, אַ שוואַכעטשקעס, אַ צאַרטס ווי דער צוויט אונטער דער ערשטער וואַרעמקייט פֿון פֿרילינג. מיטן שניידיקן ווינ־טער, אַז ער איז שוין פֿאַרביי — פֿילט ער — ביסטו נישט זיכער און מיט דעם הויך פֿון דער זון איז דאָס נעמלעכע. אוי, אוי, — וויל ער וואָרענען איר, דבורהקען, און ער האָט מורא אויף איר רעיון אַרויפֿצוברענגען אַ בייזע מחשבה. „אַ געשאָנקענע איז זי מיר, אַ שוואַכע אַזאַ״. און מיט געלאַסנקייט האָט ער געהיטן דבורהקעס יעדן שריט, זי געפֿירט, געצאַמט איר אַ ביסל ראַפּטעמדיקן גאַנג אונטער די שטויסן פֿון די אַנטפּלעקטע הימלען איבער דער אויסגעבענקטער יבשה.

אַ געפּלעפּטע פּונעם דרויסן, וואָס איז איר אָקערשט אַנטקעגן געגאַנ־גען, האָט ערגעץ אין דבורהקעס ברוסט אויפֿגעטליִעט די בושה פֿאַר דער בייזער שרעק וואָס זי האָט דעם מאַן אויסגעטיילט אין די וואָכן פֿון זייער פֿאָרן איבערן ים. זי איז נישט ווערט אַזעלכע קרבנות. אַזוי פֿיל זיך אָנגע־ליטן דער מענטש נעבן איר! און אותו הרגע האָט זי ווידער אַ צאַפּל געטאָן:

— ס׳זאָל איר נאָר אַדורך בשלום! הלוואי זאָל בוענאָס־איירעס איר ווויל באַקומען. זי איז נעבעך אַ קראַנקער מענטש, — קריגט זי מיט אַ מאָל רחמנות אויף זיך און איר ווילט זיך אויסוויינען אַלע שרעקן, וואָס האָבן זיך אָנגע־זאַמלט איבער איר קאָפּ.

שיין איז דער חלום

I

אין בענקשאַפט

1

פאַרלוירן די לייבלעכע היים ביי היטלערן, — מיט קללה זאָל זיין אויסגע־מעקט זיין געדעכעניש, — האָבן אַלע גענומען ציִען צו אייגענע. ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפינען, ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין פון משפחהדיקן שטאַם, מוז מע דערוואַרעמען אַ ליבשאַפט, אַנישט איז נישטאָ צו וואָס צו לעבן, נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. אַזוי האָט עס אין אַלעמען אויפגעציטערט מיט שאַרפן ווייטיק, אַזוי האָט מע געקלערט. פערל מיט דאַניען זענען נישט געווען קיין אויסנעם. ווי אַ מגפה האָט אומעטום ביי די אויסגעדייווערטע ייִדן זיך אָנגעצונדן די אויסטערלישע בענקשאַפט. און ווו עמעצער האָט נאָר געקענט ערגעץ אויסקראַצן אין זכרון אַ באָענטן צי אַ ווייטן, האָט ער אין אים אָנגעבונדן אַלע זיינע כוחות. דווקא נאָך די הריגה־יאָרן האָט זיך אַזוי געצאַפּלט נאָך לעבן. מענטשן האָבן געטרוימט אַפילו פון פרעמדע, וואָס זאָלן אַריבער די אָפּגעברענטע שוועלן אויסשטרעקן אַ האַנט, ווערן היימיש. צו וואַרעמקייט — האָט עס אויסגעגעזעצן — לעכצט די גאַנצע וועלט, און די וועלט איז געווען פול מיט ייִדן־געוויין אויף דעם בייז וואָס איז געשען.

אָקערשט האָבן די ניצול־געוואָרענע געשפּירט אַזוי ווי זיי וואָלטן פון ס׳ניי געשטאַנען פאַר אַ תהום. ווי אַזוי אָנהייבן? מ׳האָט געציטערט פאַר עפּעס אומבאַגרייפלעכס און מ׳האָט מורא געהאַט פאַר דעם נייעם, צו וואָס עס ציט.

צווייפל האָט בלינד געטאָטשעט, מחמת די שווערע צייטן האָבן פאַר־סמט די מענטשן: „קיינעם זאָלסטו נישט גלייבן. אומעטום איז לויער״.

מיט אומרו האָט זיך געטראַכט אַז ווער ווייס ווי אַזוי עס וועט זיך

אפרופן דער ברודער, וועלכן מ׳האט אויסגעפונען מיט בריוו, וואס עס וועט טענהן דאס געשוועסטערקינד, ווען ער וועט פלוצלינג דערהערן, דו ביסט ארויס א לעבעדיקער פון די אלע גרויליקע פייערן, פון די טויט־קוימענס — — געפרוווט געווארן אויפן טרויעריקסטן, האט מען פון אלץ געטראכט מיט א ברי אין הארצן, אבער גערעדט האט מע דערפון צום ווינציקסטן. „וואס אלע טוען, וועלן אויך מיר טאן“. און פערל מיט דאניען האבן זיך טאקע פארשריבן אויף ארויסצופארן. מ׳באדארף זיך שטעלן אין דער ריי, מיט אלעמען. פאר הונדערט טויזנטערליי, טאמער קריגט מע נישט קיין פאפירן צו פארן אהין ווו עס ווילט זיך שטארקער... מ׳קען האבן אומזיסט זיך גענומען אין זינען אריין. ווער קען וויסן? נישט אין גאנצן זיך פארלאזן, און דער וואגל איז שוין במאס, גוואלדיק נמאס! הפנים, נאך ווינציק געווען אונדז די גטעא און די אכזריותן. נאך מוזן זיך ציען פינצטערע יארן אין לאגערן, א לעבן אן אנגעווילדסט, א פארצאפלטס אויף יעדן שריט און טריט. בייע שרעקן — מצד... פון וועמען נישט, גאט אין איינציקער! אפילו פון אליין געפרוווטע. אז הפקר שפארט פון אומעטום אויף דעם הפקר־געבליבענעם?

א וויזע! דאס־א פאפירל מיט דער אפגעציטערטער חתימה איז געווארן אלעמענס חלום, אויך פערלס און דאניעס, הגם א חלום אן פליגל, אן וואַרעמען ליכט. באנאנד מיטן טרויער וואס האט זיי נישט אפגעלאזן, שפאנט מיט זיי דער אינדערוואכיקער חלום פון איבעררייסן מיטן לאגער. דער לאגער איז די קללה און די שלאגנדיקע פויסט. ער דערמאנט אלע וויסטע ברעד און ער שלאגט מיט בייע אימהדיקע קלעפ. טאג איין, טאג אויס גיט עס נישט קיין רגע מנוחה. איז ווער עס האט ערגעץ־ווו נאר געהאט עמעצן, דער האט דעם רעיון פון פארן פארבונדן מיטן גאנצן לעבן זיינעם. פון דעסטוועגן האט קיינעמען נישט אויפגעהערט צו נאגן דער ווארעם: „מי־יודע וואס פון די מענטשן איז געווארן אין דער וויט, ווו מ׳האט געלעבט און געלאבט, בעת פון אונדז האט מען געצאפט ס׳בלוט, געריסן שטיקער לעבעדיק לייב!““

געווען אבער אויך א סך, וואס האבן קיינעם נישט געהאט אין ערגעץ. אזעלכע האבן נאך מער געקלאגט. פונאנדערגעשפרייטע איבער אומהיימלעכע בארשקן, ווו אנומלטיקער טויט איז נאך געווען פארטייעט, איז דער לאגער פאר זיי געווען די היים פאר ווייטיקלעכער דערמאנונג אז אומעטום, ווו זיי זאלן נישט קומען, וועלן זיי בלייבן עלנט ווי א שטיין; אין דעם אומ־

באַוווסטן ערגעץ־ווו זוותין עס ציט זיי, וואַרט אויף זיי דער זעלביקער צ ו ו אָ ס ?

פּערל מיט דאַניען זענען געווען פֿון די גליקלעכע. אַ סך האָבן זיי מקנא געווען. אָ, נישט יעדער איז עס זוכה! זיי האָבן אין וועמען אָנצו־קניפּן זייערע האָפֿענונגען. און מיט דעם האָבן זיי זיך אַליין געטרייסט. סיי אים סיי איר האָט געלאָקט דאָס פּאַרווישטע בילד פֿון די לייבלעכע, וועלכע זיי האָבן געפּרווט זיך אויסמאָלן. און ווי אויף אַ ניי־געפֿורעמטן גלאָבוס פֿון זייער וועלט, האָבן זיך אין זייערע געהירן איינגעקריצט נייע, אומקענטלעכע השגות: שיפֿן, ימים, און זיי, פּערל מיט דאַניען, טראָגן זיך איבער זיי אין דעם צוזאָגנדיקן, אויסטערלישן אָנענד אַריין. מאָנטעווידעאָ, בוענאָס־איירעס, ניו־יאָרק. אומעטום משפּחהדיקע און אומעטום ווילט זיך זיין. טשיקאַווע, ווי אַזוי יענע, די אייגענע, וועלן קוקן און שטוינענדיק פֿרעגן: די־אָ זענען עס אונדזערע אייגענע? זיי וועלן זוכן ענלעכקייטן, וועלן באַגערן זיך צו דערקענען אין זיי, די פֿרעמד־אָנגעקומענע. און אפֿשר וועלן יענע זיי נישט ליב האָבן, מחמת זיי קענען דערמאָנען עפּעס אומליבס, אומבאַ־קוועמס; אפֿשר דעם נישט־שמייכלענדיקן יחוס נאָך אויפֿוועקן — זיי, ז יי די פֿרעמדע, קענען אַרויסרופֿן אַלץ, אַלצדינג! דווקא מיט דעם וואָס זיי האָבן מיט גבורה און צאַפּלעניש אַרויסגעריסן פֿונעם שוידערלעכן קנויל דאָס נישטיקע לעבן וואָס וועט יענע דערמאָנען זייער אַנומלטיקן אַמאָל. יענע קענען זיך אפֿשר נאָך טשעפּען! ווער ווייס־ „אָט־אָ־די זענען עס פֿון דער תליה אַראָפּגעגאַנגען, פֿון די ברענענדיקע קאַלכאויוונס אַרויס?״ סיי ווי — פֿאַר לעבעדיקע שאָטנס קען מען באמת זיך שרעקן.

2

דערווייל קומען אָן בריוו, אָנגעהויכטע פֿון אַ ווייטקייט, וואָס רעדט ווייכע, זיסע רייד: איז עס אמת אַז דו ביסט געווען צוזאַמען מיט דער „גאָטזעליקער מאַמע״ ביז איר לעצטער מינוט? איז עס וואָר, מיר וועלן האָבן ס׳גליק נאָך צו הערן פֿון אונדזער געוועזענער היים? עס צערייסט זיך דאָס האַרץ פֿון קלערן איבערן געשעענעם. טאַקע פֿון אַלץ, שוועסטערלעבן, געמאַכט אַש און קויל — —? פֿון מאָנטעווידעאָ, פֿון בוענאָס־איירעס קומט דער חידושלעכער געפֿרעג. מאָנטע־ווי־דע־אָ, בו־ע־נאָס איי־איי־רעעעס,

וואָסערע טייטשן דאָס טראָגט! הויך איבער אונדזערע ערדן, אין ליכטער ליגן די־אָ ערטער. אַך, אַך, צו וועמען פאָרן?

צווייפל האָט געגעסן די בלוטן און נייגיר האָט געלאָקט. לענדער ווי קאַלאָסן אין פאַנטאַסטישן לבוש האָבן פאַרשלונגען זייער טראַכטן, אָבער נישט פערל און נישט דאָניע האָבן אַ סך געערדעט פון דעם. דאָס קלערן פאַרשליסט דעם האַלדז. און שטומקייט בייטשט. אָט־אָ די שטומקייט איז אָקערשט די האַנט פון גורל, וואָס פירט דעם מענטש. ווי עס וועט זיין באַשערט, זאָל גוט זיין. געערדעט האָט דער זיפץ. פאַרלוירן די אייגענע קינדער, פאַרלוירן אַלץ, האָט מען רק זיך געגריזשעט: נישט כדאַי געווען ס׳איבערלעבן! אַצינד איז פאָרן מענטשלעכן שכל נישטאָ מער קיין בחירה — דער טויט גייט סיי־ווי נאָך.

און האָט פערל אַ רגע זיך פאַרגעסן, האָט זי דעם מאַן נישט פאַרגונען זיין פאַרטועקייט, למאַי ער האָט געדולד צו „פוסטע זאַכן". אַ מאַנצביל — פלעגט ער זיך אַרומטראָגן אין לאַגער צווישן די גערעמלעך יידן וואָס האָבן תמיד געפירט זייער שמועס: ווען פאָרט מען? ווהין פאָרט מען? ס׳גאַנצע לעבן איז אַריינגעטאָן אינעם טראַכטן פון פאָרן. דאָס האָט דעם מוח צעשפאָלטן. אַנדערע האָבן געפלאַקערט אין פאַרהוילענעם טרויער: אָפגעשפאַרט זיך לעכער אין די לונגען. זייער צאַנקען איז ווי אַ פייער וואָס וויל נישט אויסגיין: ס׳ברענט דעם גוף און נאָך מער די נשמה. די שאַרפסטע ווייטיק איז ס׳חשבונען די טעג פון אייגענעם פאַרגיין. פאַרמשפטע, ברענען זיי מיט די בליקן די טריט פון די אַנדערע וואָס בלייבן באַשיימפערלעך אין דער מחנה פון לעבן. דער הימל איז בלאָ, בלומען זענען שיין, בלויז פאַר זיי שטייט אַלץ אין שאָטן פון וועלקונג. גייט אַרום אינעם בוים אַ רויש אין די מיטנבעכט, וויינען אין זיי די אַלטע וואַכע ספיקות: צו וואָס זיך געשטרעקט נאָכן לעבן? זיי איז שוין באַשערט צו פוילן אין דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד. סתם היקן זיי אין נישט ניחאדיקייט און עס ברענט אויף די קנאה צו די וואָס וואַרעמען אין זיך אַ בלענדיקע האָפענונג. אָבער ביי דער זייט פון די צאַנקנדיקע פאַרשווייגן שווער די געזונטע:

— מירן סיי ווי דאָ בלייבן. פאַראָן דען פאַר אונדז אַן ערגעץ?

— די קאָנסולן, אַ נכפה אויף זיי! נאָר שלעפ־פי גיב זיי. אונדזערע מוסקולן באַטאַפּן זיי, די שטייפקייט פון די שענקלען זוכן זיי ווי די פערדהענדלערס, — די שליחים פון די פרעסערס און זויפערס, וואָס פאַרשיכורן זיך מיטן זול פון אָרעמשאַפט ביי פעלקער.

שניידיק איז דער טרויער וואָס גיט אַ יאָג פֿון די רבֿד. צו פּערלען, דער בלייכער, דער אויסגעמאַרעטער, קלעפּט זיך גיך אָט די טרויעריקייט. אויף צרות זענען מיר תמיד אָנגעבאַרייט — טרערן אירע אויגן. ווײַ, צו וואָס מ׳האָט זיך געריסן אַהער, צו וואָס מ׳איז געלאָפֿן! און די וויסטע באַראַקן פֿון לאַגער האָבן אויף איר אַ דריק געטאָן מיט דער מורא פֿון בית־הקברות־שטיבלעך, אָנגעפּולטע מיט טויט־ריחות און אומהיימלעכע חיהלעך.

זי האָט שוין חרטה געהאַט וואָס זיי זענען אַוועק פֿון דער פֿאַרשעמטער ערד, ווו די קברים פֿון די ליבע און הייליקע ווערן עד־היום צעטראָטן פֿון בהמות און פֿון שפּאַרבערס אין מענטשן־געשטאַלט. און האָט דאַניע זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש איבערכאַפּן ס׳האַרץ, פּלעגט ער אויך קלאָגן ס׳געקלאָג פֿון אַלע פֿאַרוואָגלטע: ס׳ביסן ברויט וואָס דער דזשאָינט וואַרפֿט צו איז — אין זינד געערדט — דערעסן. ווי דערלעבט מע שוין זיך צו וויגן אויף אַ שיף?

3

אָבער דאָס ציִען זיך צו אַ שיף אויפֿן ים, איז נאָך נישט געווען אַלץ. שטילערהייט אין זיך האָט דעם מענטש אַלץ נאָך געגריזשעט די פּיין: ווהין? צו וועמען? ער האָט טאַקע ברידער אין די וויטן, אָבער ווער ווייסט זיי אַצינד? הינטער זייער היים און מײַנער ליגן יאָרן אַ דריי צענדלינג. אַזוי לאַנג האָבן די היימישע זיי נישט געזען נישט אין זייערע צרות און נישט אינעם ווילטאָג, משטיינס געזאָגט. און די־אָ האָבן מיט די אייגענע אויגן נישט צוגעזען ווי זיי קומען אום, די אויסגעפּייניקטע! וועלן אַזעלכע דערקענען אין א י ם, אין א י ר, דעם אָפּשפּראָץ פֿון לייבלעכע טאַטע־מאַמע, וואָס זענען דאָך פּ א ר ז יי נישט אומגעבראַכט געוואָרן פּונקט אַזוי ווי פֿאַר אים, פֿאַר פערלען? מ׳זאָגט דאָך: געלט פֿאַרפֿירט, אַ גוט לעבן פֿאַרגרעבט. יאָ, מ׳בענקט נאָך גוטע צייטן, אָבער דורכויסיקע שפּע ענדערט, פֿאַרערגערט, פֿאַרטריקנט די נשמה. דאַכט זיך, אין די אַמעריקעס וואַקסט גראָד אַזוינס, נאָר אַזוינס! וואָס־זשע פֿאַר אַ עצה גיט מע זיך?

אַוודאַי, ס׳געדענקען זיך די בריוו וואָס זענען אַזוי שלעפּעריק, אַזוי אומגערן דערגאַנגען צו דער קראַנקער באָבע. זי איז געלעגן אין שמאַך, אין פֿאַרטראַגנקייט פֿון פּיבער האָט זי זיך געצויגן צו אירע טייערע, ליכטיקע קינדער, און יענע האָבן עס קוים דערהערט. איטלעך מאָל איז פֿון זיי

דערגאַנגען אַ לעטער מיט אַ קאַרג וואָרט, מיט אַ קאַרג דאָלער־בלעטל: אַ מאָל, ווען דער פראָסט האָט פאַרקאָוועט דער באָבעס שטיבל און זעלטן צו יום־כיפור אַז די „מוטער זאָל בעטן גאָט פאַר זייער געזונט, פאַר אַ גוט קוויטל". עפּעס נישט אַזוי ווי ביי זיי, ווען אַן אייגענער איז אין דחקות, האַרטע הויטן טוט אָן די רחבה אויפן מענטש.

אָקערשט שפּירן זיי, די נרדפים, רק די לעבעדיקע ווייטיקן פון זייערע פריש אונטערגעהאַקטע וואָרצלען. די יסורים זענען זייערע, נאָר זייערע. איי, יענע אין דער ווייט? אולי ירחם. ס'איז אָפּגעסמט דאָס האַרץ דאָס טראַכטנ־דיקע, דאָס פילעוודיקע. וואָס אויסן אויג איז אויסן האַרץ, האָט געטענהט די פרומע מאַמע עליה השלום. והשנית — טאַקע די אַמעריקעס. און אַמע־ריקע, דאַכט זיך, איז אַלץ וואָס איז דערווייטערט פון די היימישע מקומות וואָס ביי דער ווייסל, ביים בוג, ביים סאַן.

נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט געהאַט פון דעם איבערקלערן, וואָס עס דערוואַרט זיי ביי די היימישע אין די ווייטע מדינות. אַ פּאַפּירענע ליבע האָט נישט קיין גרויסן האַפּט, האָט עמעצער נאָך אונטערגעזאָגט פּערלען. עס זענען געווען רייד אַקעגן די „גוטע בריוו" וואָס זיי באַקומען. ס'איז שטרוי וואָס ברענט איבער גאָר גיך. דאָס האָט אַן איבעריק מאָל אָנגעטריפט טראָפּנס גאַל אויף איר געמיט. און געוואָלט, צי נישט געוואָלט — דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף דאַניען. ביידע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרביטערט: איז פאָרט מען, אָדער...? פאַראַן אַפילו אַזעלכענע וואָס גיבן אַ שפּיי אויפן גאַנצן. סיי ווי איז אַלץ פאַרשפּילט, און זיי בלייבן דאָ. נישטאָ קאַ' כוח צו טראַכטן; זאָל עס גיין ווי ס'גייט. פּערל איז שוין געווען צערייצט. זי האָט זיך אַליין פאַרשאָלטן מיט טויטע קללות. זי האָט'ס נישט באַדאַרפט, און ס'האָט זיך נישט געלוינט. צולאָזן זיך אַזאַ געדאַנק אַז אַן אייגענער זאָל זיין אַ שונא, דאָס איז ערגער ווי מיתה, „קיין פּאַטש פון אַן אייגענעם וועל איך נישט אַריבערטראָגן", — האָט זי פון ס'ניי זיך געיאַדעט. — „אָנקומען צו ברידער, צי שוועגערנס און נישט האָבן ביי זיי קיין היימיש־קייט, נישט געפינען אַ ביסל וואַרעמקייט, וויל איך בעסער דאָ איינגע־זינקען ווערן".

— דאָך

האָט עמעצער באַקומען אַ וויזע, געגרייט זיך צו פאָרן, האָט דער רוב אים מקנא געווען מיט דער קנאה צו קענען ענדערן דאָס נבזהדיקע לעבן פון וואַרטן אויף ירחמנות פון... ס'איז דען אַ נפקא מינה פון וואַנען

ס׳קומט דאָס רחמנות וואָס מ׳וואַרפּט צו די אַלע וואָס פירן אַ הינטיש לעבן? אַלץ איינס עקלט עס. פּלוצלינג, ראַפּטעם, האָט דאַניע זיך אַ ריס געטאָן אנטקעגן דעם קווענקלעניש:

— מיר פאָרן, פּערל!

די וויזע קיין אַרגענטינע האָט אים אַ ברי געטאָן. געגאַנגען, זי געקריגן, האָט ער אומגעריכט אָפּגעהאַקט:

— ווי לאַנג די פיס טראָגן, טאָר מע נישט בלייבן שטיין ביי אַ פאַר־מאַכטער טיר. דאָ איז סוף וועלט. מ׳מוז אַ זעץ־טאָן דעם לאַגער! נישטאָ מער קיין כוח צו וואָגלען און וואַלגערן זיך. אַן אומגליק זאָל קומען צו אַלע שנאָרערישע גליקן, פּערעלע! מיר פאָרן — ווו מע וועט קומען, וועלן זיך געפינען מענטשן. יאָ ברידער, נישט ברידער — מיר פאָרן און גענוג. אומעטום זענען פאַראַן מענטשן, טירן וועלן זיך שוין עפענען.

◈

אין טרערן פון וויטיק און בענקשאַפט האָט זיך פאַר זיי געעפנט דער נייער וועג, וואָס אין אומבאַוווּסטן.

II

צו נייער ערד

1

שיין איז דער חלום. און טרעפט: אין פארשלעפערטן מוח הייבן זיך אויף שרעק־בילדער, זיי ווארפן דיך אין די נעגל פון בייסנדיקע הינט, דו שרייסט אין אנגסטן — איז עס נישט קיין חלום. עס איז שוידער. איידעלע לייט ציִען דיך ארויס פון דעם מיט מיטלייד, זיי זענען דיר פותר־חלום צום גוטן. און דו גלייבסט, ווארן אין דער שאול־תחתיה האט דיך אוועקגעטראגן דאס פארציטערטע הארץ, אן איינגעשלאפנס אין דערדריקטקייט. וואכעדי־קערהייט איז אזא חלום ערגער. אונדזער דור איז גענוג געפרווט געווארן מיט אזוינס. און באפאלט ווען אזא ביטערער חלום, גליווערט אין אים ס׳בלוט, די אימה טרייסלט מיט אים. באהיט און באשירעמט זאל מע ווערן, מורמלען גוטע לייט, זיי טוען תפילה קעגן אל דאס בייז און זיי בייטלען דאס אויס אויף אלע שונאימס קעפ:

טפוי, טפוי, אויף אלע וויסטע מדבריות!

פון בייזע חלומות זענען פערל מיט דאניען שוין מיד. איצט האבן זיי געחלומט אויף אן אמת — זיס, תענוגדיק. זיי פארלאזן דאס מקום מקלט, וווהין ס׳זענען זיך צונויפגעלאפן די צעשראקענע שרידי השחיטה, די איבער־געבליבענע פון די פינצטערע יארן. נאר וואס ווייטער פון די מוראדיקע ערטער, ווו עס הויערט נאך די בלוטיקע האנט פון רוצח! ענדלעך קומט א סוף צום פייגלעכן וועג. מיט ליכט וועט מען פארטרייבן אלע פחדימדיקע אי־בערלעבונגען פון די נע־ונדע צייטן. מ׳וועט לעבן אנדערש, מ׳וועט שוין וויסן ווי אזוי — —

פארפאקט די פאר קלימעקלעך, געגרייט זיך צו דער וואכן־לאנגער נסיעה אויפן וואסער, איז זייער חלום געוועןן א שיינער; דער חלום האט געשפרייט

זיינע שוועבנדיקע, שטאַרקע פֿליגל, וועלכע זענען בכוח דעם מענטש אַרויס־צוהייבן פֿון דער בלאָטע. ער האָט אַ ברודער אין מאָנטעווידעאָ, זי האָט ברידער אין בוענאָס־איירעס. זיי פֿאָרן קיין בוענאָס־איירעס. פֿאַר בוענאָס־איירעס ליגט מאָנטעווידעאָ. אַ רייכע, שיינע שטאָט, זאָגט מען, און די צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, זענען אויך שיין אין דער בענקשאַפֿט. אין דער היים, אין ווילנע, איז ער געווען גאָר אַ גוטער, דער מאָנטעווידעער ברודער, און וואָס געווען גוט אַמאָל, בלייבט גוט תמיד.

— איך פֿאַרהאָף, פּערעלע, מירן נישט פֿאַרלירן גיין ביי אַזעלכע. און אַליין איז מע דאָך אויך סטיקלעך מענטשן מיט כעיסעק זיך אַ ביסל נאָך אונטערצומאַטערן, אַבי ס'זאָל ווידער זיין כדאַי צו לעבן. ס'עט גיין, פּע־רעניו טייערע!

פֿאַרטראָגן אין אומקלאָרע ווייטענישן האָט דאַניע גערעדט פֿאַרטראַכ־טערהייט און זי, פּערל, האָט זיך באַהאָפֿטן מיט זיין קלערן, אויך זיך אויפֿ־געהויבן אין דעם חלום. זיי וועלן אַראָפּגיין אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ. די שיף שטעלט זיך אָפּ דאָרט. ס'זיכער, מענטשן זאָגן. מ'וועט זיך אָפּפֿרייען, ווייטער פֿאָרן, און דערנאָך... דערנאָך, מע וועט זיך באַזעצן אין בוענאָס־איירעס, וועט מען ערשט קענען זיך זען! מאָנטעווידעאָ איז נישט ווייט. ס'איז טאַקע אַ טיר איבערן וואַסער, נאָר אַז מ'האָט זיך ליב, מ'וויל נאָר — קען מע דערלאַנגען צו דער־אַ טיר, אַפֿילו אַז זי איז העט איבערן וואַסער. נישקשה, עס וועט גוט זיין!

2

ס'וועט גוט זיין... מ'וועט זיך אַרומכאַפּן מיט זיי, מ'וועט זיך פֿרייען מיט זיי, — האָט דאַניען מיט פּערעלען נישט אויפֿגעהערט זיך אויסדוכטן דעם גאַנצן וועג. און דער וועג זייערער האָט זיך געשניטן איבער אומאַרומ־נעמלעכע וואַסער־פֿעלדער וואָס אָט האָט די שיף זיי צעאַקערט, אַ וויסן נעפּל שטויביק אויפֿגעהויבן און אָט מיט איר מאַכטיקן שנאָבל זשעדנע גע־שלונגען די מיניעדיק גרינע שערבלעך פֿון דער גינגאָלדענער זון וואָס איז אַ צעברעקלט־צעבראָכענע געזונקען אין ים אַריין. אָן צו וויסן פֿאַר וואָס, האָט עס סיי דאַניען סיי פּערלען געצויגן צו די אומגעהייער שרעקיקע, מטושטשדיקע וואַסער־ווייטן: מיט די נאַקעט־אייזערנע טרעפּלעך האָבן זיי כסדר זיך געצויגן אַרויף צום דעק און ווי אַלע פֿאָרנדיקע געזוכט אָן אָנ־

שפּאַר פֿאַרן אויג — ערגעץ אַ טורעם אויפֿן האָריזאָנט, אַ געשריי פֿון מעוועס, אַן אַנזאָג פֿון אַ ברעג. און האָבן בעת גאַנצע לאַנגע טעג דורכאַנאַנד זיך נישט געזען מער ווי דאָס טונקל אויפֿשווילנדיקע, בורטשנדיקע וואַסער און אָנגעטרונקענע, שווערע הימלען, האָט מען זיך באַגנוגנט מיט דער בלאַסער פֿרייד פֿון אַן אומבאַקאַנטער שיף וואָס האָט זיך באַוויזן אין גרינעם, רוי־גלאָזיקן אומהיימלעכן ים־מידבר. די פֿרעמדע שיף האָט געבראַכט דעם אומעט פֿון אַ לעבן וואָס איז אויך אָפּגעריסן פֿון דער שלווהדיקער ערד און זי האָט אַ בלאָז געטאָן מיט דער אומגעריכטקייט פֿון די פּחדימדיקע אָקעאַנישע איינגעווײדן וואָס עפֿענען אומגעהאַרישע, שוואַרצע, קלעפּיקע, גרויסצייניקע פּיסקעס. ווײ, וויפֿל שיפֿן זיי האָבן שוין פֿאַרצערט מיט שטורעם, וויפֿל מענטשן ס׳זענען שוין צעריסן געוואָרן פֿון די מגושמדיקע ים־באַשעפֿענישן, וויפֿל אוצרות!

טעג און נעכט האָט מיט זיי באַוועגט אַ גריזשנדיקער אומרו. און זענען זיי אַנידערגעפֿאַלן אויף די דאַרע געלעגערס אונטער דעם הודזשנדיקן איירזערנעם באַלקן מיט די שטענדיק מרוזשנדיקע עלעקטרישע פֿייער־שפּינען, האָט אין די מענטשן זיך איינגעגליווערט אַ מידקייט אָן מראה, אָן שום ליכט. שלאָפֿן וואָלט געווען אַ דערלייכטערונג, אָבער עס שלאָפֿט זיך נישט אויף די ברזיענדיקע שפּיצן פֿון אומרו. און דאָס געהער און די נערוון זענען וואַך אין אַן אומאויפֿהערלעכן וואַרטן. ריכטיק, דאָ רופֿט מען עמעצן, דאָרט זינגט מע ווײמוטיק, מיט שטילן גלי און ס׳ווילט זיך הערן, ס׳ווילט זיך זען: — ווער איז עס? וואָס זאָגט מען?

פֿאַרדרענגט אַזוי אין בויך פֿון דעם־אָ צעוואַקלטן וועלטל, אַ פּולס מיט שוואַרצאויגיקע, זונברוינע פּויערן פֿון סיציליע, פֿאַרטרוימטע אָרעמע האָרעפּאַשניקעס פֿון אַראַגאָניע, פֿאַרבלאָנדזשעטע, טעמפּע, האַרטהאָריקע רוסן און דערשראָקענע, אויסגעצערטע ייִדן, האָבן פּערל מיט דאַניען זיך נישט געקענט קיין אָרט געפֿינען. אַלטער צער האָט זיי געביסן די נשמה. אָקערשט אַראָפּ אין שיף־קעלער אַ בליק טאָן צו די נעבעכדיקע רענצלעך און באַלד האָט עס זיי ווידער געשטויסן אַהין, אַהער. אין אומקלאָרן געקנויל פֿון די געדאַנקען, האָט עס דעם פֿאַרפֿאָלק געטריבן צו זייער אַלײנקייט און ס׳האָט זיי געצויגן צום געווימל פֿון פּנימער וואָס האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן אין די קאָרידאָרן, אויף די שיפֿדעקן; ס׳האָט זיי געצויגן צום געברום פֿון די כלערליי לשונות און זיך דערמאָנט די לאָקנדיקע ווײטן, צעוואָרפֿענע איבער די פֿונאַנדערגעשפּרייטע שטחים וואַסערפֿעלד און פֿון זיי דריקט אַזוי דער

טרויער, דער אומגעלומפּערטער טרויער וואָס טונקלט אָן דעם בליק. שווער איז מאַן און ווייב אָנצוהאַלטן דעם געדאַנק וואָס שמייכלט אויף צו זיי אויף אַ רגע. אָט־אָט רייסט זיך אָפּ דער געדאַנק, ער גיט אַ לייכט אויף ווי אַ פונק, פאַלט אַריין אין פינצטערניש פון האַרץ ווי אין אַ גרוב פול מיט ביטערן געשריי.

איי, איי, די יאָרן פּיין! ווי די שטעכיקע דערנער שאָטענען זיי זיך נאָך דעם מענטש מיט ברענענדיקער אבלות.

3

סוף כל סוף האָט דער טרויער אָפּגעטראָטן. עס איז געקומען איבער־ראַשונג, שעמעוודיק געקומען. עמעצן האָט זיך פּלוצלינג פאַרבענקט נאָך זיין לאַנג־אַנטשוויגענער מוזיק. ביי יונגוואַרג האָבן זיך געוועקט די פיס, די היפּטן, צוגעווינטע זיך צו וויגן אויף די הוידעס פון בגילופנדיקע אָדער שלעפּעריקע קלאַנגען. און ווי פון אונטער דר׳ערד זענען אויסגעוואַקסן פאַר־לעך, וויגנדיקע מיט די אַקסלען, מיט פאַרהויבענע, פלאַקערנדיקע קעפּ.

אויף די שיף „אַמעריקאָ וועספּוטשי״ האָט מיט איר ריזיקן קאָרפּוס רעכט שוין באַהערשט די בייזע גרייס פון ים. אויף די פולע וואַסערן האָט זי געוווּנען כוח און לייכטער זיך באַוויגן אויף די ברוזדעס פון די צעאַ־קערטע וואַסער־פליינען. די מענטשן פון אירע קעלערס און פון די איי־בערשטע קלאַסן האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער טעמפּקייט פון דורכוי־סיקן לאַנגוויל וואָס וועבט זיך, שפּרייט זיך צווישן די אומפאַרענדערלעכע פלאַכן פון דער אייביק־ברויזנדיקער טונקעלער מאַסע און דעם נמאסן בלינדן הימל. גלייכגילטיקע זענען זיי אַוועקגעפאַלן אויף די אייזערנע בעטלעך. ווי געפאַנגענע פון דער האַרטנעקיקער נודאַטע האָבן זיי דערנאָך שוין די צייט צעפּערטלט, צעצענטלט אויף אומאויפהעריקן קוקן אין דער ווייט אַריין און גאָר נישט זען, אויף קאָרטנשפּיל און אומעטיקן געשמועס מיטן אומבאַ־קאַנטן שכן. שיין איז זיין היימלאַנד, ליב די אייגענע. אָך, אָך, ווי אַ ראָב פּיקט די בענקשאַפט זיין האַרץ, נאָר די נויט די אומדערבאַרעמלעכע, אַמיקאָ מיינער, קאַמעראַד, די אָרעמקייט, דער חושכדיקער דלות, דער שקלאַפישער, טאָוואַרישטש, צעשטערט די באַגערטע מנוחה דעם מענטשנס! טרעריק קוקט דאָס אויג, אין נערוון פאַרקרימט זיך דאָס מויל — —

אַוודאי, גרויסער ווייטיק גייט נאָך דעם מענטשן. ביי איטלעכן גליט אויף אַ באַגער צו פֿאַרגעסן זיך אַ ביסל. דאָ־אָ האָט אַ כאַפּטע זיך פֿאַרקאָכט אין אַ נאַגנדיק ליד, זינגען פֿון זיך די נשמה אַרויס; ווער ס׳כאַפּט דאָס אויף, פֿאַרגייט ער זיך אויף ביחידות אין די האַרצרייסנדיקע אומעטן. אַן אַנדער קרענצל פֿאַרלירט זיך אין פּלוצלינגן לײדנשאַפֿטלעכן טאַנץ וואָס צעברענט זיך ערגעץ אויף אַן אונטערשטן שטערן־פֿאַרזייעטן דעק און סודותדיק, פֿאַרבאָרגן טליעט עס זיך אויס אין די בײנאַכטיקע שוואַרצע ימישע פֿינצטערנישן, צווישן אַנגעבערגלטע אַנקער־קאַנאַטן און כמורע מאַסטן. און ברעכט אויף נייער פֿייכטער טאָג, שטייט מען שוין צוגעפּאַלענע צו די פֿאַרענטשעס — צו דערזען ערד. שפּעטער הערט מען זיך צו פֿון דער נאָענט צום רויש פֿון שפּאַנישע און אַפֿריקאַנישע פּאָרטן. ווידער האָט מע געמיטן באָרג־קייטן און פֿאַרנומען מדברישן הונגער פֿון באַרוועסע, אָפּגעריסענע, שוואַרצהויטיקע אינדזל־קינדער מיט שימערירנדיקן גלאַזור פֿון זייערע גרויסע ווייסלעכער; הייס האָבן געברענט זייערע שוואַרצאַפּלען, פֿאַרשמאַכט האָבן גיריקע ליפּן געלעקט די לופֿט וואָס ציט פֿון די ווייסע אויף דער איבערגעזעטיקטער שיף. אונטערטעניק בעטלען אָנמאַכטיקע הענט. די הענט ווײנען, די הענט כעסן זיך, זיי גייען נאָך.

ווי פֿון שפּינוועבס־נעצן האָבן זיך געצויגן די לעצטע טעג אויף דער שיף. מידקייט און בייגיער האָבן געגליט אין בלוט פֿון די פּאַסאַזשירן. ווידער פּאָרטן. איצט האָט מען אָפּטער געעפֿנט די אומגעלומפּערטע טויערן צום בויך פֿון אָט דער שווימענדיקער פֿאַבריק פֿון לאַנגוויל און עקבערנדיקער בעקשאַפֿט; ס׳האָבן געקרעכצט די גולמדיקע הייב־מאַשינען. זיי האָבן אויסגעשפּיגן שווערע באַגאַזשן, ביי די עס־טישן איז געוואָרן שיטערער. דער אומעט האָט פֿאַרריסן זיך געזעצט מעלה גירהן אויף די פּוסטעוועדיקע ערטער. סאַנטאָס, ריאָ דע זשאַניירא האָבן איינגעשלונגען הונדערטער פֿאַרבדיקע פֿון „אַמעריקאַ וועספּוטשי". נייע, געבענטשטע ערד דו, וואָס דערנערסט די הונגעריקע מיילער פֿון דער פֿאַראַרעמטער, צעטראָטענער אייראָפּע! איטאַליענער, שפּאַניאָלן, יוגאָסלאַוון, רוסן און דייטשן, דייטשן ימח שמם, דייטשן נעמסטו צו אַזוי פֿיל, מאַמעלע קרוינענדיקע! לאָמיר פֿאָרן, גיכער פֿאָרן! — —

אָ, אַ דאַנק גאָט! ווידער אַ מאָל האָט דער פֿאַראײנזאַמטער, וואַקלענדיקער געביי מיט בייזן געברום זיך אַרויסגעריסן פֿון דער פּאָרט־געדיכטעניש. ער האָט זיך פּאַמעלעך אַריינגעשניטן אין ימישן אָנענד און די מענטשן,

די איבערגעבליבענע אויף דער שיף, האָבן פֿון ס'ניי עפּעס להוט געזוכט אויף יענער ווייטער, דינער שאַרף פֿון דער שפּרינגענדיקער, וויגנדיקער ליניע ווו דער הימל ווערט פֿאַרצוקט פֿון דעם זשעדנעם וואַסער־מאָנסטער וואָס וואַרפֿט זיך אוימאויפֿהערלעך, צאַפּלט אין נכפּה.

דאָס האַרץ ציטערט, עס גליווערט דאָס אויג. דאָ און דאָרט פֿירט עמעץ אַ בלייפֿענדל איבער אַ בלעטל פּאַפּיר. מ'ריכט זיך אויף ערד, דער גע־גאַרטער היים וואָס אין נעפּל. שוין נאָענט! מ'שיקט טעלעגראַמעס: „מיר קומען!" אָ, דער ברעג דער געהאָפּטער. פֿון מענטשישע פּנימער ווערט ווערן אָן אָנדראַנג, דאָס קול פֿון אייגענע, וואָס איז שוין מאָדנע אומאייגן, דאָס קול שווימט אָן, עס פֿאַרבט זיך בלאָ, פֿלאַמיק און אָט שטאָליק און ווילסט עס דערוואַרעמען אין געדעכעניש.

— וועלן זיי דערקענען? וועלן מיר זיי דערקענען?

פּערל האָט עפּעס אַ וויספּער געטאָן מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן. ביי דאַניען האָט זיך געקלעפּט דער גומען.

אין האַרץ האָט עס געשטיקט — פֿון גרויסער דערוואַרטונג.

III

ט י ר ן

1

ניסלעכוויז האָט די גרויסע, גאָרנדיקע שיף פֿאַרלוירן פֿון איר אימפּעט. ווי אַ שוואַן ווייס און ריזיק האָט זי זיך דערנעענטערט צום לאַנד. פּאַמעלעך צוגעשלאָגן צום ברעג און שוין איז זי געשטאַנען אין געדיכטן טומל. אַן איילעניש, אַ געדראַנג צווישן די פּאַסאַזשירן, ווי חלילה דער גאַנצער גמאַך, וואָס האָט וואָכן־לאַנג זיך געהאַלטן אויפֿן וואַסער, וואָלט מיט אַ מאָל געגומען זינקען. ע ר ד, בענקעניש צו ערד, ווו עס איז פֿאַרזייעט דער זוימען פֿון לעבן, ווו ס'זענען דאָ מענטשן, אָט די בענקעניש האָט ווי אַ פֿלאַם זיך אַ ריס געטאָן פֿון אַלעמען. און זענען פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן די אַנקער־שטריק, פֿאַרוואָרפֿן די טרעפּ־געלענדערס, איז די אייבערשטע דעק פֿון „אַמעריקאָ וועספּוטשי" שוין געווען פֿול מיטן פֿאָלק פֿון דעם שווימענדיקן וועלטל, אַ שטרענג אַרומגעצוימטס מיט די געל־מוטנע וואַסערשוועלן פֿונעם אומגעהייערן פּלאַטאַ־טייך. קעפּ האָבן זיך געהויבן איבער קעפּ, די פּאַרענטשעס זענען געווען אַרומגעקלעפּט מיט הענט, געצאַפּלט זיך מיטן צאַפּל פֿון די אויפֿגערעגטע הערצער. איבער אַלעמען האָבן אויגן זיך געצונדן, קולות האָבן זיך געשטאַפּלט, צעבּרעקלט זיך איבער מאַסטן, איבער אַקסלען און זיך צעדריוולט אין דער אָנגעלאָדענער לופֿט. צעזשומעטע, להוטע האָבן די מענטשן פֿון דער שיף זיך געשטרעקט צום לאַנד, געפֿלאַקערט פֿון באַגער צום געווימל פֿון די וואָס האָבן — אָפּוואַרטנדיק זיי — זיך געזאַמלט אונטן, אויפֿן ברעג וואָס איז אָט־אָ מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

מיט די אומגעזעענע, צעוויגטע פֿעדעם וואָס צווישן דער שיף און דעם פֿאַרגאַפֿטן מענטש אויפֿן ברעג, מיט דער אָנשווימענדיקער פֿאַרב און קלאַנג,

פֿאַר וועלכע מ׳געפֿינט נישט אין דמיון קיין פּנים און קיין פֿורעם — האָט זיך ראַפּטעם באַהאָפֿטן די האַרצלעכע ציִעניש. אָט־אָ האָט זיך בפֿירוש באַגערט די צוגענאָפּלטקייט צו דער ערד, זי לאָקט מיטן אומבאַגרייפֿלעכן, וואָס איז אויסגעכישופֿט פֿון די דערנעענטערטע פֿרעמדע ווייטן.

ווי פֿאַרגעסן אין דעם תכלית פֿונעם דויערנדיקן שלעפֿן זיך צווישן הימל און וואַסער, האָט פֿון די מענטשן איצט, שטיקנדיק זיך אין געדראַנג, זיך גערייכערט דער לאַנג פֿאַרהוילענער רייץ פֿון דעם אָקערשט אַנטבלויזטן. מ׳האָט נישט אויפֿגעהערט זיך צו שטופּן און שטויסן. טאַקע אַרויף, העכער, העכער מיט די אייזערנע שטיגלעך. יעדער האָט זיך געשטרעקט איבער דער מאַסע קעפּ און אַקסלען וואָס האָבן געצוקט פֿון ברענענדיקן חשק צו געפֿינען אַ וואַרטנדיקן, אַן אויסגעחלומטן אין די בעפּלען פֿון נאַיִוון מוח, אינעם קאָרטש פֿון דעם קרענקלעכן האַרץ. אוי, אַן אייגענער, אַן אָנלען פֿאַר דער פֿאָכעדיקער נשמה! מ׳האָט זיך נישט געכאַפּט אַז מ׳דאַרף שוין אַראָפּ פֿון דער שיף. דער הייסער בליק פֿון דאַנען־אָ דאַרף נאָך אַ מאָל פֿאַרזיכערן אַז נישט אומזיסט האָט עס געצויגן אַהער — — ווו עס איז נאָר געווען אַן אָנשפּאַר פֿאַרן לייב, האָבן פֿויסטן אומגערן געדריקט אויף פֿרעמדע פּלייצעס און ווען עס האָט אין קאַרק נאָך אַריינגעבלאָזן עמעצנס אַ זויערלעכער, שאַרפֿער אָטעם.

... דאַניע האָט אַ פּאַק געטאָן פּערלען ביים אָרעם און זי אַ צי געגעבן נאָך זיך:

— דאַכט זיך, ס׳אָט־דער, זעסט?

ביידע האָבן זיך אויסגעבויגן, צוגעשפּאַרט זיך צו אַ דריגנדיקער מאַסע מענטשן־לייב, וואָס צוגעקלעפּט צום אייזערנעם פּאָרענטש פֿון אייבערשטן דעק. פֿאַרן בליק האָט זיך באַוועגט אַ באַרג אַ טונקעלער, אַ מיניענדיקער, אַ לעבעדיקער. פּנימער, קאָלירן, קולות — אַך, ווער קען עס דערכאַפּן מיטן אויג! ווי דאָ, אין דער הייך, איבער די פּאָרענטשעס פֿון דער שיף, האָבן די מענטשן זיך געשפּאַרט אונטן, ביים ברעג. זיי, אויפֿן טומלדיקן דעק, ווילן מיט זשעדנעקייט אויסגעפֿינען דאָס אויג וואָס זוכט זיי, אַ באַקאַנטן שטריך פֿון דעם עמעץ וואָס חלומט זיך זיי זינט דער צייט ווען דער עלנט האָט גענומען דריקן: „ס׳איז דער. דאַכט זיך כ׳האָב געטראָפֿן". וואָרן כסדר אָנט ער זיך אים, איר. „וועסט זען, ס׳איז דער, אָט־אָ דער" — —

ענדלעך האָט מע זיך אויפֿגעזוכט, געקושט זיך, געהאַלדזט; מ׳האָט פֿריידיק געוויינט, בגוואַלד זיך געוואָלט איבערשרייען.

2

... דאָ האָבן די מאַנצבילן צום מערסטן זיך צעוויינט. ברודער האָט אויף ברודער פאַרגאָסן טרערן.

געקוקט אויפן באַגעגנטן נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָט דאַניע זיך צעכלי־פעט מיט אַ העשן. און געווען איז עס ס׳געוויין פון גאָר נישט לויטערער פרייד — מחמת זיי האָבן דערלעבט זיך צו זען. ס׳איז מער געווען ס׳געוויין אויף דעם גיהנום וואָס האָט פאַרברענט יעדע אָנצייכעניש פון זייער היימי־שער שטוב, דער אויסגעליטענער, דער ליבער און טייערער; מחמת עס איז פאַרשניטן געוואָרן אַלץ, אַלץ, האָבן אַזוי געקווילט זייערע טרערן. דער־אַ מיט דער קוליע דערמאָנט עס אַזוי האַרצרייסנדיק (ווי ס׳אומגליק גייט נאָך דעם מענטש אומעטום!) און דאַניע זאָגט עדות אויף דעם בראָך וואָס איז געפאַלן אויף דער היים. אויסגעריסן געוואָרן אַלץ, אַלע. משטיינס־געזאָגט געבליבן איז באַר די בריק פון האַרץ צו האַרץ. דאָס פילט די ווייטיק־אָנגע־שוואָלענע ברוסט, די ווײַס צוקן עס אויס און ס׳קלאָגן דערויף די ציטע־ריקע באַקן.

און כאָטש פרייד איז אָנגעטראָטן, האָט עס דאַניען ערשט געטראָפן ווי אַן אומגליק גלייך פון הימל אַראָפּ. מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן האָט ער גע־קוקט אויפן ברודער און נישט געקענט זיך לאָזן עס צוגלייבן: איז עס דער אייגענער? ער האָט פון זיך געקנייפט שטיקער און ר׳האָט זיך אַליין געענט־פערט: — ס׳איז מוליע, דיין מוליע!

פלוצלינג האָט אַ שרעק אים אַ שניט געטאָן: ער האָט דערווישט אינעם ברודער ענלעכקייט צום לייבלעכן טאַטן און דער טאַטע איז שוידערלעך אויסגעגאַנגען. אַ קרעפּטיקער געווען, אַ לעבנסוויליקער, כאָטש פאַרן פרייז פון די גרעסטע אָנשטרענגונגען; און אָט־אַ ער, וואָס דערמאָנט דאָס ליבע טאַטע־געשטאַלט? ער׳ט נישט איבערהאַלטן די צוואַנג פון אַזאַ דערמאָנען. ס׳איז די שרעק אַן אויסגעמישטע מיטן צונויפגעקנוילטן געדעכעניש וואָס הערט נישט אויף צו בלוטיקן: געווען די היים אַ ליכטיק־טרויערלעכע, איז געקומען אויף איר בראַנד און פיין. געווען... כאָטש הרגע זיך, דאַניע, למאי די אַלע צרות האָבן געשוינט דיין געביין, האָסט עס דורכגעטראָגן איבער אַלע זאַווערוכעס. היינט קענסטו דאָס־אַ צוזען? — — אַוודאי, ער האָט עס געוווסט שוין פון יאָרן צוריק: מ׳האָט דעם ברודער אַראָפּגענומען אַ פּוס. פון הערן ביז זען איז אַ מהלך. איצט האָט דאָס אים אַ שאַרפן שטוס געטאָן

אין סאַמע האָרץ אַריין. אַך, ווי אַ מענטש מאַטערט זיך! אינעם ברודער האָט ער אין דער רגע אַלע זיינע פֿאַרבאַרגענע בענקשאַפֿטן אויסגעפֿונען. טרערן האָבן אים געוואָרגן, מאַנצבילשע טרערן און ווי מיט אַ פֿלאַם האָט אים אַ שרפֿע געטאָן דאָס צעאַקערטע פּנים פֿון זיין מוליען. רייך איז דאָס מאַנטעווידעאָ און ער — אַ ז אַ? קענטיק, נישט גאָר גלאַט זענען אויך דאָ אַדורך די אַלע יאָרן. אַ וועלט, אַ תהום! — האָט ער זיך באַלד געטונקט אין ניכטערקייט.

מאַט ווי נאָך אַ חלשות האָט דאַניע דערנאָך זיך געצויגן נאָכן ברודער, אַ הינקעדיקער אויף קוליעס, און אַ באַכגייענדיק כליפּן האָט אים באַגלייט. די אומבאַקאַנטע מאַנטעווידעער שוועגערן האָט עס געקלאָגט. נאָכגעשפּאַנט אין צעטראָגנקייט דעם געראַטעוועטן פֿון דער אויסגעבלוטיקטער אַלטער היים האָט די פֿרוי פֿאַרבאָרגן, ווייטיקלעך געקלאָגט אויפֿן רעיון וואָס אָט־אָ דער געקומענער האָט פֿון דאָס ניי אַנטפּלעקט איר אייגענע בידע: „אַ גע־שווינטע פֿון יענעם בראָך און אַזוי פֿאַרפֿינצטערט, כאָטש דאָ, דאָ!" מיט וויסטע גרימאַסעס האָט זי געקוקט סיי אויף איר צעקאַליעטשעטן מאַן סיי אויפֿן ניצול־געוואָרענעם שוואָגער און געכליפּעט אין זיך אַריין דעם גאַנצן וועג אַהיימצו. באַמערקט זי קלאָגן, איז געוואָרן אַ העשעריי פֿוןביידע זייטן.

סוף כל סוף באַהערשט זיך, האָט דאַניע אין דעם ברודערס פֿאַרעלטערטן פּנים דערזען זיך — זיך ווי אין אַ שפּיגל. נישט גרינג ס׳לעבן, האָט ער אָפּגעזיפֿצט און די פֿרייד די אָפּגעשפּאָלטענע האָט ווידער אויפֿגעלויכטן אין די רייד און אין די טרערן פֿון די ברידער.

געשטאַנען ווי אַן אַ זייט האָט אויך פּערל, אַן אָנגעשפּאַנטע מיט נייע טרערן, זיך מיטגעפֿרייט די פֿרייד פֿון די ברידער, וואָס זענען טיף אומ־גליקלעך אין זייער גליק פֿון באַגעגענען זיך נאָך אַזוי פֿיל יאָרן.

— טאַקע דו ביסט עס, דאַניעלע? — האָט דער מאַנטעווידעער זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט דער זעונג וואָס אים איז באַשערט געוואָרן אויף דער וואָר, כאָטש ס׳איז פּשוט נישט גלייבלעך.

— מוליע טייערער! — האָט דער יינגערער זיך געשטיקט אין גע־רירטקייט.

דער אָרום און די אַרומיקע האָבן געשטוינט אויפֿן כסדרדיקן הייסן אַרויפֿפֿאַלן פֿון די צווייי מאַנסלייט אויף איינאַנדער. דערנאָך האָבן די ברידער זיך נישט פֿאַרגונען צו קוקן אויף זיך. און עפּעס האָבן זיי זיך געשעמט מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעך שעמען. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן נישט געפֿו־

נען די רייד, צו וועלכע ס'האַרץ האָט געלעכצט. געקוקט איינער אויפֿן אַנ־דערן און די איבערפֿולטע בליקן האָבן שווער זיך דורכגעאַקערט אַ וועג צום באַרויִקטן קלערן: „וואָס דאָך?"

און זיי האָבן געמוזט זיך צעשיידן. די גרויסע שיף, די גרויסע וואַסערן האָבן געוואַרט און האָבן זיי אונטערגעאיילט: „קענסט פֿאַרשפּעטיקן!"

— מ'עט זיך נאָך זעען, טייערער, — האָט דאַניע ווי איבערגעגעבעטן דעם ברודער, און גענומען זיך דערווייטערן.

— ווען, דאַניעלע, ווע־עןז?

ווייטיק האָט געשניטן ס'צעקוואַרטע פּנים פֿון דעם מאַנטעווידעער, וואָס האָט רעכט נישט געקאָנט זיין ברודער.

מוליע, דער אַמעריקאַנער, ווי ער האָט געהייסן אין זינען פֿון אַנגע־קומענעם פֿון דער צעראַיעטער וויט, האָט טרויעריק נישט געגלייבט אינעם האַפֿן פֿון דעם זעלטענעם גאַסט.

דערפֿאַר האָט ס'געזעגענען זיך ווידער געבראַכט צו טרערן, כאָטש שוין לינדערע: סיי דער, סיי יענער האָבן אויף אַן אמת דערשפּירט ווידערגע־קערטע נאָענטקייט צו אייננאַנדער. ס'איז דאָך נישט אַזוי וויט, האָט דאַניע געטרייסט דעם ברודער. און דער האָט זיך פֿון דאָס ניי צעכליפּעט: „הלוואי וואָלטסטו געוואָלט!... איך טרעט דיר אָפּ מיין שטוב. וועסט אַ שטיקל צייט מיטעסן מיט אונדז. אפֿשר דאָך, דאַניעלע?"

דאַניע האָט נישט געקענט. ביי אים איז געבליבן צו באַזעצן זיך אין בוענאָס־איירעס, האָט ער מיט פֿאַרענטפֿערונג געזאָגט מוליען. פּערל, — פֿאַרשטייסטו מיך, — האָט דאָרט ברידער. זיי האָבן זיך אַזוי פֿיל באַמיט. יענע ווילן דווקא, און פּערעלע וויל אויכעט. מ'עט זיך זעען, מוליע — — דעם מאַנצביל האָט זיך איינגעבראָכן ס'קול, די אויגן פֿאַרגלאָזיקט מיט טרערן.

פּערעלע האָט אומדרייסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'טוט איר לייד, האָט עס געקענט הייסן, אָבער זיי פֿאָרן. מ'קאָן זיך נישט צעררייסן אויף צווייען. זיי מוזן ענדלעך קומען אויף אַן אָרט, מוזן זיך נעמען באַניס בויען אַן אייגן שטיקל היים. זי האָט ברידער דאָרט, — האָט זי שעמעוודיק פֿאַר־לוירן קלאַנגען פֿון איר דערדריקטער ברוסט. מ'עט זיך בלייבן נאָענט, — האָט די פֿרוי קוים אַרויסגעבראַכט פֿאַרן פֿרעמדלעכן שוואָגער וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אַ פֿאַרלוירענער און זי האָט דערשפּירט דאָס אייגענע האַרץ ווי עס טרענקט זיך אין אַ נייעם הייסן שטראָם פֿון ווייטיק.

3

אָבער־אַ־מאָל האָט אויפגעצאַפּלט ס׳געקרענקטע האַרץ: בוענאָס־איירעס! אָנגעקומען! געלויבט איז גאָט. מ׳איז שוין אין בוענאָס־איירעס!

פון אַ סך קעלן האָט זיך געהערט דער כריפ פון אויסגעבראָכענער התפּעלות, אַן אָנגעזאַמלטע אין משך פון לאַנגע חדשים, לאַנגע טעג און נעכט פון וואַרטן, טראַכטן און חלומען פון אָט־דער רגע.

ענדלעך, אַ סוף צו אַלעם, צו דעם וואַלגערן זיך, צו אַל דאָס נישט ניחאדיקע וואָס איז צוגעפּעסטיקט צו דיר ווי אַ שטרויכל־קלאָץ אַז דו זאָלסט נישט זיין פריי, אַז זאָלסט פאַלן; אָט, עס פּלאָנטערט זיך ביי די פיס, עס קלעפּט ווי ליים וואָס שפּאַרט מיט וויסטן אָרעמען ריח.

נייגיר האָט געפיבערט פון דאַניען מיט פערלען: די ברידער. זע, מיינע ברידער! אויך פרויען זענען מיטגעקומען, זעסט? מסתמא זייערע ווייבער און זייערע קינדער. שאַ נאָר, וועמענס קאָן זי זיין, די הויכלעכע מיט די גלאַט־פאַרקאַמטע האָר, די בלאָנדע וואָס שטייט אַקוראַט אַנטקעגן? אָט־אָט, ביי דעם אַלטן מיט דער ליולקע אונטער די וואָנצעס. יאָ, די אין ברוינעם מאַנטל. ס׳אַוודאי יואלס — וויל פּערעלע פּועלן ביי זיך. יואל איז ייִנגער מיט אַ דריטהאַלבן יאָר פון זימלען, איז זי אויך ייִנגער, העז? — מן הסתם...

דאַניע קייעט שאַרף איבער דאָס וואָרט און די אויגן קריכן אים אַרויס פון די לעכער. ער קוקט, וויל זען, מער זען. אַ בליק, אַן ערשטער בליק קאָן פירן. דאַניע טראַכט קוקנדיק פון דער ווייטנס אויף די נאָענטע און זי ציט אים כסדר ביים אַרבל: „זעסט?“ יעדע קלייניקייט איז פאַר אים אַן אַנט־פּלעקונג. אונדז מיינט מען! דאַכט זיך, דאַניע, כ׳בין זיך נישט טועה. ער ענטפערט און זי ציט זיך אומאויפהערלעך צום קרענצל מענטשן וואָס אונטן; זיי הייבן די הענט אַרויף, וואַרפן רופן, בלאָזן אָן די ליפּן. „פאַ־אַ־לאַ, הער־סט? מיך מיינט מען. ס׳אי׳ די ברידערלעך, — קוועלן אָן אירע קליינע בלאָע אויגן און ס׳פּנים שטראַלט מיט. — פאָלאַ האָט מע מיך גערופן אין דער היים. זיי געדענקען, מיינע האַרציקע“.

דאַניע האָט קוים געקענט זי איינהאַלטן. כאָטש נעם און פלי צו זיי איבער׳ן וואַסער. ס׳איז נאָך אַלץ דער ברעג ים, וואָס איז דאָ אַזוי מוטנע. שוימיק און טוכלע ווי זומפּ אונטער דער הייסער זון. פּערל איילט זיך צו זיי מיט די הענט, מיטן גאַנצן ווילן און דאָ איז זי איצט געפּענטעט. קוים־קוים די מענטשן רירן זיך מיט די פּעק פון די אויסגעבויגענע פלאַכע שיף־

טרעפּ. מאָדנע, ווי זיי אַרט נישט וואָס מ׳וואַרט דאָ אויף זיי. אויף אַלעמען וואַרט מען, פאַרשטייט די אומגעדולדיקע פּערעלע. ווי מענטשן האָבן עס אַ גבורה זיך בייצוקומען! זי וואָלט פון דאַנען־אָ דערלאַנגט צו די איריקע, זיי אַרומגעהאַלדזט, אַרויפגעפאַלן אויף זיי, אויסגעוויינט זיך פאַר אַלץ, פאַר די אַלע ביטערע צייטן. אָבער זי איז אַזוי געבונדן; זי מוז זיך דערוויַיל באַ־גנוגענען מיט אַן איינגעהאַלטענעם איבעררוף מיט זיי, מיט אַ טרעריקן ווינקען פון דער אומדערטרעגלעכער ווייט וואָס איז אַזוי נאָענט.

דאַניע פאַרנעמט איר איינגעצאַמטן אימפּעט. ער באַרויִקט זי:

— פּערעלע, ביסט דאָך נישט קיין פּיצל קינד. מיר זענען שוין אָנגעַ־קומען. ווייטער וועט מע שוין נישט פאָרן. נאָך אַ קאַפּל, אַ טראָפּעלע גע־דולד און וועסט זיך אָפּפרייען.

ווי אַ קינד האָט ער געמוזט זי איינגעמען. אָבער זי קען נישט. פּערעלע זעט ווי די ברידער, סיי יואל, סיי זימל ראַנגלען זיך אויך מיטן אייגענעם אומגעדולד. איר קומט אויס אַז די מינוטן זענען לענגער, פּיינלעכער ווי אַ סך פון דעם, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין די יאָרן מיט וועלכע עס איז פול און פינצטער איר גאַנצער מהות, איר קלערן און חלומען. אַזוי פיל איז דאָס געווען, נאָר דער איצטיקער ווייטיק איז שאַרפער. ער ברענט אין די אָדערן, ער יוירט אַז ס׳דאַכט זיך: אַלץ שווילט אָן אין איר, עס מוז אויפ־פלאַצן, צערינען ווי דער נעפּל וואָס האָט זיך אָנגעהויקערט אין איר. אָ, זי שפּירט עס. אירע אויגן זענען שוין ווייט אַוועק און די פיס פּלאָנטערן זיך שווער נאָך זיי — — אָט האָסטו דיר אַ קאָנטראָל! וואָס זוכט מען אַזוי ביי די בידנע מענטשן? — ווילט זיך איר לאַכן אין מיטן דערינען. משטיינס־געזאָגט וואָס מ׳קען געפינען אין די וואַליזקעלעך. צרות פון לאַגער קענען זיי געפינען, אַ שמאַטע פון די גאָבן וואָס מ׳האָט געגעבן אין נאָמען פון רחמנותדיקן פּעטער סעם! ביי מיר קענען זיי זוכן, כע־כעע, — לאַכט זי שוין פייכט, מיט אַ שטיקנדיק הוסטל, אַזש דאַניע בייגט זיך אָן צו איר:

— זאָגסט עפּעס, פּערעלע?

אומגעריכט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן; זי שטייט זיך דאָ רויִק און יואל אָמפּערט זיך שוין (זיכער, צוליב איר) מיט אַ פאַרט־פּאָליציסט אין אַ קיי־לעכיקן מיצל מיט אַ בענדל אין אויסגעגאָלטן קאַרק אַריין. יואל איז רויט געוואָרן (וואָלט זי געשווירן) פון אויפרעגונג און איר, פּערעלען, זענען דערפון אַרויס פלאַמען אויפן פּנים.

ווידער אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן און גאָר נישט מיט איר כוח האָט זי זיך אַ ריס געגעבן צו יענער זייט באַריער.

— פּערעלע, — האָט דאַניע אײנגעהאַלטן פאַרביסן די ליפּן — איך שעם זיך!

אָנגעקוקט זײַן געענדערטע מראה און זי איז אָפּגעפאַלן ווי אַ טײַך נאָכן אויפבּרויז. דערפאַר איז די באַגעגעניש מיט די לײבּלעכע געוועזן אַ הייסע. פּערל האָט זיך פאַרלוירן אינעם אויפשריי פון אירע דערוועקטע ווייטיקן. זשעדנע, מיט אַ ניוך פון אַ פּירפּיסיקס וואָס שפּירט אין זיך דעם בראַנד פון געטריישאַפט וואָס מוז זיך אויסלאָדן, האָט זי געקושט די ברידער, אַרויפגעפאַלן אויף זיי, געכליפּעט, אָנגעקוקט דאָ דעם, דאָ דעם צווייטן און פון ס׳ניי געכליפּעט; זי האָט גערעדט כליפּנדיק, געווישט די אויגן מיט די פּויסטן, צווישן די פינגער געקוועטשט די רויט־געוואָרענע נאָז, ווידער גע־וויינט, געהעשעט. דער גאַנצער געצאַמטער אימפּעט וואָס האָט אין איר געזאָטן פון ליבשאַפט און בענקעניש, האָט זיך איצט אַרויסגעריסן אין דעם געשריי פון איר טרעריקער פרייד.

— גענוג שוין, פאַלאַ, — האָט זימל זיך געבעטן בײַ איר. — באַרויק זיך. ביסט דאָך שוין דאָ. פון הײַנט מאָל אָן וועט שוין גוט זײַן.

— נ׳אַוודאי! — האָט זיך עפּעס אומדרייסט אונטערגערוקט דער יינגע־רער ברודער — ערשט וועט איר זיך אָפּרוען. איר׳ט זיך אַ ביסל געפינען, זיך באַרויקן.

ער האָט גערעדט איבערן אַקסל אַריבער אַזוי, אַז זי, די שוועסטער, האָט׳ן געדאַרפט זוכן הינטער זיך, און גערעדט האָט ער בלשון רבים: „איר, די שוועסטער די אומבאַקאַנטע און איר, דער שוואָגער, דער אומבאַוווסטער״. בײדע, הייסט עס, זענט איר אונדז גאָר פרעמד, פרעמד.

4

אין דער היים, שוין צווישן די ווענט און דעם בליאַסקנדיקן מעבל פון ברודערס אײַנגעזעסנקייט, האָט זיך איבערגעחזרט ס׳זעלביקע: געוויין, שלוכצן פון פרייד, פון אויפגעטויכטע דערמאָנונגען.

קוים וואָס מ׳האָט געקענט פּערעלען אײַננעמען. דאַניע איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער.

די ווײַבער פֿון די ברידער האָבן געלאָזן זיך דערנענטערט צו דער פֿרוי וואָס האָט זיך דאָ־אָ אַזוי צעריסן פֿון געוויין אין זייערע מענער אַרײַן; זיי האָבן מיט איבערגעלייגטקייט געגלעט פֿערעלען איבער די אַקסלען: גענוג, גענוג, — האָבן זיי זיך געבעטן בײַ איר. זיי האָבן נישט געקענט צוזען ווי עס צוקן דעם ווײַבלס באַקן, זיי האָבן נישט געקענט הערן איר שלוכץ און האָבן זיך פֿאַמעלעך אַרויסגערוקט פֿון צימער, וווּ מ׳האָט י ע נ ע אַרײַנגעפֿירט. אויך די ברידער האָבן זיך אַרויסגעשאַרט. געבליבן אַליין מיט דער אָנגעהאָרבעטער שטילקייט אין דער פֿרעמדער שטוב מיט די שפּיגלען און געבעטע שטולן, האָט פּערל מיט אַ מאָל געפֿונען דאַניען אַ קאַפּנדיקן אין טרויעריקן שווייגן. זי האָט אים פֿרעגנדיק אָנגעקוקט, ער האָט זי אָנגעקוקט און לסוף האָבן זיי זיך דערזען אויסגעמאַטערטע, בלייכע, אויפֿן דנאָ פֿון די גרינע, פֿלאַכע שפּיגל־וואַסערלעך. „אָט אַזוי האָט מע זיי אַרײַנגעפּאַקט, און פֿאַרטיק?“ הפּנים, ביידע האָבן זיך דערשראָקן צו זיין אַליין אויג אויף אויג מיט די אָקערשט אויפֿגעוועקטע דערמאָנונגען און זיי האָבן ראַפּטעם גענומען זוכן אַ קליאַמקע אין אַ דערבײַיִקן צימער אַרײַן. שוין געוועזן פֿינצטערלעך אין פֿירהויז פֿון דעם ברודערס דירה, האָבן זיי געלאָזן געבלאָנדזשעט מיט צענומענע פֿינגער איבער די ווענט, איבער די זאַכן וואָס אָנבאַגעגנט אין דער בלינדקייט פֿון אומבאַקאַנטן פֿרעמדן פֿאַרנאַכט. פֿון דער טונקלקייט האָט זיך דערוויל פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיי אַ פֿרעמדלעכע שוּשקעריי:

— קבצנסקע קעסטלעך געבּרענגט די גרינע. אַנדערע, אַז זיי קומען פֿון לאַגערן, ברענגען זיי אוצרות. אויסטויגערס אַ סך צווישן די לייט...

— ווי מיינסטע: זיי האָבן עפּעס?

— די באַרווע איז ניש׳ קאַ׳ וואַזשנע. דאַכט זיך ס׳שלימעזאַלניקעס, סיי ענקער שוועסטער, סיי איר פּיצל מאַנעלע.

— קכי־כיכי־כי! — האָט עס אויסגעפּלאַצט שוין הינטער זייערע פּלייצעס.

— ווי, ווי רופֿט מען עים, דעם גרינעם?

— דאַניע, דאַניע, הער איך. און אפֿשר מאַניע? כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון אַ בייז נאַכטעסן, — און אַ קולכל האָט זיך פֿריילעך אַרײַנגעריסן אין דער פֿינצטער פֿון זייער ענגעניש.

יואל און זימל האָבן נעבעך ברידערלעך זיך אויסגעשוואַכט די קעפּ פֿאַרן תּכלית פֿון דער שוועסטער מיטן שוואָגער וואָס זענען אָקערשט געוועזן גרין ווי גראָז און זיי האָבן מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ פּאַוואָליע זיך צוריק

אַריינגעשאַרט אין דעם צימער מיט די שפּיגלען. זאָל מע זיי נישט כאַפּן בײַם אונטערהערן. זאָל מע נישט חושד זײַן, שש! זיי האָבן וויסט אָנגעקוקט אײנע די אַנדערע און געשפּירט אַ לאָך אין דער ברוסט. ווי נישט מיט די אייגענע אויערן האָבן זיי פֿאַרנומען אַז אין דערבײַיקן צימער האָט מע נאָך געשמועסט, אויך געלאַכט אויף אַלערליי קולות און בייקולכלעך:

— די גרינע, נאָר צרות איז פֿון זיי באַשערט. זעלטן עמעצער פֿון זיי עס איז אַ לייט. איז אויך אונדז באַשערט געוואָרן אַזאַ משולחת.

— אויך געמוזט מיטמאַכן די מאָדע!

◈

פֿאַר דאַניען מיט פּערלען האָבן פֿון ס׳ניי זיך אָוועקגעשטעלט שווערע, פֿאַרמאַכטע טירן.

IV

עס טריפֿן טראָפּנס סם

1

דער ערשטער קוק האָט זיי טאַקע גענאַרט, דאַניען מיט פּערעלען; אַ קוק לערנט אַ מאָל, אַן ערשטער קוק קען פֿירן דעם מענטשן, האָט דאַניע געלערנט פֿון זײַן אייגענער לעבנס־חכמה, נאָר דאָס מאָל האָט ער געפֿעלט. אויף דעם־אָ באַשייד האָט ער נישט לאַנג געדאַרפֿט וואַרטן. שוין די ערשטע רייד וואָס זענען געפֿאַלן זיי הינטערן רוקן, האָבן ביידן אַרויסגעפֿירט פֿון טעות. געמיינט: ברידער, שוועגערנס זענען אייגענע, פּילן פּונקט אַזוי ווי זיי, טראַכטן אויך אַזוי — מיט ליבשאַפֿט, פֿון ריינעם האַרץ. אין דער אמתן איז עס אַ קאַפּעלע אַנדערש. נעבעך אַלץ פֿאַרשפּילט! דאָ איז די וועלט אַן איבערגעקערטע. פֿאַר אָט־אָ־די זענען זיי נישט קיין היימישע — „גרינע" זענען זיי, באַשעפֿענישן פֿון אַן אויסטערלישן מין, נישט פֿון זייער וועלט: נישט מ׳וויל זיי פֿאַרשטיין, נישט מען דאַרף זיי. אַוודאי, ווערליק די־אָ איז אַ הונט נייטיקער, אַ הונט באַדאַרף מען. פֿון אַזעלכע ווי ער, ווי זי, הערן זיך די סמאַלענעס פֿון שווערע צרות, פֿון ברעך, און אַזוינס איז נישט ניחא. גענוג זיך אָנגעהערט דערפֿון, אָבער נישט שטענדיק קען מען זיך באָברעווען אין אַ מכה. און ווי לאַנג לעבט אַ מענטש אַז ר׳זאָל זיך דערלויבן צו פּטרן ס׳געזונט אויף האַרץ־גרימעניש! צו וואָס, צו ווען? אַ לויב דעם השם־יתברך, מ׳האָט אויסגעמיטן יענע אומגליקן און מ׳לעבט שוין אַ ביסל בהרחבה. גענוג מ׳האָט אַ געטועכץ מיט אַ קראַנקער לעבער, מיט אַ הויכן בלוטדרוק וואָס פֿאַרשטערט ס׳ברעקל לעבן. ס׳בייזע געשעען פֿון דאָרט איז אַן אָנשיקעניש וואָס מ׳האָט אַליין גענומען אויף זיך. ס׳האָט חס־ושלום געפֿעלט קאָפּ־ברעכעניש? האָט מע נאָך דאָס אויסגעזוכט! באמנות: עס שרעקט. און די מענטשן פֿון דאָרט שרעקן. זיי דאָ קענען פֿון דעם מער נישט הערן, ווילן דערפֿון נישט וויסן. גרינע זענען

מיר, גרינע מיט קבצנסקע קעסטלעך, מיט איבערבלייבענישן פֿון מוראדיקע, אומגלייבלעכע לאַגערן.

בענקשאַפֿט, זאַגסטו? די־אַ האָבן געבענקט נאָך מיר, נאָך דיר? ס׳אַן אויסדאַכטעניש, דאַניע, ס׳אַ ליגן, פּערל! אין דעם פּאַפּיר פֿון די בריוו וואָס זענען געווען געטונקען אין לאַקריץ, האָט זיך פֿאַרהוילן די גאַנצע פֿאַלש־קייט פֿון דעם רעיון צו העלפֿן געפּלאָגטע קרובים, צו ראַטעווען אייגענע וואָס האָבן נעבעך געהאַט ס׳אומגליק צו בלייבן לעבן.

קלאָר ווי דער טאָג. כאָטש גוט, וואָס זיי ווייסן עס שוין אַצינד.

מיט דער געהיטנקייט ווי מ׳היט זיך פֿאַר ווילד־פֿרעמדע, וועלכע מ׳לאָזט אין דער טונקל־שעה אַריבער איבער דער שוועל, האָבן די ברידער מיט זייערע ווייבער געלאָזן פֿאַלן אַ וואָרט פֿאַר די געקומענע.

— ס׳אונדז גאָר נישט מקנא צו זיין. מ׳האָט אויך געטאַפּט אַ וואַנט.

— ביי אונדז? — גיט אַ צוק אַן אַקסל ביי אַ שוועגערן, אַ מינע פֿאַרציט טרוקן דאָס פּנים — מ׳זאָל מער נישט געפּרוווט ווערן מיט די טעמ׳ען!

— דאָ? — וויגט דער אַנדערער ברודער מיטן קאָפּ און שלעפּט ס׳וואָרט ווי אַ שטיין פֿון ברונעם אַרויס — האָאַנט איז שוין גוט, פּאַלאַ. מ׳לעבט. קיין גליקן זיכט מע ניש׳.

און איז אונטערגעקומען די צווייטע שוועגערן, פֿון יוצא וועגן זיך צו־געהערט צו די גרינע, האָט זי פֿאַר פּאַלאַן נישט געקענט מעיז־פּנים זיין. דאָך די שוועסטער פֿון איר מאַן, האָט זי זיי מהנה־געווען מיט אַ לייטזעליקן זיפֿץ איבער זיך אַליין:

— אוי, מ׳וואָלט כאָטש געווען געזונט. מ׳איז אַלט געוואָרן אַן יאָרן. צרות און עגמת־נפֿשן קומען אַהיים.

— אסור, צי מ׳ברויך זיי גיין זוכן, — האָט פּאַפּראַוועט די אַנדערע שוועגערן און איר גוידער האָט זיך איבערגעוואָרפֿן איבער איר נידעריקן, פּעטן האַלדז. זי איז שוין געזעסן אַן אַ זייט און אַ פֿאַרלאַנגווייליקטע עפּעס געוואָרט.

עס איז געשטעלט געוואָרן אַן אָונטברויט. אַן ערשטן נאַכטעסן מיט די געסט, די ניי־געקומענע. די גאַנצע משפּחה האָט זיך צונויפֿגעקליבן, כאָטש קיין פֿייערלעכקייט האָט קיינער דאָ נישט אַריינגעטראָגן. אַ געוויינטלעכע מאָלצייט. דער אונטערשייד איז געווען נאָר אין דעם וואָס מ׳האָט זיך צום טיש געזעצט צוזאַמען מיט די אורחים מיט די פֿאַרמאַטערטע פּנימער. אויך די אונטערוואַקסנדיקע קינדער פֿון ביידע משפּחות זענען געווען. באַשיימ־

פערלעך זענען לאַקנדיקע ווייטקייטן נאָכגעגאַנגען אַט־די גרינע, האָט ס׳קלייג־וואַרג געצויגן צו די פֿרעמדע פֿעטער־מומע פֿון דער פּאַרטיליקטער איירא־פּע. און ווי אויף אַנזאָגערס פֿון אַן אומבאַקאַנטער וועלט האָבן זיי געקוקט אויף דאַניען מיט פּערלען, אַנדערש אָנגעטוענע, אַנדערש אויסזעענדיקע. אין אַלץ וואָס ביי זיי, האָבן די קינדער געזען אַנדערשדיקס און מיט די אויגן, מיט די אויערן געוואָרט נייס, אַנטפּלעקנדיקס. אָבער די גרינע זענען געווען דערשלאָגן, מיד, זיי האָבן נישט געקענט רעדן מער ווי דאָס, וואָס מ׳האָט פֿון זיי אַרויסגעצויגן מיטן פֿרעגן. וואָס די זאָגסט! און ווי האָט כאַסקל אויס־געזען אין געטאָ? האָט די מומע שרה־מרים כאָטש זוכה געווען צו אַ לוויה, איז עס אויך אַ טרייסט. אַ, אַ, אַזאַ צדקית! געפֿאַלן אין גאַס...? ווי אַ טראַג־טע, זאָגסטו, האָט מען יעדן מת אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן וואָגן, וואָס האָט אין די גאַסן אויפֿגעקליבן די געפֿאַלענע? נעבעך, נעבעך. אוי, לאָז גיין. כ׳קען נישט מער הערן, כ׳קען נישט!

פֿון די דריקנדיקע פֿראַגעס און די ענטפֿערס האָבן זימלען אַרויסגע־שפּאַרט די אויגן פֿון קאָפּ. ער האָט געקוקט אויף דער שוועסטער און דאָס מויל האָט אים אויפֿגעציטערט אין אַ לייכטן קראַמף. ער איז מיט אַ מאָל שטאַרק בלאַס געוואָרן. וואָס מ׳רעדט דאָ, וואָס מ׳טראַכט אַלץ צו כדי זיי צו צאַפּן ס׳בלוט! — ווי אַ זעץ איבערן מוח האָט אים אַ שלאַג געטאָן אַט דער געדאַנק. דערויף האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער. אַזוי פֿיל טויט!

— אַ שוואַך האַרץ, לא עלינו, — גיט צו פֿאַרשטיין ס׳ווייב זיינס, די פּליישיקע ייִדענע מיטן צעשוווּמענעם פּנים, פֿון וועלכן עס קוקן אַרויס דריבנע טרעריקע אויגן. זי האָט גערן געהאַט אַז מ׳האָרכט זיך צו צו איר.

— מ׳האָבן גאָט צו דאַנקען גענוג איבערגעלעבט אויך דאָ, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, וואָס טראָגט אויף זיך אַ פֿעלד מיט געבליאַקעוועטע, איבערגע־האַקטע בינטלעך האָר. — ס׳האַרץ האָט געקענט פּלאַצן פֿון די גוטע בשורות וואָס זענען דערגאַנגען אַהער פֿון ענקערע קאַנטן. עים טאָר מע דאָס נישט דערציילן, לאַכטיקע, — בעט זי די פֿריש געקומענע שוועגערן און ער, דער ביישער שוואָגער, וויגט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ער איז דאָ אַ זייטיקער, צו אים רעדט מע נישט. — מ׳האָט גענוג מיטגעמאַכט, — זאָגט זי ווידער דער שוועגערן און ס׳פּרצוף פֿאַרקרימט זיך איר, גלייך עס וואָלט זיך געבעטן רחמנות. — יאָ, יאָ, אַפֿילו מאַרצעפּאַנעס באַקימען נישט, אַז מ׳הערט אַזאַלכעס.

דערווידערדיק האָבן די רייד געשלאָגן איבער די געהירן. דאַניע האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח נישט אויסצושרייען: „הערט אויף, ייִדענע, איך וועל אייך נאָך צוצאָלן!" אים און פּערלען האָט געקילט ס'בלוט פֿון דעם־אָ קלאַפּ, וואָס איז אויף זיי געפֿאַלן כלומרשט אומגעזעענערהייט.

„די גרינע, נאָר צרות לײַדט מע זיך אָן פֿון זיי..."

און די ברידער, די אײַנגעזעסענע אין דער לעבעדיקער שטאָט בוענאָס־איירעס האָבן זיך גאָר נישט געחידושט למאי די גרינע האָבן נישט גערן צו דערציילן פֿון זיך.

— ס'איז דען אַזאַ נחת זיך צו דערמאָנען טויט און טויט? — האָט יואל זיך אָפּגערופֿן. — ס'גענוג! מ'שרעקט איבער ס'יונגוואַרג. זיי דאַרפֿן דען וויסן דערפֿון? בעסער נישט.

ער האָט גערעדט הויך, די גאַנצע ענערגיע און די גאָרע קלוגשאַפֿט זײַנע אַרײַנגעלייגט אין דעם און אַזוי ראַפּטעמדיק ווי ער האָט זיך אויפֿגע־שטעלט צו אָט־דעם גערייד, אַזוי גיך און אימפּעטיק האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט. — ס'קומט דען עפּעס אַרויס פֿון אַזאַ רעדן? — האָט ער מוסיף געווען. — דערציילטס נישט, קיינעם נישט. מ'ווייסט סיי ווי!

די געסט האָבן טאַקע נישט גערעדט, נישט גערן געענטפֿערט אויף די אומהיימלעכע פֿרעגענישן פֿון די־אָ, וואָס לײַדן פֿון לאַנגווייל און זיי לײַדן פֿון סתם נײַגיר — מחמת איבערגעפֿרעסנקייט. זיי האָבן עס תיכּף דער־שפּירט, דאַניע מיט פּערלען און אַ ברענענדיקער כעס האָט זיך אין זיי שטום צעשריגן: אַ חוצפּה פֿון פּוסטע גענדז, פֿון אויסגעשלאָפֿענע און אויס־גערוטע. טרײַבערן וועמען די אָדערן און גיבן נישט אַ טראַכט אַז אַזאַ בהמהש פֿרעגן קען ווײ־טאָן. און זיי האָבן דווקא זיך געשטיקט מיט די יסורים וואָס האָבן ווי אויף צו להכעיס זיך געבעטן מ'זאָל זיי איבערענטפֿערן דעם בלוט און דעם מאַרך פֿון אַזוינע ווי דאָ, וואָס האָבן אויפֿגעהיטן זייער רו. ווײַל אַליין אויסטראָגן אַ ז אַ פּעקל איז מוראדיק שווער; שותּפֿים צו דעם געפֿיל וואָלטן דאָך געלינדערט דעם ווײ. וואָרן וואָס איז זייער בענקע־ניש צו היימישע, צו אייגענע? דאָס איז עס, אַנישט וואָלט נישט געלוינט צו לעבן מער. די דאָיִקע זענען קענטיק אָרעם אין האַרץ און אין דמיון אויף צו באַנעמען דאָס אומגליק, וואָס האָט אַזעלכע גרינע אַריבערגעשליידערט איבער ימים און איבער בערג. ווײ, ווײ, וואָס זיך דערוואַרט! און ס'האָט זיך געוואָלט האָבן פֿאַר וועמען אַראָפּצווײנען פֿון דער נשמה, וואָס דריקט

אויף ס'ניי. איצט האָט נאָך געגוואַלדעוועט די באַליידיקונג אויף די ברי־דער. אַ טויבע וואָנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיי.

מידקייט איז באַפֿאַלן דאַניען מיט פּערלען און זיי האָבן עס דווקא נישט געוואָלט פֿאַרהוילן. זאָלן זיי זען, די טייערע ברידער. אַ בעט, אַ געלעגער פֿאַרן אויסגעצערטן געביין! רו, רוען, איז זייער באַגער און די אויגן האָבן עס מאַט און בעטנדיק געררופֿן. דער וועג, די ביטערע יאָרן, מענטשן, — איר טרייסלט נאָך מיט אונדז?! — גלייכער דערוויטערט זיך, איר, איר!

... אַפֿילו די צעפּעכערטע לאָמפּן פֿונעם זשיראַנדאָל מיט די צענומענע פֿליגל איבערן טיש האָבן דערווידערדיק געשטוינט איבער דער מאָדנער באַגעגעניש צווישן די אייגענע. אויך דער זאַט־געגרייטער טיש האָט אויס־געקוקט אָרעמלעך, כאָטש די מאָלצייט איז געווען אַ ברייטע, מיט גרויסע טעלערס פֿלייש, מיט געבעקס, סיפֿאָנען סאָדע־וואַסער, מיט ווייַנפֿלאַשן. פֿליי־סיק האָבן געמליאַסקעט די מיילער פֿון די דערוואַקסענע ווי פֿון די קליינע; תענוגדיק פֿאַרטוען אין דער אַכילה האָבן געמאָלן די ציינער און ס'האָט מיט אַ מאָל אויפֿגעהערט דער כליאַפּ פֿון די אומהיימלעכע פּרעגעניש ביי די „גרינע". מיט פּלוצלינגן שטוינען האָט דער זשיראַנדאָל מעשיק־קאַלט זיך אַראָפּגעבויגן פֿון דער הייך צו די באַליבטע הענט וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט די פּיידעס פֿלייש, געיאַכמעט זיך ביי די גלעזער ווייַן און זיי „אויסגע־טריקנט". אומבאַהאָלפֿן־דערשראָקן פֿאַר די דאָזיקע ביים טיש, האָבן די געסט זייטיק זיך צוגעקוקט צו די פֿאַרטוענע ביי די טעלערס און זיי האָבן גע־שפּירט אַ קעלט ווי זי נאָדלט זיך אַריין אין זייערע רוקנס.

אויסטערליש! ווי די ווילדע זענען זיי אַוועקגעזעצט געוואָרן דאָ־אָ און עסן אָקערשט אבער מן החי, ווי ס'האָבן דאָס געטאָן די העפּטיקע, די אויף טויט־פֿאַרמשפּטע אין דער אַרומרינגלונג פֿונעם שונא אין די יאָרן פֿון ברע־נענדיקער נויט. עס האָט זיי גענומען ווערגן די אומהיימלעכקייט, וואָס האָט אַרום זיי זיך פֿאַרשפּרייט ווי פּלוצלינגע פֿאַרפֿלייצונג. „ווי קריגט מע זיך שוין אַרויס פֿון דאַנעט, ווי אַזוי אַנטלויפֿט מען, רבונו של עולם?" די הויט האָט געפֿלאַקערט אויף זיי, די שיין האָט געטונקלט.

האָט מען זיך געכאַפּט, אַז נישט דאַניע און נישט פּערל האָבן דערגעסן זייער אָוונטברויט, איז פּערל שוין געווען אַריינגעפֿאַלן אין גריזשעניש:

— צו וואָס האָט עס איר געצויגן אַהער! ווען מען ליגט זי אין זינען? הלוואי וואָלט זי נישט דערלעבט אַזאַ ברוך־הבא — און זיך צעכליפּעט שטיל

ווי אַן אבלית וואָס האָט אין ווייטן אונטערוועגס פאַרלוירן דעם געליבטן פון איר האַרץ.

דער ברודער יואל איז צוגעגאַנגען צו איר:

— פאַלאַ, וואָסי? טוט דיר עפּעס ווי?

זימלס ווייב האָט זיך אויפגעשטעלט, אָוועקגעשלעפּט דעם שוואָגער פון דער שוועסטער:

— ס'גאָר נישט, כוליאַ. ס'עט אַריבערגיין. גיי, ענדיק ס'עסן. זיי 'עלן זיך איבערשלאָפן, זיך אַרומזען.

— פאַרשטייט זיך, די ערשטע שריט זענען אַלע מאָל פריקרע, — האָט זיך געטרייסט דער צווייטער ברודער. — קום, — האָט ער אינדעם געזאָגט דעם ווייב מיט דער טאָכטער — מיר'ן לאָזן זיי אויסרוען. אויך מיר זענען גאַנץ נישקשהדיק מיד.

אינעם טריפן פון די טרערן וואָס האָבן הייס געזאָטן אין איר האַרץ, האָט פערל זיך צוגעהערט צו די אָפּגעריסענע רייד פון די אייגענע און זיי נישט געענטפערט. „שוין איין מאָל זיך געלוינט!״

אין אָנבליק פון דער פרעמדקייט, וואָס האָט נאָקעט־הויל געגעענט צו די גרינע וואָס זענען זיך פון דאָס ניי אין מיטן פון אַ שטייניקער ווייט־קייט, האָט די העשנדיקע ערשט אַריינגעקוקט אין זיך און ווידער דערווישט איר דאַרניקן נעבכן. אוי, אַזעלכענע צרות, און אַלץ איבערגעהאַלטן! זי האָט זיך אַליין באַוווּנדערט און אין איר אַקערשטער שוואַכקייט האָט זי זיך אויסטערליש געשטאַרקט, פערעלע, דאָס ווייב פון דאַניען, דעם געליטענעם פון פחדימדיקע פיינען און ער האָט זיך אַלץ געצויגן צום לעבן, איבערצו־לעבן דאָס חשכות וואָס איז פון ס'ניי געפאַלן אויף זיין קאָפּ.

2

ווען מ'האָט געהאַט פאַרטונקלט די אומצאָליקע לאָמפּן פון דער גרויסער דירה, האָט דער ברודער דער גאַסטגעבער אַריינגעפירט די „גרינע״ אי־קיך־צימער אַריין:

— לייגטס ענק, —

ער האָט עס טרוקן אַ זאָג געטאָן און זיי אָנגעוויזן אויף דער פאַדלאָגע אַ נעבעכדיק אויסגעשפּרייט געלעגער.

— דערווייל דאָ, — האָט ער באַך אַ שלונג געגעבן אַ וואָרט — מאָרגן, איבערמאָרגן ׳עט מע זען. מ׳עט עפּעס צוקלערן, — און איז אַרויס.

— כואַניטאַ, גיי פאַרמאַך די טיר פון קיך, — האָט אַ ווייבעריש קול אַ ביסל שפּעטער שטיל אַ זאָג געטאָן צו אַ קינד און ׳ס אַ גלעט געגעבן איבערן קעפּל — גיי, כ׳בעט דיך. און ווי פּאַר זיך האָט די פרוי אין גע־לעגער אויף שפּרינגפעדערס באַרויקט איר אַרנטלעך געוויסן: — ס׳עט זיין צו די טיר, וועט זיי זיין וואַרעמער. דער מאַן נעבן איר האָט גיך איינ־געגורעט דעם קאָפּ אין קישן. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט שלאָפן. אַ שווערער טאָג געווען!

ווי פאַרשטיינערטע זענען פּערל מיט דאַניען געבליבן שטום שווייגנדיק אין דער סווישטשנדיקער פינצטערניש פון דער קרובהשער דירה. אָט אַ קבלת פּנים! יענע, וואָס געבליבן אין דער ווייטער, צעשטערטער היים, זענען טיף אין דר׳ערד און זיי, די אַנטרונענע פון טויט, שפּירן דאָ די קעלט פון קבר.

— פּערלען האָט עס געוואָרפן אין דער שטומעניש, וואָס האָט זי געצערט. מיט סם פון קרענקונג איז איבערגעגאַנגען איר ברוסט. זי האָט זיך געשעמט פאַרן אייגענעם מאַן: „וואָס קען ער סוף כל סוף טראַכטן פון אונדז, אַז אַזעלכע שלאַנגען האָט אַרויסגעגעבן מיין היים?״

טיף אין זיך האָט זי דערשפּירט ס׳טריפן פון סמיקע טראָפּנס, וואָס האָבן געגליט די אָפענע וווּנדן פון איר האַרץ. אין זיך אַריין האָט זי אויס־געיאָמערט די יסורים וואָס האָבן זיך דערגראָבן צו די טיפן פון איר נשמה: אוי־או וו, דערלעבט! הלוואי וואָלט זי נישט אויסגעמיטן דאָס קבר פון די אַלע וועמענס פאַרלענדונג זי האָט שוידערלעך איבערגעליטן אין ציטער פון ברענענדיקער קעלט און היץ פון געפּרוווטן בלוט — —

דערוואָרט זיך דעם פאַרטאָג, ווען זיי האָבן זאַלבעצאַנד זיך דערהויבן פונעם קברל שמאַטעס, האָבן ביידע דערשפּירט די צעלאָמיעטע ביינער. דאַניע האָט אומדרייסט געקוקט פּערלען אין געשוואָלענעם פּנים אַריין, און זי האָט זיין פאַרמעקטן בליק נישט פאַרטראָגן. אין איר האָט זיך געצונדן חרפּה.

ער האָט געטענהט — צו זיך און צום איבערגעפּירטן שכל:

— אויף אַ שלעכטער מערכה ביסטו געגאַנגען, דאַניע, פּערעלע. אויף גלושנדיקן ווינט האָסטו געבויט. נישט די פאַרלוירענע היימישקייט זוכן דיינע ברידערלעך אין בוענאָס־איירעס. אוצרות פון די מבולבלע דייטשע רויבערס האָבן זיי דערוואָרט פון דיר, אוצרות פון אויסגעשאָכטענעם געטאָ

האָט מען געהאָפּט צו געפֿינען ביי דיר, פּערעלע! ביסט אַ שלימעזאָלניצע, דניאל, ביסט אַן אַנשיקעניש, וואָס איז מיטן שטראָם פֿון רחמנות מיטגעשלעפּט געוואָרן צו זיי. גלייב, קינד, — האָט ער געוווּנען ניכטערקייט אויף אַ רגע — זיי האָבן שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשה. מיט אַ יאָר־צוויי צוריק איז עס נאָך געווען מאָדיש ברענגען אַהער יתומים פֿון מבול. היינט ביסטו אַ מושלחת. וויין נישט, נאַרעלע; האָסט איבערגעלעבט דעם דייטש, וועסטו איבערטראָגן די חזיריי פֿון אָט־אַזעלכע. ברידער־שמידער — אַליין מוז מע זיך אַן עצה טאָן, פּערעלע. מוחל זייער ליבשאַפֿט. זעסט דאָך, סע פֿאַרקויפֿט זיך נישט הי. מ׳וועט זיך יאַקאָס אויסמענצלען. נאָר וואָס גיכער אַוועק פֿון זיי!

און האָט ווידער אָנגערוקט אַ נאַכט, מ׳האָט פֿון ס׳ניי געדאַרפֿט זיך לייגן שלאָפֿן האָט ס׳פּאַרפֿאָלק שוין מיט דעם געוווינטן געדולד זיך אַליין אויסגעבעט ס׳קבר׳ל אויף דער ערד אין דעם ברודערס בריוחדיקער קיך. מער רויקע, אַ ביסל איבערגעניכטערטע, זענען זיי דורכגעשלאָפֿן די נאַכט.

— מ׳עט זיך אויסמענצלען, פּערעלע, — האָט דאַניע געטרייסט זיין וויב. — „בוינע״ איז אַ גרויסע סטאַט. מ׳עט מיט גאָטס הילף איבערלעבן אויכעט די ליבע פֿון די ברידערלעך. ניסקאָסע. זיי האָבן זיך נעבעך אויך אָנגעמוצעט. גע־גאַאַאַאַנ־געען, פּערעלע, ס׳עט מוזן גוט זיין! —

ער האָט זיך געמאַכט אַ לב, אָנגעסטראָיעט אַ פֿריילעכע מינע און ס׳וויבל נאָכגעצויגן נאָך זיך.

— דער איבערשטער ׳עט העלפֿן, — האָט זי געזאָגט ביטער שטיל — מ׳זאָל נאָר נישט דאַרפֿן גיין אָנקוקן די ברידערלעך.

און זיי האָבן גענומען דעם גורל אין די אייגענע הענט אַריין.

— מיר זענען „גרינע״, — האָבן זיי זיך איינגעזעגנט מיט פֿאַרביסנקייט פֿון שווער געליטענע — גרינע מוזן אויכעט לעבן!

V

פון דאָס ניי האָט געפּרילינגט

1

די וועלט דאָ איז באמת איינגעשרומפּן, פאַרטונקלט. אַלץ האָט זיי געקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַ נעבעכדיק פּנים. דער זוניקער הימל איז אומהיימלעך, דאָס געפּילדער אין גאַס תרעומותדיק, אָנגעלאָדן מיט באַשיימפּערלעכן פאַראיבל. קיינער איז נישט צופרידן, דאַכט זיך זיי אויס, אָדער מען איז פוילן זיך אויסצושרייען מחמת דער אויסטערלישער תמימה, מתמת עס איז סיי ווי אַרויסגעוואָרפּן די מי צו וועלן דאָ עפּעס ענדערן. לויפּסט, ווייל די מוזסט לויפּן, ס׳טרייבט דיך. און דער רוגז יוירט. *די* זענען בייז למאי *יענע* זענען מיט אַ מאָל געוואָרן קורח רייך און געבליבן גראָב, אַנדערע — פאַר וואָס דאָס מזל איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. ס׳אַ שפּיל וואָס הערט זיך אַרויס פון די מענטשן אין דעם דאָזיקן אָנגעהויפּטן רעש. זיי, די גרינע, זענען אָנגעשטעקט מיט אַ מאָדנעם פאַרדאַכט. אַלע זענען פאַרדאָרבן אין האַרץ, מורמלען זיי, פאַרטעמפּט דער חוש פאַר *זעען*; בלינד זענען די *היזיקע* פאַר אונדזער ווייי — כאַפּט אָן די נכפּה סיי אים, סיי איר. און אויסטערליש: הגם מ׳באָדט זיך אין שפּע — ווייזט זיי אויס — איז קיינעם דאָס נישט גענוג. צו ווינציק אַלץ וואָס מ׳האָט, מ׳איז מקנא יענעם וואָס האָט מער און די מענטשן זענען עפּעס נישט שיין מיט דער שיינקייט, מיט וועלכער מ׳איז געווינט אַ לעבן לאַנג. כאָטש צערייס זיך, דאַניע, פּערל, פון די צרות וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דיר!

„ווּעסטו קומען אויף אַן אָרט, וועט שוין זיין גוט. עס איז נישט דאָס אָרעמאַנסקע פּוילן. אַמעריקע פאַרצירעוועט נישט קיין לעכער אין דעם דלות. אביונישקייט האָט דאָ נישט קיין מקום פאַר וואַקסן און די מענטשן זענען געכאָוועט אויפּן בעסערן און זיי זענען אויסגעאיידלט פאַר די איידל-

קייטן פּונעם האָרץ" — — ווייזט אויס: מיר האָבן געחלומט אַ פּוסטן חלום. אין דער אמתן איז דאָ גאָר נישטאָ אַזוינס. אַפילו די טראַמוויעען האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן איבער די גאַסן קוליע־דיקע, אויף דריי שטאָלפּערנדיקע פּיס און די מיקראָ־אָמניבוסן — קליינע, אייליקע — וואַקלען זיך אויף זייערע גיכע רעסאָרן ווי אייזערנע פּעסלעך, אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשישער ענגשאַפט, מענטשלעכן געשריי וואָס ווערט צעפּירט איבער אַלע עקן פון דער גרויסער, שטיינערנער שטאָט.

טשאַד, דריקנדיקער טשאַד איז געווען די שפּירונג וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט דאַניען מיט פּערלען; עס איז נישט געווען דער געפיל פון יאוש. שוין יאָרן ווי יאוש איז אויסגערונען פון זייער צעאַקערטן האָרץ. אין די פאַרהוילנסטע געוועבן פון זייער מהות האָט דער טאַטשנדיקער צווייפל זיך צעריסן, ווען עס זענען געפאַלן די האַמעטנע קלעפּ איבערן יידן־גורל. דע־מאָלט האָט ס׳בלוט גענומען איינדאָרן, פּיין איז געוואָרן דאָס ברויט פאַרן גוף און די נשמה האָט אָפּגעצאַפּלט אונטער די שאַרפע שניטן פונעם חלף וואָס האָט זיך צעפּאָכעט איבער די העלדזער פון די טייערסטע. וואָס ווייסן זיי, ווען מען פאַרשטייען זיי, די ה י ז י ק ע ? ווי ביינער פון אַ זאַק האָט דער נייער אָרום גענומען שפּיציק אַרויסשטאַרטשען פון אַלעמדינג. וואָס איז זיי אַנטקעגן געקומען. שלעכטע אירע ברידערלעך? ק׳ טשאַרטו מיט זייער גוטס! ווער דאַרף זייערע טובות? — האָט דער ליטוואַק זיך אַ קאָך געטאָן אין דאַניען און ווי שטענדיק איז ער אין אַ רגע שפּעטער ווידער געוואָרן די שטילע טויב. קיין צער האָט ער דעם ווייבל נישט געוואָלט פאַרשאַפן. אַליין זיך אָפּצועסן ס׳האָרץ איז אים נישט קיין נאָווינע. זי האָט שוין גענוג פאַר ס׳איריקע. זי איז אים אַ שאַד. גענוג וואָס די קינדער אָפּגעגעבן אויף דער עקדה פון קלאָמפּערשט מענטשישן גורל, נאָר אין אמתן — דעם חיהשן גיר, וואָס איז אַרויס אויף אונדז.

דעם מאַנצביל נעמען וואַרגן טרערן: זי האָט זיך געוואָלגערט אין וואַלד. צוגלייך מיט אַלע פאַרעקשנטע נאַראָנים זיך אַרומגעפּירט מיט אַ ווילדער האָפענונג: לעבן! נויט, פּחד. דער שניי האָט הויך פאַרשאָטן די נאַכט ווען זי איז אין פרירקן דרויסן אַנטשלאָפן געוואָרן פון מוראדיקן הונגער. אים האָבן סכנה און אַחריות געטריבן אין דער נאַכטישער אומבאַ־וווסטקייט אַריין; אפשר אַ לעצטן מאָל געוואָלט זיך ראַטעווען ס׳לעבן אויפן געפאַרן־שייטער, אַבי ז י צו באַשיצן, כאָטש זי, ווייל זיין גאַנץ לייב און לעבן איז איצט אָנגעקניפּט אין איר, וואָס איז די בריק צו אַלע וואַקלדיקע

האַפּענונגען, די וואַכנדיקע און די וואָס צאַנקען אין אים. דערווייל איז זי אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. ער האָט׳ס צוגעזען און געשטיקט זיך מיט דער פּייך. גוואַלד, ס׳אַרע ווייטיק דאָס איז! און פּריִער — אין געטאָ? לאָזט זיך דען אויסמעקן פון זכרון ווי אַזוי די מעזריטשער ייִדן זענען אויסגעגאַנגען אין חשבות און קראַמפּן? זי, פּערעלע, איז חדשים לאַנג געווען פאַרגראָבן אין אַ קעלער צוזאַמען מיט איר אַלטער מאַמען. פון אומגעהאַרישן הונגער האָבן זיי מיט די נעגל געקראַצט די שימלדיקע וואַנט פון זייער לעבעדיקער באַגראָבעניש און דעם זאַמד מיטן קאַלך אַריינגעגעסן אין זיך פּונקט אַזוי ווי די ווערעם עסן די פייכטע ערד. גאָר נישט, גאָאָאָאַרנישט וועט זיך פאַרגעסן! — —

— היידאַ!

אומגעריכט, ראַפּטעם האָט עס אַ צאַפּל געטאָן אין אים.

מיט כעס האָט דאַניע זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון די אומעטן: — מ׳גייען אַוועקעט, פּערעלע!

2

ווי אין נעפּל האָבן האַמעטנע זיך געשלעפּט זייערע נייע טעג אין דער נייער גרויסער שטאָט. ברידער צו מיינע גליקן, — האָט ז י אין דער שטיל געריסן פון זיך ס׳פליש. צו דעם באַטשאַפּעניש האָט עס א י ם געצויגן אַזוי ווייט, צו אַל די שוואַרצע יאָר, האָט ער געביטערט און דער־שפּירט אַ באַדאַרפּטיקייט אַרויסצוקומען פון די ד׳ אמות, וווּ ער איז גע־שטעלט געוואָרן אויג אויף אויג מיט דער נייער צרה פון איבעריקייט צווישן לייט וואָס זענען קלאָמפּערשט אייגענע. אַ ר ו י ס, אַ ר ו י ס פ ו ן ד אַ נ ע ט, — האָט עס אין דאַניען אַ העפּטיקן טומל געטאָן.

אַ בלאַסע, אַ גערונצלטע פון אינעווייניקדיקער קעלט, האָט דאַניע מער נישט געקענט קוקן דעם ווייב אין פּנים אַריין. כאָטש ער איז גערן אַהער־געפאָרן, נאָכגעגאַנגען איר רצון צו זיין נאָענט מיט אירע לייבלעכע, האָט ער זיך אַליין געפייניקט מיט דער נקמה אין זיך גופא, הלמאי ער האָט אַליין נישט געזאָגט: „נייך, מיר האָבן עס גענוג! מאַנטעווידעאָ איז אויך אַ שטאָט. און מיין ברודער איז אויך אַ ברודער, מעג זיין אַן אָרעמער ברודער, אָבער... און אַ טיר האָט ער פאַרייניטלעך געעפנט און צום באַשיידענעם ברויט פאַרבעטן. נייך, ער וועט איר נישט אָפּעסן ס׳הארץ“.

— זיי נישט ברוגז, — האָט ער ערשט אַנומלט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ — בלייב דאָ אַ ביסעלקע, איכ'ל אַ קוק טאָן — און זיך אַ ריס געטאָן פון איר. איבערגעלאָזן פּערעלען — אויף אַ שעה־צווייַ — ווי ער האָט איר צוגעוואָרפן מיט אַ ברום און אַ זשעדנער געלאָזן זיך שלינגען שטיי־קער גאַסן; געגאַנגען און מיט די אויגן געבישטערט אין מענטשנס פּנימער: „אפשר וועל איך עמעצן געפינען, עמעץ וועט מיך דערקענען?"

אַליין באַשאַנקען מיט אַ דימענטענעם האַרץ, אומעטום און שטענדיק גרייט מענטשן גוטס צו טאָן, האָט אין דאַניען אינסטינקטיוו זיך געפּעדערט אַ שיין פון האָפענונג אַז ערגעץ מוז זיך אָפּזוכן עמעץ, וואָס קאָן אים און אַזאַ וועט דערלאַנגען אַ האַנט. פלאַגענישן געקומען אויף די מענטשן, צע־שפּרייט געוואָרן די יידן איבער ווייטע שטחים ווו עס איז געוואַקסן רק יידישער גרויל, איז ווי זשע מעגלעך — — ? הייס און אימפּעטיק האָט דאַניע זיך געטראָגן אין זיין טראַכטן. אַ פאַרפלייצעניש געוואָרן נאָך דעם — האָט עס געהאַמערט אין זיין מוח — אַזוי פיל מענטשן געווען אין אומ־גליק, איינגעשטעלט געווען ס'לעבן און וועמען־ניט־וועמען איז געראָטן צו אַנטרינען. זיכער, געציילטע זענען נישט געוואָרן. איז זאָלן אַהער נישט האָבן זיך דורכגעקראָגן די וואָס האָבן איבערגעוועלטיקט די אימהדיקע בויטן? פון וועמען זשע זענען געווען די לאַגערן, די שפּעטערדיקע, אויף דער פאַרשאָלטענער ערד פון די דייטשן? ער גלייבט, דאַניע, אַזוינער וועט זיך אָפּזוכן, אַפילו דאָ. אויב נישט היינט, איז מאָרגן. פאַר געדולד איז שוין דורכגעבערענט זיין מאָרך. ער'ט וואַרטן. און די גוטפרײַנדשאַפט, וואָס איז זיין סטיכיע — זי מוז זיך יאָוועןָ. איז ווי נישט שייך וועט זי אים נישט ביישטיין! אָ, עס וועט זיך שוין אָפּגעפינען אַזוינער וואָס ווייסט דאַניע פלאַט־ניצקין!

אַ מבולבלער — און מיט נישטערנדיקע אויגן — זיך דורכגעטראָגן צווישן מענטשן אין די זון־פאַרגאַסענע גאַסן האָבן די אויערן, וואָס איבער דאַניעס קליינער, שמאָלער געשטאַלט, להוט זיך אָנגעשפּיצט צו אַ קענט־לעכער שטים, צו אַ יידיש וואָרט וואָס האָט אָט־אָ זיך געריסן צו אים. ס'עט קומען, ער איז פּעוונע.

זיין טונקל־הויטיקער שטערן האָט זיך געקנייטשט, מיט בלישטשלעך האָבן זיך צעשפּילט די גראָע אויגן. פאַרטראַכט און איינגעלאָשן האָבן זיך געגומען חתמענען זיינע טריט אויפן בוענאָס־איירעסער ברוק, וואָס האָט זיך געחידושט אויפן פלאָנטערן זיך פון דעם מענטשל וואָס פון דער פרעמד.

3

אויסגעהוילט די נשמה, מיד דאָס לייב פֿון... נאָר לאָמיר בעסער נישט דערציילן פֿון דאַניעס אינעווייניקדיקן געראַנגל מיטן שטן, וואָס גייט תמיד אויף דער פּשוטער מענטשלעכקייט. ווייט איז דאָס פֿלעמל וואָס ברענט פֿאַרהוילן אין איטלעכן פֿון אונדז — דער פֿאַרצווייפֿלטער מענטש געפֿינט עס אויס ביי זיך שטענדיק ערב טאָגן, ווען ער וואַקלט זיך שוין אַנגסטיק אויפֿן ראַנד פֿון פֿאַלן. דאַניע פּלאַטניצקי האָט זיך געפֿונען אין דער־אָ בחינה און ער האָט זיך פֿון דעסטוועגן נישט געבראָכן פֿאַר די וואָס האָבן באַגערט אים אונטערצוטעניקן.

— וואָס דען האָסטו געמיינט, — האָבן זיך ענדלעך צעטענהט אירע ברידער, ווען זיי האָבן געזען אַז דער „גרינער" דרייט זיך אַרויס פֿון זייערע טובות — אין פֿאַלייען וועט מען דיך אַריינפֿירן? אַן קאַפּוויטיק וועט מע דיר אונטעררוקן די גילדענע יויך? מיר האָבן אויכעט אַרויסגעשטעקט אַ לעקער.

— יאָ, יאָ, ברודערקע. צוערשט מוז מע געבן אַ פּלייצע!

— אַ דאַנק, מירן עפּעס געבעטן ביי אייך? איכ'ל גיין צו מיין פֿאַך.

— האָט ער רויִק געענטפֿערט, כאָטש נישט אָן פֿאַרביסנקייט. יענע האָט עס געקאָכט:

— געלאָזט זיך קאָסטן, אַראָפּגעבערענגט דאָס פֿון צרות און ברעך! — האָבן די ברידער שוין געגאַוועוערט אין צאָרן — געקלערט, דאָס 'עט אַריינ־גיין אין ווערקשטאָט פֿון אַן אייגענעם, צוגעווינען זיך עפּעס טוען און מיט דער צייט מאַכן זיך אַן אייגענעם טאַזשער*.

— אַלע גייען דען באַלד גרויס? — פֿרעגט שוין איינער דעם אַנדערן פֿון די ברידערלעך אין אוממאַכטיקן כעס. — אַ בייז אומגליק אויף אונדזע־רע שונאים, — און זיך אָפּגעקערט פֿון דעם „שנאַרייסקן חוצפּהניק", ווי זיי האָבן שוין געררופֿן דעם ליטוואַק.

דאַניע האָט געלאָזן די שוואָגערס זיך אויסשרייען. ער האָט זיך זיין פֿאַך — האָט ער ווידער אַ מאָל געמורמלט און אַוועק זיך זיין וועג.

— ס'געמיין, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן דעם ווייב אין אויער

---

* ווערקשטעל.

אַריין — אויף צו ווערן זייער פּאַראָבעק בין איך זיי אַ שוואָגער? אַ קנעכט זיי זיין און דו אַוודאי אַ דינסט!

דעם מענטש האָט עס געטראָגן. ווי אַ פּאַרסמטער איז ער טאָג־טעגלעך געלאָפן איבער די גאַסן, געזוכט אַ שאָטן פון פריינטלעכקייט, געזוכט און אויסטערליש געאיילט זיך. אַרויסגיין פון דער נייער ענגשאַפט, — האָט עס געהייסן אויפן לשון פון זיינע שטומע געפילן.

איבערגעקומען אַ נאַכט אויפן קברל פון דער קרובהשער דירה, האָט ער באַגינען — פאַרן לעצטן האָן־קריי — אַרויסגעצויגן פערעלען פון קיך און שטילענקע, ווי זיי וואָלטן געטאָן אַ גנבה, געלאָזן זיך אין שטאָט אַריין. הויך איז דער הימל אין דער דעצעמבערדיקער אַרגענטינע, וואַרעם, זוניק איז אין די סקווערן. ביז אַ שטיקל אין טאָג אַריין, ווען עס ווערן ברייט צעעפנט די קלייטן, ס׳ווערט פולער טומלדיקער טאָג אין די שטייניקע, דאַכיקע מערקאַדאָס *, שפּאַצירן מאַן און ווייב ווי זיי וואָלטן אינדערפריק ערגעץ־ווו אַוועקגעגאַנגען. אַזוי, אויף אַוועקגענאַרן זיך פון דער אייגענער שעמעוודיקייט, למאי מ׳איז דאָ אומגייטיק, זענען זיי געגאַנגען אַ ביסל גיכער, קלאָמפּערשט זיך געאיילט צו אַ ציל. „מיר ראַמפּלען, מיר לויפן, ווער וואַרט אויף אונדז?״ — האָט עס רגעוויז אַ קלאַפּ געטאָן אין דאַניעס קאָפּ און ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. אַליין זיך געשעמט. מסתמא אויך זי. פערעלע האָט אומוויליק, מאַשינאַל, זיך געצויגן נאָכן מאַן: „משטיינס געזאָגט אַ געגיי אונדזערס״, — נאָר געזאָגט האָט זי גאָר נישט. בלויז אַ זיפץ פלעגט זי דערשטיקן אין זיך, פאַרביסן דאָס מויל. דערנאָך זעצן זיי זיך אוועק אויף אַן אייזאַמער אינדערפריק־פּייכטער סקווער־באַנק, כלומרשט עפּעס איבערצורעדן. אין דער אמתן ווילט זיך זיי נאָר איבערוואַרטן די צופריע שעה. דערוויל קייטלט זיך ביי זיי אַן אומדרייסטער גערייד פון תכלית.

— מ׳עט גיין אויסגעפינען אַ פּיצל ווינונג, פערעלע. כ׳האָב שוין אַפילו אַ צוזאָג, — פרוווט ער זי דערפרייען, אָבער אויף איר מויל שפּילט בלייכער ציטער. — ס׳עט זיין אַ פאַרגעניגן, זאָג איך דיר, פערעניו —

— אַ ווינקעלע פאַר־זיך, — ציט ער דעם חלום איבערגעוואַלד — איז בעסער ווי טויזנט לאַסקעס פון יענעמען.

---

* מאַרק־האַלעס.

— ווי זעט עס אויס, דאַניעלע, דאָס שטיבל? — קוקט זי אים שוין אָן מיט דערוועקטער דאַנקבאַרקייט.

— מ׳האָט מיר ערשט צוגעזאָגט צו ווייזן, — שטאַמלט ער.

דער קאָפּ ווערט אים נעבעך אויסגעשוואַכט, גיט זי אַ קלער, זי׳ט זיך פאַרלאָזן.

— ס׳וועט וויל זיין אין אַן אייגן שטיבל, — שעפּטשעט זי נישט דרייסט און מאַכט ביי זיך אַ סדר ווי אַזוי זי וועט באַלעבאַטעווען אין זייער נייער היים: — וואָס גאָט וועט געבן, וועט זי פאַרליב נעמען, — אַלץ וועלן זיי געניגן האָבן. אַבי מנוחה, דאַניעלע. נאָר דו זאָלסט מיר געזונט זיין.

וועגן די ברידער וויל זי נישט דערמאָנען. ער רעדט אויך נישט דערפון.

— ס׳ט זיין חי געלעבט, — רייבט ער זיך אין מיטן דערינען די הענט, נעמט אַרויס און ציילט מיט געקלימפּער ס׳ביסל קליינגעלט וואָס ער האָט צו־נויפגעשלעפּט פון אַלע זיינע קעשענעס. — אויסגעביטן ביי אַ ייִדן, — זאָגט ער. מ׳דאַרף עפּעס אַ כאַפּ טאָן, פּערעלע, און גענומען זי אין אַ טיי־הויז אַריין.

— מ׳טאָר זיך נישט אָפּלאָזן פון עסן, — זאָגט ער אַנידערזעצנדיק זיך ביי אַ קליין טישעלע.

— זע נאָר, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט זיך אָנגעטאָן, — קוקט זי אויף אים פון אַנטקעגנדיקן בענקל אין שטאַרקן דערשרעק. דערבאַרעם זיך, דאַניעלע! — דו לאָזסט זיך זיך צופיל אָפּ, — מוסרט זי אים. — ווילסט זיך דווקא אומברענגען? נייַן, האָסט נישט קיין רעכט דערויף. ביסט נישט אַליין.

— גיי, גיי, ביסט אַ נאַרעלע, — פּינקלען זיינע אויגן שעמעוודיק.

דעם וויטיק וואָס ער האָט פון איר שלעכטן אויסזען, וויל ער איר נישט אויסרעדן. זי איז אַליין שולדיק, האָט ער איר שוין אַ סך מאָל גע־מוסרט. „זשאַלעוועסט זיך״, זאָגט ער, און זי פאַרלייקנט. מ׳עט קומען אויף אַן אָרט, וועט אַלץ זיך פאַרבעסערן, — פאַרענטפערט זי זיך און וויל אים מער גאָר נישט זאָגן אַז ער זאָל זיך נישט גריזשען.

און גייען זיי אַרויס פון איבערבייס, פירט ער פּערעלען אין אַ זשומע־דיקער גאַס אַריין. אָ, אַ רייך אָרט! — האָט זי שטויניק אויסגערופן, און געגעסן די גאַס מיט די אויגן: ס׳אַרע הייזער, ס׳אַרע וויסטאַוועס! אַ כרך, אַ גרייס! „זע נאָר, ווי דו ווייסט שוין ווו צו גיין!״ אַלע מאָל אַזוי. אָבער היינטיקס מאָל איז אַנדערש, גאָר אַנדערש. — אַזאַ גאַס! אַזוי לאַנג ווי זי איז דאָ, האָט זי נאָך אַזאַ רחבות נישט געזען. באמת, עס הייבט אָן איר צו

געפּעלן. און זי לאָזט זיך פירן. — וווהין גייט מען? — האָט זי ש:ער זיך אַרויסגעכאַפּט, אָבער זי האָט ווידער נישט געפרעגט. „מ'באַדאַרף נישט, פערל! — ס'עט אַוודאי זיין אַ פריידיקע אומגעריכטקייט, וואָרן דאַניעלע זאָגט גאָרנישט. ס'אַ סימן אויף עפּעס. מן הסתם איז בעסער אַזוי". זי וועגט שוין דעם געדאַנק וואָס בושעוועט אין איר, אָבער זי פרעגט אַלץ נישט. און אָט: אַ ברייטע גלאַזטיר, אַ גרויס, טיף געשעפט. ע ר האָט זי געפירט און זי איז אַריין, געשטאַנען היפּש צעטומלט. שפּאָר מענטשן ביי די טאָנבענק, כאָטש ווינציק קונים; מער פאַרקויפערס וואָס וואַרטן אויף פדיון. ס'נאָך פרי. — איז פערעלע באַלד זיך משער און שוין שפירט זי ווי דער מאַן גיט זי אַ צי נאָך זיך און אָט אַליין בלייבט ער שטיין.

— חיימל, ס'אי' מיין ווייבל!

מיט אַן אומגעריכטקייט גיט עס איר אַ שטויס אין די געהירן: קוק זיך אַרום! ס'אַן אַנדער וועלט. דאָס האָט דאַניע זי געמינטערט. יאָ, ס'ראַכטיק. ער רעדט צו אַ מיטליאָריקן מענטש מיט אַ שטיל, בייניק פּנים. יענער שטרעקט אויס צו איר אַ לאַנגע האַנט מיט אַ קילן שמייכל:

— מוטשאָ גוסטאָ*.

זי האָט עס אַזוי געהערט פון אים מיט אַ בפירושן שעפּטש וואָס איז בכיוון פאַר איר אַנידערגעלייגט געוואָרן ווי פאַר אַן אַנגעלייגטן קונה. מסתמא אַזוי שטעלט מע זיך דאָ פאַר. אויך אַ נאָמען האָט ער איר אונטערגעטראָגן: חיים וויינשלבוים, וויינשלבוים הייס איך — און איידל זיך אַ בייג געטאָן. דייטלעך האָט ער עס אַרויסגעבראַכט צוזאַמען מיט אַ וואַרעמען מאַנצבילשן דריק אויף אירע פינגער־געלענקען. דעליקאַט איר צוגעטראָגן דאָס וואָרט, דעם קוק, דער ערשטער מענטש וואָס דער מאַן האָט דאָ אויסגעפונען.

פערעלע האָט זיך לייכט פאַררייטלט, ווען ד ע ר האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער טאָנבאַנק און אויף גיך איר דערציילט פון זיין פריינדשאַפט צו איר מאַן. אייגנטלעך איז ער דאַניעס אַ שטיקל לאַנדסמאַן, האָט ער צוגעגעבן. ער גופא איז אַ שניפּישאָקער. באָר יאָרן דורכאַנאַנד געווינט ביי זיי אין ווילנע. אַ קימאַ לן פון אַ יאָר צוואַנציק שוין אַריבער ווי ער איז אַוועק פון דאָרט. נאָר ס'געוועזענע — האָט ער באַשיידן אַרויסגעפלאַמט אין שעמעוודיקן גערייד — ס'געוועזענע קען זיין אַזוי טייער. הא,

* זייער אָנגענעם.

דאַניע, גיט ער אַ קער דעם קאָפּ צום דערנעבנשטייענדיקן, — ווי איך האָב זיך דערמאָנט באַלד ווען כ'האָב דיך דערזען? או, ווי כ'פריי זיך פון דער געלעגנהייט! שילגאַס, יאַטקעווע געסל, די זאַוווּלקעס וואָס פירן צום אָסט־רעבראַם. האַ, געווען אַזוינס, ברודערקע. און שוין נישטאָ פאַר אונדז, פאַר קיינעמען. געהערט, געהערט ס'טרויעריקע, אָבער וואָס קען מע זיך העלפן, טייערענקע?!

אָט גערעדט צו איר, אָט געווענדט דעם פרעגנדיקן בליק צו דאַניען.

ווי פון אַ פלייץ האָט עס זיך אַ גאָס געטאָן פון דעם חיימלען. פערעלע האָט זיך עפּעס פאַרלוירן. דאַניע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם בליק און נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ס'אַ טרויעריקע טויער אונדזער געדעכעניש פון פאַר־פלאָסענעם, — האָט עס געקענט הייסן אויפן לשון פון זיין אומעטיקן קוק. פערעלען האָט זיך געגעפּלט אין די אויגן: דאַניען דערמאָנט מען די היי־מישע שטאָט און זי, נעבעך, איז דאָ אין גאַנצן ווי פון אַ שטיין. וואָס וועט זי דערציילן פון איר מעזריטש, ווען מען קען עס אָנגיין? ליבערשט וואָלט ער זי אַהער נישט אַריינגעפירט — —

אַ מערכה, עס האָבן זיך אַריינגעוויזן אַ פּאָר קונים. חיימל וויינשלבוים האָט נישט געהאַט מער קיין צייט. האָרב געוואָרן מיט לייזונג, האָט ער כלאחר יד אַ מורמל געטאָן דעם ליבן גאַסט. דאַניע האָט זיך טאַקע פאַרנו־מען אַרויסצוגיין.

— גיי איך, פּנסאַן. אַ גוטן דיר, — און ראַפּטעם זיך אָפּגעקערט פון חיימלען.

— פלינק עס געכאַפּט, דאַניעלע, — האָט יענער אָנגעקוואָלן פון דעם געפּונענעמס געזעגן־וואָרט. — אָפּגעמאַכט, הייסט עס? — גיט ער נאָך אַ פרעג.

— יע, יע, — האָט דאַניע שוין פון ווייטנס צוגעשאָקלט מיט דער אָנגעזילבערטער שוואַרצער טשופרינע.

— טשאַו!!

חיימל וויינשלבוים האָט געמוזט שוין איבערשרייען דעם רויש, וואָס האָט אָט־אָ זיך געשטעלט אין חלל פון דעם טיפן קלייט. ווי אַ כוואַליע האָט מיט אַ מאָל זיך אַריינגעריסן דער טומל און דער קלייטניק האָט אים נאָך געוואָלט אַריבערשפּרייזן מיטן נאָכאיילנדיקן פרעג צום „פּנסאַן“: — קומסט, דאַניע?

— יע! — האָט ד ע ר שוין בלויז געוויגט מיטן שטערן און ער

מיט פּערעלען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן גאַסיקן ליאַרעם, וואָס האָט רעכט אויפגעזאָטן. אין סאַמע דראַנג האָט זי דאָ געפּרעגט דעם מאַן מיט צעשפּילטן נייגיר:

— ווער איז דאָס, דאַניע? האָסט מיך געפירט און צופּריער גאָר נישט געזאָגט. כ׳האָב ליב זיך צו ריכטן אויף אַזעלכע באַגעגענישן, — און אָנ־געשטעלט אויף אים דעם בליק פול תרעומות.

— ס׳איז אַן אייגענער. אָט־אָ אים געפונען, זאָל׳עך מאַכן אַ צימעס מיט יאָ דערציילן צי נישט דערציילן? און ס׳געמיט איז דערצו?

— זיי נישט קיין גענאַרניק. זאָג, ווער איז ער? גערעדט צו מיר ווי אַ באַקאַנטער און איך קוק אויף אים ווי אַ גולם. איי, דו, מיט דיינע קאַ־טאָוועסן!

— נישט קיין קאַטאָוועסן. ס׳איז דער ריינער אמת. געפונען אַ פריינדל איז ער בעסער פון אַן אייגענעם.

— שטעכעלירסט מיך שוין, דאַניע? עס געפעלט מיר נישט דיין רעדן.

— אסור, ווייבעלע. איך מיין, אַז אַ יינגל וואָס דער שוואַרצער אָקס האָט אים געטראָטן איז זיס ווי אַ גוטע פּערעשקע, אויב ס׳באַווייזט זיך אַ געליטענער. און דאַניע האָט אים אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט, ווי אַ ברודער אים געהאַלטן, קומט ער אַציגד אַנטקעגן. יע, יע, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן.

— ס׳אַ געשיכטע אַן אַלט־געבאַקענע צי אַ נייע פאַנטאַזיע, דניאל? דערצייל שוין, דערצייל, — פּיעשטשעט זי זיך פאַר אים — ווו איז׳ס גע־ווען? רעדסט אַזוי אַז דו מאַכסט מיך טשיקאַווע.

— ווו, ווו, שוועלבעלע, — קרימט ער איבער אירע רייד. — אין דער היים, ווען אַ מענטש איז נאָך געווען אַ מענטש. דאָ האָבעך אים געפונען אומגעריכט. אין גאַס, צווישן יידן געזאָגט, כ׳בין אַ ווילנער, האָט מען מיר אָנגעוויזן. כ׳בין אַריין און געטראָפן.

זי האָט געשמייכלט מיטן שמייכל פון אַ קינד וואָס האָט געפונען עפּעס גוטס, און געפונען האָט זי דאַניעס טיפע באַרויקונג. נייע רו האָט אים אַרויס־געקוקט פון זיינע גראָע אויגן.

— ס׳עט גוט זיין, טעכטערקע — האָט ער געזאָגט. — ס׳אַן אייגענער.

— כ׳פאַרשטיי נישט! — איז זי געווען אומצופרידן פון זיינע אומ־גערעדטע רייד.

— וועסט שוין פאַרשטיין! — און ער האָט פריידיק זיך געריבן אין

די הענט. נאָך ניט אַלע מענצן זענען אויסגערונען געוואָרן, פּערעלע. חיימל איז אַ סניפּיסאָקער, אַ סטיק ווילנער און איך האָב אים נאָך פֿון אין דער היים. ר׳האָט צוגעזאָגט אַריינצולאָזן אונדז צו זיך, גלייב איך, הערסט פּערעניו!

די הייטערקייט האָט דאַניען אַ טראַג געטאָן און ער האָט מיטגעצויגן דאָס ווייבל.

4

דאַניע האָט געזאָגט דעם אמת. דער לאַנדסמאַן חיימל וויינשלבוים האָט אים אָפּגעגעבן אַ צימערל אין זיין גרויסער דירה און דאַניען איז גע־וואָרן גוט.

די וועלט האָט זיך אויסגעברייטערט פֿאַר אים, דער הימל זיך צעהעלט.

אַוועק איבער די בוענאָס־איירעסער גאַסן נאָך זיין ברויט, האָט אַלץ ערשט גענומען צו אים שמייכלען.

— ווען איז מיר אַזוי וויל געווען? — האָט ער גערעדט צו זיך און ער איז פֿאַמעלעך זיך צונויפֿגעוואָקסן מיטן טליעדיקן חשק אָנצוהייבן פֿון דאָס ניי.

— ס׳כדאַי, — האָט ער איינגעזען.

אויך פּערעלע איז געווען גליקלעך. איבערגעקומען. זי באַדאַרף מער נישט גיין אָנקוקן די ברידערלעך. אַז זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט, איז גלייכער נישט צו געדענקען אין אַזוינע. נישט זעען זיי, און פֿאַרגעסן!

עס איז געווען אין די טעג פֿון דעצעמבער, דער אַרגענטינישער פֿרי־לינג און ביי דאַניען און ביי פּערעלען האָט עס אויך אויסגעוויזן איבעראַניים צו פֿרילינגן אין האַרצן.

VI

חסד

I

אמאָדנע טבע האָט דער דאַניע: ער קוקט אויף אַ מענטשן און ער זעט ז י ך. אַ מאָל נאָר אַן ענלעכקייט אויף זיך און זעלטן בלויז אַ שפּליטער פֿון זיך. „אַ סוואַכע בריאה, דער מענץ, כאָטש צעפּליק זיך. דער געדאַנק יאָגט אים אָן“. הייַנט איז ער שוין רויק, דאַניע, הייַנט קען ער שוין זיין ווי געווען, אַפילו שוין אַ היזיקער — און לאַכט מיט אַ קיל געלעכ־טערל, גלייך עס וואָלט אָט־אָ אָפּגעשפּריצט אַ גיך רעגנדל. — „אַזאַ מאַסינע דער מענץ — לערנט ער פּשט. — אַלץ טוט זיך ביי אים אָן זיין אייגענעם וויסן, עס בויען זיך אין אים פֿאַרסיידענע פּאָלאָזשעניעס. און מ'זאָל באַהיט ווערן: ס'פּנים איז אַ מסור. קוק זיך גוט איינעט, וועסטו סוין זען!“

זינט ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין כיימע וויינשלבוימס אָפּגעלעגענעם צימערל, האָט ער אין אויסקוק פֿון די שטוביקע געזוכט דעם רושם פֿון זיין אַריבערקומען אַהער. וואָס זאָגן זיי צווישן זיך, וואָס קלערן זיי פֿון אים, חיימל מיטן ווייב? דאַכט זיך, מיר מיעסאַיען זיי ווינציק, סיידן מיטן ביסל וואַסער וואָס מ'נעמט פֿון קראַן, סיידן מיטן דורכשלייכן זיך אַ מאָל דעם קאָרידאָר. סיי ער, סיי פּערעלע היטן זיך נישט צו שטערן. אָבער פֿאַר וואָס קומען זיי ניט אַ סמועס טאָן, איבעררעדן אַ וואָרט מיט זיי: „מענצן, וואָס טוט איר, ביי וואָס האָט איר בדעה דאָ צו זוכן די חיונה? וואָרן אַ מענצן באַדאַרף דאָך זיין בעסער, אויב ער האָט זיך אַזוי פֿיל אָנגעליטן! און די דאָזיקע וויזן זיך ניט, ווי זיי וואָלטן אויסגעמיטן די גרינע — —“

דאַניע האָט להוט געוואָלט זוכן זיי אָנצוקוקן, חיימלען און זיין ווייבל. ממש ער האָט געטשאַטעוועט אויף זיי און דווקא נישט דרייסט געווען אַריינ־צוגיין אין די גרויסע, רייכע צימערן זיי אַ זוך טאָן. ווי זע איך זיי אין פּנים!

פֿאַר דאַניען איז אַ פּנים אַקוראַט ווי אַ שפּיגל. פֿאַר זיך ווי פֿאַר יענעמען. פֿאַר זיך — אַ מאָל אַ שפּיגל, וואָס גיט אָפּ מיט אַ ווייטיקלעכער ווידערשיין פֿון אַלץ, וואָס גראָבט אין דער נשמה אָדער עס שטראַלט אויס אַן אוצר פֿרייד; פֿאַר יענעמען — אַ ברונעם אַראָפּצולאָזן זיך אין דער טיף פֿון מענטשנס מיין און אויך פֿון זיין גורל. די זון אָדער אַ שווערע כמאַרע קען זיין דיין אייגן פּנים. וואָסערער קען זיין דער־אָ? וואָס פֿאַר'אַ איז זי...? אַ שאַרף איינגעגראָבענע גרימאַסע פֿון עמעצנס מויל שרייט שוין צו דאַניען: „מסתמא געליטן אַ וואַזשנעם קלאַפּ, קען עס נישט אויסזאָגן, נאָר ס'שניידט אינעווייניק, ס'שניידט זיך אַ וועג פֿאַר אַ חורבן פֿון זיין נפֿש"; אַ ווייך, גלאַט פּנים מיט געגאָרנטע פֿעלדלעך אונטער דער גאָמבע רעדט צו אים דאָס לשון פֿון פֿאַרריסענער אייגנליבע. אַזאַ איז לא עלינו שוואַך, זאָגט ער, אָבער אַן אַנדערן קען אַזוינער אומברענגען, אַבי צו שטאַרקן ס'אייגענע שלאַפּע האַרץ. אַ פּנים אַ קנאָכיקס מיט אַ טרוקענער, געקנייטשטער הויט דערציילט אים פֿון אַנטבלויזטער בייזקייט. „אַ שלעכטע זאַך" — רופֿט ער אַזוינעם. אַ גריבל אין אַ שטאַרק־אויסגעגאָלטער באָרד זאָגט אים עפּעס פֿון שטורמישע איינגעשאַפֿטן און אַ ציטער פֿון אַ ווי:ע איבער אַ האַרט פּנים לאָזט אים זיך אָנשטויסן אויף טונקל פֿאַרהוילנס, מיט וואָס אַ מענטש דאַרף זיך שעמען. כי־כיכי, — קייכט ער ווען ער זעט אַן אויסשיט פֿון רויטע, קליינע בלעטערלעך אויף אַ מיידלש פּנים: האַ? — פֿרעגט ער להכעיסדיק, מעשה שטיפֿער וואָס האָט דווקא ליב אָנצוטרעטן אויף אַ הינעראויג. און ערנסט גלייבט ער אין זיין חכמת־הפּרצוף. פֿאַר מיר גייט זיך נישט אויסצוהיטן, — גרויסט ער זיך טייל מאָל. אַנוקאַ, פֿלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן מיט פֿאָנישער דרייסטקייט און נעמט אַ ווייבלעך פּנימל צווישן זיינע ברייט־צעשטעלטע פֿינגער; יענע צינדט זיך דערוויל ווי אַ פּאַפּירענע לאַמטערנע און ער גראָזשעט איר מיט אַ פֿינגער, לאַכט שפּאָטיש:

— אָ, מיאוסע זאַכן, זע איך, האָ־האָ, היט זיך, קליינענקע! מע סלאָגט פֿאַר אַזוינס!

קוקט דאַניע אויף עמעצן וואָס איז אים קענטלעך — ווי ס'ווייזט אים אויס — פֿלאַקערן אויף אין אים דערמאָנונגען. אַ פֿאַרטרענקטע בענקשאַפֿט קומט אויף און אַ שפּרונג פֿון באַדויער דערהייבט דעם בליק אין זיין פּילעוודיקער ברוסט.

חיים שניפּישאָקער, זיין חבר פֿון די ווילנער געסלעך, האָט אין דאַניען אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון געניזוקטע, שוין פֿאַרשאָטענע נעכטנס — אַ

צאַפּל אַזאַ וואָס האָט ווי מיט בערוועבעס געשטויסן זיין האַרץ, פֿון אים אַרויסגעבראַכט טרערן. פּונקט ווי ער האָט אין תּחילת נישט באַמערקט יענעמס בלייכע פּנים, האָט דאָס אַצינד זיך פֿאַרעקשנט געשטעלט אַנטקעגן זיינע אויגן, און ס׳האָט אים געשראָקן. אַזוי פֿיל יאָרן, אַזוינע קאָזשלקעס געמאַכט מיט די מענטשן אין דעם־אָ שטיקל צייט, איז וועד ווייס! אָן אַ פֿאַר וואָס האָט ער מורא געקראָגן פֿאַר דעם גוטן חבר. גאָר פּלוצלינג האָט דער חיימל מאָדנע זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון זיין געפֿיל. יאָ, ער ווייס שוין: עס איז מחמת דעם וואָס דער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ קלייט מיט אַ ברייטער, גלאַנציקער גלאָזטיר אין דער סאַמע רייכער גאַס אַריין. עפּעס פּאַרט זיך דאָס נישט מיט יענעם חיימל שניפּישאָקער, וואָס האָט זיך אַליין ייִנגליש איינגעטוליעט אין זיין האַרץ. פּע, אַ פֿרעמדע פּעל אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך! מיט אַ מאָל האָט ער דערזען דעם חיימל וויינשלבוימען ווי אַ כיטרע באַלעבאָס איבער זיך. רייכקייט — האָט עס אין אים אַ געשריי געגעבן מיט אַן אומקלאָר קול — איז עפּעס נישט גאָר ריין. חלילה, ער איז חיימלען נישט חושד אין פּסולע זאַכן, נאָר באַקומען באַקומט אים נישט די איצטיקע גוטפֿריינדשאַפֿט זיינע. ס׳נישט אים קיין גרויסע גדולה אַז אַן אייגענער גיט אַזוי־אָ אַ וואַקס אַרויף מיט געלט, מיט סחורות, מיט אַ הויז. זיכער, געלט גייט מיט אַ פֿאַרריסן פּרצוף, מיט אַ פֿאַלש האַרץ. ס׳איז אַ פֿרעמדקייט וואָס וואַקסט אַרום מיט ווילדס. איז דאָך ביי זיי אין דער היים אויך געווען אַ קראָם, אָבער ס׳האָט גאָר נישט אויסגעזען אַז זיין טאַטע־מאַמע זענען דערפֿון געוואָרן גבירים. אַדרבא, תּמיד האָבן זיי געזיפֿצט אויף קוועלענישן. געזעסן נאָר אויף ברויט מיט קאַרטאָפֿל. מ׳האָט פֿאַר ליב גענומען גריקע און אַ קעלבערן פֿיסל אין טשאָלנט אַריין אויף שבת. אַבי די אָרנטלעכקייט זאָל נישט קריגן אַ פּגם. גאָט באַהיט, נאָר נישט קיינעם באַעוולהן. דאָ איז דאָס געלט אַן אַנדערס, — עסט זיך דאַניע אין דעם קלערן, וואָס האָט געגריזשעט זיין ערלעך האַרץ, כאָטש אים גופֿא איז דער געדאַנק געווען ניי. אָבער אַ ליאַדע־וואָס אַרט אים שטאַרק. אַנדערע דאגות געווען דאָ אַרום: מ׳רעדט אויף מענטשן, מ׳גריבלט זיך אין יענעמס אַמאָליקן יחוס.

— אָ, באַשירעמט זאָל מע ווערן אַריינצופֿאַלן אין פֿרעמדע מיילער.

כ׳לעבן, — כאַפּט ער זיך בעת מעשה אויף אַ זייטיקער מחשבה — ס׳איז מסתּמא נישט אויסן וועג וואָס זיי גופֿא זענען אַוועק פֿון אירע ברידער. דער טשאָרט ווייס, אין וואָס לייט קענען האָבן געשטרויכלט געוואָרן. נאָר אַ ז ו י נ ס האָט געקענט אָנלעבן אויף זיך אַזעלכענע גראָבע הויטן. אַ דאגה

מיר, — ברידער, נישט ברידער, צו פּערעלעז האָט עס נישט! און ער וועט נישט לאָזן זי זאָל זיך משפּחהנען מיט זיי. לא היה ולא נברא: נישט געווען און נישטאָ קיין ברידער און פּטור אָן עסק! פֿאַראַגנען בלויז איך און דו — און אונדזער משפּחה איז סטענדיק אין דער היים, און האָדי, דאַניע!

אָבער ער האָט פֿון דעסטוועגן אַלץ נאָך נישט געהאַט קיין מנוחה אויפֿן האַרצן און געפּלאָנטערט זיך אין אַ זאַווייע פֿון צעשווימטע רעיונות. אי עס איז אים גוט וואָס ער איז שוין דאָ, אי עס איז אים ביטער למאַי ער האָט נישט געטראָפֿן דאָס וואָס ער האָט באַגערט. אַוודאי, אַ חלום איז אַ נאַר! אויסגעקערט געוואָרן ס'טעפּל סמעטענע, האָט עס געהייסן אויף דאַניעס תרגום. און דאַניע איז דווקא נישט געגייגט סתם אומזיסט צו קלערן. בײַבע איז אים ליבער צו טאָן אַ פּרעס, אַ טרונק, אַ לעב טאָן; נאָר גיט אים אַ פּיק אַ ווייטיק, עס קומט קאַפּויער אומגעריכטס, בייזס — דעמאָלט שאַרפֿט זיך אויס זיין אומרויִקער מוח, דער שטערן פֿאַרציט זיך מיט אַ קנופּ פֿון קאַרבן גלייך אַ כמאַרע וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אים און די ציין בעמען בייסן די שפּיצפֿינגער. אַ נאָכגערעטעניש אַזאַ ביי אים פֿון דער מאַמעס אַ ברודער (אַ היימישער חכם געווען אין דער משפּחה, דער פֿעטער מיכל, צו אים איז מע געקומען נאָך גוטע עצות און אַליין האָט ער זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פֿון דעם שלים־שלימזל) — און דער חיימל טוט אים אָקערשט אָן דיך, טרייבט אים אָן אַ פּולע דאגות למאַי ער טוט מיט אים אַזוי, למאַי ער זייטלט זיך, למאַי און למאַי. וואָסי, ער האָט דען שוין ניט געקענט האָבן רו, דאַניע פּלאָטניצקי? אָנגעקומען אין אַ פֿרעמדן מקום, געקאָפּעט מיט דער נאָז די ערד, געשטעלט זיך אויף אָן אייגענעם שפּאַן ערד, געטאָן וואָס אַ מענץ דאַרף טאָן און האָדי! און אַז מ'האָט ניט קיין היימישע דאָ, לעבט מע ניט? אָבער ער מוסרט זיך אויס תיכף ומיד: העי, דו, וואָס פֿאַר אַ אָכעניס איז דיר? אַ מענץ נעמט דיר אַריין, גיט אַ רויִקן ווינקל אין הויז און דו דריגעסט זיך נאָך! מנע, קענטיק אַז קיין סטאָלן שכל איז אין גאַנצן ניסטאָ אויף גאָטס וועלט — —

דאַניע האָט אָפּט טענות צו זיך, נאָר העלפֿן זיך קען ער נישט. אַ מאָסינע אַזאַ דער קאָפּ פֿונעם מענץ, — חזרט ער איבער אויף פֿאַרענט־פֿערניש פֿאַר זיין צעוואַקלטקייט, — אַלץ טוט זיך אין אים אָן אייגענעם וויסן. אָט איז געקומען אויף אים אַ מאַנקאָליע: ווי נאָר זיך אַריינגעקליבן אין סעניאָר ווייִנשלבוימס צימער, האָט זיך אין דאַניע פּלאָטניצקין אַריינ־געגנבעט אַ מטושטשע שפּירונג קעגן אַמאָליקן חבר: „כײַ וואָלט ער אים

אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען צו זיך אין הויז. כּיי וואָלט ער נישט געקומען צו אים מיט זיינע גוטסן. כּיי וואָלט ער — אויב שוין יאָ אַזוי — ביי אים געבעטן אַ גראָשן דירה־געלט: „דו ביסט אַ לאָקאַטאָר און איך בין באַלע־באָס" — — ליבערשט וואָלט דער אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל נישט צו דרייסט זיך דרייען איבערן קאָרידאָר פֿון זיין בכּבֿודיקער וווינונג. שאַרף און קלאָר: „איך בין א י ך און דו ביסט אַ..." דו קריך אַפֿילו איבערן דאַך; כּיי וואָלט ער אים געוואָרנט אַז ער איז שוין נישט דער זעלביקער חיימל וואָס געווען. ערגער, ער וויל אים שוין גאָר נישט זען, ווייל זיך נישט איבעררעדן מיט אים! און נישט ניחאדיק איז אים פֿאַרגעקומען די שיינע דירה, כאָטש מע טשעפּעט אים נישט, מע שטערט אים נישט. אייגנטלעך איז דאַניען אַלץ ווילגעפֿעלן אין די צימערן: דאָס העלע, שטילע מעבל מיטן ציכטיקן גלאַנץ, די ווייכגעבעטע טיפֿע פֿאָטעלן, אַריבערגעוואָרפֿענע מיט בלומיקע איינהילן ווי די פֿאַרטעכער איבער באַלייבטע באַלעבאָסטעס; מיט נייגיר האָבן זיינע אויגן געקוקט אויף די קושעטקעס וואָס קניִען פֿאַר די געשליפֿענע שפּיגלען, אָבער ס'האָט אים בפֿירוש געאַרט דאָס בלאַנקנדיקע זילבער וואָס שטייט דאָ אין מגושמדיקע גרויסע בלאָקן, אויסגעגאָסענע אין קרוגן, אין טאַצן און טעלערס און וואַזאָנעס און אַלץ בלאָזט זיך מיט טויט־לעכער גבֿירישער פֿאַרריסנקייט. און צופֿיל בעט זעט זיך, צופֿיל רו. דאָס האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַן איבלדיקן כליושטש. ס'איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט. צופֿיל, אַלץ צופֿיל! נישט אַ חבֿר קען ער אים זיין, דער־אָ כּײַמע, נישט פֿאַר זיינעטוועגן אַ גלייכן, — האָט ער ווידער אַ מאָל געטייטשט דאָס געפֿיל וואָס האָט אָנגעגריפֿן אויף אים.

— באַשערט יסורים, אָך, אָך. אַריין אַהער מיט די לינקע פֿוס!

2

... אָבער קודם כּל איז ס'ברויט. האָסט זיך רעכט נישט אָפּגעשטעלט, טאָרסטו זיך נישט בריקען, ליבענקער.

איבערגעלייגט זיך ס'עסק, ווי ס'האָט געהייסן ביי דאַניען און טאַקע שטיל עס איבערגעשמועסט מיטן ווייבל. שאַ, מ'קען אַפֿילו צו זיי נישט האָבן קיין שוועער האַרץ. געענדערט זיך דער מענטש, איז ער נישט שולדיק. ס'געלט דושעט אים, און אפֿשר איז דאָס ווייב אויכעט אַ חייבֿ דערין?

דערווייל איז נישט געווען קיין ברירה. איבערלאָזן דאָס פּיצעלקע ציי־מערל אין דעם אויסגעצירטן הויז? איז וווהין גיין ווידער, אויב דו ווילסט זיך און דו מוזסט זיך איינבייסן דאָ מיט די ציינער! דאָניע האָט זיך געראַנגלט מיט די ספקות, געפּרוווט זיך גופא איינוואַקלען, וואָרן ער אַליין זעט נאָר שלעכטס. מסתמא כאַפּט ער איבער. ער איז אַן אָפּגעבריטער אויף די היזיקע. זאָל ער זיך באַמיִען צו מאַכן דאָס האַרץ פאַר אַ שטיין. ער האָט טאַקע בגוואַלד געפּרוווט ווערן היימיש מיט דעם הויז. אַ מאָל פאַרפירט אַ שמועס מיט חיימלס אַ דערוואַקסן קינד, אויסגעביטן אַ וואָרט מיט דבורהן, חיימלס ווייב. ליכטיק און שווער ווי אַ פרוכטיקער בוים האָט זי רוישיק זיך געטראָגן פון צימער צו צימער. אירע באַקן האָבן ראָז געבליט און די אויגן האָבן זיך געוואָלקנט גרין ווי איבערגעצייטיקטע אַגרעס אין דער זון. פאַרבייגעגאַנגען איז ווי־פל מאָל האָט ער נישט געקענט זי נישט פאַרהאַלטן מיט אַ פרעג אַזוי־זיך:

— ווי מיינט איר, דווירל, ס׳עט נאָך זיין אַ לייט פון דאָניען אין איי־ערע מקומות?

— ס׳אי׳דעך שוין אייערע מקומות אויכעט — שפּאַרט אויף אים די פייכטע עמאַליע פון איר פעסטן מויל. — ׳שקאָשע, איר׳ט זיך איינלעבן. פאַמעלעך, נישט געכאַפּט.

— אַזוי מיינט איר אויף אַן אמת, דווירל? — ציט ער אויס די הענט, מחמת זיין אומבאַהאָלפנקייט קלאָר אַרויסצוברענגען דעם נישט געהויבענעם מעמד זיינעם דאָהי.

— אַ קשיא, — קוקט זי אומאָפּטרעטלעך אויף אים און עס טיקן זיך שוין אירע גרינע פולע אויגן הינטער שאָטנדיקע ווִיעס. — סי, סעניאָר. אַ גרויסער לייט קענט איר ווערן. מע נעמט זיך פאַר עפּעס און מ׳אַרבעט זיך איין. ווי דען פאַרשטייט איר אַיעדן אַ נ ה יי ב? אַלע יידן, סעניאָר מיאָ, האָבן געגעסן זויערע עפּעלעך. ס׳אַן אָנהייב, קומט ער אַן שווער. אוודאי, אַוודאי, איר מעגט גלייבן — און זי טראָגט זיך אַוועק אויף אָפּגעקיילעכיקטע לייכט־צעוויגטע אַקסלען. מחמת איבעררֹאַשונג פון איר פלוצלינגן אַוועקגיין, האָט ער אַן ערשט און אַ צווייט מאָל נישט באַוויזן ריכטיק צו באַטראַכטן די אָנזעעוודיקע שיינע ווייבערישע אָסאָבע אירע. עפּעס האָט זי זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אים געלאָזן אַ דערשטוינטן מיט אַ גליווערנדיקן בליק.

פון אירע רייד איז געפאַלן אַ האַסטיקער ברי. ער׳ט עס געכאַפּט דער־

נאָך. עס זעט אויס ווי די גרויסע חללס פֿון די צעפּראַלטע צימערן וואָלטן געטשאַטעוועט אויף די מענטשן. און שוואַכע צערייבט מען דאָ אין שטויב. כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה, — גיט דאַניעו אַ גריזשל די הויט איבערן רוקן — די־אָ געררייצטע ליידיקייט אַרום סעניאָר ווייַנשלבוים וועט דיך פֿאַרצוקן. שאַ! דרך־ארץ, שרייט אַלץ, דרך־ארץ פֿאַר די כשרע ממתקים וואָס זענען דאָ אַריינגעלייגט געוואָרן, רעספּעקט פֿאַר...

פֿאַר דעם פֿולן חשקות פֿון די לייט אין דער דאָזיקער שטאָט, פֿאַר זייער פּיפּיקייט — דררררך־אאאא־רררררעצץ! דאַניע דערשפּירט אַזוי ווי אַ האַרטע האַנט לייגט זיך אויף זיין גרגרת. עס שטיקט. דאָך זוכט ער אַ זיסלעך וואָרט פֿאַרן באַלעבאָס, צו ענטפֿערן דער באַלעבאָסטע וואָס ער האָט גענומען איבער זיך. צינז מוז מע צאָלן, כאָטש דערוויל, פֿאַר די איידעלע וואָס האָבן פֿאַר דיר אַ כלומרשטיק וואַרעם וואָרט, אַ לייטזעליקן שמייכל. זי, כיימעס סעניאָראַ, איז וואָס אַן אמת ליבלעך צו אים. „קאָמאָ לע וואַ?“ — פֿרעגט זי אים מיט אַ בליצל אין העלן אויג, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע פֿאַר אים. קאַסטעזשאַנאָ * איז עס, סעניאָר. — ווי גייט עס, סעניאָר פּלאָטניצקי? דעם נאָמען זיינעם געדענקט זי. דער מאַן חזרט אים אָפּט איבער. דאַניע פּלאָטניצקי, — קוועלט ער אין דערמאָנונג — ווער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט זיינע חכמהלעך, נישט נאָכגעזונגען זיינע לידלעך? אַ פֿריילעכער דלות און אַ ליבער...“ איר כּיימע צעשמעלצט זיך פֿון אַלע זיינע מעשהס. האַ, אָבער נישט היינט? יונג געווען אַמאָל, אַנדערע געדאַנקען געכאָוועט. יאָרן קערן אַלץ איבער, ברענגען דאגות. ס'איז נישט דאָס, וואָס מע וויל — — אים צו וואַליען איבערן קאָפּ, זענען די־אָ רייד. ווער באַדאַרף עס דערמאָנען, ווער בעט זיי טובות!“ דאַניען נעמט זעצן דער מוח. ער וויל גאָר נישט אַזוי פֿיל געדענקען. ס'איז אים געגנוג אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן. איטלעך מאָל, ווען זי דערזעט אים, האָט זי אַ טבע צו קייען דאָס זעלביקע: „איר מאַן זאָגט“, און גייט זי אַוועק פֿון אים טראַכט זי, די סעניאָרע פֿון די גערוימע צימערן, אַז ער איז אויף געהאַקטע צרות, דער אַמיגאָ כיימעס, נאָר צו וואָס האָט זי עס באַדאַרפֿט טראָגן אויף זיך יענעמס דאגות? כ'לעבן, עס איז פּריקרע, אָבער העלפֿן קען זי נישט אַזעלכן. און מניה וביה קלערט זי ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון אָט־דעם שאָטן. געוויס, ס'איז אַ שאָטן וואָס טוט

* שפּאַניש.

נישט קיין גוטס דעם געמיט. זי האָט דען צייט פֿאַר אַזעלכענע, און זי מוז דען האָבן געדולד פֿאַר...? אַ שאָד, ער איז צופֿיל קנעפּל שבקנעפּל מיט איר מאַן, דערפֿון ווערט זי שוין בייז. זי וואָלט אים ליבערשט געגעבן אַ שמאַטע אין האַנט אַרײַן, געוויזן די מירמלנע טרעפּ, וועלכע ער פֿאַרטאַפּטשעט, טרעט זיי אָן מיטן ברוד פֿון די גאַסן. נאַ, וואַש, רייניק נאָך זיך. קיינער איז נישט מחויב צו טאָן פֿאַר דיר. אַפֿילו די שוואַרצע שיקסע וויל עס נישט טאָן פֿאַר דייגעטווועגן. אפֿשר זאָל איך אָפּווישן אייער שלומפּער, גרינע חיה! — פּלוצלינג ברענט אויף אַ כעס אויף די פֿרעמדע וואָס האָבן זיך אומגעריכט אָנגעזעצט אויף איר.

מיט אַ מאָל האָט זיך שטאַרק אָנגעצויגן דער דינער פֿאָדעם געדולד צו די פֿרעמדע.

ווי אַ שפּריץ פֿייער גיט עס אַ קאָך אין איר:

— די דינסט וויל נישט, איך האָב נישט קיין כוח נאָכצורוימען נאָך אַזעלכענע, מעג ער עס אַליין טאָן, דער גרינער! נישט קיין חרפּה צו טאָן פֿאַרן ברויט וואָס מ׳עסט ביי יענעם. געזען אַ חוצפּה? ער זאָל זיך אַ מאָל איינקנייטשן דעם בויך, אָדער זיין פּריצה. מאַכן אָן און זענען בלינד אַז יענעם אַרט עס!

... ביימע וואָלט געהאַט פֿאַרדראָס, קלערט זי זיך. גלייכער נישט אָנצוהייבן. זי שפּירט ווי נישט אָן סיבה צינדט זיך אין איר דער כעס. וואָרן ווי לאַנג מעגן עס מענטשן זיצן אויף יענעמס קאַרק! יאָ, זי האָט נישט גערן די האַלעדריגע אין דעם ברייטן יעקישן רעקל און דער עזותדיקער טשופּרינע. בעסער וועט זי אים אויסמיידן, אַנישט קאָן זי נישט גוט־זאָגן פֿאַר איר רוי־קייט, אויב זי וועט אים נאָך אַ מאָל טרעפֿן ווי ער קריכט דאָ איר גלייך אויף די הינערדאויגן. אַז דאָס דרייט זיך בסדר אַראָפּ־אַרויף און עס ווערט אים נישט נמאס! וואָס מיינט ער זיך? און זי, די קוואַקע? רק זי ליגט באַ־האַלטן אין קאָטוך, היט זיך ס׳פֿאַרשאַרצטע נעזל. מ׳זאָל איר נאָר נישט קיין נעהאָרע געבן, דער שיינהייט... אוי, אוי, וואָלט זי אָנגעלערנט אַזעל־כענע. אָבער מיט ביימען טאָר זי זיך נישט אָנהייבן. אַ גדולה אויף אים, אַז ער זעט דעם גרינעם סאַרג! ממאַ, — פֿאַרציט זי די ליפּן — ווי גיט מען זיך אַן עצה? סיידן זי זאָל אין שטוב אויפֿהייבן אַ יאַרמאַרק. דאָס וועט זיין נאָך ערגער. איז זאָל עס גיין. ער האָט אָנגעיוירן, איר ביימע, זאָל ער׳ס אָפּבאָקן — און מיט גוואַלד האָט זי יעדעס מאָל אָפּגעטריבן פֿון זיך דעם איבל, וואָס די גרינע האָבן אויף איר אָנגעבראַכט.

פּאַמעלעך לעשט זיך איר גרימצאָרן. הערנאָך פֿאַלט זי צו מיטן פּנים צו דער געשליפֿענער טאָוול אין וואַנט און דערזעט זיך אַ ווייט אַנגעפּליור־כעטע אין געזילבערטן נעפּל פֿון אַנגרייפֿנדיקן געדאַנק:

— וואָס טויג דאָס איר, דער סעניאָראַ דאָראַ! איז דען דאָס געזונט נישט טייערער? אומזיסט דאָס גריזשען זיך. זיין אומפּריינדלעך צו עמעצן, הייסט אַליין זיך פֿאַרשאַפֿן צרות, מאַכן זיך מאַל סאַנגרע *. אַ קנאַפּע חכמה. ס'לעבן געווינט מע נישט אויף דער לאָטערייע. נאַרישער קאָפּ, ליבערשט גיב אַ שמייכל יענעמען איידער זיך גופֿא דערלאָזן אַ שטאָך אין האַרצן.

גוט, וואָס זי האָט זיך געכאַפּט באַצייטנס. דער מאַן וועט אַריינקומען פֿון קלייט, זאָל זיין שאַ שטיל, — און זי ציט אַרויף אַ שמייכל אויף איר פּולן, פֿאַרשנורעוועטן מויל.

און זעט דאַניע פֿאַרבייגיין די סעניאָראַ אַ מילד צעשמייכלטע, אַ מאָדנע פֿאַרנומענע מיט איר איילן זיך און מיט איר פּלוצלינגן שוייגן, בייגט ער געלאָסן אָפּ דעם קאָפּ, שפּאַרט אָן די גאָמבע אויף דער דלאָניע און קלערט זיין מאָדנע קלערן: אויסטערליש די היזיקע! אָקערשט האָט זי אַ סך צייט געהאַט, געפּלוידערט און אָט וויל זי זיך איבעריאָגן, כאָטש זי האָט נישט וואָס צו טאָן, כאָטש ווער משוגע פֿון ליידיקגיין.

ווידער איז אים נישט ניחא געוועז דאָס זיין אין דער־אַ שטוב. אָן אומ־ליבער ביסן דער חסד פֿון די גוטענקע!

יאָ, ער וועט אַ רעד טאָן מיט פּערעלען: אפֿשר דאַרף אַ שפּיי טאָן אויף אויף די טובות פֿון די דאַזיקע?

* עגמת־נפש.

VII

דערלעבט

1

ופנים איז כיימע ווײַנשלבוים געווען צופֿרידן פֿונעם לפנימדיקן שלום־בית צווישן זיין ווייב און די „גרינע“ וואָס האָבן מיט אַ וואָכן פֿינף־זעקס צוריק זיך אַרײַנגעקליבן צו אים אין זײַטיקן צימערל, וואָס אַרויפֿצו דעם לאַנגן קאָרידאָר פֿון זיין היים.

אין אמתן האָט עס אָנגעהויבן אים גופֿא שטיל צו גריבלען: ר׳האָט אַליין קאַליע געמאַכט די רו, וואָס ער האָט געהאַט. נישט באַדאַרפֿט באַלד אָנהייבן. ביי ז יי, זעט ער, רירט זיך גאָר נישט. אַרײַנגעזעצט זיך — זיצן זיי. צי קען מען תמיד הויזן מיט אַזעלכע וואָס שטייען דאָך נישט מיט דיר אויף איין ברעטל? גוט, גוט, און דאָך איז עס נישט ס׳אייגענע. ס׳איז נישט דאָס וואָס געווען ד אָ ר ט, און דער אַמאָל קען בשום אופֿן נישט זיין גלייך צום היינט. מ׳ווערט דען נישט עלטער? און עפּעס האָט זי, זיין דאָרע, זיך געענדערט, זינט די דאָזיקע זענען ביי זיי. זי שטומט, און זי האָט אים גאָר נישט וואָס צו זאָגן.

אויך ער אַליין האָט זיך שטאַרק געענדערט זינט דער צייט, ער — דער גוטער ברודער פֿון דניאל־דאַניען. געענדערט זיך גאָר באַשײמפּערלעך:

אין תחילת פֿלעגט ער די גרינע אָפּט פֿאַרבעטן צו זיין אָונטלעכן טיש. אַליין געגאַנגען ברענגען דאַניען מיטן ווייב פֿונעם ווייטלעכן חדרל, גע־שמועסט פֿאַרשיידנס, נאָכגעפֿרעגט ווי ס׳גייט, דערמאָנט זיך אַ סך פֿאַר־געסנס און פֿאַרבענקט זיך אַפֿילו נאָך אַ סאַמאָוואַר. או־או, סאַמאָוואַר־טיי, ווי ער האָט געשמעקט. אָבער ווי קומט אַזוינס אין אַ דאָזיקער שטוב אַריין, אַפֿילו מ׳זאָל אים קריגן צו קויפֿן? מ׳וואָלט געלאַכט פֿון דיר, — האָט ער געטענהט צו דאַניען און בעת־מעשה געריבן זי אַ האַנט אָן אַ האַנט פֿון הנאה,

וואָס ער וואָלט געהאַט פֿון אַ סאַמאָוואַרל אָקערשט אויפֿן טיש, יאָ, יאָ, דאָ־רעטשקע, — און ער האָט געשטראַלט. דער סעניאָר כיימע וואָס איז אויף אַ טייערער רגע אַריינגעקראָכן אין דער הויט פֿון אַנומלטיקן חיימל שניפּי־שאָקער — — דערנאָך האָט ער זיך אַליין שוין נישט געכאַפּט אַז ער טוט גאָר קעגן זיי, קעגן די גרינע: ער האָט אויפֿגעהערט זיי רופֿן צו זיך און זיי זיצן און וואַרטן, זיי שפּירן אַ דריקעניש אין דער נשמה, הלמאַי אַן אייגענער האָט מער נישט קיין אינטערעס פֿאַר זיי, ניין, ער וויל זיי מער נישט זען. און דאָ קוועטשן די צרות. ביטער־שווער זיך אַרויסצודראַפּען היינ־טיקע צייטן. ס׳איז נישט אַמאָליקע יאָרן, זאָגן היזיקע. קענטיק — עס פֿאַר־דריסט שוין די סעניאָרעס הלמאַי מיר זיצן דאָ ביי זיי אין טונקעלן קעמערל וואָס איז סיי ווי געווען אָפּגעשלאָסן. — ווייטער־אַריין האָט כיימע גענומען אין גאַנצן ווייכן פֿון די גרינע. ער איז מיד געוואָרן צו פֿריינטלען זיך מיט די וואָס זענען אַריינגעגאַנגען צו אים מיט אַ נישט־פֿריילעך פּנים. דערנאָך איז עפּעס אַנדערשט אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין: „אַוודאי, גוטפֿריינדשאַפֿט מיינט דאָך נישט אַז מ׳מוז זיך אַליין בינדן הענט און פֿיס. דער מענטש באַדאַרף זיין גוט, אָבער נישט צו גוט. ער, שוטה, ברענגט זיך אַ קרבן פֿאַר — זיין נאַרישקייט. נישט אומזיסט זאָגן לייט וועגן אַזוינע: „אַ שיינעם דאַנק וועט מע דיר נישט זאָגן דערפֿאַר״.

עפּעס־עפּעס האָט סעניאָר כיימע געאָנט אַז ער האָט זיך אָנגעאַרבעט „אַ פּעקל״ מיטן אַריינלאָזן די־אָ. אַ מאָל האָט ער זיך דערוועגן אויך אַרויס־געכאַפּט פֿאַרן ווייב:

— נו, וואָס טענהסטו צו דאַניען מיט דער דאַניעטע? עפּעס, מיין איך, — און זיך פֿאַראיקעט.

— מיך פֿרעגסטו? פֿרעג זיך אַליין, — און אַראָפּגעלאָזן די נאָז.

„אַ וואָזשנע מעשה: ס׳קען געשיקט זיין אַז חברה זאָל שוין גאָר נישט וועלן אַרויסגיין פֿון דאַנען? און וואָס וועל׳עך טאָן אַז זיי וועלן נישט קענען זיך רירן אין אַן אַנדער דירהלע אַריין?״

דאָס טראַכטן האָט אים שטאַרק געביסן. אַן אַנדערש מאָל האָט כיימע וויינשלבוים אַזוי זיך צעקווענקלט:

— אפֿשר טאָקע נישט באַדאַרפֿט אָנהייבן? מ׳קריכט אַריין אין אַן עסק, איז מע דערינען. זיי וועלן דען זיך קענען אַרויסדראַפּען, אויב עמעצער וועט פֿאַר זיי זיך נישט מאַכן אַ שניט אין פֿינגער? זאָל עס אויסגיין צו מיין

קאָפּ? און צוריקגעשמועסט: אַ מענטש קען דאָך נישט זיין קיין חזיר. געקו־מען אַן אייגענער, באַדאַרף מען...

דערנאָך האָט עס אים אָפּן פאַרדראָסן: דאָרע גייט אַרום און עסט זיך. ער איז דען בלינד? זי איז אַ באַלעבאָסטע. אַ פרעמד אויג שטערט. אַז ס׳איז דאָ אַן אומאייגענער וואָס דרייט זיך, באַלעסטיקט ער. טאָקע נישט ענג אין הויז, נאָר פרעמדע מאַכן ענג. זי רעדט נישט, נאָר איר קוק יאָדעט אים. צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט? אין אמתן איז עס נישט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט. עפעס נישט דער זעלביקער דאָניע און עפעס יאָ דער, נאָר אַצינד איז ער מער מבין אויף אים. ער קוקט אויף אים, האָט אַ סך צו רעדן מיט אים און קומט דערצו, ווערט ער שטום. קענטיק — דאָס האַרץ שפּירט מער. דער מענטש גופא ווייסט ווינציק פון זיך, האָט קנאַפּ שליטה איבער דעם ווי ער זאָל זיך פילן.

און קומט ער אַהיים פון געשעפט, רעדט פון כיימע ווײַנשלבוימען דער באַגער צו מנוחה אין שטוב.

— וואָס הערט מען?

ער פרעגט דעם ווייב לשם פרעגן, כאָטש ער ווייס פריערויס וואָס מ׳הערט: געזנומען זיך אַ צרה אין שטוב אַריין און ער מוז זיך צוקוקן צו איר.

— אַזוי, — גיט זי אַ קוועטש מיט די אַקסלען.

און אַז צווישן די רייד בלייבט שטיין אַ דריקעניש, וואָס קיינער קען נישט אַרויסברענגען, גיט ער אַ שטאַמלדיקן ווונק צו דער זייט פונעם לעצטן צימערל:

— עפעס נייס ביי זיי? אַ ווײַלער דער־אַ, האַ? — און איז להוט פון איר צו הערן אַ גוט וואָרט. טראָגט איר אַנטקעגן אַ ווינקלדיק שמייכעלע, נאָר זי — איר איז נישט ס׳געמיט פאַר געלעכטערלעך.

— זעט אויס: אַן אָרנטלעכער — דרייט זי מיט די אויגן, ווען זי פילט אַז כיימע וואָרט אַן ענטפער און זי טרינקט אַלץ אַן איר אומרו מיט שטיקער טונקעלן דיל, מיט די שאָטנס וואָס אויף דער וואַנט. אים קען זי נישט קוקן אין פנים אַריין. ער האָט איר אַן עוולה געטאָן און זיך אַליין נישט קיין גוטס „מיט דעם“. — מסתמא אַן אָרנטלעכער — ציט זי די רייד און ווייס נישט ווו אַנצוהענגען דעם געקוועלטן בליק. — ער קען אָבער נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, דיין אַמיגאָ. ער גייט, גייט אַ גאַנצענעם טאָג און — זיצט אויף דער גאָלער האָפענונג.

דער טשאַד פון פּאַראיבל האָט נישט ווילנדיק זיך אַרויסגעריסן פון איר.

— זייער אַן אָרנטלעכער, דער דאָניע — מאַכט ער זיך נישט פאַר־שטיין דעם ווייבס טענה. כיימע שפּירט זיך אומבאַקוועם און זיין מראה ענ־דערט זיך כהרף־עין: עס צינדט זיך די בלאַסקייט פון זיין אָנגעגאָסענעם פּנים און די אויגן צעגלאַנצן זיך ווי אין אָפּשיין פון אַן אָקערשט אויפגעברענגטן פייער־שייטער. — כ'ווייס דען נישט ווער ער איז? — ר'שטאַמט פון אַ פיי־נער היים.

פאַרהוילענע נערוועזקייט אין טאָן פון פאַרענטפערונג הערט זיך פון זיינע רייד. און נעמט זיך אָן כיימעס קול מיט פעסטקייט, איז עס דער סימן פונעם געראַנגל וואָס ער פירט מיט זיך: אַרויסווייזן דעם ווייב זיין חרטה הלמאי ער האָט זיך אונטערגעגעבן פלוצלינגער שוואַכקייט, האָט איר אַריינ־געבראַכט דעם גרינעם, צי פאַרשוויגן? ניין — באַשליסט ער — אַ מענטש איז אַ מענטש. א י ר וועט גאָר נישט זיין, אויב דער וועט דאָ באַהאַלטן דעם קאָפּ, דער נאַקעטער דאַניע. ער האָט זיך קלאַמפערשט געשטאַרקט אין זיין שטאַרקייט, דער סעניאָר כיימע, פּנים אל פּנים מיטן ווייבס אָנגע־דרודלטקייט:

— 'שקאַשע, ר'וועט קומען צו זיך און ר'וועט דיר זאָגן אַ שיינעם דאַנק.

אין דער אמתן האָט סיי סעניאָר כיימע און סיי די סעניאָראַ דאָראַ זיך געפילט נישט געוווג היימלעך אין זייער בכבודיקן הויז, ווען ס'איז געקומען צו אַן איבעררייד מכוח די גרינע. געקומען איז צו דעם אומגערן. פאַר אים ווי פאַר איר איז געווען קלאָר: ס'אַן אומגליק. ס'איז פון זייער לייכטזיניקייט דער פועל־יוצא. כיימע איז געקומען מיט דער זויערער מאַסקע פון רחמנות, האָט ז י באַדאַרפט אַ געשריי טאָן: ניין, איך לאָז נישט! דאַניע הייסט דייך אַמאַליקע ליבע? גאַנץ גוט, נאָר איך וועל זי נישט פאַרטראָגן. ווילסטו דווקא, טאָ פאַרנעם זיך מיט איר אַ ביסל ווייטער פון דאַנען. נאָר נישט אין מיינע אויגן. אויב דערלאָזט, מוז איך ליידן. ערשט איצט אַז דו זעסט שוין דעם פאַלשן שריט, קאַפּע דו אַליין די פלאַכטע. מיך אַרט עס נישט. מיך גייט עס נישט אָן. פון מיינעטוועגן קענסטו זיי דאָ האַלטן נאָך אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך!

אָבער גערעדט דערפון האָבן מאַן און ווייב ס'ווינציקסטע. ס'האָט גע־קלעקט איבערוואַרפן זיך נאָר מיט אַ בליק.

איין מאָל אָפּגעפּטרט די פאָר ווערטער וועגן דער „גרינער צרה" אין הויז איז פרוי ווײנשלבוים אַוועק ווי אַן אָפּגעקלאַפּטע. כיימע איז געבליבן

שטיין אין פֿאַרלעגנהייט, ממש זיך געוואָרגן: וואָס טוט מען? שוין געוואָרן זיבן וואָכן ווי „זיי״ זיצן דאָ און מ׳זעט נישט קיין סוף. לייכט אַרייַנצוקריכן אין אַ בלאָטע, אויב מ׳איז נישט געהיטן, ס׳שווערער אַרויסצוקריגן זיך פֿון איר. זיכער, טרייסט ער זיך אויגנבליקלעך, דאַניע וועט זיך אַן עצה געבן. קיין נאַר איז ער דאָך נישט. סוף כל סוף זעט ער: מיך אַרט נישט. אַ מאָל־צייט שפּילט נישט קיין ראָלע, אַפֿילו צען מאָלצייטן, אַפֿילו געלט, אויב ס׳זאָל קומען דערצו. נאַר... מ׳באַדאַרף דאָך נישט אים שטעקן אַ פֿינגער אין מויל אַריין: „הער נאַר, מיין פֿרוי האָט אויכעט אַ דעה איבערן הויז. אפֿשר מער ווי אַ דעה. און זי האָט רעכט: אויף איר איז דער גאַנצער עול. ער איז דער אָקס אין יאַרמע, ר׳מוז שלעפּן — ס׳לעבן איז שוין אַזוי — אָבער צופֿיל עגמת־נפֿש קען ער אויך נישט אַריבערטראָגן. כ׳בעט דיך — צום אַרומקריגן זיך דאַרפֿסטו נישט דערפֿירן. ער פֿאַרשטייט דאָך, דאַניע. כ׳בין אים חלילה נישט קיין שונא. בנאמנות, ער וועט אַלץ טאָן פֿאַר אים. מעגסט גלייבן, דאַניע — —״

פֿון קרענקעניש האָט ער עס גערעדט מיט זיך, דער סעניאָר כיימע, אָבער אַז ר׳איז זיך צונויפֿגעקומען מיטן גרינעם, האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען די גאַנצע האַרבקייט וואָס האָט געצערט זיין האַרץ. שטי־לערהייט, אין זיך, האָט עס אים דאָקוטשעט. צווייטנס, וואָס האָט ער דאָ זי אַריינצומישן? דאַניע טאָר איר נישט ווערן קיין שונא! ער וועט מיט אים רעדן אָפֿן, אַ מאַנצביל צו אַ מאַנצביל, ער וועט׳ן פֿאַרשטיין. לסוף באַ־שליסט ער: ער וועט נאָך אַ ביסל אָפּוואַרטן, און ברענגט אַרויס פֿאַרן חבר נאָר אַן אויפֿגעוואַרעמט שמייכעלע:

— נו, דאַניע?

— נו־נו, — האָט ער לעבלעך צוריקגעפֿרעגט און געצוקט מיט די אַקסלען. אין ריכטיקן האָט דאַניען אַ טרייסל געטאָן די נכפֿה: „פּלאַץ אַרויס, חיימקע, מיטן גאַנצן כעס אויפֿן גרינעם, הלמאי ער קען זיך אַלץ נאָך נישט אַרויסקריגן פֿונעם אומגליק וואָס יאָגט אים און וואַרגט״. — און ש׳ער נישט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ירגזון קעגן גאַסטגעבער, למאי ער שטשירעט אויף אים מיט שלעכט־פֿאַרהוילענער פֿאַלשקייט. יאָ, ער שפּירט עס בפֿירוש, דאַניע, ער קען זיך נאָר נישט העלפֿן. שמייכלט גאָר! ער ווייס: ר׳איז איבע־ריק אויך דאָ. בלויז זייער וואָרט פֿאַרדעקט די שנאה צו אים. אַלע האָבן זיי פֿיינט אַ גרינעם. זאָלן זיי ליבערשט אים טרייבן, ר׳איז געווווינט צו אַלץ!

דאַניע האָט זיך פֿון דעסטוועגן באַהערשט. ווידער יוצא געוועזן מיט אַ

צוק מיטן אַקסל, און דאָס האָט געמיינט אַ סך. ווילסט, — האָט עס געהייסן — פאַרשטיי דאָס אַזוי, און ווילסטו, פאַרשטיי עס אַנדערש. מער קען איך נישט. שווער פון אייך אויסצוהאַלטן, איר איבערגעפּרעסענע! איך בין נישט מער ווי אַ מענטש — זידלען וועל איך אייך נישט, כאָטש זידלען באַדאַרף מען אייך, זידלען מיט דער בלאָטע צוגלייך!

— נאָך אַ ביסעלע, — איז געווען דאַניעס ענטפער כיימען און ר'האָט פאַרדריקט דאָס מויל. וואָס האָט ער צו זאָגן אַזוינעם?!

קוים האָט ער זיך באַוועלטיקט און אויף ציטערנדיקע קני זיך אַוועק־געשלייכט. ס'פּיצל צימערל האָט אים געהאָלפן פאַרהוילן ס'גרימעניש פון זיין געמיט; נאָר לפנים געהאָלפן פאַרהוילן ס'צרהדיקע האַרץ, וואָרן די באַלעבאַטים פון בכבודיקן הויז האָבן עס גענומען באַשיימפּערלעך אָפּפּילן און ווינציקער, גאָר זעלטן, פאַרבעטן די גרינע צו זייער מאָלצייט־טיש.

עלעהיי פרעמדע זיצן מיט זיי אונטער איין דאַך, — האָט סעניאָר כיימע זיך געטרייסט מיט אַן אומעטיקער טרייסט.

2

איינע די אַנדערע האָבן זיך נישט אַנגערירט. פּערעלע האָט זיך לגמרי נישט אַנגעקערט מיט די ווינשלבוימס. זי האָט זיך בלויז באַמיט נישט צו וואַרפן זיך זיי אין די אויגן. ס'דיין מחותנימשאַפט, האָט זי כמורע געטענהט מיט דאַניען, — פריי דו זיך מיט זיי. דו ביסט ווילנע, ער איז פון דיין מרחץ, אַ קרוב פון דיין יאַטקעווער געסל, איך בין ווייט פון זיי, און זיי באַדאַרפן מיך נישט. הלוואי דערלעב איך נאָר וואָס גיכער אַרויסצוקומען פון זיי. נישט מער — דו ביסט געקומען צו מיר, האָב איך דיך פריינדלעך צוגענומען, דו ביסט מיין באַשערטקייט, לייד איך באַדאַי מיט דיר, אָבער זיי? פאַר זיי בין איך אַ גרינע און אַ גרינע וועל איך שוין בלייבן. איך האָב נישט קיין טענה צו זיי. ס'איז מיין גורל אַזאַ.

דער טויטלעכער תהום, פון וועלכן דאַניע האָט זי אַרויסגעצויגן, האָט איצט פון ס'ניי געפּאַטשט דער פרוי איבערן פנים.

טרערן האָבן אַנגעדראָלן פּערלס קול, נאָר ס'געוויין האָט זי באַהאַלטן פונעם מאַן. פאַרקערט, זי האָט זיך באַמיט אַרויסצורופן ביי אים הייטערקייט, און דאָס האָט זיי טאַקע גרינגער געמאַכט די מערכה אונטער דעם פרעמדן

דאַך, ווו עס האָט קעגן דעם שטילן פֿאַרפֿאַלק געיוירן אַן אומליבע, פֿון וועל־כער ס׳איז נישט לייכט געווען צו אַנטרינען. דאָך געווען פֿרעמדע אין דער גרויסער שטאָט און שווערע געלטער אויף אַ ווינקל האָבן זיי נישט פֿאַר־מאָגט. נישט מער, שטילער בטחון האָט געטליעט אין דאַניען און פערעלען און דאָס האָט זיי געגעבן כוח איבערצוהאַלטן דעם אומאויסגערעדטן קידער־ווידער וואָס איז דאָ אויפֿגעקומען ווי אַ דריקנדיקער וואָלקן.

אין דער נעבעכדיקער באַלעבאַטישקייט, וואָס פֿערעלע האָט געמוזט פֿירן, האָט זי געטאָן אַלץ כדי די דאָיקע נישט צו שטערן. אַריינגעכאַפּט ס׳ביסל עסן וואָס אויף דער גיך צוגעגרייט, ווען די סעניאָרע איז געווען אין גאַס שפּאַצירן מיטן יינגסטן קינד און — אַוועקגעזעצט זיך אין חדרל אַריינקוקן אין איר אוצר. אין עטלעכע קלימעקלעך געווען פֿאַרפּאַקט ס׳ביסל אָרעמקייט. האָט זי איטלעך מאָל אַריינגערוקט אַ האַנט אין דעם, אַרויס־גענומען זאַכן, גלייכגעגלעטעט זיי מיט די פֿינגער, געפֿרייט זיך וואָס זי האָט כאַטש ד אָ ס. אין דער פֿרעמד אַז מ׳האָט אַ קליידל, אַ העמד, אַ שיך, איז אויך אַ קרן וואָס מ׳דאַרף היטן. אומעטום קומט דאָס אָן שווער דעם אָרעמאַן, מכל שכן ווען מ׳וויס נישט ווו־איין, ווו־אויס. מ׳מוז זיך אויסטרעטן אַ שטעגל. מיט ליבשאַפֿט האָט זי באַקוקט די זאַכענישן, מיט ווייטיק זיך דער־מאָנט וואָס אַזוי פֿיל צרות זענען אַריבער איבער איר רוקן, געטראָטן זי מיט מגושמדיק שווערע פֿיס. געראַטעוועט יעדעס שטיקל לאַך, וואָס זי האָט אָפּגעהיט און ס׳אייגענע געזונט נישט געקענט אָפּראַטעווען. עס האָט אַ קלאַג געטאָן איר חרוב לייב, ס׳צעבראָכענע האַרץ; אויף די ליפּן האָבן אויפֿגעצאַפּלט די נעמען פֿון די פֿאַרלוירענע קינדער, אין טרערן־נעפּל געזען אַלע היימישע וואָס זענען פֿאַרטיליקט געוואָרן אין די יאָרן פֿון אומ־ווערדיקייט, וואָס האָבן צעשטערט די לעבנס. נישט זעלטן האָט דאַניע זי געפֿונען אין געקלאָג. ער האָט זי ליבלעך געמוסרט פֿאַר דעם, אויסגעזידלט און אין איינוועגס געטרייסט מיט דער טרייסט פֿון אַ מאָרגן, וואָס וועט דאָך קומען מיט פֿונקען פֿרייד. בשעת מעשה האָט ער אַליין פֿאַרלוירן אַ דער־שטיקטע טרער.

כלומרשט היימלעכער איז זיי געווען טייל מאָל אין אַן אויפֿדערנאַכט. אין די אָוונטן פֿלעגט צו זיי דאָך אַנקלאַפּן דער סעניאָר כיימע און ער איז צוגעשטאַנען: „קומט, חברה, אסור צי ס׳איז שיין וואָס איר ווייכט פֿון אונדז. און אסור צי מיר זענען אייך שונאים״. אָט־די זעלטענע אָוונטן האָבן צונויפֿ־געפֿירט דאַניען און פֿערעלען מיט די הויז־מענטשן. אין ליכטיקן עסצימער

האָבן מאַן און ווייב באַנאַנד מיט די באַלעבאַטים געטרונקען טיי מיט קיכ־לעך. אין צוגעוואַרעמטער געמיטלעכקייט איז ביים היימישן טיש ווידער אַרויסגעהויבן געוואָרן לאַנג פֿאַרגעסנס און צו די גרינע איז צוגעטראָגן גע־וואָרן אַ ברעקל דאַנקייט. דאַניע איז שוין געווען קאַרג אויף רייד. דערפֿאַר האָט סעניאָר כיימע זיך געכוחט צו דערציילן מאָדנע זאַכן. דאַניע האָט אַרויס־באַקומען פֿון זיך אַ בלאַס געלעכטערל. ביי דער סעניאָראַ האָבן געצוקט די־באַקן, לייכט צעבליטע פֿון געריגטן בלוט; זי האָט געלאַכט מיט אַ הויל, בלעכן געלעכטער און אויך די קינדער האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער פּלוצלינגער פֿריילעכקייט: זיי האָבן געקריִמט די פּנימער, האָפּערדיק אויס־געקוויטשעט. קאָמישע לייט געווען אין די זאַוולקעס, אויסטערליש אין זייער אָרעמקייט. דאָ־אָ האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך אַזוינע און אין בענקשאַפֿט צום פֿאַרשווודענעם האָט איצטער אַרויסגעקוואָלן אַ טרער.

און איז מען מיד געוואָרן — שוין געווען טיף אין דער זינקנדיקער נאַכט — האָט סעניאָר כיימע וויינשלבוים אין ערנסט זיך פּלוצלינג צוגע־רוקט צום חבר:

— איז וואָס ווייטער, פּיסאַן? נישט וואַזשנע, האָ?

— ס'עט גוט זיין, זאָגט מען.

— ס'מוז גוט זיין, — ענטפֿערט כיימע — אָבער פֿון רייד קומט גאָר נישט אַרויס. וועסט אפֿשר עפּעס אָנהייבן, דאַניע, איכ'ל דיר נאַרייען.

דאַניע הייבט אויף צו אים די אויגן: „וואָס, ס'האָרץ האָט זיך אים איבערגעקערט?" ער האָט געקוקט און געוואַרט.

— אַ שטייגער וואָס? — איז דאָס וואָרט שוין געווען מבולבל.

— פֿאַראַן אַ סך וואָס הייבן אָן פֿון קליין, — רעדט כיימע — און זיי אַרבעטן זיך אַרויף. מיין איך, אויך דו זאָלסט זיך נעמען דערפֿאַר. ביי וואָס־עס־איז...

ווי שטיינער צו אַ מויער האָבן זיך איבער אים וואַקלדיק געהויבן די־אַ רייד.

— ווילסטו, קענסטו אַפֿילו ביי מיר אַליין פּרוּוון, — גיט ער צו אין נאָכטראַכטן. — אַ ביסל סחורה קענסטו קריגן.

— מירן זען.

פֿול אומצוטרוי איז דאַניע צו די אַלע רייד פֿון דעם מיטפֿילנדיקן כיימע. „איבערגעפּרעסענע האָבן איינגעשלעפּערטע נשמות", מיינט ער. און ער איז קאַרג אויפֿן וואָרט כדי אויסצוזאָגן דעם סעניאָר וויינשלבוים פֿון

זיין געקרענקטן האַרץ: אַז שוין גענוג האָט ער זיך דאָ אַרומגעקוקט. פּיי־געלעך וועט ער זיך נישט איינשמועסן צו געפינען אויף זיין דאַך, ווייל ער איז צופיל איינגעבראָכן. אין ענגע לעכער, ווייסט ער, נעסטיקן זיך דער־עיקרשט פלעדערמייז. מילא, ווי ער וועט קענען, וועט ער זיך דורכשלאָגן. יאָ, ס'אַ האַרב מקום דער דאָזיקער.

— פּאַרשטייט זיך, — ענטפערט ער דעם נעבנזיצנדיקן — ר'וועט עפּעס אָנהייבן. ער מוז אַרויסקריכן.

— זיי זיך מיישב, — זאָגט נאָך ווײַנשלבוים אַ צעגעגעצטער און ער דערמאָנט זיך בעת־מעשה אין זיין „קאָסע" * וואָס אויף דער אָווענידע קאָ־ריענטעס. — ער איז שוין ווויל געניט — קלעפּן זיך אין גענעץ זיינע רייד צום גרינגעם. — ער ווייס וואָס צו עצהן. מעגסט זיך פּאַרלאָזן, דאַניע. — ער רעדט פויל און הערט געצוי די אייגענע רייד און זעט פּאַר זיך די מאַסיווע אייזערנע שאַלוזיעס וואָס באַפּאַנצערן פון נאַכטישן דרויסן זיין גאָרע קלוגשאַפט. זיכער, ס'איז פּעסט פּאַרמאַכט דאָס געשעפט, ס'גוט אינס־טאַלירט דער אַליאַרם־גלאָק.

לסוף שטעלט ער זיך אויף אַ צעוואָקלטער און קריכט אין שלאָפצימער אַריין. דאַניע האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו דערמאָנען זיך אַז ער באַדאַרף אויך אויפזוכן זיין ווינקל וואָס אַרויף דעם לאַנגן, שמאָלן קאָרידאָר פון סעניאָר כיימעס משונה־זאַטער שטוב.

3

„ער וועט אַרויסקריכן, ער וועט זיך אַרויספּלאָנטערן", — האָט דאַניע געצאָרנט אויף זיין ווויסטן גורל. משונה־לאַנג ציִען זיך די וואָכן הי און ר'קען אַליין נישט אַרויס פון דעם דונסט. פּלאַצן וועלן זיי, די שונאים, און ער וועט פּטור ווערן פון די סמאַלענעס. ער מוז. נישטאָ קיין אַנדער ברירה. ער האָט זיך אַליין געשטאַרקט, דאַניע, און ער האָט אונטערגעהאַלטן דאָס ווייב.

מיט העפּטיקייט האָט ער זיך פּאַרמאָסטן אומצוואַרפן די לעצטע שטרויכל־קלעצער, וואָס זענען געלעגן אויף זיין וועג. מיר האָבן נישט

---

* געשעפט.

קיינעם אויף דער וועלט, מיר זענען פאַריתומט, איינע אַליין זענען מיר און מירן דאָך אָנהייבן פון דאָס ניי.

— מירן זיך נישט שעמען, מיר האָבן נישט וואָס צו שעמען זיך. שעמען דאַרפן זיך די וואָס האָבן אויף זייער געוויסן עוולות קעגן אַנדערע. בלויז אונדזער וויטיק איז גרויס, וואָס מיר האָבן זיך אָוועקגעדרייט פון די היימישע, וואָס זענען אויף אונדזערע אויגן אַוועק אין בלוטיקן וועג פון אומקום. זיי האָבן עס בעבעד געאָנט פּריזערויס. וואָס שייך דיין האַרץ, איז עס ריין פון זינד קעגן יענעמען און ריין זענען אונדזערע הענט — —

שוין צום וויפלטן מאָל חזרט ער דאָס זיך איין, געלערנט דאָס אויך מיט פערלען און אָן אויפהער זיך געראַנגלט מיט זיך גופא. אַ מענטש דאַרף זיין גערעכט אויך קעגן זיך — האָט ער געטענהט. און פאַרעקשנט זיך אויף דעם. ער מוז זיך בייקומען —

אַ סך מאָל שוין געפּרוווט געוואָרן פון דער מערכה, האָט דאַניע ערשט זיך פאַרלאָזן אויף זיינע געניטע הענט און אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן אויף זייער גנאָד. געלערנט זיך אַ מאָל סטאָלעריי, איז פאַר אים איצט אויפגע־גאַנגען דער שאַרפער ריח פון פרישן סאָסנע־האָלץ, פון טערפּענטין; צוגע־קוקט זיך אַ מאָל ווי עס אַרבעט אַ שוסטער, הערט ער אָקערשט דעם גע־דיכטן אָוויר פון געגאַרבטן לעדער, פון פעך, פון וואַקס; אין דער היים גע־האַלטן אין האַנט אַ פייל, געגראַבלט זיך ביי אַ קאַליע שלעסל, טראָגט זיך איצט פאַר זיין אָטעם דער טערפּקער טעם פון אייזנשאַווער און זיין ווילן און זיין דמיון צעהוידען זיך צווישן די אַלע מלאכות. יאָרן אַרומגעשלאָג־דערט זיך דער זעלביקער דאַניע צווישן לעבן און טויט, געשפּרונגען אויף גיך צווישן אָן „אָרגאַניזירטן ביסן ברויט״ און אַ פּייערדיקער ביקסן־קויל וואָס האָט אים דערוויילינג געלאָזן דעם אָטעמצוג — איז אָקערשט גע־קומען די צייט פאַר לעבן. טו אַ מלאכה, יונגאַטש! אויפן טאַטנס קראָם האָסטו שוין נישט זיך סומך צו זיין.

ער האָט געקלערט: זאָל איך זיך נעמען פאַר סטאָליעריי? גענוג אַ קעסטל מיט אַ זעגל, אַ שרויפנציַער און אַ הובל און ס׳געשריי: בענקלעך צו פאַרריכטן, אַ פיסל אַריינצושטעלן — — און אפשר ווערן אַ שלאָסער? איכ׳ל חלילה קיינעם נישט אָפּנאַרן. אַ געשניצטע שאַפע וועל איך זיך נישט אונטערנעמען צו מאַכן, אויך אָן אייזערנע קאַסע וועל איך נישט עפע־נען, אלא וואָס? אַ שנעל אין נאָז און האָדי! יאָ, אונטערשטעלן אַ פּאַדפּאַרע

דעם אייגענעם פאַרחלשטן טאָג, אַז ער זאָל נישט פאַלן. מער באַדאַרף מע נישט — —

דאַניעל איז שטאַרק געפעלן די המצאה צו וואַרפן זיך אויף אַט־אָזאַ מלאכה: אויף גיך זי אָפּטאָן, באַלד קריגן די פּרוטה אין האַנט אַריין — און שוין מיט אַנדערע אויגן אַרומגעבלאָנקעט איבער די בוענאָס אײרעסער גאַסן. אַרומגענישטערט און פון דעסטוועגן נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו־צוטשעפּען. אים איז נאָר נאָכגעגאַנגען דער רעיון וואָס האָט אים פּלוצלינג פאַרכאַפּט: מ׳בויט דאָ אַזוי פיל! ס׳איז אַ יונג לאַנד, אַלץ, זעט ער, איז אויף רושטאָוואַניעס. ס׳אַ פעלד, עס וואַקסט. מ׳באַדאַרף אַ סך, מ׳באַדאַרף אַלץ, איז אפשר...

געטראַכט אַהער, געטראַכט אַהין און ס׳איז אים געפעלן געוואָרן גאָר צו מאַכן פון דאַניעלן אַ מאָלער. זאָל ער ליבערשט מאָלן שטיבער און האָדי. אַ שטיפערישע פרייד איז אים באַפאַלן און ער זעט זיך שוין קלעטערן איבער גרויסע ליידיקייטן, ער באַמאָלט זיי, מאַכט זיי פול מיט שיינקייט. אַ גוואַלדאָוונע חכמה צו זיין אַ קאַלכער? ווען צומאָל מוזן אַפּריער פאַר־שפּאַכטלען לעכלעך, פאַרקלעפּן גריבלעך, שפּאַרעס אין ווענט! און ווען אַפילו ווערן אַ טאַפּעטן־קלעפּער! ס׳די צווייטע קונץ פון קאַרטאָפל־שיילן.

ער ווערט זיך נאָר באַוויזן אַן איינגעליאַפּעטער, וועלן לייט זיך שוין קלעפּן צו אים ווי פליגן צו האָניק־פּאַפּיר. און עס פעלן דען פאַרקאָפּטשע־טע לעכער, וואָס מ׳דאַרף אויסווייסן? אָ־אַ, מ׳וואַרט נאָר אויף אַזאַ דאַ־ניעטשקע! — האָט אים אַרומגענומען אַ מיט אַ מאַליקע גדולה מיט זיך.

עס האָט טאַקע נישט לאַנג גענומען און אַ מענטשל אַ קליינס, אַ שמאָלפּלייציקס מיט אַ טשופּרינע, וואָס גראָ האָט זיך אַנגעהויבן אַריינ־מאָלן אין איר שוואַרצקייט, איז אין בלאָע ברייטע קאָמבינעזאָנעס אַרומגע־גאַנגען איבער די צעלויכטענע גאַסן. אַ גרויסע לייטער האָט זיך געוויגט אויף איין אַקסל זיינעם און אַ פאַרקאַלכטער עמער מיט אַ בערדיקן פּענדזל האָט נאָכגעבאַמבלט ביי זיין צווייטער זייט. שלאַבעריק איז געווען דער טראָט פונעם מענטשל אונטער דער לאַנגער לייטער און פאַרטראַכט איז זיין העלער בליק געקראָכן צו די הייכן פון נייע מויערן מיט רויע, פייכטע אינגעווייידן פון שטובן, סאַליעס, קאָמעדאָרן און דאָרמיטאָריאָס *. מיט שטו־

* עסצימערן און שלאָפצימערן.

מער צונג פֿון אַ גרינעם, האָט ער זיך דערדעדט מיט באַלעבאַטים פֿון קליי־נע געבייען, מיט בליי אָנגעצייכנט ציפֿערן, פֿאַסיקלעך און קייקעלעך, גע־שטעלט פּרייזן; איז מושוות געוואָרן מיט די מענטשן אַן אַרבעט נאָך אַן אַרבעט און אין געאייל נישט צו פֿאַרלירן ס'געפֿונענע האָט ער מיט פֿרייד געטאָן די מלאכה פֿון אויפֿריכטן זיך דאָס צעפּייניקטע נפֿש.

און איז דאַניע פּלאָטניצקי דערנאָך פֿאַמעלעך געקראָכן איבער די גאַסן אונטער דער צעוויגטער הויכער לייטער, אַ מאָל זיך אַנידערגעשטעלט ביי אַ וואַנט זיך אָפּווישן דעם שווייס פֿון פּנים, פֿלעגט ער כאַפּן אַ קוק איבער דער ברייט פֿון דער הויך אויסגעשפּרייטער וועלט און אַ גלוסטעניש האָט אים אַ צי געטאָן צו אַלץ אַרום: כאָטש נעם, דאַניע, שטעל זיך אַוועק אויסמאָלן די הימלען מיט די קאָלירן פֿון דיין צוריק־דערכאַפּטער האָ־פֿענונג.

מה טובו, ווי גוט איז צו קענען טאָן מיט זיך וואָס דו ווילסט! אַ שמיר דאָ, אַ פֿליאַסק מיטן פּענדזל דאָרט און דיין קאַפּעלע פּרנסה איז צוקערזיס.

אַן אויפֿגעריכטער מיט אַן אייגן שטיקל דירהלע, אַ באַרויִקטער, האָט ער שפּעטער זיך שוין באַוועגט אונטער די געוועלבן פֿון גרויסע געביידען און זיי אויסגעליכטיקט נישט בלויז מיט די קאָלירן פֿון זיין פּענדזל, נייערט אויך מיט זיין פֿרייד. מיט אומגעריכטקייט האָט עס פֿון אים אַרויסגעזונגען, ווען ער פֿלעגט זיך אין דער לופֿטן טראָגן הויך אויף דער מאַליאַרסקער לייטער:

... אפֿשר ווילסטו אַ סטאָליער־יונג?
— ניי, מאַמעליו, ניי־ן!
אַ סטאָליער־יונג קלאַפּט דאָס האָלץ
און איך בין פֿאַר אים צו שטאָלץ —
ניין, מאַמעליו, ניי־יין!

ווידערגעבוירן געוואָרן, דאַניע. און האָט ער זיך דערמאָנט די ביטערע גרינע וואָכן און חדשים ביי די גוטע, די נאָענטע און וויטע, האָט ער טאַקע נאָך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט אָבער גיך גובר געווען דעם אָנגריף פֿון יִיאוש. עס האָט באַלד אַ שפּראָץ געטאָן פֿון אים די פֿאַרשלעפּערטע פֿרייד מיטן לעבן, וואָס איז אויף אַן אמת שוין מערמאָליק נמאס געוואָרן. — ע',

פּינטאָר*! — פּלעגט ער סתם אַ רוף טאָן ז י ד, דעם אייגענעם דאַניע וואָס האָט צופרידן זיך געהוידעט אויף דער לייטער. און פערעלען, דער באַלאָדענער מיט ירושהדיקן אומעט, האָט ער געמונטערט: — עי, סעניאָראַ! — — אויך דאָס מאָדנע נייע, שיינע לשון האָט אים פאַרטראָגן אין חלום פון אומגלייבלעכקייט, און ער האָט אין ממשות אַליין זיך צוגעהערט צו אים, דעם חלום וואָס שפּילט זיך אַזוי מיט דאַניען. איי, ווען ער וואָלט געקענט אים אָנרירן מיט די אייגענע פינגער, זעען אַלץ, אַלץ און ער האָט בגילופין געקוקט פאַרחידושט: האָט ער נישט דערלעבט?

---

* מאָלער.

בוענאס־איירעסער מאָטיוון

אַ קוואַדראַט הימל

1. דער הויף

איין שטאָק ווייסע מירמלנע שטיגן פירן אַרויף צום הויף, אַ הויף אַן ענגער, אַ פיר־קאַנטיקער מיט אַ קוואַדראַט הימל איבער אים. מערסטנס איז דער הימל איבערן הויף אַ שווערער, אָנגעגאָסן מיט וואָלקנס, ווי ערב־רעגן, כאָטש די זון קריכט אַרום ערגעץ אין די דרויסנס, וואָס זענען פול מיט דעכער און די לופט איבער זיי איז אַ וואַרעמע, אַ פוילע. צווישן אַ סך מרוזשנדיקע פענצטער הענגט דער הויף, אַ טייל פון די פענצטער רייסן זיך אַרויף הויך איבער די מויערן, ווילן דערגרייכן די זון, חנדלען זיך פאַר איר:

— איך בין העכער.

— און איך בין שענער!

שטיל איז דער הענגענדיקער הויף, שטיל ווי ער וואָלט אינעווייניק אין זיך געציטערט מחמת ער שפירט זיך אויפן משקולת, אָן אָנשפאַר אויף דער ערד. ווענט און טירן רינגלען אים אַרום ערגעץ אין דער נידער און אַ שטיינערנע מאָזאַיִק איז זיין יסוד. אויך די לופט שפירט זיך דאָ אַ הוילע. מענטשן באַוועגן זיך ווינציק איבערן הויף, אַ פאַס זון פאַלט אַהער אַריין איז ער פאַרסאָפּעט ווי אַ האָז וואָס האָט אין זיין לויפן שוין נישט ווו זיך צו באַהאַלטן. נעמט רעגענען, רעגנט עס דאָ שווער — לאַנג, פאַרעקשנט רינט עס פון די הייכן און מיט געבייזער רייסט עס זיך פון די אַרומיקע דעכער, פון די באַלקאָנען און קאַרניזן. שטראָמענווייז פאַלט אַריין ס׳וואַסער אין אָנגעפינצטערטן זאַק פון הויף. די טירן זענען פאַרמאַכט, די מענטשן ווילן נישט זען, וואָס ס׳טוט זיך. אויף דער שטיינערנער ערד בלעזלט זיך יעדער רעגן־שטויס, שפריצט אַן אַ טומל און עס גאָלגאָטשעט אין די קליינע, זשעדנע קאַנאַלן, פאַרהוילענע אונטער דער מאָזאַיִק.

אומעטיק אין דעם הויף.

פֿון דעסטוועגן זענען פֿרעמדע מקנא מיט אַזאַ הויף.

— ס'שיין אויף אייער פּאַטיאָ, — זאָגן זיי — און רויק איז, כאָטש איז סאַמע מיטן שטאָט. איר זענט אַליין, קיינער שטערט נישט. קאַנאַריקלעך זינגען אייך און בלומענטעפּ האָדעווען זיך פֿאַר דער שוועל. אייערע ערשטע שכנים האָבן שוין נישט דעם נחת.

— פֿייגעלעך זינגען? — קלאָגט די עלטערלעכע קאַרמען — נישט אונדז מיינט עס. נאָר מיטן באַלעבאָס פֿרייען זיי זיך. גיט ער נאָר אַ צעעפֿן די טיר ביי זיין קומען, צעטרעלן זיי זיך; פֿון ווייטנס דערקענען זיי אים, די קליינינקע מיט די פּיצעלע אייגעלעך און קלאָרע גערגעלעך. אונדזער שטילקייט צעברעכן זיי ווי דין גלאָז, ווי קאָלירִיקע קרעלן שלייפֿן זיי זי אויס אויף די דריבנענקע ציינדלעך. גיך־גיך וואַרפֿן זיי דאָס צוויטשערן, שפּילן זיך און אין פֿייגלשער פֿרייד צעוויגן זיי קיילעכיקע, גיכע טענדלעך. ס'אַ נחת צו הערן, נאָר מיך מיינט עס נישט. געזאַנג רופֿט איר דאָס? ס'איז גוט צו פֿילן, עמעצער פֿרייט זיך מיט דיר. אונדז איז אומעטיק, סעניאָרעס!

די פֿרוי שמייכלט פֿאַרלעגן, ווי זי וואָלט זיך געשפּירט שולדיק אין דעם אומעט, וואָס דאָ האָט זיך איינגעפֿירט:

מענטשן לעבן אין שפּע, זאָגט זי, האָבן שיינע סאַליעס, טרייבן קאָטשן איבער דער שטאָט — מיט זיי איז געבוירן אַ ליכטיקייט; זי — זי איז געקומען אויף דער וועלט אַן אַנדערע. שאָטנדיקס שפּרייט איר זיין. זי האָט זיך נישט ליב און זי ווייסט נישט ווי אַזוי צו אַנטלויפֿן פֿון זיך, כאָטש זי וואָלט עס טייל מאָל געוואָלט.

הרגענען זיך? אַראָפּוואַרפֿן זיך פֿון אַ הויכער טעראַסע, סמען זיך? דאָס טוען די געלערנטע. זיי ווייסן מער. זי האָט מורא. גאָט באַשטראָפֿט פֿאַר אַזוינס.

קאַלעמוטנע איז אַלעמען אין דעם הויף, אַפֿילו די פֿייגעלעך אין די שטייגן, וואָס הענגען אויף אַ דרויסנדיקער ווינקל־וואַנט.

קאַלעמוטנע — מחמת וואָס? זי קאָן גאָר נישט צוקלערן וועגן דעם. ס'איז טרויעריק, מחמת... ווערעם שאַפֿן זיך שוין אַליין זייער טונקלקייט! פּונקט אַזוי קלעפּן זיך דאגות צום מענטש, אויב ער דאַרף זיך מאַטערן.

איינע אַליין איז די „אַלטע“ געבליבן אין איר צימער מיט די זאַכן. זיי דערמאָנען אַנעם מאַן, וואָס איז אַוועק שוין לאַנג און עס ווייטיקט איר די ווונד, וואָס דער מלאך המות האָט ערשט אַנומלט געלאָזט אין איר — צוגענומען אויף דעם אייך־איינציקן זון קאַרליטאָס. זי גייט אַרום אין שוואַרצן

און מ׳רופט זי אין דער שטיל: „וויעכאַ״, אַלטע, כאָטש זי איז נאָך זייער רירעוודיק. פאַרטאָגס גייט זי אַרויס פון שטוב און קומט זי צוריק אָוונטלעך, האָט זי נישט ווו זיך אַהינצוטאָן. די אַליינקייט דריקט איר און דער דרויסן טרייבט. אין דער טונקל לייגט זי זיך אַוועק אויפן בעט — וויל הערן די גאַס, כדי צו פאַרגעסן אַלץ, אַלץ, אָבער זי פאַרנעמט דאָס געקרעכץ פונעם זון: מאַמאַ, מאַמיטאַ! — — אין געוויין פאַלט זי אַריין אומדערוואַרט, פונקט ווי זי פאַלט אַריין אין שלאָף. מיט קאַרליטאָסן איז אַזוי גוט אויף דער נשמה. עס איז הייליק יעדער טראָט. זי וועקט זיך אָבער פון אַ הילך אין דער נאָענט. אַן אַנדערש מאָל קומט זי אויף פון דערשרעק, ווייל זי זינקט פּלוצלינג אין אַ תהום. זי געדענקט נישט ווו זי איז. איצט, אַ וואָכע, טרייבט איר די מורא פאַר דער פינצטערניש, וואָס קריכט אין די אויגן אַריין מיט אַ האַריק פרצוף. ווי אין פיבער ציט עס קאַרמענען צו מענטשן, פאַרשפּאַרטע קולות פּראַלן אויף איר. זי ראַטעוועט זיך מיט אַנטלויפן. אומגעריכט שוידערט איר אויף אויך דער קלאַפּ פון דער אייגענער טיר — — נאָך גוט, עס ברענט ליכט ביי די „יינגלעך״.

פון דער טיר צו דער פאַטיאָ ליכטיקט זייער אָוונט.

אין פאַרלוירנקייט נעסטיקן זיי דאָ, די אויסגעבליאַקירטע מאַנסלייט קאָנסטאַנטין און כואַן. אַ שותפותדיקער, פאַרוואַרלאָזטער צימער איז ביי זיי. בחורים געבליבן און דער רצון נאָך רו טליעט אין די ביינער. האָבן זיי צייט, זיצט מען אין טונקעלן צימער, מ׳זיצט מיט זיך און מ׳טראַכט אַ נישט־טראַכטעכץ. אַלץ — ווייסן זיי — איז שוין פאַרשפּילט. אין דער ברוסט סקריפּעט אַ נודאָטע, גלייך אַ געפּגרטע קאַץ וואָלט זיך איבערגעקערט ביי יעדן. נאָך ערגער, ס׳ווילט זיך פאַר איינאַנדער אַ מאָל זיך אַראָפּריידן און ס׳רעדט זיך נישט. די פּיין פון דערמאָנען ליימט די צונג. אין פרעמדקייט האָט אַלבאַניע, ס׳באַרגיקע היימלאַנד, איינגעטריקנט דאָס האַרץ במשך די יאָרצענדלינגער. אין געדעכעניש קוקסטו ווי אין אַ גרוב אַריין. אויב געווען אַ חלום, איז ער אויך שוין פאַרוויאַנעט, אויסגעפּינצטערט. לאַנג טראָגט זיי דער תענוג פון קייען בלוטנדיק פליש, געבראָטנס אויף פייער און רויך און ס׳טוט הנאה דאָס אויסגרעבצן די גאַזן פון ביר, וואָס קאָכט אין מאָגן. בעת זייער יונגזיין איז בוענאָס־איירעס געווען די לאָקנדיקע ברויט־טאָרבע, איצט ווערט זי פון טאָג צו טאָג שווערער פאַר די אויסגעהאַרעוועטע לענדן. עס ציט דאָס געלעגער. דאָס, וואָס איז איינציק געבליבן פאַרן עוקץ האָפן, איז אומפאַריילעך. די רעוומאַטן דרייען אויס הענט און

פּיס, דער דאָקטער פאַרווערט פּלייש צו עסן און ס׳געלט וואָס וועט זיך פאַרוואַלגערן אין קעשענע נאָכן לעצטן חשק צו כאַפּן אַ גוטן טרונק, וועט נישט קלעקן אויף אַ שיינער לוויה. אַז ס׳קומט, איז וויל דער לעצטער וועג מיט אַ גלח, פרום און שיין מיט אַ שוואַרצן אָנצוג, מיט לאַקשיך און בלומען. און אפשר באַצייטנס איינשאַפן זיך אַן אָנצוג, אַליין צוגרייטן? — — דער האַרמידער, וואָס עס ברענגט אַן די אַלטע קאַרמען, וועקט די בחורישע זקנים פון טרויעריקן דרימל. דאָס בולדאָג־פּנים פון דעם העכערן צעגע־נעצט זיך:

— שוין אויפגעשטאַנען, שכנטע?

ער איז אַ טעמפּלעכער, דער גרויסער קאָנסטאַנטין. ער רעדט האַלבע רייד, אונטער דער נאָז.

דער קלענערער כּוהן מאַכט אַ פריילעכע מינע, כאָטש ס׳פויגל־פּנים איז אים פאַרשלאָפן:

— בראַוואָ, קאַרמענסיטאַ!

— אויפגעשטאַנען, — ענטפערט זי יענעם, — צו קענען ביינאַכט כאַפּן נאָך אַ ביסל שלאָף.

און צוזאַמען זעצט מען זיך אַוועק רעדן, פרעגן וואָס מ׳הערט, ווי ס׳איז אַוועק דער טאָג. וואָרט איבער אַ וואָרט און ס׳פאַרקניפּט זיך דער קנויל פון לאַנגווייל, וואָס וואַרפט דעם מענטש פון די פיס, מאַכט טריפן די אויגן.

פאַרווונדיקט איז ס׳פאַרפאַלק, וואָס האָט זיך אַריינפאַרקליבן אין די זייטן־צימערן פון הויף. מינדלין רופט מען זיי. סיי ער, סיי זי טראָגן זיך דורך ווי עמעצער וואָלט זיי אָקערשט אָפּגעשטאָרבן. שאַרפע נויטן האָבן נאָכגעיאָגט די דאָזיקע — זאָגט קאַרמענסיטאַ די גוטע שכנים. פון פּאָלאַ־ניע האָט זיי פאַרטריבן די פּיין. אַ לעגענדאַרער טייך ביי זיי, די ווויסטולאַ, האָט זי פאַרנומען דעם יאָמער פון מיליאָנען לאַנדסלייט, וואָס מ׳האָט געהרגעט. יאָ, יאָ, דער דייטש. זי האָט זיך אָנגעטרונקען, די ווייסל, מיטן בלוט פון אומגעבראַכטע קליינע קינדער. צער הערט זיך פון זייער „גוט מאָרגן״. אַ כמורנע שווייגן וווינט מיט די מינדלינס — מורמלט קאַרמען, — מ׳הערט נישט אַ שאָרך פון זיי. וואָס טוט ער, דער סעניאָר?... איר ווייסט אויך נישט? אפשר הונגערן זיי. מ׳זעט נישט, זיי זאָלן קאָכן, ברענגען עפּעס פון מאַרק.

— אַ רחמנות, מ׳קען זיי נישט מוטיקן, באַדויערט כּוהן, דער ריידעוו־דיקער פון די בחורים, וואָס לעבט אויף ווען עס קומט אַריין די קאַרמענ־

סיטאַ. װיבאַלד די אַלטע איז אין דער הײם, קלאַפּט כּואַן אין איר טיר: „קאַרמענסיטאַ, שױן געקומען?" אָבער נישט שטענדיק איז ער דרײסט זיך צו װײַזן פֿאַר איר אָן אַ תּירוץ. ער װײסט נישט פֿאַר װאָס, — די פּרוי דערפּרײט תּמיד זײַן האַרץ. ער רופֿט זי מיטן צערטל־נאָמען און כּוחט זיך אויף אַ געלעכטערל, װאָס פֿאַלט פֿון זײַן מויל אַזוי, גלײַך פֿרעמדע צײן װאָלטן זיך צעקלונגען.

ער כאַפּט זיך צוריק מיטן געלעכטער, װען ערגעץ גיט אַ קלאַפּ מיט אַ טיר. ער שעמט זיך. די שכנים, װאָס אַנטקעגן, שטרויכלען באַזונדער זײַן חשק הויך אַ רעד צו טאָן. דאָן אַלדאָ איז אַ שטײפֿער, און שררות װײכט ער, כּואַן. אַ לעבן אָפּגעלעבט, אַן אָרעמאַן געבליבן און האַלדז־ברעכעניש פֿאַר װיכטיקע איז אים דערװידער. װאָס, קאָנסטאַנטין? אָ, ער מאַכט זיך נאַריש! דעם פּיסאַן דאַרף ער נישט פֿרעגן. ער טראַכט שװער װי אַ גאַנדז — און צעכיכעט זיך.

קאָנסטאַנטין באַלײדיקט זיך נישט. ער גיט אַ שלונג אַ האַלב װאָרט.

װי אין באַלײדיקטקײט זענען דערדריקט די אַגילאָס. מאַן און װײַב גײען אַרום און רעדן נישט צװישן זיך. זײ זענען נישט ברוגז, נאָר טענה שוימט פֿון זײ. האָט ער צײַט, דער דאָן אַלדאָ, גײט ער אַװעק אין שטאָט. אַן אומרו פֿירט אים איבער די גאַסן, שטעכט דעם גראָען בליק אין מענטשנס פּנימער אַרײַן. עס זעט אויס, ער זוכט עמעצן, כאָטש געפֿינען געפֿינט ער קײן מאָל נישט קײנעם. און קערט ער זיך אום אַהײם, איז ער מיד, אויסגעלײדיקט; װאַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די רײנע, געפּרעסטע קלײדער, טוט אָן אַ לײַב־העמדל אָן אַרבל, אָפּגעטראָגענע הויזן, צעטראָטענע שטעקשיך — גלײַך ער װאָלט זיך געגרײט פֿאַר אַן אַרבעט, אָבער אַרבעטן נעמט אים נישט קײן גלוסט. אויב אַלע זענען באַנאַנד, זיצט מען זאַלבעפֿערט בײַם מאַלצײַט־טיש, מען עסט, אָדער מ׳לײגט זיך נאַזדניק אויף דער סאָפֿע, אויפֿן בעט און מ׳קוקט צו דער סטעליע ביז מ׳שלאָפֿט אײַן. קײן פֿרײד איז קענטיק נישטאָ, כאָטש נאָך פֿרײד בענקט זיך. פּוצט זיך דאָס עלטערע מײדל צום אַװעקגײן פֿאַרנאַכט, רופֿט דער פֿאָטער בײַ איר אַרויס טרערן. „נישט אַהײם קומען נאָך צען, הערסט?" אַן איבעריק װאָרט פֿאַרלירט נישט דער טאַטע. ער איז שטרענג אַפֿילו צו איר, װאָס האָט שױן אַ חתן. אמת, פֿון חתן רעדט אַנאַ נאָר מיט דער מאַמען און די מאַמע ציטערט פֿאַרן מאַן מיט אירע סודות. דאָן אַלדאָ פֿאַלט מיט רציחה אויפֿן כּלה־מײדל, אויב זי קומט אַהײם שפּעט. ער פּראַסקעט זי איבער די ראָזלעכע באַקן. די גרויסע

גראָע אויגן אירע נעצן ווי צעטראָטענע טרויבן; דאָס פֿאַרריסן נעזל סאָפּעט, די ברוסט העשעט און זי מוז שווייגן. אויך די מוטער מוז האַלטן ס׳מויל. דאָן אַלדאָ האָט ליב דרך־ארץ. נישט נאָר אויף ברענגען מתנות איז אַ מאַן, אַ פֿאָטער, — זאָגט ער — ער דאַרף אָנלערנען די ווייבער, ווי לאַנג ס׳איז נישט צו שפּעט.

— אומלויפּס! — שרייט ער פֿאַרביסן שטיל און די טיר פֿאַרמאַכט ער איידער ער נעמט שרייען — ביי מיר וועט איר ווייט נישט דערגיין. ס׳מויל! זאָל זיך נאָך איין מאָל דאָס איבערחזרן. או, בהמה! אַ יעדע נקבה איז קאַפּאַבל צו לאָזן זיך אויף דער גליטש. גיב נאָר אַ קוק, דאָס מלאכל. ביי מיר וועסטו איינזיצן. אַ מאַן וועסטו האָבן, וועט ער דיך היטן. דערווייל בין איך דאָ.

ער שלאָגט די גרויסע, ציטערט די הויט אויף דער קלענערער טאָכ־טער, דער זיבעצניאָריקער. זי זיצט אַ צוגעזאָטענע צו אַ בוך און חלשט אַז דער פֿאָטער זאָל זיך נישט דערמאָנען אין איר: שיקן אין קיך אַריין אָפּרייבן אויף קלאָר דעם דיל, הייסן וואַשן אַ צעבער וועש. „צעלאָזענע וואָס איר זענט“, — מוסרט ער שטענדיק.

די גרעסטע צימערן איז דאָ ביי די אַגילאָס, מער זאַכן ביי זיי ווי ביי אַלעמען אין הויף, די משפּחה איז אַ גאַנצע און דאָך הענגט אַ וואָלקן איבער אַלץ. עס דראָעט מיט רעגן און עס רעגנט נישט. יונגשאַפֿט הויזט מיט זיי אונטער איין דאַך — די טעכטער ווילן לאַכן, זיך שפּילן — און פֿון דעסט־וועגן קוקט אַרויס אַ טרויער פֿון זייער טיר.

איז עס דער גורל פֿונעם הויף?

די אומעטיקע טראַכטן צומאָל פֿון דעם און זיי האָבן מורא פֿאַרן טראַכטן.

אַ הויף איז שטום, אַ הויף איז נאָר אַן עדות פֿון גורלות, וואָס הויזן מיט אים.

אויך זיגנפּייגל אין שטיג זענען אונטערגעטעניקט דעם גורל; אויך פֿון זייער אומעט קען זיין אַן עדות דער הויף, וואָס איז שטייניק פֿאַר רייד און פֿאַר בענקעניש.

דאָס נעמלעכע איז טאָקע שייך די קאַנאַרקעס פֿונעם הענגענדיקן הויף אונטערן קוואַדראַט בוענאָס־איירעסער הימל.

ווער, אָבער, קען עפֿענען דאָס מויל פֿון דעם שטייניקן עדות!

2. זינגפֿייגל

דאָן אַלדאָ אַגילאָ ווייזט אויס צו פֿילן זיך דער אומצופֿרידנסטער פֿון אַלע שכנים אין הויף.

קלאָר: קיינער איז דאָ נישט בגלופֿין פֿון תענוגים — דאָן אַלדאָ איז ממש אַן אָפּגעהרגעטער. דאָס איז קענטיק אויף אים אין די לעצטע צייטן.

אַ מאַנצביל אַ געזונטער, אַ שיינער און ער זיצט שוין וואָכן־לאַנג אין דער היים. עס זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַרן דרויסן, וואָס שטייט אין לויער הינטער דער טיר. און ס'קליינע הייפֿל זעט צו זיין אַנטפּלעקטע חרפּה. אָפּגעלאָזן איז דאָן אַלדאָס הילוך. דעם הויף לויפֿט ער דורך אין צעקנייטשטע הויזן, מיט באָרוועסע פֿיס אין צעפֿאָרענע שטעקערס. ס'פּנים נישט געגאָלט און די אויגן אָנגעשוואָלן ווי פֿון צופֿיל שלאָף. לויפֿט ער דורך, כאַפּן זיך אויף די פֿייגל מיט אַ גיכן, הייסן איבערוף; ווי פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג ווערט ס'הייפֿל פֿול פֿון ליאַרעם, וואָס שורעוועט כוואַליעסווייז צו די טירן, שלאָגט אָן אין די אויערן, און איידער וואָס־ווען גליוועט עס איין פֿון ס'נײַ. אין הויף שטאַרט אַ שטומקייט. פֿאַרשוווּנדן דער באַלעבאָס, ווערט פֿאַרשטאָפּט דער קוואַל פֿון ליכט, וואָס האָט פּלוצלינג גענומען זיך פֿונאַנדערפֿאַליען.

אויפֿן דרויסן אין הויף הויזן דאָן אַלדאָס קאַנאַרקעס.

בענקען די זינגפֿייגל אין די שטייגלעך?

הפּנים, נישט נאָר זיי בענקען; זיי טרויערן אין זייער שווייגן. די קעפּלעך פֿאַרגראָבן אין די פֿליגל און ס'וואַסער אין די גלעזלעך און די הירזשזוימען אין די בלעכלעך גליוועריג אונטער זיי. איז דאָך דער־אָ דער איינציקער, וואָס ווייסט זייער נויט; די היים זייערע פֿאַרלוירן און די היים האָט ער אין זיין בליק, אין די קלאַנגען פֿון מויל. אָט־אָ איז ער, זיי פֿילן אים איך דער נאָענט און — ער ברוגזט זיך. שטענדיק האָט ער געגענט, געוואַשן זיי, געהאָדעוועט מיט קערנער, מיט זיסע גראָזן און מיט מטעמים פֿון דער מענטשישער וועלט, וועלכע זאָגט־צו דעם גן־עדן אין דער ענגשאַפֿט פֿון ווענט. ערשט וואַרפֿט צו אַ פֿרעמדע האַנט אַ בלעטל סאַלאַט אין גרין, אַ מייערל אין אויסגעלויכטענער רויטקייט, אַן עפּל אין ווייס־פֿלייש פֿון צעעפֿנטע זאַפֿטן. תמיד פֿלעגט ער אַוועק אויף אַ שטיק צייט, האָט די בענקעניש צו אים אַהערגעבראַכט די היימישע הימלען. אָבער ער האָט זיך

חידער באַוויזן. זײַנע פֿינגער פֿלעגן ליב וואַרעמען, ס'איז פֿרײלעך געוואָרן און זיי האָבן אים אויסדערציילט פֿון אַלץ, וואָס האָט געטראָפֿן אין זייער טרוים און אין זייער פֿלאַטערן.

עס איז געווען אַ לאַנגע, נאָגנדיקע מעשה, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין מענטשישן האַרץ און עס אויפֿגעוועקט. ס'הייפּל האָט דערפֿון אויפֿגע־ריסן די אויגן, אין הויז פֿון די אַגילאָס פֿלעגט אויפֿלייכטן אַ העל געלעכטער. שיין און גלוסטיק האָט ס'ווייב דעמאָלט גערעדט צום מאַן און די טעכטער האָבן זיך אַנטציקט מיט די מתנות, וואָס דער פֿאָטער פֿלעגט ברענגען פֿון נישט־געזעענע ווייטע לענדער. און זיי האָבן זיך געפּיעסטשעט:

— דיר זינגען זיי, די קאַנאַרקעס! אומדאַנקבאַרע באַשעפֿענישלעך! מיר גיבן זיי צו עסן, טראָגן אונטער פֿריש וואַסער, און זיי כמורן זיך. דו — וויבאַלד דו קומסט: טשיקי־רי־לילי... אַ זינגעכץ, וואָס פֿאַרדריסט שוין! מיר גייען צו, איך מיט דער מאַמאַ, מיט אַנאַ־טערעסאַן, זענען זיי טויט, שטאַר, אַזש עס נעמט אַ מורא!

— און מיאוס זענען זיי, דײַנע זינגפֿייגל, פּאַפּאַ, — רײַצט זיך שוין די ייִנגערע פֿון די טעכטער — ווייסע! אויסטערליש פּאָר שפּילפֿייגל און גראָע, פּראָסטע ווי שוואַלבן, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די פֿיס אין גאַס. פֿאַרקויף זיי, פּאַפּאַ, וועלן מיר האָבן ווייניקער טרחה און ווייניקער אומעט.

— זיי גוט צו זיי, וועלן זיי אייך זײַן לעבעדיקע זינגפֿייגל, די־אַ מיאוסע, — האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט אַלעמען, נישט נאָר דער, וואָס שטעלט זיך מיט חוצפּה. — איר גיט זיי צו עסן, צו טרינקען? — ס'איז ווינציק! אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, און אַזאַ איידלס, דאַרף מען מער פֿאַרשטיין, מ'מוז עס פֿילן. לערנט זיך אויס, וועלן זיי אייך דאַנקעוודיק זײַן, און זיי וועלן זײַן אמתע קאַנאַרקעס.

און צום ווייב, זייטיק, אַז די מיידלעך זאָלן נישט הערן:

— אויך דו ביסט אַ ציג, מאַריקיטאַ! — און איר מוסרדיק אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. — באַדאַרפֿט זיי שוין צונויפֿפּאָרן. די ווייסע מיטן גראָען אין איין שטייג, ס'זילבער־קעפּל מיטן געלבלעכן, דעם קליינטשיקן — אויך צוזאַמען. שוין דער זמן פֿאַר דעם. דערנאָך דאַרף מען זיי בײַטן צווישן זיך, שפּעטער — די יונגע מיט יונגע. קוקן, און פֿאַרשטיין — — — —

פֿון יענע אָנהייבן מיט די פֿייגל ביי די אַגילאָס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט. קאַנאַריקלעך בריִען אָפּט אויס זייערע ווייס־געשפּרינקלטע און בלענ־דיק־ברוינלעכע אייעלעך און ס'פּיקן זיך אַרויס פּיצעווקע, נאַקעטע פֿייגע־

לעך. מ׳היט זיי צו, מע פּלעגט זיי און ס׳פרייען זיך שוין אַפילו די מיידלעך, ווען זיי זעען אַ קאַנאַריק נעמט גרייטן אַ געלעגער פֿאַר אויסוואַרעמען אַ נייעם דור. פעדערלעך פּוכן זיי אָן אין אַ קיישעלע וואָס זיי צוגעפּעסטיקט צו דער שטייג, ווייכע פעדערלעך און שטרויעלעך וואָס זיי שיילן אויס פון די קערנער אין שיסעלע אויפן דנאָ פון שטייג. פון אָקטאָבער, ווען ס׳פרילינגט אין אַרגענטינע, נעמען זיך מערן די קאַנאַרקעס. יעדע עטלעכע וואָכן גייט אויף די פּרוכפּערונג. די שטייגלעך אין הויף זענען פול געוואָרן מיט פייגל; דאָן אַלדאָ האָט אויסגעלערנט דעם וויב מיט די קינדער זיך אומגיין מיטן פליגלדיקן יונגוואַרג און דער הויף גייט־איבער פון פייגלשן געמורמל.

ווען דאָן אַלדאָ איז געווען אין דער היים איז אין הויף געשטאַנען אַ געדיכט, וואַרעם געזאַנג. ס׳האָט זיך נישט אַרויסגעזען דער קאָפּ פונעם טרויער, וואָס דאָ איז געוואַקסן ביי די שכנים. אויפן ווינקל־וואַנט אין דרויסן זענען צוגעקומען נייע גרעסערע שטייגן. די מיידלעך עלסאַ און אַנאַ־טערעסאַ האָבן זיך אָפּט צוגעקוקט צו די פייגל־קינדערלעך, וואָס זענען אַרויס פון דער אייערשאָל; זיי האָבן אויסגעטומלט זייער פרייד מיט די אַנטפּלעקונגען ביי די פריש־אַרויסגעקומענע פייגעלעך. די מיידלעך האָבן אויפגעלעבט ביי די נייע קאַנאַרקעס און די מוטער האָט געשמייכלט פון די טעכטערלעכס גדולה.

פול געווען דער הויף מיט פייגל.

יאָ, פייגל. נישט צו קיין זינגפייגל זענען געוואָרן גלייך די קאַנאַרקעס, אַז דאָן אַלדאָ איז נישט געווען אין דער היים. אומעט האָט זיי געפּאַנגעז, ווען זיי האָבן געשפּירט, דער באַלעבאָס איז אַוועק אין די ווייטן. פון מאָל צו מאָל האָבן זיי געלאָזט הערן אַ מין רופן. מאַריקיטאַ מיט די טעכטער זענען אַרויס צו די שטייגן, האָבן משער געווען אַז די פייגל מאַנגען עסן, דאַרפן וואַסער. זיי פלעגן אויך באָדן די פייגל, אָבער קיין געזאַנג האָט זיך נישט געהערט פון זיי. און פאַרדראָס האָבן אויסגעטיילט די פייגל, וואָס האָבן בפירוש געטרויערט אין בענקשאַפט; אַ יונגער פויגל האָט אַ שפּרונג געטאָן פון אַ שטענגל און צעבראָכן אַ פיסל. אַ יאָמער האָט זיך געשטעלט אין דער שטייג. ס׳געשריי האָט איבערגעריסן די נאָכמיטיק־רו פון די אַגילאָס, וואָס זענען געלעגן אין שמאַך פון בייטאָגיקן דרימל — די מאַמע מיט ביידע מיידלעך צעוואָרפן אויף די געלעגערס און געכאַפּט דעם אָטעם מיט די נעז, מיט די מיילער. איבערגעוועקט זיך מיט אָפּגעלעגענע באַקן, צעשאָטענע האָר, האָבן זיי זיך איינגעקוקט אין די פייגל און אויסגעפונען דאָס אומגליק.

ווי קאַלט זיי זענען נישט געווען אויף די אָנגעברוגזטע באַשעפֿענישלעך, האָבן אַלע דריי אין די הענט אַוועקגעטראָגן דאָס קראַנקע קאַנאַריקל; אַ פֿויגלשער רופֿא האָט מיט אַ ראַזלעך פּלאַסטערל פֿאַרבאַנדאַזשירט דאָס צאַרטע פֿיסל און ס׳איז שטילער געוואָרן צווישן פֿאָטער־מוטער אין שטייג. אומעט האָט פֿון ס׳ניי געגליווערט אין הויף. קאַרמען האָט באַדויערט די פֿייגל, פֿאַרשטאַנען אַז זיי בענקען און אויף ביינאַכט געראָטן איבערדעקן די שטייגן מיט שטיקלעך געוואַנט. זיי פֿרירן אין די נעכט, די אָרעמע. נאָך קאַלט, האָט זי געטענהט צו דאָניאַ מאַריקיטאַ — פֿון ים טראָגן זיך שאַרפֿע ווינטן. אַ, סעניאָראַ, ביי אונדז, אין גאַליסיע, האָבן די פֿייגעלעך בעסער, און זיי זינגען געשמאַקער. בערג ביי אונדז, וואַרעמע טאָלן, עס לעבט זיך פֿריילעכער. נאַריש געווען, יונג, האָט מען געוואָרפֿן די ליבע היים. אַ פּראַכט, גאַליסיע, סעניאָראַ!

דאָניאַ מאַריקיטאַ באַליידיקט זיך:

— זי ווייסט, זי ווייסט גענוג פֿון גאַליסיע! געהערט פֿון לאַ קאָרוניאַ? אַן אַלטע, שיינע שטאָט פֿון גאַליסיע. מיין מאַמע שטאַמט פֿון דאָרט. איך בין געבוירן דאָ, די מאַמע האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט אויסלויבן דעם קאַנט און בענקען אַהין.

אַ גרויסהאַלטערקע, די דאָניאַ מאַריקיטאַ, און זי דרייט זיך אַוועק פֿון דער קאַרמען. פֿון בעטלערס איז זי אַוודאי אין גאַליסיע, די דאַזיקע. איר מאַמע האָט געהאַלטן אַ גרויסע קלייט. גייט זיך גלייכן! און ווער איז איר מאַן? אין די רייכע שטעט פֿון די אַמעריקעס געווען, אין אַפֿריקע, און ער וועט ווייטער פֿאָרן...

די קאַרמען פֿאַרטראָגט נישט קיין גרויסהאַלטערס. אַן אָפּגעקלאַפּטע קערט זי זיך אָפּ פֿון דאָניאַ אַגילאַ און לייגט זיך אין איר קליינעם צימער. טרויעריק אין אַ הויז, ווו שכנים פֿאַרשטייען נישט איינע די אַנדערע, — קלאָגט זי, וואָס זי האָט זיך דאָ אין שטאָט שוין אין גאַנצן פֿאַרלוירן. און פֿאַלט צו דער אָוונט, די זקנהשע בחורים זענען שוין אין דער היים, גייט זי אַריין צו זיי זיך צעשטרייען; מחמת עס מאַטערן זי די מחשבות, וואָס די דאָניאַ האָט אויף איר אָנגעבראַכט.

◈

דאָס איז געווען אַנומלט. דאָן אַלדאַ האָט אָנגעשפּאַרט אין גאָר ווייטע מקומות. געקומען אַהיים יעדע פּאָר חדשים, איז יום־טוב געקומען מיט אים.

שײַנע אַנצוגן האָבן געציערט זײַן מענלעכע גבורה, פֿון אָפּגעפֿרישטקייט און געזונטע צוגעבונדנקייט צום הויז האָבן דערציילט זײַנע קלוגע אויגן. זיי האָבן געשמייכלט ווי זעלטענע בלי־קווייטלעך אויף די ביימער פֿון ז יי נ ע פֿאַנטאַסטישע לענדער. כאָטש שוין אַ סך יאָרן פֿאַרבראַכט אין לאַנגע ים־נסיעות, איז אויף אַגילאַן נישט געווען קענטיק אַז ער עלטערט זיך. דאָס פּנים איז געווען אויסגעקלאָרט און די כוחות האָבן לייכט באַוועגט זײַנע פּיס. צוריקגעקערט זיך תמיד ווי אַ גאַסט, האָט עס פֿאַרשמעקט מיט ברייטע מאָלצייטן און אין שטוב איז פֿריילעך געוואָרן. אויך די פֿייגל האָבן זיך נישט געקענט איינשטילן פֿון גדולה. דער הויף איז געשטאַנען אין אַ טומאַן פֿון געזאַנג. דער טאָג איז זיי געווען צו קורץ, די קאַנאַרקעס; זיי האָבן זיך געפּעדערט באַגינען. די קאַרמען האָט דערפֿון נישט געקענט שלאָפֿן. צו שוואַך געווען איר קאָפּ פֿאַרן רויש, וואָס האָט צעוויגט דעם חלל און אים געהוידעט אָן אויפֿהער. מיט שיכרות איז אָנגעגאָסן געוואָרן איר לייב, פֿאַרחלשט האָבן זיך געוואָקלט די פּיס. אָבער זי האָט זיי מוחל געווען, די פֿייגעלעך, דעם האַרמידער, מחמת רחמנות האָט תמיד באַלעבט איר האַרץ:

— אָרעמע, קוים זיך דערוואַרט, — האָט זי גערעדט און פֿאַרפֿרי אַרויס פֿון שטוב, וואַרטן הינטער דער טיר פֿון די באַלעבאַטים, ביז זיי וועלן באַוויליקן זי אַריינצולאָזן אין הויז אונטערשטעלן ס׳געניק פֿאַרן יאָך.

אין דער זעלביקער צייט האָבן די אַלטע בחורים קאָנסטאַנטין דער לאַנגער און כּוואַן דער קורצער נאָך אַריבערגעצויגן די דעקעס איבער די אויערן, אַז זיי זאָל נישט שטערן דאָס פֿאַרטאָגיקע טשיריקען. די מינדלינס, די „גרינע״ פֿון וואַרשע, האָבן דעמאָלט וויטיקלעך געזיפֿצט:

— אַן אומגליק! מענטשן פֿעלט נישט מער. פֿייגל דאַרפֿן זיי און פֿאַר־געסן צו געבן זיי זערנעס. פֿון נעכטן נאָך הונגעריק; זיי רופֿן און שרייען, ווי אַ וואַלד וואָלט אויפֿגעקומען מיט זיי... מענטשן האָבן פֿאַרשטאָפּטע הערצער פֿאַרן צער פֿון שוואַכע ברואימלעך.

צעטראָטן פֿון שווערע חלומות, האָבן די מינדלינס סיי־ווי שוין נישט געקענט שלאָפֿן פֿון דעם פֿויגל־שריי. שטילענקע, ווי זי וואָלט זיך געטראָגן אויף די טיולן פֿונעם באַגינען, האָט די פֿרוי זיך צוגעשלייכט צו די שטיג־לעך און אַריינגעוואָרפֿן קרישקעס ברויט: „שאַשאַ, עסט׳סו!״ — זי האָט געוויספּערט און ס׳רחמנות האָט אויפֿגעצוקט איר פֿאַרמאַטערט פּנים.

אַ ביסל שטיל געוואָרן, אָבער נישט דאָס האָבן זיי געמיינט, די באַשע־פֿענישלעך אין די שטייגן. געוועקט האָבן זיי דעם באַלעבאָס, ער זאָל אַרויס־

קומען, לאָזן הערן זיין ליבן געפּרעפּל. זיי פֿאַרשטייען אים, ער פֿאַרשטייט זיי; די טליעדיקע בענקשאַפֿט דאַרף לעשן — ער, ער וואָס איז דער נאָענט.

דאָס איז געווען פֿריער. אַלדאָס ווייב האָט דעמאָלט זיך געגרויסט פֿאַר די שכנים. זי האָט אויסגעמיטן צו רעדן מיט זיי, די טעכטער האָבן שטאָלצירט מיט זייער געלערנטקייט און זיי האָבן זיך אַרויסגעשטעלט מיט די שיינע קליידער, וואָס געבראַכט פֿון די אויסלאַנדס. קענטיק — איצט איז ערגער. עפּעס קאַליע געוואָרן ביי דאָן אַלדאָ. ער פֿאָרט מער נישט אין די רייכע לענדער, האָט נישט קיין געדולד פֿאַר די קאַנאַרקעס. אויף דאָן אַלדאָס פּנים גליט אַ חרפּה; דאָס איז באַשיימפּערלעך. ווייל ער איז שטאַרק אָפּגע־לאָזן און מיידט אויס צו טרעפֿן עמעצן פֿון די שכנים. די טיר פֿון די אַגילאָס איז תּמיד פֿאַרמאַכט; שווערער לייגט זיך דער אומעט איבערן הויף. דאָס אַנטשוויגענע פֿויגל־געזאַנג שטאַרט אין חלל, עס באַמבלט אין אַלעמענס געהירן. שטום, טונקל שטוינען די שטייגן אויף דער ווינקל־וואַנט און איינ־געשלאָפֿן, פֿאַרקאַרטשעט זיצן די קאַנאַרקעס אַנהייב־טאָג, ווען דער דרויסן נעמט אויפֿגיין אין לויטערקייט און זיי שטומען בעת דער טאָג צייטיקט אין דער זון. געשריגן, גערופֿן און, אַפּנים, מיד געוואָרן.

מאָט זענען די אַגילאָס. אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער מדרגה איז דאָניאַ מאַריקיטאַ, מישובדיק זענען אויך די טעכטערלעך.

צווישן מאַטראָזן האָט געלעבט סעניאָר אַגילאָ, אויף אַ שיף, וואָס גע־שווומען איבער ימים איז ער געווען אַן עלטסטער. אַ סך מענטשן זענען אים געוואָרן אונטערטעניק, כאָטש הכנעה איז ער קיין מאָל נישט געווען להוט פֿון קיינעם. מיט זיינע שטאַרקע הענט האָט ער גערן געהאָט צו נעמען אַלץ, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן צו גענומען ווערן. שוין קליינוויז האָט אַלדאָ ליב געהאַט אַנצושטעלן· נעצן אויף די זינגפֿייגל פֿון זיין היימאָרט איביסאַ, ווי דער טאַטע געווינט געוואָרן זיך אַוועקצוזעצן ביים ברעג ים אויסקוקן דורכשווימענדיקע שיפֿן און אין די אויפֿדערנאַכטן מיט אַן אַנגע־צונדענער לאַמטער לאָזן זיך אויף פֿיש איבער די היימישע וואַסער־געגנטן. געשפּרייט שאַרף ליכט אין די טיפֿן פֿון ים, געוואָרפֿן ווערעם, אַראָפּגעשיקט שטיקלעך פֿלייש און דער פֿאַנג איז געווען ברכהדיק. צוגלייך מיט אַנדערע תּושבים פֿון איביסאַ איז זיין פֿאָטער געווען צוגענאָפּלט צום ים, מיטן ים האָט זיך באַהאָפֿטן אויך אַלדאָס בענקעניש צו דער וועלט, וואָס איז פֿריי און ברייט אין איר גרויסקייט. ווען אַלדאָ איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך צוגעקניפּט צו שיפֿן. דעם יופֿי פֿון גוטע לייט איינגעזאַפּט; זיין האַרץ

און זיינע אויגן זענען געווען אָנגעטרונקען מיט דער קלוגער פֿאַרטראַכטקייט פֿונעם מאַיאָרקאַ־אינדזל זיין היים, וואָס ליכטיק־בלאָ איז איר ים און נאָ־ענט און קלאָר איז דער הימל. אומעטום וווהין געקומען, איז מיט אַלדאָן מיטגעקומען דאָס היימישע וואַרעמע ליכט: טאַטע־מאַמעס הויז האָט אים באַגלייט. ווי איביסאַ, דאָס צעקוואָלענע אָרט, איז אַלדאָס שיף געטראָגן געוואָרן פֿון ים. בלויז דער הימל האָט פֿאַרענדערט ס׳פּנים. ווי די היים ווערט די שיף אומאויפֿהערלעך געוואַשן פֿון די וואַסערן; זיי וואַשן זי, באַשענקען מיט שפֿע פֿון פֿיש, פֿון מיניעדיקע דערמאָנונגען, וואָס זענען די שפּייז פֿאַר דער נשמה.

מיט מאַטראָזן, מיט שיפֿן געווינט געווען דאָן אַלדאָ — איצט האָט דער ים ווייט פֿאַרטראָגן זיין שיף; אָקערשט וואַקלט זי זיך אויף די באַרג־כוואַליעס פֿון זיין אומרו.

3. דאָן אַלדאָ

גורלדיקס איז געשען מיט דאָן אַלדאָ אַגילאָ.

מ׳ווייס נישט וואָס און פֿאַר וואָס, קיינער איז זיך נישט משער די פּלוצלינגע שאַנד זיינע — די שכנים פֿון הויף זעען אַז ער איז געפֿאַלן ביי זיך. אויסגעלענקט זיך אַ פּוס... — זאָגט כואַן מיט פֿאַרשטעלטן חוזק. דער שטורעם האָט אויסגעשפּיגן אַן אָפּגעשטאַנענעם ים־וואָלף, און ער טריקנט איין אויף דער יבשה. חכמהדיק פֿאַרבייסט ער אַ ליפּ, דער קליינער פֿון די אַלטע בחורים.

אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, דער אָרעמער, פֿון די צוזאָגנדיקע שיינע ווייטן.

עס האָט אים געשטיקט די היים אויף דער ערד. ווייטיקלעך האָט ער זיך איינגעווינט מיטן געדאַנק: „פֿאַרפֿאַלן, ס׳וועט שוין נישט זיין וואָס געווען. פֿאַרשפּילט דעם ים״.

ווי אַ קינד וואָס דאַרף זיך אָנהייבן לערנען שטעלן טריט, האָט דער פֿופֿציק־יעריקער ים־מענטש זיך געצווונגען צו באַנעמען דאָס געשעענע; געזוכט ערגעץ־ווו זיך צו פֿאַראַנקערן אויף דער יבשה, געזוכט צו בלייבן אויף איר, אָבער געבליבן איז ער ווי אַן אונטערגעסמאַליעטער.

אַ גרויסע זינד קעגן די געזעצן פֿון ים האָט מסתמא פֿאַרפֿלעקט די צניעות פֿון דאָן אַלדאָ אַגילאָ, אויב ער האָט זיך שוין מייאש געווען ווידער אַרויספֿצוקומען אויף אַ שיף. זייטיק האָבן די שכנים געזען ווי מאַן און

ווייב לויפֿן ערגעץ אַוועק פֿאַרפּוצטע. מ'באַמיט זיך נאָך, האָט מע זיך גע־שושקעט.

— אַוודאי צו אַ חשובֿן שר פֿון ים, — האָט כּואַבֿען איינגעסודט אין אויער די אָפּגעהאַרעוועטע קאַרמען. איר איז געווען אַ מיטלייד אויף אים, דעם ריינעם מאַנצביל, וואָס מוז זיך צוקוקן צו ווייב און טעכטער, ווי זיי ווערן שטאַרק פֿעט אין די באַקעס און אין די פֿיס.

— ער וועט שוין פֿאָרן, — האָט זיך געלערנט טרעפֿן דער בולדאָג קאָנסטאַנטין: — אַנאַ־טערעסאַ איז שוין פֿריילעך. דער פּאַפּאַ וועט ווידער ברענגען זיידענע העמדלעך און ניילאָן־בלוזקעס.

— ע, ע! ער פֿאָרט נאָך נישט, — זאָגט קאַרמען — די דאָניאַ איז אָקערשט אַרויס פֿון שטוב מיט אויסגעפּלאָמטע באַקן. זיי האָבן זיך גע־קריגט... איך דערקען שוין.

אוממעגלעך געווען דעם דאָן אַלדאָ פֿון ס'ניי זיך אַרויפֿצוקריגן אויף אַ שיף; שווער איז אים אָנגעקומען זיך צוצוגעוווינען צו בלייבן אַזוי־אָ, אין שטיינערנעם הייפֿל. ס'ווייב האָט אָנגעהויבן זען סימנים פֿון זיין עלטערן־זיך — דער קאָפּ איז אים גראָ געוואָרן און די טעכטערלעך האָבן זיך אַרומגע־דרייט ווי געשאָכטענע: „אין אַמעריקע, אַפֿריקע, אויסטראַליע פֿאָרט דער פּאַפּאַ" — — זיי האָבן ליב געהאַט זיך צו באַרימען. שוין! די שטיקנדיקע זון איז אַריין אין שטוב.

שטייף האָט דער הויף זיך פֿאַרקוקט אויף אַגילאָן. טייל מאָל איז ער איינער אַליין אַוועק אין שטאָט אַריין. אָנגעטאָן אין פֿיינע זאַכן, שיין אויס־ראַזירט ס'פּנים. ער האָט נאָך נישט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג אַרויפֿצוקריגן זיך אויף אַ שיף — ער האָט אָבער גאָר נישט אויפֿגעטאָן. מ'האָט עס געזען אַן אַנדערש מאָל, ווען ער איז פֿון ס'ניי אַוועק מיטן ווייב און זיי האָבן זיך גיך צוריקגעקערט מיט פּעקלעך. איינגעקויפֿט עפּעס. — האָבן די שכנים זיך אָנגעשטויסן און מער ווי דער בעל־דבר האָבן זיי זיך צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז דאָן אַלדאָ איז שוין אַ פֿאַרשפּילטער. אויך די פֿייגל אין די שטייגן האָבן זיך שוין מייאש געווען. דער באַלעבאָס גייט נישט צו צו זיי — זיי שווייגן אין טרויער — און ער וואַרט נישט אויף זייער געפּרעפּל.

שפּעטער־אַריין האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער ענגשאַפֿט פֿון די אַרומרינגלענדיקע מויערן. דאָן אַלדאָ האָט זיך גיכער שוין געוויזן ביי די שטייגן; ער איז געווען מער רויק און פֿאַמעלעך זיך דערמאָנט דאָס לשון

פֿון די פֿייגל: דין, הויל געשמיצערט מיט די ליפּן. די קאַנאַרקעס האָבן זיך איבערגעוועקט און פֿון ס׳ניי צעוויגט די גליווערנדיקע שטילקייט פֿון הויף. דערנאָך האָט ער זיי גענומען באָדן, גערייניקט די שטייגן און ס׳האָט ווידער אַ מאָל זיך אַוועקגעשטעלט דאָס פֿייגל־געזאַנג. דאָן אַלדאָ איז אויך געוואָרן בייהילפֿיק דעם ווייב אין הויז און רו האָט זיך איינגענעסטיקט אין דער משפּחה.

צוגעווינט זיך און נישט צוגעווינט. דער צווייפֿל האָט אים נאָך אָנ־געכאַפּט און פֿון צייט צו צייט האָט דאָן אַלדאָ, וואָס איז געזעסן אין שטוב ווי אין אַ תּפֿיסה, זיך אָנגעהאָנגען אין פֿלעשל. ער האָט גענומען טרינקען און אויף טעג דורכאַנאַנד זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער אַרויף. ווידער נישט אַרויס צו די פֿייגל, ס׳ווייב מיט די טעכטער זענען געווען דערשלאָגן.

זיך אַרויסגעקראָגן פֿון די מיראַזשן, וואָס האָבן אים ערגעץ אַוועקגע־פֿירט, האָט דאָן אַלדאָ אַגילאָ געזוכט באַרויִקונג אינעם שפּאַנען איבער די גאַסן. אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי די שטייגן (אַלע טירן אין הויף זענען געווען פֿאַרשפּאַרט אויף די שטאָרן) און גערעדט צו די פֿייגל:

— זינדיקע זענען מיר! נישטאָ ווער עס זאָל אונדז פֿאַרשטיין. נישט איך האָב אַן אָרט צווישן די מענטשן און נישט איר... אָבי געדרויבט אייער פֿרייהייט. זשעדנע דער מענטש און קורץ זיין שׂכל. ווי לאַנג עס איז דער וועג צום פּשוטן פֿאַרשטיין! ערשט פֿאַרשטיי איך, ערשט איצט — —

דאָן אַלדאָ איז נישט געניגט צום וויינען, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט בייקומען. אין זיין ברוסט האָט זיך צעזאָטן אַ געוויין אָן טרערן:

— ער וועט נעמען — האָט אין אים זיך געשפּאָלטן ס׳קול, — און אַלץ דאָ איבערקערן! ס׳ווייב, דער בהמה געבן טאַבאַק צו שמעקן, אַרויס־טרייבן זי, די מוידן אַוועקשטעלן רייניקן די דילן, וואַשן וועש; אַלע פֿאַר־טעכער דאַרפֿן זיין שפּיגל־ריין, און די פֿייגל וועט ער אַרויסלאָזן, אַרויסלאָזן — די פֿריי זאָל זיי אָפּגעגעבן ווערן. פֿרעמדע לאַפּעס זאָלן זיי נישט ווי טאָן — —

ווי אַ שווער אָנגעבאַקנס וואָלט פֿון אים אַוועקגעשוואָנקען געוואָרן, האָט ער מיט אַ מאָל זיך צעפּייפֿט, צעשמיצערט און אַ געזאַנג פֿון די קאַנאַרקעס האָט געשטורעמט די פֿענצטער, וואָס שטאַפּלען זיך איבער די מויערן פֿון דעם הענגענדיקן הויף. דאָ און דאָרט האָט אַ קאָפּ זיך אַרויסגעשפּאַרט, בליקן

האָבן געגומען בלאָנקען אַראָפּ אין דער נידער. אָבער גאָר נישט האָט זיך געזען פון דער הייך. אויבן איז דער הימל געשוווּמען אין בלאָען און גראָען, די לופט האָט קוים־קוים באַוועגט אירע אָנגעדראָלענע פינגער, אָנגערירט די האָר. פיל איז די וואַרעמקייט אויף פון נאָוועמבער אין טאָל פון פלאַטאָ־טייך. גאָר נישט האָט מע געזען. אונטן, אין קאַסטן פון וועגט, איז געשטאַנען אַ מאַנצביל איינער אַליין און איבער אים האָט ווי אַ זונענפלייץ זיך געגאָסן אַ רעגן פון פייגלשע טרעלן.

— ווי שיין! — האָט עמעצער זיך געקוויקט.

— אַ בהלה צווישן די פייגל זיך אויפגעהויבן. צוגערירט זיך אַ גראָ־בע האַנט.

— אַ שטורעם וועט זיין. הערסט די צעוואַקלטע קולות? זיכער — טראַכט די שטים — אַ שטורעם.

— פייגל גראָבן מיט די שנאָבלען אין זאַמד פאַר אַ שטורעם, טראָגן זיך איבערן וואַסער. פייגל זענען איבערגעשראָקן ערב שטורעם.

— און די זון שיינט אָקערשט!

— זי שיינט? באַלד וועט זי אַראָפּלאָזן די אויגן. וואָלקנס טרינקען זיך שוין אָן.

אין די אייבערשטע פענצטער זענען מענטשן מיד געוואָרן פון דעם פייגלשן האַרמידער. אונטן, אין הויף, איז קיינער נישט געווען, ווען דאָן אַלדאָ האָט זיך מתוודה געווען פאַר די קאַנאַרקעס. אַז ס׳וויב איז געקומען פון גאַס, איז ער שוין געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן בעט. געשפּירט זיך קראַנק, כאָטש גערעדט האָט ער גאָר נישט. דאָניאַ מאַריקיטאַ האָט אים גערופן עסן, אָוועקגעשטעלט ביים בעט אַ גלאָז טיי — זיינע אויגן זענען געווען געשלאָסן. ער האָט נישט געזען דעם פאַרגאַנג פון טאָג און נישט געהערט דאָס אַוונטיקע גערייד פון ווייב מיט די טעכטער.

מוטער: דאַכט זיך דער פאַפאַ האָט פיבער. אָבער ער לאָזט נישט צו־צו זיך. ער שטופּט אָפּ. שטאַרקע הענט ביי אים.

עלסאַ: געוויס, פיבער. די באַקן גליִען אים, די ווי;עס זענען אויפגע־לאָפן. מ׳דאַרף פאַרשטעלן דאָס ליכט.

אַנאַ־טערעסאַ: כ׳וועל אים פרעגן, צי כ׳זאָל רופן אַ דאָקטאָר?

מוטער: גיי נישט צו. ער וועט דיר אַ שטויס טאָן. איך האָב שוין גע־קראָגן — און טרערן האָבן זיך אַ קייקל געטאָן פון איר.

עלסאַ: נישט קיין שלעכטער דער פּאַפּאַ. אומגערן אַוודאי געשטויסן. ער איז זייער קראַנק.

אַנאַ־טערעסאַ: איך גיי רופן אַ דאָקטער! דעם סעניאָר ראָדריגעס פון שכנות, — און זי דערנענטערט זיך צו דער טיר.

מוטער: לויף נישט. ר׳וועט זיך דורכשלאָפן, וועט מע זען.

גלייך זיי אַליין וואָלטן אַריינגעפאַלן אין הויכער וואַרעמקייט, האָבן מאַמע און טעכטער זיך באַלד פונאַנדערגעשפּרייט איבער די צוואָרפענע גע־לעגערס. מיט אַ מאָל געמאַכט פינצטער, און שאַ. אין געהאַקטע וווּנדן אַלע זיך געוואַלגערט און געשפּירט איבער זיך אַ קנויל וויטיק, וואָס גליט, וואָס מוז אָט־אָט אויפפּלאַצן.

אַ גאַנצע נאַכט איז דאָן אַלדאָ געלעגן אין נעפּל פון טראַכטעניש:

— אומגליקלעך איז דער מענטש. אַן אייטערנדיקער געשוויר איז זיין מוח. קלער און קלער און בלייבסט אין דער פינצטער. וואָס קען פאַרשטיין אַ צווייפיסיקער אָקס? עפּענען ס׳האַרץ פאַרן אָרעמען, איז אַלץ, פאַרשטיין די נויט פון אַ געפאַנגען פייגעלע איז דער תּמצית. דאָס האָט געצוג די ברייטן פון הימל און דאָס גרין פון בוים. די מענטשישע חכמה איז רוי. אַנדערש איז דאָס מאַכטיקע וואַסער. אויפן מיטן ים איז אָרנטלעכער דער געדאַנק. אויף דער ערד איז דער מענטש איינגעגלייבט אין זיך, דערפאַר פאַלש. אוך־אוך! ווי די עכטע פּערל איז זעלטן דאָס שיינע.

צומאָרגנס האָט ער זיך אַרויסגעזעצט אויפן שטיינערנעם הויף, גערוט. דאָס ווייב איז זיך אומגעגאַנגען מיט אים ווי מיט אַ קראַנקן.

— ווי פילסטו זיך? — האָט זי געפרעגט. יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש געפרעגט.

ער האָט אויפגעהויבן צו איר די איבערגעלאָפענע אויגן און זעלטן געענטפערט.

און שפּעטער, ווען זי איז ווידער אַרויס צו אים פון שטוב:

— וועסט עפּעס עסן, אַלדאָ?

— כ׳וועל שוין עסן!

מיט פאַראיבל אָפּגעהאַקט און זיך אָוועקגעדרייט פון איר.

דאָן אַלדאָ האָט דערוויסט אין זיך אַ ווידערווילן צום ווייב. צער האָט פון אים אַרויסגעדרונגען ווי אַן אָפּשיין פון דעם פיבער, וואָס האָט דורכ־געברענט זיין מאַרך זינט נעכטן, זינט אייערנעכטן, ווי לאַנג ער שפּירט אַז ער איז אַ פאַרלוירענער: זי האָט אים דערפירט צו דעם; זי האָט געקוואָלן

פֿון זיין טוונג, געפּרייט זיך מיט אַלץ וואָס געבראַכט, גערעוועט פֿון גדולה צוגלייך מיט די קעלבער, וואָס זי האָט אים געבוירן. אָן אָקס דאָס איז, אָן אָקס איז ער. נייטיק באַדאַרפֿט גגבענען!... ווי דען? שמוגל איז גנבה. נישט באַדאַרפֿט שטעלן אויף מערכה די אָרנטלעכקייט. אַרבעטסט, קריגסט געלט? קויף אין דער היים וואָס דו דאַרפֿסט. האָבן שענערס פֿון יענעמען, האָבן מער פֿון יענעמען? ערשט ליג אין דער ערד! זי איז עס שולדיק, זי...

דאָס בענקל אונטער אים האָט געדריקט. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, געקוקט צו די קאַנאַרקעס, די פֿייגל האָבן אויפֿגעכאַפּט זיינע בליקן. זיי האָבן צו אים גערעדט, גערופֿן און אומעט האָט שטיל געשפּרייט זייער געזאַנג. ווי אַ האַרבסט־רעגן האָט עס זיך איינגעגעסן אין געהער. דער פּלוצלינגער פֿייגלשער געפּלוידער האָט שוין אונטערגעהויבן מאַריקיטאַן. דאָס ווייב איז אַרויס מיט אַ טענה:

— וואָס האָסטו זיך אַרויסגעזעצט, אַז די פֿייגל זאָלן לעכערן דעם מוח? לאָז עפּעס טאָן אין שטוב. און מיטיק מוז איך גרייטן. ביסטו קראַנק, רופֿט מען אַ דאָקטער.

— נישט ניחא איז די פּרעס, אויב מ׳איז פֿאַרקנעכט, — ענטפֿערט ער נישט צו דער זאַך.

— רעדסט, ווי דו זאָלסט דאַרפֿן ליגן אין בעט, אָדער דו ביסט שיכור, מיין מאַן.

— שיכור? — האָט עס אים אַ רייץ געטאָן — ווער איז שיכור! איך רעד ווי אַ ... נו, ריכטיק, אַ מענטש טראַכט נישט אַזוי.

זי האָט אים שוין נישט געענטפֿערט. שפּעטער, ווען מאַריקיטאַ האָט דעם מאַן גערופֿן צום מיטיק, איז ער נישט געווען אין הייפֿל. אומבאַמערקט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן מיט די שטיגן און אַריינגעטראָגן פֿולע הענט מיט פֿלאַשן ווייַן.

— צו וואָס האָסטו עס געבראַכט? מ׳גייט דאָך צום מאַלצייט. טישוויין פֿאַראַן גענוג אין שטוב.

— שיכור, זאָגסטו, בין איך — האָט ער אַ צעטראָגענער זיך געצויגן צו קלאַנגען, וואָס האָבן אים געבויערט אין מוח — און איך האָב שוין פֿאַרגעסן דעם טעם פֿון אַ טראָפּ.

— פֿאַרנאַכט, אין אָוונט, וועסטו טרינקען, אַלדאָ, — האָט זי שוין באַפֿוילן און כדי אים נישט מטריח צו זיין, גענומען ברענגען געשיר אין הויף אַריין. — דאָ וועט מען עסן.

— פֿאַרנאַכט? זאָל זיין פֿאַרנאַכט. איצט ווּעסטו נישט נעמען אַ ביסל?
ווי אַן איינגעשפּאָלטענע כּלי האָט זיין ווילן אָפּגעגעבן מיט שלאַבע־ריקייט. די שטים האָט זיך געטוקט.

דאָס געזינדל האָט געמיטיקט אין דרויסן, באַנאַנד האָט מע געגומען צו ביסלעך: דאָס ווייב האָט געטרונקען, די קינדער האָבן, טרינקנדיק, אויס־געניגט די גלעזער און געוואַלט נאָך. די מוטער האָט נישט געלאָזן זיי געבן מער. די לייבער זענען געוואָרן שווער פֿון עסן־טרינקען און די פֿייגל האָבן שלעפֿעריק צוגעוואָרפֿן אַ טרעל; ס׳האָט אויסגעזען: אין מיטן דערינען דער־מאָנען זיי זיך עפּעס, דערמאָנען די דרימלענדיקע ביים טישל אַז וואָרעם־ליכטיק איז דער טאָג אַריבער די ווענט, די ווייסקייט פֿון די אַרויסגעהאָנגענע שטיקלעך וועש בלענדט אין דעם גראָ פֿון הויף־קאַסטן. ווייל איז דער פֿרילינג, ווייל די מנוחה — — די אונטערלענענדיקע ריחות פֿון ווייַן האָבן פֿאַרשפּינט דאָס בלאָ אין סאַמע קנויל פֿון נאָכמיטיקדיקן שווייגן. דער גאַנצער הויף האָט איינגעדרימלט.

אין אָוונט, די שכנים האָבן אין די ערגעצן פֿון שטאָט פֿאַרענדיקט די אַרבעט, זענען די איבערגעבליבענע פֿלאַשן משקה געווען דער אָנהייב פֿון זייער נאָענטקייט מיט דאָן אַלדאָ, דעם לאַנגאָניקן שכן, וואָס איז ערשט איצט געוואָרן אַ היימישער.

— אַמיגאָס, טרינקט מיט אַן אייגענעם, — האָט דער נעכטיקער מאַט־ראָז זיך שווער אויפֿגעהויבן צו זיי. — אמת, כ׳בין אַ שכן? און מיט אַ שכן דאַרף מע זיין באַקאַנט. אַ ביסל שפּעטער, אַ ביסל פֿריִער, אַלץ איינס אַז ס׳האַרץ איז דערביי, — און זיין צונג האָט זיך געוואַקלט, געקלעפּט טעמפּ. ער איז געשטאַנען, געקוקט און יענע האָבן געקוקט אין אויסוואַרטונג. — זיצט, אַמיגאָס, איר זענט מיד. נישט גוט — קנייטשט ער דאָס וואָרט — דאָס לעבן פֿון סאַמע טאָג. טאָג אויף טאָג איז ענלעך ווי אַ מכה אין גאַרגל; דער טאָג שינדט די הויט פֿון מענטשן, מאַכט בייז און פֿאַרשיט אים מיט עוולות. גאָלד איז דער אָוונט. דער אָטעם איז טיפֿער ווען דו רוסט. אין אָוונט בינדט זיך ליכטיקער יעדע פֿריינדשאַפֿט. אַמיגאָס, אָפּרייסן זיך פֿון דערע־סנעם, איז די בעסטע רעצעפּט מחוץ דער מעדיצין.

און קלוגעטשקע זיך צעלאַכט:

— אַ מענטש, וואָס איז געווינט צום ים, זעט עס בולטער אויף דער יבשה. — ער דערלאַנגט איטלעכן אַ גלאָז ווייַן און זאָגט שוין מיט אַ לייכטן כּריפּ: — צו געזונט, מיינע פֿריינד!

מילא, מ׳איז מהנה, דאַרף מע נישט באַליידיקן אַ שכן.

ביז אין שפּעטער שעה איז מען געזעסן אין דרויסן ביים קליינעם טישל, וואָס איז בייטאָג געגרייט געוואָרן מיט אַ טישטעך, מיט טעלערס און גלעזער. שוואַרץ זענען די אָוונטן אין בוענאָס־איירעס. אין הייפּל אויפֿן גאָרן איז געווען היימלעך; פֿון אַלע טירן האָט אַרויסגעלויכטן און ס׳געריידט איז געווען אַ האָפּערדיקס. דאָניאַ מאַריקיטאַ האָט נאָך צוגעטראָגן אַ פֿרישן קוכן און פּיקאַנטן וואַרעמען, זאַפּטיקן אומברויט, אויסגעבאַקן אין אייגענעם בראָטאויוון מיט טאָמאַטן, שפּראָטן, גרינסן און צעשניטענע זיסע פּעפּער־בייטלען. אַלע האָבן געגעסן מיט מבינות, געלויבט די באַלעבאָסטע און אָפּט געהויבן דאָס גלאָז. די הנאה פֿון גוטפֿריינדשאַפֿט איז פֿאַרטרונקען געוואָרן מיט שאַרפֿן וויין, ביז די מידקייט האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אויפֿן אַקסל פֿון דער נאַכט.

◆

די נעכט זענען געשטאַנען קילע און שטאָק־פֿינצטערע.

פֿונאַנדערגעגאַנגען זיך די שכנים, איז דאָן אַלדאָ איינער אַליין געבליבן אין הויף. די פֿינצטערניש האָט אים איינגעוועבט ווי אַ שטיק שוואַרצקייט אינעם געוועב פֿון דער נאַכט וואָס איז על פּי רוב טינטשוואַרץ אין טאָל פֿון דער ימישן טייך. ער האָט נישט געקענט גיין שלאָפֿן, די ווענט פֿון שטוב דריקן אים. געזעסן וואַך מיט אַראָפּגעלאָזענע וויִעס און אומדערוואַרט גענומען דמיון־פֿול זיך הייבן איבער דער שיף, זיין שיף. די לאַנגע קאָרי־דאָרן מרוזשן אין ליכטשיין פֿון אַן אַראָפּגעזונקענעם האַרמידער; אין שלאָף איז אַוועקגעפֿאַלן דאָס פֿאָלק, וואָס האָט אַן אויסגעמישטס דאָ צוקאָפּנס פֿון די ערגעץ אָפּגעריסענע לענדער זיך איינגעזאַמלט אין בויך פֿון דער וואַקלענ־דיקער תיבה. ערדן און הימלען נייגן זיך אָן היימיש איבערן דרימל פֿון די מענטשן, פֿירן פֿון דערמאָנונג צו שיכחה, כדי לעבן זאָלן יערן. ווי פֿאַר־קאָרטשעט שטייט אָקערשט די דעק וואָס איז אָפּגעליידיקט אַזוי, גלייך טויט וואָלט אויף איר געשטאַרצט מקדמונים, ווען זי איז נאָר געווען האָלץ אין וואָרצל פֿון דער ערד און אַרץ אין די געדערעם פֿון די סודותדיקע באַרג־טונקלקייטן. דער ים פֿויזעט, אָנגעשפּאַנט זענען זיינע שטרענגע ברעמען און ער קלעטערט קורצפּיסיק, זשעדנע, איבער די שוועלן פֿון דער נאַכט.

טראָפּנווייז, קיל, פֿאַלן די שעהען פֿון פֿאַרגעסנקייט. פֿון מאָל צו מאָל עפֿנט דאָן אַלדאָ זיינע אויגן, דער מוח גיט זיך אים אַ ריר —

ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגנס, דאָן אַלדאָ: דער טאָג איז קראַנק, ער פֿאַרצערט די מענטשן. איצט צערייצט אים ווידער דער טאָג, להכעיסדיק דערמאָנט ער אים אָן דער שיף וואָס ציט אימפּעטיק צו ברעגעס, לאָקנדיקע און לויערנדיקע ברעגעס. דער אמת איז אַז ז י ווערט געטראָגן נאָר פֿון גרויסע בענקשאַפֿטן און עס איז נישט צו שווער די מענטשנס דינען אין אירע אײַנגעווייקן. ווײַל דעם וועג פֿון די אמתן צייכנט נאָר די שיף. די מאַטראָזן זענען דער רויגן פֿון דער וועלט, זייער שווייס — דער הייון. די שיף איז שטרענג־ווייט פֿונעם פּסולת וואָס די יבשה האָדעוועט אָן. אין תענוגים פֿון אָרגטלעכער ליבע פֿאַרגעלדט זיך די פּראַצע פֿון די שיפֿמענטשן. איז גוט צו שפּירן אַז מ׳איז דערווייטערט פֿונעם סתם אײַנאָטעמען דאָס זויערעכץ פֿון דער יבשה. דער ים־אָוונט, וואָס איז אָן שליטה פֿון דער ערד, ברענגט די טיפֿסטע רו, די שטערן ווערן פֿאַרזייט אין דיר און דאָס קוקן פֿון אייגע־נעם האַרץ וויברירט אָקערשט אינעם געמורמל פֿון ים, וואָס וויגט אויס די שלאָפֿלידער פֿאַר אַלע מידע קינדער. יאָ, יעדער נעכטן איז דיר היינט אַ ליב קינד. קומט די יבשה, געפֿינסטו זיך ווי אַ מאַן וואָס דערשפּירט דעם כוח פֿון די אייגענע הענט און פֿיס, אָבער דאָך געשלאָגן פֿון דער אומבאַהאָלפֿנקייט. פֿאַר וואָס? ס׳אַ פּלאָנטער פֿון רעטענישן וואָס געבערן תמיד נײַע. אָן אַ סוף רוקן זיך די רעטענישן מיט צעשפּאַרטע אויגן: נו, וואָס וועסטו זאָגן איצט! קיינער וועט גאָר נישט זאָגן! דאָס גריזשעניש פֿון דער נשמה איז אַפּשר דערפֿון, וואָס אומליב איז די פֿוילע זאַטקייט און די שטוב האָט זיך דיר אָנגעהאָנגען ווי אַ הויקער פֿון אַלטע רגילותן וואָס נישט יעדער קען אים קוקן אין פּרצוף אַרײַן — — וואָ׳דען, אויך דו האָסט גע־זוכט דערין ענלעכקייטן פֿאַר דיר כּדי צו געפֿעלן אַנדערע. אָ, ווײַל איז דעם ים, טיף שײַנען זײַנע נעכט, באַגלייטע פֿון די פֿלעמלעך וואָס וואָרע חכמה האָט אָנגעצונדן.

ער וויל פֿאַרשלאָפֿן די טעג וואָס זענען אים נמאס. דאָן אַלדאָ וואַלגערט זיך אויפֿן געלעגער, טראַכט אומעטיקס. שוין אַדורך דער זומער, ס׳שטייט שוין יולי, עס הייבן זיך אויף נאַסע קעלטן, דער הימל טונקלט ווי אַ טראַנטע און טריפֿט־טראָפּט.

4. נאָכן ווינטער קומט אומרו

אַ רעגנדיקער, אַן עסיקער איז אַדורך דער ווינטער. דער פּלאַטאַ־טײַך, וועלכער האַלט אויף זיין שויס די גרויסע בוענאָס־איירעס, איז ביז גאָר שפּירעוודיק אויפן דרוק פון דער לופט, וואָס קרייציקט זיך אויף די פלאַכן פון די אָקעאַנישע וואַסערן, וואָס האָבן דעם מוטער־טייך אַריינגענומען אין זייערע פויסטן. דער גאַנג פונעם אַטלאַנטיק און פון דעם פּאַסיפיק שפּילט זיך אויס אין דער ווייט; אַריבער די שנייִקע אַנדן און די ספּאַזמעס פון די בראַזיליענער טראָפּישע ברעגעס דערטראָגט זיך צו דער פּלאַטאַ־שטאָט די שפּיזלדיקע קעלט, אומגעריכטע וויכערס. עס פרעסטלט נישט בעת דעם ווינטערדיקן יולי־אויגוסט אין בוענאָס־איירעסער טאָל, די קעלט איז אַ לויפיקע, זי בייסט זיך אַריין אין די ביינער. בייסיק איז די גליווערנדיקע פייכטקייט, וואָס נידערט אומאויפהערלעך פון די אַנפּאַרביקע הייכן, בלינד־ענלעכע צו הימלען. ווי אין אייביק פאַרלווירנס דערמאָנען זיך מענטשן מיט צער אין זייערע אַמאָליקע היימען: געוווען שלעכט, הונגעריק, פון דעסטוועגן — גאָר נישט איז דאָרט אַזוי נישט פאַרקערט, ווי דאָ איז אַלץ פאַרדרייט. יולי, אויגוסט? צו וואָס זענען די חדשים דאָ געגליכן? דער רייפסטער זו־מער ביי א ו נ ד ז אין דער דאָזיקער צייט: גאָלדיק־זאַטער קאָרן האָט מיט שפע אָנגעפולט די שפּייכלערס, די זאַפטיקסטע פרוכטן האָט געגעבן דער גאָרטן. און קומט דער ווינטער, שטעלט זיך אַ סקריפּיקער, געזונטער פראָסט, ווייסער שניי מיט אַ בלאַקייט פון אַ חלום־מעשה — לבנהקער זילבער שפּרייט זיך איבער וועגן, איבער פעלדער און וואַרעמקייט היימישט זיך אַן אין דער אָרעמסטער נעסט — דאָרט, נישט דאָ. אַזאַ איז דער נאָמען און די שיין פון דער בענקעניש, וואָס טרעט נישט אָפּ פון די מענטשן.

אין דעם דאָזיקן ווינטער האָט דאָן אַלדאָ מער געליטן. ער איז געווען דערדריקט. געזעסן אין שטוב ווי אַ פאַרמשפּטער, מיט אַלץ געמוזט קוקן אין האַנט אַריין איר, דעם וויב: מאַריקיטאַ, גיב אויף ציגאַרן, מאַריקיטאַ, שיק נאָך אַ פלאַש וויין... ס׳געלט איז ביי איר, איר ווילן און אומווילן איז פון אים דעם האַר. און זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטע: „אַ מאַן אַ טויגעניש! אַלע טוען אויף די שיפן, קיינעם כאַפּט מע נישט; אין אים האָט מען אָנגעהאַנגען אַלעמענס ביטערע זינד. און אירע קינדער ליידן״.

זי האָט זיך געגעסן די גאַל. ס׳איז איר אַ שאַנדע פאַר לייט, אַ שאַנדע

פאַר שכנים. אָבער רעדן איז איר געווען דערווידער און איר האָט עס געשראָקן: אַ מאַן ווערט האַרב אין באַליידיקטקייט. זי וועט עפּעס אַ רעד טאָן, קען ער צערענען. געוויס, זי איז שוין נישט יונג, ברייט געוואָרן, צע־גאָסן ווייבעריש איר גוף אין בעקן. צו שיינקייט און צום בליִען זענען איצט נאָר אירע טעכטער. אַ פּאָטער דאַרפן זיי האָבן, דעם מאַן מוז זי האַלטן. די פרוי מוז האָבן דעם מאַן. נאָר פאַר אַזעלכע האָט די וועלט מער רעספּעקט. כאָטש אין ריכטיקן אומצופרידן פון אים, וועט זי אַלדאָן נישט דערבייזערן. ער, פאַרקערט, האָט לחלוטין נישט געגעבן קיין געלעגנהייט פאַר רייד; אויף אַלץ וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, געפרעגט, האָט ער געענטפערט נאָר מיט אַ יאָ אָדער ניין. רק געשוויגן אָדער געהוסט, אָן אויפהער גערײי־כערט און געהוסט, אַזש די שטילקייט האָט זיך יעדעס מאָל צעהוידעט אינעם גאַנצן הייפל און די שכנים געוועקט. דאָן אַלדאָ איז כסדר געלעגן אויפן בעט, נאָכגעקוקט איטלעכנס שריט און במורע געהוסט ווי מ'וואָלט געריסן בלעכן.

— אַ מוזיק, אַז ס'לעכערט דעם קאָפּ, — האָבן זיך געקרימט די מינד־לינס, וואָס ווינען מיט די אַגילאָס איבער דער וואַנט.

— די לונגען מסתמא, — האָט דער „בולדאָג" אַ מורמל געטאָן צו כוואַנען, זיין קליינעם שכן פונעם אַנטקעגנאיבערדיקן בעט אין טונקעלן צימער, וווּ אַ גאַנצן ווינטער ברענט טאָג און נאַכט די עלעקטרישע שפּין, וואָס הענגט שנירלדיק אַראָפּ פון דער סטעליע.

— אַ פּריווילעגיע דעם סעניאָר אַלדאָ די קרענק פון די לונגען. בעסער ווי רעומאַטן. ביזן סוף נעמט עס נישט לאַנג. איר הערט? אַ שיין הוסטעלע. ווי ביי אַ גוססדיק פערד צערייסט זיך זיין ברוסט. נישקשה, ער מעג דאַנ־קען דעם יעסוקריסט וואָס ער העלפט אים גיך אויסשפּייען די נשמה, — ענטפערט כוואַן מיטן גרויסן געלן פּנים.

... די שכנים זענען ווי תמיד פאַרנומען. די נויט אויף ברויט טרייבט זיי טאָגטעגלעך אַרויס פון די קעמערלדיקע צימערן. קאַרמען דינט אין רייכע הייזער, כוואַן פּלייסט זיך שוין לענגערע יאָרן ביים וואַשן טעלערס אין אַ רעסטאָראַן, קאָנסטאַנטין היט זיין שמאָלן ציגאַרן־קיאָסק אין אַ טומל־דיקער גאַס. די טירן פון אַלעמענס צימערן, וואָס שפּאַרן זיך אָן אינעם הענגענדיקן הייפל, זענען בייטאָג פאַרמאַכט אויף הענגלשלעסער און אויף קייטן, פאַרוואָרפּענע איבער די געשמידטע דרויסנדיקע שטאַרן. אויך אויפּ־דערנאָכט זענען זיי איצט פאַרמאַכט קעגן דער קעלט; פינצטערע ליגן די

אויפֿדערנאָכטן ביי זייערע שוועלן און קיינער זעט נישט קיינעם. שטאַרק קאַלעמוטנע אין שטיינערנעם הויף אין די ווינטערדיקע חדשים.

אַהיים געקומען קאַרמען אין איר אייביק שוואַרצן אַנטועכץ, כאַפּט זי זיך אַריין צו די שכנישע בחורים, זעצט זיך אומגעדולדיק אויפֿן שפּיץ פֿון אַ בענקל און פֿלינק, סודותדיק־נייגיריק פֿרעגט זי: וואָס הערט מען? ווי גייט עס? וואָסערע נייס ביי די שכנים?

אַ גיכע רעדערקע די קאַרמען; פֿאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן שווער גע־שלעפּט דעם געדאַנק, ענטפֿערן די „יינגלעך”: „וואָס וויסן מיר? אַלטע נייס אין אונדזער קלויסטער, קאַרמענסיטאַ. די געלע פֿרייסן זענען זיך צעלאָפֿן, די שוואַרצע טאַראַקאַנעס פֿאָרן זיך, בע־כעעע!” דאָך האָבן זיי דערציילט פֿון זיך, פּונקט ווי די קאַרמען האָט געלאָזט וויסן פֿון אירע באַגעגענישן און שמועסן במשך פֿון דעם טאָג. פֿון די אַגילאָס איז קנאַפּ געקומען צו רייד. זיי זעט מע נישט, פֿון זיי הערט מע נישט. איינגעשלאָסן זיך די מענטשן אין שטוב, — זאָגט דער מגושמדיקער קאָנסטאַנטין וואָס וויל שמייכלען און קען נישט, ווייל ס'זענען שווער זיינע ליפּן. — זיי גייען נישט אַריין אַהער, צו די מילדע זקנים, — ווייס די אַלטע קאַרמען, און קיינער ווערט נישט פֿאַרבעטן אַהין. זיי האָבן פֿעסט פֿאַרמאַכט די טיר אַז די קעלט זאָל נישט אַרויס, — וואַרפֿט צו זיין חכמה דער טעלערוואַשער כואַן און עס דרויבלט זיך זיין געלעכטער.

— זיי שטאַרקן זיך איינע אַליין, דאַרפֿן נישט קיין שכנישע ליבע, — צעלאַכט זיך ענדלעך גאָר הילכיק דער ברייטקעפּיקער קאָנסטאַנטין, וואָס זיצט שוין מיט די הענט אונטערן געזעס.

— מ'הערט זיי נישט? מ'הערט, אוי־אוי! — גיט זיך אַ שטעל אויף די קאַרמען, מחמת פּונעם הייפֿל גיט זיך גראָד אַ טרייסל דאָן אַגילאָס אַ פּלוצ־לינגער הוסט. — שמאָל מיט דעם מענטש! — צענעמט זי דאָס מויל.

די פֿרוי שאָקלט מיטן קאָפּ און שפּירט־נאָך מיטן געהער דאָס כריפּנ־דיקע הוסטן.

אַ פֿינצטערע שטילקייט הויערט הינטער דער טיר. די קאַרמען קריגט מורא אַריינצוגיין שלאָפֿן צו זיך אין איינזאַמען צימער. אַ שפּליטער ליכט לייגט אַוועק אַ שאַרפֿע קרומע ליניע אויף דער שטיינערנער ערד פֿון הייפֿל. שוואַרצקעפּיק לענט זיך אָן די נאַכט אין די פֿאַרמאַכטע אייזערנע טירן פֿון אַרומגעמויערטן דרויסן. די נאַכט רינט דאָ אויס שפּעט און ס'הייפֿל שטעלט זיך אַוועק שטייניק־גראָ צוגלייך מיטן טאָג. עס שווייגן פֿון ס'ניי זיינע טירן

פונקט ווי עס שטומען די פייגל אין די שטייגלעך. אין הויף האָט דאָן אַלדאָ זעלטן זיך געוויזן. פאַרבייגעלאָפן און פאַרדעקט מיט פלאַכטעלעך די שלעפעריקע קאַנאַרקעס אין די דראָטענע שטייגן: „אַ שונא איז זיי די שאַרפע קעלט". קוים אַ בעוועג געטאָן זיך זיין מוח און האָט ער געוואָרפן אַ וואָרט אין שטוב אַריין, איז עס געווען נאָר פון די פייגלס וועגן:

— מאַריקיטאַ, אָן די קאַנאַרקעס געדענקסטו נישט.

— אַנאַ־טערעסאַ, פאַרגעס נישט, ווי דיין פנים דאַרפסטו יעדן טאָג רייניקן די שטייגלעך.

און אַ מאָל גיט ער אַ שריי אויף:

— בהמה, שטיי נישט אויב מ׳הייסט דיך גיין. — די עלטערע פון די טעכטערלעך, אַנאַ־טערעסאַן, האָט ער פיינט, ווייל זי איז גראָב, אין דער מאַמען געראָטן. ער האָט ליב די קלענערע וואָס איז שלאַנק ווי אַ ביימל און זי שטייט אין תמידן בלי. צו איר רעדט ער ווייך.

— עלסאַ, האָסט געביטן ס׳וואַסער פאַר די באַשעפענישן? גיב אַכטונג, טייערע.

בכלל האָט ער גערעדט מיט אַנגעצויגנקייט. אומצופרידן מיט אַלעמען און מיט זיך, האָט זיך געשאָטנט דער קלאַנג פון זיינע רייד. אַ בלאַסער זיך אָוועקגעשטעלט אין פענצטער, איז דאָן אַלדאָס בליק געווען פאַרקוקט ווייט נישט צום דרויסן. מידקייט האָט געקוקט פון אים. אונטן האָבן מענטשן זיך ווינציק באַוועגט, ווי שטעכלמייז האָבן אויטאָמאָבילן טונקל זיך פאַר־בייגערוקט. אומעטיק. אַ פאַרהויכטע פון קעלט האָט די גאַס זיך אַנטפלעקט אין די שויבן. פונקט אַזוי האָט אין מאַטקייט געגליווערט דער חלל פון דעם טאָג וואָס האָט זיך געשלעפט, געצויגן זיך ווי פון פעך אַרויס.

◈

אומהיימלעך האָט זיך געצויגן די צייט. פלוצלינג האָבן די טעג זיך גענומען שטעלן אין ווייכקייט, ברייטער איז געוואָרן דאָס ליכט און הויך. געוויזן זיך דער פרימאַרגן, האָט ער זיך אויסגעלענגערט אין דער נייער זון. די זון איז געגאַנגען איבער ווינט־פאַלדן, בייגעקומען זיי און איינגע־שלעפערט געוואָרן אויף די שטאַפלען פון פלאַטאַ־טייך, אויף די פליינען פונעם מידבר, וואָס לעכצט נאָך דער באַפרוכפערנדיקער האַנט פונעם מענטש און דער מענטש קומט נישט און קומט נישט. מ׳האָט זיך נישט געריכט און פלוצלינג אָנגעהויבן שפירן אַז דאָס ווינטערקלייד איז צו שווער געוואָרן.

אויך צום הייפֿל אויפֿן גאָרן האָט דערגרייכט דאָס פֿריי־יאָר. פֿענצטער האָבן זיך געעפֿנט, ווי אויגן האָבן זיי זיך צעעפֿנט און געקוקט אין איבער־געזעטיקטקייט פֿון רו: פֿונאַנדערגעצויגן איז דער הימל; געלע, פֿליושענע מימאָזע־בלימלעך האָבן איבערן נאָענטן דאַך גרינגער געמאַכט דעם טאָג; די ביימער אונטן שמייכלען אין העלן, יונגן גרין. זיי זענען אַרויסגעקומען מיט צאַרטע בלעטלעך און הינטער דער טיר, אין הענגענדיקן הויף, וועקן זיך די קאַנאַרקעס אין די שטייגלעך.

אין אומעט ציילט מע נישט די חדשים, מ׳שפּירט נאָר ווי די צייט שלעפּט זיך אַ הינקעדיקע, אירע טריט גריזשלען די הויט; דאַך שטייט שוין אָקטאָבער אין די שויבן. ס׳גייט אויף דער ריח פֿון פֿרילינג.

דאָן אַלדאָ האָט אים נישט דערוואַרט, ער האָט דערפֿילט נייעם אומרו. מער קען ער נישט. און די טעכטער דענערווירן אים מיט זייער דרייען זיך הין־צוריק, ס׳ווייב מאָרדעוועט אים מיט איר שווייגן. זי איז ברוגז, למאַי ער ברענגט נישט דעם פֿולן בייטל, וואַרפֿט נישט אָן דעם טיש מיט מתנות. שמאָכטעס, גלאַנץ גיב זיי! וואָס וועט ער טאָן? זיצן ווי אַ זקן אויף קעסט פֿונעם נעכטן? ער וועט משוגע ווערן.

נמאס און נמאס און נישט קלאָר באַנומען, וואָס ער וועט פֿאָרט אָנהייבן. געענדיקט די „אַ“ מוז מע דאָך קומען צו דער „בע“. בלינדער אימפּעט האָט אים געטראָגן און קיין ווהין נישט געוווּסט. ער איז אַרויס און דערזען זיך אינעם קאַסטן פֿון הויף. שטיין איז ווי אַ גאַרטל אַרום אים און שטיינערנע ווענט אַריבער זיינע אַקסלען. ווי אַ קראַנקן האָט אים אין קאָפּ אַ מיש געטאָן די פֿרישע לופֿט, צעוואַקלט די קני. דאָס קאַפּל הימל האָט ער איצט נישט געפֿילט, אָן די פֿייגל פֿאַרגעסן. די קאַנאַרקעס האָבן אַליין אין זיך דערמאָנט: טשיקי־רי־לי, באַלעבאָס, טשיקי־קי־רי־לילי, — קוק זיך אום! ווי דער הויך פֿון פֿאַרע האָט אַ וואַרעמקייט זיך געהויבן צו זיין בליק, ס׳האַרץ איז אין אים אויפֿגעשווומען, געשווומען צו די פֿייגל, זיינע פֿייגל —

„מיינע ליבע, מיינע אומגליקלעכע!“

אין אים האָט גערעדט די פֿאַרקראַמפּטע ברוסט, ס׳מויל — פֿאַרקערט — איז געבליבן פֿאַרשטייפֿט, שטום.

צוגעגאַנגען צו די קאַנאַרקעס, צעשמיצערט זיך צו זיי און די קליינענקע, די גראָע, די געלבלעכע און ווייסקעפּלדיקע האָבן אים געענטפֿערט מיט איילעניש, מיט האַרץ און גבורה.

ווי אַ ליכטיקער שטויב האָט מיט אַ מאָל זיך אויסגעשפּרייט אַן אויפֿגעוואַכטער פֿויגלשער געזאַנג.

נישט געווען אין הויף קיינער פֿון די שכנים, נישט געווען ווער ס׳זאָל הערן — און דאַן אַלדאָס גראָע אויגן זענען איינע אַליין געבליבן שטיין אין אויפֿגעקומענעם ליכט.

ס׳איז אים אומהיימלעך געוואָרן מיט דער היימלעכקייט; עפּעס האָט ער זיך געשעמט פֿאַר זיך.

שפּעטער, אויך צומאָרגנס און איבערמאָרגן איז ער ווידער געווען אין דער ליבער מאַכט פֿון די פֿייגל. נעבעך געפֿאַנגענע מחמת זיין אייגענער פֿאַרפּלאָנטערטער בענקשאַפֿט צו פֿרייקייט פֿון די הימלען, פֿון וועלדער און פֿון ימישע ברייטן. ער האָט זיך באַדויערט און באַדויערט די קאַנאַרקעס, צו וועלכע ער איז צוגעבונדן.

אומעטיק איז געווען די פֿרייד פֿון דאַן אַלדאָ מיט די פֿייגל, דערפֿון האָבן ווייב און קינדער אין שטוב דערשפּירט אַן עוולה: „ער פֿאַרגעסט זיך ווידער, אַלדאָ, ער וועט אויפֿהערן זוכן צו פֿאַרדינען פֿאַרן הויז, דער פּאַפּאַ!״ מאַריקיטאַ האָט געטראָגן די מורא פֿאַר נויט און די טעכטער האָבן עס איר נאָכגעטראָגן פּוסטריט; זי האָט געמורמלט, זיי האָבן עס ווייכהאַרציק אויסגעטרערט.

אויסזאָגן אים זייער מורא האָבן די פֿרויען זיך נישט דערוועגט. האַרב איז דער מאַן און פֿאָטער, ביטער איז זיין עקשנות. נאָר טראַכטן האָבן זיי זיך געטראַכט:

— ס׳שלעכט, ער פֿאַרגעסט זיך ביי די קאַנאַרקעס.

שטיל. זייער שטיל. אין מאָדנעם אַפּוואַרטן איז געווען דאָס נישט רעדן פֿון מאַריקיטאַן דעם ווייב מיט די איבערגעיווירענע היפּטן, מיט די גראָבע פּיס און שטאַרק העל, מיט אַ מין להכעיס האָט זיך געצויגן איבערן קאָפּ דער געצוויטשער פֿון די קאַנאַרקעס.

— גענומען און אָוועקגעשטעלט זיך אין הויף! — האָט זיך דאָס ווייב צעבורטשעט, — זיי רייסן דאָס געהירן, די פֿייגל.

פֿרילינג אויף דער וועלט און אין שטוב שטייט אַ חושך. די לעצטע פּעזעס רינען אויס, מיידלעך דאַרף מען אָנטאָן, און מ׳דאַרף עסן, ער אַליין וויל אויך עסן — פֿון וואַנעט וועלן זיי נעמען? זי...? זי וועט נישט אָנהייבן ערשט אַרבעטן. זי איז גענוג אויסגעמאַטערט. אַ מאַן דאַרף זאָרגן, אַ מאַן דאַרף אַלץ באַזאָרגן — —

דאָן אַלדאָ האָט נישט געקלערט דערפֿון. אין מיראַזשן האָט זיך גע־פּלאָנטערט זיין געדאַנק. בלויז דער געמורמל פֿון די פֿייגל האָט אים יעדעס מאָל געוועקט.

5. לעבן און טויט

... ער קוקט, קוקט און זעט גאָר נישט!

אום זומער איז ברייטער די וועלט, כאָטש ענגער ווערט עס דעם מענטש; די זון רופֿט אים, די ווייט לאָקט.

דאָן אַלדאָן האָט עס אַ ברי געטאָן. שוין אין גאַנצן זיך פֿונאַנדערגע־עפֿנט דער דרויסן און ער ליגט אין צרות. „זיין" שיף שפּאַרט אויף די האָרי־זאָנטן, דער ים מיניעט פֿריי, ער קייקלט זיך אַ האָפּערדיקער, נאָר ער, אַלדאָ אַגילאָ, דער מאָן פֿון ים, ווערט געשטויסן צום תהום.

זיינע קאַנאַרקעס זענען צוגעווינט צו די דראָטענע שטייגן, צו די שטייניקע ווענט פֿונעם הויף אונטערן היטל פֿון הימל — פֿון דעסטוועגן שטאַרן זיי ערשט ווי קניילעכלעך רויך, גלייך צויטן אַראָפּגעפֿאַלענער וואָלקן. געשטאָרבן דער פֿויגלגעזאַנג, אָפּגעטייט יעדע בענקשאַפֿט. זיי האָבן נישט פֿאַר וועמענען... ביי אים ווערט פּונקט דאָס זעלביקע.

דאָן אַלדאָן דריקט אַלצדינג, אַפֿילו די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון די פֿייגל. דערעסן געוואָרן אים די שטוב, דערעסן דאָס ווייב מיט די טעכטער; פּונקט אַזוי איז מיט די קאַנאַרקעס. נישט ניחא דאָס צוזאַמענזיין איינע מיט די אַנדערע, מיד פֿון אומזיסטיקער ציִעניש צום באַהאַרצטן. געענוי: אַנהייב אָקטאָ־בער האָבן די „ערס" געראָפֿן, געזונגען, די „זיס" האָבן געצאַפּלט אין דער־וואַרטונג. איצט זענען זיי דערשלאָגן. אויך פֿאַרצווייפֿלונג דערהרגעט. אַ מענטש דעם מענטש דערהרגעט, אַ מענטש דערהרגעט דעם פֿויגל. מ'האָט אַנומלט נישט דערהערט די קאַנאַרקעס, ס'האָט אויסגעברענט זייער לוסט נאָך באַהעפֿטונג. כמורנע ליגט דאָ אַ קנוידער פֿון געשטאָרבענעם געזאַנג.

— איך הער דאָך, עס וויברירט אַ נישט־דערזונגענס, עס דרייט זיך איבער אין מיר ווי אַ שטיין — — זע, „זיס" הויקערן זיך אָקערשט אין אומבאַוועגלעכקייט. געליטענע פֿון מענטשישער רשעות. אויך איך בין גע־ווען טויב פֿאַר זיי. דער הויף איז פֿול מיט טויט, אָט־אָט וועט אַ ווינט אים פֿונאַנדערבלאָזן ווי אַ טונקעלן אַש — —

עס איז נישט דאָס געפֿיל פֿון באַדויערן. דאָן אַלדאָ אַמפּערט זיך מיט

דער שלאַבעריקייט, וואָס האָט שולט געווען אויף אים וויבאַלד ער האָט אָנגעוווירן די האָפֿענונג ווידער אָנצוקומען אויף אַ שיף; ער איז בייז אויף זיך, בייז אויף אַלץ. יאָ, ער איז איינצייטיק אונטערגעטעניקט דעם אייגענעם האַרץ און כוחות שפּילן אין לייב, מחמת דעם צעטרייסלענדיקן בענקען, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרדרענגען אין דער פּישטשענדיקער ברוסט.

דערשטיקט דער זמן פֿון ליבע ביי די פֿייגל — שיינט ערשט אין זיי דער חלום פֿון די הייכן; אין סאַמע טויט פֿון די פֿליִענדיקע ציט זיי נאָך דער טיף־שטראַליקער לאזור, ער וויגט זיך אין זיין גרויסן גליוזער און זשומזשעט קוים הערעוודיק.

אויך אין דאָן אַלדאָן קאָנוולסירן די וויטיקן, וואָס לאָזן זיך מער נישט דערגרונטיקן. ווי אין אַלקאָהאָל־בראַנד גייען אַ מאָל אויף פֿאַר אים פֿאַרלוירענע ברעגעס, גראָד איצט זינקען זיי און טונקלען אונטערן געשריי פֿון הונגעריקע שפּאַרבעס, וואָס שפּרייטן זיך און פּאַכען.

אַנטקעגן דעם פֿלייצנדיקן ליכט האָט דעם מענטש געצויגן צום דרויסן. ער גייט, ער וועט זען אַ באַקאַנטן, ער וועט דאָך אפֿשר עפּעס אָנכאַפּן, גע־פֿינען. אין הייפֿל האָבן די פֿייגל אים צוריקגערופֿן, נישט געלאָזן גיין:

— לייז אונדז אויס, ליבענקער!

זיין אייגענעם וויטיק האָט ער געהערט אינעם פֿייגלשן רופֿן.

דאָן אַלדאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, צו זיי געפֿייפֿט. ס׳קליינוואַרג אין די שטייגן האָט אויפֿגעהויבן אַ טומל, געפֿלאַטערט און געריעדט. דערנאָך האָבן זיי זיך אייפֿעריק צעזונגען: „מירן דיך פֿאַרחברן, מירן דיך צוקניפּן צו זיך, טשיקי־רילילי־לילי!“ די „ערס“ — האָט ער געשמייכלט, — קענען נישט פֿאַרגעסן די עוולה, די „זיס“ קלאָגן שעמעוודיק: אַ פֿרילינג פֿאַר־שפּילט!

ער האָט גערעדט צו די פֿייגל, זיי האָבן אים פֿאַרפֿלייצט מיט אַ שפּי־ציקן, ציטעריקן געפּלוידער. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון ווי זיין האַרץ הייבט זיך פֿון פֿרייד מחמת דעם וואָס די פֿייגל דערקענען אים אויף אַן אמת. אָ, די דאַנקבאַרקייט פֿון די אומשולדיקסטע, די אָרנטלעכסטע אונטער גאָטס הימלען! ערשט פֿילט ער: עס איז נישטאָ קיין שותּף צו זיין ווײ.

דאָן אַלדאָ האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פֿון דעם גלייכגילט וואָס האָט אים געפֿאַנגען, אַ גלייכגילט וואָס האָט אָפּט מאָל גערדריקט ביז גאָר. ער וועט פֿאַלן — האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ פּלוצלינגקייט — אויב ער

וועט אַזוי זיצן אין שטוב ער וועט פֿאַרוויבערישט ווערן. און אַלדאָ איז בגוואַלד אַוועק אין שטאָט אַריין, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט געגוי — צו וואָס ער גייט. אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט מיטן ליידיקן, האָט ער שוין פֿאַרבראַכט אין הויף. צווישן אָט־די מויערן איז בעסער, — האָט ער געפֿילט, — אַפֿילו לופֿטיקער און ס׳איז נעענטער צו דער חברותא פֿון די פֿייגל.

באַוויזן זיך, האָבן די קאַנאַרקעס אויפֿגעלעבט: טשיקירילי־לילי, טשי־קי, אָן אָפּשטעל, אָן אויסלאָז. ס׳גוט צו פֿאַרמאַכן די אויגן, ער וויל זיך עפּעס דערמאָנען און — ער וויגט זיך, וויגט זיך; דאָס געזאַנג כוואַליעט אויף פֿליסיק, פֿאַרביק, אין בולטע שטרייפֿן שטויסט עס זיך אַרויף, אַרויף צו די הייכן פֿונעם אָנענד. אין דער ראָם פֿונעם הימלבילד, וואָס שפּרייט זיך פֿאַר אים, באָמבלען זיך די שטייגן און הינטער זיי וויגט זיך ער — ער אַ פֿאַרשלעפּערטער און דאָך אַ מאַגיש־וואַכער.

— — — זומערדיק איז די זון געשטאַנען אין ווייטלעכן גלי, וואָס אַ מאָל איז געוואָרן הייסער און דאָן אַלדאָ האָט אײַנגעפֿירט אין די נאָכ־מיטיקס אַרויסצוזעצן זיך אין הויף אַריין. ביז האַלבטאָג איז שווער אין דרויסן. בעסער דעמאָלט זיך אויסצובאַהאַלטן. שפּעטער נייגן זיך שאָטנס צו די קני פֿון די הויכע מויערן. נישטאָ קיינער אַ גאַנצן טאָג אין הויז אַ חוץ זיי, די אַגילאָס, לאָזט דאָן אַלדאָ זיך אַראָפּ אויף אַ לענשטול, ער דרימלט גערן איין און דער פֿויגלשער געפֿלוידער טראָגט אים אַוועק אין אַ יונגן חלום אַריין:

איביסאַ מיין היים. ער באַוועגט זיך איבערן מילד־מילדן אָוונט ווי אויף אַ שפּיגלגליטש. עס טראָגט אים גיך אין אַ פֿויגלשוועב און זיין שווי־מענדיקער לאַמטערן ברענגט אים פֿאַרן צעליכטיקטן פּנים פֿון ים — — פֿיש קומען, פֿיש איילן מיט צעצאַפּלטע פֿלוספֿעדערן, מיט פֿילפֿיסלדיקע גליטשיקע בייכער, צעצונדענע רויטע און זילבער־גראָע, שלאַנגיק־שמאָלע און לאַנגע מיט פּיצל קעפּ; אַלע אין איין גרויסן ליכטקנופּ און ער אין דער מיט, ער אין סאַמע מיטן פֿון די אויפֿגערודערטע פֿיש אינעם ליכטפֿלייץ — — אָ, ר׳וואָלט געשווירן אַז ר׳איז אָפּגעשווומען פֿון איביסער ברעג און ס׳שיפֿל וואַרט נאָך אויף אים.

קענטיק, נישט אים אַליין פֿאַנגט דאָס פֿון ס׳ניי אויפֿגעוואַכטע טרעלן פֿון די פֿייגלשע העלדזלעך. עס צעקלעפּן זיך זיינע ווי:עס: אין די אייבערשטע מויער־ווענט צעבלענדיקט זיך אַ שויבן־גלאַנץ, די שויבן שפּאַרן זיך הויך,

העכער איבערן הויף וואָס שטייט אַקעגן דעם הימלפּענצטער. אויבן ציִען עס קרעפּטיק די ליכט־ און לופט־שטראָמען, אונטן הודזשעט די זשעדנע שטאָט, זי טרעט אַן אומגעלומפּערטע, אַ פאַרשייטע, אַבי זיך דורכצושפּאַרן. אָט־אָט גרייפּט דאָן אַלדאָן ווידער אָן דאָס באַוווּסטזיין פון פאַרלוירנקייט: ווי וועט ער זיך דורכקריגן? אַ ווילקירלעכע מאַכט איז די שטאָט. זי קילט די בלוטן פונעם מענטש. ברויט, ס׳הויז, די פאַמיליע — ס׳איז אַ באַרג! קען ער אויסמיידן אַזאַ באַרג? ביז איצט האָט ער נישט באַנומען דאָס טראַגישע פון דעם מ ו ז זיך צונויפשטויסן מיט דעם אַלעם! דער ים לעבט, האָט ער מיט אים מיטגעלעבט. אָבער אַצינד? דער דאָזיקער פרעג מ אָ נ ט. ער מאַטערט. יאָרצענדלינגער זיך געהוידעט אויף שיפן, אַ מענטש האָט זיך געדרייט אַרום מענטשן און געבליבן אַ נאַר.

מיט די נעגל האָט יאוש זיך איינגעגריזשעט אין אים און דאָן אַלדאָ האָט אים מבטל געמאַכט: כ׳וועל זיך אַן עצה טאָן. גרויסע שטורעמס בייגעקומען, וועט ער אַזוינס נישט באַוועלטיקן? ער וועט זיך אַרומזען, און וועט גאָר נישט זיין אויפצוטאָן, וועט אַלדאָ אַגילאָ פונקט ווי זיין זיידע זיך באַזעצן אויף פעלד; די ערד וועט אים שפּייזן און ער וועט זי שפּייזן. אַ דאגה אים! — און אין ברוסט האָט אַ פאַרקוועטש געטאָן ביז טרערן־פייכטקייט, אים דעם מאַנצביל וואָס דער מוח איז ביי אים שטאַרק דורכגעברענט פון כל־ערליי נויטן, וועלכע לאָזן זיך נישט תמיד אויסדערציילן.

געוואַלט, נישט געוואָלט — פאַרצווייפלונג איז אים נאָכגעגאַנגען. דאָס האָט אים געשטויסן מיט שאַרפע הערנער; אַ פאַרצווייפלטער האָט ער איט־לעך מאָל זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט וויין־טרינקען. און איז ער דערפון מיד געוואָרן, האָט ציגאַרן־רויך אים אַוועקגעפירט אין פאַרגעסנקייט. גע־זעסן דער מענטש און געפּיפּקעט, אָן אויפהער געצונדן דעם טאַבעק כדי צו פּיפּקען.

עס האָט כמו געהאָלפן. די שיכרות פון פלאָגנדיקן געדאַנק האָט נישט אפּגעלאָזן.

און די פייגל האָבן דאָן אַלדאָן צוביסלעך אַפּגעלענקט פון אומעט. אין חמימהדיקן יאַנואַר און פעברואַר האָט ער אין גאַנצן זיך צוגעקניפּט צו די פייגל. פאַרשמאַכט געלעגן דער דרויסן פון די שווערע היצן, איז ער ווינציקער אַרויס אין שטאָט אַריין. אַרומגעדרייט זיך אין הויז אין אַ ספּאָרט־העמדל און אין קורצע הייזלעך, אַליין געוואַשן די שטייגן, מיט אַ שטראָם קראַן־וואַסער געצוואָגן די פייגל. די פּיצל־אויגיקע, העל־פעדערדיקע באַשע־

פֿענישלעך האָבן זיך גערן געשטרעקט צום קילן וואַסער, נישט קיין פּיפּס געטאָן און דערנאָך פֿריילעך, ציטעריק זיך אָפּגעשאָקלט מיט פֿיסקלדיקע געשרייען. שפּעטער האָבן זיי דאַנקבאַר געפֿלוידערט, זיך צעזונגען. אַ צע־פּיצלטע, אַ צעקלונגענע האָט די הייסע, פֿייכטע לופֿט אין ענגן הויף לאַנג וויברירט פֿון דעם פֿייגלשן זיסן אָטעם. אַ זון־רויטער אין דאָן אַלדאָ מיד און גראָ אַנטשלאָפֿן געוואָרן זיצנדיקערהייט אויפֿן בענקל. איבערגעוועקט זיך אין קלעפּיקן, שווערן שוויס, האָבן די קאַנאַרקעס ווידער אים געצויגן צו זיך. צוגעגאַנגען צו די שטייגלעך, איינגעקוקט זיך מיט צערטלעכקייט, געהיט זיך זיי צו באַאומרויִקן מיט אַ רוף און מיט אַ מאָל באַשלאָסן זיי צוצעטיילן, פֿונאַנדערזעצן אין די שטייגלעך. צו היימיש איינע מיט די אַנדערע — מ׳באַדאַרף באַפֿרייען די פֿאַריאַכטע, אָפּבינדן די געבונדענע, די „זיס" צעשיידן מיט די „ערס". בעסער אַז איינער איז להוט דעם אַנדערן. אַ פּיין אַז מען דערעסט זיך! ער און מאַריקיטאַ. שוין אַזוי לאַנג ווי ער מוז הויזן מיט איר. סאַמע שלעכטס זעט ער ביי איר: אַ פֿורגאַן פֿלייש אַרויפֿגענומען אויף דעם אַנומלטיקן דיגעם פּאַרעם!

יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש געקומען אים אויפֿן זינען. מוראדיק איז דער לאַנגוויל.

פֿון זיין לוידיקגיין האָט ער געטראַכט, נישט געטראַכט; שאַרפֿער איז געווען דאָס ציִען צו דער שיף אינעם ערגעץ־ווו. „ער וועט נאָך צוּוואַרטן אַ ביסל. די זומערדיקע היצן ליימען די גלידער".

און אומגעריכט זיך געכאַפּט: ווי טויבן קען מען אויך זינגפֿייגל פֿאַר־היימישן. מ׳מוז נישט דווקא זיי האַלטן אין שטייג. מ׳דאַרף זיי צוגעוויינען אַרומצוגיין אויף דער ערד. עלעהיי הינדעלעך, וואָס ווערן נאָענט צום מענטש. געוווינשאַפֿט איז אַ כּוח. אָט ער: גיב אים אַ שיף, אַנישט איז ער אויס. ניין, ער מוז ווערן עפּעס אַנדערש. קודם איז דער געדאַנק, אָפּגעוווינען זיך פֿון איינס און צוגעוווינען זיך צו עפּעס נייס. דערנאָך...

◈

דער מענטש האָט גענומען טאָן ביי די פֿייגל — צו זיי איז אים געווען נעענטער דער וועג ווי צו זיך. ווידער איבער די שטייגן פֿונאַנדערגעזעצט די „ערס" באַזונדער און די „זיס" באַזונדער. ערשט וועט ס׳זינגען זיין אַ קלאָרס און אַן אָפּטס. „ער" וועט דערשפּירן, אַז „זי" איז נישטאָ; „איר" וועט זיך אָנגלוסטן צו מוטערשאַפֿט. ווינט זעטיקט דאָס פֿייער... ס׳איז נאָך

צייט — דאָן אַגילאָ וועט זיין אַ פֿויגל־פּאַסטעך, ער וועט זיי צונויפֿפֿירן, מישן, פּאָרן. זאָלן זיי זיך מערן. זינגפֿייגל זענען אַ טייערע זאַך, בפֿרט זייגע: די ווייסע, די גאָלדפֿלעקיקע, די זשאַווערגרינע, די גראָע. ער האָט זיך איינגעשטעלט, צוגעשווּמען אויף שיפֿלעך צו די באַלעאַרן, צו די קאַנאַ־ריִען־אינדזלען, זיך געלאָזט קאָסטן זיי אַהיימצוברענגען פֿון די ליבע ווייטן. ערשט וועט ער זיך מיט זיי פֿאַרנעמען. אויסגעוואָקסן אויף די פֿרישקייטן פֿון ימישע פֿלאַכן, געזאַפּטיקט אויף וווּנדערלעכע שיינקייטן, וועלן קומען מבינים אויף זיי. אַ גרויסע שטאָט איז געגליכן צו אַ ים — כלערלייִיק איז דאָס שווימען פֿון די מענטשן אין זייגע וואַסערן. אָקערשט וועט ער מאַכן דעם אָנהייב. גוט, זיי מערן זיך שטאַרק. ווינציק פֿייגל־געשעפֿטן אין בוענאָס־איירעס? וועט זיין נאָך איינס!

פֿונאַנדערגעטיילט די פֿייגל. אַן אומרויִקער האָט זיך דער באַלעבאָס געדרייט פֿאַר די שטייגלעך און אַ געזאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער אים. וואַרעם, ליכטיק אין דרויסן — ס׳געזאַנג האָט געוועקט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז אין הויז ווערט גערוימער, גרינגער. דאָן אַלדאָ האָט אַרויס־גענומען אַ גראָע „זי״ פֿון אַ צעשריגענער שטייג (זיי זינגען נישט, די נקבות פֿון דעם קאַנאַרקישן געביר, אַן עוולה קלאָגן זיי אויס, רופֿן מאַט), געוואַרעמט אין האַנט, געצמאָקעט צו איר מיט די ליפּן, מיט דער צונג און געלאַסן זי אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. צעטומלט האָט דער פֿויגל אונטן גענישטערט מיטן בליק און אונטערגעשפּרונגען אין נידעריקן פֿלי. דער־ווישט הויכע, שטילע פֿלאַנצן אין וואַזאָנעס אַרום די מויער־ווענט פֿון הויף, האָט ס׳פֿייגעלע זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ וואַזאָן. אין העננגנדיקער שטייג האָט אַ קאַנאַריק זיך אָפּגערופֿן צו איר, אַ צווייטער האָט דערשראָקן־פֿאַר־וווּנדערט זיך צעזונגען, און זי, די פֿריי־געוואָרענע, האָט איינגעצויגן ס׳קעפּל. געהערט, און מיט אַ מאָל פֿינטלאויגיק, גיריק זיך אַרומגעקוקט. געשטאַנען אַן אַ זייט, האָט דאָן אַלדאָ געזען דאָס קווענקלעניש פֿון דעם באַשעפֿעניש, אַפּנים עפּעס געקלערט און לסוף איז עס אַראָפּ אויף דער שטיינערנער ערד; געהיפּט פֿון אָרט צו אָרט. אַרויסאַנטפּלעקט פֿאַר זיך נייעם שטח, איז עס אַרומגעגאַנגען איבערן ענגן הויף, מיט נייגיר אַרומגעשמעקט איעדן ווינקל און געבליבן שטיין. געזען, ס׳פֿייגעלע האָט זיך אַ ביסל פֿאַרהיימישט מיט דער נידער, האָט דאָן אַלדאָ זיך אַראָפּגעבויגן צו דעם, מיט צונג־געקלאַנג זיך געהנדלט, קוים־קוים געפּייפּט און אַז ער האָט זיך אויסגעגלייכט, גע־נומען פּאַמעלעך גיין, איז דער קאַנאַריק אים שוין נאָכגעגאַנגען: היפּ־היפּ.

דער מענטש איז אַריין אין קיך־קאָרידאָר, האָט דאָס פֿייגעלע טונקל, קליין אים נאָכגעהיפּט. דערנאָך האָט דער קאַנאַריק זיך באַוויזן אין שטוב פֿון דער מענטשן־ענגשאַפֿט. אַנאַ־טערעסאַ האָט אַ פֿריילעכן געשריי געטאָן, ווען זי האָט געזען דעם פֿויגל אַרומגיין איבערן הויז, גייט און פֿליט נישט אַוועק; די יינגערע, עלסאַ, האָט בהלהדיק אויסגערופֿן מיט וואָרענונג: „דער קאַנאַריק וועט אַנטלויפֿן! — די טיר פֿאַרמאַך, די פֿענצטער פֿאַרשפּאַרט!" און אַליין געפֿלאַטערט מיט די הענט אַרום זיך, געצאַפּלט אויף די פֿיס: „אוי!" האָט די „אַלטע", די פֿליישלעכע מאַריקיטאַ אַ שטילן ברום געטאָן: — אַ טועכץ פֿאַר אַ מענטש — שפּילט זיך מיט פֿייגל!

דאָן אַלדאָ האָט עס נישט געהערט אָדער נישט געוואָלט הערן. אים איז געפֿעלן וואָס ער האָט באַוויזן צו מאַכן גיין אַזוינס, וואָס פֿליט. ער האָט געשטראַלט ווען דער פֿויגל האָט אַרומגעהיפּט. ער האָט עס אָפּגעוווינט פֿון פֿליִען און צוגעוווינט אַריינצוגיין און אַרויסצוגיין פֿון דער שטייג.

— אָט אַ וווּנדער, — האָט ער געזאָגט צו אַנאַ־טערעסאַן — פֿון אַ פֿליִענדיקס קען מע מאַכן אַ נאָכקריכעדיקס. ווו איך גיי, גייט עס נאָך.

— און מיר וועט עס נישט נאָכגיין? — איז זי געוואָרן פּלוצלינג ניי־גיריק.

— זאָלסט נישט איינשטעלן! דאָס פֿייגעלע קען זיך צעפּלאָשען. ס'וועט מורא קריגן.

און ס'מיידל האָט זיך אָפּגעקערט אין כמורע שווייגן, אָט־אָט אויסצו־קלאָגן אַ געוויין, נאָר זי שרעקט זיך פֿאַרן פֿאָטער.

דער קלענערער טאָכטער האָט דאָס קליינע באַשעפֿענישל אויף דר'ערד אויך שטאַרק הנאה געטאָן: אַ נייס אין הויז! זי גייט אין קיך אַריין, געפֿינט זי דעם קאַנאַריק; זי גיט אַ קוק — דער פֿויגל זיצט אויפֿן אָנלען פֿון אַ בענקל; ער גייט אַרום און האָט גאָר נישט בדעה צו פֿליִען. — און אפֿשר קען עס שוין נישט פֿליִען? — איז עלסאַ שוין געוואָרן אומרויִק.

עס זענען אַוועק טאָג נאָך טעג. דער קאַנאַריק איז געוועזן די סיבה פֿון איבעררופֿן און אַ סך פֿרעגענישן אין הויז. ווי אַ קליינטשיק עופֿהלע איז דאָס פֿייגעלע אַרומגעגאַנגען איבערן הויף און פֿאַרנאַכט איז עס אַליין אַריין אין דער אָפֿענער שטייג. מ'האָט נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי — צום קאַנאַריק האָט זיך באַוויזן אַ גראָע שוואַלב. ביידע פֿרעמדע פֿייגל האָבן זיך צוגעוווינט צו איינאַנדער און מ'האָט נישט דערקענט ווער עס איז ווער: וועלכער עס איז דער זינגפֿויגל און וועלכער דער פּראָסטער דאַכ־

פֿויגל. יעדן טאָג איז די שוואַלב געקומען אַנצופֿליִען צום קאַנאַריק, פֿייגלש זיך דערנעענטערט און באַשיימפּערלעך האָבןביידע זיך ליב געקריגן. ווען דער „ער" אין שטייג, די פּאָר פֿון דעם אַרומשפּרייזנדיקן קאַנאַריק האָט זיך צעזונגען אין בענקעניש, גערופֿן די „זי" צו זיך, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ גלייכגילט: די קאַנאַריצע איז אַרומגעגאַנגען פּאַרטון מיט זיך און נישט געענטפֿערט אויפֿן טשיריקען, אויפֿן גאַרנדיקן רוף פֿון „אים". אַן אַנדערש מאָל האָט „זי" אַ פֿאַרהאַרבעטע זיך אַוועקגעזעצט צווישן גרינעם געבלעטער פֿון אַ הויכן, ברייטן וואַזאָן און געוועזן פֿאַרטראָגן אין חלומות פֿון אַ פֿויגל־ווייב וואָס האָט דאָס האַרץ אַוועקגעשאָנקען אַ פֿרעמדשטאַמיקן. דאָס מענטשישע הויזגעזינד פֿון די אַגילאָס האָט זיך עפּעס נישט געכאַפּט דערויף און עס האָט נישט פֿאַרשטאַנען דאָס סודותפֿולע פֿון דעם קאַנאַרישן האַרץ. אַלעמען האָט נאָר געפֿרייט וואָס דער קאַנאַריק גייט זיי נאָך ווי אַ שטוביק הינדל.

און דאָן אַלדאָ האָט זיך אַ ביסל פֿאַרגעסן ביים געטועכץ אַרום די פֿייגל און מיט דעם אַנגעשטעקט אויך די שכנים. אַהיים געקומען די אַלטע בחורים, האָבן זיי זיך שוין געפֿרעגט אויף די פֿייגל, ווי זיי פֿירן זיך אויף נאָך דעם ווי מ׳האָט זיי פֿונאַנדערגעשיידט פֿון די ביזאַהעריקע פּאָרן. און זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי עס גייט מיטן פֿייגעלע וואָס וויל מער נישט זיין אין שטייג. די קאַרמען האָט עס אַרויסגעבראַכט באַדויערלעך:

— ס׳אַרע שאָד! איינס אַזוינס — וועט עס פֿאַרגעסן ס׳פֿליִען, אַנדערע וועלן אויפֿהערן זינגען. אַ שאָד, שכן, — פֿייגל דאַרפֿן זינגען און זיי זענען באַשאַפֿן געוואָרן צום פֿליִען. גייענדיקע פֿייגל זענען נישט קיין פֿייגל. באַרעכן זיך, גוטער דאָן אַלדאָ.

— הי, הי־הי, — האָט דער געוועזענער מאַטראָז טאַמעוואַטע געשאָקלט מיטן קאָפּ און די אויגן האָבן שיכור געלויכטן.

דער ברייטקעפּיקער קאָנסטאַנטין האָט טרויעריק געוויגט מיט זיין גאַנצן גרויסן געשטעל און דער קליינער כואַן האָט געלאַכט דריבנע:

— ווי איך, וועט דער קאַנאַריק נישט האָבן מיט וועמען חתונה צו האָבן. ווען די סעניאָריטעס האָבן געוואָלט, האָב איך נישט געוואָלט, ערשט וויל איך, וויל נישט די קאַרמענסיטאַ! — און לאַכט, לאַכט, אַזש די פֿייגל דערשרעקן זיך פֿון דעם צונגיקן געהילך און זיי הערן אויף זיך איבערצורופֿן.

אָבער דער באַלעבאָס איז אַלץ פּאַרטון מיט זיינע מטושטשע געדאַנקען:

„פֿייגל לעבן, זיי פֿאַרשטייען דען ווי אַזוי ריכטיק צו לעבן?"

... מיט דער צייט האָט דאָן אַלדאָ זיך מיישב געווען און גענומען די פֿייגל צונויפֿפֿירן פּאָר צו פּאָר אין די שטייגן, פֿונאַנדערגעהאַנגענע איבער דער ווינקל־וואַנט פֿונעם הויף. די קאַנאַריצע, וואָס האָט זיך צוגעווינט צו דער ערד, האָט איצט נישט צוגעלאָזן צו זיך דעם קאַנאַריק, מיט וועלכן מ׳האָט זי דערנענטערט. זי האָט דעם „ער“ נישט סובל געווען. אויף זייַנע צערטלערייען האָט זי געענטפֿערט מיט אַ בייזן, אָפּגעהאַקטן ברום, צומאָל אים אַ פּיק געטאָן און זיך אָפּגעקערט. אַ געיאָמער האָט זיך געהערט פֿון דער שטייג. פֿון פֿויגלשער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן דערשלאָגנקייט. געבליבן זיצן אַן אָפּגעזונדערטע אויפֿן שטענגל אין שטייג, האָט די „זי“ טרויקן, לאַנג געטשיריקעט, געבלאָזן זיך, געפּלאַטערט. דאָן אַלדאָ האָט נישט תופֿס געווען דעם קידער־ווידער און געפּרוווט די קאַנאַריצע ווידער אַרויס־צולאָזן פֿון דער שטייג. אָפּגעווינט זיך, די „זי“, האָט ער געמיינט. אַ פּאָר־קאָרטשעטער האָט דער קאַנאַריק דערנאָך געהויערט אין גרינס־באַהעלטעניש פֿון אַ וואַזאָן אויף דער ערד, געהויערט און טריב געשוויגן. ווינציקער גע־שוויגן האָט דער פֿאַרלאָזענער „ער“: טשיקירילי־לילי, טשיקי, און נאָך אַ מאָל, נאָך אַ מאָל אויפֿן לשון פֿון פֿויגלשער בענקעניש גערופֿן די ליבסטע. „זי“ האָט כמורע געקוקט, איינגעהערט זיך אין דער טעמפּער ווייט, ביז פֿאַרגנבעטערהייט איז צו איר אַנגעפֿלויגן די גראָע שוואַלב. אַ פּאַרטייעט פּלאַטערן האָט זיך אויפֿגעהויבן אַרום דעם הויך צעוואַקסענעם וואַזאָן; ווי אַן אונטערגעבריט ווינטל האָט עס געפּלאַטערט, אַ ווינטל אַ פֿאַרפּלאָנטערטס וואָס איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען. דערנאָך איז שטאַרק שטיל געוואָרן. אַלע מאָל אַזוי, ווען די שוואַלב איז אַנגעפֿלויגן און זיך דערנענטערט צו דער קאַנאַריצע. אויסוואַרטנדיק האָבן די פֿייגל געגליווערט אין די שטייגן און פּלוצלינג גענומען בהלהדיק טשיריקען, איבעררופֿן זיך, גלייך אַן אומגליק וואָלט אָנגעיאָגט אויף זיי.

יעדן טאָג אַזוי. און יעדן טאָג האָט די קאַנאַריצע אַרומגעהיפּט איבערן הויף, געקומען אין קיך אַריין, אַריין אין שטוב פֿון די אַגילאָס און אַרויס־גערופֿן התפּעלות ביי די מענטשן, וואָס אַ פּליִעדיקס איז ביי זיי געוואָרן אַ גייעדיקס. אויף ביינאַכט איז דער פֿויגל אַליין אַריין אין דער שטייג און אין דער פֿרי — אַרויס. אויפֿן ראַנד פֿון דער מויער־וואַנט, וואָס גרענעצט אָפּ דאָס הענגענדיקע הייפֿל, האָט זיך באַוויזן די שוואַלב. די קאַנאַרקעס אין די שטייגן האָבן דאָס אָנגעזאָגט מיט אַ הייסן איבעררוף, ווי עס וואָלט געקומען אַ סכנה. דערנאָך זענען זיי געבליבן זיצן אין פּאַרטייעטן שווייגן.

אָפּגעשניטן געוואָרן זייער לעבהאַפּטיק געזאַנג און דער הויף מיט די פֿאַר־מאַכטע טירן איז געשטאַנען אין לויער ווי אויף אַ שונא, און אַ מאָל אין גרויל פֿון פֿאָרשטייענדיקן אָפּוואָר. שווייגנדיק האָט דאָן אַלדאָ זיך געפּרייט וואָס די קאַנאַריצע גייט אים נאָך ווי אַ דריבנע הינדעלע, אַ גראָענק שאָקלקעפּעלע, געכאַפּט עס און געוואַרעמט ס׳ציטעריקע נפֿשל אין זיין האַנטפּלאַך און ווידער עס אַרויסגעלאָזן. טאָג ביי טאָג אַזוי, ווי לאַנג עס ציט זיך דער פֿאַרנער, דער ליכטיקער זומער, וואָס איז ביים מענטש אַ גליקלעכע צונויפֿ־העפּטונג פֿון לעכצנדיקן האַרץ מיטן גרינעם פֿעלד, בלאָען הימל און פֿייגלשן געצוויטשער —

ביז דאָן אַלדאָ האָט אַ מאָל זיך דערנענטערט צום גרויסן בלומענטאָפּ, וווּ די גראָע קאַנאַריצע פֿלעגט אָפּט זיך אַראָפּזעצן וואַרטן אויף דער שוואַלב, וואָס פֿליט אָן פֿון יענער זייט הויף; צוגעגאַנגען און געזען ווי די „זי״ האָט ביים ראַנד פֿונעם וואַזאָן אָנגעבראַכט שטרויעלעך, פֿעדערן און פֿעדעם און גענומען אויסבעטן אַ קימפּעט־געלעגער; אַ נעסט פֿאַר אַ בייעם דור בויט דער איידעלער פֿויגל, אַ מאַמע־נעסט אין שותּפֿות מיט... מיט וועמען מאַכט די ברוגזע?

אַז די קאַנאַריצע איז צעקריגט מיט איר פּאָר, האָט מע געדענקט. די אַגילאָס האָבן גענומען זייטיק נאָכקוקן דער דאָזיקער, צוגעזעען דאָס אָנקומען פֿון דער פּראָסטער שוואַלב און דער נייגיר האָט זיי באַלעבט. טשיקאַווע, טשיקאַווע פֿון אַ פֿויגלשטיק! די מיידלעך האָבן זיך געפּרייט מיט דער פֿאַרחברונג פֿון דער קאַנאַריצע מיט אַזאַ:

— נישט אייער עסק! — האָט די מוטער זיי אָנגעשריגן. זיי האָבן זיך אָבער געטראַכט ס׳זייעריקע. און קוים זיך דערוואַרט אויף דער אַלטער.

— אָ, סעניאָראַ קאַרמען. מירן אייך ווייזן וואָס ס׳טוט זיך! — און מיט שטילע, געלאַסענע טריטעלעך זיך צוגעקראָגן מיט דער אַלטער צו דער קימפּעט־נעסט וואָס פֿריש געגרייט אינעם בלומענטאָפּ. — פּיצענקע פֿייגעלעך וועלן זיין, סעניאָראַ קאַרמען, אינטע־רעסאַאַנט, האַ?, — האָט די קלענערע כמעט אַריינגעזונגען דער אַלטער אין אויער אַריין. עלסאַס גאָמבע האָט׳ס ממש אויסגעקלאַפּט דער שכנה אויפֿן אויערלעפּל, איר גאָמבע האָט זיך צעציטערט, די אויגן געגלאַנצט.

— טשיקאַווע, אויסטערליש, — האָט די עלטערע פֿרוי געערדט אין פֿאַרנאַכטיקן הויף אַריין און אַ באַאומרוּיקטע אַוועק צו זיך אין צימער אַריין זיך אַוועקלייגן אויפֿן בעט. — אַ קאַנאַריק און אַ גאַסיקע שוואַלב?

פֿרעמדע צווישן זיך ווי זומער מיטן ווינטער און דאַך זיך ליבן! האָ, האָ, דאָס גרעסטע וווּנדער! אַבי זי קלערט ווי אַזוי זי קען זיך צוזאַמענגיין מיט מיגעלן — — באַשטימט, ס'אַ באַשערטע פּאָר. ווי ער האָט ליב די קאַר־מענסיטאַ!

שטאַרק טונקל געוואָרן אין הויף און ציטעריק שפּירט מען, אַז ער הענגט הויל איבער דער ערד, אַן דער פֿעסטקייט פֿון אַ זיכערן אָנשפּאַר. ווי מאָד־נע: גאָר נישט צו קענען פֿאַרפֿלאַנצן אין אייגענעם הויף, קלערט די קאַרמען אַ זייטיק קלערן — ווייל סאַמע שטייך איז זיין געביין, אַנגעפּירטער, אויס־געגאָסענער שטיין. דערפֿון האָט דער אומעט דאָ זיך איינגענעסטיקט. — אַ מידע טראַכט די קאַרמען אין מיטן דער אַנגעפּינצטערקייט און איר גלוסט זיך נישט אָנצוצינדן אַ פֿלעמל פֿייער. ס'גוט אַז אַלץ איז פֿאַרטרונקען אין דורכויסיקן שאָטן. מ'האָט נישט געזען נישט די אויסטערלישע נעסט און נישט די פֿייגל, נאָר אין די שכנותדיקע צימערן איז געשטאַנען די נייע היימלעכקייט:

— אַזאַ קליינינקס און ס'האָט אָנגעפּירט אַ געשיכטע, איי־איי!

◈

פֿון ס'ניי האָט אויף דינע טומאַנען זיך אַראָפּגעלאָזן אַ נייער טאָג.

עס האָט אויסגעזען, מ'האָט אין הויז אונטערן קליינעם קוואַדראַט הימל פֿאַרגעסן די זאָרגן, וואָס דאָס היימזיצן פֿון דאַן אַלדאָ האָט אָנגעבראַכט אויף ווייב און טעכטער, געבליבענע אָן רום און אָן מתנות פֿון רייכע לענדער. דער אומעט האָט געשפּונען זיינע האַרטע צוים־שטריק פֿאַרן שטיינערנעם הויף. די נעסט פֿון דער קאַנאַריק־מוטער האָט זיך אַלץ געבויט, די פֿרעמדע שוואַלב איז אַנגעפֿלויגן און דער נייגיר פֿון אַגילאַס מיידלעך האָט זיך איינ־געלאָשן, אָבער אויף דער ליבע פֿון דער קאַנאַריצע מיט דער שוואַלב האָט זיך געשטעלט יעדער שמועס אין הויף, ביז עס איז געקומען — דער טויט.

אַ שטילע בהלה איז אויסגעבראָכן אין הייפּל. „געזען? איר'ט עפּעס גע־הערט?" מ'האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנען און ווי אַזוי — דאָניאַ מאַריקיטאַ האָט אומגעריכט געפֿונען די קאַנאַריצע ליגן אַ טויטע. עס איז געווען נאָענט פֿון דעם מוטער־געלעגער, וואָס זי האָט געגרייט אין בלומענטאָפּ. מיט אַ פֿאַרוואָרפֿן קעפּל איז דער פֿויגל געלעגן אויף דער ערד און אַ בלוטיקער רובין־קריץ ווי אַ קרוין האָט געגליוערט אויפֿן פֿאַרטונקלטן שאַרבנדל פֿון דער „זי", וואָס האָט זיך געקליבן אויסוואַרעמען אַ נייעם דור. דאָניאַ מאַריקיטאַ

האָט אויפגעהויבן אַ פּלוצלינגדיק געשריי, גערופן דעם מאַן: „אַל־דאַאַ, אַלדאַ, זע״! די מינדלינס, וואָס ווייזן זיך זעלטן אין הויף, זענען אויך אַרויסגע־קומען — אַלע האָבן זיך אָנגעשטעלט איבער דעם טויטן פייגעלע און שווער געשוויגן. ביי דאַן אַגילאַ האָט אַ טרער זיך געהערט אין קול:

— אַנדערהאַלבן יאָר אין גאַנצן אַלט, די יחוסניצע פון די באַלעאַרן. אַזאַ שאָד! אַזאַ שאָד! פאַרמיאוסט געוואָרן איר די שטייג, פאַרמיאוסט דאָס לעבן — —

— אַליין זיך געהרגעט? נישט אמת, אַלדאַ, — האָט ס׳ווייב דערווידערט:

— זי האָט זיך דאָך געקליבן ברענגען נייע קינדער.

— ס׳אומגליק געפינט שוין זיינע תירוצים, — האָט ער אַ טרעריקן ברום געטאָן.

די מינדלינס האָבן פאַרצאָגט געשאָקלט מיט די קעפ:

— אומגליק?... ווער קען דאָס אויסמעסטן! — מאַן און ווייב האָבן פאַר־קוועטשט די מיילער: — מענטשן ווייסן... אַ פייגעלע. שוין דאָס וואָס בלויז אונדז איז באַשערט געווען! ווער׳ט זיך אומגעקוקט?

אין זייערע אויערן איז לעסטיק געשטאַנען דאָס ווילדע געשריי פון דאַניאַ מאַריקיטאַ. געזעצן, די מיידלעך גיסן טרערן, האָבן די יידן שעמעוודיק זיך אָוועקגעשאַרט פונעם געזעמל, וואָס האָט באַוויינט ס׳פייגעלע.

... אין דעם זעלביקן בלומענטאָפּ, וואָס האָט אויפגענומען די מוטער־נעסט פון דער קאַנאַריצע, האָט דאַן אַלדאַ געעפנט אַ קבֿר פאַרן טויטן פויגל.

— ערגער פון סם איז די אייפערזוכט, — האָט אַ זאָג געטאָן די באַ־ריידעוודיקע קאַרמען.

— אַוודאי. פון דרויסן איז געקומען דער טויט אויף דער אָרעמער. אַ שוואַלבן־נקמה!

— אַזוי לאָזט זיך אויס די צו הייסע ליבע, — האָט נישט אָן ביטער־ניש געמורמלט דער קליינער כואַן מיטן אַלטן פנים פון אַ ווייטן פויגל.

— שרעקלעך אַ קבֿר הינטער דער טיר! — האָבן צווישן זיך געזיפצט די יידישע שכנים.

אין די פאַרנאַכטן, די מידע קאַרמען פלעגט אַהיים קומען פון דער אַרבעט, האָט זי שווייגנדיק זיך אָוועקגעשטעלט אַקעגן דעם פויגל־קבֿר און גערעדט צו זיך:

— אַרעמענקע, נעבעך. — און טרויעריק דערמאָנט זיך אָן דעם פֿאַר־שטאָרבענעם קאַרליטאָס, וואָס האָט זי איבערגעלאָזן איינענקע אַליין.

דאָן אַלדאָ איז בפֿירוש געבליבן אין טרויער מחמת דעם טויט פֿונעם פֿויגל. זיין קבֿר האָט ער אַרומגעשטעלט מיט קליינע ווייסלעכע ים־מושלעס און עס זענען אים טייערער געוואָרן די קאַנאַרקעס, וואָס אין די שטייגלעך.

◈

— או־ו־אַאַאַ! או־אַאַאַ! — אין פּלוצלינגע אויסבראָכן האָט אַ געוויין אין בהלהדיקן ליאַרעם זיך צעשפּרייט איבערן הענגעדיקן הייפֿל.

ס'איז געווען גאַנץ פֿרי, האָט יעדער געשריי פֿאַרבליפֿט זיך אָנגעשלאָגן אין די נאָענטע ווענט.

— אַ־אַאַאַ! וואַ־אַאַאַ, כ'על שוין נישט! — האָט זיך שוין בולטער געריסן דאָס ווינענדיקע געשריי און מיט מהומה זיך צעגאָסן אין דרויסן — אַאַאַאַ! איי־אַאַאַאַ, ר'וועט מיך דערהרגענען, מאַמ־מאַאַא, די האָאָאָ־אָאַר — —

אין אימפּעטיקע אַקאָרדן האָבן געפּלאַצט די פֿענצטערס ליאַרעם, זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן מיט רויען כליושטש, גערונען אין דעם ניכטערנעם דרויסן אַרויס וואָס איז געשטאַנען פֿאַרחידושט אין זיין גאַרער אַרומגעמויערטקייט. ס'רוב טירן זענען שוין געווען פֿאַרמאַכט אויף די הענגל־שלעסלעך. אַלע געווען אַוועקגעגאַנגען אין וואָכעדיקן פֿרימאָרגן אַריין. בלויז די ייִדישע שכנטע האָט זיך געמוזט באַאומרויִקן פֿון די פּלוצלינגע יללות, וואָס ציִנדן זיך אַריבער דער וואַנט, פֿאַלן און פֿלייצן ערגעץ אין דערשטיקטן ספּאַזם. זוער ווייס, וואָס דער טאָג וועט היינט ברענגען, אויב ס'האָט זיך אַזוי אָנ־געהויבן?

ווי גוואַלדריסן אין דעם יונגן מאָרגן, האָבן די געשרייען געהויבן די פֿרוי מינדלין פֿון געלעגער אַראָפּ. זי האָט פּאַוואָליע אויפֿגעשלאָסן די טיר און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ: שטיל, גליוועדיק גראָ די שיין, שטייניק די אַרומיקייט. ווי אַ בלינדס קוקט ס'גאַנצע הייפֿל. נישט געזען קיינעם אין דרויסן, האָט די פֿרוי צוגעשפּאַנט אין סאַמע מיטן הויף אַריין — אפֿשר וועט זי דערגיין וואָס איז ס'געשריי אין סאַמע אין דער פֿרי. אפֿשר נישט פֿונעם שכן מיט די טעכטער? אויף אירע טוכענע שטובנשיך האָט זי גע־געשטעלט די טריט, דערזען די פֿייגל־שטייגן נאָך פֿאַרדעקט. הפנים, ס'טאַקע נאָך פֿרי, און זי פֿאַרגינט זיך צו פֿאַררייסן דעם קאָפּ אין דער הייך, צו זען

צי דער טאָג וועט הײַנט זײַן אַ רעגנדיקער: עס ברעכן איר אַלע גלידער און די אָדערן פֿון די הענט זענען אָנגעדראָלן אָט־אָט צו פּלאַצן, השם ישמרנו. זי קוקט, ווײַל מיטן אָטעם דערגייען צי ס׳איז פֿײַכט די לופֿט. אָך, ס׳אַרע צרה דאָס איז פֿאַר איר קראַנק לײַב. זי גיט אַ זיפֿץ און אומגעריכט באַווײַזט זיך פֿאַר דער טיר דער שכן דאָן אַלדאָ.

— גוט מאָרגן, סעניאָראַ, — זאָגט ער — ווערסט אַנטשולדיקן וואָס מ׳האָט דיך אויפֿגעוועקט.

— אויפֿגעוועקט? — שפּירט זי אַ באַדאַרפֿטיקייט זיך צו פֿאַרענטפֿערן

— כ׳בין שוין לאַנג אויף.

— כ׳מיין, — קווענקלט ער זיך — דאָס געשריי וואָס מײַן טאָכטער האָט אויסגעקוויטשעט. — ווערסט נישט האָבן קיין פֿאַראיבל, סעניאָראַ. בײַ שכנים מאַכן זיך עגמת־נפֿשן, מוזן די זײַטיקע אויך לײַדן, — ווײַל ער זײַן אײדל צו דער פֿרוי וואָס איז קענטיק אַ געליטענע. — פֿאַרשטייסט, איך בין אַ פֿאָטער. אויף אַ קינד מוז מען אַכטונג געבן, בפֿרט אויף אַ מיידל — — אַזאַ אומגעהאָרכיקע, סעניאָראַ, אַז כ׳קען זיך נישט באַהערשן פֿונעם געדאַנק. שוין אַ סעניאָריטע און זי פֿאַרשטייט נישט אַלץ. כ׳זאָג איר: קום אַהיים באַ־צײַטנס, אַנאַ־טערעסאַ, און זי קומט זיך אַרײַנצוגנבֿענען נאָך עלף בײַנאַכט. אַזאַ חוצפּה! וואָס טוסטו אין גאַס אַזוי לאַנג, דו שנעק, — טענה איך. הענגסט נאָך אויפֿן טאַטנס רוקן, טאָ היט זיך אים נישט צו באַעוולהן. איין מאָל, אַ צווייט מאָל — מער גייט עס נישט. אַזאַ סמיק קען זיך פֿאַרגעסן — אמת, שכנטע? די הויט באַדאַרף מען שינדן פֿון אַזוינס.

— שלאָגן, מײַן איד, איז נישט קיין אופֿן, — זאָגט די פֿרוי אַ ביסל צוריקגעהאַלטן. — מיט רייד קען מען מער פּועלן. אַ דערוואַקסן מיידל איז שוין שפּעט צו שלאָגן. אַזעלכע האָט אַ פֿרײַנדין, זי ווײַל אַז יונגוואַרג זאָל זי זען. דו ביסט שוין עלטער, סעניאָר, האָסטו דאָס פֿאַרגעסן.

— בײַ מיר וועט אַזעלכע נישט אויפֿוואַקסן, מײַן קינד מוז זײַן אָרנטלעך. אויב זי ווײַל דווקא גיין, איז דאָ אַ מאַמע וואָס זאָל זי באַגלייטן. קוק זיך צו, סעניאָראַ, צי בײַ לײַטן פֿירן זיך נישט אַזוי די מיידלעך: עמעץ באַ־גלייט זיי, אַפֿילו אויב זיי גייען אַרויס מיט אַ יינגל, ווען ס׳קומט די צײַט. צו וואָס באַדאַרפֿן איבערקלערן, אַז מענטשן זאָלן קענען מורמלען? וואָס, מײַן פֿריילן שעמט זיך מיט דער מאַמען? — רעדן שוין צו איר זײַנע גרויס־אויסגעקיילעכטע אויגן און ס׳וואָרט ציטערט אויף זײַן אונטערשטער נאַסער ליפּ. — ווערסט מיר אַנטשולדיקן, סעניאָראַ, דו האָסט אויך קינדער?

די פֿרוי וואַרגט זיך מיטן ענטפֿער, וואָס שרייט פֿון איר מיט פּלוצ־לינגער רויטקייט אויפֿן בלייכן פּנים, און זי קען נישט אַרויסברענגען פֿון זיך קיין קלאַנג. עס דרענגען זיך אַרויס פֿון איר נאָר טרערן און זי שלינגט זיי מיט אַ שטילן קרייַ. לסוף זאָגט זי קוים־קוים:

— געהאַט, געהאַט, סעניאָר. שיינע, ליב־טיקע. אוועק ביי היטלערן. טרוי־ע־ריקע יאָ־אָארן געווען אין, אין פּאַ־לאָ־אַ־ניע.

— וויין נישט, שכנטע. איך האָב נישט געוואָלט דיר ווי טאָן. רויִק, רויִק, — און ער גייט מיט זיין האַנט איבער איר אַקסל.

זיך אָנגעבויגן, אויסגעווישט די טרערן און אַ פֿאַרשעמטע פֿאַרן מאַנצ־ביל, וואָס האָט זי געזען אין איר פֿאַרלוירנקייט, האָט די פֿרוי נישט געוווסט וואָס זי זאָל טאָן: אוועקגיין ערגעץ אָדער בלייבן שטיין דאָ וואַרטן. וואָס וואַרטן, ווי לאַנג וואַרטן? איר איז באמת נישט קיין נפֿקא מינה. הלוואי וואָלט שוין איצט געקומען אויף איר דער סוף פֿון אַלע סופֿן. פֿינצטער איז איר טראַכטן איטלעך מאָל, ווען זי דערזעט צו וואָס מ׳האָט זיי דערפֿירט, זיי די קלאָמפּערשט אָפּגעראַטעוועטע. אַבי מ׳עסט, אַבי מ׳גייט. קען מע דען לעבן אָן אַ טרייסט? איז עס דען אַ לעבן, אויב מ׳האָפֿט נישט אויף עפּעס? זיי, — קלערט זי בשעת מעשה — די דאָזיקע האָבן כאָטש פֿאַר עפּעס זיך צו קריגן, איבער וואָס זיך צו אַמפּערן, אויף עפּעס צו וואַרטן. אַוודאי, אַ טאָכטער איז גוט אַז זי פֿירט זיך שיין, ס׳איז נישטאָ אויסצורעדן אויף איר. און אַז מ׳שלאָגט אָן אייגן קינד, איז דערין אויך אַ שטרעבן אויף גוטס. וואָס, משטיינס געזאָגט, איז ס׳שטרעבן פֿון זיי, די אויסגעהוילטע?

די פֿרוי האָט זיך פֿאַרלוירן ווען זי האָט זיך געכאַפּט אויף איר תמידן קלערן. געזען אז דאָן אַלדאָ האָט איר צוגעטראָגן אַ בענקל, האָבן איר אָנגע־הויבן האַקן די שלייפֿן: „וואָס טוט זי? אַוועקגעשטעלט זיך אַזוי־אָ?״

— זעץ זיך, שכנטע. ס׳איז פֿריש אין דרויסן. זיץ, מ׳מעג אַ מאָל רעדן מיט אַ שכן, — און ר׳גייט איילִיק אויך פֿאַר זיך ברענגען אַ בענקל.

— זיצן? כ׳וויל שוין אַריינגיין אין שטוב, כ׳בין אַ באַלעבאָסטע.

— וועסט באַוויַיזן, סעניאָראַ, — בעט ער זיך ביי איר — און מיר וועסטו אַנטשולדיקן וואָס כ׳פֿרעג דיך.

— וואָס זאָגט דער סעניאָר? — און זי האָט געשפּירט ווי ס׳בענקל ביי איר צופֿיסנס שפּאַרט אויף איר אַרויף אַן אומגעדולדיקייט אַן אַ פֿאַרוואָס.

— איך מיין אַז פֿון שכנים דאַרף מע נישט זיין פֿרעמד. מענטשן זענען אומעטום גלייך. זאָג מיר ווי מ׳רופֿט דיך, סעניאָראַ?

— מיך? גאָלדאַ.

— גאָל־דאַ? — חזרט ער איבער דאָס וואָרט ווי ר׳וואָלט מיט דער צונג געזוכט דעם טעם דערפֿון. — כ׳פֿאַרשטיי, אַזוי ווי זשאָלאַנדאַ.

— אַ נאָמען איז אַ נאָמען, — ענטפֿערט זי נישט גערן.

— ס׳איז אַ שיינער נאָמען, זשאָלאַנדאַ, זשאָל־דאַ. און מיין טאָכטער, וואָס האָט היינט געקראָגן דעם פּסק, הייסט אַנאַ־טערעסאַ — איז עס דען אַ שענערער נאָמען? ביינצן יאָר איז איר שוין און זי וויל זיך אַרויסמאַכן פֿון טאַטע־מאַמעס צוים. אָבער נישט ביי מיר. איך פֿאַרשטיי אויך עפּעס, סעניאָראַ. כאָטש זי איז שוין אַ לערערקע, דאַרף זי האָבן אַן אויג איבער זיך. אַ לערערקע פֿאַר קליינוואַרג און פֿון איר וועל איך רייסן אַ פּאַס. ווייל זי איז נאָך אַ קאַלב. וועסט גלייבן, שכנטע? אויב זי זאָל נישט זיין מיין טאָכטער, נאָר דיינע, וואָלט זי נישט געוואָרן קיין לערערקע. איך ווייס, איך ווייס. מען שטופּט אַדורך אַזעלכענע ביי די עקזאַמענעס. האַרטע קעפּ ביי זיי. ייִדן קענען בעסער. איך האַלט שטאַרק פֿון אַ ייִדישן דאָקטער, פֿון אַ ייִדישן אינזשיניער. אַזעלכער לערנט זיך גוט, ער ווייסט אַ סך און מ׳מעג זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. ס׳פּעסל אויף זיינע אַקסלען איז פֿול מיט ריכטיקן ווייץ. אַן אונדזעריקער איז פּוסט. ער באַדאַרף גאָרנישט קענען. אַבי ער איז נאָר נישט קיין ייִד.ביסט אַן אַרגענטינער, אַ שפּאַניאָל? נעם זשע דיר דעם דיפּלאָם — און באַגראָב מענטשן, צעפּעטשע די הייזער וואָס דו בויסט. יאָ, יאָ, איך גלייב שטאַרק אין די אייערקע, — זאָגט ער שוין ווי אין אַ טראַנס, — איך גלייב זיי שטאַרק, גאָר שטאַרק. איך קאָן גענוג מענטשן. די וועלט איז ביי מיר אין דער היים. ווייל כ׳פֿאַרשטיי, איז מיר אומעטיק, סעניאָראַ. מעגסט גלייבן: מיין אַנאַ־טערעסאַ איז אַ פֿערד, נישט קיין לערערקע. אַ ייִד האָרעוועט אויף צו קענען, ווייל מ׳לאָזט אים אין ערגעץ נישט אַדורך אין לייכטן ווי אַ רייטפֿערדל. ערנסט איז זיין וויסן, אָרנטלעך דער כאַראַקטער. דאָס קענען פֿון אַן אונדזעריקן איז ווי אַ בליץ: ער גיט אַ בליאַסק־אויף און נישטאָ גאָר קיין ליכט. און ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, שכנטע? איך בין נישט זיכער, צי אין מיר פֿליסט נישט ייִדיש בלוט. מעגלעך, אַז מיין עלטערזיידע איז געווען אַ באַהאַלטענער ייִד. האָסט געהערט פֿון מאַראַנען? אפֿשר איז דער זיידע מיינער געקומען פֿון די דאָזיקע. גרויסע פֿייערן דורכגעגאַנגען און זיי זענען געבליבן מענטשן. איך פֿיל עפּעס. אין די אַמאָליקע צייטן האָט מען די ייִדן

שטאַרק געטרודפּט פֿאַר זייער גלויבן, האָבן זיי געמוזט זיך ראַטעווען אַזוי־נאָך. אַ סך האָבן טאַקע אַוועקגעבלאָנדזשעט, אָבער נישט אַלע האָבן זיך פֿאַרלוירן. גלייב, איך ווייס נישט, ווער איך בין. אָפּט צווייפֿל איך אין זיך. כ׳האָב גערן צו שמועסן מיט אייעריקע. כ׳האָב געהאַט גוטע פֿריינד ייִדישע.

הפּנים, דעם דאָן אַלדאָ איז מיט אַ מאָל גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרץ. ער האָט אומגעריכט אָפּגעשוויגן און זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל, וואָס האָט געוואַרט אויף אים ביי זיין צופֿוסנס.

דערנאָך האָט ער נאָך פֿאַרנומען דער ייִדישקעס שאָטנדיקע אַוועקגיין. זיינע אויגן האָבן זיך פֿאַרוועבט.

אין הייפֿל האָט מיטן געזשום פֿון אַן אַלטער שטילקייט זיך געשטעלט דער נייער טאָג.

6. מ י ד ק יי ט

דערשלאָגנקייט האָט באַגלייט דאָן אַלדאָס טעג. קיין שום ישועה איז נישטאָ פֿאַר אים אין שטאָט. און צום פֿעלד, מיט וועלכן דער זיידע האָט זיך באַהאָפֿטן, צו דעם איז ער נאָך נישט דערגאַנגען. און ווער ווייסט. עס האַרצט אים נישט, כאָטש אין די געהירן האָט דער געדאַנק אַ מאָל זיך שוין דורכגעשניטן. ים און שיף איז אים געבליבן אַ מיראַזש. קלאָר, ס׳איז האַרט דער אמת. מ׳מוז זיך אַראָפּלאָזן צו די נידעריקייטן פֿון די, וואָס פּויזען כדי צו דערגרייכן דאָס שטיקל ברויט. ער וואָלט עס וועלן, עס שטערן אָבער די נאָכבלייבענישן פֿון די יאָרנלאַנגע שיפּרייזעס. ווו ער רירט זיך, דער־מאָנט עס זיין פֿאַלן. אָט דער אָנצוג, אָט דאָס העמד, די שיך און די אַלע זאַכן, וואָס ס׳ווייב טוט אָן, וואָס די טעכטער טראָגן. און מענטשן זעען עס. פֿרעמדע אויגן שפּאָטן, אויגן פֿאַרפֿאָלגן. ס׳איז דען שווער צו דערקענען? אויסלענדישס קריכט דאָ שטענדיק אַרויס אָפֿן; כאָטש ס׳איז נישט מער ווי אַ טראַנטע, רעדט עס צו די מענטשן וואָס לעבן מיט דערמאָנונגען פֿון דער רויער פּאַמפּאַ, פֿון וואַנען זיי זענען געקומען אַהער. און דער רוב שטאָטישע, פּונקט ווי ער, איז געקומען פֿון סומנעם מידבר, פֿון די פּליינען מיט בלייכע דאָרן־קוסטעס און שטורמיש־הויכע גראָזן, וואָס וואַקסן אויף ווילד און ווערן פֿאַרדאַרט פֿון דער ווילדער זון. ער קען זיך נישט שפּל מאַכן, דאָן אַגילאָ. ער וועט אונטערגיין, אָבער ער קען נישט אַנדערש; ער וועט פֿאַלן, אָבער נישט קריכן.

ווידערווילן האָט מיט אים געקירעוועט, ס׳ווייב, די טעכטער, האָבן אים

גערייצט. אַ סך ים־לייט האָבן זיך נישט פֿאַרבונדן מיט צויגן קליידלדיקע, געברענגט ממזרים אויף דער וועלט... ערשט וואָלט אים גוט געווען, וואָלט געקענט פֿריי זיך אַ ריס טאָן, אַנטלויפֿן ערגעץ.

אַלדאַ אַגילאַ האָט זיך געבונטעוועט, נישט פֿאַרטראָגן די היים. ער וועט עסן, זי וועט אים קאַרמען? צו אַל די טייוול!

כעס האָט אומגעריכט אים אַריינגעטריבן אין אוממאַכטיקייט. ער האָט גענומען וויכן פֿון די היימישע. און זענען געקומען די שכנים, האָבן זיי אים עפּטערס געטראָפֿן אין הייפֿל. אַרום איז געשטאַנען צעהוידעטער פֿויגל־געזאַנג: טשיקירילילי, דער באַלעבאָס איז דאָ, רילילי־יי־י. די קאַרמען האָט געשמייכלט, ביים קורצן כואַן האָבן פֿויל זיך אויסגעברייטערט די קינען: „אַ מוזיקע, אַ גדולה!“

— גוטן אָוונט, שכן, — האָבן זיי געזאָגט דעם דאָן אַגילאַ.

ער האָט אויפֿגעהויבן אַ פּאָר פֿאַרלאָפֿענע אויגן:

— אַלאַ, וועמען מ׳זעט! — און באַלד פֿאַרענדיקט אַ מבולבלער: — עס איז מיר ליב אייך צו זען.

דאָס ביי זיין פֿון די שכנים האָט אים פֿון דעסטוועגן געשטאַרקט; פּלוצ־לינג דערפֿילט אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצוריידן פֿאַר זיי, נאָר דערצו זיך נישט אַנטשלאָסן. ליבערשט מיט זיי צו טרינקען. ער האָט געשטעלט וויין. ס׳אונטערשיכורן ברענגט דערלייכטערונג. אָפּט פֿלעגט ער זיך אַליין זעצן צום פֿלעשל: פּאַוואָליע, פֿאַרטראַכט געטרונקען, געצויגן שלוק ביי שלוק, מיט דער שפּיץ צונג געטאַפּט דעם טעם, מיטן גומען נאָכגעשפּירט דעם ריח און אין מוח פֿלעמלט. אויף פֿאַרטרייבן די מידקייט אַ וויכטיק מיטל דער געצערטער וויין. זענען געווען די שכנים, האָט זיך שוין געטרונקען מיט אַ זין. פֿאַראַן מיט וועמען צו שמועסן, עס טרעפֿט אַ מאָל אַ וואָרט, וואָס ברענט אויף אין דער נשמה.

ביי דאָן אַלדאַ איז די נשמה ווי דער ים: שטיל און גלאַט — אַ פֿענצטער אין אָנגעזיכט פֿון אַ שלאָפֿנדיק קינד, און טייל מאָל איז זי ווי אַ שטורעם, וואָס פֿאַרפּאַטשט די שויב: זי קוקט מיט אַ געשוואָלן אויג.

גוט, מ׳קען זיך פֿאַרהאַלטן רויק. ער רעדט גאָר נישט, דאָן אַלדאַ; ער גיסט אָן די גלעזער, גיסט און ווינקט זיי זאָלן טרינקען, די אַרומזיצנדיקע „יינגלעך“ קאָנסטאַנטין און כואַן, היט צו די פֿרוי קאַרמען זאָל זיך נישט אַוועקגעבאַרן. און גייען דורך די מינדלינס, די נייע שכנים, פֿאַרבעט ער אויך זיי.

— פֿאַר פֿריינדשאַפֿט אַ זופּ, — איז ער צודרינגלעך.

זיין בליק קוועלט און ס'אויסוואַרטן דעם ענטפֿער איז פֿול אָנשטרענג. שלמה מינדלין דאַנקט, ער קען נישט. אַן אויסגעדאַרטער, אַ חלוש מיט בלאַסקייט אין די אויגנאַפּלען, שאָקלט ער מער מיטן קאָפּ ווי ער רעדט:

— נאָ, גראַסיאַס, סעניאָר — און ווייסט נישט ווי אַזוי אַוועקצוגיין פֿון דעם געזעמל טרינקערס, פֿונאַנדערגעזעצטע אויף דער פּאַטיאָ. זי — זי האָט נאָר געשמייכלט פֿאַרלוירן, די ייִדישע סעניאָראַ.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעזעצט געדיכטער, די לופֿט איז שאַרפֿער. די שכנים האָבן נישט געקענט לענגער זיצן מיט אים, דער עול האָט געטריבן אויף די געלעגערס. דאַן אַלדאָן האָט געצופּט זיין אוממאַכטיקייט: זיי האָבן אַ צ ו וו אָ ס, ער...? ער איז אַליין אַנטקעגן די אַנטשלאָפֿענע קאַנאַרקעס, אַנטקעגן דער פֿינצטערניש, וואָס ציט פֿון פּלאַטאַ־טייך. דאַן אַלדאָס געדאַנק האָט גאָר אויפֿגעוואַכט: — ווי די פֿייגל איז ער געפֿאַנגען.

פֿון שלאָפֿנגיין האָט ער נישט געקלערט. ווידער וועט קומען אַ טאָג, ווידער וועט לאַנגווייל גריזשען און דער „צוואָס" וועט מער אַרויסשרייען פֿון דעם ווייבס שוויגן.

צומאָרגנס איז דער טאָג געווען אַ וואַרעמער ווי נעכטן און ווי יענע וואָך. אַלדאָ אַגילאַ איז דאָס מאָל שפּעט געשלאָפֿן. און אַז מאַריקיטאַ איז אַוועק אויפֿן מאַרק איינקויפֿן שפּייז, האָט ער גיך גערייניקט די שטייגן, געוואַשן די קאַנאַרקעס, אויף די צווישנדערטלעך אָנגעשטאָכן שטיקלעך באַ־נאַן, אַריינגעוואָרפֿן צעברעקלטע ווייסלעכער און געלעכלעך געקאָכטע איי. דאַן אַלדאָ האָט זיך געאײַלט, מ'זאָל אים נישט טרעפֿן ביי דעם אַלעם. „זאָלן זיי נישט פֿילן אַזוי... דער באַלעבאָס איז טאַקע פֿאַרפֿאַלן, ער וועט איינטרי־קענען ווי אַ סאַזשלקע אָן קוואַליקע גרונטן, ער קען נישט ווערן קיין פֿויגל־הענדלער — אַ פֿויגלפֿאַסטעך מ ו ז ער זיין ווי לאַנג ער האַלט זיך, ווי לאַנג ער בינדט זיי אין שטייגן" — —

ווען ס'ווייב איז צוריקגעקומען, איז דאַן אַלדאָ פֿון ס'ניי געלעגן אויפֿן בעט, געקוקט צום סופֿיט. אין דרויסן האָט זיך געוואָלקנט, שטיקער הימל זענען אַריינגעגאַנגען אין פֿענצטער, עס האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן שווערע טראָפּנס. נישט־זומער, נישט־האַרבסט איז דער מיי אין בוענאָס־איירעס. וואָ־רעם איז געווען דער רעגן, וואָס האָט גענידערט אַ צעגענצטער. בינו לבינו האָט זיך נאָענט אָנגעקייקלט אַ דונער, אַ צווייטער האָט זיך דורכגעקייקלט אַ פֿאַרשפּעטיקטער מיט אַן אויסגעצויגענעם שווערן עכאָ, ווי געקומען פֿון

אַ וואַלד, וואָס זריקהט זיך פּלוצלינג אַנידער. דאָן אַלדאָן איז עס געפּעלן. זאָל זיך טרייסלען, זאָל זיך אָנצינדן די וועלט, זיך רייכערן, שטיקן... מאַריקיטאַ האָט זיך שטום באַוועגט ביי די ווענט, זי האָט מורא, זי האָט געזיפּצט: די טעכטער זענען נישט אין דער היים.

— רק עס טראָגט זיי! ווער ווייס, ווי מענטשן וועלן היינט פאַרגאָסן ווערן — האָבן אירע ליפּן זיך צונויפגעדריקט. עס וועט דורכנעצן אַנאַ־טערעסאָן, עלסאָן. אין דינע שיכלעך ביידע. איי, נידעריקע ערטער זענען גאָר אין סכנה, שטענדיק ווערן זיי פאַרגאָסן. נאָר צו טאָמאַסאָן ציט זיי!

די פרוי גייט צו צום פענצטער. אין דרויסן שטורעמט שוין דער רעגן, ער בלעזלט זיך אויפן ברוק, די וואַסערן שוימען אַרום די קאַנאַלן. זי קוקט און זיפצט אויפן קול.

ער, דער פאָטער, איז פאַרטראָגן אין ס׳זייניקע:

— שיין, שיין. וואַסערן ברויזן, לעבט אויף דאָס בלוט אין מענטש. די יבשהדיקע פּילן דען אַזוינס? זע, ווי דאָס ציטערט! זאָלן זיי האָבן אַ ביסל שרעק, זאָלן זיי זיך לערנען וויסן, אַז וואַסער האַלט דעם מענטש אויף דער איבערפלאַך. אַלדאָ אַגילאָן האָט ס׳וואַסער אויסגעהאָדעוועט, געגעבן ס׳גאַנ־צע חיות. ערשט איז ער שווער קראַנק. זאָלן זיי אים גלייבן, די כלומרשט אייגענע, די...

די ציינער האָבן זיך אים פאַרשטשעמעט. שעלטן איז נישט אין זיין טבע, נאָר צאָרן האָט זיך געריסן פון זיין ברוסט. זאָל שטורעמען, זאָל רע־גענען. עס רונצלען זייערע הויטן, זיי וועלן שרומפן, שרומפן.

זיי — דאָס געפּיל אָן אַ נאָמען, זיי זענען די מענטשן פון זיינע נעכטנס, פון זיין אומגעריכט־לעצטער רייזע אויף דער שיף; אומווילן? פאַר האַס איז נישטאָ קיין שטעג אין זיין וועלט. ער שפּירט נאָר אומליבע צום יאָך. אומ־ליבע אויך צו די אייגענע, אַ שפּירונג געפּאָרט מיט אַן אומקלאָרער גאַרונג. זיי זענען שולדיק אין אַלץ, וואָס אים טוט וויי. זיי האָבן שלעכט געלענקט מיט אים, אָקערשט איז ער צו גאָר נישט. פאַרווייבערישט ווערט ער. באַלד וועלן זיי אים די נאָז אָפּווישן, די דאָניאַ מאַריקיטאַ מיט אירע טעכטער!

דערווייל האָט דער דרויסן זיך געהוידעט אונטער דעם הוקען פון דונערס, פון האָסטיקן, שווערן רעגן האָט זיך איבערן ברוק אויפגעהויבן אַ צעבלעזלטער, גייענדיקער טייך. אין דאָן אַלדאָן האָט ליכטיק געקלאַפּט די ברוסט — אָט־אָ דער פאַרלוירענער ים האָט זיך צעכוואַליעט אין זיין דמיון. פאַרקוקט ווייט אין זיך האָבן זיינע פאַרקוועטשטע אויגן נאָכגעשפּאַנט

אַ קאַראַוואַן פֿון שיפֿן און מאַסטן, וואָס שניידן זיך איבער וואַסער־פּליינען. אַ גליקלעכע רגע דאַן אַלדאָס אין הויז פֿון זיין אומגליקלעך זיין. עס פֿלייצט אין דרויסן, עס קערט זיך הימל און ערד און זי, זיין ווייב, שטייט און קלאָגט פֿון פֿאַרציטערטן האַרץ: אוי, אוי!

ענדלעך האָט זי געפֿונען די געלעגנהייט אַרויסצוּווייזנען איר לאַנגאַניקע דריקעניש.

— אוֹ, אוֹ, ווער האָט דיר געטאָן? הער אויף!

פֿון איבערדריסיקייט האָט ער זי אָנגעשריגן און ווידער זיך געשטעלט מיטן פּנים אין פֿענצטער אַריין.

7. אַהיים, אַהיים!

פֿון דונערס און בליצן, פֿון אַ יעדן שטורעם, קומט קיין גוטס נישט אַרויס. עמעץ אָדער עפּעס מוז ערגעץ־ווו ליידן פֿון די כּוחות, וואָס אַנטפּלעקן זיך איטלעך מאָל מיט דער אורווילדקייט פֿון מעשה־בראשית. „געשטאַנען תּוהו ובוהו און מיר׳ן לאָזן תּוהו ובוהו”... פֿון אַ שטילער שטוב רייסט עס אַראָפּ דעם דאַך, אַ דונער ברעכט איין אַ שיינעם בוים, דער בליץ צינדט אָן אַ וואַלד, ער הרגעט דעם מענטש.

דער טויט! אַ פֿייערדיקער, אַ בייזער איילט דער טויט צו פֿאַרשניידן דאָס לעבן. אַ פּחד באַפֿאַלט, ווען דונערס לאָזן זיך אַראָפּ מיט שווערע פֿויסטן, צאַפּלט עס אויף מיט נאַכט אין סאַמע העלן טאָג.

אויך די שכנים פֿון איבערשטן הייפֿל, וואָס הענגט צווישן מויערן, באַהאַלטן זיך אויס ווען עס קומט אָן אַ שטורעם. „ס׳קען, חלילה, טרעפֿן, אויב דאָס פֿענצטער איז אָפֿן, אויב די טיר איז נישט פֿאַרשפּאַרט. סכּנה איז אַ ליאַדע צוגווינטל, און רעגן קאָן אָנפּלייצן!” איצט ווייזט זיך קיינער נישט אַרויס אין דרויסן. איינציק אַליין בלייבן די קאַנאַרקעס. אויך זיי ווערן געשלאָגן פֿון טויט־אימה. ביי דעם דאַן אַלדאָ פֿאַרקוועטשט זיך די ברוסט פֿון זאָרג. ס׳איז זיין זינד, וואָס די אָרעמע ליידן. גלייך וואָלקן־שאָטנס הענגען די שטייגלעך אין די ווענט־ווינקלען און אים דאַכט זיך: פֿון אימפּעט, וואָס האָט אָקערשט באַקומען הענט און פֿיס, וועלן די פֿייגל אַוועקגעטראָגן ווערן צוזאַמען מיט די שטייגן.

נישט שטענדיק באַווייזט מען אין שטוב אַריין צו ברענגען די צעשראָ־קענע פֿייגל. דער שטורעם האָט דאָ אַ טבע זיך אויפֿצוכאַפּן פּלוצלינג און אָנהייבן גיך פּאַטשן מיט אַ ווינטערדיקן רעגן. פּאַטשט און פֿאַרפּאַטשט די ראיה. ס׳אַ מורא דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן; אָט, אָט און די איידעלע וועלן פֿון ווינטיקער רציחה צעריסן ווערן, זיי קענען ווי פּריר־אויגן זיך אויפֿלייזן אין עקשנותדיקער זון. בייז דער דרויסן, רוי אַקעגן דער פֿיינקייט פֿון גע־זאַנג אין פּאָכנדיקער ברוסט.

בלויז רגעס האָט דאָס מאָל געדויערט דאָן אַלדאָס חלומען.

זינט די ייִנגסטע יאָרן זענען וואַסער־פֿעלדער בייגעווען ביי אַלדאָס שפּילערייען, געהערט צומאָל זיינע געדאַנקען; וואַסער־פֿליינען זענען אים נאָכגעגאַנגען אין זיינע זוכענישן איבער די פּאַרט־שטעט. מילד אויסגעוואַקסן, פֿאַר מענטשן תמיד געווען מילד. פֿון אַלץ, וואָס צווישן הימל און ים, האָט ער זיך געפֿילט אַ גליד; דער טאַטע און דער זיידע האָבן אים געלערנט: דער מענטש ווי איטלעך באַשעפֿעניש איז באַגלייך געקומען לעבן. אַלץ מיט־אַנאַנד איז אַ שותּפֿות. פּונקט ווי דער בוים, דער פֿיש, דער פֿויגל איז דער מענטש גליקלעך־אומגליקלעך, — דאָס האָט ער שוין אַליין געלערנט. אָט שמייסט דער ווינט, עס גנבעט זיך אונטער די נעץ, מיט פֿאַלשן צוזאָג באַ־ווייזט זיך די פּאַסטקע — סם איז יעדעס שלעכטס, אָבער די זון גלעט, טרינקט אָן מיט תענוג די זאַפֿטיקע ערד, עס שפּילן די וואַסערן, די קוואַ־ליקע, ס׳לייכטן זייערע גרונטן און זיי שפּייזן אַלע ווידמונגען און צמחים. אמת, צו לייטן האָט אַלדאָ געשפּירט אַ מטושטשע ציִעניש, וואָס לאָקט און שרעקט איינצייטיק. זיין האַרץ איז ער תמיד געבליבן אונטערטעניק. איצט האָבן די נאָענטע דונערס אים צוריקגערופֿן פֿון אַלע פֿאַרגעסנקייטן. ס׳פֿענצ־טער צו דער גאַס האָט דערציילט פֿון אומרו, וואָס האָט געפֿאַנגען די גאַנצע וועלט און אין דער מיט פֿונעם צאַפּל מוז זיך צאַפּלען ער, ער!

פּלוצלינג האָט דער מוח זיך אים אַ באַוועג געטאָן. ער איז אַרויסגעלאָפֿן אין הייפֿל, איבערגעדעקט די שטייגן מיט אַ שטיק לייוונט און אַן אָפּגע־שפּריצטער פֿון רעגן גיך צוריק אַריין אין שטוב. ס׳ווייב, די טעכטער האָבן עס צוגעזען און גאָר נישט געזאָגט, גאָר נישט זיך געמישט. „משוגע דער אַלטער״, האָט מאַריקיטאַ גערעדט צו זיך. די מיידלעך האָבן נישט אַ פּיפּס געטאָן. געבליבן זיצן אויפֿן ראַנד פֿון דער קושעטקע, האָט דאָן אַלדאָ אָפּגע־

סאָפּעט: צעקנאָדערט דער דרויסן! ער האָט אים געשפּירט אויף דער פּייכט־געוואָרענער פּלייצע, אויפן דערהיצטן פּנים; לענגער האָט ער אים געזען: אַ צעווייטעטער זעגל ציט זיך איבער אַ גייענדיקן טייך, דער טייך איז גראָ, וואָס אַ מאָל געדיכטער גראָ. עס ווייעט אָן אויפהער, ער שפּירט אַ יעדן שטויס פון צאָרנדיקן ווינט, דערשפּירט זאַלץ אויף די ליפּן. דאָן אַלדאָ האָט פאַר־מאַכט די אויגן: אים שמייסט עס דער שטורעם, שמייסט מיט תּרעומות דעם אַנטרונענעם פּונעם קאַלטן בלאָז, פון כליופּענדיקן וואַסער. מעכאַניש זיך אויפגעשטעלט, האָט ער פאַרנומען ווי פּאַמעלעך טריפּט אָן אויף אים דער סם פון פאַרצווייפלונג.

„אין פאַרפאַלעניש זינקסטו, אַלדאָ!"

צייטלעך האָט אָנגעהויבן אָנרוקן דער אָוונט. אים איז נישט געווען ס׳געמיט זיך אויפצוכאַפּן, אַרויסצולויפן אין שטאָט אַריין, פאַרטומלען זיך. דאָס רחמנות צו די פייגל האָט גענומען די איבערהאַנט אינעם שטורעם, וואָס האָט געריסן זיין ברוסט. זיך אַליין האָט ער מבטל געמאַכט. ער וועט אויסהאַלטן, און ער איז ווערט די קלעפּ — דאָס „קליינוואַרג" איז נעבעך אומשולדיק. און צו דעליקאַט פאַר אַ שטאַרקן דרוק. עס האָט אים הנאה געטאָן ס׳פלאַכטעלע, וואָס אַרויפגעוואָרפן אויף די שטייגן.

— נישט פאַרהיט פון הוראַגאַן, זאָלן זיי אים כאָטש נישט זעען, די אָרעמע!

שמאַטיק געוואָרן דער טאָג, איז דער פאַרנאַכט טאַקע גיך אָנגעטראָטן. דער רעגן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט. געלאָזן האָט זיך געזעצט דער דרויסן, שטיל זיך אַריינגעשטריקט אין אָוונטיקן געוואַנט. פיל אויף טונקל האָט זיך גראָב אָנגעשיכט די לופט, געוואָרן קלעפּיק. שווער און פיל האָט די גאַס אָנגעהויבן בלינצן מיט פרעמדער שיין.

אין הענגענדיקן הייפל האָט דער דאָזיקער אָוונט גענומען דרימלען שוין פון פריִען פאַרנאַכט.

איבער אַלע שטובן האָבן די לאָמפּן זיך געעפנט מיט גרינלעכער טונקל־קייט און פאַוואָליע, קעציש נישט געוואָרן — צונויפגעגאָסן זיך מיט דער שוואַרצקייט, וואָס האָט געשפּאַרט פון הינטער די טירן. פרי געמאַכט נאַכט אור־מעטום. פאַרן שלאָפנגיין האָט דאָן אַלדאָ מיט אַ ליכט־פלעמל נאָך אַריינגעבליקט אין די שטייגן: „אָרעמע!" פאַרריגלט די טיר, געלייגט זיך, איז ס׳אָנגעצונדענע קנייטל אין אים ווידער אויפגעגאַנגען און שטיל־שטיל זיינע

טריט צוגעפירט צו די שטייגן. אַ נאַכטיש ווינטל האָט צוגעפּרעפּלט, אָפּגע־בייזערט זיך, דערנאָך האָט די לייוונט פלאַכטע זיך געבעטן, געקלאָגט. שטו־רעם האָט אים געריסן פון שלאָף.

קוים־קוים האָבן די קאָנאַרקעס אַ ריר געטאָן מיט די קעפּלעך און געבליבן נעבעכדיק פאַרקאַרטשעט.

... ער וואָלט געשווירן, דאָן אַלדאַ: ער האָט עס געזען אויף דער וואָר. אַלץ, אַלץ געהערט אין ביטערער אומרו האָט געשטויסן זיין האַרץ:

— אַכזר!

דערצונדענע האָבן זיינע אויגן געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין, געהויבן זיך איבער תהומען און נישט געקענט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג.

פיינלעך איז דאָס טראַכטן. דאָן אַלדאַ האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, וואָס אַ מאָל ווערט עס אים שווערער. ר׳איז אומגעהייער פאַרבלאָנדזשעט. נישט ווו, נישט ווען האָט אין מוח אויפגעבליצט אַ געדאַנק, געפּלאָנטערט אין נייע איינפאַלן און זיי האָבן גיך זיך געלאָשן; מידקייט האָט געדריקט דאָס לייב.

◈

גלייך ער וואָלט זיך אָפּגעיאָגט פון אַ קאָשמאַר, האָט דאָן אַלדאַ זיך אויפגעכאַפּט אין סאַמע באַגין. ווינציק געשלאָפן, איז דער קאָפּ געווען פאַר־טשאַדעט, די אויגן — נעסטן פון פייער. און בכלל: מ׳זעט נישט אַזוי פיל, שפּאָרן ווינציקער יסורים אויף דיר! ווי אים צו להכעיס, איז פון ס׳ביי שיין דער הימל, ס׳איז שיין יעדער טרוים, נאָר אים איז אָנגעזאָליעט. ס׳שטעלט זיך אַ וואַרעמער טאָג. ווייטער איבער די מויערןברייטערן זיך די האָרי־זאָנטן, ווייטער שפּרייטן זיך וואַסער־פעלדער, עס גייען אַוועק ימים, אָקע־אַנען; פריי, פריי די וועלט, בלויז ער איז געבונדן, פאַרמשפּט. ניין, ער איז נישט מסכים! ער וועט נישט מסכים זיין!

שיִער־שיִער, און ער וואָלט אויסגעשריגן.

ער האָט נאָר די מרה־שחורה אַ ביסל אונטערגעשוואָנקען. ער האָט עס קוים באַוויזן און בשעת־מעשה דערשפּירט ווי ס׳בלוט יאָגט אים צו די שלייפן, עס טרייבט זיין גאַנץ לייב און לעבן. ווי לאַנג נאָך וועט ער עס קענען אַזוי־אַ — קוקן, עסן, פרעסן און נישט צעזעצט ווערן? שוין זשע מוז עס אַזוי בלייבן?

דער מענטש האָט זיך געוועקט.

אַ פֿײַנלעכער פּרימאָרגן האָט זיך געוועלבט איבערן קאָפּ פֿון אַלדאָ אַגילאָ. ניין, ס׳איז מפּלה! ער קוקט זיך אַרום: „זי״ שלאָפֿט האַרט, פֿאַרגעסן אַן אַלץ; פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע שווערע, פֿליישיקע גלידער — אַ קו אַ פֿונאַנדערגעפּראַלטע, אַ פּרעסערדיקע, די טעכטער, אויך שוין צייטיקע, וועלן זיך אויך פֿונאַנדערפּראַלן... אין גיכן, אין גיכן, ער דאַרף נאָר וואַרטן, דאָס הויז וועט פֿול ווערן מיט זיי, מיט יאַטקע, און ער וועט דערשטיקט ווערן.

מיט ווידערווילן געקוקט אויף די שלאָפֿנדיקע ווייבער, מיט האַס, אָט שוין אַרויסצופּלאַצן מיט אַ בייזן, הילכיקן געשריי, אַ זעץ טאָן מיט דער טיר און אַרויסלויפֿן.

ער האָט זיך באַהערשט, שטיל אַרויס אין הייפֿל. מאַטע גראָקייט הויבט זיך אין מויער־קאַסטן. ווי שפּינוועבס שפּרייט זיך די שטילקייט איבער דער מאָזאַיִק, איבער די עמערדיקע וואַזאָנעס, איבערן פּלאַכטעלע, וואָס איז ווי אַ פֿאַרהאַנג כּלאחר יד אַריבערגעצויגן איבער אַ פֿענצטער, אַן אַוועקגעשטעלטס אַנטקעגן די גליִדיקע שפּיזן פֿון דער זון דער נכפּהניצע. אין די קאַנאַרקעס האָט אים דערמאָנט דאָס שטיק לייוונט און ס׳האָט אויפֿגעזאָטן אַנטדרימלטער צאָרן, געשטאָכן, געבריט הענט און פֿיס — — — — — — —

— —

ער האָט נישט אין גאַנצן קלאָר באַנומען, וואָס ער טוט; דערנאָך צומאָל נישט געדענקט ווי אַזוי עס איז געשען:

באַלאָדן די אַקסלען און ביידע הענט מיט די שטיגן, האָט דאָן אַלדאָ מיט די הויכע שטיגן זיך אַרויפֿגעקראָגן אויף דער טעראַסע; זי שפּאַרט זיך אָן אויף אומצייליקע דעכער, מויער־ראַנדן, פֿאַנגט דאָס היטל פֿון די קאַפּריזנע בלאָקייטן און ציט זיך צו אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט. אַוועקגעשטעלט זיך דאָן אַלדאָ מיט אַ פֿאַרהאַקטן אָטעם, געשלונגען שטיקער הימל און אינסטינקטיוו מיט די פֿינגער פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ שטייג, וואָס ביי זיינע פֿיס, דערנאָך אין אַ צווייטער שטייג, אין אַ דריטער. מיט האַרציטער געשפּירט אַ צאַרטע וואַרעמקייט פֿון צעצאַפּלטע פֿייגלשע גופֿימלעך און איינס נאָך דאָס אַנדערע זיי אַרויסגעלאָזן אין דער צעפּלאָסענער לויטערקייט פֿון די צעפּאַלמעסטע שטאָטישע הייכן.

— אַהיים, אַהיים, ליבענקע, — האָט ער פֿריידיק, פֿאַרלוירן געוויספּערט און זיינע גרויסע, גראָע אויגן האָבן געלויכטן.

געבליבן שטיין אויף דער שטיינערנער טעראַסע מיט די אויסגעלייי־דיקטע שטייגן, האָט ער נישט געפילט ווי זיינע ליידיקע הענט שטרעקן זיך צום אויפגייענדיקן טאָג און נישט געהערט דעם זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויס־געריסן פון זיין ברוסט.

אין הויז וואָס אונטער דעם קוואַדראַט הימל האָט נאָך דעם זיך אויפ־געהויבן אַ שניידיק געוויין. מאַריקיטאַ מיט די טעכטער האָבן מיט אַ מאָל דערשפּירט די ממשות פון טרויער, וואָס גייט אויף זיי.

8. צו ברייטע הימלען

... דאָן אַלדאַ אַגילאַן האָט שטאַרקער געפרעסט די איינזאַמקייט. ער האָט זיך מער נישט געקענט געפינען צווישן די אייגענע.

באַפרייט די פייגל פון יאַך, איז ער אַוועק טיף אין לאַנד אַריין זיך אַליין באַפרייען פון דער געפאַנגענשאַפט, וועלכע האָט אים ענג געמאַכט די שטאָט, ווו עס הויזט די הוים פון ווייב און קינדער.

ווי דער זיידע פּעדראָ, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, וועט ער זוכן זיין ברויט ביי דער מאַמע־ערד. גרויס איז די פּאַמפּאַ און אומענדלעך איז דער אומעט, וואָס טרייבט נאָך רו. ער וועט גיין, גיין, געפינען אַן אַנלען פאַר זיין מידקייט, ער וועט אָניאָגן דעם הימל, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן זיינע קאַנאַרקעס. ער וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף אויפגעגאַנגענע גראָזן. ער וועט, ער וועט...

אַגילאַ האָט נישט געשפּירט קיין שווערקייט אין די גלידער. די ווייטן האָבן אים געצויגן. מענטשן האָבן אים געזען אונטערוועגס ווי אַ וואַגאַבאָנ־דיק, געזען מיט מבולבלן חלום אין די אויגן און זיי זענען נישט געווען אין שטאַנד פון אים אַרויסצוקריגן אַ וואָרט, פון וואַנען ער איז, ווער ער איז.

אין אָפּגעטראָגענע קליידער, מיט אַ זעקל צוגעקניפּט צו זיין אַקסל האָט אַ מענטש זיך געטראָגן צו די ווייטן וואָס זענען אומענדלעך און אַזוי פריי, פריי.

— פּפּפּהאַאַ, פּפּפּהההאַאַ, גענוג! איך וועל דאָס הימלפּענצטער אויס־פליוכען, איך מוז צעברעכן ס׳רעמל דאָס שטייניקע, דאָס שטינקענדיקע און צצע־עעע־טטררעעטן, אַרויסשליידערן! —

גלייך ער וואָלט אויסגעדעמפּט פֿון זיך אַ גרויסע היץ, וואָס האָט זיך געפּעדערט אין אים, האָט דער מענטש פֿון מאָל צו מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין גאַנג, וואָס אַ מאָל מער אָנגענומען שטויב אין די קאַרבן פֿון זיין פּנים. די דיקע, בלאַסע ליפּן האָבן זיך געבלאָזן: — פּפּפּפּפּהאַהאַאַ, פּפּפּההאַאַאַ — — דערנאָך איַיליקער גענומען שפּאַנען און דער הימל אַנטקעגן אים האָט זיך אויסגעשפּרייט, דער וועג צעוויגט זיך אויף די אויגנלעפּלעך.

◈

מאַריקיטאַ מיט די טעכטער האָבן זיך צוגעווינט צום טרויער אין הויז. אין הויף האָט געגליווערט אַ שטומע בענקשאַפֿט צו די קאַנאַרקעס, וואָס זענען נישט געוואָרן צוזאַמען מיט זייער באַלעבאָס, דעם שטילן דאָן אַלדאָ. אין די פֿאַרנאַכטן האָט קאַרמען געקניט פֿאַרן פֿויגל־קברל אין וואַזאָן און די ייִדישע שכנים, די מינדלינס זענען דורכגעגאַנגען שווערמוטיק, באַ־צערט, גלייך דער טויט וואָלט געהויערט פֿאַר זייערע אויגן.

ס׳פֿויגל־געזאַנג, וואָס אָפּגעריסן געוואָרן, האָט אין דער מיטאַמאָליקער שטילקייט שאַרף געשפּאַרט ווי אַ לאָך אין היימישן דאַך. די זקנהשע בחורים האָבן מורא געהאַט אַרויסצוקוקן צו דער פֿאַריתומטער ווינקל־וואַנט. איבער דער שטיינערנער טעראַסע פֿלעגט פלוצלינגער ווינט באַוועגן די טויט־שטאַרצנדיקע שטייגן, וואָס זענען געבליבן נאָך דאָן אַלדאָ.

— האַ, אונדזער שכן? ער לאָזט זיך נישט הערן.

— ס׳איז אים בעסער. מיט דער וועלט איז ער גוטברודעריש. נישט געוואָלט זיך אַריינזעצן אין שטייג...

אין זייער אייגענעם אומעט האָבן זיך אָקערשט דערמאָנט דער קורצער כוואַן און דער לאַנגער קאָנסטאַנטין. די אויגן האָבן ביי זיי געקאַפּעט.

טרויער האָט איצט אויף יאוש זיך געכפּלט. דער הויף צווישן מויערן האָט עס שטום צוגעזען.

פאַרשפּעטיקטע ליבע

1

פרעמדע קומען זעלטן אין דעם אייבערשטן הענגענדיקן הייפל אַריין, נאָך זעלטענער זענען געסט ביי די פּאָר שכנים.

מ׳קומט אַריין אַהער, דאַכט זיך, מ׳איז אָפּגעשלאָסן. שטילקייט פאַר־וויגט, די טונקלקייט פון די ווענט און פון דער שטילקייט שלעפּערט איין. סיידן — מ׳טראָגט אַריין אַהער רעש, וואָס בלייבט סיי ווי פרעמד, סיידן מ׳ציט צום שטילן פענצטער וואָס אין גרויסן דרויסן אַרויס.

טאַקע, דאָ זעט עס אויס ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געבליבן אין דרויסן. אויף יענער זייט, צווישן די מויערן, קאָכט זיך די שטאָט. דאָ איז עפּעס אַנדערש. דאָ איז אַן אינדזל פון אָפּגעזונדערטע.

אַ מאָל, אַ מאָל, אין אַ זונטיק, באַווייזן זיך געסט. מייסטנס קומט מען צו דער אַלטער קאַרמען. שוין אַ יאָר פערציק איז זי אין אַרגענטינע, געווינט אין פאַרשיידענע ערטער, האָבן זיך אָפּגעקליבן עטלעכע באַקאַנטע. ווי זי, זענען אירע געסט פשוטע, צוגעלייגטע און אויסגעהאָרעוועטע. עס קומט אַ „טשיקאַ״ *, אַ מיידל פון אַ יאָר פינף און פערציק, וואָס דינט ווי אַ קראַנקנ־שוועסטער פון יונגווייז אָן. מיאוס איז זי, אַז איר מיאוסקייט וואָלט גענוג געווען אויף צו צעטיילן צווישן אַ גאַרניזאָן חלשותדיקע אַלטע פריילנס. זי רעדט שטיל, מיט אַ סאָפּראַנדל און אַז קושט זי אָפּ די קאַרמען, מוז די אַלמנה לאַכן ווי פון אַ פּלוצלינגן קאַטאָוועס און אָפּשפּרינגען, נעמען ערגעץ קלאַמפּערשט עפּעס זוכן, כדי די „טשיקאַ״ נישט צו באַליידיקן. אַ לאַנגע האָריקע נאָז איז ביי איר און קושן אירע ווייכע ליפּן, מישט זיך אַריין די נאָז און זי קיצלט דער קאַרמענס באַקן.

קומט די „טשיקאַ״, די שוואַרצע מאַריאַ, ברענגט זי מיט — מעשה

---

* קליינע, מיידעלע (צערטלנאָמען).

מאַדאַם — אַן אָפּגעפּליקט עוף אין אַ פּעקעלע מיט אַ סלאָיִק איינגעמאַכטס און אַ פּאָר צענדלינג ציגאַרעטן אין בײַטל. וועט זײַן אַ רײַכערער בײַם טיש, וועט זי מהנה זײַן אים און אַליין אויך פֿאַרציִען. אַ גאַנצן טאָג בלײַבט זי מיט דער אַלטער. איז נישטאָ קיין מאַנצביל צו שמועסן בײַם מאַלצײַט, צו פֿאַררײַכערן זאַלבענאַנד (אָ, ווי זי חלומט דערפֿון!), לייגט זי זיך מיט דער קאַרמען צום נאָכמיטיק־שלאָף. דערנאָך גייען בײדע פֿרויען אַרויס אין הייפּל אַרײַן, שטעלן זיך אַוועק בײַ די שטייגלעך וואָס הענגען אין אַ ווינקל, וואַרטן אַז די קאַנאַרקעס זאָלן זיי דערזען, זאָלן זיי אויפֿנעמען מיט זייערע גוטסן. די טשיקאַ טאַמלט ממש, פּיפּסט צו די פֿייגל, וואַרפֿט זיי אַרײַן צוקערלעך, רעדט צו זיי. די־אַ קאַרטשען זיך אָבער צונויף אויף די שטענגלעך, פֿאַר־באַרגן די קעפּלעך אין די פֿעדערן אַרײַן.

די פֿרויען ווערט אומעטיק אויפֿן אומעטיקן הויף און זיי רוקן זיך צוריק אַרײַן אין צימער. פֿון נישט האָבן וואָס צו טאָן און נישטאָ וואָס צו שמועסן, קוקט מען אַרויס פֿון איינציקן פֿענצטער. סתּם קוקן איז אויכעט ליב, אַבי עס גלוסט זיך און מע זעט זיך מיט עמעצן. אין די זונטיק־נאָכמיטיקס, ווען די זון לייכט אָדער דער הימל כמאַרעט זיך, זענען אָבער די גאַסן פּוסט און פֿאַרשלאָפֿן.

דער אמת איז — און קאַרמען פֿילט עס — אַז מאַריאַ וויל זיך פֿרעגן אויפֿן מוטשאַטשאַ,* וואָס פֿלעגט דאָ אַרײַנקומען. זי טראַכט פֿון אים זינט יענעם מיטיק, ווען ער האָט זיך בײַ איר נאָכגעפֿרעגט וועגן איר היים אין סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ. גייט זי צו דער קאַרמען, האָפֿט מאַריאַ אים ווידער צו טרעפֿן. ערשט געדויערט ביז זי דערשלאָגט זיך אויף דער דרייסטקייט צו פֿרעגן אויף אים.

— מיגעלן מיינסטו? — ענטפֿערט די אַלטע נישט גערן — ווייסעך?... מסתּמא איז די מאַמע אים געשטאָרבן. שוין לאַנג נישט דאָ געווען מיגעל.

מעלאַנכאָליש לייגט זיך איר שטים. דערנאָך גייט זי אַרויס אין קיך סערווירט מאַטע**.

„ווייסעך, — טראַכט מאַריאַ — מ׳קען אַ מאָל גוט טרעפֿן מיט אַזאַ. אַ סימפּאַטישער, דאַכט זיך. און נישט אַלע פֿאַרלוירענע זענען ענלעך אויף זיך — — אוודאי, נאָר אַן אומגליקלעכער קען פֿאַרשטיין אַן אומגליקלעכע“.

---

* יינגל, בחור; ** אַ שוימיק גראָז־געטראַנק.

ס׳איז פּריקרע וואָס זי מוז זיך באַהאַלטן מיט איר קלערן דערפון. און דער „אפשר" וועגן דעם מיגעלן צעוואַקלט איבעריקס איר געמיט. איצט רעדט זי שוין אין גאַנצן נישט. און טרינקט מען אָפּ די מאַטע, דער פאַרנאַכט פאַלט צו, קלייבט זיך די ט ש י ק אַ צוריק אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט דיזשור, גיט זי אַ זאָג און לאָזט זיך צו דער טיר. טשאַו! טשאַו, מורמלט אָפּ די פאַרעלטערטע קאַרמען. איינע אַליין פאַרקנוילט זי זיך דערנאָך אין אירע פיר ווינקלען.

עס מאַכט זיך אַז מיגעל אַלמאַסענעראָ דערמאָנט זיך פּלוצלינג אָן זיין פריינדין קאַרמען. ביידע איינזאַמע, געפינען זיי זיך גוט ווען מ׳עסט צוזאַמען אַ מאָלצייט אין איר באַלעבאַטישן צימער. ער איז עס דער איינציקער מאַנצ־ביל וואָס וויזט זיך צו איר. מיגעל איז אַ הויכלעכער מיט אַ בייניק פּנים און ברייטע, שוואַרצע דלאָניעס. ער ברענגט מיט זיך אַ גרויסע ברוינע האַנט־האַרמאָניקע און אַ שפּאָרע חטיכה רינדפלייש, פאַרקניפּט אין אַ ווייס טיכל. די גאַסטגעבערן ווערט דעמאָלט ביז גאָר אויפגעלייגט. זי שוויצט אין דער טונקעלער קיך, עס צעהודזשען זיך אירע ביידע פּרימוסן, ס׳סיקען גרויסע טעפּ מיט געקעכטס און אין מיטן פאַטיאָ הייבט זיך אָן צו רייכערן אַ פייער. „ס׳וועט זיין אַן אַסאַדע* — דערשפּירן באַלד אַלע שכנים אין דער נידער און אין דער הויך און אומעטום פאַרהאַקן זיך די פענצטער פאַרן רויך. — „עס וועט זיין אַ יומטובדיק מיטיק מיט אַ סך וויין", — רעדן צו זיך די צוויי בחורישע זקנים וואָס קוקן אַרויס פון זייער גלאָזטיר גלייך צום פייער, וואָס רייכערט זיך פּעט און גערדיכט. קאַרמען פּאָרעט זיך, שלייפט דערוויל ברייטע, שפּיציקע מעסערס צו עסן דאָס בראָטפלייש. זי שניידט אָן אַ טיפע שיסל מיט גרינס, מיט טאָמאַטן, גיסט בוימל, גיסט עסיק און קלינגט מיט גלעזלעך, מיט לעפל און גאָפּל. די שכנים אַרט דער טשאַד פון געסמאַליעטן פלייש, זיי וואָסערט אין דער קעל דער רייצנדיקער טעם, שטעלן זיך אין די שויבן אַריין, מורמלען מיט פאַראיבל און מיט חוזק:

— דער אַלמנה חלומען זיך נאָך די מיידל־יאָרן, דער קו!

— ווי דאָס טומלט! ווי נאַריש ס׳איז דער מאַן וואָס מיינט אַז — — כיכי־בעעעע! — אויך אַ געלעכטער רייסט זיך ביי עמעצן.

די קאַרמען — אסור צי זי באַמערקט עפּעס. זי איז פאַרטועָן, זי האָט

---

* אַסאַדע — בראָטפלייש צוגעגרייט אויפן פייער.

אַ טייערן גאַסט, און איר פּנים פּלאַמט פֿריידיק, די אויגן גליִען: „מיגעלי!“ און זי שווייגט אין טראַכטעניש און זי איילט זיך, אַבי וואָס גיכער צוצו־גיין צום טיש, כאַפּן אַ שמועס מיט א י ם, קוקן אויף אים.

נאָך מיטיק אַז מ'הערט די קאַרמען הויך רעדן — איז אַ סימן, זי איז צופֿרידן. זי איז מלא גדולה, די אויגן זענען שיכור. און איז גראָד אויך דאָ די טשיקאַ, צערעדט זיך באַלד די האַרמאָשקע, ווייל מיגעל קען סיי ווי גאָר נישט זאָגן דער, צו וועלכער ער איז אומיסטן געקומען. מיגעל איז דערפֿאַר אומעטיק און ער וויל אַנטרינען פֿון טרויעריקייט. שפּילט ער צוערשט אַ סאַמבאַ. כאָטש זי איז צום טאַנצן, טאַנצט זיך קיינעם נישט. זי דערמאָנט נאָגנדיקע טעג און בעכט אין דער פּאַמפּאַ, די זאַמד־ווינטן, צעגאָסענע זומפּן און פֿינצטערנישן וואָס צעפֿרעסן די נשמה. מאַריאַס גרויסע נאָז ווערט בלאָ ווי אַ קאַרטאָפֿל פֿון מענדאָסאַ. פֿון אויפֿרעגונג ווילט זיך איר וויינען, אָבער זי וויינט נישט. זי גיט זיך נישט נאָך. עס טריפֿן נאָר אירע אויגנ־לעפּלעך. זי בלאָזט זיך. טרערן פֿון טרויער קען קאַרמען נישט איבערהאַלטן, זי דערפֿילט זיי באַלד, די אַלטע. זי גיט אַ צעפּראַל די טיר, גלייך זי וואָלט די מוזיקע אַרויסגעלאָזן פֿון שטוב, ווי מ'לאָזט אַרויס עופֿות אין דרויסן. היי, מיגעל, דערלאַנג! פֿון די אַגילאַס שטעקן דעמאָלט אַרויס די קעפּ ביידע טעכטער. ביי זיי הייבן זיך באַלד די פֿיס. און איז דער פֿאָטער נישט בייז, האָבן זיי ליב צו טאַנצן. די קני חלשן תיכף ווי נאָר זיי דערפֿילן דעם הייסן צי פֿון אַ מעלאָדיע וואָס לאָזט זיך אויסשרייען. עס ווערט היימלעכער אין דעם שטענדיק אויסגעליידיקטן הייפֿל. די טשיקאַ קען אויך שוין נישט איינ־זיצן, ווען ס'טראָגט זיך דער הויך פֿון מוזיק. אויך זי גייט זיך אָננעמען מיט פֿריילעכקייט: אפֿשר וועט זי דאָך צערייסן די מרה־שחורה וואָס איז אָנגע־וואָקסן אין איר ווי אַ גוז, וואָס מ'מוז אויסשניידן. די מעדיקערס אין שפּי־טאָל שניידן אויס טומאָרן — מענטשן קומען, מענטשן לייגן זיך אונטערן מעסער — און עס העלפֿט טייל מאָל. זי זעט דאָך!

... זיצט מיגעל אין דרויסן אויף אַ בענקעלע, ער ציט די נשמה מיט זיין שפּילן. די „קליינע“ מאַכן אָן אַ ווינט, צינדן אַ פֿייער ביי אַלעמען. אויגן שפּאַרן שוין צו זיי פֿון דאָ און פֿון דער הייך. צענחתט ווי אַ מחותנתטע שושקעט זיך קאַרמען מיט דער מוטער פֿון די צעטאַנצטע מיידלעך. ביידע שכנטעס שטייען אָן אַ זייט און אַנטקעגן באַווייזט זיך אויף זיין שוועל דער קליינער, געלהויטיקער סטאַטי. אונטער די טאַקטן פֿון דער „טשאַקאַרערע“, וואָס עס שאַרן אויס די יונגע פֿיסלעך, וויגט זיך איינער אַליין דער געשרומ־

פּענער בחור אויף זיין קורצן גוף. ער טופּעט צו און גרימאַסעט. לעשט זיך דער פֿלאַם פֿון לײדנשאַפֿט, די האַרמאָניקע שפּילט איין אַ „גאַטאַ“, בוקט זיך שוין דער אַלטפּנימדיקער סטאַטי. ער שטעלט אויס די דלאָניעס אין קעצי־שע לאַפּקעס און זיינע ליפּן טשיטשיקען צו: „שישי־שי — שישי“ — — מיט צעפֿלאָכטענע צעפּ, מיט די צעווינטיקטע קליידער פֿלאַטערן אויס די טעכטער אַגילאָ אַלע טענץ, וואָס סעניאָר מיגעל רופֿט אַריין אין הייפֿל, און עס איז אוממעגלעך זיי איינצושטילן, כאָטש די מאַמע בעט זיך —

— עלסאַ, געלאַסענער, אַנאַ־טערעסאַ, ס׳עט שוין גענוג זיין!

די מאַמע טאַמלט איבער די טעכטער, זיי זאָלן נישט זיין אַזוי צעקאָכט. און יעדעס מאָל, ווען ס׳שפּילן־טאַנצן גיט זיך אַ דערמאָן אָן זייער הייפֿל, רוקט זיך צו קאַרמען צו מאַריאַן, זי גייט מיט האָפּסל־טריט, שמועסט איר איין אַז זי זאָל זיך נישט שעמען: סטאַטי דער שכן איז אַ לייטישער — מיט אים מעג זי. „זעסט דאָך, ער קוקט אויס אַ רעד צו טאָן“ — גיט זי אַ צי צונויף דעם שטערן אין אַזאַ מין ווונק און בינו לבינו רופֿט זי שוין דעם גוטן שכן, ער זאָל גיין טאַנצן מיט איר טשיקאַ. מאַריאַ פֿלאַמט, זי דרייט זיך אַוועק אין פֿאַרלוירנקייט און קאַרמען שטופּט זי דווקא צו צו אים: „גיי צו, נאַרישע“. אָבער די־אָ גרימאַסעט, לאָזט זיך בעטן. סטאַטי כאַפּט זיך אויף דעם, דער זכר וואַכט אין אים, ער פֿאַרלירט זיך נישט אין קווענק־לעניש און אויפֿפֿלאַמענדיקן רייץ צו זיגן, באַהערשן. אין זיין טיפֿער בלאַס־קייט גיסט זיך אָן זיין פּנים מיט גליִענדיקן רויט און ער טוט זיך אָן אַ כּוח נישט אָפּצושטיין פֿון פֿריילעכקייט וואָס ווערט אין אַ נאָ־ווינע אַהער אַריינגעפֿירט. ר׳גיט זיך אַ ריר, מאַכט אַ שריט פֿאָרויס פֿון זיין שוועל אַוועק און שוין קלאַפּט ער צו מיט די שפּיצן פֿון די שיך טאַקט־מאָסיק צו מיגעלס האַרמאָניקע־מאַטיוו, פּליעסקעט אויס מיט דער צונג דעם רויש פֿון אַ וואַסערפֿאַל — ער פּאַטשט אויך מיט די הענט, אַרבעט צו מיטן גאָרגל, קרייעט אונטער. און גלוסט זיך אים, קוליעט ער זיך פּלוצלינג אַני־דער ווי אַן עפּילעפּטיקער, בכיוון — אויף אָנצושרעקן די קאַרמען, ווייל זי איז אַן אָנגעשראָקענע: „דיאָ, גאָט“! — גיט זי אַ קוויטש און לאַכט היל־כיק מיט צעשפּאַרטע אויגן. — אָבער סטאַטי טאַנצט ווי קיין מאָל גאָרנישט און מיגעל שפּילט אַ באַנומענער.

פּונקט ווי די טענץ ציקלען זיך אין ראַפּטעמדיקע מעלאָדיע־כוואַליעס, אַזוי ציט זיך דער שפּילער איבער אוממעגלעכע ווייטן, ער טראָגט זיך מיט

פֿאַרמאַכטע אויגן; אינעווייניקדיקע כוחות טראָגן אים און ער ווערט נישט מיד, מיגעל אַלמאַסענעראָ. אַריינגעבראַכט האָפֿערדיקייט, זאָל זי נישט אויס־רינען פֿון די אָרעמע געמאַרקן. ער כאַפּט אַ קוק אויף דער קאַרמען, געפֿינט ווידער אין איר לאַקנדיקע חנען און צעשפּילט זיך שטאַרקער, כאָטש עס איז שוין נישטאָ מער ווער עס זאָל טאַנצן. דאָן אַלדאָ האָט שוין באַוויזן אַ חונק צו טאָן צו די טעכטער: „אין שטוב אַריין!״

שווערע, גראָע פּאַמפּאַ־אָדלערס שפּרייטן זיך אַקערשט איבערן קאָפּ פֿון האַרמאָניסט, אָבער ער זעט גאָר נישט אַרום זיך. אַנטקעגן דעם גע־פֿלאַטער פֿון טרוקענעם פֿויגל־שריי שטייט איצט איינע אַליין די פֿאַראומער־טע קאַרמען. אויך דער בלייכער, קליינער שכן סטאַטי האָט זיך שוין אַריינ־געררוקט אין זיין צימער, זיצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט און קוקט מיד צום שפּילנדיקן. מיגעל וויגט זיך אַלץ אויפֿן בענקעלע, פֿאַרנעמט נישט ווי עס לאָזט זיך פֿון ס׳ניי אַראָפּ אַ האַרבער אומעט. קאַרמען פֿירט אים שוין ביי דער האַנט, האָדעוועט אים מיטן בליק, מיט אירע לאַסקעס.

פֿאַרגעסן זיך מיגעל פֿון לוכאַן. ער שפּילט, הוידעט זיך אַריין אינעם אָוונט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און נאָר אַן אָנגעצונדן פֿלעמל פֿון אַ צעעפֿנטער טיר מאַכט אים היימלעך.

2

דער מאַנצביל מיגעל האָט פֿאַרשפּעטיקט חתונה צו האָבן אין צייט. אָרעמקייט האָט פֿאַרשלעפּערט זיין חשקות צו נעמען זיך אַ ווייב און דער שכל זיינער האָט לאַנג זיך געבויגן פֿאַר דער פֿוילקייט וואָס געדייעט אין דער לערקייט פֿון דער פּאַמפּאַ. איצט, ר׳איז שוין צווישן אַנדערע מענטשן, וואָס ווילן דווקא לעבן, באַנעמען דעם אימפּעט פֿון לעבן, וויל אויך ער נישט אין גאַנצן פֿאַרשפּילן דעם קאָן. זיך מיישב געווען. דאָך גוט אַ ווייב, און אַ ווייב קען זיין אַ העלפֿערן.

אין לוכאַן האַלט ער אַ קליטל, ווייל ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין שטאָט אַריין, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. פּשוט נישט געווען ווו זיך אַריינצוקלייבן פֿאַר דעם קנאַפּן געלט וואָס ער האָט געהאַט. און די דעה זיינע איז געווען צו לאָזן זיך אין די גאַסן פֿאַרקויפֿן זיינע הענט: לייגן שטיינער פֿון ברוק, טראָגן ליים פֿאַר הייזער וואָס די שטאָט דאַרף זיי האָבן אַ סך. אויסגעלאָזן האָט זיך עפּעס אַנדערש. געשטאַנען אָן אַ זייט אַן אַלטע

פֿאַרשלאָסענע הייזקע אין דעם לוכאָן, האָט ער זי גענומען פֿאַר דעם שיבוש וואָס פֿאַרמאָגט. די טיר איז געווען אַ דרויסנדיקע צו דער גאַס; געזעסן אַ מאָל מיט דער מאַמען פֿאַר דער טיר, געזען, עס קומען און עס גייען מענטשן אַזוי פֿיל פֿון דער גרויסער קירך, יעדער איז מיד פֿון היץ, איטלעכער חלשט אַ טרונק, אַ ביס צו טאָן, האָט ער איין מאָל אין דרויסן אַוועקגעשטעלט אַ קיישל מיט זעמל, מיט זיסוואַרג און אַ פּאָר פֿלעשלעך ביר, מאַראַנצן־סאָק. פֿאַרבייגייענדיק האָט קינדער פֿאַרגלוסט דאָס נאַשוואַרג, דערוואָקסענע האָבן זיך אָנגעבויגן צו אַ זעמל, אַ פֿלעשל געטראַנק און מיט די אויגן נאָך גע־זוכט: „בישטאָ מער ווי דאָס־אָ? און אַ שטיקל קעז פֿאַר וואָס פֿעלט ביי אייך, אַ זיס קיכל פֿאַר אַ קינד, אַ געררייכערטער הערינג, וורשט?" ער האָט אַרויס־געלייגט אַ פּאָר אויגן, מיגעל, צוגענומען דאָס קליינגעלט און גענומען די פּעזעס פֿאַר דער פֿאַרקויפֿטער סחורה פֿון קיישל און שוין אַריינגעבראַכט אין הויז מער סחורה. מענטשן קומען, מענטשן גייען — פֿרעמדע, וויטע און עס קומען אויך שכנים, מע נעמט אים צו די זאַכן און מ׳גיט אים מער געלט ווי ער האָט געהאַט נעכטן און אייערנעכטן. אַזוי אַרום איז מיגעל גע־וואָרן אַ קלייטניק און די קלייט האָט אין אים געוועקט חשק צו עסקים. אַזוי אַרום זענען אָבער איינגעדאַרט געוואָרן אַ צאָל יאָרן. אין שטאָט אַריין איז ער געקומען שוין בישט מיט דער פֿרישקייט פֿון יוגנט. די קלייט איז טאָקע געוואָקסן, די מאַמע איז אַלט געוואָרן אין די פֿיס, אין די אויגן, זי האָט גענומען קרעכצן אויף ווייטיקן און ער האָט געמוזט מער אַרבעטן אַליין אין קראָם. ס׳געוואָרן שווערער. קומען פּילגרימען קיין לוכאָן בעטן חסדים ביי דער הייליקער יונגפֿרוי, זיי מאַכן פֿול מיגעלס קלייט, זוכט ער שטענדיק צווישן זיי די גוטע קאַרמען ראָדריגעז. שוין יאָרן צען אין דעם ווי זי איז דאָס ערשטע מאָל אַריין צו אים אין קלייט עפּעס איבערכאַפּן. זי איז אַ שיינע, אַ גיכע, אַ וויכהאַרציקע, האָט ער געזען. זיי האָבן זיך דע־מאָלט פֿונאַנדערגערעדט און דאָס ווייבל מיט די באַטעמטע רייד איז אים געפֿעלן געוואָרן. געגומען איר אַדרעס און ער פֿלעגט זיין איר גאַסט. ווי אַ גוטער ריח גיט זי אים אַ צי צו זיך. אַ חלום איז זי אים געוואָרן פּלוצלינג, זי פֿלעמלט אין זיינע בלוטן. און רייסט ער זיך אָפּ פֿון קלייט און פֿון דער מאַמע, וויל ער איר מאַכן היימלעך, דער גוטער קאַרמען. נעבעך יונג געוואָרן אַן אַלמנה, אַ קלאָגעדיקע מאַמע נאָך איר איינציקן זון, אַ בחורל ווי אַ גוטער טרונק אין אַ הייסן טאָג. תמיד איז די מאַמע פֿול מיט איר קאַרליטאָס, נעמט אַריין זיין שאָטן אין יעדן שמועס מיט באַקאַנטע מענטשן. איז מיגעל אויג

אויף אויג מיט דער קאַרמען, חזרט ער איבער שוין צום ווימפלטן מאָל: „פּריי־לעך וואָלט מיר געווען מיט אַזאַ ווי איר, קאַרמענסיטאַ!" ער האַלט איר האַנט אין זײַנער, דריקט זי וואַרעם און די אויגן נעפּלען זיך. „ע, איך?" — האָט זי זיך תחילת געדרייטלט ווי אַ יונגינק מיידעלע און מיט דעם איז זי אים נאָך מער געפעלן געוואָרן: „אַ קליינע ווי זי איז, אַ געפּאַקטע און אַ באַשיידענע, וואָלט זי געווען גאָר אַ ווילע באַלעבאָסטע". און זי האָט ברען אין זיך — פאַרזעט ער נישט. אָט ווי זי לויפט, ווי זי נייט אַריין אין אים דאָס עסן, קלאַפּט צונויף מיט אים דאָס גלאָז ווײַן. ס'איז ליב אַזאַ. און אין זײַן געמיט פלאַטערט עס און ס'שטאַרקט זיך דער מאַנצביל. „נו, קאַרמענ־סיטאַ?" אַן שהיות האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר דעם בליק און אַנומלט — ער איז געווען איבערגעטרונקען מיטן רויטן ווײַן — זי אַ פּאַק געטאָן ביים בוזעם: „קליינינקע, איך קען מער נישט אָן דיר. קום צו מיר אַהיים". דער אָטעם האָט זיך אים אָפּגעהאַקט, ס'וואָרט איז אויפגעלאָפן, די ליפּן האָבן רק זיך געוואָרפן מיט בעטעניש: „קאַרמענסיטאַ" — — אַ רויט געוואָרענע האָט זי געקוקט אויף אים, געהערט זײַן שטאַמלען: אויך די מאַמע וועט זײַן צופרידן, מירן מער נישט זײַן אַליין, און די קליים וועט האָבן אַן אייגענע... פּאַברע, אָרעמע, איך מוז דיך האָבן, — און זי שוין באַפאַלן מיט זײַן סאָפּנדיקן, שטעכיקן מויל, אָנגעגאָסן זי מיט גרויסער וואַרעמקייט וואָס פּאַ־לוביעט, קריכט זיס אין די ביינער אַריין.

איז זי געקומען צו זיך נאָך דער אוממאַכטיקייט וואָס האָט זי אַרומ־געריפּט ווי מיט גליִיקע שטריק, האָט קאַרמען גענומען זיך קווענקלען — מחמת דעם זון. קאַרליטאָס האָט דעמאָלט נאָך געלעבט און זיך נישט גע־קליבן צו בויען אַן אייגענע נעסט. ער איז שוין געווען גענוג אַלט פאַר דעם, ער האָט געקענט געפעלן ווערן אַ גוטער סעניאָריטאַ, אָבער ער האָט זיך עפּעס אָפּגעקערט פון אַזוינס. די מאַמע און די היים האָבן אים געקלעקט. פאַר זיך האָט ער מער נישט באַדאַרפט. ערשט איז ער שוין נישטאָ. קאַרלי־טאָס איז אַוועק זײַן טרויעריקן וועג. היינט איז אים גענוג בלויז דער מאַמעס קומען אויפן קבר און איר ציטעריקער זאָג: „זונעלע, די שענסטע בלומען פאַר דײַן הייליקער רו!" זי היט שטאַרק זײַן אָנדענק און פאַרגיסט טרערן פאַר זײַן נאָמענס וועגן. אָקערשט דריקט איר אויך די אייגענע איינזאַמקייט און ס'דריקט איר און ס'לאָקט דער ווילער מיגעל. איצט, אַז קאַרליטאָס האָט זי אויך איבערגעלאָזן, קלערט שוין קאַרמען אַז מ'דאַרף אפשר ערנסט אַ שמועס טאָן מיט מיגעל אַלמאַסענעראַ. ער מיינט אויף אַן אמת. אַ מאַנס־

פאַרשוין מוז האָבן אַ באַלעבאָסטע. יאָ, מ׳מוז דורכרייסן דעם טרויער. פּלוצ־לינג האָט אויפגעשיינט אַזאַ געדאַנק. אומעט און טרייסט קנוילן זיך אַריבער דער אַלמנה. אָן אַ צו וואָס נעמט זי זיך פּאַרען, לויפט אַריין און אַרויס אין קיך און ווי זשאַרעדיקע קוילן גליט איר ברוסט: „זיך אַריינוויזן צו מיגעלן אין לוכאָן, צי זאָל זי וואַרטן אויף אַ נאָענט מאָל ווען ער וועט אַליין קומען אַהער? — נישט גוט דעם מענטשן צו בלייבן איין־אַליין“ — —

קאַלעמוטנע דאָס־אָ נאָכקלערן טאָג איין, טאָג אויס.

3

סוף כל סוף קומט קאַרמען צו איר חשבון: זי דאַרף אַן אמתן פריינד, וואָס זאָל איר נישט לאָזן וויינען. זי קלאָגט אַלץ נאָכן זון, טרויערט, און ס׳ווערט איר שוין אַ חרפה. וואָרן לעבן שפּירט זי פאַר זיך, פאַרגאַנגענע יאָרן שרייען אַריין אין אירע טעג, און זיי רייצן. אַז מיגעל אַלמאַסענעראָ האָט אַריינגעבראַכט אין איר די שפּירונג וואָס בישטערט מיט אויגן און מיטן מויל פון אַ דאַרשטיקן — דאָס האָט זי קלאָר נישט געוווּסט. פאַוואָליע האָט דאָס געפּיל באַקומען לשון. מיגעל איז איר געקראָכן אין קאָפּ אַריין, אָפטער האָט זי אים געדענקט, געזען אין דמיון. און פון מטושטשן זעען, האָט זיך אויסגעטיילט די פרוּוּישע מחשבה: אַ מאַן האָט זי שוין געהאַט, אַ מאַמע וועט זי שוין נישט ווערן. אַ פריינד ווילט זיך דווקא, אַ פריינד צו האָבן איינע אַליין, קיינער זאָל אים נישט גליסטן. אַ פּחד מיט די מאַנספאַרשוינען! ווי הינט יאָגן זיי זיך נאָך די צויגן. ערגער איז נאָך מיט די וואָס זענען רייך. שיין זענען זיי אַלע, די שדים. זי זעט וואָס עס טוט זיך אין יענע היימען. אין ערגעץ איז נישטאָ איינער פאַר איינע. מיגעל איז בעסער, ער איז אַן אַנדערער. ער איז נישט שיין, פיס זענען ביי אים קאַטשענע, פּאַמעלעכע, נאָר געזונטע. און דער יאָך טרעט אויף אים שטענדיק. ער וועט וויסן נאָר קאַרמען, זיין קאַרמענסיטאַ, און זי וועט זיין אַ גוטע צו אים. דערווייל זאָל ער מער זיך צוגעווינען צו איר. זי וועט גרייטן מאַלצייטן פון זיינעטוועגן, זאָל זי אים מער אָנשמעקן. ווי ביז אַהער וועט ער ברענגען שקאַרמיצן מיט זיסקייטן און זי וועט אים באַלערנען:

— טייערער, מ׳באַדאַרף עס נישט. אַ שאָד געלט.

ער איז אַ ווילער, ווייס נישט אַ סך זיך צו פאַרענטפערן:

— ס׳גוטע זאַכן, שאַדט נישט, — זאָגט ער און וויל זיך שעמען.

אָ, ווי גוט ס׳איז צו פֿילן זיך אַ געליבטע! דער מאַנצביל גנבעט זיך צו איר, בייגט זיך פֿאַרן וואָרט, חלומט פֿון אַ גלעט. זי וועט אים אָפּהיטן, מיגעלן פֿון לוכאַן און זי׳ט זיך באַהאַלטן מיט אים.

די מאַמע זיינע איז שוין גאָר אַ טיפּע זקנה. זי וועט גיך אַנטשלאָפֿן ווערן. דעמאָלט וועט זי אים זאָגן:

— ס׳איז מיר ווי דיין טרויער, פֿרייַנד. איך וויל גיין צו דיר און מיר וועלן מער נישט זיין אָפּגעזונדערט. באַשטייסט?

אַוודאי וועט ער באַשטיין. ווי לאַנג קוקט ער שוין אויס אַזאַ גרייט־קייט פֿון איר!

אַז ער האָט ליב פֿון ליבע וועגן, האָט מיגעל זיך נישט אויסגעלערנט צו זאָגן אין זיין יוגנט. איצט זענען נישט שיין אַזעלכע רייד. זי פֿאַרשטייט עס גוט, קאַרמענסיטאַ. זי האָט נאָר נישט גערן אַז עמעצער אַ מאַנצביל קוקט איר צופֿיל אין די אויגן אַריין. אַ פֿאַרשייטער, קלערט זי טייל מאָל פֿון דעם קליינעם סטאַטי דעם אַלבאַנעזער, ווען ער גייט אַריין צו איר בעת זי איז אַליין אין צימער. ער פּרוּווט זיך, דער... מיגעל איז פֿיינער.

שוין יאָרן אַזוי, ווי ביי איר שפּינט זיך דער פֿאָדעם מיגעל, מיט וועלכן זי שטשאָבעט איר ווייבערישן עלנט. זי ציט צו אים און צו זיינע אויסבראָכן פֿון נאָענטשאַפֿט: ווען ער ווערט דרייסטער, טשעפּעט ער זיך צו איר יאָקל, עס אַרן אים די נעט פֿון איר ספּאָדניצע. קאַרמענסיטאַ, — שעפּטשעט ער און זי פֿילט אין אים אַ קינד וואָס טרערט מחמת אמתער צוגעבונדנקייט. און באַווייזט זיך די „טשיקאַ״ ווערט זי צו יענער שוין אָפּגעקילט. אומגערן לייגט זי זיך מיט איר צום נאָכמיטיק־שלאָף. די מאַריאַ איז איר געוואָרן דערווי־דער: „ווי קען מע שטענדיק אַזוי? זי זעט דען נישט, כ׳האָב עמעצן וואָס וויל נישט, אַז כ׳זאָל בלייבן איינזאַם!״ מיט אומגעדולד קוקט זי שוין אויס מיגעלן: זאָל ער נאָר קומען, וועט זי אים שוין נישט לאָזן שפּילן אויף דער האַר־מאָניקע. פֿריילעכקייט זאָל זי זיך זוכן ערגעץ אַנדערש, די מוידן!

— דעם שפּיטאָל זיך אַוועקגעגעבן — טראַכט קאַרמען כמעט אויף אַ קול, אַן אַנגעברוגזטע אויף דער טשיקאַ — די נאַרישע. זי׳ט פֿאַרגעסן אַז זי דאַרף אויך זיין אַ מענטש, נישט רק זיך טשעפּען צו יענעם; מ׳באַדאַרף האָבן אויגן און זעען. אַ מענטש באַדאַרף מען זיין. און אַ מאַן האָט פֿיינט

שפּיטאָל־פּוילקייט. אַן אײזלטע אַזאַ! אַ סך אַלטע בתולות אין די שפּיטאָלן אַנגעהאָדעוועט, און מיר ברענגט אַזאַ איר אומהיימלעכקייט. מײנס האָב איך דען קנאַפּ?

מיט אַ מאָל האָט זי דערשפּירט אַן אמתן כעס צו דער טשיקאַ.

אָבער זאָגן וועט זי עס נישט. קאַרמען קען קיינעם נישט באַליידיקן. ביי קאַרמען וואַקלט זיך שטאַרקער דער חלום פון נאָענטשאַפט מיטן מאַנצ־ביל פון לוכאַן. אים גיט זי שוין אַפּ ס׳גאַנצענע טראַכטן און נאָכקלערן.

„באַשטייסט?״

אין דער טונקל־שעה, ווען זי קערט זיך אום אַהיים פון די רייכע הייזער, ווו זי וואַשט און שייערט, ליגט קאַרמען אַ מידע אויפן בעט און זי רופט אַרויס צו זיך מיגעלן דעם קינדיש צוגעלאָזענעם. אָפט מאָל זעט זי אים אַ דערשלאָגענעם. אַ באַוואָקסענער שלייכט ער צו צו איר און זיין פּנים דערציילט פון טרויער: „די מאַמע... נישטאָ שוין די מאַמע״.

אָ, דאָס רירט זי שוין.

אָטגעטאָן אין שטענדיקן שוואַרצן, לאָזט זי זיך שווער אַראָפּ פונעם געלעגער, טאַפּט מיט די הענט די פינצטערניש. און צינדט זי אָן די לאָמפּ, דערזעט זיך קאַרמען פון ס׳ניי איינע אַלייז, אין אַלמנהשאַפט. אַ וואָכע זעט זי מיגעל אַלמאַסענעראָס זקנהשע מאַמע ווי זי באַוועגט זיך ערגעץ נאָך אַ בלייכע, זי באַוועגט דעם קאָפּ אויף אַ קישן און פאַר קאַרמענען ווערט פון ס׳ניי ווייט די נאָענטשאַפט פון דעם וואָס האָט זיך איר ערשט געחלומט אין געדאַנק. אָקערשט זעט זי אים אין שפּיגעלע וואָס קריכט פון דער וואַנט איר גלייך אין די אויגן אַריין:

„זי איז נאָך נישקשה פון אַ פרוי, קאַרמענסיטאַ״.

קאַרמען וויל אַ שמייכל טאָן אַקעגן שפּיגעלע, אָבער עס קומט נישט אַרויס. בלאָס איז די מינע, וואָס גריבט זיך גאָלדיק אויף אירע ליפּן און זי רינט אויס ראַפּטעם פונעם געניקלטן רעמל. פּלוצלינג ווערט איר ענג אין שטוב. זי וועט ליבערשט אַריינגיין צו די „יינגלעך״, ווי זי רופט די מאַנצ־בילשע שכנים וואָס וווינען זאַלבעצווייט אין דערבייִיקן צימער.

אומעטיק.

ביז זונטיק וועלן זיך נאָך שלעפּן לאַנגע, לאַנגע נעכט.

... — און אַז מיגעל וועט קומען, וועט זי אים לאָזן שפּילן אויף דער האַרמאָניקע? ניין, ס׳ווערט איר אומהיימלעך פון דער מוזיקע. אַלעמען ווערט

אומהיימלעך. און אפשר — —?דאָן אַלדאָן, דעם פֿאָטער פֿון די טאַנץ־באַגערנדיקע טעכטערלעך, פֿאַרשפּילן די פֿייגל וועלכע ער כאָוועט אין הייפֿל. ווערט אים אומעטיק שטעלט ער זיך אַוועק ביי די שטייגלעך און די קאַנאַרקעס טרעלן, צעוויגן די שטילקייט מיט האָפֿערדיקן גערייד צו אים, צו דער וועלט וואָס אין דרויסן. איר ווערט טרויעריק דערפֿון. דער גאַנצער הויף ווערט פֿול מיט טרויער פֿון אַיעדן געזאַנג. יאָ, פֿון מיגעלן וועט זי מוזן הערן קלאָרע רייד. מוחל אים די מוזיקע, וואָס איז ווייל נאָר פֿאַר דער טשיקאָ. אָ, אַזוי לאַנג ס׳נאָך ביז זונטיק!

דער גוטער חודש

אַ לאַנג פּנים, טונקל־ברוינע האָר און הויכע, שלאַנקע פיס האָט מאַרטאַ. מיט אומאויסדריקלעכן רייץ פון אויפגייענדיקער פרויִשקייט אָטעמט איר יעדער קוק, איר איינהערן זיך צו דערנעענטערנדיקע טריט. ווי אַ יונגע הירשיכע גייט זי אַרום אין הויז שטיל און פאַרטראַכט; ברעכט אויס פון איר אַ געלעכטער, קומט עס ווי אַ פּלוצלינגער דערשרעק, וואָס ווייסט נישט ווי־נאָך אויסצערינען: אימפּעטיק, קיל און טרוקן גיט עס זיך אַ הייב איבערן מוח־שיידל, לויפט אַדורך מיט אַ קלינגלדיקן שפּריץ ווי ראַפּטעם אָנגעדריקט גלאָז וואָס פּלאַצט און צעפּאַלט זיך, גלייך אַ האַסטיקע כוואַליע איבער אַ פלאַכן טייך־ברעג. דערנאָך גייט זי ווידער אַרום פאַרטון אין זיך, די וואַקסנדיקע מאַרטאַ. דער פאָטער האָט נישט „קיין קאָפּ“ זיך אַרומצוקוקן אויף איר, ער וואָרנט זי נאָר נישט צו ווערן אַן אַרומלויף און די מאַמע — פאַרקערט — וויל נישט שטערן „דעם קינד“.

— נענאַ, לערנסט זיך גוט...? אַזוי פרייט עס מיך. זאָלסט נאָר האָרכן.

— נענאַ, די מאַמיטאַ וויל האָבן נחת פון דיר. אַ מיידל מוז זיין געלאַסן און קלוג!

די מוטער לייכט אויף, ווען זי קוקט זיך איין אינעם טעכטערל און זי זוכט איר אָנצוטאָן רק פאַרגעניגנס. אַ מיידעלע ווערט אַ פריילן, טראַכט זי און מעסט ס׳טעכטערל וועדליק זיך, וועדליק איר אייגענער יונגשאַפט וואָס איז פאַרגאַנגען אין אומעטן. אַ גליק, וואָס זי קען איר קינד נאָכגעבן. זי נייט אָפּט פאַר מאַרטאַן נייע קליידלעך, איילט זיך צו קויפן פאַר איר שיך מיט הויכע קנאַפּל.

— ס׳געפעלט דיר, מאַרטעלע?

— ביסט אַ טייער מאַמעלע, — און זי פאַלט אַרויף אויף דער מאַמען מיט אַ הייס קושן: — ווי גוט! — זי טוליעט זיך צו דער באַלייבטער מאַמען און זי שרעקט זיך מיט אַ זיס שרעקן פאַרן טאַטן, מחמת ער איז אַ שטרענגער, כאָטש אויך אַ גוטער, אָבער נישט אַזוי ווי דאָס מאַמעלע.

אַן אָפּבילד פֿון איר פֿריִער יוגנט זעט די פֿרוי אין דעם טעכטערל; אַ בענקשאַפֿט און אַן אומקלאָרע שפּירונג פֿון צער מחמת באַשיימפּערלעכער אייגענער פֿאַרגענגלעכקייט דריקט אויף דער פֿרוי. באַלד שרומפּט צונויף איר האַרץ, די אויגן ווערן פֿול, פֿולער אינעם אַנטקעגנדיקן בליק פֿון איר קינד, אין וועלכן זי באַגערט זיך אויסאויפֿהערלעך צו שפּיגלען. די מאַמע פֿאַלט אַרויף דעם טעכטערל אויפֿן אַקסל, שטילט איין דעם שטורעם אינעם לוישן פֿון מאַרטאַס ווייכע האָר:

— נענאַ, קינד מיינס.

די נענאַ פּיעשטשעט זיך, די פּופּצניאַריקע נענאַ וויל זיך שוין פּוצן ווי אַ סעניאָריטאַ. די נענאַ פֿאַרגעסט זיך שוין ביים שפּיגל. און קומען געסט (אַך, וואָס פֿאַר אַ זעלטנקייט ביי זיי!), פֿרייען אויך זיי זיך מיטן צירונג פֿון דעם הויז, מיט דער יִינגערער פֿון די צוויי טעכטער זייערע פֿריינדס.

— וואָס מאַכט די סעניאָריטאַ מאַרטאַ? מיט דערפֿאַלגן קיין דאגה נישט, האַ, מיידעלע? מיט דער שול איז מע זיכער, אויב ס'קעפּל איז שאַרף און דער ווילן איז צייטיק. ווייטער — ווינקט מע צו איר מיט ליפּן־ און אויגן־פֿלאַטער — ווייטער נישט קיין זאָרג מיט מאַרטעלען, האַ, מאַמעלע?

אויף שטום־לשון, מיט אַן אַקסל־צוק גיט מען דער מאַמען אָנצוהערעניש אויף אַ יונגן, שיינעם זכר, וואָס גרייט זיך שוין ערגעץ־ווו געפֿעלן צו ווערן דער גערעטענער מאַרטאַ. „אַזאַ־אָ? מ'עט זי לאַנג נישט לאָזן במנוחה. מ'עט זי אויסכאַפּן פֿון שטוב אַרויס״.

זיסע חשקות און האַפֿערדיקייט צינדט אָן אַלעמען ביים אַנבליק פֿון דעם שפּראַצנדיקן מיידעלע. מאַדנע אַנרעגנדיק איז ס'רעדן צו דער „קליינער״, מאַדנע צוגעלאָזן איז טאַטע־מאַמעס וועלטל צו איר. זי האָט אַ גוט מזל ביי אַלעמען. מאַרטאַן האָט מע ליב, מאַרטאַן גיט מען אַלץ נאָך. אַפֿילו די מענטשן וואָס קומען אַריין צו זיי, זענען עפּעס שטענדיק פֿול מיט חוב, מיט ליבער שולדיקייט לגבי איר; כאָטש אַ וואָרט, כאָטש אַ קליין מתנהלע יעדעס מאָל.

— אָ, שיִער־נישט פֿאַרגעסן, מיידעלע — איז מען צו איר צאַרט — אַ שטיקל פּרעזענט דיר מיטגעבראַכט. זע־עעסט!

טאַטע־מאַמע קוועלן אָן פֿון דעם טעכטערל, קוועלן פֿון איר שיינעם וואַקסן, פֿון אירע קאַפּריזן. פֿאַרקוקט אויף איר, זעען זיי נישט ווי בעאַטריס די עלטערע, ווערט געקרענקט פֿון דעם. אַלץ, אַלץ פֿאַר א י ר — מורמלט

זי דער מאַמען אין די געהירן אַריין — איך בין דאָ אַ פֿרעמדע, איך בין אַ ממזר!

ביטער רויכערן די רייד אין דער מוטערס געמיט. זי פֿאַרבייסט אַלץ און פֿאַרשווייגט. זי וועט אַפֿילו נישט איבעררײדן מיטן מאַן. אַזאַ איז איר מזל. ע ר איז שוין אין גאַנצן קאַלט צו איר; צעקריגן זיך מיט אים איבער די קינדער, למאי אויך דער טאַטע מאַכט אַן אונטערשייד צווישן זיי, וואָלט געווען אַן איבעריקער קלאַפּ פֿאַר איר. אמת, זי האָט אויך שטאַרק ליב די קלענערע, אָבער פֿיינט האָבן די גרעסערע? ס׳איז סם אין איר נשמה. וואָס טראַכט ער זיך, אַנטאָניאָ? בעאַטריסעס טרערן לאָזן איר נישט אָפּ, זיי פּייניקן זי, רויבן דעם שלאָף. שוין די עלטער אפֿשר? זי דערקענט עס צומאָל אין דעם מאַן; ער האָט איר שוין לאַנג, לאַנג נישט אַ צערטל געטאָן; זי זעט די מרה־שחורה וואָס קומט אויף דער שטוב. אין דרויסן איז ליכטיקער זומער — ביי איר בלאָזט דער ווינטער. ממש אַ שווידער! אַ טרייסט איז איר וואָס די קליינע וועקט כאָטש זיין ליבשאַפֿט, זי בינדט אים צום הויז.

נאָך גוט די פּאָר וואָכן זומער, ווען זי פֿאָרט אַרויס מיט די טעכטער. אַן אָפּפֿרישונג פֿאַר זיי און אַן ענדערונג אויך פֿאַרן אַלטן. ער זעט זיי נישט, בענקט ער אַ ביסל, האָט ווינציקער אויפֿרעגונג. די קישעלעך אונטער די אויגן זאָגן עדות אויף זיין צושטאַנד. הויכער בלוטדרוק, געל־ווייס דאָס פּנים, קלאָגט אויף קאָפּווייטיק. ס׳אַ שרעק די מאָנונג פֿון יאָרן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויפֿט. ערגער נאָך איז דער סוף־זומער. אַלע זענען זיי זון־אָפּגעברוינט, געקרעפֿטיקט, נאָר ער איז צערייצט. תמיד אַזוי. אַ גאַנצן זומער רירט ער זיך נישט אַוועק פֿון געשעפֿט, זיצט און דרימלט, וואָרטשעט אויף די חלומות פֿון לוויות, וואָס שפּאַנען צו אים, פֿון אים, כאָטש אין דער אמתן איז ס׳געשעפֿט „אין וואַקאַציע“. עס קומט נישט קיינער, ס׳גייט קיינער נישט פֿון זיין ג ע ש ע פֿ ט. די שטאָט איז אַרויסגעפֿאָרן צו די פֿעלדער, צו די בערג און צו די טייכן, האָט דער טויט דאָ נישט קיין עסקים. אַ טרויעריק געשעפֿט זיך אויסגעזוכט איר אַנטאָניאָ, און זיי ליידן — זי מיט די קינדער. שוין יאָרן אַזוי, שוין געדאַרפֿט זיין צוגעוווינט דערצו, פֿון דעסטוועגן איז עס נאָך אַזוי פֿריקרע. אַ לוויה־מאַן איר אַנטאָניאָ, דער טויט גיט איר ס׳ברויט — טרויער גייט נאָך אירע קינדער. זיי קענען דען רעדן? זיי האָבן אפֿשר מורא פֿאַר דער שטוב, דער לייבלעכער, און אפֿשר שעמען זיי זיך? ווער ווייסט! כאָטש אַ מאַמע, וועט זי מיט אַ קינד נישט שמועסן דערפֿון.

נאָך הייס, פֿאַרנע־בריעדיק שטייט דער דרויסן, די זון בלענדט. דער

פלאַטאַ־טייך איז קאַפּריז און פֿויל. אין דער „פּרנסה" גיט עס זיך נישט קיין ר י ר. אַן אַנגעצויגנקייט הענגט איבערן הויז, ווי נאָר עפּעס נישט גלייכס, וואָס טרעפט זיך, צי אַ שאָדן — אין אַלץ איז שולדיק די עלטערע. און דער מאַמען איז זי אויך אַן אויג אין קאָפּ.

נישט איין מאָל האָט בעאַטריס זיך אויפגעכאַפּט אַ ברוגזע, איז אַרויס פֿון דער היים און געלאָזן אַ קלאָג אין דער מאַמעס האַרץ. „גאָר נישט איז איר ניחא, דעם מיידל, גאָר נישט איז ליב דעם קינד; כאָטש זי איז עלטער, קומט איר אויך אַ גוט וואָרט!" פֿון לאַכן קען דאָך נישט זיין קיין רייד. יע־דער פּרוּוו פֿון געלעכטער ווערט דערשטיקט פֿון טאַטעלע: „ג ע ה ע ר ט, וו אָ ס א י ך ז אָ ג ?" — שרייט ער באַלד און כמורעט אָן די גרויסע ברעמען. ס׳איז אומעטיק אין הויז און בעאַטריסן מאַכט מען נאָך אומעטי־קער ס׳לעבן. „פֿאַלש, פֿאַלש!" — יאָמערט ס׳מיידל, און קערט זי זיך צוריק אין שטוב אַריין, דרייט זי זיך ביז אַוועק פֿון דער שוועסטער: „ש ל ע כ ט ע !"

און צעהעשעט זיך. זי קען זיך נישט איינשטילן, אַקוראַט זי וואָלט גע־כאַפּט די קלענערע שוועסטער, ווי זי גראָבט אונטער איר.

מאַרטאַ וויל אָבער גוט זיין צו איר, פּיעשטשעט זי, בעט זי איבער:

— נענאַ, איך האָב דיך ליב, נענאַ, זיי חבר.

פֿון די ציטערדיקע רייד פּילט די עלטערע אַז מאַרטאַ, „דעם טאַטנס טעכטערל", איז צופּיל פֿאַרצערטלט. די קליינע איז פֿאַרשפּילט, זי איז אויף אַן אמת אַ גוטע. ווי די מוטער צו איר, נייגט זיך צו מאַרטאַ צו דער שוועס־טער, גלעט זי, רופֿט זי מיטן צערטל־נאָמען: נענאַ, קינד.

אין טרערן פֿון געריירטקייט גיט בעאַטריס אַ שריי אויף:

— גיי, גיי!

און צעווײנט זיך ווידער אין דערמאָנונג אַז איבער איר הויכט מען נישט אַזוי מיט ציטעריקייט ווי איבער י ע נ ע ר. און מער ווערט זי געקרענקט, ווען זייטיקע זעען דאָ.

שפּרייט זיך אין שטוב אַן אומגעריכט כליפּען, ווייסט מע שוין צו גיין זוכן בעאַטריסן, דער עלטערער.

— באַליידיקט? — פֿרעגט איר די מוטער מיט פֿאַראיבל און זי איז אין גאַנצן צעפּלאָמט. — ביסט דאָך די עלטסטע, ביסט דאָך שוין אַ גרויסע. אַ שאַנדע!

— אַ גרויסע און אַ גראָבע! — חוזקט פֿון איר דער פֿאָטער.

— אַ גראָבע, אַ גראָבע ווי די מאַמע! — וועקט זיך די להכעיסניצע אין בעאַטריסן אין מיטן פֿון פֿאַרשטיקטן געוויין.

— ס׳פּיסק! — שטשירעט דער פֿאָטער און דערגענטערט זיך צו דער טאַכטער מיט דראָונג. ער וויל מער נישט הערן קיין אָנצוהערענישן אויף דער זינד פֿון זיין נאַרישן שכל, וואָס האָט געפֿירט מיט אים אין דער יוגנט: געלאָזן זיך פֿאַרטייבן פֿון צוזאָגן אויף אַ „גילדענער צוקונפֿט" און נישט גע־קוקט אויפֿן קרן. איינגעשפּאַנט זיך מיט אַ קו, אַ נכפּהניצע, און ליידט. — שווייַ־ייגן, קאַאַלב! — באַרשטלען זיך אויף זיינע ברעמען און דאָס מויל וואַרפֿט זיך — געהע־עעעערט?

די פֿרוי דערשרעקט זיך פֿאַרן מאַנס צאָרן. אַז זי וועט דאָ נישט שטיין, וועט ער זיך אָפּקילן. אויף אירע ברייטע היפֿטן וויגט זי זיך אַוועק צום טיש. פֿאַר פֿרעמדע פֿאַרענטפֿערט זי זיך:

— אַ צאָן געוומען ווי טאָן דער גרעסערער.

— ס׳אָן אומגליק, דאָניאַ אינעס! שוין קליינוואַרג ליידט אויף די ציין.

— ס׳וואָסער הפּנים איז שולדיק.

— ס׳וואָסער, צי נישט ס׳וואָסער, גענוג, ס׳טוט ווי, און האָט מען קינ־דער, ליידן די עלטערן מיט די קינדער.

אַזוי פֿירט מען אָראָפּ די רייד פֿון דעם אמת, וואָס דריקט. פֿאַר מענטשן באַדאַרף מען זיך היטן, איז אַ כלל אין הויז פֿון אַנטאָניאָ בענאַווענטע. און זע־נען פֿאַראַן געסט אין הויז, טאָן מען אין זיי נישט פֿאַרגעסן. באַלד ציינדט אָן די באַלעבאָסטע אַ ליכטיק מינעלע אויפֿן קיילעכיקן גרויסן פּנים; זי אָנטשולדיקט זיך פֿאַר די מענטשן און נעמט ווידער עפּעס גרייטן פֿאַרן טיש. אַז געסט, מוז מע זיי זאָט מאַכן. געסט זיצן פֿון מיטיק ביז נאָכן אָוונטמאָל. ששׁשאַ־אַאַ, ווינקט זי צו די טעכטער. ס׳קלינגט געשיר, עס פֿאַכלען סערוועטן, פֿאַמעלעכל ווערט שטייפֿער דער מאָגן, עס בליופּטשעט ווייַן אין די גלעזער אַריין; וויסקי צו־פֿריִער, ווייַן דערנאָך און דער מוח בלייבט שטאַרן אין נעפּל פֿון פֿאַרטייבט־קייט. און ווי ס׳פֿירעכץ פֿאָדערט, דאַרף מען זיך נישט פֿאַרלירן; מ׳דאַרף נאָך פֿאַרווײַלן די געסט, ווען דער חומר איז אָנגעזעטיקט.

ווי אַ שטראָם פֿון אַ קראַן, גיט אַ כליניע מוזיק אין שטוב אַריין. שטעכיק ווי שטויב וואָס גיט אָפּ מיט מאַנאָטאָנעם מידבר־ליכט, רייסט זיך דאָס גע־פּילדער פֿון צעבונדענעם ראַדיאָ־קעסטל.

— בעאַטריס, פֿאַרמאַך אים ס׳מויל, — שטעלט זיך אויף דאָן אַנטאָניאָ

און זיין האַנט צעפּאַכעט זיך נערוועז. — כ׳קען נישט הערן אַזאַ טומל. און איר, מיינע ליבע?

די געסט פירן זיך ווי געסט: זיי וויגן פאַרלעגן מיט די קעפּ:

— אַזוי זיך...

— איך האָב גערן סאָליסטן־זינגערס. אָפּערע איז מיין חיות, — רופט זיך אָן אַ ווייבל מיט לאַקירטע נעגל און די הענט אירע לייגן זיך אַוועק אויפן טיש מיט אַזאַ שיקלעכער מידקייט, ווי איר וואָלט מער נישט געבליבן ווי נאָר צו באַווייזן זיך מיטן גלאַנץ פון איר צעהאַנגענער רייכקייט — בראַסלעטן, דזשינדזשיקעס, פינגערלעך און שטיינדלעך וואָס בליצן, פייערן.

— סימפאָנישע מוזיק איז אויך נישט שלעכט, — וויל אויך דעם ווייבלס מאַן אָנגיין מיט אינטעליגענטישקייט. — טאָסקאַניני איז נישט אומזיסט אַ באַרימטער נאָמען.

— נעמען, — קייעט דאָן אַנטאָניאָ די צונג אין מויל — כ׳קוק נישט אויף נעמען. דער עיקר איז דער שפּילער. גרויסע נעמען מיינט גרויס געלט, און נישט מער. די הויפּטזאַך איז שיינס. וואָס שיין איז שיין. מיר וועט מע נישט איינרעדן.

דאָן אַנטאָניאָ האָט ליב צו הערן ווי ער אַליין רעדט. די געסט זענען גוט דערצויגן. דרך־ארצדיק. דער אויסקלאַנג פון זיינע רייד קרייזט לייכט אַרום דער שיין פונעם זשיראַנדאָל איבערן טיש. די קרישטאָלענע טראָלדזן פון דער רייכער לאָמפּ שפּיגלען אָפּ שטיקלעך פּראָפיל פון די געסט, אַ רגע גיט ער אַ כאַפּ אַ קוק אויף זיין אייגענער פליישיקער נאָז. ער דערזעט אין אַנטקעגנדיקן גלעזל ס׳פאַרקלענערטע פּנים פון יינגערן טעכטערל. ער זוכט זי אָפּ ביים טיש, ווי ער וואָלט זי שוין אַ לאַנגע צייט נישט געזען. ער קוקט אויף איר מיט זיסקייט, פאַנגט מיט זיינע אָנגעשוואָלענע אויגן איר שטילן בליק:

— שיין איז פּיאַנאָ־שפּיל. אַ פּיאַנאָ וועל איך אַריינשטעלן אין שטוב. אַזאַ אינסטרומענט איז כדאַי צו האָבן.

— אויף אַן אמת, פּאַפּיטאָ? — גייט צו אים צו מאַרטאַ.

— געזאָגט איז געזאָגט.

— מעגסט גלייבן, — העלפט אַרויס די דאָניאַ אינעס, און זי גיט אַ קוק אויפן מאַן.

— נאָך אַ ביסל און מ׳וועט קויפן, — מאַכט קלאָר דער פאָטער. און כאָטש ס׳איז נישט גערעדט געוואָרן צו איר, האָט מאַרטאַ באַנומען ווי דער זאָג וואָלט געווען געזאָגט נאָר צו איר.

— ווען פּאַפּיטאָ? — בעטלט זי שוין קינדיש די הבטחה פֿון פֿאָטער.

— ווען שוין זען, — איז ער קאַרג אויפֿן וואָרט, אַפּילו אויף אַ ווונק.
אָבער זי טרעט נישט אָפּ, זי פּיעשטשעט זיך, דער פֿאָטער אָבער האַקט אָפּ:

— וועסט וואַרטן.

זי צאַפּלט שוין, זי מוז אויסנעמען: — אָבער ווען, פּאַפּיטאָ?

די מוטער וויל אָפּשוואַכןביידנס עקשנות. זי האָט מורא פֿאַרן מאַנס כּאַסט און זי שרעקט זיך פֿאַר דער טאָכטערס געוויין, און פֿרעמדע מענטשן זענען אין שטוב!

— ווייסט דען נישט, ווען? — זאָגט זי שטיל פֿאַרשעמט צו מאַרטאַן — אַ נאַרעלע דו ביסט! מענטשן הערן, מיינען זיי, דו ווייסט גאָר נישט, סעניאָ־ריטאַ מיינע.

דאָס הויכפּיסיקע קינד מאַרטאַ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, שטעלט באַלד אַרויס די צונג אויף דער מוטער: ע־עעע!

— גענוג, געהערט?

דער פֿאָטער האָט שוין נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געמוטשט פֿאַר־ענטפֿערן פֿאַר די מענטשן. זיי זעען, ער איז גרייט אָנצודורסן דאָס טעכטערל — דעם קאַפּריז פֿון זיינע עלטערע יאָרן:

— דו זעסט? ס׳קעפּעלע דריי איך דיר אַראָפּ!

אַזש די אויגן זענען אים געוואָרן מוטנע.

— איר פֿאַרשטייט? אַ קינד בלייבט אַ קינד, כאָטש ס׳גייט שוין אין דער מאַמעס שיך. ס׳וויל פֿון גאָר נישט וויסן! פּשוט געקוועלט איצט. ס׳שטיל אין געשעפֿט. אין אויגוסט מאַכט זיך ערשט. פֿריִער איז שווער.

די געסט ווערט מיט אַ מאָל אומעטיקלעך, קיל אויפֿן האַרצן. זיי קומט אויפֿן זינען דאָן אַנטאָניאָס פּרנסה. ווי אָפּגעשניטן מיט אַ געדיכט־שוואַרצן פֿאַרהאַנג קענען זיי מער זיך נישט מיט לאָבן מיט דערמאָנונגען פֿון אַמאָל איבער־געלעבטן, צאַרטן מוזיק־רויש. און פֿאַרשטאָפּט פּלוצלינג דער האַלדז. איינ־ציקווייז הייבן זיי זיך אויף, שאַרן זיך אַרויס מיט אַ לעבלעכן „גוטע נאַכט״.

אויף דער גאַס ווילט זיך אויסשווייגן ס׳צוגעפּאַלענע טראַכטן פֿון טויט, מיט וואָס ס׳האַנדלט דאָן אַנטאָניאָ בענאַווענטע, דער גוטער פֿריינד. גיכער, גיכער, אַ הויז לעבט פֿון טויט! די יולי־נאַכט, דער טראַנטיקער הימל יאָגט זייערע טריט. וויקזט זיך איבער אַ הויכן דאַך אַ שטערן־קנופּ, לעבט אָפּ דאָס האַרץ: ס׳עט מאָרגן זיין אַ זוניקער טאָג. קאַלט, נאָר זוניק, אַבי נישט קיין ווינט.

אין בוענאָס־איירעסער טאָל שטייט פּולער ווינטער; עס איז פּייכט און פּריריק. אויף די שטראָמען פּון פּלאַטאַ־טייך שלאָפּט דער ווינט דער הונגעריקער, דער בערישער. אָט־אָט כאַפּט ער זיך ווידער אויף, בלאָזט אין זיין מאַכטיקן האָרן, עסט זיך איין אין די ביינער. מענטשן הוסטן, מענטשן פאַרקרימט ער די גלידער, מענטשן לעכערט ער די לונגען. אַ־אַאָ, זאָל בלייבן שטיין יולי דער מסוכנער, זאָל שלאָפן דער בערישער ווינט — — אַבי אויגוסט דער חודש זאָל נישט קומען שניידן, ווי ער שניידט איטלעך יאָר די פּינצטערע קאָסעטשע *.

דאָן אַנטאָניאָ קוקט אויס דעם חודש אויגוסט. ס'אַזאַ פּרנסה, ס'איז נישט דווקא דער טויט פון די מענטשן. קראַנקע מוזן סיי ווי פאַלן אונטער דער דריקנדיקער פּויסט פון דער פּרעסנדיקער פּייכטקייט, וואָס נידערט אַראָפּ אין טאָל דעם בוענאָס־איירעסער. אַ מענטש מוז לעבן, פאַרענטפערט זיך פאַר די שכנטעס די דאָניאַ אינעס. עס איז אַן עמפּרעסע, סעניאָראַ, זאָגט זי מיט אַ פרומער מינע. דאָן אַנטאָניאָ אַרבעט שווער, דאָן אַנטאָניאָ גיט אָפּ ס'לעבן פאַרן שטיקל ברויט.

— און מאַרטעלע איז נישט אַ קינד? זי מעג אויך האָבן אַ פּיאַנאָ, וואָס!

— פּיעשטשעט זי ס'טעכטערל.

שטיל ווי אַ יונגע הירשיכע וואַרט שוין מאַרטאַ אויפן גוטן חודש אויגוסט.

* גערעטעניש

איינזאַמע און אויסטערלישע

1

נתריאל,
פּלטיאל —

נעמען ווי ביי אַנדערע מענטשן, און דאָך... עפּעס אויסטערליש היימישלעך, עפּעס ווי צום גראַם, מיט אַן אונטערטאָן פֿון שטילן חוזק. אָבער ערגעץ־וווּ האָבן זיי אין סאַמע ערנסט זיך באַגעגנט ווי גלייכע, נאָר אין קידער־ווידער מיטן גורל.

אַוודאי, זיי האָבן אויך פֿאַמיליע־נעמען: וויטקין, גיסעס — נאָר ווער געדענקט ביינעמען פֿון די צוויי? מ׳זאָגט כתריאל, פּלטיאל און מ׳ווייס שוין וועמען מ׳מיינט. געוויינטלעכע נעמען וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אַ מאָל, ווי אַ קענצייכן פֿון אויסטערלישס. נאָך מער: דיביידע זענען זיך פֿרעמד און פֿוןביידן רעדט מען אין דער זעלביקער צייט ווי פֿון משונהדיקע פֿאַרשוינען. און נאָך אַן אמת: מ׳האָט זיי קיין מאָל נישט געזען צוזאַמען ווי עס טרעפֿט צווישן מענטשן. ענלעכס צווישן זיי איז נאָר דאָס וואָס ביידע זענען פֿאַרזעסענע בחורים שוין מיט גראָע שלייפֿן, ביידן ציטערן די קני און דער טראָט איז אַן איינגעלאָשענער. אַגב — וואָס עס איז שייך זייער אַלט־בחורישקייט: אין ליבעס זענען זיי נישט געשטרויכלט געוואָרן — אויף וויפֿל מ׳הערט. משמעות, תמיד זענען זיי געווען ווייט דערפֿון. הפּנים שוין קינדווייז פֿאַרמאַכט זיך זייערע הערצער פֿאַר יענעם וואַרעמען ווינטל וואָס טראָגט פֿונאַנדער די זריעה־זוימען פֿאַר פֿאָרונג. פּשוט, דער ווייבערישער מין האָט זיך צו זיי נישט געקלעפּט. ביידע זענען איינזאַמע, ביידע לעבן אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלעמען אָנגעזאָגט: „לאָזט געמאַך! מיר ווייסן שוין״.

בנוגע די צוויי דאַרף מע גלייבן מענטשנס זאָג: „אויב דער *געשמדטער* האַלדז פֿירט, ווערט דער קאָפּ פֿאַרפֿירט״. זיי האָבן נישט געהאַט

אַזאַ רייץ. אַפּילו דעם מין הונגער, אויב זיי האָבן עס גענומען אויף זיך — קען מען ווידליק די ביידע באַנעמען פאַרשיידנערלייִיק, אָבער — גזירות? צופיל פּרעטענזיע האָבן די דאָזיקע צו דער וועלט, אויב זיי פירן זיך אַזוי־אָ. בכיוון זיך אָפּקערן פון אַלעמדינג אין דער זינדיקייט, וואָס דעם מענטש איז אָנגעצייכנט געוואָרן? — סטייטש און סטייטש! די ריכטיקייט איז, אַז סיי כתריאל דער דאָרער, סיי פּלטיאל דער באַלייבטער זענען שטיקלעך קאָפּ־מענטשן. ס׳אַ פּעלער ביי זיי — דאָס פאַרטיפן זיך סתם אין תוכנס וואָס זע־נען אפשר נישט בנימצא, חקרענען זיך לשם חקרענען אָן תכלית. אַ סברה, שוין יונגווייז האָט אין די מוחות ביי זיי זיך אָפּגעזעצט עפּעס אַזוינס וואָס האָט מכריע געווען איבערן חומר און טאַקע נישט געלאָזן זיך צעהפקרן דער מענלעכער גבורה. מסתמא האָבן אויך צופאַלן דאָ געהאַט צו זאָגן — נאָר געניוס לאָזט זיך נישט דערגייך, מחמת פון פאַרשיידענע מקומות געקומען קיין אַרגענטינע און קיין באַקאַנטע זייערע האָבן זיך נישט אָפּגעפונען עד היום. נישטאָ ווער עס זאָל עפּעס דערציילן פון זיי, כאָטש אין אמתן — ווע־מען גייט עס אָן? ובכן האָט די איינזאַמקייט ביידע אַרויסגעשטויסן מחוץ דעם פלויט פון ראָיענדיקן מענטשנלעבן. און למעשה האָט דאָס מזל סיי כתריאלן סיי פּלטיאלן געפירט דווקא קיין בוענאָס־איירעס צו ענלעכע צרות.

— — — ס׳נישט קיין נייס: אין יענע יאָרן, דער זול איז געווען גאָר גרויס, איז דער דלות ביי די „גרינע" — געווען נאָך גרעסער. און „גרין" איז מע געבליבן שטענדיק. פאַרדינען אויפן אויסקומעניש אין בוענאָס־איירעס איז געווען אַ שווערע הלכה. דינגען זיך אַן אייבערשט פּיצל צימערל, האָט קיין שום „גרינער" זיך נישט געקענט פאַרגינען. צומאָל דערפון נישט געקענט חלומען. האָסט דעם ביסן ברויט, נעם עס פאַר ליב. פאַרדינסט די פּעזע, צעשפּאַלט זי, טראָג דעם עול־משפחה, ס׳נייטיק אויף שיפקאַרטן פאַר די וואָס טראַכטן פון דיר ד אָ ר ט. ווילן זיי דאָ זיין, וועט ס׳פּייניקן זיך זיין גרינגער. יאָ, און ס׳ביסל ביטחון האָט נישט פאַרלאָזן: כל התחלות קשות. ס׳עט שוין... דערווייל שטעק אַרויס דעם לעקער און געדענק: נאָר נישט פּזרן מיט דער פּעזע. נעמען אַ צימער פאַר זיך אַליין? ס׳גוט געווען אַז מ׳האָט געפונען אַזוינס מיט עמעצן אין שותפות; עס האָט געמוזט געגנוג זיין בלויז אַ בעטל און ס׳פּלעמל ליכט בייַנאַכט האָט דער באַלעבאָס געקאַרגט. אין

גאָרקיך איז דער טעלער זופּ מיט אַ ביין „אידאַ־וועלטאַ״* געווען דער אַלץ מיטאַנאַנד פֿאַרן גאַנצן טאָג עסן. מ׳האָט געזוכט צו פֿאַרטומלען דאָס געשריי פֿון דער „צעלאָזענער קישקע״. לחם צר געווען. אַ פּעזע — אַ גאַנצער מאַ־יאָנטעק. נישט קיין חידוש וואָס מענטשלעכע חלומות זענען צערונען גע־וואָרן — — ווער זשע קען וויסן מיט וואָס אַזאַ כתריאל, אַזאַ פּלטיאל זענען געשלאָגן געוואָרן? חס ושלום, אין אַ פּגם אויף די געהירן קענען מיר זיי נישט חושד זיין. מאַלע וואָס לייכטע צינגער קענען זיך דערלויבן! בכלל זענען ביידע ווילע מענטשן, זענען נישט להוט קיינעמס, האָבן נישט קיין „גרויסע אויגן״ אויף יענעם. טאַקע נאָר גרינגע קעפּ האָבן געקענט צו־טראַכטן אַזוינס, אַז זייערע נעמען זאָל מען אַרויסברענגען חוזקדיק: כתריאל־פּלטיאל ס׳צווילינגל? די קאַליע־געמאַכטע נשמות!

דער אמת איז אַז ביידע זענען אַפּילו נישט גלייך אין דער מדרגה פֿון דער ביטערער איינזאַמקייט. איינער, כתריאל, פֿאַרברענגט זיינע טעג צווישן בוכהאַלטעריע־ביכער אין אַ ווינקל פֿון אַ געשעפֿט (די גאַס זעט ער רעכט נישט); אין די אויפֿדערנאַכטן, אין ענגן צימערל, גיט ער זיך אָפּ דער נאָכ־אַנאַנדיקער גריזאַטע: לעבן...? אַבי הוילע שאַרבנס האָבן צוגעטראַכט אַ כלומרשטן זין פֿאַר דעם קנוידער וואָס אָן קאָליר, אָן טעם. כתריאל שווייגט זויער און שרייבט אַ טאָגבוך פֿון זיינע האַרבע אומעטן: „זאָל מען אַ מאָל זיך דערוויסן וואָס כתריאל פּאַטשייעווער האָט געזען ביי די וואָס רופֿן זיך מענטשן״. אַוודאי, זיין מיינונג וועגן די דאָזיקע איז ווייט אָן אַנדערע ווי מ׳איז געוווינט זיי צו שאַצן. פֿוי, עיפּוש, — איז זיין פּסק. פּלטיאלן, פֿאַר־קערט, גייט ווינציק אָן די וועלט. זאָל זי זיך ווערגן! ער האָט אין גאַנצן אויסגעלאָזן דעם עול פֿאַר וואָסער־עס־איז אַרבעט אויף צו פֿאַרדינען דעם ביסן וואָס אַ מענטש מוז עסן. ער וואַלגערט זיך שטענדיק אויף זיין בעטל, די אויגן אַריינגעטאָן אין אַ בוך. און הונגערט אים גאָר שטאַרק, לאָזט ער זיך אין גאַס אַריין, זעצט זיך אַוועק אין אַ בערזע־קאַפֿע אויסטומלען זיין ביטול צו אַלץ. אויב ער איז שוין אין דרויסן, קען ער נישט זיצן אָן צו־הערערס. אין אַזאַ רשות־הרבים מוז ער רעדן, און תמיד געפֿינט זיך עמע־צער וואָס וואַרפֿט צו אַ קאַוועלע, שטעלט אַ פֿיינקוכן. און זעטיקייט רודערט

* הין און צוריק. געמיינט: אָן אויסגענאָגטער ביין אין דער זופּ, וואָס ווערט דערנאָך סערווירט פֿאַר אַ צווייטן אָרעמען עסער פֿון גאָרקיך.

אויף דאָס געמיט. פּלטיאל צאָלט אָפּ יענעמען מיט אַ קאַפּריזיעדיקן טייטש פֿון אַ פּסוק, מיט אַ שפּיצעכיק וואָרט. „על פּי לאָגיק״ באַווייזט ער אַז ס׳איז טאַקע נישטיק דער אָרום, נאָר מענטשנס נעזער זענען ברוך השם פֿאַרקאַטערט. אַ מאָל גילט אָפּ פּלטיאלן אויך צו עסן אַ ברייט מיטיק ביים טיש פֿון אַזאַ וואָס תּענוגט זיך מיט זיינעם אַ „טיפֿן געדאַנק״. מע פֿאַרבעט אים אין לייטישע היימען; אַן אַנדערער ציט אים צו אַ נאַכטמאָל און ער, דער אָפּענער קאָפּ, שיט ווידער מיט קלוגשאַפֿטן וואָס ביכער פֿאַרמאָגן עס אסור נישט. פֿאַראַן אַפֿילו אַזוינע וואָס האָבן ליב אַז מ׳שינדט זיי די אייגענע הויט מיט קויטיקע נעגל, אַבי סע שמעקט מיט אַ ביסל „גייסט״. אַליין זענען זיי נעבעך מיד פֿון מאַכן גרויסע פּרנסה. און ס׳איז אַ שאָד צו פֿאַרשלאָפֿן ס׳קולטורעלע — געדענקען זיי אין דער טונקל פֿונעם באַוווסטזיין. פּלטיאל דערוועקט עס אין זיי מיט זיינע שאַרפֿקייטן.

... ס׳איז אויסטערליש די ווימלענדיקע שטאָט און אויסטערליש די כלערלייִקע מענטשן. אַ שטייגער אָט־די כּתריאל־פּלטיאל גופֿא. דיביידע זענען אַפֿילו נישט גלייך אויסערלעך:

כּתריאל איז אַ נידעריקער, אַ שטאַרק דאַרער, מחמת זיין מאָגערקייט זעט ער אויס הויך, בפֿרט ווען אים קומט אויס זיך צו שטעלן אַנטקעגן דעם נעמלעכן פּלטיאל, וועלכער איז אויך גענוג נידעריק אין געשטאַלט. פּלטיאל האָט נאָר אַ קיילעכיק, פֿליישיק פּנים און אַ גראָבן, שפּיציקן בויך וואָס מאַכט קלענער זיין נידעריקייט. נעמט ער זיך אין גאָרקיך אַ מאָל איבעררעדן מיט כּתריאלן, שטויסט ער יענעם מיט זיין בויך־שפּיץ — דער איינגעפֿאַלענער בויך מוז זיך אויסשטיין פֿון דעם פֿעטן בויך.

— איר באַנעמט? — רעדט פּלטיאל מיט אַ פֿייכט שטימעלע פֿון אָנגעפֿוישטן אינגעווייד אַרויס און כּתריאלס קנאָכיקע באַקן צוקן, די אויגן פֿײַרלויפֿן פֿון כּעס; ער האַלט אין איין רוגזהדיקן אָפּרוקן זיך פֿון יענעם:

— קריכט אין פּנים אַריין, דער... אַ צעלאָזנקייט! פֿון וויטנס קען ער נישט. אַזאַ נישטאָל!

וואָגיק איז ביי כּתריאלן די סיבה אויסצומיידן דעם־אָ. ער קרימט אים נאָך, — דאַכט זיך אים, שטייט גאָר אין גרויסן מיט זיין אָנגעגאָסענעם קאַלדן. — און ער איז אַוועק פֿון דעם פּלטיאלן כּדי מער אים נישט צו זען — קיין מאָל נישט.

ווי אַלטע בחורים האָבן זיי זיך נאָך בולטער געעלטערט, אַרומגעגאַנגען כּמורע. ווי די שפּינען זיך פֿאַרבאָרגן אין אומהיימלעכן טונקל, אין דער

שטיל געוועבט דאָס מרה־שחורהדיקע געשפּין פון טעג און יאָרן. פון דעם קנויל אומבאַגרייפלעכע דאגות איז ביי זיי אָנגעוואַקסן אַ מין פאַרשטיינערט־קייט פון געמיט. גענוג צו זאָגן: סיי כתריאלן, סיי פלטיאלן האָט אין דער נשמה געסווישטשעט אַ בענקעניש אָן אַ נאָמען און אָן אָנזאָג פון אַ שטראַל. צוריקלויפן צום אַמאָליקן „באַרג מיסט" איז נישט געווען קיין חשק און ס'איז נישט געווען קיין כוח צו קענען אויסדויערן מיט מענטשן צוגלייך. אדרבא, פון מענטשן איז בעסער וואָס ווייטער. איז מע טאַקע געבליבן לאַ־עליכמדיק, תמיד באַהאַלטן דעם קאָפּ אין שטרוי פון אַליין אויסגעטראַכטע געדאַנקען. אַזוי אַרום זענען זיי פאַרזעסן, געוואָרן „אַלטע סאָלטעראָס" וואָס שוין דאָס אַליין איז אַ משוגעת אין לייטנס אויגן.

2

טייל לאָכן טאַקע: — משוגע, העי?

— משוגע, ווי גאָט האָט געבאָטן!

בכלל ציט מען מיט די אַקסלען: אויב נישט „געררירט", האָט סתּם אַ ווילדקייט שולט געווען אויף די־אַ. פאַראַן אַ קרענק פון פיינדשאַפט, האָט דאָס זיי אָנגעכאַפּט און ווי פּראָסטווינט צעבלאָזן זיי עס אַרום זיך — שפּיל־קעדיק, גאַליק. סכנה! גלייכער נישט אומצוקוקן זיך.

— קענטיק, זיי האָבן פיינט אויך זיך, — זענען משער אַנדערע.

אָבער זיי פירן זיך ווי פריִער: לעבן ווינקלדיק, גייען נישט איבער דער גאַס, נאָר טראָגן זיך דורך און ווערן נעלם. פאַרבאַרגן זיך אין זייערע לעכער, פולע מיט בעט, מיט שטויב, אַלטע ביכער און שמאַטעס וואָס באַגלייטן דורכויסיקע מענטשישע אָפּגעלאָזנקייט. אַ ברעקל ברויט וואַלגערט זיך אויפן איינציקן בענקל און דער וויאַנעדיקער גוף פאַלט איטלעך מאָל פון ס'ביי אַריין אין אומווייסן געלעגער. ווי פון אַ צעלע־פענצטערל קוקט די שיין אויף אַזוינעם מיט אייביקער חידושות אָדער זי זוכט ס'טליִען פון דער אָנגעצונדענער לעמפּל־שפּין, וואָס צאַפּלט זיך דאָ אין חלל. וואָס אַ מאָל ווערט זיי שווע־רער, די אַלטע בחורים: ס'וועלקט זייער קול, ס'זינקען זייערע פּלייצעס. כתריאל וויטקינען האָט אויך אָנגעהויבן אָפּזאָגן דאָס האַרץ, ס'צוקט אַ שטעכונג; פלטיאל גיסעסן האָבן רעוומאַטן איינגעביסן, זיי ווינטיקן אים דורך מיט קעלט און היץ, צוקראַמפּן זיינע גלידער. ער וואַלגערט זיך מערער

אויפֿן געלעגער, הונגערט אָפּטער, עפּטערס באַפֿאַלט אים ס׳קהלתדיקע: מה האָדם שיבוא אַחרי המלך? אומעטום איז פֿול מיט גאַרנישטן. קויט, בלויז קויט! און ס׳ערגסטע — כי אין זכרון... אָקסן אַנגעפּעלקערט אין שטאָט. אומעטום לויפֿן זיי נאָך! מענטשן, אומשטיינסגעזאָגט. בפּירוש, עס הערט זיך זייער פֿוילער ריח, ס׳שטיקט. נמאס געוואָרן אים צו הענגען אין דער פּוסטקייט. לכול זמן, — האָט ער זיך אַליין געענטפֿערט און באַגערט איינ־צושלאָפֿן, טיף אַנטשלאָפֿן ווערן אַז האַרט זאָלן איינפֿינצטערן זיינע חושים.

יעדער אַזוי אין אייגענער אָפּגעשלאָסנקייט אוןביידן האָט מע נאָך זעלטענער געזען אַפֿילו זיך דורכשלייכן אין גאַס. פֿון דעסטוועגן האָבן מענטשן זיי דערמאָנט און אַלץ נאָך געהאַלטן אונטערן באַנאַנדיקן משוגעת: כתריאל־פּלטיאל!

— מ׳זעט זיי עפּעס נישט. מסתמא חתונה געהאַט. אפֿשר טאַקע זיך מיישב געווען? האָך שוין נישט קיין יינגלעך.

— אַ פֿאַרפֿאַלן פֿאַרפֿאַלק, דיביידע.

— שוין פּרוכנע, — האָט עמעץ שאַרף זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, און ס׳האָט גאָר אויסגעוויזן אַז עס צעשטשירן זיך די געלע ציין פֿון דעם זקנישן צווילינג. זיי אַליין האָבן עס אַריינגעלאַכט אינעם אָפּגעדעקטן חוזק איבערן אַרום, וואָס איז שוין עבר־ובטל צוגלייך מיט זיי. אַ פּ ג ע פּ אָ־אַ אָ אָ ר ן ! ! !

אין אמתן זענען גאָר זיי, כתריאל־פּלטיאל, דערעסן געוואָרן די באַלע־באַטים פֿון זייערע אָפּגעלעגענע צימערלעך. סיי דער, סיי יענער זענען אַצינד מער אָפּגעלאָזן אין הילוך, אומציכטיק, האָבן זיך אַנגעלעבט נייע ברוגזן מיט מענטשן, געבורטשעט אויף אַנבאַגעגנטע, הינטער פֿרעמדע טירן אונ־טערגעוואָרפֿן גאַנצע „קוילעטשן” פֿון טוכלען אָפּפֿאַל, אַבי נישט דאַרפֿן ווייט עס אַוועקטראָגן. אין די שטילע הייזער, ווו זיי האָבן געוווינט, האָבן זיך אויפֿגעהויבן פּלוצלינגע געשרייען: „געמיינקייט! אַזעלכע חזירייען!” אין תחילת האָט מע נישט געוווּסט וועמען חושד צו זיין, דאָך איז מען צווישן שכנים געווען גרייט צו געבן זיך די שייטלען אין די הענט אַריין:

— ווער, ווער דאָך, אויב נישט פֿון דיר שטאַמט עס?!

אומשולדיקע לייט האָבן זיך פֿאַרענטפֿערט — זיי ווייסן נישט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום. צעקריגטע האָבן לסוף זיך אָפּגעקילט, נאָך אַ מאָל זיך אַרומגעקוקט און עמעצן איז איינגעפֿאַלן: „דער אַלטער בחור אַזוי דאָ, אַזוי דאָרט. ווי אָפּגעשמועסט זיך.

— איינזאַם איז דאָס ווי אַן אַרויסגעטריבענער הונט, פּרעסן פּרעסט דאָס, שווײַצן שוויצט דאָס, מושבֿ אַן, סרחעט — ווי זשע אַנדערש ווי צוּ־וואַרפן דאָס קויט אונטער יענעמס נאָז!

באשר: קיין מאָל זעט מע נישט אַזוינעם אויסקערן ס׳צימער, עפּענען ס׳פֿענצטער. ליגט און גנײַעט, צו אַל די טייוול!

ס׳האָט זיך צעברענט אַ פֿייער.

צום שלימזל האָט סיי דער, סיי יענער (כאָטש אַזוי־זיך זענען זיי מרושיקלעך!) נישט געקענט סובל זיין קיין זלזולים וואָס האָבן אומגעריכט, ווי אַ מבול, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיי.

— ששש‪אַ, אַ ביסל ווייטער פֿון דאַנעט! — האָט כתריאל העפּטיק צעקרימט דאָס פּנים אין דער צעעפֿנטער טיר.

— וואַזשאַ*, פּסולתדיקע מײַלער. אויף דער מערקאַדאַ** גייטס טומלען! — האָט די שרייערס באַגעגנט דער אויפֿגערעגטער פלטיאל. — א חוצפּה, קלאַפּן הינטער יענעמס טיר!

עזותדיק באַליידיקט די באַלעבאַטים מיט די שכנים, און ווידער פֿאַרמאַכט זיך. יענע האָבן אָבער זיי שוין אָנגעיאָגט מיט שפּאָט, מיט די פֿויסטן געקלאַפּט אין זייערע טירן:

— משוגע־גענעעעער! גאָלער הינטן! אַלטער באָק, אַ קאַץ וועט נישט נאָכגיין דיין לוויה!

מ׳זאָל באַהיט ווערן, אויב מע באַליידיקט די באַליידיקטע. שנאה צעבליט זיך אין זייערע הערצער און זי וואַקסט ראַפּטעם.

געשעען איז עס מיט די קריגערייען טאַקע אין צוויי באַזונדערע ערטער, ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, נאָר די רוגזה איז אַלץ איינס דאָ און דאָרט געווען אַ העפּטיקע. געברענטע צרות האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנגעוואַלגערט אויף די שטיבער, ווו עס האָבן געהויזט די פֿאַרזעסענע בחורים, וועלכע זענען שוין גאָר וואַזשנע אַריין אין דער זיקנה. דערנאָך זענען די מחלוקותן שוין באַשטענדיק געשטאַנען אַרום ביידע. געגוג געווען אַ פּונק, אַ וואָרט אַז דער צאָרן זאָל זיך אָנכאַפּן ווי שטרוי. ס׳ט געהערט, פּישל? האָסט געזען, גאָדל? — האָבן די ווייבער, האָבן די קינדער אָנגעשפּיצט די אויגן צו די מענער, צו די פֿאָטערס — שוין ווידער דער משוגענער! נאָר נאָכרוימען באַדאַרף מען נאָך אים. און שאָדוינעס אַזוי פֿיל. להכעיסן טוט ער אַן!

---

* געהולכט. — **אויפֿן מאַרק.

די איינהאַלטעוודיקע באַלעבאַטים האָבן סוף־סוף זיך דערבייזערט און געהייסן די בחורישע שכנים זיך אָפּטראָגן פֿון זייערע היימען.

— סעניאָר, זוכט זיך אַן אָרט ערגעץ אַנדערשוווּ. ס׳צימער באַדאַרף איך פֿאַר זיך.

— כ׳גיי חתונה מאַכן אַ קינד... אמת, איר האָט עס קיין מאָל נישט באַדאַרפֿט? יונגערהייט באַהיט געוואָרן פֿון האָבן אייגענע ציינער, איר זאָלט נישט דאַרפֿן קייען אַ האַרטן ביסן, הי־הי־היי! — האָט מע שוין גענומען די לעבער ביי פּלטיאלן.

— דיינו, — האָבן געזאָגט די מענטשן איבערזאָגטע פֿון רויך־הקודש. ערשט זאָלן אַנדערע האָבן די זכיה.

שטיל זענען די לייט, נאָר אַז ס׳האָלט שוין אַזוי ווייט, רירט עס אַ נערוו אויך ביי אַזעלכע. עס איז שוין דערגאַנגען צו געשרייען, אויגן האָבן זיך אויסגעקיילעכט און אַרויס פֿון די לעכער; זיי זענען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן ווי זידבדיקע שטיינדלעך, ווען מ׳גיסט זיי אָפּ אויף קאַלט.

ס׳האָט זיך געטאָן חושך. כתריאל און פּלטיאל האָבן געמוזט טראַכטן פֿון זוכן אַנדערשוווּ אַ מקום־מנוחה. יאָרן געזעסן אויף איין אָרט און די יאָרן זענען אַרומגעוואָקסן געוואָרן מיט געוווינשאַפֿט ווי קאַרטאָפֿל מיט באַדעליעס. און דאָ האָט עס זיך פּלוצלינג אויסגעלאָזט אויף זיי ווי אַ פּסק.

יאָ, קודם כל טראַכטן פֿון זוכן זיך אַ ן ע ר ג ע ץ, דערנאָך פֿאַר־וואָליע גייך, נאָכפֿרעגן, זען מענטשן, אָנקוקן שטיבער, ווינקלען, טונקלקייטן וואָס מ׳לייגט פֿאַר. דאָס האָט זיי געבראַכט צערודערטע וואָכן. עס האָט זיך טאַקע געענוג געשלעפּט ביז איינער און דער צווייטער האָבן זיך גערירט פֿון די ערטער. אומהיימלעך געווען די פֿאַרשווינדלעך צו צעטרייסלען די איינגעשימלטע איינגעזעסנקייט, צונויפֿנעמען די שמאַטעס מיט די לאָכעס, אָנגעזאַמלטע במשך צענדליגער יאָרן.

3

נישט געווען קיין ברירה. די באַלעבאַטים זענען מיט אַ מאָל געוואָרן לעסטיק פֿאַר די אַלטבחורישע שכנים. אַלערליי חסרונות האָבן איצט גע־שטאָכן זייערע אויגן און סיי דעם סיי יענעם פֿון די פֿאַרוויאַנעטע הויזנ־טראָגערס איז אויסגעקומען צו דערזען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געזען

אַזוי לאַנג. כתריאל און אויך פּלטיאל האָבן עס ערשט איבערגעקייעט אַ סך מאָל:

— אַזאַ נישטיקייט, און כ׳האָב עס נישט אָפּגעשאַצט רעכטצייטיק. געליטן אַזוי פֿיל ביי דעם. מיט גלאַטעינקע פֿאַלשקייטן גייען אָן אַזוינע, איי־איי!

דאָך, ברירה איז פֿון בחירה דער טונקלסטער שטראַל, און מ׳מוז זיך אין אים וואַרעמען.

דער ערשטער האָט פֿון זיין ווינקל זיך אַרויסגעקליבן פּלטיאל גיסעס. נאָך שווערן איבערקרענקען דאָס־אָ איבערקערעניש איז ער פֿריִער געלעגן פֿאַרמאַכט אין זיין צימערדיקער אָפּגעזונדערטקייט. אַרויס אין דרויסן האָט זיך ערשט געזען דער שינוי אויף אים. אין טאָרבעס איז נאָכגעהאָנגען זיין קיילעכיק פּנים, דער בויך איינגעפֿאַלן, דער גלאַנץ פֿון די אויגן אָפּגעריבן. אַ באַקאַנטער, וואָס פֿלעגט זיך באַלעקן מיט זיינעם אַ ממזרישן פּסוק, האָט זיך מתעסק געווען מיט פּלטיאלס ציעכץ: געבראַכט אַ וואָגן, אַליין צונויפֿגעלייגט די בעבעכעס, אין אַ בינטל אַלץ אַריינגעוואָרפֿן און צוזאַמען מיטן שכן פֿון דער נייער וווינונג אויף די הויכע רעדער פֿון דעם נעמלעכן וואָגן זיך אָוועקגעקייקלט איבער די שטיינערנע גאַסן.

לאַנגע, נידעריק־שטומע הייזער ווי שפּייכלערס, אָנגעשוואָלענע מיט עלנט, שטייען אין די אַלטע בוענאָס־אײַרעסער גאַסן, וווהין די נײַע צײַט האָט נאָך נישט אַריינגעדרונגען מיט איר אימפּעט. אין אַזאַ אַלט שטיינערן הויז האָט סעניאָר גיסעס געפֿונען אַ באַזונדער צימערל: פֿיר געקאַלכטע ווענט, אַ פֿאַרעקשנטער סופֿיט מיט אַ שטריקל־לעמפּל אין סאַמע מיטן און אַן איינציק געקעסטלט פֿענצטער, וואָס קוקט אין אַ גליוועדיקן גערטל אַריין. אַ שטויביק נישט־דערוואַקסן ביימל אַנטקעגן דעם ליידיקן הימל און פֿאַרוואָרלאָזטע בייטן נידעריק גראָז, אויך האַרטע, קרומע צווייגלעך פֿון פֿאַרטריקנטע קוסטעס — אָט וואָסערע עס איז די ראַם פֿון דער וועלט, וואָס שטייט אין בליק פֿון דעם איינציקן פֿענצטער. פֿון מערערע אַזעלכע פֿאַרלאָזענע צימערן און צימערלעך באַשטייט דאָס־אָ הויז, וואָס האָט אַריינגענומען דעם סעניאָר גיסעס פֿאַר אַ שכן: אַ וואַנט מיט אַ פֿאַרטשוועקעוועטער טיר טיילט אָפּ צימער פֿון צימער און איטלעכס איז גרייט פֿאַר אַ שכן, אַזאַ מיט אַ פֿאַרקלעמט מויל, מיט שלעפֿעריקייט אין די געהירן. פֿאַרדרימלט זענען די סאַמע ווענט פֿונעם הויז, פֿון אַלע הייזער אין דער געגנט. געווען אַ צייט פֿון רייך ווערן אין דער אַמאָליקער בוענאָס־איירעס, יוסט זיך אָנשטאָפּן מיט שפֿע. די דרייסטע זענען טאַקע שטאַרק פֿעט געוואָרן, פֿויל פֿון

גוטס, ס׳בלוט אין די אָדערן האָט מיט דער צייט אויסגעקילט, גלייכגילטיק געוואָרן צום אַליין אויסגעבויטן, געדוימען הויז און זיי זענען זיך צעפּאָרן איבער אַלערהאַנט פּרעמדן. געמיינט אַז ערגעץ ווייט וועלן זיי זיך ראַטעווען פֿונעם אומגליק פֿון איבערפּעטיקייט און פֿון אַלטקייט. אָבער זיי האָבן זיך פֿאַרלוירן אין אומאייגענער צעשפּרייטקייט; זיי האָבן פֿאַרהוליעט אין ווייַן און ווייב די מורא פֿאַרן געשפּענסט וואָס איז זיי נאָכגעלאָפֿן. ביסלעכווייז האָבן די דאָזיקע אויסגעדאַרט אין צעלאָזנקייט, לרוב געשטאָרבן אָן יורשים. פֿון אָט־די מיחוסדיקע לייט איז איצט קיינער שוין נישטאָ, נאָך זיי זענען די רייכע דירות צעאַכטלט, צעצענטלט און צעצוועלפֿט געוואָרן אויף צימערן און צימערלעך. יעדעס פֿון זיי עפֿנט זיך פֿאַר דער קבצנישקייט פֿון צוגע־פֿאָרענע, וואָס שפּאַרן זיך צו דער הדרתדיקער, זאַטער בוענאָס־איירעס. מיט זייערע אויסגעבליאַקירטע ציגלנע ווענט און שמאָלן מטושטשן מרחק קוקן אויס ניי לעבן די פֿאַרלאָזענע אַלטע גאַסן וואַלענטין גאָמעס, דיאַס וועלעס, אַנכעל גאַזשאַרדאָ. פֿון באַשיימפּערלעכער ירידה שטרעקן זיי זיך צו דער נעבעכדיקער אַרעמשאַפֿט, וואָס שפּאַנט פֿון דער פּאַמפּאַ, פֿון די אַלטע שטעטלעך אין די בערג און טאָלן. די־אָ שטאָטישע געגנט טוליעט צו צו זיך אויך דעם בלודנעם דלות פֿון די „גרינע", געקומענע פֿון די ווייטע, הונגעריקע מדינות. אַ סך פֿון זיי האָט די נידעריק־ליגנדיקע ווידזשאַ קרעס־פּאָ* שוין צוגענומען, מחמת באַשיידענער זענען אירע הייזקעס, לפנים־דיקע וואָלוולקייט האָט זיי פֿאַרלאָקט און דאָרט איז טאָקע היימלעכער גע־וואָרן. ערשט האָט די יורדישע וואַלענטין גאָמעס זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפֿן גיריקן דלות, עס קוקט זיך אויס די אויגן דיאַס וועלעס: „אפֿשר קומט דאָך עמעצ?"

אמת, גאַסן ווי מענטשן דאַרפֿן האָבן אַ ברעקל מזל!

פּלטיאל גיסעס האָט געטראָפֿן צו דער דאָזיקער אָנגעשפּיצטער שטיל־קייט און איז אין איר באַלד אַריינגעזונקען מיט דערקוויקונג:

— ס׳טאָקע בעסער, אוי־וי־ווי.

ער האָט זשעדנע געדוט און געוועזן כמו צופֿרידן צו האָבן אָפּגעפּטרט די אומגעריכטע זאָרג פֿון שפּירן באַלעבאַטים איבער זיך. אַ שרעק, נישט אין באַלעבאָס, נאָר אָן אַ שיעור באַלעבאַטים! אַזוי שפּעט זיך געעפֿנט די

---

* געגנט פֿון בוענאָס־איירעס.

אויגן אויף דעם. אויסגעקוקט ווי די לעמעלעך און לסוף צעוואָרטשעט זיך ווי די בייזע סטאַדע־הינט. פֿאַר־זיך איז אויף אַן אמת ווויל. אַאַ, די פּיס, כאַטש דער קאָפּ איז אויך אויסגעהוילט, גלאָזיק ווי אַ בוטל. ס׳בעסער אַזוי די טונקל, גוט צו קענען רויק האַלטן אַזוי די אויגן.

או, ביטער־גאַל איז אַזאַ ווילקייט! — האָט ער דערנאָך זיך אָפּגעגעבן חשבון.

שאָרסטקע ווי רוילעדער האָבן אים פּלוצלינג געאַרט די ליפּן. זיי האָבן מעכאַניש זיך באַוויגן אין געמורמל. און אָט האָט אַ שטאָך געטאָן די ווערעמדיקע מחשבה: — נישט געהויבן געלעבט, און אָפּגעפּאָרן. אויפֿן סנה פֿון שטותים געלאָזן אַלצדינג. אַלץ פֿאַרברענט, און עס ברענט — —

דער אַרום האָט אים געאַרט. ס׳האָט זיך געוואָלט אַנטרינען פֿון זיך. אַ שריפֿה איז דאָס פּויזן פֿון געדאַנק. געווען, געווען דאָס, יענץ, אויף כלומרשט געווען, און אויסגערונען. הערסט?? פֿון יענער זייט וואַנט זידט עפּעס להכעיסדיקס, עס שטשירעט גלייך אַ חיה־רעה וואָלט זיך פֿאַרטייעט און זי סאָפּעט. או, או, ביינאַכט וועט עס שדיש לאַכן פֿון גערטל אַרויס. אַלץ אויף אים, קעגן אים — פֿאַר וואָס, צו וואָאָאָ־אָאָס!

פֿריצייטיק זיך געפֿרייט, דער נאַר, מיט דעם צימער — אַליין פֿאַר זיך. אַ מציאה! אָקערשט איבערגעטראַכט ס׳טראַכטן פֿון נעכטן און מחמת הוילבדיקער איבערגעמידטקייט אויפֿגעכאַפּט זיך און אַוועק אין שטאָט אַריין. געשלעפּט זיך אויף אָנגעדראָלענע פּיס, געצויגן זיך אין רויש אַריין, אַקעגן דער שיין פֿון טרעריקן בליק. רעכט אָפּגעשוואַכט, שלאַבעריק אויף אַלע אברים, דער פלטיאל גיסעס, נאָר ער טאָר זיך נישט פֿאַרגעסן. ער מוז געפֿינען אַ שטאַרק קאַוועלע און אַוועקגעבן עמעצן זיינע אַ שאַרפֿקייט, אַ וואָרט וואָס נעפּלט זיך אין קאָפּ און רינט אויס, אויב עס קומט נישט ווער עס אויפֿנאַשן. ער טאָר נישט, פלטיאל, ער וועט אַלעמען נאָך באַווייזן (פֿאַרטראַכט ער זיך אומגעריכט) — — עעע, ר׳מוז!

טאָג איין, טאָג אויס זיך שוין אַרויסגעשלעפּט פֿון דעם נייעם צימער, זיך געצויגן צו דעם קאַפּע הויז ווו ער אָנט צו געפֿינען ס׳גריילעך־פֿאַרלוירענע. שפּעט אויפֿדערנאַכט, דורך טויבע, אָפּגעלעגענע גאַסן, האָט ער זיך צוריק געשלעפּט צום אַלטן הויז. ביי אַ גאַפֿנדיק לאָמפּנפֿלעמל האָט פלטיאל גיסעס פֿויל, כאָטש אומרויק, שוין דערטראַכט זיין נאַכטיש מיד טראַכטן — פֿון טויט. אויף אַן אמת טונקלט אים שוין דער אַרום. ער קומט אָן, דער טויט, ער גייט אייגנטלעך אַרום צווישן אַלעמען, נאָר די מענטשן

ווילן אים נישט זעען. זיי מיינען, זיי וועלן אַנטלויפֿן פֿון אים... אַ נמאס־דיק שפּיל.

פֿון ס׳ניי האָט אַלץ וויי געטאָן. סוף־פּסוק. ס׳ברומט דער יתום־קדיש פֿון דעם גרוב וואָס וואַרט אויף אים — און מורא געהאַט אַנטדרימלט צו ווערן. פֿון צעטראָטענעם גערטל האָט שדיש געלויערט פֿאַרהוילענע שרעק.

4

פֿלטיאל האָט זיך שוין געריסן פֿון זיין נייער נאָרע אַרויס, וואָס אין פֿאַרלאָזענעם הויז אין דער יורדישער געגנט;

כתריאל ווידער האָט אין פֿאַרצאַגטקייט נאָך אַלץ געוואָלט נישט־ווערן פֿון זיין אַלט־געזעסענעם צימער. אומזיסט האָט ער געזוכט אַן אַנדערן מקלט פֿאַר זיין מרה־שחורהדיקן ז יי ן, וואָס ווערט אָן אויפֿהער צעטאָ־רעט פֿון די שלעכטע באַלעבאַטים.

— הערט נאָר, איר! — איז מע שוין געקראָכן צו אים מיט דראָענ־דיקע פֿינגער אין די אויגן אַריין.

— פֿאַרדריפּעטער סאָלטעראָ*, מירן אַ מאָל פּטור ווערן פֿון אייך מיט אייער שטינקעוקע?

די געשרייען פֿון אים און פֿון באַלעבאָס׳ הויזגעזינד זענען געגאַנגען עד לב השמים. פֿון נקמה־גיר האָט דער סאָלטעראָ אין מיטן נאַכט „זיי" הינטער דער טיר אונטערגעוואָרפֿן שלח מנותן פֿון לייטיש־פֿאַרפּאַקטן, יערנ־דיקן מיסט. איטלעך פּעקלע מיט אַ שיין סטענגעלע געבונדן, מיט אַ שליי־פֿעלע פֿאַרקניפּט. דאָס האָט ער אויסגעפֿונען פֿאַרן איינציקן וואָפֿן קעגן דער מאַכט פֿון די דאָזיקע. אויף „גוטמאָרגן" האָט מען אים דערפֿאַר אָפּגעגאָסן מיט חשדיקע פֿליסיקייטן. — „אָ!" — האָט ער דערויף אַ קוויטש געטאָן און אין ראַפּטעמדיקן אַנטלויפֿן אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען אַריין. — „חזיר!" — האָבן יענע אים נאָכגעשריגן אין בכיוונדיקן אָפּוואַרטן אויף זיין קוויטש. — „אַצינד קוויטשעט ער ווי אַן אָפּגעבריטער דבר־אַחר".

איינע די אַנדערע זענען זיך רעכט דערעסן געוואָרן.

כתריאל האָט פֿון דעסטוועגן אומגעאיילט אַנגעשמעקט וו ער קען

* בחור.

געפֿינען אַן אַנדער צימער. כּפּי געוווינטשאַפֿט נישט ווייט אַוועקצוגיין פֿון זיין תּמידן דרך (פֿון דער היים צום קאַנטאָר און פֿון קאַנטאָר אַהיים) — איז ער נאָך אַלץ געבליבן שטעקן אויף אַן אָרט. גלייך אַ שימל־דעק אויפֿן זומפּ האָט ער אַלץ נאָך געוּוירט ביים נמאסן באַלעבאָס, אַלעמען אָנגעמאַזאַ־ליעט די אויגן מיט זיין שאַרנדיקן גאַנג, מיטן מרוקעוואַטן שווייגן. מ׳האָט זיין טראָט נישט סובל געווען. שמאַלציק פֿאַרגלאַנצט איז געווען זיין רעקל, קויטיק אויסגעקרימט די שיך, אָפּגעלאָזן ס׳קנאָכיקע פּנים.

— איר׳ט זיך אַמאָל רירן, אָדער מ׳וועט אייך מוזן אַרויספֿירן מיט מוזיקע?

שוין אויפֿגעהערט זיך רעכענען מיט איידלקייטן.

— ער וועט שוין, ער גייט שוין, מ׳האָט אים צוגעזאָגט, — און נישט געקאַרגט אַרויסצוווייזן ווערעמדיקן האַס צו די וואָס נעמען אויף אַ רעכטן אמת אים רודפֿן; אין די אויגן האָט ער זיך געקרימט אויף זיי: — פֿערד, וואָס איר זענט! איר ווייסט דען עפּעס; איר פֿאַרשטייט עפּעס? און אָפּגע־רוקט זיך פֿון די דאַזיקע.

און אַליין געוואָרן מער פֿויל אין זיין אַלטבחורישער פֿוילקייט — אויף צו ווען מער ווי דאָס וואָס ער האָט.

דאָך — נאָכגעפֿרעגט זיך דעם און יענעמען, ביז מיטלײַדנדיקע (פֿאַראַן נאָך אַזעלכענע) האָבן זיך דערשלאָגן פֿאַר כתריאלן אַ מעגלעכקייט צו דינ־גען אַ צימערל.

— איר ווילט אויף אַן אמת, וויטקין?

— וואָ׳דען, קאַטאָוועס טרייב איך מיט אייך?

— טאָ קומט!

— שוין איצט? —

— נאָר אַצינד. כ׳האָב נישט קיין אַנדער צייט, גיכער.

— איך לויף. אַוודאי לויף איך, — האָט כתריאל זיך געכוחט אַרויס־צווייזן גבורה, אָבער די גלידער האָבן אים קנאַפּ געהאַרכט.

מוראדיק אָפּגעדינט זיינע פֿיס, פֿון דעסטוועגן האָט ער זיך דערשלעפּט אַהין, אומווילִיק געקוקט אויפֿן צימער ווו ער באַדאַרף זיך איינגעוווינען מיט אַ נייער פֿרעמדקייט, וואָס זשאַווערט אַן די נשמה.

— איר זעט? אַזוי ווי כ׳האָב געזאָגט: ס׳איז גאַנץ באַזונדער, פֿאַר־זיך. אַט דער שליסל וועט זיין אייערער, אויב איר באַשטייט.

אין צעטומלעניש געקלערט, געקוקט, געוואָלט עפּעס אַרויסהערן פֿון

דער שטילקייט וואָס איז דאָ אָנגעזשומעט, און משמעות נישט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פֿונעם צימערל. „ווי זאַמד אַקעגן ווינט דרייט זיך דאָ די לערקייט. שוין לאַנג נישט באַווינט זי״, — האָט ער ווידער אַ קלער געטאָן און בשום אופֿן נישט געקענט דערלאַנגען די אָפּוואָרטנדיקע רייד וואָס זענען געשטאַנען הינטער אים. און ער האָט נישט געקענט ענטפֿערן אויף די פֿרעגנדיקע בליקן: „נו?״

אָן איינגעשפּאַרט קוקנדיק שוויגן איז געשטאַנען צווישן די מענטשן אויף דער שוועל פֿון דעם אויפֿגעפּראַלטן קאַלעמוטנעם חלל.

— סעניאָר, אויב ס׳געפֿעלט נישט, באַדאַרפֿט איר זיך נישט שעמען. זאָגט!

צעחושט האָט ער אויפֿגעהויבן דעם בליק.

אומגעדולדיק די מענטשן דאָ, — האָט ער שוין געהאַט פֿאַראיבל אויף זיך הלמאי ער האָט זיך געלאָזן אַהערפֿירן. אַ ביסל שפּעטער האָט כתריאל אַליין זיך שוין צוגעאיילט און זיינע אויגן האָבן גענומען זוכן דאָס נייס, וואָס דאַרף דאָ זיין: אַ געגנט אָן רעש, אָפּגערוקט אָן אַ זייט. פֿריי.

— גוט־גוט, — האָט ער אינדעם זיך שוין אָפּגעיאָגט פֿון די רייד וואָס האָבן אויפֿגעגליט אין אים — וואָס פֿאַר׳אַ פֿראַגע? ב׳וועל צאָלן פּינקטלעך.

— ברוך שפּטרני איז אַ היילעוודיקע ברכה, — האָט ער דערנאָך פֿאַר־צויגן זיינע פֿאַרטריקנטע ליפּן, געצויגן ס׳קול און אַראָפּגעלאָזן די אויגן אין נאָכטראַכטונג.

— ער...? — האָט ער זיך ווי דערמאָנט — ווי אַזוי וועט ער זיך רירן? ער האָט נישט קיין כוח צו פֿאָרן, רייטן. ווי אַזוי וועט ער זיך נעמען דערצו, וואָס אָנהייבן!

שווער, שרעקלעך שווער איז יעדע איבעראַנדערשונג.

5

יאָ, דער מ ו ז איז האַרבער ווי דער ווילן.

זיך אַרויסגעקליבן כתריאל פֿון דעם ווינקל, וואָס ער האָט פֿאַרנומען כמעט אַלע זיינע אַרגענטינישע יאָרן — און דערשפּירט ממש אַ שניט אי־בערן האַלדז.

אַרויסגעקליבן זיך מיט צופּיל רעש, אונטער אַ סך נייגעריקע בליקן און מיט אַ דריקנדיקן אומעט זיך אַריינגעקליבן אַהער, כאָטש ס׳צימער איז אַ באַזונדערס, אַליין פאַר אים און זיינע זאַכענישן.

שטייניק איז דאָס גאַנצענע הויז. גאַפנדיק די שטילקייט וואָס האָט זיך דאָ איינגעגעסן. פיר מויער־ווענט, אַ שווערער סופיט און אַ טרויעריק פענצ־טער אין אַ פוסטקייט אַריין, אַזאַ וואָס איז פאַרקוקט אויף אַ וואַנט אַ פּליצע.

תּפיסהדיק פאַלט דאָ דאָס שווייגן, אויך ס׳וויבּרירן פונעם ליכט, וואָס דרינגט קילבלעך אין מאַרך אַריין. און סיי ערגער, סיי בעסער איז דאָס טראָגן זיך פון דאַנעט אין שטאָט־צענטער אַריין: ערגער ווייל האַרט שפּאַרן אויף די פאָדעשוועס די דאָיקע, שטייניקע גאַסן, זיי דרילן אַדורך די גע־לענקען פון די קני; בעסער — ווייל מיט קרעפטנדיקער פרישקייט קומט יעדעס מאָל אַנטקעגן דאָס אַלטבאַקאַנטע, צו וואָס עס לאָקט אָקערשט מיט באַיוגנטקייט, מחמת אַלץ וואָס געלאָזן ד אָ ר ט, איז באַשיימפּערלעך געזונטן ליב. דערפאַר איז שוין מאָוימדיק דאָס אַהיימקערן זיך אַהער. סומנע גייט די צייט וואָס פירט צו די אויפדערנאַכטיקע גאַסן. ס׳פאַרן קאָסט צופיל און דאָס געלט באַדאַרף ער האָבן פאַר... פאַר אַ ים הצטרכותן דערהרגעט זיך דער מענטש דאָס גאַנצע לעבן. אַלץ וואָס מ׳קען נאָר, קנופּט ער צונויף אינעם באַטייט לעבן, אין וועלכן מ׳לייגט אַריין זין, כאָטש ס׳האָט אייגנטלעך קיין שום זינען נישט — — אַ סך סיבות האָט וויטקין צו היטן זיין פּעזע. אָט, ער וועט קראַנק ווערן און מענטשן קוקן רק אין האַנט אַריין: „גיבּ!״ תּמיד איז עס אַזוי. ווערעמדיק איז ס׳געלט. נאָר ביי ווערעמדיקע קען מע זיך אויסלייזן מיט דעם.

אין די אויפדערנאַכטן ווערט כתריאלן סכּנות שווערער. רעיונות קריכן אומגעבעטענערהייט אין קאָפּ אַריין. ווי מורעשקעס פאַרקריכן זיי און בייסן.

אומגעריכט צעפּליסט זיך די ענגשאַפט, וואָס כאַפּט אים אַריין ווי אַ ראָק מיט זשעדנע קלעשטשעס, נאָגט ס׳בלוט. זיין בליק גיסט זיך אָן מיט וויי־טוענדיקער רויטקייט.

צו ליכטיק דאָ, — כאַפּט ער זיך. נישט בחינם היט מען די אויגן פאַר דער שאַרפקייט פון דער זון. קילע טונקלקייט העלפט איינהאַלטן די הייך פון געדאַנק, אויך שאַרפע וויסקייט שעדיקט — — צו ליכטיק! בלענדעניש נערט די פאַלשע.

ווי אַן ערב־טויטער (אַזאַ געפיל דריקט אים אָפּט) לאָזט ער זיך אַראָפּ אויפן געלעגער, וואָס איז שטענדיק גרייט אים אויסצוטראָגן; ער ליגט און

ס׳אָנגעשפּאַנטע שווייגן פֿונעם קאַרגן ליכט זויגט אים אַריין אין זיך — ער אינעם ליכט, ס׳ליכט אין אים און ביידע הענגען דאָ ווי אַ שטיק גליווער, וואָס וויגט אויס די גלאָצנדיקע שרעק.

... טשיקאַווע, אַ הויז דאָ אָן אויסטערלישס און מענטשן ווימלען אין אים אין דער שטיל, גלייך זיי וואָלטן זיך די ציין אויפֿגעגעסן, דעם שלאָג פֿון די הערצער אַליין איינגעוואָרגן. שאַ. אַ שאָרך הייבט זיך אויף הינטער דער וואַנט, אַ ציטער רייסט זיך אָפּ פֿון דער צעריזלטער שויב. אַן אָפּלאָג פֿון אייביקן פֿאַרנאַכט איז דאָ און פֿאַר דער ברומעדיקער פֿינצטערניש, וואָס פֿאַרבאַהאַלט זיך הינטער טריבער לאָמפּנשיין. גוואַלד, עפּעס האָט זיך אַ הייב געטאָן, ס׳באַוועגט דעם רויך־וואָלקן פֿון שטילקייט וואָס וועבט זיך אַזוי געדיכט. און טריט שאַרן זיך דורך. מ׳גייט אויף יענער זייט. אַ מענטש? אַוודאי, עמעץ רייסט אויף די טיפֿן פֿון דעם שטאַרעניש — — זיכער, ער באַוועגט זיך אין דיין באָענט, אַ שכן איז דיר געגעבן געוואָרן. וואָס פֿאַר אַ שכן איז עס?

אַ ליאַרעם פֿון נייגיר האָט כתריאלן איבערגעשריגן.

6

נייגעריקייט בריט, נאָך מער מאַטערט זי אַזאַ ווי כתריאל וויטקינען, וואָס שעמעוודיקייט איז זיין אייגנטלעכע קרענק.

אין די אויפֿדערנאַכטן, ווען ער איז געזעסן אַן אָנגעיאָזשעטער ביי זיך אין צימערל, האָבן אים פֿלאַמיק אונטערגעזענקט די שאָרכן וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט צו אים פֿון דער מויערדיקער פֿאַרהוילעניש: „זיכער, אַ שכן!“ יעדעס מאָל צוגעשפּרונגען צו דער וואַנט, געהאַלטן זיך אויף די שפּיצפֿינגער, איינגעהערט זיך, נאָכגעקלערט. איטלעך מאָל האָט עס אים אָפּגעריסן פֿון אָרט און איינצייטיק האָט ער דערשפּירט ווי זיינע הענט און פֿיס זענען געבונדן. ס׳האָט אים געטראָגן, נאָר עפּעס אומקלאָרס האָט אים אָפּגעהאַלטן אַרויסצוגיין אַ בליק טאָן:

— ווער קען עס זיין?

טייל מאָל האָט ספֿק אים צעוואַקלט: „מסתּמא נישט קיין מענטש. אַ פֿירפֿיסיקס אפֿשר זיך אַריינגעכאַפּט. נישט איבער דער וואַנט איז עס, נאָר אונטערן דיל גראָבט עס זיך! אַ הונט אָן אַ באַלעבאָס. און אפֿשר אַ יאַמע פֿון ראַצן אונטער די־אָ ברעטער...?“

די ליידיקייט פֿונעם אָרט, וווהין ער האָט זיך אַריבערגעקליבן, האָט כתריאלן שוין באַאומרויִקט; דאָס פֿאַרלאָזענע הויז האָט אין אים אַריינגע־שריגן מיט פֿאַרביסענעם שווייגן. יעדער אויסגעדאַכטער שאָרך האָט אים געגעסן דאָס איינגעדאַרטע בלוט.

אַנסופֿיק זענען די אויפֿדערנאַכטן פֿונעם איינזאַמען. דערצו האָט כתריאלן אָנגעשפּאַנט די אומגעדולדיקייט צו וועלן דערגיין ס׳אומבאַוווסטע, צו טאָן דאָס צו וואָס עס האָבן זיך נישט געהויבן די הענט: ער מוז אַרויסגיין אַ קוק געבן, ביין, ר׳גייט נישט.

אַ קראַמף פֿון גערדאַנק און פֿון געפֿיל האָט געוואָרפֿן כתריאלס געמיט. לסוף האָט ער איינגעזען: דער דרויסן איז אין לויער. סאַמע פֿינצטערניש קוקט אַהער, זי איז בלינד ווי אַ פֿלעדערמויז און פֿאַרעקשנט אין בייזן פֿלי.

ממש אויף קרענק איז אויסגעשטעלט דעם מענטשנס מוח. קיין מאָל איז אים נישט באַשערט די רו פֿון אַ שטיין. דאָך האָט כתריאל גובר געווען די שרעקן.

— אמת, האָסט נישט קיין מורא פֿאַר נאַרישקייטן? דו ביסט רויִק, כתריאל! — אָט ווי ער האָט זיך געשטאַרקט מיט קינדישער חכמה, און זיך דערוועגט.

אַרויס אַ מאָל אַן אויפֿדערנאַכט אין שמאָלן שטיינערנעם קאָרידאָר אַריין, האָט ער ברייט אָפּגעלאָזן זיין טיר; זיין טונקל־גלימערנדיק צימערל האָט אים ווי נאָכגעאַגלייט אין די היפּנדיקע שריט. רגעווייז זיך אומגעקוקט אויפֿן דורכגעגאַנגענעם שטיקל פֿינצטערניש, גלייך ער וואָלט געזוכט זיך אָנצושפּאַרן אינעם שיטערן ליכט, וואָס האָט זיך ציטעריק צעזייט הינטער אים. שפּאַן נאָך שפּאַן געשטעלט און טאַקע דערשפּירט אַן אָנלען אין דער שייך.

... נאָך אַ טראָט, אַ שטילינק טריטעלע און ער איז צוגענאָגלט גע־וואָרן צו אַ באַלכסונדיקער לאַטע שווימענדיקע טונקלקייט: אַ טיר.

— דאָ איז עס. יאָ, אינעווייניק רודערט זיך. ס׳איז דער שכנישער צימער.

מיט אַ מאָל —

כתריאל וויטקינס ברוסט איז צעפּויקט, די אויגן פֿאַרקוועטשן זיך און ער פֿאַלט צו מיטן פּנים צו דער נעמלעכער טיר. עס רוישט. אַ געפּענטעטס איז דאָס רוישן. פּסס, זיך נישט טועה געווען! ערשט טראָגט זיך אַ קלאַפּ פֿון דעריבּען, אָט אַ ריטש מיט אַ בענקל.

אויף אַן אמת זיך דערשראָקן. אַן אייזיקע שאַרפקייט האָט אין אַ קנויל זיך אַנגעקאָלערט אויף אים, געשטויסן, אַז ער זאָל זיך צוריקציִען און די שיין הינטער זיין רוקן פויזעט אָקערשט אַהער. אַ, אינעווייניק איז מסתמא שטאַרק טונקל, אַנישט וואָלט געווען גערוימער פאַרן יענעמס ווילן, זיין האַנט וואָלט זיך אַזוי פיל נישט געשטרויכלט — —

נאָך רעכט זיך נישט צוגעהערט צו דער דאָזיקער פלעטשנדיקער טיר און שוין האָט ער געגומען רעשיק אַנטלויפן צוריק. קוים כתריאל איז ווידער אַריין צו זיך.

אַ טומל. ווי פון אומגעריכט אַנגעכליניעטע וואָסערן האָט דער האַר־מידער זיך אַ לאָז געטאָן איבערן טונקעלן קאָרידאָר, אימפעטיק האָט זיך צעעפנט אַ פּלוס מבולבלע שיין:

— ווע־עער אי־י־י־זזזז!

זי קלעפּערט, די שיין, גלייך פאַרבאָרגענע בלעכענע גלעקלעך וואָלטן זיך צעציטערט פון אַ העפטיקן ווינט. אַלץ אַרום הילכט און כתריאלס אויגן ווילן זיך באַהאַלטן. ער שפּירט זיין האַרץ אַן אַנגעפּויסטיקטס. דער גאַרער אויפדערנאַכט, אַ פינצטערער, אַן אַנגעהאַרבעטער אין זיין בייזער מאַכט האָט צו אים אַנגעקלאַפּט האַרט, וואָרענענדיק: עעענט־פעעעער!

כתריאלס גאַנצער מהות האָט זיך אַנגעלויערט אויפן געשריי אין זיך; ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן, נישט געוואָלט זיך אומקוקן, דאָך האָט ער אומגערן געזעען: אַ מאַנצבילשער קאָפּ פאַרפאָלגט אים, אַ קאָפּ און אַ שפּאָטיש־רופנדיקע שטים. צו להכעיס ציִען זיי אים צו זיך.

אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם האָבן אים פאַרכאַפּט פיבערדיקע הוריות. אויף צומאַרגנס און איבערמאָרגן האָט נישט אויפגעהערט אים צו בייטשן דער אומרו וואָס איז אַנומלט פאַר אים אויפגעגאַנגען פון אין דער פינצטער. און דער שטייניקער קאָרידאָר האָט נאָך אַלץ פאַרהוילן יענעץ געשפּענסטעריש פּנים, יענעץ שפּיציקע קול. ער זעט עס, ר׳הערט עס.

אויפדערנאַכטן זענען געקומען, אויפדערנאַכטן זענען אַוועק און דער אומרו האָט נישט אָפּגעלאָזן. שטום האָט אויף כתריאלן געקוקט דאָס קאַלע־מוטנע פלעמל, עס גלאָצט פון חלל און עס צעוויגט זיך פון מאָל צו מאָל. און די פינצטערניש פון דרויסן פאַרשטשירעט זיך אַנטקעגן די אָוונטיקע שויבן און דאָס שאַרכן פון יענער זייט וואַנט האָט נישט געלאָזן אויפקניפּן דעם דריקנדיקן געדאַנק. גאָאָאָאַר נישט געלאָזן אויפלייכטן אין געמיט.

„ווער קען עס זיין? וואָס פאַר אַ איינער איז אים באַשערט פאַר אַ שכן?“

מיט דעם ווי מיט אַ פּרעמדער משא וואָס דריקט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן איבערמידיקייט און פון ס'ניי מטושטש באַגעגנט דעם טאָג. אַזוי נאַכט איבער נאַכט — צעלאָמיעט, מיט אַ וואָלקן פאַרן בליק.

ער איז אַרומגעגאַנגען צעשטורעמט פון גרימעניש: „עמעץ וויל זיך אַריינרייסן אין זיין באַשיידן לעבן. אַז מ'ווייסט, היט מע זיך. ער ווייסט נישט, כתריאל — ווער דאָס איז, ווערט ער דערפאַר געשלאָגן“.

צו זיין אַליין איז אים ערשט געוואָרן אַ פּיין: עס האָט דורכגעגליט זיין פלייש, געצויגן פון אים די אָדערן, זיי דורכגעשטאָכן. יעדער אויפדערנאַכט אַ שווער אָפּקומעניש און די בייטאָגן — אַ קרענק אין פיבער. נאָך מער דערפאַר ווייל ער האָט געמוזט זיין אין אויג פון מענטשן. און דער פיבער פון געדענקען צעשפּרענגט דעם מענטש אויף בראָקפליש פאַר די גיריקע. רק די־אָ וויטיקן האָבן געטריבן כתריאלס הענט, געפירט זיין געדאַנק. געטאָן האָט ער אַלץ נישט־דאָיק, געשפּאַנט בלויז איבער יאָרןלאַנגער געוווינטשאַפט. שטייט ער אויף פון געלעגער, ציט זיין וועג צום קאַנטאָר, צו די טאָגטעגלעכע טוונגען. קומט ער אַהיים, בייגט ער זיך באַלד אין אומרויקייט צו די ווינקלען ווו ער האָט עפּעס פאַרהוילן; זעט זיך אַרום צי עמעץ קוקט נישט צו אים דורכן שליסללאָך, פאַרשטאָפּט נאָך אַ מאָל יעדע שפּאַרע פון דער טיר, פאַרהענגט מיט צייטונג־בלעטער דאָס שטויביקע פענצטער און ווישט דעם שטערן פון גרויסער אָנשטרענגונג: „מענטשן, מענטשן, ווי מ'רופט עס! זיי גייט אָן וואָס ביי יענעם קאָכט זיך און ס'טוט זיך...“ אים דאַכט זיך אַלץ, מ'וויל דערגיין וואָס ער טוט, וואָס ער באַהאַלט אויס. געוויס, יעדער וואָס לעבט מוז עפּעס אויסבאַהאַלטן פאַר דער שיין פון טאָג. אוממעגלעך אַז דו זאָלסט אַלצדינג אַרויסטראָגן אין דרויסן: „זעט, פרעסט זיך אָן, שוואַכט זיך נישט אויס די איידעלע קעפּ!“ — — סכנות לייכט צעצינדט זיך זיין דמיון און אים ווייזט אויס אַז ס'רייסט זיך אַריין צו אים ווילדער נייגיר. „שוין ווידער?“ — און ער בייסט די ליפּן אַז ער זאָל נישט אַרויס מיט אַן אַליאַרם: ראַ־טעטע־וועטעטעט, באַנ־די־י־ימן! היינטער אים איז זיין שונא, שפּירט ער. אַ שונא, מחמת ער לאָזט נישט קריכן זיך מיט אַ שוך אין דער נשמה אַריין. אויף אַזאַ קאָן מע זיך קיין מאָל נישט ריכטן, תמיד איז זיין אָנקום ערב בייזס, ערב אַן אונטערצינדונג. פאַרדאָרבן די לייט. ס'גוט וואָס ער וויכט פון אַלעמען.

7

כתריאל וויטקין איז ביטער אָפּגעקומען אין דעם נייעם אָרט. ער האָט שוין מורא געהאַט זיך צו דערנעענטערן צו יענער טיר, כאָטש ס׳זיצן דאָ איז געווען ווי דאָס זיצן אויף שפּילקעס. וויסט שטיל איז דאָ, ער קען נישט אַריינקוקן אין אַ בוך, ווערט מער נישט שרייבן זיין ווידוי פֿאַרן אויפֿצומאָרגנס פֿון זיין נישט־ווערן... עס ווירקט דער כוח פֿון בפּירושן לויער וואָס איז ווי דער צאָרן וואָס שפּיזט דורך אַפֿילו גראָבע מויערן.

אָוונט ביי אָוונט האָט דער איינזאַמער געפּיבערט פֿאַר דעם, וואָס עס קען זיין דערפֿון וואָס ער ווייסט נישט. ווער עס באַהאַלט זיך היינטער זיין פּלייצע. אַזאַ קען אָפּטאָן צעשטערערישס! אַ שפּייכלער פֿון רשעות איז פֿאַרבאָרגן אין אַ ליאַדע פֿאַרשווינדל — — ער האָט זיך אָנגעשפּיצט, צוגעלייגט ס׳אויער צו דער חשודער וואַנט, גיך אָפּגעשפּרונגען פֿון איר גלייך זי וואָלט פּלוצלינג געוואָרן דורכזעעוודיק, ראַפּטעם זיך צוגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעטל און געוואָלט פֿון קלאָמפּערשטער ווייט אָנבלענדן די וואַנט, וואָס האָט אָנגענומען ס׳אויסזען פֿון אַ פּנים מיט אויגן און אויערן: „זאָל זי זיך צערעדן!" און דווקא הודזשעט זי מיט פֿאַרעקשנטן שוויגן. פֿון אויפֿרעגונג האָט זיך אָנגעשפּאַנט זיין ברוסט און מינוטנווייז האָט זי זיך אַ ריס געטאָן מיט וואָיענדיקן געכליפּ. „דאָ איז ער פֿאַרמשפּט! ער׳ט אומקומען!" דער פֿאַרוועלקטער כתריאל האָט צוקאָפּנס דעם צעשטשירעטן אויפֿדערנאַכט געוויינט, גלייך ער וואָלט, אַן אינערלעך צעפּלאַצטער, זיך צערונען און ער און אַ קינד אין אים יאָגן זיך סאָפּנדיק צו פֿאַרשטעלן די געפּלאַצטע נעט. אַרום האָט עס געפּינצטערט און די צודרינגלעכע וואַנט האָט זיך אָנגעבויגן צום וויינענדיקן, געשלונגען זיינע טרערן: „שטילער, שטילער, כ׳וועל ווי טוי אַראָפּנידערן צו דיין פֿאַרטריקנטער ברוסט". וואַרעם־פּייכטע ליפּן האָבן געוויספּערט אים אין אויער אַריין. די ליבע רייד האָט ער געשפּירט אויף זיין לעפּל. אָבער כתריאל האָט זיך אַלץ נישט געקענט טרייסטן. וואַרע פּיין האָבן נאָך געוואַכט ביי זיין צוקאָפּנס:

— שווידערלעך זענען די לייט!

ער איז שוין נישט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט. אין מיטן דער אָנגעקנוילטער פּינצטערניש, וואָס האָט אים אַריינגעשושקעט אין די סאַמע געהירן, האָט כתריאלן זיך פֿאַרגלוסט אומגעריכט אָנצווואַלגערן זיינע פֿאַר־

איבלס קעגן י ע נ ע ם: געכאַפּט ס׳בענקל וואָס נעבן בעט, האָסטיק עס אומגעשליידערט, דערנאָך אַן אומישנע הוסט געגעבן און זיך באַלד אָנגע־שפּיצט ווי ער וואָלט געוואָרט אויף אַ מין קעגן־אָנגריף: „וואָס׳טו טענהן אַצינד?״

געמיינט אים, דעם אומבאַקאַנטן, דעם להכעיסדיקן רואה ואינו נראה. זאָל ער האָבן פּאַר דאָס זייניקע — צעריסן זיין שטילקייט אין וועלכער ער טוליעט זיך ווי אַ קאַץ אין וואַרעמקייט. אָקערשט האָלט ער זי, דער כתריאל, איינגעקלעמט אין די ציין. דער כוח פון דער מנוחה איז אין גאַנצן אין זיין רשות. זאָל ד ע ר נישט זיין אַזוי תקיף ביי זיך! באַשטימט, י ע נ ע ר שפּירט אים נאָך.

משונה האָט אין דעם מענטש געצאַפּלט דער דראַנג צו דערקענען דעם שכן וואָס איז אים ווייט אין דער סאַמע נאָענט.

און זיך דערוואָרט. מחמת אויך אין י ע נ ע ם האָט — משמעות — גע־ברענט דער נייגיר: ווו ע ר עס איז דער אין שכנות פון זיין צימער, דער וואָס האַלט אויך אים אין דריקנדיקער אָפּגעזונדערטקייט?

8

עס איז געווען אַ לאַנגער, פּייכטער בוענאָס־איירעסער אויפדערנאַכט פון ווינטערדיקן חודש יולי. פויל האָט געגענעצט דאָס פלעמל אין צימערדיקן חלל פונעם עלטערלעכן כתריאל וויטקין. נישט ס׳האָט זיך געוועקט דער מוח אין דער דאָזיקער שטאַרעניש און נישט ס׳איז געווען וואָך די ברוסט; אויך דער שלאָף, וואָס האָט צומאָל זיך אָנגעבויגן צו אים, האָט כתריאלן נישט אַ צי געטאָן צום געלעגער. געזעסן אויפן איינציקן בענקל און לאָמיך־געמאַכט זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט וואָס שפּרייזט אויף די שפּיצ־פינגער, זעצט זיך אַראָפּ נידעריק צום דיל און שפּרינגט ווידער אויף. ליכט און טונקל פאַרוועבן זיך איינאַנדער איבער די ווינט, טריפן איבער דער וואַנט, הויכן אַן די ליפּן מיט אַ זאַפטיקייט פון גענעזנדיקן דרימל.

נאָר כתריאלן איז נישט געגעבן געוואָרן נהנה צו זיין פון זיסן שלאָף אין דעם אויפדערנאַכט. אַ קלאַפּ אין דער נאָענט האָט אים אַ טרייסל געטאָן; ווי טויערן האָבן זיך צעעפנט זיינע אויגן און גלייך אַ צוגווינט האָט אַנט־קעגן זיי זיך צעברומט אַ שטעכיק, זאַמדיק קול —

— אי־י־ייירר?

און ווי געלאַכט, עפּעס געשטוינט שאַרף, בליציק.

פּלטיאל! פּלטיאל גיסעס!

„יענער" האָט עס אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אין דער אומגעריכט צע־פּראַלטער טיר. ד ע ר, כתריאל, האָט עס זיך נישט געגלייבט, מחמת... אַ סך פּאַרוואָסן האָט יענער פון אים אַרויסגעצויגן מיט אַ מאָל. יאָ, דער־מאָנט זיך: ד ע ר איז אַ פּאַיאַץ, אַן אַנשיקעניש איז ער. ער האָט אים פיינט, פוי!

קעלט און היץ האָט דער־אַ אָקערשט געבראַכט אויף אים. אַן ענגעניש דריקט אין האַלדז, ער קען נישט רעדן, נישט פרעגן, און דווקא רעוועט די ברוסט: — הלמאי דער, הלמאי אַזוי, הלמאי, הלמאי! און געמיינט האָט כתריאל גאָר עפּעס אַנדערש; ר'האָט געוואָרט, געוואָלט האָפן. ערשט איז ער עס דער, ד ע ר...

— משו־ו־ו־געגנעעעעעררר! — האָט כתריאל פּלוצלינג אויסגעשאָסן ווי אַ פלאַם, וואָס זעצט פון אַ נאַכטישן קוימען און אַרום שפּרייטן זיך פונקען אין אַ רעגן — משו־געעעע־נעעעעעררר!

פונקען האָבן געשפּריצט כתריאלס אויגן און זיינע אָרעמס האָבן זיך צעפּאָכעט ווי פליגל פון אַ פאַרפלאָגטן אָדלער. עס האָט אים שוער־נישט צעטראָגן, נאָר דער אַרום איז געבליבן שטום אין מויערדיקער טויבקייט.

אין מיטן טיפער פינצטערניש האָט בריזדיקער צאָרן געשפּאָרט פון דעם צעוויגטן קול, פון וואָס כתריאלס גוף איז דערנאָך אַריינגעפאַלן אין אַ געליימטקייט. דאָס שטוינענדיקע לעמפּל האָט אַראָפּגענידערט צו דעם בערגל וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעצאַפּלט, עס האָט געקוקט און אויך גע־טונקלט. זיך אַליין האָט כתריאל לאַנג נישט געהערט. געקומען צו זיך האָט ער זיך ערשט איבערגעגעבן די יסורים. ווי אַ חלשות איז דרימל דערנאָך געקומען אויף כתריאלס לייב. קילע שיין האָט געפלאַטערט איבער אים און לסוף אים צוגעדעקט מיט טיפן פאַרגעסן. נאָר אַ קראַנקער זינקט אַזוי אַריין אין שלאָף וואָס ציטערט אויס איבער אים אין שאָטן פון בלוטנדיקן געביין. צומאָרגנס האָט זיך עפּעס שוין געפלאָנטערט אין זיין אָנונג: דער פאַרשוין האָט נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט צו אים, שניידיק געלאַכט און פאַ־מעלעך זיך אָפּגערוקט. אָ, נאָך איצט שפּירט ער אַזוי ווי אַ לאָך וואָלט געווינטיקט אין זיין ברוסט. ער האָט מסתמא געשריגן, פון שלאָף זיך גע־צויגן און ד ע ר האָט גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו זיין מאַרדעוואַניע!

ס'איז געווען אַ חלום, נאָר די וואָר האָט דווקא ער געפּירט, כתריאל.

צומאָרגנס און איבערמאָרגן האָט אין אַ טומאַן פֿון בייזקייט (אויף אַלץ און אַלעמען) געשווומען כּתריאל וויטקינס געמיט; אין בושה זיך באַוועגט ביי דער אַרבעט אין ביורא; אין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַהיימגעקערט, האָט די שנאה צו י ע נ ע ם מער זיך אויסגעשאַרפֿט: „ער איז שוין ווידער דאָ!״ פֿאַרבייגעגאַנגען די טיר פֿון דעם דאָזיקן, האָט פֿאַראיבל פֿון ס׳ביי זיך אַ וועק געטאָן און אויפֿגעברויזט. „אַזאַ גאָרנישט, אַזאַ טיפּה סריחה, — נאָר ער, זיין טריפֿהנער ביין. אַ שכן מעג אויסגיין! היימלעכקייט זוכט ער זיך, דער, דער...״

סעניאָר וויטקינס מחשבה האָט פֿון זיינע ליפּן אַראָפּגעוואָרפֿן ביטערע רייד. איבער זיין צונג האָט ער דערנאָך שוין נישט געהאַט קיין שליטה. די צונג האָט אים בפֿירוש געבריט. אַ שאָד, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין כּוח אין די פֿויסטן. ער וואָלט אים די אויגן געגעבן אין דער האַנט אַריין: „זע, אַ מענטש שטייט פֿאַר דיר, אויסגעפּעטסטער גאָרגל, אַ מעעעענטשששש!״

געשריי האָט זיך געריסן פֿון אים, און — ער איז געבליבן זיך שטיקן מיט זיין אוממאַכטיקייט.

9

נאָך יענעם אויפֿדערנאַכטיקן אויפֿבראָך פֿון צעגליטן נייגיר, האָבן סיי פּלטיאל גיסעס, סיי כּתריאל וויטקין שוין נישט געהאַט קיין מנוחה אויפֿן האַרץ. דאָס באַוווסטזיין פֿון דעמס און יענעמס זיין אונטער איין דאַך האָט ביידן באַאומרויקט: ווי קען מע זיצן אַזוי אַליין? אויך אַ הונט רייסט זיך אָפּ פֿון דער קייט! די פֿינצטערניש דאָ רייצט, און די שטילקייט אַרט.

— דער פֿרעסער איז עס מיר אַ שכן! לייגט זיך אָן דעם קאַלדן און באַגערט נאָך שווילטיק, — האָט כּתריאל געמורמלט פֿול ברוגז.

אים האָט פֿאַרדראָסן נאָר דאָס וויסן אַז ער איז אָקערשט אַליין, בעת יענער שפּאַט אים הינטער דער פּלייצע.

דער דאַרער־קוואַרער כּתריאל האָט זיך אויפֿגעגעסן פֿון צרות, הלמאי דער האָט אַזאַ כּוח. געשטאַנען אין מיטן דער טויבקייט פֿון דער אָפּגעלע־גענער געגנט און געשפּירט יעדן שטויס פֿון דער נכפה: צו מיר קומט ער, דער, דער...! — און געזידלט, געקללהט.

— אַזוינער און אַזעלכענער! — האָט עס געסיקעט פֿון דעם צווייטן.

— ווּעמען ס׳שלימזל ברענגט מיר פֿאַר אַ טישזיצער? ווי אומישנע אונ־טערגעפֿירט. אַ וואַנץ וואָס שטינקט צומאָל נישט, כע־כעכעעעע!

ער האָט געוואָלט נעמען גרינגער די זאַך מיטן אָקערשט אַנטדעקטן שכן, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. ער דאָ, יענער — אַריבער דער וואַנט און די קאַלעמוטנעקייט אין דער מיט! ס׳גייט נאָר אין אַ וואָרט אויסצובייטן, נישט פֿאַרגעסן ס׳רעדן. אין מוח ביי כתריאלן האָט גליטשיק אַרומגעפּויזעט דער, פּלטיאל, און דער וויל אים נישט אָנקוקן. ער האָט אים פּײַנט, און ווי צו להכעיס ציט עס צו אים. ער האָט נישט געקענט רויִק אײַנזיצן, נישט געווען בכוח געלאָסן צו קלערן פֿון אַלעם דעם, פֿון וואָס אַ מענטש קומט אויס צו קלערן. אָן אויפֿהער האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, דער כתריאל וויטקין. אומגערן זיך דערנעענטערט צו דער האַרכנדיקער וואַנט און ווי אַן אָפּגע־בריטער צוריק אַוועק פֿון איר: „אַ משוגענער!״ יעדעס מאָל האָט ער גע־מוזט ווישן דעם שוויס פֿון פּנים.

ענלעך אַזוי האָט אויפֿגעטוקט ס׳בראַנדפּייער אויך ביי פּלטיאלן, וואָס אויף דער אַנדערער פֿלאַך פּונעם דערוועקטן איינזאַמקייט־אומרו:

— אַ פּאַרשוין! ער האָט אײַזערנע נערוון. ר׳ווייסט שוין און וויל נישט וויסן! ר׳קען אויסקומען אָן אַ מענטש, כאָטש דער מענטש זוכט אים, זאָגט אים צו מילך מיט האָניק — — פֿאַראַן לא עלינו אַזעלכע, וואָס זענען גע־בוירן צו נורען זייערע קעפּ אין בלאָטע און פֿאַראַן קעפּ, וואָס ס׳איז זיי אָנגעצייכנט אָנצושפּאַרן אין הימל. אַזאַ וואָרעם דאָס איז! איך שטיי אים נישט אָן, כע־כעכעעעע. איך פֿאַרגין אים ס׳איינרעדעניש אַז ער איז דער יחסן, ער איז דער קענער. פּלטיאל איז דער גולם, כתריאל דער חכם, אַבי צו קענען זיך שטעלן אונטערן דאַך פֿון תירוץ — בכן ס׳איז כדאַי, סעניאָר. אַז ס׳פֿאַראַן אַ צו וואָס, קען מע זיך געגאַרן און מ׳שלעפּט ווייטער דעם טרעלבוך, ווייטער, ווייטער — —

ער צעשפּריצט זיך אומגעריכט מיט אַזאַ מין געלעכטער, ס׳לאַכן־מיט די אויגן וואָס פֿאַרמאַכן זיך מיט ביטערער הנאה און זיי ווערן פֿייכט ווען זיי קוקן אָפֿענע. עס האָט אַ רייט געטאָן דאָס בלעכן געלעכטער (כתריאלן וואָס אַריבער דער ניכטערנדיקער מחשבה האָט אָפּגעשווינדערט דערפֿון) און פּלטיאלס אויגן האָבן מיט אַ פֿרעג זיך אויפֿגעהויבן צו דער וואַנט. ווי זי וואָלט שוין אַליין פֿאַרשטאַנען.

— ס׳דאַך נישט צו ליגן אַזוי אין געהאַקטע ווונדן ווי ער ליגט, ווי

איך כאַליע דאָ. בייס זיך אָפּ די פינגער צו זען אַ בר־נש, גיי אויס פּאַר אַ וואָרט! אַ ווייסט יאָר אויף אונדזערע שונאים.

דער אומעט האָט איצט מער געדריקט. דו זעסט — האָט ער שוין געטראַכט פון „יענעם" — אַ מענטש איז דאָ און ע ר איז אַנמענטשלעך! ער פייפט אויף אַלעמען; ר'קען אויסקומען אָן מיר, ער האָט מיך אין דר'ערד! אַזאַ דר...

גראָבע רייד האָבן שאַרפּאויגיק, מיט חזירישער בלאָטיקייט זיך אַרויס־געדראַפּעט פון פלטיאלן, דעםליידנדיקן פון נאַכטישער איינזאַמקייט (מער ווי בייטאָג), און אַ מטורפדיק לאַכן איז פון אַלע זיינע איינגעווײדן אים נאָכ־געגאַנגען טריטווייז: אַכ־כאַככאַאַ!

כתריאלן האָט עס געשטאָכן, כתריאלן האָט דאָס לאַכן געטראָפן ווי שטיינער וואָס מ'וואַרפט אין אים. כתריאלן פון ד ע ר זייט האָט אָנגעצונדן אַ געבייזער: „שוין ווידער! אין גאַנצן שוין משוגע — — —"

פריקרע אויפדערנאַכטן אַזעלכע זענען אַוועק (צו דער בערזע־קאַפּע איז געוואָרן משונה־ווייט, די פיס טראָגן סיי ווי נישט) ביז פלטיאל גיסעסן האָט עס פון ס'ניי אַ הייב געטאָן:

— ער'ט נאָך פרווון. אַזוי קען מע נישט. און דער יצר־הרע איז טאַקע נאַריש ווילדע, — ער וויל לענגער נישט וואַרטן! שש, איז ער כאַטש דאָ?

מיט אַ אויער צוגעפּאַלן צו דער וואַנט וואָס גרענעצט זיך מיט דעם־אַ, האָט קילקייט אַ שעפּטש געטאָן צו נ'אים: „פּאַראָן". און דער צערודערטער פלטיאל איז אַרויס אין פינצטערן קאָרידאָר זוכן חברותא מיט דעם עלנטן וואָס וואַלגערט זיך אויך אַן איינזאַמער.

געלאָסן, אַ ציטעריק טריטעלע, און געבליבן שטיין ווי פאַר אַ צע־וואַקלטן אָפּגרונט, אויסגעשטאָכן זיך די ראיה, אָנגעשטרענגט ס'געהער. „דאָ איז עס!" אַראָפּגעשלונגען אַ שאַרך פון ערגעץ. נאָך אַ שאַרך פון ערגעץ נאָענט, ס'האָט אים אַ פּאַק געטאָן ביים האַרץ און זיינע פינגער־קנאָכן האָבן צוגעבלאָנדזשעט צו אַן אויסגעטריקנטן האַלץ, אָנגעקלאַפּט פינגער־קראַמ־פּיק. געטראָפן! ס'איז די טיר, וואָס געמיינט — און ראַפּטעם זי צעעפנט.

— גוטנאָוונט, סעניאָר! —

כמעט מיט אַ געשריי האָט עס אַרויסגעהילכט פון אים, און ר'האָט אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אין שיטערן ליכט פון אַ פרעמדלעכן חלל.

— משוווווו־געעעע־געעעעננעעעעעע־עעעער! גגגי־יי־יי־יייי!

אַ שפּיציקער, אַן אָנגרייפנדיקער קוויטש האָט זיך צעקייקלט. כתריאלס

אויגן האָבן זיך הייס צעשפּריצט, ס׳מויל פֿאַרקרימט און די פּיס האָבן אַ צאַפּל געטאָן און געבליבן פֿאַרשטאַרט. אַקעגנלויפֿן דעם־אַ איז געווען דער ווילן, באָסט האָט׳ן באַוועגט, נאָר כתריאל האָט זיך געשפּירט אַן איינגעקאָ־פּעטער, דער בליק פֿאַרלאָפֿן. ערשט דערנאָך האָט ער באַנומען: יענער איז אַוועק. ער איז אויף יענער זייט פֿינצטערניש.

אָקערשט האָט כתריאל וויטקין דערפֿילט: אַ שפּיז פֿון שרעק איז אַריינגעשטאָכן געוואָרן אין זיין מהות. אַ שטיק צייט זיך געיאָגט נאָך דעם, גע־טריבן עס און ער ווייסט עד היום נישט אויף קלאָר — וואָס. שפּעטער האָט ער זיך אַליין שוין געזוכט אין צעטומלונג: איז ער — ער? און ווידער האָט זיך געוועקט דער ווידערווילן צו יענעם, וואָס גלאָצט אויף אים: ד ע ר איז אים אַ שונא; צו להכעיס זיך באַזעצט אַקוראַט אין שכנות — —

ווי מיט הערנער האָט כתריאל אָקסיש טעמפּ געשטויסן זיין אומחסד צום שכן פּלטיאל, כאָטש יענער איז באַשיימפּערלעך געוואָרן נכנע: נאָך אַ מאָל זיך באַוויזן צו אים, געבעטן זיך, ר׳זאָל נישט פֿאַראיבל האָבן, נישט צערענען אויף אים. „ערנוואָרט, ס׳איז שנאת חינם. שלעכטס נישט אויסן געווען. אַ מענטש אַליין אין פֿאַרוואָרפֿנקייט (ער ווייסט דאָך, סעניאָר וויט־קין!). ער האָט זיך גאָר דערפֿרייט, אַז ר׳האָט אים דערזען. שטענדיק איז בעסער אַ באַקאַנטער; אַ וואָרט קען מילדערן דעם אומעט; צומאָל קען אַ מענטשיש וואָרט היילן אַ ווייטיק. ער טאָטשעט, דער אומעט, עסט די בלוטן״.

ד ע ר האָט אָבער נישט צוגעלאָזן צו זיך, פֿאַרטריבן אים פֿון זיין שוועל:

— ממאַאַאַאַרש פֿון דאַנעט! כ׳קאָן אייך נישט, און כ׳וויל אייך נישט קענען!

עס האָט אים געקאָסט כוח, דאָס פֿאַרביסענע אויסשרייען זיך, כתריאל וויטקינען. דערנאָך איז ער געבליבן אַן אויסגעהוילטער.

אָבער פּלטיאלן האָט נישט אויפֿגעהערט צו ציִען צו היימלעכקייט. אַ ביסל פֿייכטקייט איז נייטיק פֿאַר יעדע וואָרצלען, פּונקט ווי צופֿיל נעץ ברענגט פֿוילונג. ס׳אַ ברכה צו זיין פֿון דער ווייטנס פֿון פּתאים, שווערער אָבער די נאָענטקייט פֿון סאַמע קלוגשאַפֿט. דער מענטש ווערט מיד. צו לאַנג זון איז אויך אַ קללה, דאַרעניש הייסט עס, סעניאָר וויטקין — האָט ער שוין גערעדט צו זיך.

אַפֿילו ס׳טראַכטן דערפֿון איז אומעטיק, און פֿאַוואָליע איז צו פּלטיאל

גיסעסן געקומען דער פּולער תירוץ פאַר דער כוונה וואָס האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן פון אים. עס איז דאָס שלענגל להכעיס, וואָס האָט צו אים אויפגעהויבן דאָס סמיקע פּיסקל, געדרייט מיט די שפּיציקע אייגעלעך: „שווייג נישט. הרגע דיין פּיינד איידער ער גייט דיך טייטן!" פּעדעמלעך ערמה האָבן זיך געוויקלט איבער פלטיאלס מוח, שטילענקע זיך געשנירלט אויף זיינע ליפּן, ווי די טרויבנבלעטער געזוכט פאַר זיך אַן אָנהאַנג, צו קענען זיך וויקלען כדי דערנאָך אויפצוגיין מיט פּרוכט. געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעטל, געקוקט אַהין, אַהער, און געטראַכט — נישט געטראַכט און ער־געץ פון אַ טונקלעניש אין אים איז אַרויסגעקראָכן אַ געדאַנקל:

— דו'סט אָנרייבן אַ מאָרדע דעם דאָזיקן. דו וועסט... ווייסט שוין ווי אַזוי.

פלטיאל גיסעס האָט עס רעכט צעקייעט; עס האָט שוין געכיכיקעט פון אים. דערנאָך איז ער געלעגן מיטן פּנים צו דער סטעליע, געלויערט אויף אַ שאָרך פון יענער זייט וואַנט.

אָוונט נאָך אָוונט איז פאַרגאַנגען אין שלעפּעדיקן שווייגן פון ד ע ם ווי פון י ע נ ע ם. גראָד איצט האָבן ביידע זיך נישט געזעען אין זייער אַלטבחורישקייט; זיי האָבן נאָר געשפּירט די דערצערנטקייט פון טיפער באַליידיקונג הלמאי ער, הלמאי יענער, ביז — —

ביידע האָבן געקלערט פון נקמה־נעמען.

10

ביי דעם גראָבן פלטיאל האָט עס גענומען לענגער, ווי ער האָט לכתחילה פאַרטראַכט: זאָל ער נישט האָבן אַזאַ בהמהשע מנוחה, ד ע ר ! זאָל ער שפּירן אַ ביסל שטעכעניש. ער וועט'ן אַ רעכטן שטויס טאָן.

— אָנלערנען אַזוינעם? — האָט ער זיך באַלד אַ וואַקל געטאָן: — וואָס איז ער שולדיק? סיידן דערגרייכן צום דנאָ פון דער גאָרער נישטיקייט — אונטערצינדן די שטאָט, צעטרייסלען די וועלט, אויסרייכערן אַלץ מיטאַנאַנד. גענומען דעם אָנהייב פון תוהו ובוהו, זאָל עס קומען צו אַזאַ סוף. אפשר דערנאָך וועט פון אַלע טשאַדן זיך אויסשיילן אַ בעסערער בראשית —, עס זענען אָנגעשטאַנען מאָדנע טעג און נעכט. דער־אָ, וואָס האָט פון יענער זייט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין רוקן, האָט אים ענדלעך ליכטיק געמאַכט

אין קאָפּ: די גאַנצע הוידי־דע־דאַנאַ, וואָס אַ מענטש טראָגט אויס אויף זיך, איז סך הכל נישט מער ווערט ווי אַ שפּיי. ער האָט עס תמיד געוווּסט, נאָר די קלאָרקייט דערפון איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי בולט ווי אַקערשט אַצינד. און ער האָט זיך מיישב געווען, פּלטיאל גיסעס. אַ צעטראָטן נפֿשל דער שכן זיינער, דרייט זיך אונטערן שטיוול; אַ נעבעכל בעט זיך רחמים, מ׳זאָל עס לאָזן לעבן. און לעבן הייסט ביי אים ס׳שטינקען דאָ ביזן אלף השישי אַריין. דאָס וועט אים קיין מאָל נישט דערעסן ווערן. אדרבא, ר׳האָט הנאה דערפון.

ד ע ר האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך יענעמען צו „לאָזן לויפֿן" און אַליין פֿאַרוואַרפֿן יעדע אָנרעגונג צו גיין ווידער זוכן זיך אַ מאָלצייט, געפֿינען אַ פּע׳זע אויף אָפּצושטופּן די כלאָחר־ידיקע נויט, וואָס טרייבט פֿון נאָרע אַרויס איטלעך באַשעפֿעניש. פֿע, אַן עקל!

געקומען אויף אים טעג אַזעלכע און פּלטיאל גיסעס איז אַרומגעוואָקסן געוואָרן מיט אַ האַרטער מרה־שחורה. נישט כדאַי מער צו שטויסן זיך צו די נבזהניקעס. אומזיסט שפּרייט זיך די שיין איבער די פּליינען פֿון טאָג, אומזיסט קלעטערט דער שאָטן איבערן רוקן פּונעם אָוונט, וואָס בייגט זיך און טרערט זקניש. געלעגן איינגעקנוילט אין אַליינקייט, פֿאַרעקשנט גע־פּרוּווט פֿאַרטרייבן דעם צודרינגלעכן הונגער און נאָך געגומען אויסלאַכן די מענטשישע שוואַכקייט צו מזון עסן; טרויעריק ווילד געלאַכט צו די מויער־ווענט, אויף וואָס די שויבן האָבן שפּל אָפּגעענטפֿערט מיט אַ טויב־לעכן עכאָ. ער האָט כסדר געווישט דעם קאַלטן שוויס פֿון שטערן און פֿאַר־נומען ס׳צוקן פֿון שרומפּנדיקן גוף. דעם מענטש גיסעס איז ס׳פּנים געוואָרן קלענער, דער בויך איינגעזונקענער, די אויגן טויטלעך־מאַט, כאָטש ער אַליין האָט עס נישט באַמערקט. די שטוב האָט זיך נאָר געוויגט.

אַריבער דער וואָגנט האָט דער שכן אין איין ציטערניש דערשפּירט די גרויזאַמקייט פּונעם מיט אַ מאָליקן שוויגן, וואָס האָט זיך דאָ אַוועקגע־שטעלט זיבן טעג און נעכט. ער האָט אויפֿגעצאַפּלט פֿון י ע נ ע מ ס אומ־געריכטן לאַכן און דאָס צעהוידעט זיך, גלייך עס וואָלט אַרויסגעדרונגען פֿון אַ נאָענטן תהום וואָס האָט זיך אָט־אָ געעפֿנט. ביי כתריאלן האָט זיך פֿאַרנעפּלט דער בליק איטלעך מאָל ווען צו אים רייסט זיך אַריין יענעמס הוילע קול.

עס איז אָוונט, עס איז מיטנגאַכט, ער קען נישט אַנטלויפֿן פֿון זיך און ר׳האָט נישט וווהין צו לויפֿן. „ער" איז כסדר דאָרט, אויף צעזעצעניש רירט

ער זיך נישט אַרויס פֿון שטוב. ד ע ר טראַכט שלעכטס פֿון אים. ער שלעפּט זיך אַרום אַ לעבן־לאַנג און וויל נישט טאָן אַ מינדסט. דערצו נאָך אַזאַ אָפּשפּעטער! ערשט טשאַטעוועט ער אויף אים. מער באַדאַרף ער נישט, ווי אים צו דערגייִן די יאָרן. כתריאל וויטקין איז דער דבר־עצם פֿון זיין קלערן. אַציגד גראַבלט ער זיך ביי אַ געטועכץ, מסתמא עפּעס עמעצן אָפּצו־טאָן. און אפשר גאָר מיר אַליין, דער טרעלבוך. וואָ׳דען, ר׳האָט דען אַנדערע דאגות? אַז ס׳גייען אַזעלכע שוידערלעכע אויפֿדערנאַכטן, מוז ער דאָך זיי דערהרגענען! ער קען שוין אַפֿילו האָבן פֿאַר זיך צוגעגרייט אַ מצבה־ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט: „פּ״נ פלטיאל גיסעס בן הוואָלקן״. אַזוינעם געשטייט אַפֿילו צו פֿאַרלייקענען אייגענע טאַטע־מאַמע, נישט צו באַקענען זיך צו לייבלעכע שוועסטער און ברידער: ער שטאַמט דאָך פֿונעם איינגעווייד פֿון אַ וואָלקן, און גיי שפּאַר זיך מיט אים. מיט פלטיאל גיסעס באַוועגט עס דער גייסט וואָס איז איבערגעבליבן אין שיריים פֿון די פֿאַראַלמנטע הימל און ערד. מחמת אַלץ וואָס איז געווען נ אָ ך זייער פֿרוכפּעריקער יוגנט, איז באַשטאַנען פֿון אַ שטיק גשמיות, וואָס האָט לאַנג זיך געוואַלגערט אין וויסטקייט ביז די איבערגעשלאָפֿענע חכמים האָבן אויף צומאָרגנס נאָך זייער תחית המתים אים אַריינגענומען צו זיך, פֿאַר אַ צייט געזעטיקט פֿון זייערע בריסט און אַזוי־אָ, אומגעריכט, אים ווידער פֿאַריתומט, צום אַרומבלאָנקען זיך. הייבט שפּירט ער זיין בראָך — — מוראדיק שאַרף אין דער טבע, דער פֿאַרשויץ, אַ שנאָרער פֿון רגילות און ער האָט חוצפּה פֿון אַ צעלאָזענעם בן־מלך! אַלעמען צו להכעיס קען ער נאָך לאָזן אַ צוואה אַז מ׳זאָל אים נאָכן טויט לייגן מיטן פּנים אַראָפּ. און צוואה איז בפּירוש ווי באַפּעל.

פלוצלינג האָט כתריאל דערהערט לאַכן אויף זיך אַליין, אַן אומבאַקאַנט לאַכן ווי דאָס פּאַטשן פֿון פֿראָסטווינט אין לויזע נאַכטישע שויבן אַריין. ער איז בייז געוואָרן, אָנגעכמורעט זיך אויפֿן אַוועקבלאָנדזשען פֿון זיין געדאַנק: ד ע ר האָט עס אים צערודערט, דער ימח־שמוניק!

אים, וויטקינען, איז איצט אַ סך ערגער. הפּנים, פֿריינדשאַפֿט דריקט שטענדיק, מכל שכן אַזאַ פֿריינדשאַפֿט וואָס וואַרפֿט זיך דיר אָן. ווער דאַרף אַזוינס? — אַ פּורעניה! זינט ער האָט אים דאָ אַנטדעקט, האָט ער גאָר קיין מנוחה נישט. אים דאַכט זיך אַלץ: יענער פֿאַרמעסט זיך קעגן אים; מיט אַ מאָל וועט ער אויסברעכן אויף אים מיט דער גאַנצער פּאַסקודנער גאַל. אַנדערש קען ער נישט, דער גראָבער בויך. ס׳איז זיין דרך. פֿאַר וואָס? אַ פֿ אַ ר וו אָ ס איז שייך אַ מישובדיקן. ע ר איז משוגע. אַ משוגע־

נער קען דיך דערהרגענען און נאָך אַנידערקני:ען זיך פֿאַר דיר, דעם דער־הרגעטן, דערקלערן זיך אין ליבע.

כתריאלן איז ענג געוואָרן אין זיין צימער, צו גאָר נישט זיך געקענט נעמען, כאָטש ער האָט זיך גענויט צו באַשעפּטיקן דעם צעברויזטן קאָפּ. „נישטאָ אַזעלכער, נישט געווען אַפילו. פֿאַאַר־גע־ע־עעעס!"

אָבער פּלטיאל גיסעס האָט נישט געלאָזן פֿאַרגעסן אָן זיך. ער איז דאָ. נישט אַזוי לייכט וועט ער אָפּטרעטן.

11

אין אַ שפּעטן אויפֿדערנאַכט איז עס געווען.

אויף ד ע ר זייט ווי אויף י ע נ ע ר בליקט די אָנגעהאַרכטע וואַנט און אינצווישן קנוילט זיך פּראַלנדיקע, ציטעריקע אַנסופֿיקע דערוואַרטונג. כתריאל ליגט צונויפֿגעשרומפּן ווי אַ שילדקרעט אין פּאַנצער, פּלטיאל איז פֿאַרטייבט: דער לאַנגער הונגער האָט אים אָנגעהורבעט מיט מהומה, אַרומ־געכאַפּט אים ווי אַ הודזשנדיקער געוויטער וואָס שפּרייט זיך, לויפֿט און גאַרט פֿאַרציקונג. אַבי עס וועט זיך נאָר לאָזן.

ד ע ר ווי י ע נ ע ר זענען להוט דאָס וויסן: „איז ער דאָ?" אָוונט און נאַכט האָבן וואָך געלויערט אויףביידן.

פּלטיאל האָט לסוף נישט אויסגעהאַלטן: „אַ בייזן כוח דאָס האָט! ער וויס כ'ליג אין געהאַקטע צרות און ער רירט זיך נישט אַריין. כאָטש שיק אים אַ פֿאַרבעטונג מיט אַן עקסטרע משולח". ער האָט געברענט מיט צאָרן. ווי אַ האַסטיקער דרוק אויף אַן אָנגעשפּאַנטער סטרונע איז עס געקומען — ער האָט ממש געפּלאַצט אין זיין מבולבלן צוהערן זיך צו יענער זייט, דער מענטש אין אומאויפֿהערלעכן טראַנס פֿון נערוועזן פֿיבער: „ער וועט'ן אָנלערנען, ר'עט'ן אונטערטעניקן" —

און פּלטיאל האָט עס אונטערגענומען.

— בבומממם! בבבררר־ו־ו־וווממממם! — ווי אַן אויפֿרייס איז עס געקומען.

אומגעריכט האָט זיך אַ צעטרייסל געטאָן די געשפּאַנטע שטילקייט און פּלטיאלס אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— בו־ו־וווממממם! — — — —

ער אַליין, פּלטיאל, האָט פרײדיק זיך צוגעהערט צו יעדן שלאָג פון דער אויפגעיאָזשעטער שטילקייט, כתריאל — פאַרקערט — האָט אויפגע־צאַפּלט מחמת אומגעריכטקייט; ס׳האָט אים געטראָפן ווי אַ קאַלט־שאַרפער וואַסער־כליושטש אין מיטן שלאָף. איז עס שריפה אין דער נאָענט? האָט זיך אין פלאַמען אָנגעכאַפּט דער שייער פון דער נאַכט, וואָס האָט באַהאַלטן די זון אין הייסן אַש אַריין, די האָר פון איר קאָפּ אָנגעצונדן מיט די טליענדיקע פונקען? כתריאל, כתריאל, ביסט פאַרפאַלן, פייער וועט דיך צעפרעסן! וואָס טוט מען ערשט, אוי־אוי, וואָס נעמט מען פריער, וועל איך עפּעס באַווייזן...? אַנגסטן האָבן אים געצערט, מיט פייערדיקע הענט האָבן זיי געצופּט זיין הויט, געקראָכן איבערן לייב.

— בומממממם! בבברררר־ר־ר־וווו־ווומם!

אַזוי ווי שטיינער איבער הוילע טאָוולען. עס האָט זיך געקייקלט ראַפּ־טעמדיק איין מאָל, אַ צווייט מאָל, און ווידער, ווידער.

אָנגעהויבן זיך פלוצלינג און ס׳האָט נישט אויפגעהערט צו שינדן דעם גוף.

אַ ברום, אַ שרפּע און פאַרקליבן זיך אין זיינע געהירן אַריין, די ברוסט צעוויגט.

אָנגעהויבן האָט עס יענער און ווי אַ שפּין פאַרעקשנט, מיט טשעפּקע הענט־און־פיס זיך אַריינגעטאָן אינעם געשפּין פון דער נעץ וואָס איז אים אייגן.

דערקענט ווער עס איז, וואָס ס׳טוט זיך, האָט ער זיך פון דעסט־וועגן געשטרויכלט פון אויסטערלישער אומהיימלעכקייט, כתריאל וויטקין.

„רו ווילסטו, תענוגים פאַרן סרחהדיקן גוף ווילסטו דווקא, נאַ־זשע דיר: בבבו־ווו־מממממם!" — האָט זיך געריי̇צט מיט אים דער פאַרריסענער ליאַרעם. צומאָל האָט יענער פאַרחוצפּהט זיך אַריינגעשטעלט צו אים:

— ס׳אומעטיק אייך, דאָן כתריאל? נאַט אייך אַ פריילעכן גוטנאָוונט פון שכן פּלטיאל!

— כיע־כיעכיע־עעעע —

ס׳אייגענע געלעכטערל האָט אים נאָכבאַגלייט און ר׳האָט שדיש זיך צוריק אַרויסגערוקט אין פינצטערן קאָרידאָר אַריין, און נאָך אים האָט פון ס׳ניי אויסגעבראָכן די דראָונג: בו־וווממממם!

כתריאל איז געבליבן פאַרטרונקען אין אָנמאַכטיקייט. ער וויל גאָר

נישט, ער הערט נישט, ער זעט נישט! דאָס פֿוילע פֿלעמל פֿון הינטער־ווילעכטס געקוקט אין חלל אַריין, איינגעהאָרכט זיך אין זיין סאָפּען.

אײן אָוונט, אַ צווייטן אָוונט האָט יענער אים געריסן די אָדערן מיט אומגעריכטן בומען, מיט ווילדן ליאַרעמען. ס'ער, דער שכן, דער טייערער, דער משוגענער פּלטיאל. אין בלעכן, אין ליידיקע פּושקעס אַריין האָט ער געקלאַפּט מיט העלצער, מיט די פֿויסטן. די אַרומיקע הוילקייט האָט אָנ־חרפּהדיק זיך צעפּויקט ביי יעדן ריר פֿונעם בלעך אָן בלעך, זיך צעקריגט מיטן שוויגן וואָס פֿאַלט דאָ ווי קלעצער אין קאָפּ אַריין. ביי יעדן הילך ברעכט זיך אין די שטילקייט ווי אויסגעטריקנט ליים, אַן אָנגעזעגעקטס פֿון פֿלאַם. אַ שלאָג — און די ליידיקייט צעוויינט זיך אויף דער שויס פֿון דער פֿינצטערניש און ער חלשט אַוועק, דער געפּייניקטער כתריאל.

ביי טאָג האָט ער אים נישט געוווסט, דעם שכן; ביי טאָג האָט די דער־מאָנונג פֿון אים נאָר געשראָקן, אָבער קיין זיכער אַנטרינען איז נישט געווען. ער איז געפּענטעט, כתריאל. די אַלטבחורישקייט האָט זיך איצט נוקם גע־ווען אין אים, געשפּעט: האָסט געוואָלט אַזוי, לעק זשע דעם האָניק פֿון דיין אייגענעם בינשטאָק!

אַ לאַנג, ווייט דערמאָנען פֿון אַמאָל, פֿון נאָענטן אַנומלט און פֿון נעכטן האָבן אים פֿאַרשאָטן דאָס געהירן. ס'צערודערטע געדעכעניש האָט אים גע־טאָן אָן דין, געמוסרט און נישט געלאָזן פֿאַרשלאָפֿן דעם טומל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אים, געטוקט זיך און פֿון ס'ניי זיך געריסן דעם ספּאָדעק. עס איז שוין געווען גאָר שפּעט אין דער שטייניקער נאַכט, ווען דער דרימל האָט אים קרענקלעך פֿאַרוועבט אין לינדערנדיקער פֿאַרגעסנקייט. כתריאל איז מיד אַריינגעפֿאַלן אין שלאָף, פּלטיאל דער שכן האָט אים ענדלעך אָפּגע־לאָזן מיט זיין להכעיס.

אויף צומאָרגנס,, אויך איבערמאָרגן אויפֿדערנאַכט האָט איבער כתריאלן זיך שוין געקנוילט אַן אומגעוויינטלעכע שטילקייט, אַזאַ ווי זי וואָלט פֿאַר־עקשנט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט זיך דערוועגט אַרויסצוגיין אין פֿינצטערן קאָרידאָר. פּאַמעלעכן געשטעלט טריט, האָט אונטערגעהאָרכט, גאָר נישט געהערט — ביז זיין אייגענער שאַרפֿער געשריי האָט זיך אַ הייב געטאָן איבער אים. פּלוצלינג האָט כתריאל וויטקינען דער טויט זיך אַנט־קעגן געשטעלט, דער טויט וואָס באַוועגט זיך, גרייפֿט אָן.

ער האָט שוין נ'ט געזען ווי טירן עפֿענען זיך אין דעם אַלטן פֿאַרלאָזענעם הויז. שאַרפֿער נייגיר האָט דאָך אַרויסגעפֿירט מענטשן ביי דער האַנט. זיי

האָבן כתריאלן דערווישט ליגן אַן אָנמאַכטיקן הינטער אַ פֿאַרמאַכטער טיר און אויף יענער זייט, אויף אינעווייניק פֿון דער פֿאַרגליווערטער איינזאַמקייט — דערזען דעם גאָלן טויט צוקאָפּנס פֿון אַזאַ, וואָס האָט מער נישט געהאַט קיין כוח צו פֿירן להכעיסן מיטן לעבן.

פּלטיאל גיסעס איז געפֿונען געוואָרן אַ פֿאַרסמטער מיט אַרשעניק. פֿון דעם שוין געליימטן, שטייפֿן קערפּער האָט זיך געטראָגן אַ שטיקנדיקער דונסט. זיין לוויה איז געווען די לוויה פֿונעם עלנט, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל נישט מקבר זיין. ער בלייבט מיט אַלע די וואָס דערגייען נאָר ביזן ראַנד פֿון גרוב, וואַקלען זיך איבער אים אין שטומען צאַפּל פֿאַר אַלעם דעם וואָס איז אומפֿאַרמיידלעך פֿאַרן מענטש וואָס איז אַן פּויסטן, אַן עלנבויגנס.

לייט מיט אָנגעבויגענע קעפּ האָבן עס צוגעזען ביי פּלטיאל גיסעסן דעם אוועקגייענדיקן. כתריאל, פּלטיאלס לעצטער שכן, האָט קדיש געזאָגט נאָך אים, נאָך אַ מאָל דערשפּירט די שניידיקייט פֿון אייגענעם עלנט און צופֿוסנס דעם געשטאָרבענעם געלאָזן זיינע אַ דריקנדיקע טרער.

12

פֿון כתריאל־פּלטיאל דעם צווילינג־נאָמען האָבן מענטשישע צינגער מיט אַ מאָל זיך אָפּגעטאָן, אָבער פֿון געדעכעניש זענען זיי עד־היום נישט אַרויס. נאָך היינט דערמאָנט זיי עמעצער מיט נאָגעניש אין ברוסט און עמעץ — מיט פֿאַרגיבנדיקן שמייכל. און כאַפּט מען זיך נאָך אַרויס מיטן טאָפּל־נאָמען כתריאל־פּלטיאל, רוקט זיך אַנטקעגן די שאַרפֿע געשטאַלטיקייט פֿון דעם אומגעהייערן עלנט וואָס האָט פּונקט אַזאַ אומגעלומפּערטן, שרעקיקן אויסזען ווי די ביידע, פּלטיאל דער גראָבער, כתריאל דער דאַרער, ביידע קליין, און ביידע ווייזן זיך וואָס אַ מאָל מער געשרומפּן, ביידע אין טראַנטיקן איינהיל פֿון אָרעמער איינזאַמקייט.

ת כ ל י ת

1

— מאָטיע, דו הערסט? מעגסט נעמען געדענקען, מאָטיע: מ׳עט זיך דאַרפן אַרומקוקן.

— מאָטיע, ביסט באַכאַשעם נישט אַליין... האָסט אַ ליכטיק קינד, מוז מע זיך דאַגהן פאַר דעם!

אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן. און דער אָנהייב מיינט שוין אַ קימא לן פון אַ יאָר אַכט צוריק. און די צייט שטייט ווידער נישט. ערשט האָט פונעם ווייב שוין גערעדט ס׳פאַרציטערטע האַרץ:

— סעניאָר, מ׳דאַרף זיך אַ ריר טאָן! פון רעדן וועט גאָר נישט אַרויס־קומען. געדענק, עס לאָזט זיך נישט אָפּגענאַרן. אוי־אוי, טאַטע!

דעם ווייבס קול האָט שוין געבריט.

— מאָטיע, מאָטיע, — האָט זי שפּעטער־אַריין שוין געזונגען מיט אַ קלאָגעדיק קולעכל — ווייל איז צו דיין לייב, וואָס דער קאָפּ איז דיר גע־גאַנגען שלאָפן און ווי איז מיר, וואָס איך קוק זיך צו צו דעם.

פּאַוואָליע האָבן די שטילע ווענט פון דער איינזאַמער שטוב אויף דער פּאַרוואָרפענער טשאַקרע * זיך צוגעוויגט צו די רייד, אָבער מאָטיע סלוצקי האָט זיי נישט פאַרנומען. „אַ יידענע רעדט!״ אַן אַנדערש מאָל האָט ער דעם ווייבס רעדן נישט געקענט סובל זיין. געהערט, געהערט און זיך אַרויסגע־מאַכט. „אַ מענטש האָט דען אַזוי פיל צייט?... און כוח שעפּט מע נישט פון אַ ברונעם״. און אויף צו קריגן זיך איז ער נישט קיין מענטש.

— קלאַפּט מיט דער צונג און ס׳ווערט איר נישט נמאס! — פלעגט ער איר צוואַרפן מיט תרעומות.

אַ מאָל האָט ער זיך אויך אָפּגעריסן אויף איר:

---

* דאָרפישע באַלעבאַטישקייט.

— מאַטיע, מאַטיע, נאַר מאַטיעט! לאָז אָפּ אַ ביסל, ייִדענע! מ׳באַדאַרף זיך דאָך אַרומקוקן, און מ׳באַדאַרף זיך פֿאַרטראַכטן איבער אַזוינס. האָסט שוין כאַטש מיט עמעצן איבערגערעדט? נישט מיט אַלץ מוזסטו זיך פֿאַרלאָזן אויף מיר. לייגן דיר אויפֿן טעלער? נאַר מאַטערט. ס׳איז דען אַראָפּצושלינגען אַ ביסן? מ׳קען זיך דאָך נישט אויפֿהייבן און לויפֿן.

זי האָט זיך געבעטן, זי האָט געביטערט און אים איז געווען סכנות שווער זיך אָפּצורייסן פֿונעם אָרט, וואָס ער האָט אויסגעוואָרעמט מיט זיינע ייִנגערע יאָרן, וואָס באַפּרוכפּערט מיטן אייגענעם שוויס.

„ס׳דען לייכט אַצינד זיך צו לערנען ווידער אַריינקריכן אין די קינדער־שיכלעך?" — האָט אים געגריזשעט דער געדאַנק פֿון נעמען און אַוועקגיין פֿון פֿעלד און פֿון רגילות זיך ווייטער אַריינגעטאָן אין דער נחלה. ער האָט אַנדערש נישט געקענט. אַ באַשיידענער האָט ער אַלע צייטן זיך מפֿרנס גע־ווען מיגיע כפּיו, נישט געוווּסט זיך „אַ דריי צו טאָן", ווי אַנדערע, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו מאַכן זיך גרינגער, זענען אַוועק פֿון די טשאַקרעס.

אַגב האָט מאַטיע שוין דערשפּירט מידיקייט אין די ביינער און מקבל באהבה געווען דאָס וואָס איז אים געגעבן געוואָרן.

— גאָט ׳עט העלפֿן, ׳עט מע זיך יאַקאַש אַרויסדראַפּען, — האָט ער געפֿונען פֿאַרן ווייב אַן איינשטילנדיק וואָרט.

איר טענה איז אָבער געוואָרן וואָס אַ מאָל ברענענדיקער.

— אַ טאַטע ביסטו? אַ רשע מרושע ביסטו, אַ מערדער ביסטו אויף ד יי ן לייבלעך קינד!

2

מאַטיע דער טאַטע, שיינדל די מאַמע, עלקע די טאָכטער — דאָס איז די גאַנצע משפּחה, וואָס איז איינע אַליין געזעסן אין דער מיט פֿון דער ווייטער אַנסופֿיקער און סומנער פּאַמפּאַ; איינע אַליין אין דער אומגעהייערער לײדיקייט און מ׳האָט געמוזט קוקן איינע אויף די אַנדערע. מאַטיע האָט געזאָגט: דער רבונו של עולם האָט געשאַנקען כוח און ר׳האָט געגעבן הענט און פֿיס די כוחות פֿונאַנדערצופֿירן, אַז לעבן זאָל געדייען. איז וואָס מיר די נפֿקא מינה? ווו ער געפֿינט זיך מוז דער מענטש טוען, אַל דאָס איבע־ריקע איז נישט אין אונדזער רשות. אַ זיווג פֿאַרן מיידל? הקדוש ברוך הוא פֿאַרלאָזט נישט. מענטשן האָבן אויגן. זיי וועלן זיך עפּענען און דערזען.

נישקשה, ס׳עט קומען די צייט... דאָס ווייב האָט אים געענטפערט: דער וואָס אין הימל האָט אונדז געבענטשט צו זיין באַנאַנד, צו האַלטן זיך ווי איין האַרץ אין דריי גופים, איינער פאַרן צווייטן איז די גאַנצע וועלט, טאָר אַזאַ וועלט נישט זיין קיין פאַלשע. אַ קללה האָט זיך נעבעך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז. ווי אַ שכן אין דער נאָענט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק. די וועלט פאַרמאַכט זיך, מאָטיע, זי לאָזט זיך נישט אַזוי פיל פאַרשטיין, ווי איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין דיך, מיין מאַן! ווי מעגסטו פעלשן אין דיין קינד?

דאָך: די רייד האָבן נישט אָנגעיאָגט די יאָרן, וואָס זענען געפלאָסן ווי וואַסער פליסט אין טייך.

מיט לייב און לעבן איז מאָטיע אַריינגעטאָן אין דער טשאַקרע, קיין מאָל זעט מען אים נישט אַרויס דעם קאָפּ פון דער האַרעוואַניע, שיינדל איז פאַרקאָפּעט אין דער זלידנער באַלעבאַטישקייט; אַלץ און אַלעמען מוז זי האָבן אין זינען און עלקע, עלקעלע זאָל געזונט זיין, לעבערט איר דעם מוח. איר, נאָר איר, דער אָרעמער מאַמען! אַ מיידל אָנעהאַרע איז, נישט צו פאַר־גלייכן, ווי אַן עוף: מ׳מוז עס נאָכגיין, מ׳מוז עס האָדעווען, פילעווען. ערשט אַ יאַקעלע, דערנאָך אַ קליידל, אַ שלייפל אין די האָר, און נישט נאָר דאָס... אויך אַ הינדל לאָזט זיך נישט תמיד האַלטן אין קאָטוך און אַ קינד טאָר מע נישט צו לאַנג וויקלען אין ווינדלען. אַן עוף — וואָס אמת איז אמת — אַז עס הייבט זיך אָן לייגן, דאַרף מען עס מערער היטן: אָפּערנעמען דאָס איי אַז ס׳זאָל עס נישט אַליין צעפּיקן, אַ מאָל מוז מע נאָך ס׳איי אַרומזוכן, אויב ס׳עוף האָט די טבע דאָס צו „פאַרלירן". און קומט דערצו, באַדאַרף מען עס אַוועקזעצן בריען און פון ס׳ביי צוהיטן. די פיס טאָרן נישט אָפּשטיין, ס׳אויג טאָר נישט מיד ווערן.

פון זאָרגן האָט די יידענע איינגעדאַרט. ס׳רעדן־טענהן איז געוועזן אַרויס־געוואָרפן. ווי אַ געשוויר איז אין איר אָנגעוואַקסן די גאָרע צעווייטיקטקייט. אין דעם גאַנצן אַרום איז נישטאָ קיין היימישער. געוועזן אַן עלטערער ברודער זיינער, איז ער שוין אויפן עולם האמת. געלאָזן אַ זון מיט אַ שנור און אייניקלעך, האָבן זיי נישט געוואָלט אַ שמעק טאָן אויפן טאַטנס טשאַקרע אַרויף, זענען ערגעץ אין בראַזיליע, לאָזן נישט וויסן פון זיך. זי, זינדיקע, האָט דאָ באַלד קיינעם נישט געהאַט. פון דאָרט, אין דער אַלטער היים, איז שוין נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן. אַלץ מסתמא אָפּגעמעקט ווי נאָך נחס מבול. נישטאָ שוין וועמענען צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער און פון וועמענען צו

קריגן אַ גרוס. זי איז ווי אַן אַנידערגעוואַלגערטער סטויפּ אין וועג, לאַ־עלינו. רק פּאַרן געשריי פֿון ווילדע פֿייגל איז מען דאָ אָנגעבאַרייט, ס׳ציִשן פֿון אַ שלאַנג צו פֿאַרנעמען און איינהערן זיך אין וואָיען פֿונעם שטורעם, וואָס רייסט שטיקער פֿון מענטש. איז רויִק, עקבערט די רויִקייט אין האַרץ: און דו קוק נאָר אויפֿן שטיקל ערד, קוק און ווער פֿאַרפֿינצטערט. אוי־אוי, דער מוח ווערט צעשפּרונגען! — — קומט אַ מאָל אָנצורייטן דער שכן, דער נאָענטסטער משטיינס געזאָגט — אַ פּאָר לעגועס* פֿון דאַנעט, איז עס קיין מאָל נישט קיין גוטער סימן. ס׳אַזאַ מרחק אַז נאָר אַ צרה קען אים אַהערטרייבן. און אויף דער עלטער איז שוין וואָלף מיטין דער פּראָסקוראָ־ווער. ס׳ווייב ליגט אים נעבעך צו בעט. אויב ער קומט, פּאָכעט שוין דער מלאך־המות מיטן מעסער. סכנות מיט דער קראַנקער! אַ דאָקטער זיצט העט אין שטאָט און דאָ שריי צום הימל. „האַרצעדיקע, גיט איר אַ קוק, אפֿשר״... — טרערט דער אַלטער און זיין מויל פֿאַרקרימט זיך, די גראָע באָרד העשעט לוויהדיק. „כימענעז גייט יעדן טאָג, קאָכט קרייטעכצער. וואָס ווייסט אַ פּונדיק?״ — מ׳הערט פֿון אים געוויין, שניידט אַזש אין ברוסט. נישטאָ קיין ברירה, מ׳שפּאַנט די סולקע** און מ׳לאָזט זיך מיטן שכן איבער דער פּאַמפּאַ. זיי אין ברישקע, דער אַלטער דערנעבן, אויפֿן פֿערד. טריב ציט זיך דער וועג און פֿינצטערניש קומט אַנטקעגן פֿונעם שכנס הויז. דער טויט דרייט זיך שוין דאָרטן. אַן אויסגעקנאָכיקט פּנים מיט אַ שאַרפֿער נאָז קוקט אַרויס פֿון בעט, וואָסערדיקע גריבלעך שטאָטס אויגן קריכן דיר שטעכיק אין האַרץ אַריין און איר בויך, זעסטו, יערט, פּוישט צוקוקנדיקער־הייט. אַ שרעק, ער וועט אויפֿפּלאַצן, דער בויך, און נישטאָ צו וועמען אויס־צושטרעקן די האַנט: העלף! בלאָ פֿאַרטריקנטע ציטערן דער קראַנקערס ליפּן. ס׳איז „יענע קרענק״, שטיקט עס שיינדלען אין האַלדז און זי לויפֿט אַרויס מיט אַ געוויין, וואָס צאַפּלט אויף אין איר. פֿאַר איר בליק בערגלט זיך שוין דאָס געעפֿנטע סטעפּישע קבר — —

פֿון מאָל צו מאָל איז אין דער פֿרוי מערער אָנגעוואָקסן די מורא פֿאַר דער דאָזיקער איינזאַמקייט אין דער מידבר, נאָר פֿאַר אַ תירוץ פֿון איר געשריי האָט זי געהאַט דעם אומרו איבער דער טאָכטער:

— ס׳קינד, ס׳קינד, מאַטיע!

---

* לעגוע — 5 קילאָמעטער. — ** צווייי רעדערדיקער וואָגן.

כאָטש דעם מיידל איז שוין געגאַנגען דאָס זעכצנטע יאָר, איז זי אין דער שפּאַרנדיקער נויט נאָך אַלץ געווען „דאָס קינד“.

שיינדל האָט נישט אויפֿגעהערט צו „מינטערן“ דעם מאַן, אַז זיי זאָלן אַוועק אין שטאָט אַריין. פֿריִער האָט מע געלעבט פֿאַר זיך — האָט זי געזאָגט אין אַליאַרמירנדיקן טרויער, באשר די עלטער רוקט אָן אויף זיי — אַצינד מוז מע לעבן פֿון תכלית וועגן פֿאַר דער טאָכטער. ס'אָן איינציק שטיקל קינד, מ'מוז עס פֿאַרזאָרגן, טאַטע! אַ מיידל וואַקסט אין פּוסטן פֿעלד — האָט זי נישט צוגעמאַכט ס'מויל — און נישט די שטערן און נישט די זון וועלן זי נעמען פֿאַר אַ כלה. זעסט דאָך: אונדזער מזל שלאָפֿט! ביי לייטן אַז ס'איז דאָ אַ געראָטן קינד, לייגט מע זיי אין די טיר. ביי טאַטע־מאַמע פֿון אַ יינגל פֿאַלט אַזאַ עלקעלע אין אויג אַריין, און סתם, אַ בחורל שאַרט זיך צו אַ מיידל. ס'געפֿעלן זיך איז אַ מענטשלעכע זאַך. אָבער דאָס פֿאַלט נישט ווי אַ שטיין פֿון הימל. צו דערצו מוז מע לעבן צווישן מענטשן. מ'זעט זיך, מע געפֿעלט זיך און ס'קומט עפּעס אַרויס. דאָ? אָסור אַ הונט זאָל אַהער־שמעקן! אוי־אוי, גלייך ביי אונדז וואָלט דער בוים קיין בוים נישט געווען. ווי לאַנג מיינסטו, טאַטע טייערער, ווּעסטו נאָך קענען וואַרטן?

ער — גלייך אַ קאַמאַר וואָלט זיך אַנגעזעצט אויף אים, געזונגען איי־בערן אויער. כסדר זיך אַוועקגעדרייט. שוין אַ טבע אַזאַ ביי אים: אַז עס בריט נישט, אַרט עס אים נישט. די ידענע האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט צו עסן זיך און זי האָט געיאַדעט אים.

— ביי ידן — האָט זי געזאָגט — איז פֿאַר טאַטע־מאַמע ס'גאַנצע גליק צו קרענקען פֿאַר אַ קינד, בפֿרט אַן איינציקס און ער, לא עלינו, איז גאָר פֿאַרגרעבט. וויל פֿון גאָר נישט וויסן. כאָטש מיד פֿון תענוגים, וואָס גע־קראָגן פֿון באַראָן, 'עט מע זיך נישט אַרויסדרייען פֿון דעם וואָס ס'איז באַשערט, מאָטיע־לעבן! זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך: ביסלעכווייז רוקט מע זיך אַרויס פֿון דאַנעט. ווּעסט נישט באַווייזן זיך אַרומצוקוקן, ווּעסטו בלייבן אַליין. טאַטע־מאַמעס גייען־נאָך די וועלעכצן פֿון קינדער, מ'מוז גיין פֿריִ־ערויס פֿאַרן קינד. אַ צו־רויִקע אונדזער עלקע, דאַרפֿן מיר זי פֿירן. דאָך אַ מיידל. יינגלעך לויפֿן צעהיצטע, ברענען אַ וועלט. פֿאַר אונדזער שטילן קינד מוזן מיר ברענען, מיר, מיר, מאָטיע!

... עס האָט נישט געהאָלפֿן: די ידענע האָט גענומען געוואַלדעווען, אַזש מאָטיע האָט געמוזט דערהערן.

3

געקליבן זיך איין מאָל קיין בוענאָס־איירעס אויסקוקן תּכלית, געקליבן זיך אַ צווייט מאָל מאָטיע סלוצקי פֿון דער ווייטער ענטרע־ריאָס, זיך גוט אַרומגעזען און ס׳איז ביי אים געבליבן צו נעמען זיך פֿאַר פּורמאַנסטווע. אַזוי האָט ער געזאָגט שיינדלען.

— אַ באַלעגאָלע גאָר, מיין מאַן? — האָט זי געפֿרעגט אַ פֿאַרחידושטע און אַרויסגעלייגט אירע גרויסע אויגן אויף דעם שטאַרק בלאַסן, דאַרן פּנים.

— ווי דו פֿאַרשטייסט, מיין ווייב. אַזוי איז שוין דאָס אַמעריקע. אָדער דו ביסט אַ גביר, אָדער דו פּעכניעסט אויפֿן פּיסק. און סיי־ווי איז אויף אַלעמען תּמיד אַ געאייל, אַ געלויף, אַלץ איז אויף די רעדער, אַנישט ווערט מע ראָד־געבראָכן. פֿאָרסט, נאָר פֿאָאָרסט! אויף אָמניבוסן, אויף טראַמווייען, אויף קאָטשן. כאָטש פֿלי. אַ פֿערד נישט אויף אַ רפֿואה. און רק מ׳פֿאָרט. צופֿוס ווערסטו קיין מאָל אין ערגעץ זיך נישט דערשלעפּן. סיידן דו ביסט אַ גרינע חיה, נעמסט זיך אונטער צו גיין, גייסט, גייסט ביז דו פֿאַלסט פֿון די פֿיס. נישט שייך נישט צו פֿאָרן אין שטאָט, שיינדל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקן קנייטש, — אַז דאָס האָט זיך צעלייגט איבער טויזנטער גאַסן! איז צו וואָס זיך נעמען אין אַזאַ בייז באַשריגעניש? ווער ס׳קען זיך פֿאַרגינען די פֿעזע און וויל פֿאָרן גיך, נעמט אַ קאָטש. איז האָבן אַ קאָטש און פֿירן די וואָס איילן זיך, שוין ס׳גלייכסטע. פֿאַראַן טויזנטער קאָטשן, וואָס פֿאַרדינגען זיך, וועט זיין נאָך איינע. גוטמאָרגן, רעטעכטראָגער, אויך מאָטיע איז דאָ! און וועמען, כ׳בעט דיך, קען עס אַרן? סיי־ווי פֿאַראַן צו ווינציק קאָטשן. אויף יערעניש אַוועקגעשטעלט די שטאָט, — לאַכט ער אין מיטן דערינען. בישקשה, מאָטיע סלוצקי וועט זי איבעריאָגן!...

— מנע, אויסגעטראַכט, — האָט די ייִדענע אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג, — עפּעס שענערס קען דיר נישט איינפֿאַלן?

— קענסט בעסערס אויסטראַכטן? טראַכט!

— וואָס צו וועמען עס קען זיך צוטשעפּען, — שטעכעלירט זי אים שוין, — ס׳מיידל ׳עט זיך דאָך באַגראָבן! גענומען דער טאַטע און געוואָרן אַ באַלעגאָלע. וואָ׳דען, ס׳איז אַ סגולה צו אַ שידוך? מענטשן שטעלן זיך צו מסחרים, טוען ביי בכבודיקס און ד אָ ס ווייסט נישט מער ווי קאָפּען מיט דער נאָז.

— קריגסט זיך שוין, שיינדל! מיר פֿאָרן אין שטאָט אַריין, היידאַ, באַ־נאַנד וועלן מיר פֿאָרן. באַווייז דו מער בריהשאַפֿט, נאָר לעכער מיר בישט דעם קאָפּ. זיי דו קליגער און געפֿין אויס בעסערס. צו אייזיק־מאירן ווילסטו זיך גלייכן? נישט יעדער האָט באַוויזן וואָס ער. געהערט אַ מעשה? סיידן דו האָסט ערגעץ באַהאַלטן אַ קניפּל, וועסט לאָזן פּייפֿן אַן אייגענע פֿאַבריקע, מענטשן וועלן שוויצן פֿאַר דיינעטוועגן.

מ׳וואָלט אַוודאי זיך געקריגט אין דער שטילער שטוב, אויב די ייִדענע וואָלט נישט געהאָרכט און מיטגעפֿאָרן. אמת, ס׳האָט אויך נישט געהאָלפֿן שיינדלס באַלעמיסטווע אין בוענאָס־איירעס, אָבער איינגעשטילט האָט זי זיך. די שטאָט האָט זי אָפּגעקילט: אַן אַ סך געלט און אָן אַ סוחרישער זשיל־קע קען מע זיך נישט שטעלן צו אַ קלייט אין בוענאָס־איירעס, ווי זי האָט באַגערט. און מאָטיע האָט ווינציק ברען פֿאַר דעם ווייבס שטאָטישער חשקות. יאָ, אַ קראָם וואָלט אַפֿילו געקענט זיין, זי וואָלט צופֿיל נישט „געקוקט״ אויף אים, אָבער ווו נעמט מען גוטזאָגערס, ווי ס׳פֿירט זיך ביי מסחר; אויב פֿאַראַן „אַ פּלייצע״ איז גוט, מ׳קען קריגן קרעדיט. אָבער ס׳איז נישטאָ וואָס צו רעדן. זיי זענען דאָ עלנט ווי די שטיינער. און מאָטיע, ר׳זאָל געזונט זיין, איז נישט פֿון די וואָס קענען לעבן פּיר־פּיו: זאָגן דאָס, מיינען יענץ און קענען עמעצן אַ גלעט טאָן, לעקן, אַבי זיך דורכצוקריגן. ער וועט זיך נישט ענדערן. פֿאַרלוירענע טרערן. זי מוז נעבעך פֿאַר ליב נעמען. כיבע, מ׳זאָל אַהערברענגען דעם קאָמפּ. נישט זינדיקן זאָל זי, ווי אַ בהמה צום יאָך צוגעוווינט... נישטאָ פֿאַר זיי קיין ברירה. זי אַליין האָט זיך אַרומגעזען, גע־שמועסט מיט אַלערהאַנט מענטשן און ס׳איז געבליבן ביי דעם, וואָס מאָטיע האָט אויסגעפֿונען.

— נישטאָ קיין בעסערס, סעניאָראַ, ווי אַ קאָטש, — האָבן לייט איר געעצהט. — מ׳שטעלט נישט איין אַ סך און מ׳נעמט אַרויס. שטענדיק זעט מען אַ לעבעדיקע פּעזע ביי אַ טאַקסי.

— זעסטו שוין? — איז מאָטיע אַרויס מיט זיג — נישט אַ באַלעגאָלע איז מען ביי אַ טאַקסי, נישט מיט שטאַל שמעקט עס. מעכאַניטשעסקע גייט עס, כאָטש עס שטינקט גענוג, נאָר ריין איז דאָס שטינקעכץ, ס׳אַנדערש ווי פּורמאַנסטווע. הפּנים, ס׳עסט זיך אַנדערש, סעניאָראַ!

— ס׳עסט זיך, ס׳האַרץ עסטו מיר אויף! — האָט די ייִדענע אָפּגעהאַקט מיט פֿאַראיבל.

עס האָט נישט לאַנג גענומען, מ׳האָט אָפּגעפֿונען אַ קונה אויף הכל־

בכל. גוים קויפן, גוים צעלייגן זיך אויף פֿאַרעלנטע יידישע טשאַקרעס. די נחלה האָט מאַטיע סלוצקי אָוועקגעגעבן כלומרשט אויף צען יאָר אין אַרענדע (ווייטער וועט מע זעען, זאָגט זיך ערגעץ אין קאָנטראַקט) — פֿאַר־קויפן די קאָלאָניסטישע ערדן פֿאַרוועדט באַראָן הירשס אַ תקנה — פֿאַר־קויפּט די שטוב און ס׳געזינדל איז אָפּגעטראָטן פֿון ענטרע־ריאָס.

4

אָפּגעטראָטן פֿון קאַמף און מאַטיע האָט דערשפּירט, ווי ער וואָלט אָקערשט אין אַן אויפֿגעצווונגענעם האַזאַרד פֿאַרשפּילט דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן זיין גאַנץ לעבן. ס׳איז, אמת, נישט מאַטיע סלוצקיס טבע צו זיין נאָכגיביק, ער האָט אָבער געמוזט. אַצינד איז שוין פֿאַר־פֿאַלן. מאַט, אויסגעליידיקט — אַזוי איז איצט שוין געווען ס׳געפֿיל פֿון דעם גאַנצן געזינדל. אַלעמען איז נאָכגעגאַנגען אַ שפּירונג ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿון זיי. ראַפּטעמדיק איז עס געשען, און די ענדערונג האָט צעמישט, זי איז צוגעפֿאַלן צום האַרץ, געצויגן ס׳חיות.

אין בוענאָס־איירעסער דרויסן — הוילער שטיין! — האָט מאַטיע אין צולאָג נאָך דערווישט אַז ס׳איז אָפּגעטאָן געוואָרן די פֿעסטקייט פֿון זיין טראָט און דער הימל איז ערגעץ אויסגערונען. ער שטעקט דאָ ווי אַ קלאָץ אין חלל, וואָס איז פֿאַרגליווערט אין מהומה; נישטאָ ס׳פֿונאַנדערגעוויקלטע פֿעלד, עס פֿינצטערט דער בליק. נישט געוואָרן אויך די שטוב (ווו וועט ער רוען, רבונו של עולם!), קיין אָנצייכעניש פֿונעם קאָראַל און נישטאָ אַפֿילו אַ לעק לעבעדיק וואַסער. גוואַלד, אַ מענטש קען דען אויסקומען אָן אַ ברו־נעם? די קאַלטע צאַצקע, וואָס שנאָבלט דאָ אַרויס פֿון וואַנט, זי שרעקט אים. וועט ער ווען־ס׳איז זיך צורירן צו דעם? ער איז אויס! אַ שטראָף אַראָפּ אויף אים אין די עלטערע יאָרן. בוענאָס־איירעס צו זיין קאָפּ!

די קאַרגע דריי צענדלינג יאָרן אויף דער טשאַקרע האָבן אָפּגעטאָן ס׳זייעריקע. דער גוואַלדאָוונער ריס צווישן דעם פֿרייען, ווייטן פֿעלד און דער הויך־אָנגעטורעמטער סאָפּעדיקער שטאָט, האָבן דעם קאָלאָניסט מאַטיע סלוצקי אַריינגעוואָרפֿן אין אַ טשאַד. רק מוירער און געטומל זענען געגאַנגען אויף אים. אַן אַנגסטיקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט יעדעס מאָל, ווען ער האָט דערשפּירט דעם אימפּעטיקן דופּק פֿון שטאָט און בוענאָס־איירעס האָט

זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים ווי אַן אומגעהייער באַשעפֿעניש וואָס ער קען נישט באַנעמען.

עס האָט געמוזט דויערן אַ צייט ביז דער מענטש האָט זיך געקענט האַלטן אויף די פֿיס. צו וואָס זיך צוגערירט האָט עס דערמאָנט עפּעס אַנ־דערש; ר׳האָט געשפּירט, עס דריקט אים די אַרומיקע אָנגעפּוישטקייט וואָס קוקט פֿאַרטאַמט און שטרויכלדיק ווי אַ פּאַווע, וועלכע מ׳שטעלט פּלוצלינג אַוועק אַנטקעגן אַ געזעמל אומרויִקע קינדער: שיין איז זי אין איר בלענ־דעניש, גולמדיק מיט די קליינע אויגן און דאַר, בייניק דאָס לייב. מאָטיע האָט זיך געשעמט. מיטן ווייב האָט ער נישט באַוויזן רעכט זיך פֿונאַנדער־צושמועסן, פּשוט — ס׳האָט זיך נישט גערעדט. „נישט דאָס האָב איך גע־מיינט", האָט סוף כל סוף אַלץ זיך צעשריגן אין אים, און זיך אויפֿגעכאַפּט ווי אין אַ הינערפּלעט. ס׳ווייב איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע. אַ דומ־פּיקייט ווי נאָך אַ שריפֿה האָט זי דערשנאַפּט. סתם אַזוי האָט זי אַן אויפֿהער גלייכגעשטעלט די שטיקלעך מעבל, כסדר זיך טועה געווען, געדופֿן עלקען און געפּילט, אַז זי דרייט זיך נאָך אַרום דאָרט, אין דער פֿעלדישער הייזקע, נאָר וואָס אַן אויסגעווייסטע. ס׳מיידל האָט זיך יעדעס מאָל געשטרויכלט אונטער דער מאַמעס אומגעריכטע רופֿן: „עלל־קעע, גיי נאָר אַהער!" — גע־פּלאָנטערט זיך אין דער אומהיימישקייט און עפּעס מורא געהאָט.

נישט ניחאדיק געווען קיינעמען, מאָטיען איז ממש געווען ענג אין דעם שטאָטישן דעפּאַרטאַמענט מיט די צימערן, וואָס זענען פֿול מיט ווענט און טירן. נישט געווען פֿאַר אים ווו זיך אַהינצוטאָן. אַ גליק איז אים געשען, וואָס ער האָט באַלד זיך דערשלאָגן צו אַ פֿיר־טיריקן שעוורָאָלעט. ער איז אַרויס מיט אים יעדן אין דער פֿרי פֿונעם ציבורדיקן גאַראַזש און גע־נומען שניידן זיך דורך גאַסן. אין אָנהייב איז ער ווילד געלאָפֿן מיטן אויטאָ, אַ ליידיקער געלאָפֿן פֿון דער שמאָלקייט, וואָס איז גאַסיק אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון דער שטאָטישער ענגעניש. שפּעטער האָט מאָטיע שוין אָפּגע־טעמט, פֿאַמעלעכער זיך דורכגעגליטשט די שמאָלקייטן, דערשראָקן דער־הערט ווי עמעץ פּיפּסט צו אים, רופֿט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

די שטאָט האָט דערזען מאָטיע סלוצקין, דעם שאָפֿער.

— אַווענידאַ דע מאַזשאָ אין די צוועלף הונדערטער, סעניאָר!

אומגעפֿרעגט האָט אַ מענטש זיך אַוועקגעזעצט אים הינטערווילעכטס און צודרינגלעך געשטויסן מיט שטייפֿן שווייגן, מיט שאַרפֿן גלאָצן, מיט צוקנדיקן פּנים: „ווייטער, גערירט זיך, פֿאָרויס, נאָך, נאָך!" ער האָט דער־

שפּירט, מאָטיע, ווי די שטאָט נעמט אים אַריין אין איר מאַכט. ער ווערט צעריבן. דער־אָ באַפּעלט עס אים און ער, מאָטיע, מוז זיין געהאָרכיק — —

אין אַ מין בעפּל זיך געטראָגן, אָפּטער ווי באַדאַרפֿט זיך אַריינגעשניטן אין ראָגעס, געזוכט צו זיין ווינציקער אין האַרמידער, פֿון אים געלאָפֿן סתם אַזוי. די גאַנצע צייט פֿון פֿאַרן האָט מאָטיע געשפּירט ס׳שטויסן פֿון דעם, וואָס הינטן און איטלעך מאָל שטום זיך אַרויסגעמאַכט פֿון זיין בייזער קראַפֿט; אָפּגעשטויסן פֿון זיך דאָס ראָד, וואָס האָט זיך געקלעפּט צו זיינע פֿינגער, געשלונגען די היץ וואָס האָט געשפּאַרט פֿון אַלע זייטן.

אַראָפּגעלאָזן דעם ערשטן פּאַסאַזשיר, איז אויף מאָטיען געפֿאַלן אַזאַ טיפֿע מידיקייט אַז ער האָט געשפּירט, די לעצטע כוחות לייזן זיך אויף אין אים. אונטער דער אומגעלומפּערטער משא, וואָס וואַלגערט זיך דאָ־אָ הינ־טערן רוקן, צעגייט ער זיך, פֿאַלט ווי אויסגעברענטע שטרוי. עס איז געווען דער איינוואוייניקסטער בראַנד, וואָס פֿאַרצערט דעם מענטש אין זיין שווער־סטער איבערלעבונג: ער, מאָטיע, אַן אַנפֿירער, דער באַלגאַלע אויפֿן מע־כאַניטשעסקע פֿערד... אָט וואָס עס איז דער תוך פֿון זיין אַנטלויפֿן פֿונעם פֿעלד!

שפּעטער איז געקומען די אויסניכטערונג: אפֿשר געדעכט די יִידענע. מעגלעך, דאָ ׳עט זיך גיכער עפּעס מאַכן פֿאַרן מיידל? דאָך — אַ טאַטע לעבט נישט מער ווי פֿאַר זיין קינד. אַ נפֿקא מינה אים...? ער האָט געפּרוווט זיך איבערדברן און שוין אויסגעקוקט פּאַסאַזשירן.

— איר׳ט אַזוי גוט זיין? גאַס סאַן מאַרטין פֿיר הונדערט פֿופֿציק אַכט.

— איר וועט גיין, אַמיגאָ? — שטעקט עמעץ אַריין די נאָז, וויבאַלד ער לאָזט אַרויס איינעם אויף אַ צעהודזשעטער גאַס — מאַרענאָ, פּעדעראַלע פּאָליציי, — און ער וואַרט צומאָל נישט זיין הסכמה. פּאָליציי דאַרף ער, מאָטיע סלוצקי? נאָר קיין עצה האָט ער נישט. ער ווייסט דען, ווועמען ער פֿירט? איז געראַמפּלט, ברודערקע, אַבי פּטור ווערן.

— איר פֿאָרט? ריכטונג קאַבילדאָ, סעניאָר. איכ׳ל אייך שוין זאָגן. נאָר אַ ביסל מער בענזין!

צעיאַכמעטע אַלע די, וואָס זעצן זיך אַריין אין טאַקסי מיט לעדערנע האַנט־טאַשן צי בכלל אָן אַלעם, נאָר מיט צערוישטע קעפּ.

— זענט איר פֿריי? מיר איז נייטיק בעלגראַנאָ אין די אַכט הונדערטער.

אַ יונגע דאַמע האָט זיך צוגעבויגן צום אַראָפּגעלאָזענעם פֿענצטערל פֿון זיין קאַבינע. אַ וואָל איבערן פּנים און דינע, דורכזעעוודיקע שוואַרצע

הענטשקעס אויף די שמאָלע הענט. דערנאָך האָט ער זי געשפּירט הינטער זיך: הייס דער אָטעם, נערוועז. אַ שטאַרקע איילעניש קענטיק ביי דער... מסתּם לייכט פֿאַרקויפֿט אַ פֿאַלשקייט דעם מאַן, און ער גלייבט. אַ כיטרע שמייכעלע שלייפֿט זי אויס אָקערשט אין זיין שפּיגעלע קוואַדראַט. מאַטיע כאַפּט עס אויף אַ שפּיצעכיקס, און עס גליטשט זיך האַרט איבער זיין שטערן. ווער זיי זענען דאָס, די שטאַטישע דאַמעס! צו אַ ליובאַוויניק איילט זי זיך, די שיינענקע, — האָט אים שוין אַ גריבל געטאָן אַן אומגעבעטענע מחשבה. פֿאַרדאַרבן די שטאָט, אַ פֿוילע און אַ פֿרעסערדיקע, האַ־האַאַ, ער ווייסט. שוין אָנגעהערט זיך פֿון אַזעלכענע, געהערט — —

צעפּלאָנטערט און רעשיק גרויס ליגט די שטאָט אינעם קנויל פֿון גאַסן, אווענידעס און פּלאַסעס, און געגנטן. ביסלעכווייז האָט מאַטיע זיך אַרויס־געקראָגן פֿון דעם פּלאָנטער; פּאַוואָליע איז ער אַוועק פֿונעם פֿעלד, וואָס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אים און ער האָט זיך געאיילט צו אים אַ קרענקלעך פֿאַרבענקטער, געאיילט זיך ווי אַ געפֿאַנגענער אין אומווילן צו אַלץ, וואָס האָט אים דאָ אָנגעדירט.

ס׳האָט לאַנג גענומען ביז מאַטיע סלוצקי האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז ער איז אַ שאָפֿער אַ בוענאָס־אַרעסער, ער דער געוועזענער ענטרע־ריאָסער.

5

טאָג איין, טאָג אויס האָט בוענאָס־איירעס מגושמדיק פֿאַרביטן דעם פֿאַרלאָזענעם קאַמפּ, וואָס האָט נאָך געלעבט אינעם שעמעוודיקן בענקען פֿון די סלוצקיס. די שטאָט האָט עס געטאָן פֿאַרעקשנט, טראָנפּוויז, ווי פֿון אַ רינע האָט עס געטריפֿט זיי אין די געהירן אַריין: „קאָן מוטשאַ גוסטאָ*... בוענאָס־איירעס איז מיין נאָמען. אַ שטאָט אַ גרויסע, אַ וועלטישע, לייט פֿון די אויסלאַנדס רימען מיך, אייגענע האָבן מיך ליב — — האָב נישט פֿאַר־איבל, וואָס נישט שטענדיק האָב איך ס׳געמיט זיך צו פֿאַרפּוצן, און נישט תּמיד איז דאָ צייט. ס׳ט זיין אָנגענעם נאָענט צו ווערן, איר׳ט ערשט זען״...

— בוענאָס־איירעס איז אויף אַן אמת שיין, זעסטו, טעכטערל? נישקשה, מיר׳ן נישט חרטה האָבן, — האָט שיינדל געפּרוווט פֿאַרוויילן ס׳מיידל, וואָס

* מיטן שענסטן פֿאַרגעניגן.

האָט מתחילת זיך געפּילט נישט דאָיק אין די קליינע צימערן פונעם שטאָ־טישן דעפּאַרטאַמענט. טויזנטער מענטשן, הונדערטער טויזנטער מענטשן תענוגן זיך מיט בוענאָס־איירעס, איז עס נישט אומזיסט. די קאָלאָניסטישע זענען אונדז מקנא. פאָל נישט ביי זיך, עלקעלע: ס׳ט זיין גוט, וועסט קריגן חברטאָרנס, וועסט ווערן היימיש מיט אַלעמדינג.

ס׳מיידל האָט אומדרייסט געטראָטן אויפן שטאָטישן באָדן, אַן אומבאַ־גרייפלעכע שרעק האָט געבונדן איר ענערגיע און זי, די מאַמע, האָט זיך געמאַכט אַ לב צו ווערן היימיש מיט דער פרעמדקייט, וואָס האָט אויף אַן אמת געפּאַטשט איר אין פּנים אַריין, פאַרשייט געוועט:

— עפן אַן אויג, דיין האַרץ וועט זיך שוין צעצינדן. חכמה דאַרף מען האָבן אויף צו לעבן. פּאַוואָליע, וועסט שוין קומען צום טעם.

זי האָט געקענט און זי האָט עס נישט געקענט — שיינדל האָט זיך אונטערגענומען צו פירן די נייע שטוב, שלום צו מאַכן מיט דער שטאָט, וואָס איז האַרט אין איר עקשנות צו גיין שטענדיק „נאָ שפּיץ״. מ׳דאַרף איר נאָכגעבן, מ׳דאַרף אַוועקקוקן ביי אַ סך זאַכן. די ייִדענע האָט שטילערהייט פאַרביסן אַ ליפּ, נעבעך נישט געוועזן צוגעווינט צו דעם און יענעם, פון דעסטוועגן האָט זי געטאָן וואָס עס איז איר נישט געווען צום האַרצן. מענטשן טוען אַזוי, טאָר זי נישט מאַכן אַנדערש. און ס׳איז איר געווען ווי, וואָס זי האָט נישט געקענט זיך באַקלאָגן אויף די אַלע פירעכצן; זי האָט זיך דאָך געריסן צו דעם, „איינגעלייגט וועלטן״. פּאַמעלעך און מיט געדולד האָט זי איינגעקנעלט מיט זיך צו קענען אין הויז איינפירן שטאָטישע געריכטן, דעם מאַן אָנצוטאָן געפּרעסטע אויבערהעמדער מיט קראַוואַטן, די טאָכטער צו בעמען אויף שפּאַציר, אַליין געבראַכט אַ צייטונג, געשטופּט עלקען אין האַנט אַריין אַ קאַלירקן זשורנאַל:

— נאָ, מוזסט לייענען. סעניאָריטאַס, זע איך, כאַפּן עס ווי צוקערקעס.

ביסלעכווייז, און די קאַמפּ־מענטשן זענען באַוועלטיקט געוואָרן פון דער שטאָט. הפּנים, דאָס לייכטנדיקע, באַשיידענע פּעלד איז נישט געווען מסוגל זיך קעגנצושטעלן דעם בלענד פון די קונציק־געבויטע הייזער, די אויפ־געריסענע פלאַמען אין זייערע פענצטער און דעם יום־טוב פון קאָלירן וואָס האָט געשפּאַרט פון דאָ און דאָרט. אַ ביסל חשדיק, געלאַסן, גלייך ווי ביי די טריט וואָלטן געלעגן פאַרהוילענע גריבער, האָט שיינדל זיך צוגעהערט צו די מענטשן פון שכנות און עלקע איז נאָכגעגאַנגען פוסטריט דער קלוגער מאַמען; זייטיק נאָך געקוקט אויף עמעצנס אַ שיין קלייד, קינדיש מקנא געווען

וועמען מיט הויכע, דינע אָבצאָסן און אָפּט זיך געריייטלט. מאַמע און טאָכ־טער האָבן אָפּט זיך פֿאַרשעמט אויף דער דערמאָנונג פֿון דעם באַדויערלעכן קוק מצד די שטאָטישע, וואָס מעסטן זיי אָפּ: די פּראָווינץ! דער קאַמף ליגט זיי אויפֿן פּנים! מ׳זאָל נאָר אין זיי נישט דערקענען. צום מערסטן האָט פֿאַר דעם געציטערט דאָס מיידל. טאַקע, זי איז אַ שיינע, ווי די מאַמע זאָגט איר, און די סעניאָראַ אינעס, וואָס קומט אַריין צו זיי, איז מעיד אויף דעם: „אוי, דאָס מזל זאָל איר אַזוי שיין זיין, ווי שיין עס איז דאָס עלקעלע״. זי באַלעקט זיך, די פֿרוי, און זי האָט אויגן פֿול נייגיר צו וויסן וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין די ווינקלען און וואָס עס וואַרעמט זיך אונטערן לייבצודעקל פֿון אירע נייע באַקאַנטע פֿון קאָלאָניע. עלקעלען פֿאַרדריסט מאָדנע אויף דער דאָ־זיקער און זי דרייט זיך אַוועק פֿון איר. צו זיס די ריידעלעך פֿון דער סע־ניאָראַ אינעס. זי קען חלילה געבן אַן עין־הרע, פּלאַטערט ס׳מיידל און טראַכט אַז נישט גוט איז אין שטאָט. פֿאַרריסן זענען אויך די יונגע לייט. באמת, וואָס גלאָצן זיי אַזוי?

לאַנג האָבן זיך געצויגן די טעג, לאַנגווייליק געוואָרן צווישן מאַמע און טאָכטער, פֿאַרציטערט די ברוסט, ווען ערגעץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ טיר: „אוי, די מכשפֿה קומט שוין״. די אַמיגאַ מיט די גוטע ריידעלעך האָט זיך זיי אַזוי דערעסן. און דער „אַלטער״, מאַטיע, איז נישט געווען. ער יאָגט נאָך דאָס מזל פֿון זיין היים. אומעט האָבן דערשפּירט שיינדל און עלקע. נאָך שווערער איז געוואָרן צווישן טאָג און נאַכט. דעמאָלט פֿלעגט די מאַמע נעמען עלקען אויף שפּאַציר. אַ שווייגעוודיקע איז ס׳מיידל געגאַנגען אין די טונקלקייטן אַריין, וואָס האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך אויפֿלייזן אין ריטשקעס אָוונטיקן שיין, פֿליסנדיקן מיט געפּענטעטן רויש. מיט אַ מאָל האָט ס׳מיידל זיך געקרימט.

— מאַמע, — האָט זי זיך געוועדט — לאָמיר בעסער זיין אין דער היים. מירן ליבערשט עפּעס שפּילן.

— מ׳זיצט נישט אין שטוב, ווי אַ באַבע. אַ חיות צו זיין אין דרויסן. קום, וועסט זען אַ מענטש.

עלקע איז אומגערן אַרויסגעגאַנגען. ס׳נישט פֿאַר איר נאָכצושלעפּן זיך דער מאַמען, האָט זי געקלערט, און איינע אַליין גיין אין גאַס איז אויך אומהיימלעך. מ׳קוקט נאָך. זאַלבעדריט, מיטן טאַטן, וואָלט געווען גוט. צוויי פֿרויען זיך שלעפּן איבער דער שטאָט! זי האָט עס אַפֿילו שוין אויסגע־שטאַמלט פֿאַר דער מאַמען, און זי האָט פֿון איר אָפּגעחוזקט: „איז וואָס אַז

אַ מאַמע מיט אַ קינד גייען זיך איבער? און צוזאַמען קען מען אַריינגיין אין אַ קאַפֿעהויז". זי האָט איר נישט געקענט זאָגן, דעם קעלבל, אַז זי וויל אומיסטן זי פֿירן צווישן מענטשן. אפּשר וועט אַ פֿונק גליק אַ לייכט טאָן אויף איר קינד? די מאַמע האָט באַרעכנט, זי דאַרף דאָס מיידל אַרויסציִען פֿון דער געוווינשאַפֿט צו זיצן אין דער פֿינצטער פֿון קאַמפּ. דאָ איז שטאָט.

— גיין, גיין, — האָט ס'מיידל שיִער געוויינט, — אַבי מ'פּייניקט, ליבערשט איז איר צו זיין אין דער היים.

צווישן מאַמע און טאָכטער איז איטלעך מאָל געקומען צו אַ געראַנגל. אָבער ס'מיידל האָט זיך אומגעריכט אָפּגעקערט פֿון דער מאַמעס אַפּוטרופּסות. „ווילסט? גיי זיך געזונטערהייט. איך וויל נישט". און אָפּט איז געבליבן אַזוי: ביידע זענען נישט אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס, פֿון הוריות זענען זיי געשלאָגן געוואָרן און שטוביקער אָוונט האָט זיי געבונדן. שיינדל האָט זיך צוגעלייגט נאַסע טיכער צום קאָפּ, די טאָכטער איז דעמאָלט געשטאַנען אין די טונקעלע שויבן פֿון פֿענצטער. די שייך, וואָס זי האָט געוואָלט עפֿענען, האָט די מוטער פֿאַרטריבן מיט איר געשריי:

— לייכט מיר נישט אין קבר אַריין, — און געשלוכצט, לאַנג און עקבערנדיק געשלוכצט. עלקען האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן די הענט צו וועלן מאַכן ליכטיק אין הויז.

מיט אַ מאָל איז שלעכט געוואָרן ביידן — סיי דער מאַמען סיי דער טאָכטער. דערוועקטע ווי פֿון אַ וויטן שלאָף, האָבן זיי זיך געפֿונען אָפּגעשפּאָלטענע, ביידע האָבן מטושטש געבענקט נאָך ערגעצדיקער דערגאַנצונג און האָבן נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן.

עלקע האָט זיך דערזען אַ דערוואַקסענע, באַגערט צו זיין מער מיט זיך, אָבער זי האָט עס נישט געקענט. אָפּט האָט זיך געביטן איר געמיט: זי וועט האָבן אַ פֿריינדין, וועט זי זי פֿאַרשטיין. זי וועט איר אַלץ, אַלץ דערציילן. ניין, זי באַדאַרף נישט קיינעם. זי וועט אַנטלויפֿן פֿון דער היים, זי'ט אויסקרענקען פֿאַר אַלץ וואָס די שלימזלדיקע טאַטע־מאַמע זענען שולדיק. אַזוי לאַנג זי געהאַלטן אויפֿן קאַמפּ! אַצינד מוז זי באַצאָלן מיט פּיין! וואָ'דען?... אַ חיה וועט זי זיין? ווי ווייט אַנדערע קאָלאָניסטישע טעכטער זענען שוין דערגאַנגען! זי וועט שוין אויסקרענקען פֿאַר אַלץ. מער בלייבט איר נישט, ווי האָרעווען פֿאַרן אויסקומעניש. אַוודאי, אַ קינד מוז זיין געראָטן אין טאַטע־מאַמע, און ליידן פֿאַר זייערע פֿעלערן. זי וועט קרענקען. וואָרן צו לערנען זיך פֿאַר אַ דאָקטערן איז איר שפּעט — וואָס־זשע וועט זי באַווייזן,

חוץ צו לערנען זיך פֿייניקן דאָס לייב מיט דער נשמה? אַ טובֿה געטאָן איר, דעם טייערן קינד!

אין דעם מיידל האָט זיך צעברענט דער צער פֿון זעען דאָס, וואָס זי האָט נישט דערזעען ביז איצט. און פּלוצלינג זיך געשעמט צו האַלטן זיך ביי דער מאַמעס פּאָלע. די מאַמע גייט אַרום אַ פֿאַרטריקנטע ייִדענע און אַזאַ וויל זיך מיט כּוח אַריינוואַרפֿן אין נייע הויטן. עלקען פֿאַרדריסט עס פֿאַר זיך און עס פֿאַרדריסט פֿאַר דער מאַמען. די שטאָט האָט „אַנגענומען" ביי איר, זי וויל עפּעס דעריאָגן, די אַלטע. טיף אין זיך האָט די טאָכטער פֿאַרנומען אַ גרילץ פֿון דער מאַמעס טוען און פֿון איר רעדן. ווידערווילן איז געוועזן דאָס געפֿיל און ס'איז געקומען דערצו, אַז צווישן מאַמע־טאָכטער פֿלעגט זיך אָוועקשטעלן אַ דערדריקנדיק שווייגן.

— וואָס אי'דיר, עלקע? — איז דער מוטער געוואָרן איבערדריסיק — עפּעס ביסטו נישט צופֿרידן מיט אַלעם, וואָס מ'טוט פֿאַר דיר... קינד, אַלץ איז דאָך פֿאַר דיינעטוועגן!

— צופֿרידן? אַ שיינעם דאַנק, מאַמע! — איז זי געווען אומרחמנותדיק.

— טוסט אַ טובֿה? אָסור, צי ס'איז צו פֿאַרשטיין. זאָג, וואָס ווילסטו פֿון דער מאַמען, וואָס האָסטו צום טאָטן? מ'גיט אָוועק ס'לעבן פֿאַר דיר און דו צאַפּלסט זיך!

און געגומען ווישן טרערן.

— גיי, צערייס זיך פֿאַר אַ קינד, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ פֿאַרסוכּניעט קול.

אַ רוגז־חינם האָט זיך געשטעלט אין הויז. שיינדל האָט באַגערט די שטאָטישקייט אַ גאַנצע, ווי אַ חוב וואָס איז איר געקומען פֿאַר אַלע קאָלאָניסטישע יאָרן; מיט קליידער, מיט קינאָ און שפּאַצירן האָט זי געמיינט אָפּצונעמען די פֿאַרגיטיקונג, און מיט דעם געוואָלט באַגליקן אויך דער טאָכטער. אַ מיידל דאַרף זיך פּוצן, אַ מיידל טאָר זיך נישט זיימלען, האָט זי איר געלערנט, געמוסרט. ווי צו להכעיס האָט עלקע גרימאַסעט. עפּעס ווייסט זי נישט וואָס איר פֿעלט, זי שפּירט אַז אַלץ ווערט איר אומאייגן אין דער היים. גלייך אַ בוים אין וואַקסן, האָט עלקע זיך געשטרעקט צום ליכט, און דאָס איז אין ערגעץ־ווו, נאָר נישט דאָ. זי'ט עס געגנוגן! מיט דער מאַמען איז איר ענג אין שטוב, דער טאַטע — ער האָט קיין מאָל נישט קיין צייט.

— ווער האָט אַ קאָפּ פֿאַר פּוסטע זאַכן? — האָט ער לסוף אָנגעשריגן ביידע פֿרויען, ווען זיי האָבן זיך געקלאָגט פֿאַר אים. — עס פֿעלט אייך

דען עפּעס? נאַט׳ס, קויפּטס, — און אויסגעשאָטן אויפן טיש די פולע קע־שענעס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט איבערן טאָג. די אויגן האָבן זיך אים געפּרייט אין צעלויכטענעם פּנים: — טוטס עפּעס, גייט׳ס נישט ליידיק, וועט איר פאַרגעסן אָן באַרישקייטן!

און מ׳האָט באַנאַנד געציילט געלט.

6

אויף אַלץ וואָס באַגערט האָט געקלעקט דעם הויזגעזינד פון טאַקסי־פירער מאָטיע סלוצקי.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער איבער די ווילד־צעוואָקסענע גאַסן און איבער די שטיל־איינגעהאַלטענע שטאָטישע אַרטעריעס געטריבן דעם לאַנגן, שוואַרץ־גלאַנציקן אויטאָ; ביי איטלעכן אָפּשטעל איז די קעשענע אים געוואָרן פולער פונעם פּדיון, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן במשך די לאַנגע, מידע טעג און ער האָט געשפּירט ווי אַ שלאַנג וואָלט קלעפּיק זיך אַ וויקל געטאָן אַרום זיינע געהירן. מאַמעלעך, — האָבן די ליפּן אים זיך באַוועגט אין נעפּלדיקער טראַכטעניש — ווען איך האָב שוין נישט אָפּגעפירט פאַר די פאָר פּעזעס, און וווהין! אוי־אַווו, באַשעפענישן איר שטאָטישע. אין מויערזאַק האָט מען אַריינגעשליידערט אייך אַלע צוזאַמען, די נעבעכלעך מיט די ביטערענקע, און איך שוטה, מוז אייך באַגעגענען, קוקן אין די פרומע אויגאַנעס אַריין, און נישט אָנכראַקען, אוי־אַווו!

טייל מאָל האָט ער שוידערלעך אַרויסגעלאַכט, דער שאָפער מאָטיע סלוצקי, זיך אַוועקגעשטעלט מיטן אויטאָ אין אַ זייטיקער גאַס און נישט געוואָלט אויפנעמען מער קיין פּאַסאַזשירן.

— פאַרנומען, — האָט ער געענטפערט, אַבי אָפּצופּטרן. די שטאָט האָט געקלעטערט איבער אים, הינטער אים און אים האָט זיך געוואָלט דרימלען אין חלום פון פאַרלוירענעם קאַמף.

— ע, סעניאָר שאָפער! — האָט מען אים אומגעריכט אַ וואָרף געטאָן — מירן זיך איבעררעדלען? — און יענער רייסט זיך שוין צו דער טיר פונעם וואָגן.

— נאָ, נאָ, — טרייסלט עס אים שוין, — אוממעגלעך. קאַליע דער מאָטאָר, — בראָקט ער אָן אַ ליגן.

אָפּטער האָט זיך ביי אים איבערגעחזרט ס׳אייגענע: ער וויל נישט. עס איז געווען זיינע אַ נקמה קעגן די, וואָס איילן זיך שטאַרק, ווילן איינשלינגען די וועלט, איבעריאָגן יענעמען. און ס׳איז געווען חוזק איבער די אַנדערע, וואָס ווילן זיך אונטערן דעכל פֿון זיין לויפֿנדיקער מאַשין אויסבאַהאַלטן מיט זייערע נבזהדיקע געגנג צו די שטאָטישע ערגעצן, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך קענטיק שעמען.

— צעפּוילטע ימח־שמוניקעס, — פֿלעגט מאַטיע אַ שפּיי טאָן, ווען ער האָט זייטיק אָנגעקוקט די פֿאַרפּאָלקן, וואָס האָבן אָט־אָט זיך צונויפֿגעגעשמעקט און געהייסן זיך פֿירן אין די חדרי־חדרים פֿון געגנבעטער ליבע.

פֿאַרשייטע צווישן די, וואָס זעצן זיך הינטער זיין פּלייצע און ס׳טרעפֿן אַזעלכע וואָס פֿאַרלירן זיך, נאָר עס טרייבט זיי דער מיין אַז אָקערשט דערגרייכן זיי דעם העכסטן שטאָפּל פֿון גליק.

— אין מעבלאַדע* אויף היפּאָליטאָ איריגאָזשען, — איר ווייסט שוין, פֿריינדל! — די סלינע גאַוועֿרט פֿון אַזאַ און די שטים פֿאַרהאַקט זיך אים.

— איר וועט נישט ברוגז זיין, ליבענקער? פֿירט, איר ווייסט שוין ווו...

אַזוי זאָגט אַן אַנדערער וואָס שעמט זיך אַ ביסל, זיצט אָפּגערוקט פֿון זיין באַגלייטערן.

נישט זעלטן האָט מאַטיע זיך אָנבאַגעגנט מיט די דאָזיקע: אין מיטן העלן טאָג און אין פֿאַרנעם פֿריען פֿאַרנאַכט, ווען די קאַפֿע־הייזער ווערן פֿול מיט אויסגעפּוצטע יונגע לייט און פֿאַרגאַפֿטע, אויסקוקנדיקע פֿרויען־צימערס, וואָס מישן מבולבל מיט די לעפֿעלעך די קלעפּיקע געטראַנקען. פֿון די קאַפֿע־הייזער בלאָנקען זיי זיך אַרויס צו אים, פֿון די רוישיקע עק־גאַסן כאַפּן זיי זיך אַריין אין טאַקסי. זי אַ יונגע, אַ בלאַסלעכע, אַ מאָל אַ שעמעוודיקע, ער — אַן עלטערלעכער מיט אַ פֿאַרריסענעם שטערן, צעשפּילטע אויגן. געמיינט: פֿאָטער און טאָכטער, אַן אַנדערש מאָל — מאַן און ווייב, וואָס האָבן אין דער היים דערוואַקסענע קינדער. אַריין אין אויטאָמאָביל קליגלען זיך אַזעלכענע: לאָזן זיך פֿירן סתם צו אַ גאַס און אַ הויז. אין מיטן וועג זענען זיי זיך כלומרשט מיישב, הייסן פֿאָרן ווייטער: „מיר צאָלן!...“ שפּאַצירן זיך פֿאַרגלוסט די פּאַשעביקעס, פֿאַלט איין מאַטיען, ווען ער דערכאַפּט אין שפּיגעלע זיינע געעסט הייס צונויפֿגעטוליעטע. אַ, צו ליבלעך צווישן זיך, מיינע פֿאַרשווינען! ערשט דערנאָך זאָגן זיי, וואָס זיי האָבן באַלד נישט גע־

---

* מעבלירטע צימערן פֿאַר געוויסע געסט.

זאָגט: אַ ביסל ווייטער פֿון צענטער שטאָט, וואָס מערער פֿון אויגן, וואָס קענען דערווישן.

צודרינגלעך זענען די געדאַנקען, וואָס באַפֿאַלן אַ מאָל דעם שאָפֿער מאָטיע סלוצקי: צו וואָס איילט ער זיך אַזוי פֿיל, אויב אויף די שטאָטישע ברענט אַזוי די הויט? אייגנטלעך האָט ער גענוג. וויפֿל איז דער שיעור צו פֿאַרדינען דאָס טמא געלט!

... ער׳ט ס׳ניט פֿאַרגעסן: ווי אַ לעבעדיקער וואָרעם האָט עס זיך איבערגעקערט אין זיין אינגעווייד! גאָר אַ יונג מיידל אין אַ ווייסן שילער־כאַלאַט האָט זיך צוגעזעצט צו אַן עלטערלעכן פֿאַרשוין. הינטער זיין רוקן האָט זי אויף גיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם קיטל און זי האָט אַוועקגע־בויגן דעם קאָפּ, ווען ער האָט זיי אַריינגעפֿירט אין „אַזאַ אָרט“.

— אַ בראַנד אין זיי! — האָט מאָטיע זיך צעשאָלטן און מיט אַ שווער מישונג אין מוח זיך אַוועקגעשטעלט אויף לאַנגע שעהען איבערהאַרן דאָס וויסטע ברויזן, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אים.

אין דער היים האָט ער פֿון דעם אַלעם נישט דערציילט. עס איז אים געווען אַ בזיון פֿאַר זיך און פֿאַר זיין ברויט. זינט דעמאָלט האָט ער זיך געבונטעוועט: געפֿאָרן מיטן אויטאָ עטלעכע שעה יעדן טאָג און איז אַהיים געפֿאָרן. גענוג פֿאַר מאָטיע סלוצקין, האָט ער געזאָגט זיך און דעם ווייב, וואָס האָט אויף אים געקוקט אַ פֿאַרחידושטע.

— וואָסי, — האָט ער געטענהט, — זיי זענען קליין צו גיין צופֿוס? ס׳מייניקע האָב איך מיר אָפּגענומען. רייסן די גומעס, ברעכן אַזאַ טייערע מאַשין פֿון זייערטוועגן, די עכברושים? זאָלן זיי וואַרטן!

7

ער האָט זיך ענדלעך איינגעשטעלט אַ סדר, מאָטיע סלוצקי: באַשטימט זיך אַליין אַ מספּר פֿון יאַזדעס, דער בוענאָס־איירעסער שאָפֿער, און פֿאַר־טיק — פֿערציק וויאַכעס וועט ער מאַכן. די והותר פֿאַר די צעלאָזענע שטאָ־טישע לייט. די אַנדערע זאָלן זיך מטריח זיין זוכן ווען זיי ווילן, זיי קענען אַפֿילו ברעכן האַלדז און נאַקן. ווי עמעצן געפֿעלט!

מאָטיע האָט זיך פֿאַר אַ ריי טעג געקווענקלט, צי ער זאָל אויף אַן אמת אַזוי איינפֿירן, אָדער ער זאָל זיך אויסדרייען דעם דאַשעק און טאָן ווי

אַנדערע טוען: פֿאַרן און נישט זען וועט עס זיצט הינטער זיין רוקן, פֿאַרן וואָהין די־אָ פֿירן אים. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט גובר זיין. אַז לייט שטעלן זיך אויפֿן קאָפּ, זאָל איך זיי נאָכטאָן? ס'נישט פֿון זיינעטוועגן אַן עסק. דער מענטש עסט נישט מיט קיין צוויי פּיסקעס! פֿאַרדינען? ער האָט געוווּג! ער באַדאַרף נישט אַריינכאַפּן די גאַנצע וועלט אין זיינע צוויי שוואַכע, קליינע דלאָניעס — —

דער שטאָטישער טאָג איז טאָקע לאַנג, דער אָוונט איז טיף, בלענדיק — כאָטש טויך זיך אַריין אין זיי מיט גיר, מיט שאַרפֿן אַפּעטיט נאָך געלט, — ער ברויך נישט, ער וויל נישט, אַ סוף, אַ סוף!

מאָטיע סלוצקין האָט שטאַרק אַ דריק געטאָן ס'דערמאָנען זיך די שטאָטישע טעג זיינע, און דווקא האָבן אים געטאָן אַן דין די מיטיק־שעהען, ווען אים האָט זיך געוואָלט אָפּכאַפּן דעם דעך: די גאַסן לעשן זיך איין, שרומפּן אין איבערגעריסענעם אימפּעט. דער איינגעגליווערטער ליאַרעם קוקט אַן אויסגעזויגטער פֿון אָפּגעלערטן, זשמורנדיקן אַספֿאַלט, פֿון די איינגערוּקטע געשעפֿטן, עס גלימערט פֿון די אויסשטעל־פֿענצטער. פּרעסן, נעמען דעם פּוילן באַטאַגיקן שלאָף איז אַוועק די שטאָט און אים, דעם עבֿד פֿון אַ יעדן, וואָס האָט אַ בייטל מיט פּעזעס, מיט וועדעמדיקע געלוסטן, שלעפּט מען דעמאָלט צו „יענע מקומות". ממש ביי די האָר שלעפּט מען אים, אין סאַמע העלן טאָג ציט עס דעם וואָרעם צום מיסט. אָט ווידער אַן איינטיפֿונג אין אַ טונקעלן טויער וואָס הענגט אין דער לופֿטן אויף אויסטער־לישע זאַוויעסעס. אומעטום — ווייזט אויס — די זעלביקע טויערלעך, אומע־טום האָט די מיאוסקייט די זעלביקע וויוויעסקע. ווי זיי ווייסן עס די אַדרעסן, די נבֿלות! — צישעט עס אין מאָטיען. זיי באַוועגן זיך אַליין, די סרחהדיקע טויערלעך פֿון די פֿאַרמאַכטע, חשודע הייף, צעעפֿענען די פֿליגל, שליסן זיי צונויף און אים, דעם מענטש, נעמט אַן איבל, עס שלאָגט צום האַרץ. אוי, ווי, וועמען ער ברענגט אַהער! קוקסט דעם אין פּרצוף אַריין, מיינסטו, עס קען קיין צוויי נישט ציילן; די מאַמע פֿאַדעט אַרום דעם, דער טאַטע גייט אין דר'ערד אַריין: אַ קליינינקייט, זיין טאָכטער. אַ וועלט וועט ער אויס־שעכטן פֿאַר אירטוועגן. אָך איז אים, דעם אָקס. ער זאָל עס וויסן, וואָסער צנועה ער האָט אויפֿגעהאָדעוועט! אים פֿינצטערט עס אין די אויגן, מאָטיען. און מיט וועמען גייט עס, דאָס טייבעלע? אָ טראַנטע, אַ צעפֿאָרענער גאַרגל, איי... גוואַלד, קאָכט עס אויף אין אים — ווי פֿאַרט זיך אַזאַ מיט אַזעלכע־נעם! ער שפּירט, דער מענטש, עס וועט אים צערייסן פֿון צרות, פֿון דעם

ווייטיק אינעם טראַכטן וואָס באַפּאַלט אים, וועט ער פּלאַצן, און ער טאָר נישט אַרויסשרייען. ב׳אַוודאי, ער טאָר זיך נישט אַרויסכאַפּן, חלילה וחלילה; נישט קיין רעכט צו באַליידיקן. ער זעט נישט, ער הערט נישט, און גאָר. די תאווה האָט זיך איר דרך, די שטאָט האָט זיך איר דרך, אים גייט עס נישט אָן, — געהערט, מאַטיע סלוצקי?! ער מוז זיין בלינד פּונקט ווי די בהמשע געלוסטן דאָ זענען בלינד. נישטאָ קיין ברירה, ס׳איז פּרנסה. ער קען נישט קיין דעה זאָגן דעם, וואָס זעצט זיך אים הינטערוויילעכטס און גיט אַ מורמל אין פּאַטילניצע אַריין:

— אויף לאַוואַזשע נומער...

— צו „לאַס ברוכאַס" אין פּאַלערמאָ, סעניאָר.

ס׳נמאס ומאוס — נאָר די ברירה איז ביי אים: צו צוימען זיך, זיך אַליין; יענעמען ריר נישט אָן, מאַטיע. חלילה!

געפּאַלן אויף דער המצאה, האָט ער זיך צוגעוווינט זי אַפּצוהיטן: פּער־ציק וויאַכעס *. אַ מאָל איז עס אום צוויי אַ זייגער, אַ מאָל דריי נאָכמיטיק אָדער פיר, ווען דער חשבון ווערט פול. פון ווייטער פאָרן, וויל ער נישט הערן, כאָטש מע שטייט צו צו אים, גיריקע באַפּאַלן די קאַטש, בעטן זיך מיט משוגענע אויגן, אומגעדולדיקע, אייליקע, אַדיאָס, — האָט ער זיך צוגעוווינט זאָגן מיט אַ געמלאכהטן שמייכעלע — כ׳מוז אַוועק אָפּעסן. איר׳ט דערלויבן, סעניאָר?

שפּאָט און צאָרן האָבן זיך יעדעס מאָל געמישט אין די פּאָר ווערטער, אין זיין בליק. דעמאָלט האָט אים אין געברענט דער ווילן אהיים צופאָרן, אָבער ער האָט זיך מיישב געווען: ניין, ער וועט זיך ליבערשט אַוועקגליטשן ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ שטילן סקוועאר און אונטערדרימלען אין קאַבינע. אַזוי האָט ער שוין אַ סך מאָל געטאָן, אָבער נישט שטענדיק עס געקענט אויספירן. פאַרבאַהאַלטענער אומרו האָט אים אַ צופּ געטאָן: אַ פּיצל מנוחה אַצינד אונטערן היימישן דאַך. איי־איי, ווי ער איז געמינערט געוואָרן, דער זינדיקער מאַטיע! אפשר טאַקע לאָזן זיך אַהיים? דאָס קווענקלעניש האָט ווידער אים אַ ריס געטאָן: ס׳ווייב וועט אים אָנקוקן מיט שטויבונג און טענה, עלקע וועט אין אים אַריינוויינען: — די מאַמע... זי טוט איר אָן צרות, שלעפּט זי אַרויס. איר איז ליבער אין שטוב, נאָר די מאַמע פּייניקט, — יאָמערט זי אין אים אַריין. די ביידע ווייבער טוען מיר אָן צרות, — קלאָגט

* רייזעס.

ער שוין אויף זיין דאַליע, — און אַרום און אַרום בין איך אויף געהאַקטע ברעך. אָנגענומען באהבה דעם כאַמעט, צי דעם וואָגן, פּערד בן שוטה — — וואָס, איכ׳ל גיין מ׳זאָל מיך באַקרעכצן? —

אַריינגעפּירט די מאַשין אין גאַראַזש און ער האָט גענומען אַרומקריכן אין גאַס, געוואָלט הרגענען אַ שטיק צייט וואָס טשאַדעט דעם מוח; געלאַסן געשפּאַנט אין רעש אַריין, מיטן בליק געגנישטערט איבער פּנימער ביז עס האָט אים אַריינגעצויגן אין אַ קאַפע ווו מענטשן עוסקן אין מסחרים, רוישן, פּלאָנטערן זיך. מ׳דרייט ס׳לעפעלע אין קליינעם שעלעכל, מ׳גיסט אין זיך אַריין קאַוועלעך און מ׳דערהייבט זיך ערגעץ־ווו איבערן באַרג פון רעש און נעפּל.

אָפּגעשטאַנען פון טראַכטן, האָט אויך מאָטיע זיך שוין געלאָזט טראָגן פונעם טומל. ס׳קאַווע־טישל ציט, פאַרקניפּט די מידע. פּאַוואָליע, און מאָטיע האָט געפונען באַקאַנטע, אויסגעביטן אַ וואָרט, אַריינגעגאָסן אין זיך ביטער־לעכע קאַוועלעך און קוים־קוים דערשפּירט — ער דערגייט ערשט צו דער שטאָט, ער ווערט אַ בוענאָס־איירעסער.

עס האָט, אמת, נאָך גענומען צייט ביז פון מאָטיע סלוצקין איז לחלוטין אַוועק דאָס געפּיל אַז ערגעץ אַהין איז אויסגערונען געוואָרן דער הימל, און ער ציט אים נאָך אין זיין פאַרפאַלנקייט; ער רופט אים, דער הימל, עס לאָקט דאָס פעלד, עס יאָמערן זיינע נעכט, אַרויסגעריסענע פון שלאָף.

מיט עקשנות איז די שטאָט געקומען צו מאָטיען, פּאַוואָליע, און ער האָט אַפילו דערכאַפּט דעם טעם פון געלט, וואָס איז מתחילת אים געווען דערווידער. רעכט, מ׳באַדאַרף געלט, מערער געלט. גלייך די אויגן וואָלטן זיך אָקערשט געעפנט: ס׳אַן עיקר, מאָטיע, דאָס ממון, ס׳ווייטערדיקע וועט שוין קומען — — —

לאַנגע, הוילע שעהען זיינע זענען אויפגעפרעסן געוואָרן אין קאַפּעהויז, קאָלעמוטנע אויפדערנאַכטן האָבן אים מטושטש פאַרצערט. ווי אַ ווייט ליכטל פלעגט פאַר אים נאָך אויפטיקן אַ ציִעניש נאָך דעם באַנגן, טיפן אָונט אויפן קאַמפּ, ווו מ׳האָט געטוליעט דעם קאָפּ צו אַ קעראַסין־פלעמל און צו אַ מעשה פון באָבע־זיידע מיט שרעטעלעך, מיט אויפטוען פון היילי־קע לייט קעגן אַל דאָס בייז און קעגן מלאך המות. ס׳איז זיס געווען דער דרימל אין מידקייט. אין בלאַסער אויסניכטערונג האָט פאַרלאָקט דאָס־אָ, פונקט ווי ס׳אַהיימגיין האָט אים נישט געגלוסט. די טענות פון ווייב, ס׳גע־קלאָג פון דער טאָכטער האָבן אים אָפּגעקילט פאַר דער היים. ווער האָט

געדולד? צוהערן זיך צו זיי — וואָלט מע באַדאַרפֿט ליגן די ציין אויף דער פּאָליצע. דולן אַ מוח, די ווייבער!

זיך געבייזערט אַ מאָל, מאָטיע, אין געדאַנק, און ער האָט זיך געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן געפּלאָגטן האַרץ. אַ מענטש איז נישט תּמיד ביי זיך אין האַנט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מאָטיע סלוצקי, נישט אין גאַנצן געווען שווה בשווה מיט זיך אַליין און מערער זיך צוגעבונדן צום קאָווע־טישל, וואָס ווייט פֿונעם הויזגעזינד.

פֿאַרשטייט זיך: פֿריינד פֿון דרויסן האָבן געוווּנען מאָטיע סלוצקין.

8

ווייב און טאָכטער האָבן נישט באַוויזן זיך אַרומצוזען און מאָטיע איז מער נישט אַרויסגעפֿאָרן אין גאָס אַריין.

— גענוג געראַמפּלט איבער מלינהס! — האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ זאָג — ברויט מוז מע געפֿינען אָן האַרץ־גריזשעניש!

פֿאַרקויפֿט דעם אויטאָמאָביל, שיין פֿאַרדינט אין אים און גענומען באַלד זוכן צו קויפֿן אָן אַנדערן. נייך, ער וועט אים נישט פֿירן איבער די גאָסן. ער וועט׳ן אַוועקשטעלן און זוכן אויף אים פּרנסה. אַזוי פֿיל אויטאָ־געשעפֿטן אין שטאָט, אַזאַ איילעניש אויף די מענטשן, פֿאַר וואָס־זשע זאָל ער נישט אַראָפּכאַפּן אַ קרישקע פֿון אָט־דעם טיש? ער וויל דען אַ סך?

טעג און וואָכן זענען אַוועק און ס׳איז צוגעגאַנגען פּריקרעוואַטע: שווער געווען ס׳צובינדן זיך צום נישט־טאָן. און ס׳מאַכט זיך נישט דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרקלערט. עפּעס אַרנטלעכס איז טייער; מענטשן מיט גוטע וועגענער טוט נישט ווי דער קאָפּ, אַ קליאַק ווילט זיך נישט אָנרירן. האַמעטנע דער דרך באַרג־אַרויף, האָט ער שוין געשפּאָט פֿון זיך און ס׳האָט אים גענומען פֿאַרדריסן, וואָס ר׳האָט זיך געלאָזט אויפֿן גליטש: געווען די פּעזע צו פֿאַרדינען, האָסטו נישט באַדאַרפֿט קוקן אויף קדושה... פֿאַרקויפֿסט דאָך נישט קיין תּענוגים צו פֿאַרדאַרבענע. די גאָס און דאָס קאָווע־טישל האָבן אים אָבער שוין געהאַלטן אין די פֿויסטן. מיט אָנגעשפּיצטן אויער האָט מאָטיע זיך געדרייט צווישן קויפֿערס־פֿאַרקויפֿערס, אויסגעלערנט זיך מיט די אויגן דערטאַפּן אַן עסקל און איז געוואָרן אַן אייגענער אין קאַפּעהויז. מענטשן האָבן אָנגעהויבן קלעפּן צו אים. דערנאָך האָט מען מאָטיען שוין גערופֿן,

פֿאַרגעלייגט משא־ומתנס; מ׳האָט געוווּסט: מאָטיע דער ענטרע־ריאָסער קויפֿט. ער איז אַ בעלן אויף אַ קאָטש. ער איז געגאַנגען קוקן, באַטראַכט רעסאָרן, געפּרוּווט דעם מאָטאָר, געקליבן „מאַרקעס״, געדונגען זיך און לסוף אויסגעדונגען. „ער קויפֿט, ער וועט קויפֿן... ער איז נאָר אַ געלאַסע־נער, היט זיך ווי אַ פֿויער!״ האָבן די דורכגעטריבענע הענדלערס זייטיק געשמועסט וועגן דעם נייעם סוחר און געוואַרט אים אַריינצוכאַפּן. מאָטיע האָט גענומען קויפֿן קאָטשן, געציילט גרויסע געלטער, האָט אָפּגענומען ריווח פֿאַר זיי און פֿון ס׳ניי געקויפֿט. סעניאָר מאָטעאָ סלוצקי איז אַ מבין, האָבן לייט אים געחנפֿעט און געוואָלט מיט אים האַנדלען. אויפֿקויפֿן ווענגער און פֿאַרהאַנדלען זיי באַלד איז געוואָרן זיין שטיל טועכץ. און ווידער זיך נישט געאיילט, ווי עס איז געווען די רגילות אַלע זיינע יאָרן.

אַליין האָט ער זיך נישט גיך געכאַפּט, מאָטיע, ווי אַזוי ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער בראַנזשע פֿון אויטאָס; ווי עס איז זיין שטייגער פֿון טאָן און טראַכטן, האָט ער צוגעווינט זיין געהער צום רוף: סעניאָר סלוצקי, פּאָר פֿאַוואָר * סעניאָר מאָטעאָ. און קוים דערוווּשט אַז דאָס מיינט מען עס דעם אייגענעם מאָטיע, וואָס איז כל ימיו געווען אַריינגעטאָן אין דער טשאַקרע. נאָך אַלץ זענען אויפֿגעגאַנגען אין אים ברייטפֿאַרוואָצלטע שפּי־רונגען פֿון דעמאָלט, ווען ער איז מיט גאָר דער וועלט געשטאַנען אין מיטן פֿון זיין נחלה, געטובלט זיך אין שטראָמען ליכט און מתיקותדיקן שווייס; פֿון די־אָ שפּירונגען און פֿון זיין פּראַצע האָט ער געצויגן דעם ביסן ברויט, אין דעם זכות געהאָט דאָס רעכט אויף הייליקער מנוחה און אַ לאַנגער מאָטע באַנאַנד מיטן משפּחהלע, זעלטן אויך מיט אַ שכן. ס׳פֿערד האָט דורכגעמאַכט מיט אים אַלע נאָענטע שליחותן. זיין סולקע האָט אים גע־פֿירט צו אַלע שמחהלעך ביי שכנים.

נישט געכאַפּט זיך, מאָטיע סלוצקי, אַז ר׳איז ווייט פֿאַרקראָכן אין שטאָט. מאָטיע איז אַוועק טיף פֿון זיך. און ער האָט געפֿונען אַ טעם אין דעם עסקן זיך מיט די אויטאָמאָבילן, נאָך וועלכע ער האָט זיך געיאָגט מיט די אויגן, מיט אַלע זיינע חושים. ער האָט אָן אויפֿהער געזוכט צו קויפֿן מאַשינען; ער האָט שוין געוווּסט, וועלכע עס לוינט, וואָסערע מע זוכט. אַ פֿאָרד, אַ שעווראָלעט, איז אַ סחורה עובר לסוחר; ווייט צעוואָרפֿן אויף אומ־

---

* זייט אַזוי גוט.

געהייערע שטרעקעס איז דאָס לאַנד, אַ יונג לאַנד די אַרגענטינע, די וועגן זענען נישט גענוג געפּלאַסטערט; זאַמדן, באַרג־אַרויפּן אַ סך, גאָר אַ סך. אַ שטאַרקע זאַך געפינט גיכער אַ קונה. און נאָך פאַרשטייט ער: אַן איידעלע קאַטש איז נישט פאַר אַ מענטש פון אַרבעט, פאַר אַזאַ וואָס קען נישט זוכן ס׳ברויט רק אין שטאָט. דער פונדיק* איז טאַקע טעמפּ, לעבן פון אים איז פון דעסטוועגן גרינגער. מיטן אויג צום טיף־לאַנד מוז קוקן יעדער וואָס וויל דאָ לעבן. די שטאָט איז שוין איבערשיכור פון הויכע הייזער, פון אייזקאַסטנס און לעקעכער. לוכאָ** איז נישט פאַר אַלע. סעניאָר מאַטעאָ האָט פאַרשטאַנען און געקויפט וואָס אים האָט זיך געלוינט. און אַן אָפּגע־דאַווענט יאָר פון אַ מאַשין שטייט נישט אָן פאַר אַ סך, וואָס די האָבער שטעכט זיי. אַ פאָנטיאַק אַ 50ער פאַסט שוין נישט אַזאַ, אַ 53ער שטייט אָן אַזוינעם. ער האָט זיי שוין דערווישט, די שטאָטישע, און ער טוט זיך ס׳זייניקע — שטילענקערהייט.

פאַרקויפט, געקויפט. אויטאָס זענען געגאַנגען פון מאַטיע סלוצקיס הענט, דער גיר נאָך ריווח האָט דעם מענטשן פאַרשלונגען; די גאַס האָט געוווּנען דעם מענטש און ווייב און טאָכטער האָבן, באַאומרויקטע, נישט באַ־נומען ס׳פאַרדרייעניש פון דעם מאַטיע, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט די אייגענע שטוב, צוגעהערט זיך צו די היימישע, איבערגענומען זיך מיט אַ יעדער גרימאַסע פון דעם איינציקן קינד.

נישטאָ מער מאַטיע, — האָט זיך צעריסן ס׳ווייב אין צרות: „איר גע־וואָרפן אַלץ אין פנים אַריין! ווער וועט זיך אַצינד אומקוקן אויפן מיידל, וואָס וואַקסט און תכלית בלאַנדזשעט ערגעץ־ווו. ווער קען אים אָקערשט, ווער ווייס אים?״ סעניאָר מאַטעאָ גופא איז אַ צייט געווען פול חידוש פון זיך, און ער האָט די אויגן אויפגעריסן, דער פויער, ווען ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערזען אין אַן אייגענעם גאַראַזש פאַר אויטאָס, אַ ריזיקן, טונקעלן תהום ווי אַ נאַכטיש פעלד און זשמורנדיקע געצונדענע לאָמפּן איבער דעם: „האַ, ווי קומט עס...?״ ווי דער שאָפער איז אַנומלט אַריינגעפאָרן מיט זיין טאַקסי אין דעם ציבורדיקן גאַראַזש, טאַקע ער, מאַטיע סלוצקי, אַזוי פאָרן איצט צו סעניאָר מאַטעאָ אַנדערע שאָפערס, אַזוי פירט מען אָקערשט צו אים די קאַטשן. אויך בכבודיקע קאַטשן, אַ סך קאַטשן. פאַמעלעך דערמאָנט

---

* פּאַמפּאַ־איינוווינער (שפּאַניש באַצייכענונג); ** לוקסוס.

ער זיך אַלץ, אַלץ. ערשט האָט ער צייט און ער הערט אומגערן דעם ווייבס זיפֿץ, זעט זיין עלקעס העוויה — — פֿאַרלאַנגווייליקט די ביידע. פֿע, פֿאַר די לייט, וואָס גייען צו אים, פֿאַר זיי איז אים אַ חרפּה, וואָס די זייניקע זענען עפּעס ווילדלעך, ווייכן פֿון מענטשן, קומען נישט אַנטקעגן מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ באַגריסונג — — אָבער דער געדאַנק בלאָנדזשעט אויך ביי אים. „או, וואַאַ, ווי לאַנג איז עס גאָר אין גאַנצן, ברודערקע? איי, איי, ווי אַ מענטש דערזעט נישט באַלד"... צומאָל נישט באַמערקט אַז ער עלטערט זיך, דער סעניאָר מאַטעאָ.

... שפּעטער האָט אים אַפּילו שוין שוואַך געאַרט, למאי די הימלען, וואָס פֿלעגן אויפֿבלענדן אין בענקעניש, די הימלען זענען אויסגערונען געוואָרן אין די פֿאַרשרומפּענע וויקטן פֿון זכרון. און זיין שטאָטישע שטוב האָט זיך פּאַוואָליע געשטעלט אויף שטאָטישן פֿוס: זע און טו.

ער האָט אַצינד געהאַט אַ סך ליידיקע צייט, סעניאָר מאַטעאָ סלוצקי. טיף און ברייט איז זיין גאַראַזש, קיל און געלאַסן גייט אויף זיין טראַכטן.

אויך דאָס ווייב האָט זיך בישקשה געענדערט, געוואָרן אַ דאַניאַ, וואָס קוקט זיך איין אין אַנדערע. און ס'טעכטערל? זי לאָזט שוין נישט דערמאָנען דעם קאָמפּ. זי איז זשעדנע נאָך פֿאַרגעניגנס.

— פּאַפּי, ווען ווען וועלן מיר זיך איבערפֿאָרן?

„פּאַפּי". ס'איז אים געפֿעלן געוואָרן דער שניט. אַ מיידל דאַרף זיך אַרויסווייזן מיט איידלקייט. און ער האָט באַגערט אַז זייטיקע זאָלן עס באַמערקן ביי איר. יאָ, ר'מוז געדענקען אַן תכלית פֿאַרן טעכטערל. אַ מיידל טאָר מע נישט פֿאַרבאַהאַלטן אונטער דער פֿאַלע. מ'באַדאַרף זי אַרויספֿירן צו מענטשן, ווייזן זיך מיט איר, און ר'האָט באַקאַשעם מיט וואָס זיך צו באַווייזן און מיט וואָס צו לאָזן זיך דערקענען — אַנעהאַרע.

באמת, אַ שידוך פֿאַר עלקעלען, פֿאַר זיין עובעניע. גערעכט און נישט גערעכט די ייִדענע. זי פֿילט: ס'אַ קינד, אַן איינציק אויג אין קאָפּ, אָבער זי ווייס דען וואָס איר האָט צו געפֿעלן? זי קומט דען צווישן מענטשן, האַאַאַ? יאָ, יאָ, דעם סעניאָר סלוצקי פּאַסט אויך אַן איידעם אַ דאָקטער.

מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט זיך אַליין, האָט ער זיך הערנאָך ניכ־טער אַנגעכאַפּט אין דעם גוטן איינפֿאַל. אַ פֿאַרטומלטער, אַן איבערגעראַש־טער פֿונעם געדאַנק, האָט ער באַלד געזוכט ס'ווייב:

— טשע, נאַרישע מאַמע, זאָלסט אויפֿהערן, זאָג איך דיר, דרייען אַ מוח מיט די באַקאַנטשאַפֿטן, וואָס דו האָסט אויסגעפֿונען. מ'עט שוין — —

ער וועט זי אויסשייגעצן, — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך. זי זאָל עס מער נישט ברענגען איבערן מויל. ער וועט שוין איבעררעדן מיט פּערנאַנדאָ מעסקעל. אַ ווייל יינגל ביי אים מיט חתן־וואָנסעלעך. ס׳וועט האָפּנטלעך האָבן אַ גאַנג.

באַלד האָט דעם סעניאָר מאַטעאָ איבערגעוועקט אַן אויטאָ, וואָס האָט שאַרף זיך אַריינגעשניטן אין גאַראַזש. ער איז אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— אַ שיינע כלי און אַזוי פֿאַרסאַרגעט! — האָט ער אַ מורמל געטאָן — אַ שטיק פּאַמפּאַ דורכגעפּאַטשט, אַאַאַ!

אומגעריכט האָט דעם סעניאָר מאַטעאָ אַ בלענד געטאָן די אָפּגעדעקטע שיין פֿון די אויסגערונענע הימלען, פֿון די דערווייטערטע סטעפּישע לענדערייען, וואָס ער האָט געלאָזן אין די ערגעצן, די שוין אַנממשותדיקע. און אים דאַכט זיך: ער בענקט מער נישט נאָך זיי. דאָס אותו־הרגעדיקע דריקונג איז נאָר אַ שוואַכקייט פֿון די יאָרן, וואָס האָבן זיך אָנגעבויגן אין געמיט פֿון פֿאַרנאַרישטן געדענקען. פּע, מ׳באַדאַרף איבערשרייען דעם אומנייטיקן געאייל, וואָס נעמט פּלוצלינג אונטערשטויסן: „האַלאַ, האַאַלאַ, מו! בוענאָס דיאַס!“

די מענטשן וואָס זענען אים שמייכלדיק אַנטקעגן געקומען, האָט ער אין אמתן נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. אומגעריכט האָט מאַטיע דערשפּירט אַ מאָדנע איבערדריסיקייט קעגן זיך.

— געוויס, ס׳וועט האָבן אַ גאַנג, — האָט ער זיך געטרייסט.

פֿאַרמשפּטע יאָרן

1

מ'רופֿט אים דער רויטער יואל. אין דער אמתן איז ער אַ געלער, אַ געדיכט־זומערגעשפּרינקלטער; אַפֿילו דער קאַרק זײַנער איז צעגאָסן געל. מאָדנע געל געקנײטשט אין זײַן הויכקייט איז דער רויטער יואל און געל־גלאַנציק אַזוי ווי ער וואָלט פֿלייסיק אויסגעאַרבעט געוואָרן. אַ פֿלעקיקע געלקייט איז זײַן גאַנצע אויסערלעכקייט, אַקוראַט אַ ים מיט צעשלאָגענע איי־געלעכלעך וואָלטן אַרײַנגעקנאָטן געוואָרן אין דעם לעבעדיקן טייג וואָס טראָגט דעם נאָמען יואל בענדער. מוז זײַן, דער צונאָמען רויטער יואל איז דער קענצייכן פֿון זײַן אויסטערלישן פּירעכץ, ווי זײַטיקע האָבן עס באַנומען, אַן עדות פֿון זײַן אומהיימלעכער עקשנות. און געזען האָט מען אַז דער מענטש האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אָפּצושוואַרצן אַ גאַנץ לעבן, ער ווײַכט פֿון יעטוועדער פֿרײַנדשאַפֿט און גיט נישט קיינעם די געלעגנהייט אַרויסצווײַזן אים נאָענטקייט. ווערליק דעם ווי צוקוקערס האָבן אויסגעחשבונט אויף דעם געלן יואל, מיינט ער אַלעמען צו זאָגן: איך בין איך, ווײַטער מעג אַלץ זיך צעגיין ווי זאַלץ אין וואַסער. אַלצדינג האָב איך אין רד'ערד! ווי אַ רויט־קאַמיקער האָן שרײַט ער אָפּ יעדן, וואָס דערנענטערט זיך צו אים, שלאָגט מיט די פֿליגל, שטויסט און הרגעט מיט זײַן שטײַפֿקייט.

נישט געווען וואָס אויפֿצוטאָן מיט אים. מ'האָט געזען וועמען מ'האָט פֿאַר זיך: אַ פּראָסטער חי וקיים, וואָס אַ סך אַזעלכע דרייען זיך אַרום אין די גרויסע שטעט פֿון דער וועלט, ווּהין מענטשן קומען פֿון די אוממעגלעכסטע ווײַטן, האָרעווען ווי די פֿערד און בלײַבן אײביק מידע אימיגראַנטן מיט אומגעשטילטן דאָרשט נאָך יענעם גליק, וואָס איז קיין מאָל נישט דערגרייכלעך. געקומען קיין בוענאָס־איירעס מיט ליידיקע הענט און אַזאַ איז ער געבליבן, הגם אין באַהעלטעניש היט ער אַזוינס, וואָס מיניעט מיטן קאַלטן פֿײַער פֿון אַ שפּע צו וועלכער ער איז נישט ביד זיך צוצורירן. פֿון

דעם לאָקט טאַקע ס׳גליק, אָבער געניסן דערפֿון איז ער נישט בכוח. ער איז אויסגעהוילט און שפּירט נאָך אַלץ אויף זיין רוקן די משא־וועגענער וואָס האָבן איבער אים שוין דורכגערעדערט.

איז׳ן איז דער רויטער יואל געוואָרן אַ סטאָליער אויפֿן שפּרונג. פֿון אין דער פֿרי ביז אין אָוונט וואַנדערוועט ער אַרום איבער דער שטאָט מיט אַ בינטל מכשירים אויפֿן אַקסל און אַ מאַנאָטאָן רופֿן אין מויל. זיין זעגל גלאַנצט אין טאָגשיין, ס׳העמערל מיטן הובל קלעפּערן אין הילצערנעם קעסטל און דער האַלדז און גומען לאָזן אַרויס שאַרפֿע, סטאָליעריש אויס־פּאָלירטע סטענגעס רייד: „בענקלעך צו פֿאַרריכטן, שאַפֿעס אויפֿצופֿרישן! ביליק, ביליק לוסטרירן מעבל אויפֿן אָרט!״ און שטעלט ער זיך אָפּ מיט פֿאַרריסענעם בליק וועקן די מענטשן אין די פֿאַרמאַכטע הייזער אַז זיי זאָלן אים דערזען, פֿאַרגינט זיך יואל אָן אויפֿהער צו שנעלן מיט דער הילצערנער זעג־נאָז איבערן דין־ברעטלדיקן אָרעם פֿון דער נעמלעכער זעג: הויל, היל־כיק און טרוקן קלאַפּט עס ווי אַ ליידיקער בעקן איבער דער אָנגעהאָרכטער לופֿט, עס עקבערט זיך אַריין אין די געהירן אַזוי אַז דאָ און דאָרט מוז זיך עפֿענען אַ פֿענצטער, עמעצער מוז אַרויסשטעקן אַ קאָפּ. און זענען פֿאַראַן מענטשן, געפֿינט זיך שוין אויס עפּעס פֿאַרן אָרעמען סטאָליער. מער ווי די נויטווענדיקייט צו פֿאַרריכטן אַ מעבלשטיק, באַוועגט דער מיטלייד די מענטשן אַ נישטער צו טאָן ערגעץ, כדי פֿאַרן וואַנדערנדיקן בעל־מלאכה אויסצוזוכן אַ ביסל אַרבעט. ווער עס קריגט אַרויס פֿון אַלטוואַרג אַ פֿאַר־וואָרפֿן הויך קינדערבענקל, ווער אַ הינקעדיקן טיש און ווער עס דערמאָנט זיך אַז עס וואָלט גוט געווען צו מאַכן זיך אַ ניי פּאָליצקעלע. אַ גיכע האַנט אונטערגעקומען, און אַ וואָלוועלע, איז כדאַי נישט אָפּצולייגן. און נעמט דער רויטער יואל אַ שטיקל געהילץ אין האַנט אַריין, לאָזט ער עס שוין נישט אַרויס; ער מוז שוין אויספֿירן די באַשטעלונג. ער בעט באַשיידן אַ פּרייז און דינגט מע זיך מיט אים, איז ער נישט פֿויל צו געבן צו פֿאַרשטיין אַז כוליאַן דער פּאָלאַקאָ טייערט נישט איבער; ער קאָן באַשטיין צו מאַכן וועלוועלער מחמת ער האָט נישט קיין אייגענע ווערקשטעל וואָס מוז צאָלן דירה־געלט און ער האָט נישט אויסצוהאַלטן קיין ווייב מיט קינדער. מענטשן באַקרעכצן אים מיט פֿרומער לייטזעליקייט און רוקן אים צו איין שטיקל אַרבעט נאָכן אַנדערן. זאָל ער פֿאַרדינען. אפֿשר וועט דאָס אים געבן אַ שטויס צו מאַכן זיך ליכטיקער דאָס „פּאָברע מזל״. און קומט יואל אַריין אין ברען פֿון קלאַפּן, קלעפּן, זעגן און ליימען, צעטייעט זיך אין אים די

אייזיקע שטייפֿקייט פֿון שוויַיגן, וואָס ער שוויַיגט בטבֿע. דעמאָלט וויצלט ער זיך אויף זיין אייגענעם חשבון. „שווער צו זיין אַ סטאָליער, בעסער איז שוין צו מאַכן פּיס אין בעט אַריין!"... און איז אויף קיינעם נישט געקומען קיין געלעכטער פֿון זיין רעדן, האָט יואל זיך שוין געריימט אַז ער מאַכט צו גוט, אַזוי שטאַרק אַז מיט דעם פֿאַרטרייבט ער זיך גופֿא פֿון אָט־דעם סאָלידן הויז. „אמת, וועט איר מיך דאָ שוין נישט באַדאַרפֿן? כי־כי־ייי!" כור־ליאַן קוועטשט אַרויס פֿון זיך אַ לאַך, נאָר עפּעס קומט עס נישט אַרויס. דער־פֿאַר נעמט ער באַלד זיך שווערן אין ערנסט: אַזוי זאָל גאָט אים העלפֿן ווי מיט זיין אָרנטלעכקייט איז ער זיך גופֿא אַ דם־שונא. שטעלט ער נאָר איין מאָל אַריין אַ פֿוס אין אַ הויז, איז ער מער נישט נייטיק. איר גלייבט נישט? איר האָט אַ ראיה: קאָנפֿעקציאָן איז גאַנגבאַר. ווו איר גייט און שטייט, פֿאַרקויפֿט זיך טאַנדעט. מ'מאַכט טאַקע וואָלוול, אָבער מ'מוז אָפֿט קומען אין קראָם אַריין קויפֿן פֿרישס. אַזאַ באַלעבאָס מאַכט די פּעזע. „כוליאַן דער הילצערנער מאַכט אייזערנע אַרבעט", קלאָגט ער זיך שוין און זיין מינע בעט איינזעע־ניש: זייט איר כאָטש נישט קיין גזלן, באַצאָלט גוט... ער קען נישט גענאַרן, — חזרט ער איבער — אַ קאָליקע אַזאַ — יאָ, יאָ, סעניאָר... דערפֿאַר גייט ער במחילה תמיד אַן הויזן, קען זיך נישט אַרויפֿאַרבעטן.

ער וויל לאַכן, יואל, כדי זיין צוהערער זאָל מיטלאַכן. מענטשן גיבן אַ זייטיקן קוק אויפֿן דערשוויצטן סטאָליער וואָס ליגט אָנגעבויגן איבער אַן אַלט שטיק געהילץ און סאָפּעט איבער דעם: באמת אַ נעבעכדיקער נפֿש. אַן אָפּ־געטראָגן רעקל אויף אים, געלאַטעטע הויזן און אין גאַנצן איז ער שפֿל. אַזאַ מעמד איבערצייגט און מע לאָזט אים נישט אַוועק מיטן פּוסטן. „איר'ט זיך נישט מיאוסן? פֿון מיין עלטסטן זון אַ גוט אייבערהעמד. איבערצוטאָן נאָך דער אַרבעט. חלילה, ס'אי' נישט קיין שאַנדע!" און די פּעזעס וואַרעמען אים מערער. אַ גוטע שטוב, רעדט ער צו זיך, שטענדיק קען מע שוין דאָ אַריינכאַפּן אַ פֿאַרדינסטל.

גייט ער איין מאָל אַריין אין אַ הויז, בלייבט שוין יענער יואלס משכון. ער טרעט שוין נישט אָפּ. „נאַרייעט מיר אַ שטיקל אַרבעט, זאָגט ער הכנעה־דיק; איר האָט נישט, כ'וויס, אָבער אייערע באַקאַנטע, אייערע שכנים?"

מענטשן זענען בטבֿע נישט אַזעלכע שלעכטע, ווי די פֿאַרביטערטע ווילן זאָגן. זיי דאַרפֿן נאָר וועלן פֿאַרשטיין דעד ליידנדיקן און זיי זענען שוין גרייט צו טאָן אַ סך. באַזונדערס איז זיי צום האַרצן דער געלער סטאָליער. אַ פֿיין סטאָליערל, זאָגט זיך גאָר נישט אָפּ צו פֿאַרריכטן. נאָר גיט אים

אַרבעט, און דער רויטער סטאָליער שעפּט נחת פֿון זיך. ער קלייבט אַ פּעזע צו אַ פּעזע און קיינעם קריכן נישט אַרויס די אויגן אויף אים. פּשוט: אין זיין געגנט זעט מע נישט ווי ער מאַכט ס'ביסל פּרנסה. אין דער אמתן האָט די וועלט אַן אויסטערלישע הנאה יענעם צו באַקרעכצן. זען יענעמען אין צרות איז פּאַר לייט אַ פֿאַרבאַהאַלטענע געניגטוונג, און דווקא חלשן זיי צו סאַן מיצוות. עפּעס אומווילק איז דער רויטער יואל במשך פֿון יאָרן גע־וואָרן אַזאַ נעבעכל, אַז ער שפּירט שוין נישט אַפֿ קיין שום שפּלות. ער פֿרייט זיך ווען ער רוקט אין קעשענע אַריין די פֿאַרדינסטלעך, גלייך עס וואָלט יעדעס מאָל געווען אַ געפֿינעכץ. אין דעם געלט האָט ער אַלע טעמים. קריגט ער אַ פּעזע אין האַנט אַריין, קוויקט ער זיך מיט איר אויסזען, פֿאַלט אַריין אין התפּעלות פֿון אירע מעגלעכקייטן. די פֿאַנטאַזיע צעוואַרעמט זיך אים, ער זעט בלענדיקע פֿענצטער אונטער זיידענע פֿאַרהאַנגען, שמעקט זיך אָן מיט רייכע גאָרטנס הינטער אייזערנע שטאַכעטן־פּאַרקאַנעס, להוט שפּירט ער נאָך פֿליִענדיקע קאָטשן — — אַ סך שטומע סודות פֿון זיין האַרץ טייטשט ער אַריין אין די קאָלירטע בלעטלעך. מיט דער צייט האָט ער אָנ־געהויבן חלומען פֿון זיי, גאָרן צו זיי מיטן גאַנצן כוח פֿון זיין ווילן.

יואל געדענקט שוין נישט זינט ווען געלט איז געוואָרן ביי אים אַ קרענק, ווי פֿון אַ פֿיבער איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ חשק אָנצו־קלייבן אַ סך געלט, וואָס מער געלט, ערשט דעמאָלט...

זיין גאַנצע וועלט זענען געוואָרן די פּעזעס, די שיינע, קאָלירטע, מי־ניעדיקע אַרגענטינישע פּעזעס. זיי האָבן יואל בענדערן פֿאַרביטן דאָס ווייב, די היים און די ליבע, וואָס באַגלייט אַ יעדן געזונטן מענטש, וויבאַלד זיינע בלוטן באַקומען וואָג און אימפּעט ווי פֿון צייטיקן ווייַן און אין האַרצן שפּינט זיך ס'געשפּין פֿון בענקשאַפֿט, וואָס שוימען זיך אַרויס פֿון די אויגן ווי פֿון איבערגעפֿולטע בעכערס.

2

דאָס ציִעניש צו געלט איז יואל בענדערן אַריין אין די ביינער. אין היץ פֿון דער דאַזיקער חולאת איז ער באַגאַנגען די גרעסטע מעשה־רע איבער זיך אַליין: ער האָט זיך פֿאַרמשפּט אויף איינזאַמקייט.

דער רויטער יואל איז געבליבן אַן אַלטער בחור, געהאַדעוועט אַרום זיך

די באַקאַנטלעכע זויערקייט, וואָס פּאַריאָגט מענטשן און רופט אַרויס ביי זיי אַן אומקלאָרן אומעט.

מיט אַ קאַרגע דרייסיק יאָר צוריק אַוועק פון גראָדנער קאַנט, האָט יואל בענדער מיטגענומען מיט זיך די ליבשאַפט פון אַ מיידל, וועלכע האָט זיך אויסגעצייטיקט ביי זיין זייט. לאַנג אַרומגעפּירט זיך, באַנאַנד געזונגען זיך לידער אין די אויערן אַריין, אָנגעוויספּערט זיך די חלומות וואָס האָבן זיך זיי געחלומט אין יונגשאַפט, ביז ער האָט „געמוזט אַוועק". מערי איז געווען אַן אָרעם קינד, נאָר אַן איידלס. נישט קיין חידוש, וואָס אין יואלס אויגן איז מערי געווען די שענסטע פון סקידל און ער האָט זי אויף אַן אמת ליב געהאַט; פון דער ווייטנס האָט ער זי נאָך מער ליב געקראָגן, נאָר אויף אָראָפּברענגען זי קיין בוענאָס־איירעס האָט אים נישט געקלעקט קיין ליבשאַפט. אָנגעשטרענגט האָט ער זיך נאָר פאַר די פּעזעס. דאָס געלט האָט שוין געוועלטיקט איבער אים. „טייערענקער, טו כל התפעלות, מיר זאָלן זיין צוזאַמען. נעבן דיר, יואלקע, וועל איך זיין גליקלעכער פון אַ פּרינצעסן".

פון אַן אָרעמער קאַמער ביזן פּאַליי פון אַ פּרינצעסן ביי אַ מאַן וואָס האָט באמת ליב, איז קאַפּ־פּאַרדרייענדיק די הייך — צו יואלס האַרטן קאָפּ איז דער־אַ ציטער פונעם מיידלשן האַרץ נישט דערגאַנגען.

פון דעסטוועגן האָט די חלומענדיקע פּרינצעסן פון סקידל פאַר אַ לענגערער צייט אים פול געמאַכט זיינע יונג־בחורישע נעכט, פאַרשמעקט אים דאָס צרה־געלעגער אין בוענאָס־איירעסער עלנט; ער האָט געפלאַמט צו מערין מיט שטאַמלענדיקע בלוטן, נאָר דער קרבן פון פּעזעס איז אים געווען צו גרויס.

„זאָלן די דייניקע דיך שיקן אַהער, מערינקע, — האָט ער איר געשריבן מיט ישוב הדעת — איך וועל דיך אויפנעמען ווי אַ קומענדיקע ווייבעלע, כ׳וועל דיר דינגען אַ שטוב, כ׳וועל גיין מיט דיר צו דער חופה און זיין דיר אַ געטרייער מאַן" — —

אַלץ האָט ער איר צוגעזאָגט, אָבער רירן מיטן דאַמינע־פינגער, שיקן אַ שיפקאַרט, איז אים געווען סכנות שווער. אין פאַרפאַלענער שטעטלשער אָרעמקייט האָבן מעריס טאַטע־מאַמע זיך אויפגעגעסן פון עגמת־נפש און פון בזיון: אַ כלה זי געלאָזן, און ער... ס׳מיידל צאַנקט פון בענקעניש און זיי האָבן אַפילו נישט געקענט טראַכטן פון אַרויסשיקן די טאָכטער מעבר־לים. וואָלטן געווען די פאַר קערבלעך, זענען פאַראַן בילכערע זאַכן, וואָס טוען שוין שרייען גוואַלדענעס: דער דאַך איבער דער שטוב איז יאָרן־לאַנג גע־

לעבערט. קומט וועסנע־צייט איז אַן אַזערע אין הויז און ווינטער שטייט פּינק־לענדיקער אייז אויף די ווענט. ס'אַן אומגליק אין דעם קליינעם אָרט — מ'קען קיין מאָל נישט דעריאָגן דעם טאָג; אַלע מאָל פֿאַרגייט דער טאָג אַ געלאַטעטער פֿון חובות, תמיד די נויט. ווי־זשע גיט מען זיך אַן עצה מיט מעריין? חדשים און יאָרן האָבן זיי צוזאַמען מיט דער טאָכטער געצאָגט אין מרה־שחורה: מערי ווערט אַ בוגרת, ס'מיידל פֿאַרזיצט, אָבער זי איז אַנטלאָפֿן פֿון דעם זיפֿצעניש — „פֿייניקט נישט!" זי האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט אין דער שטיל און די סאָקן פֿון איר יונגשאַפֿט האָבן אויסגעטריקנט.

יואל בענדער האָט דעם צער פֿון דער פֿאַרשעמטער מערי נישט אַרויס־געפֿילט פֿון אירע בריוולעך. און געשריבן האָט זי אים אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט זיך צוגעוווינט צום געדאַנק אַז ער איז ד אָ, אַזוי ווייט פֿון דאָרט און ד אָ ר ט — איבערן שטורמישן וואַסער — אין דעם בלאָטיקן סקידל מיט די הילצערנע גאַניק־הייזקעס מוז ז י שוין בלייבן. מסתמא וויל זי נישט, אַנדערש וואָלט זי שוין דאָ געווען. פּאַמעלעכן האָט מעריס נאָמען זיך געלאָשן אין ז יי ן געדעכעניש און מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אָפּ־געגעבן דער געטריישאַפֿט צום געלט. אַליין האָט ער אַלץ גאָר קיין ממשות־דיקע הנאה נישט געהאַט פֿון די פּעזעס, ער האָט נאָר געשפּירט די משטושטשע קוויקונג פֿון זייער אומבאַגרייפֿלעכן כּוח. מיט די אָנגעזאַמלטע בערגלעך פֿאַפּירענע פּעזעס האָט ער פֿון צייט צו צייט זיך אויסבאַהאַלטן, מיט ציטער־ריקע פֿינגער זיי געציילט, איבערגעציילט, געגלאַשטשעט מיט די אויגן און מיט פֿאַרהוילענער שרעק אַוועקגעפּויזעט מיט זיי פֿון יעדן מענטשלעכן בליק.

אַלע שיינקייטן זענען אין די פּעזעס, אַל דאָס איבעריקע איז מאַט, אָן שום חשקות פֿאַרן אויג. גייט יואל אין שטאָט אַריין פֿאַרדינען זיין אויס־קומעניש, ציטערט ער איבער דעם באַהעלטעניש, וואָס ער האָט אויסגעפֿונען פֿאַר זיין אוצר. פֿריִער, ווען ס'פּעקל פּעזעס איז נאָך געווען קליין, פֿלעגט ער עס מיטטראָגן מיט זיך, נערוועז אויפֿשווידערן ווען ער האָט זיך פֿלוצלינג דערמאָנט אַז ער האָט פֿאַרגעסן אַ טאָפּ צו טאָן ביי זיין דיך, צי עס ליגט נאָך אין דער הינטער־קעשענע. און וויפֿל מאָל האָט ער אויפֿגעצאַפּלט, ווען אים האָט זיך אויסגעדאַכט, מ'האָט אים אויסגעשניטן אַ שטיק נאָגעוויצע צוזאַמען מיטן געלט! אַ סך בלוטצאַפּעניש האָט אים פֿאַרשאַפֿט דאָס אָנגע־שטאָפּטע זעקעלע. ערשט אַז עס איז געוואָרן צו גרויס פֿאַר דער הינטער־קעשענע, האָט ער עס געמוזט בגנבה באַהאַלטן אין אַן עפּענונג וואָס צווישן צוויי ענגע ווענט. און דאָ דאַכט זיך אים אַז קינדער האָבן עס דערוויסט.

דיווילדע וואַיעוועניקעס זענען אומעטום! שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, האָבן ליב אומעטום אַריינצוזוקן די הענטלעך. אָן אַנדערש מאָל האָט יואלן באַשלאָגן די היץ אויפֿן געדאַנק אַז מייז האָבן פֿאַרשלעפּט ס׳געלט, צעגריזשעט עס און שטיקלעך דערפֿון וואַלגערן זיך אָקערשט איבערן הייפֿל. „אָ, זעט, דעם שלעפּערס פּונעם בוידעמשטיבל, כאַ־כאַאָ! די נשמה זיינע האָט ער אַריינגעטאָן אין די פּאַפּירלעך — —״ זיי טומלען מיט גיפּטיקער הנאה, די שכנים, האָבן נקמה אין אים!

קיין מנוחה האָט דאָס געלט אים נישט געגעבן. טרעפֿן זיך אים אין די גאַסן אויך אַזעלכע סטאַליערעס אָדער גלעזערס, וואָס ווילן פֿון לאַנגוויל כאַפּן אַ שמועס, ענטפֿערט זיי דער רויטער יואל מיט אַ קורצן „יאָ״ אָדער „כ׳ווייס נישט״, אַבי אַוועקצודרייען זיך פֿון זיי. ער האָט נישט קיין געדולד פֿאַר אַזעלכענע, און דער אומצוטרוי פּרעסט אים: זיי ווילן דערגיין זיך סוד. מסתמא שוין עפּעס דערשנאַפּט. אַ בורטשנדיקער טראָגט ער זיך אָפּ פֿון די דאָזיקע, און יענע קרימען זיך, שפּייען אויס מיט פֿאַראיבל: „הייב זיך אָן מיט אַ פּאַרך!״ און אָסור צי יואל הערט עס, כאָטש מ׳שרייט עס אים נאָך. ס׳באַהאַלטענע טאַרבעלע פּעזעס שאַרכט אין זיין געהער, עס עקבערט אים דעם מוח.

3

אַלע זיינע בוענאָס־איירעסער יאָרן איז יואל אָן אָפּגעזונדערטער. מ׳ווייס ווינציק פֿון זיין אָפּשטאַם און נאָך ווינציקער פֿון זיין לעבן. די וואָס זעען אים אָפּט, זענען זיך נאָר משער אַז אַ שווערע דראַמע פֿאַרצערט זיין מעגלעכע מענטשלעכע פֿרייד. דערפֿאַר איז מע נאָך מער נייגיריק געוואָרן, הלמאי אַזאַ איז זיין אויפֿפֿיר. אָבער ער האָט זיך אַרומגעצוימט ווי מיט אַ פּלויט. אַ קרומער האָקן, האָבן אָפּגעפּסקנט די לייט: „בי דאָ באַגאַ, ני דאָ לודזשי״, און פֿאַראיבל און באַדויער גייען אים נאָך. אַ פֿאַרשוין ווי אַ קאָלעק אַליין און ווילד ווי אַן אָקס — לאָזט צו זיך נישט צו.

געווען שוין אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן מיט תחבולות זיך צוגעשלאָגן צו יואלן, אים איינגעשמועסט אַז ס׳וואָלט געווען גלייך, ער זאָל נישט בלייבן אייביק זיצן אַ בחור. ער האָט זיך פֿונאַנדערגעשמייכלט, אומדרייסט איינגעווילקט צו גיין אויף אַ זעונג. „קיינער וועט נישט וויסן. זי ווייסט אויך נישט. אַזוי זיך, אַריינגיין, זיצן ביי אַ גלעזל טיי. דערנאָך וועט קענען זיין

אַ טרעפֿונג. ס'לוינט, כוליאַן״. און האָט גאָט געהאָלפֿן, דער שידוך איז אים אָנגעשטאַנען — געווען סיי אַ ביסל נדן און סיי צוזאָגנדיקע וויגאָדעס — האָט ער צום סאַמע סוף חרטה געטענהט: בע, מע, וואָס וועלעך מיר דעם קאָפּ פֿאַרדרייען? אַזוי לאַנג געזעסן אַליין, וועט ער אָקערשט גיין זיך צו־געוווינען צו אַ פֿרעמדן מענטש!... מ'עט זאָגן — משוגע געוואָרן דער יואל בענדער. סיי־ווי פֿאַראַן לאַנדסלייט, וואָס האָבן אים אויף דער צונג: געהאַט פֿאַר אַ כלה אַזאַ קראַסאַוויצע ווי מערי סופֿר, אַ יונגע און אַ געראָטענע, וועט ער איצטער זיך צום נאַר מאַכן?! און ער איז ווידער פֿאַרקראָכן אין זיין קאַנורע, ווו ער שימלט, דער אויסגעאַרבטער רויטער יואל, באַנאַנד מיט נאָך אַזאַ אָפּגעלאָזענע ברואה. איינער אַליין וואַשט ער זיין העמד, אַליין עסט ער אָפּ זיין אָרעמע מאָלצייט און איינער אַליין פֿרייט ער זיך מיט דער באַ־האַלטענער פֿרייד פֿון די אויפֿגעקליבענע פּעזעס וואָס ציילן זיך ביי אים שוין אין די צענדליגער, אפֿשר הונדערטער טויזנטערס. אוי, ער ווערט שוין פֿאַרטומלט פֿון די צאָלן, און שטענדיק חזרט ער זיי איין. ער זאָל נאָר נישט פֿאַרגעסן! שפּאָרע בערגלעך זענען זיי ביי אים, די שטאַרק באַהאַלטענע פּעזעס, איבער וועלכע ער ציטערט, פֿיבערט. זיי לאָזן אים נישט רויק אין די נעכט און זיי טרייבן אים אין די טעג די הייסע, די פֿאַרעווענדיקע און שטיינערנע, וועלכע ער מוז נאָך דורכשפּאַנען מיט זיין שלאַבעריקן גענגל ביי דעם מאָנאָטאָנעם געזאַנג: „בענקלעך צו פֿאַרריכטן, שאַפֿעס אויפֿצו־פֿרישן! ביליק, ביליק!״

מענטשן קוקן אויף יואלן מיט וואַקסנדיקן רחמנות: ער עלטערט זיך, דער סטאָליער, אין איינזאַמקייט; ער קען זיך צומאָל צו קיין אייגן ווערק־שטעלעכל נישט דערשלאָגן. אַזוי פֿיל יאָרן, אַזוינע יאָרן! און קוקט מען אויף זיין אָפּגעטראָגענעם רעקל און אויף דער גראָער, שאַרפֿער גרימאַסע וואָס צווישן זיין מויל און גאָמבע, נעמט מען פֿון אונטער דער ערד אויסזוכן אַ שטיקל אַרבעט פֿון זיינעטוועגן. זאָל ער כאָטש זיך טרייסטן מיט אַ פֿאַר־דינסטל, דער פּאָברע מאַן. און אַרבעט נישט דער רויטער יואל, מיינט מען, ער איז ביטער פֿאַרטראַכט. ז יי ן גרימאַסע דערציילט פֿון דעם, און וועקט מען אים אויף פֿונעם קלערן, פֿאַרווישט ער אַלץ מיטאַנאַנד מיט אַ זאָג אָדער מיט אַ סתם־שמייכעלע:

— אָט אַזוי פֿאַרטראַכט זיך! אַ מענטש האָט דאָך אַ קאָפּ, קען ער נישט ליידיקגיין...

און אָנצוהערעניש אַז ער איז טאַקע שטאַרק פֿאַרזאָרגט; זאָלן מענטשן

זיך נאָר ווינציקער מישן אין ס׳זייניקע. ער מישט זיך אויך נישט אין יענעמס עסקים.

אַזוי האָט ער טאַקע די טבע זיך אַרויסצוכאַפּן, „אַפּווישן עמעצן די נאָז״ און ער שווייגט אַפּ ראַפּטעם, אַבי זיך אָוועקצודרייען פון יענעמען. בלייבן אַליין איז צום ליבסטן.

4

די אַלע יאָרן האָבן שאַרף אָנגעצייכנט יואל בענדערס וועג און אויף אים איז ער געגאַנגען ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן. אים איז גוט געווען אין זיין איינזאַמקייט. זייטיקע שטערן, מענטשן ווילן די נשמה פון אים, אין זיינע סודות זיך גראַבלען. ער האָט דאָס געשפּירט מיט דער באַשיימפּערלעכקייט פון די הינקעדיקע וואָס „ווייסן״ אַז אַלע קוקן זיי נאָך, אַלע זעען זייער מום. איז יואל געווען אַליין, קיינער איז צו אים נישט געווען צודרינגלעך מיט חברישקייט, האָט מילדקייט אָנגעגאָסן זיין שפּיציק געל פּנים, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך צו באַדעקן מיט אַ מאַפּע בלייכע קאַרבן. פאַראיבלדיק האָבן זיך אָנגעצויגן זיינע קנאָכיקע באַקן, ווען עמעץ האָט געפּרוווט אים ווערן נאָענט אין זיין קרענקלעכער אומצוטרויִלעכקייט. די שטאָט איז פאַר אים געווען אַ פאַרמעקטער בלאַט מיט צייכנס פון אומקלאָרע דערשיינונגען, וואָס פּלאָנטערן זיך אויף דעם מרחק וואָס צווישן טאָג און נאַכט. דער אַרום גייט אים נישט אָן. זיין אַליין, אָן עמעצנס דעה, נאָר אַליין! בוענאָס־איירעס איז גרויס צי קליין, פרידן זענען אָנגעגרייט פאַרן לעבעדיקן מענטש אָדער בלויז צער און שרעק איז זיין חלק — פאַר דעם סטאָליערל איז עס געווען גלייכגילטיק. זיין וועלטל איז געווען איבערפול מיט זיך און מיט זיין אייגנס. אים איז געווען געווען זיין ווערקשטעל אין די זשמעניעס און ס׳איז אים קיין מאָל נישט געוואָרן דערווידער דאָס שפּאַנען איבער די פאַרוואָרפענע גאַסן, ס׳זוכן דאָס וואָס האָט נישט קיין נאָמען אין זיין מויל, קיין געשטאַלט אין זיין דמיון. יואלס האַרץ האָט געשפּירט אַ בלינדן, נאָגנדיקן דאָרשט און זיין בליק האָט געפלאָטערט מיטן באַגער: נאָך, נאָך! עס איז געווען דאָס לשון פון זיין אַלטער געוווינשאַפט, דער הונגער צו פּעזעס, געלט, וואָס מער געלט.

אין אָט־דעם אומערנדיקן לעבן האָט יואל זיך געפּילט ווי אַ פּיש אין וואַסער. ווען די טונקלקייט פונעם פאַרגייענדיקן טאָג האָט אים אַריינגע־

בראַכט אין זיין ווינקל, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט אָן דעם אָרעמען מאָל־
צייט פּאַר זיין לייב און דערמאָנט זיך אָן דער זלידנער באַלעבאַטישקייט וואָס
ער מוז צוהיטן. מיט שלאַבעריקן שריט זיך געלאָזט אין קראָם אַריין נאָך
דעם טרוקענעם שטיקל ברויט, גערייניקט די תמידע קאַרטאָפּל פּאַר זיין
געקעכטס, דערנאָך אַריינגעגעסן אין זיך דעם אומעט פּון דער פּריקדעוואַ־
וואַטער איינזאַמקייט. דער מיטווינער, וואָס דערגייט אים אין דער גאַל
אַריין מיט זיין שוויגן און מיט זיין כראַקען, איז אַלץ נאָך נישטאָ. ס׳אמת,
ער קען אים נישט פּאַרליידן, אָבער אַ מאָל קען מען נישט פּאַרנעמען די
זשומענדיקע שטילקייט. עלעהיי וואָלט ער געהאַט מיט וועמען זיך איבערצו־
זידלען! נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו גראַבלען זיך צווישן די
פּאַרוואַלגערטע וועש, און דער אָוונט צי גאָר די הויקערדיקע נאַכט האָבן
זיך אָנגעבויגן איבער אים, געבלינצעט אין די אויגן אַריין. ביז שפּעט האָט
יואל מיט די אויסגעהאָרעוועטע הענט זיך געפּליעסקעט אין בלעכענעם
ווייקשאַף. דאָס האָט ער אין מרוזשנדיקער בוידעם־טונקלקייט אויסגעוואַשן
זיין העמד, די חשודע זאַכענישן וואָס האָבן מ ע ר שוין נישט צוריקגע־
קראָגן זייער אַמאָליקע לייוונט־ווייסקייט. געוואַשן ס׳געוועש האָט ער תמיד
אין דער נאַכט אַז די באַלעבאָסטעס פּון הויז זאָלן נישט האָבן קיין געלעגנ־
הייט אים אויסצושפּעטן. פּריִער האָבן זיי אים נאָך אויסגעזידלט: אַ חרפּה
און אַ שאַנד — האָבן זיי געטומלט אים אין די אויגן — אַ מאַנספּאַרשוין
פּאַרנעמט זיך מיט אַזוינע זאַכן! ס׳פעלן דען שוואַרצע, וואָס זאָלן צוטראָגן
אַ ריין העמד? נישטאָ דען אַן אָרעם ווייבל פּון שכנות, וואָס וואָלט עס געטאָן
מיט פּאַרגעניגן? מ׳באַדאַרף נאָר זיין אַ מענטש, און נישט אַזאַ... די פּאָר
סענט דאַרף מע נישט זשאַלעווען! דערנאָך האָבן שוין די פּרויען אים אָפּגע־
טשאַטעוועט, ווען ער האָט זיך געטראָגן מיט דער שיסל וועש אויף דער
טעראַסע אַרויף, האָבן הילכיק, שפּאָטיש געלאַכט. נאָך היינט זעט ער זייערע
צונויפגעקנוילטע קעפּ, ווי זיי שושקען זיך ביי זיין אָנקומען; טייל מאָל
ווייזט אים אויס, זיי וואַרטן אים אָפּ, כדי אויסצוחוזקן פּון זיין הילוך, שעמען
זיך נישט צו סודען זיך אין זיינע אויגן. אָט די אויסגעקייקלעכיקטע מיטן הויכן
בוזעם רוימט עפּעס איין דער, וואָס פון אייבערשטן שטיבעלע. פּון אים איז
ס׳געריד, זיכער! שטענדיק האָט דאָס צייט, פּרעסט אויפּן מאַנס חשבון, די
קורווסקע, און לאַכט שפּיציק, וויסט אַז ס׳איז אַ שרעק — — אַ גרויל
פּלעגט אַריבער זיין הויט, דעם מאַרך אים געקילט. יאָ, ער האָט דערהערט.

פון זיין מאַנצבילשקייט האָבן זיי זיך צערעדט, די כלבטעס, פון זיין אַליינ־קייט לאַכן זיי, די קי. זיי קענען דען וויסן אַ מענטשנס לעבנס־געשיכטע?

יואל האָט אויסגעמיטן די ווייבער פון הויז, געהיטן זיך מיט זיין באַ־לעבאַטישקייט; אויב אין קראָם אַריין צו גיין, האָט ער זיך נישט שטאַרק אויסגעהיט פאַר די וואָס „טראָגן אים אויף זייערע קעפ״, האָט ער געצי־טערט אַז די שכנטעס זאָלן אים נישט זען וואַשן זיינע טראַנטעס, דאָס אויס־קוועטשן אין די פויסטן די פאַרשטייפטע זאָקן, פון וועלכע עס האָבן זיך נעבעך געגאָסן גֿעדיכטע שטראָמען פאַרב און קויט. מיטן געוועש האָט ער דערפאַר זיך אָפּגעגעבן אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, געפּליעסקעט אין זשאַווערדיקן צעבערל און בשתיקה זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן טעראַסעלע, וווּ די „שטיקלעך״ האָבן זיך געטריקנט ביז פאַרטאָג. אויך באַגינען האָט ער זיך אַרויפגעגנבעט אויף דער טעראַסע און אַראָפּגענומען די וועש, וואָס האָט אַן איבעריק מאָל אַנטפּלעקט די אומהיימלעכע לאַטעס און צערעס, וועלכע ער פלעגט אַליין אָנשטשאָבען; זינקנדיק אין האַלב־שלאָף אויפן ראַנד פון אייזערנעם בעטל וואָס אַנטקעגן דעם געלעגער פון זיין שותף, וועלכער טיילט מיט אים דעם גורל פון אַלט־בחורישער פאַרפאַלנקייט, פלעגט ער פּנים אל פּנים מיט יענעם נאַכט־נאַכטיש פירן זיין אומעט אונטער דער נידעריקער סטעליע. געדולדיק פלעגט ער לאָטען דעם דלות מיט אַ גרעב־לעכער נאָדל און איבערדריסיק פאַרנעמען ס׳שווייגן פון יענעם אָדער זיין להכעיסדיק קלאַפּן אים אין מוח אַריין: „האָרכסט, כוליאַן?... שלאָפסט, מור־טשאַטשאָ? כ׳וויל דיך עפּעס דערמאָנען״ — —

אַזוי טאָג־טעגלעך: געמוזט זיך אָפּיאָגן פון זיין זלידנער באַלעבאַטיש־קייט און יעדן אין דער פרי ס׳קעסטל מכשירים אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל און מיט אָנשטרענג באַוועלטיקט די וויטן, וואָס די שטאָט האָט פאַר אים פונאַנ־דערגעוויקלט. טומלדיק, כאָטש פויל, איז בוענאָס־איירעס אין איר לענג און ברייט, נאָר כוח פאַר איר האָט יואל געגעבן בלויז דער ציפּערישער אָטעם פון פאַרהוילענעם פאַרמעג — ס׳געלט. זיין געלט! ער האָט שוין אַכציק טויזנט, אַכציק, ער מוז אָנציִען צו הונדערט טויזנטערס, ער וועט צוויילן — — און געדענקט האָט ער געגנוי וויפל שטויסלעך אַסיגנאַציעס עס ליגן אין באַהעלטעניש, איבער וועלכן נאָר ער, יואל בענדער, האָט אַן אָפּן אויג; ער ווייסט די צאָל און די קאָלירן פון יעדן שטויסל באַזונדער. נישט ווילנ־דיק האָט עס אַ מאָל אַ זינג געטאָן פון אים. עס איז געוועזן ביי דער דער־מאָנונג אַן דער צוויבערלעכער קראַפט וואָס ער, דאָס שטויבעלע אין שוואַכן

מענטשלעכן געשטאַלט, האָט אָנגעזאַמלט אין פֿאַרהוילנקייט. דערפֿון האָט די ברוסט אין אים זיך אַ הייב געטאָן, די אויגן זיך צעשפּילט און די פּיס האָבן זיך געהויבן אין אומגעלומפּערטן געשווער. עס וואָלט געוויס אָנגענומען אַ געלעכטער, אויב עמעץ וואָלט עס געזען. דאָס האָט דער שרומפּנדיקער יואל אין זיין אַליינקייט זיך אַ מאָל אַ טראַג געטאָן איבער די הייכן פֿון אַן עקסטאַזיקער זעונג. עס איז געווען זעלטן. זיגמונט זיין ביישלעפּער איז נישט געווען און עס האָט אים אַ צי געטאָן דער פֿריידיקער אימפּעט, וואָס געגנאַרט די פֿאַרפּירטע פֿון בלענדיקע נאַרישקייטן. דעם רויטן יואל אין דער אייביק אָפּגעבליאַקירטער טראַנטיקייט האָט עס אָבער באַלד ווידער אוועקגעטראָגן איבער די גריבער פֿון צערודערטן לאַנגווייל. שרעק האָט געקוקט אויף אים: „האָט ווער עס נישט געזען דורך דער טיר־שפּאַרע?‟

און זיינע טעג האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער אויסגעצויגן. ער האָט געשפּירט מידקייט און די פֿריידן פֿון זיינע פֿריידן האָבן פֿחדימדיק זיך אויסגעקילט.

קענטיק — דער רויטער יואל האָט אויף אַ רעכטן אמת זיך גענומען על־טערן אין פֿאַרזעסנקייט. די פּנים־הויט האָט געשרומפּן, די קינבאַקן זענען געוואָרן שפּיציקער און דאָס רעקל אויף זיינע אַקסלען האָט שוין אין גאַנצן אָנגעווזירן די שפּורן פֿון דער אַנומלטיקער ברוינקייט; עס האָט ניילעך אָפּגעגעבן מיט אַ זשאַווער־שיין, וואָס זעצט זיך אָפּ אויף געוואַנט וואָס איז אַרויסגעשטעלט אַקעגן זון און רעגן, אין כסדרדיקן איבערבייט פֿון יאָרן. על פּי נס איז דאָס נישט־ברוינע, נישט־רויטע רעקל געבליבן גאַנץ, להיפּוך צו די הויזן, וועלכע האָבן עפּעס זיך געניייטיקט אין אַ לאַטע, וואָס האָט זיך „געביסן‟ מיט דער קאָליר פֿון די שטאַרק אָפּגעטראָגענע הויזן. ווינציקער מזל האָבן געהאַט צום באַדעקעכץ זיינע לאַנגע פּיס, דער פּאַברע יואל. די הויזן האָבן זיך צעשאָטן, געדריוולט, צוקוקנדיקערהייט אַריינגעפּאַלן אין זיי לעבעדיקע לעכער. אַנדערש דאָס רעקל. ס׳האָט זיך געהאַלטן ווי אַ מויער. מיטן רעקל האָט ער זיך נישט אָפּגענאַרט, נישט געדאַרפֿט שעלטן רעם סוחר יעדעס מאָל ווען ער האָט עס אַרויפֿגעצויגן אויף די אַקסלען; פֿאַרקערט, ביים אָנטון די הויזן האָט ער געפֿלוכט און געזידלט און ער האָט זיך געגריזשעט למאַי ער מוז כסדר האַלטן די נאָדל אין האַנט. — טינוף, אַן אומגליק אויף אים, — האָט יואל געצישעט — די מאָלן האָבן עס צעפֿרעסן ביי׳ערהייט. פֿון דער מאַרנאַרקע האָט ער אָנגעקוואָלן. שטאַרקער, פֿאַרצייטישער פּאָדעם אַריינגעוועבט אין געוואַנט, די מאָלן האָבן נישט אַזאַ

שליטה דערויף, — אַ נחת. אַקעגן זשע האָט פֿאַר דער צייט שטאַרק זיך אָפּגענוצט יואלס שטייפֿקייט פֿון גוף, די פּלייצע האָט זיך אויסגעבויגן, דער שריט זיך צעוואַקלט און די אויגן האָבן גענומען לייכט טרערן.

יואל בענדער האָט פֿון דעסטוועגן זיך נישט אונטערגעגעבן זיינע שלאַבעריק־געוואָרענע מוסקולן. ווי גאָט האָט געגעבן דעם טאָג, האָט ער אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך דאָס קעסטל, די זעג גענומען אין האַנט אַריין און מיט אַליין אונטערגעוואָרעמטן חשק געלאָזן זיך אין די שטאָטישע ווייטן זוכן די שטיינער, וואָס האָבן זיך נאָך געפּאָדערט פֿאַרן געביי פֿון זיין גליק. צי עס האָט אים נאָך אַ סך געפֿעלט — דאָס האָט ער נישט געוווסט. ביי אים האָט נאָר די רגילות געמאָנט: „גיי, לייג צו, יואל". און ער האָט געפֿאָלגט — ר׳איז אַוועק זוכן ס׳באַגערטע. מידקייט איז נישט געווען קיין תירוץ, דאָס ציִעניש נאָך געלט האָט פֿאַרווישט אויך ס׳גאַנצע קלערן, אַפֿילו דעם וועג צום פּשוטן קינדישן שכל אַז ס׳איז שוין גענוג, אַ מענטש באַדאַרף גאָר נישט אַזוי פֿיל — אויך דער וועג איז אָפּגעמעקט געוואָרן פֿאַר אים, כאָטש די מאַמע, די גוטע באָבע פֿלעגן אים קינדוויז צולייכטן (אָ, ווי דאָס געדענקט זיך!) מיט אַ פֿרום ליכטל צו אָט־דער קלוגשאַפֿט. די גיריקייט האָט אָבער גאָר גרויסע אויגן, הגם זי זעט קנאַפּ. יואל האָט זיך געפֿירט ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעלערנט. אַוועק באַלד אין דער פֿרי פֿון זיין אָפּגעלאָזענעם ווינקל און אַהיים געקומען אַן אויסגעלאָשענער אין דער טונקל. וואָס אַ מאָל האָט ער אין דער היים באַוויזן ווינציקער אַרומצוטאָן אַרום זיך, זעלטענער אָנגעצונדן דעם שרייַקן פּרימוס; נישט געווען קיין ווילן אָפּצוקאָכן אַ נאַכטמאָל, ער האָט זיך שווער באַוועגט אַרום צעבערל מיט זיי־נע טראַנטעס. אַ דושנע זויערקייט האָט זיך געשטעלט אין דעם דאַכיקן שטיבל פֿון דער גאָרנדיקער הייזקע, ווו ער האָט מיט יאָרצענדלינגער צוריק פֿאַרשניטן אַ בונד מיט זיין איינזאַמקייט, דאָ זיך געעלטערט מיט דער עקשנות צו זיין נאָר מיט פּעזעס, וואָס זענען אין פֿאַרהוילנקייט ערגעץ אָנ־געהויפֿט אין אַ גלוסטיקן חלום, וואָס אָט־אָט און ער וועט זיך לאָזן פֿירן פֿון אים ביי דער האַנט.

5

ער פֿלעגט זיך פֿאַרדמיונען, דער געלער יואל, אָבער די וואָר האָט אים גענומען דריקן; די צייט איז אומרחמנותדיק, שטענדיק איז זי יונג,

זי האָט כוח צו שרייען, צו לאַכן, אָבער דעם מענטש וואַרפט זי ווי אַ שטיין, און מ׳טרעט אים.

יואל בענדער האָט אָנגעהויבן שפּירן די יאָרן, וואָס גלאָזן הינטער זיך. ער האָט מער שוין נישט געקענט „ברענען", יאָגן זיך איבער דער שטאָט, ווי ר׳איז געווען געוווינט.

די שכנטעס פון הויז האָבן ווינציקער אים געזען, ווינציקער האָט ער געהערט זייער חוזק־געלעכטערל. פאַר יואלס בליק האָט זיך נאָר געגעפּלט די טונקעלע עפּענונג אין דער וואַנט, וווהין ער פלעגט פון מאָל צו מאָל אין מיטן נאַכט צושלייכן כדי אַ טאַפּ צו טאָן מיט די זשעדנע פינגער, צי ס׳איז פאַראַן. זעלטענער האָט אים שוין אויפגעצאַפּלט די ברוסט אין שרעק באשר קליינוואַרג האָט פאַרבלאָנדזשעט צו זיין אַפּותיקא, אַז מייז האָבן זי צעביסן און צעריסן. שלאַבעריקער האָט געקלאַפּט ס׳בלוט אין זיינע אָדערן און ווייכער איז געווען דער טראָט פון זיינע פיס. דאָס געלט אין באַהעלטע־ניש איז געבליבן זיין גרויסער אָנהאַלט. אין גאַס האָט ער גענומען עפּטערס זיך אָוועקזעצן אויף אַ שוועל, אין הוילע טראַכטעניש זיך פאַרגאַווערן מיט דער זיסקייט פון די אָנגעקליבענע פּעזעס, פאַרזשמורעט זיינע קאַפּנדיקע אויגן און די ליפּן האָבן עפּעס געפּרעפּלט. אויפגעשטעלט זיך, פלעגט ער מיט איילעניש זיך לאָזן אַהיים: „ר׳וועט אַ קוק טאָן". ס׳דאַך זיין גאַנצער מאַיאָנטעק. ר׳וועט אויף טשיקאַוועס אויסדרן אַלץ, אַלץ, איבערציילן, צו וויסן אויף זיכער, כי־כי־כי... ס׳האָט פאַר אים אַ לייכט געטאָן, צוגעטריבן וואַרעמקייט צום האַרץ. מיט אַ שטילן כיכיקען גערעדט צו זיך און אימ־פּעטיק, מיט דריבנע טריטלעך געשפּאַנט אַהיים, כאָטש דער וועג צו כוניג־גאַס איז וווייט, ס׳וואָלט כדאַי געווען אַרויסצוואַרפן אַ צוואַנציק־סענטיקן אויף אַ טראַמוויי. יואל וואַרפט אָבער נישט קיין געלט אין גאַס אַריין. גע־גאַנגען און געקלערט: אין שטוב וועט ער אַצינד זיין אַליין, די שכנים זענען פאַרמעכיעט, קיינער וועט זיך נישט נעמען קיין צייט אים נאָכצוקוקן. ס׳וויל אַז מ׳שטערט נישט. זיגמונט שלאָנדערט זיך אַרום, האָט הנאה צו גלעטן פרעמדע קליאַמקעס, דער אייזל! בעסער אַזוי. די נאַכט פאַלט צו, פאַרקריכן די מענטשן אין די לעכער. שאָטנס שרעקן זיי. ער וועט זיך טאַקע צוכאַפּן צו זיין באַהעלטעניש. קיינער וועט נישט באַמערקן.

אַ סך מאָל האָט יואל זיך אַזוי געאיילט אַהיים, אָבער קוויקן זיך מיט זיין אָנגעזאַמלטן אוצר איז אים נישט באַשערט געווען. שטענדיק האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַן אומגעריכטער קלאַפּ מיט אַ טיר, עס האָט אַ שאַר

געטאָן עמעצנס אַ טריט. ער איז געווען געצוווּנגען פֿון האַלב־וועג זיך אָפּ־צוקערן ווי אַן אָפּגעבריטער. ס׳האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט ביז ער האָט זיך באַרויִקט. אַן אויסגעליידיקטער איז ער געפֿאַלן אויפֿן געלעגער אַרויף און געשטאַרט אין דער פֿינצטער ביז זיגמונט האָט מיט זיינע ליימיקע פֿיס צערודערט דעם איינגעגליווערטן חלל.

— יואל? כוליאַן? — דרעפּטשעט ער מיט דער שווערער צונג — ס׳אי׳ דאָך אָפֿן, מוז ער דאָך זיין — און יענער גייט צו טאַפּן מיט די פֿינגער די ווייכקייט פֿון בעטל: — יואל! — טומלט ער באַלד.

— יואל, יואל, וואָס! — רייסט יואל זיך אָפּ אויף אים — ווי אַ זעלנער גייט דאָס אַריין — שטיל קען ער נישט זיין, — און שטויסט אָפּ זיין בלאָנדזשענדיקע האַנט — געהולכטע!

— זע נאָר זע, בייזערט זיך, באַראָן דע הירש!

— פֿאַרמאַכט שוין ס׳שפּיי־קעסטל, פֿיינער מענטש!

יואל בענדער האָט זעלטן זיך אַזוי אויפֿגערעגט. מ׳האָט אים געדאַרפֿט שטאַרק דאָקוטשען, אַז ר׳זאָל אַרויס מיט אַזאַ רוגזה. און אויסגעלאָזן האָט ער על פּי רוב צו זיגמונטן, דעם באַיאָרנטן קאַוואַליר, וואָס האָט אין זיין פֿירונג אויפֿגעהיטן פֿאַנסקע איינגעשאַפֿטן: אָפּט זיך געפּוצט, אַלע טאָג זיך געגאָלט און תמיד דערציילט די זעלביקע מעשיות: פֿרויען קוקן אויף אים, ר׳איז נאָך אין דער מדרגה פֿון פֿאַלן אין אויג אַריין אַ לייטישער נקבה...
יואלן האָט עס געאַרט. נישט ווילנדיק האָט ער אים אַרויפֿגעבראַכט אויפֿן זכרון זיין מערי סופֿר. אַ ווילענקע אַזאַ, די רויז פֿון סקידל, וואָס איז שוין אויף אַן אמת פֿאַרפֿאַראַשעט, פֿאַרטונקלט. אַ שמאָלענקע געווען, דאַכט זיך, ברוינע אויגן, קאַשטאַנענע האָר און ס׳קול האָט זיך געצייגט צו אים, גע־לאַשטשעט: „יואלטשע, זאָג ס׳אייגענע מיין מאַמע. ביסטעך אַ גוטער, יואל־טשע“ — — ווייטע ליבשאַפֿט צו דער־אַ מערי האָט אָנגעוויַעט דעם זיג־מונטס רעדן, און דאָס האָט אַ צופּ געטאָן. ר׳האָט אָוועקגעדרייט פֿון אים דעם קאָפּ און אָפּגעשוויגן. אין אויפֿרעגונג פֿלעגט ער אים טרייבן מיט אַ געשריי. דער האָט באַלד זיך צוריקגעצויגן, ווי אַ נאַשעדיקע קאַץ געבליבן זיצן אָן אַ זייט, באַלעקט זיך מיטן קלעפּיקן געדאַנק, וואָס ער האָט בשעת מעשה נישט געקענט אַריינגאָגלען אין יואלס מוח אַז ער זאָל געדענקען: „ווייבער זענען שטענדיק ווייבער, מוזסט עס האָבן אין זינען“. ער פֿלעגט עס איבערחזרן פֿאַר יואלן ווי אָפֿט ער האָט נאָר געקענט. דער זכרון איז אים געווען זקנהש פֿאַרשלאָפֿן; ער האָט תמיד באַדאַרפֿט אַן אויער וואָס זאָל

אים אויסהערן, און האָט דער שכן אים נישט אָנגעשריגן אין בייזקייט, האָט ער אים אָנגערופֿן כוליאַן. „אוי, כוליאַנדל, ס׳ביסעלע שכל. אויב זיגמונט וואָלט נישט צופֿיל שטאָלצירט, נישט איבערגעצויגן ס׳שטריקל, וואַ־וואַאַ, — ווער עס האָט זיך אַלץ געשאַרט צו אים!״

— באַלעקט זיך, דער אַלטער נאַר, — האָט יואל, אַ מידער, אים „דער־לאַנגט איבערן קאָפּ״, — שוין אַזוי פֿיל אַראָפּגעגליטשט זיך און חשבונט נאָך אַלץ; ער וואָלט...

— אַראָפּגעגליטשט, — באַליידיקט זיך מעכלעס — עך האָב זיך נישט געגליטשט. עך האָב שטאָלצירט מיט זיך. און עך האָב נאָך נישט אַלץ פֿאַרשפּילט, הע־הע, — לאַכט ער לסוף מיט אַ ציגן־געלעכטער פֿון אַ האַלדז אָן ציינער.

און איז יואל פֿון ס׳ביי געזונקען אין שווייגן, האָט דער שכן זיינער נישט אויפֿגעהערט רעדן, ער האָט זיך נאָך צוברענט אין באַרימעריי. נישט געדענקט וואָס ער טוט, האָט ער זיך צוגערוקט צו יואלן וואָס איז געלעגן אויפֿן בעטל און שטיל, מיט אַ טאָן פֿון פֿאַרטרוילעכקייט אים אַנטפּלעקט ווי אַ סוד — וואָס ער האָט אויך זיך איינגעשמועסט:

— ווייס, אַ מאַנצביל פֿאַרשפּעטיקט קיין מאָל נישט. הע־הע, אַ פֿאָלק פֿון נאַשערס, די ווייבער. זעען נאָר אַ פּאָר הויזן, צי אַ פֿאַרשניצטע וואָנצע, קריגן זיי ס׳חולה נופֿל. וועלכע עס שעמט זיך מער, וועלכע ווייניקער, אַלע מיינען ס׳זעלביקע. נאָר פּאַסאָן האַלטן, כוליאַנדל, הערסט? קוק אָן מיך. איך פֿאַרשטיי ס׳לעבן בעסער פֿון דיר.

ער האָט יצר־הרעדיק געדזשאַמדזשעט די רייד און יואל איז געווען צופֿרידן, ווען דער איז ענדלעך אָפּגעטראָטן פֿון אים. געהערט, יענער איז אַרויף אויף זיין בעטל, האָט ער געעפֿנט די אויגן: „פּטור געוואָרן אַ פּגע־רע״. וואָרן די גאַנצע צייט פֿון יענעמס רעדן האָט יואלן געריסן דער אומרו: וואָס איז מיט זיין באַהעלטעניש? לאַנג שוין געקליבן זיך צו דעם און אַלץ נישט באַוויזן אַ קוק צו טאָן. מע שטערט. אַ בייזע גבורה האָבן די לייט. נאָר ס׳יאָגט זיי, ווי פֿון ריצנאייל. בייטאָג און ביינאַכט טראָגט עס זיי! ווער ווייס...

ער איז געלעגן אַן אָנגעשפּיצטער און געשלונגען די פֿינצטערניש וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ קאָלטענעוואַטע. געלעגן און געוואַרט אַ געשפּאַנט וואַרטן. און האָט טיפֿנאַכט שווער אַראָפּגענידערט, ס׳נעבעכדיקע שטיבל איז קווייליק געזונקען אין אַן אורפֿינצטערניש, האָט יואל געלאַסן געשטעלט טריט, געטאַפּט דעם תּלל, געגנבעט זיך צו זיין אוצר. יעדער טריט האָט

בייז אָפּגעברומט אין זיין געהער, אָפּגעציטערט אין דער ברוסט. דעם בליק פֿאַרהוידעט ווי פֿון אַ פּלוצלינגן בליץ. דערקליבן זיך צום הייפּל, האָט ער שרעקיק זיך אַראָפּגעלאָזט צום באַהעלטעניש און מיט די פֿינגער להוט אויסגעמאָסטן ס׳פּעקל, וואָס ער האָט דערווישט. ס׳דאָ, יאָ, ס׳דאָ, עס איז די שאָל פֿון אַלע תוכן, ס׳גאָרע גליק זיינס. אָנגערירט איין מאָל, מאַגנעטיש צוגעקלעפּט געוואָרן צו דעם, נאָך אַ מאָל עס אַ ריר געטאָן און ס׳האַרץ האָט זיך צעפּויקט: מ׳גייט, מ׳כאַפּט אים! יואל בענדערן וועט מען חושד זיין...

אויפֿגעשפּרונגען און מיט פֿאַרנעפּלטן בליק געזוכט ווו צו קערן דעם שריט. אַזאַ פֿאַרלוירנקייט פֿילט מען ערב חלשות: דער מוח טונקלט און אין ברוסט ווערט איבלדיק ווייך.

איטלעך מאָל איז אים געוואָרן שווערער דאָס דערנעענטערן זיך צום פּקדון פֿון זיין לעבן, און ער איז סוף כל סוף מיד געוואָרן צו יאָגן זיך נאָך דעם סוד, וואָס איז מער נישט פֿאַר זיינע כוחות. וואָס־זשע טאָן? אַרויס־טראָגן אים פֿאַר אַלעמען? אָנהייבן פֿון ס׳ניי, און אַנדערש? — ער וועט נישט קענען, און מ׳וועט אים באַגזלען. מענטשן זוכן אופֿנים יענעם צו באַ־שווינדלען. ניין, ניין. ער וועט נעמען און אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען.

נאָך אַזעלכע נעכט איז יואל געבליבן צומאָרגנס לאַנג ליגן אויפֿן בעטל און אין שרעק פֿאַר אומבאַגרייפֿלעך שלעכטס געשפּירט אַן אומגעוויינט־לעכע מידקייט. אַ משא שווער און צײַדיק האָט געדריקט אויף אים. און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין גלוסטונג צו גיין זוכן די פּעזע פֿאַרן טעגלעכן אויסקומעניש. די אויגן האָבן געטערערט, הייס געברענט. דערנאָך האָט ער געשפּירט ווי הונגער נעמט קניפּן זיין אינגעווייד, אָבער אויפֿצוהייבן זיך פֿון געלעגער שוין נישט געהאַט קיין חשק. און די כוחות האָבן אָפּגעזאָגט.

6

— —

זייער לאַנג האָט דער מענטש זיך געקליבן צו אַ פּאַסיקן וועג פֿאַרן אויפֿגעזאַמלטן פֿאַרמעג, וואָס איז אים געוואָרן לעסטיק מחמת דעם סוד, וואָס האָט דאָס פֿאַרהוילן. לענגער זיך היטן איז ממש נישט געווען אַריבער־צוטראָגן, און ס׳האָט שוין נישט געקלעקט קיין גבורה צו יאָגן זיך נאָך פּעזעס: די פּיס זענען ווי אונטערגעהאַקט, די הענט ציטערן אונטער. איז

עס רי עלטער? דער רויטער יואל טראַכט נישט דערפֿון. ער האָט נאָר געשפּירט אַז דאָס קלערן פֿון די פּעזעס וואָס ער האָט אויפֿגעקליבן און ער קען זיי נישט זעען, געבוירט אין אים אַן אומהיימלעכקייט. אים האָט עפּעס נעפּלדיקס געעקבערט אין מוח און צו גאָר נישט זיך געקענט דערטראַכטן, כאָטש ר׳האָט נישט געקענט קלאָר טראַכטן. ווייל די יאָרן וואָס פֿאַרפֿלאָסן זענען פֿאַר אים געלעגן פֿאַרברענט אין אַש פֿון דער מי, וואָס גיט בלויז אַ קאַלטן שאָטן. פֿון גליק חלומט זיך בלויז, אָבער מער נישט. אָפּגעשפּירט אַן אוממאַכטיקייט וואָס דאָקוטשעט, האָט ער געוואָלט זיך באַוועלטיקן, איבערשרייען זיך: ער וועט... ער ווייס שוין וואָס: ער וועט קויפֿן אַ הויז, אַריינזעצן שכנים און חודש איין, חודש אויס וועט ער אָפּנעמען דירה־געלט; ניין, אַ געשעפֿט וועט ער עפֿענען. אַצינד וועט ער באַלעבאַטעווען איבער מענטשנס ווילן ווי ער האָט איבער זיך געבאַלעבאַטעוועט אַזוי פֿיל יאָרן — — אַוודאי, אַ מענטש מוז זיך דאָך איין מאָל אָפּנעמען דאָס וואָס ער האָט פֿאַרלוירן, נוקם זיין זיך אין דער אייגענער אָנמאַכטיקייט פֿון אַנומלט. לא, לא מיט אַן אַלף. גאָר נישט וועט ער קויפֿן. ער וועט זיך אויפֿהייבן, אַלץ דאָ וואַרפֿן, אָפּמעקן און אַוועק אין דער וועלט אַריין. דאָרט ווייט וועט יואל בענדער זיך באַנייען, עס וועט זיך אָנהייבן זיין ריכטיק לערנען אין חדר. ר׳וועט שוין קענען, יואל בענדער אויף זיין נייעם דרך. און אפֿשר זיך נאָך אָפּנעמען פֿאַר דער פֿאַרשפּילטער יונגשאַפֿט, פֿאַר מערין. זעליק מעכלעס זאָגט דאָך: אַ מאַן פֿאַרשפּעטיקט נישט. אפֿשר טאַקע? — דער מוח האָט זיך אים אַ ריר געטאָן, און זיין מויל־ווינקל האָט אויפֿגעצוקט אַ שמייכל־מינע.

באמת שוין אַוועק דעם רויטן יואלס קרעפּטיקע יאָרן. ער האָט דערשפּירט אַז ער איז מער נישט מסוגל צו פֿירן מיט זיך. לרוב קלאָגט אין אים ס׳געמיט וואָס איז צעביסן און צעגריזשעט. און דער אומרו פֿאַר דעם וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהיט, האָט אונטערגעגראָבן זיין נפֿש. אמת, ער האָט לגמרי פֿאַרזען דאָס טראַכטן פֿון איטלעכן אַז אַ מענטש קען קראַנק ווערן; נישט געטראַכט אַז אַ מענטשן קען חס ושלום טרעפֿן אַן אומגליק, אַ משונענער אויטאָ קען אים איבערפֿאָרן אויף טויט, מ׳קען זיך טרויעריק אויסגליטשן — אַנטקעגן דעם מענטש שפּאַנט פֿאַרעטעריש די פֿילגעשטאַלטאַקע צורה. זי גייט אין פּנים אַריין.

אין אַ מיטנסדערנאַכט איז עס אים טאַקע קאַפּויערגעקומען, דעם נעבעכדיקן סטאָליער וואָס איז אין מיטן דערינען אָפּגעשטאַנען ווי אַ פֿיש. אין פֿיבער פֿון די שרעקן איבער זיין געלט, האָט ער אין די פֿינצטערנישן

זיך דערקליבן צו יענעם ווינקל, וואָס האָט געלעבט אין זיין נשמה מיטן קראַנקהאַפטיקן חלום צו קענען אַרויסהייבן זיך ווי דער, ווי יענער מיט רייכקייט, מיט שטאַרקייט. דאָס אויסגעהאַרעוועטע פּעקל געלט איז אָבער געווען אויס. פלוצלינג אויסגערונען געוואָרן ווי וואַסער, וואָס שטראָמט אַריבער דעם מענטשנס האַנט און עס ווערט נישט — — יואלס הענט האָבן ווילד געבלאָנדזשעט אין יענער ענגער עפּענונג. שאַרף, הייס האָט די ערד זיך צעהוידעט אונטער זיין באַריר און פינצטערניש האָט זיך געשפּרייט אין אים, אַריינגעזינקען אין זיין גאַנצן מהות. ווי אַ פאַרווונדיקטער האָט דער מענטש אימהדיק אויסגעשריגן זיין ווייַ און מער נישט געהערט ס׳באַנו־מענע ווידערקול. אין בהלה האָבן שכנים זיך איבערגעוועקט פון שלאָף, גע־לאָפן נאָך דעם נאַכטיקן געשריי, וואָס האָט גיך זיך איינגעלאָשן.

אַ שווערן ווי אַ שוועלשטיין האָט מען געפונען דעם דאַרן, געלן מענטש מיט די הענט ווי איינגעקלעמטע אין דער עפּענונג וואָס צווישן די צוויי ווענט פון צונויפגעטוליעטע שטאָטישע אַלטע הייזער. מ׳האָט אים קוים אַריינגעטראָגן אין זיין טונקעלן ווינקל, אָנגעצונדן אַ פלעמל, מ׳זאָל זען ווי אים אָפּצוקוויקן. די שכנים האָבן מיט באַדויערן זיך אַרומגעקוקט אויף דעם מעמד, ווער עס האָט נאָך אָפּגעזיפצט און איינציקווייז האָבן די מענטשן זיך אַרויסגעשאַרט. „באַשערט אַן אומגליק, ווערט אַן אָרעמאַן נאָך משוגע אויך", האָט עמעץ צוגעוואָרפן זיין שכן און געקליבן זיך צושלאָפן ס׳נישט־דערשלאָפענע. געמיינט האָבן אַלע אַרויסצוזאָגן זייער מיטלייד פאַר דעם אַלטן סאַלטערא, וואָס האָט משוגענערווייז אין מיטן נאַכט כלומרשט פאַר־בלאָנדזשעט אויפן הייפל אַרויף און אויף טויט זיך דערשראָקן פאַר עפּעס. „שוין נישט קיין יונגער מאַן, מישט זיך אים אין קאָפּ"... אַנדערע האָבן געצוקט מיט די שטערנס און חידושדיק דערמאָנט אויך דעם שותף פון דעם־אָ:

„אויסטערליש, אַלץ הייסט מענטשן!"

איינגעשטילט זיך, ווידער איז שטילקייט אַנגערונען אין דער קאַפּנדי־קער טונקלקייט אַריין, איז דער וואַקלדיקער מעבלעס אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער, ביים פלעמל געבליקט פון אונטער די ברעמען אויפן אויס־געשטרעקטן יואל און אַ זאָג געטאָן זיין זאָג:

— הע, אַז עך זאָג, אַ מענטש דאַרף זיך נישט אָפּלאָזן, בין עך משוגע, הע, כוליאַנדל? ני, שוין גענוג. מאַכט זיך נישט צו נאַר!

ער האָט זיך אָבער נישט געקענט דערדעןן מיט אים. יענער איז גע־לעגן מיט פֿאַרקלעפּטע אויגן, שווער געעטעמט.

דער אַלטער מעכלעס איז מיט ליימיקע טריט צוריק אַרויף אויף זיין געלעגער. „מ׳עט שלאָפֿן", האָט ער צו זיך געמורמלט און באַלד אַנטדרימלט געוואָרן. אין דער פֿרי, ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, האָט ער געפֿונען כוליאַנדלען מיט אַ פֿאַרקרימטער מינע הענגען אויף דער זאַוויעסע פֿון דער טיר. די שמאָלע אויגן זענען געווען אָפֿן, פֿאַרגלייזט און די פּויסטן האַרט פֿאַרדריקט.

אַן אויגנבליק האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אויפֿגעטאָן! וואַזשנע אויפֿגעטאָן". און באַלד אַרויס פֿון די כלים:

— סאָקאָררראָ! סאָקאָאָאָאָר־ראָאָ!..* — האָט ער זיך צעליאַרעמט אין פּירהויז אַריין, אַנגעכאַפּט זיך ביים קאָפּ און זיך צעכליפּעט מיט אַן איבער־געגומענקייט, מיט בהלה, ווי אָקערשט וואָלט מען געגאַנגען אויף זיין לעבן:

— סאָ־קאָאָאָררראָ! — ער האָט געכליפּעט אין דער הויזיקער טונקלקייט אַריין און די שמאָלע טרעפּ האָט זיך סכנותדיק געוויגט פֿאַר זיין בליק.

ווען מענטשן זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן האָט מעכלעס שוין באַביש, צע־קנייטשט געקלאָגט אין דעם טויטן יואלן אַריין:

— כוליאַן, כוליאַן, וואָס האָסטו געוואָלט פֿון מיר?

אויף אים האָט אימה געקוקט פֿון דער טיר אַראָפּ. דער פּחדימדיקער סוף פֿירט פֿון אָט דער טיר — —

---

* סאָקאָראָ — ראַטעוועט, הילף־רוף.

דער סוד

דעם אָנדענק פֿון
מלכה כיניטש ע״ה

1

רפֿאל דוב איז אַ סוחר אַ מוכר, וואָס האָט קיין מאָל נישט קיין צייט. כאָטש שטענדיק פֿאַריאָכמעט און געשעפֿטן, תמיד איילט ער זיך, דאָך האָט ער די טבע ערב־טוען אַלץ איבערצוטראַכטן: טאָמער אַנדערש? הגם אים לאָזט נישט אָפּ ס׳געפֿיל אַז ר׳קען עפּעס פֿאַרשפּעטיקן. דער מענטש איז אַ נאַר, זאָגט ער, ווייל מיט אים פֿירט ס׳מזל.

אויך אין געאייל איז ער יונגערהייט, מיט יאָרן דרייסיק צוריק, אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס און באַלד זיך געוואָרפֿן מאַכן פּרנסה: געווען אַ קוענטעניק * ווי ס׳איז געווען אין מאָדע ביי ייִדן, גיך געוואָרן אַ בהמה־הענדלער און געבליבן לסוף אַ קאָנפֿעקציאָנער. פֿון איינס צום אַנדערן איבערגעגאַנגען גיך. נאָר נישט פֿאַרזוימען, איז זיין כלל. „מ׳האָט שוין געזען — די צו־קלוגע פֿאַלן דורך. אויב עס לאָזט זיך — נעם!״ און אַדעלאַ זאָל געזונט זיין, דאָס גוטע ווייב, האָט אים תמיד צוגעווונטשן: „זאָל זיין אין אַ גוטער מינוט, ראַפֿאַעל קרוין. גלוסט זיך דיר אַזוי, זאָלסטו עס טאָן מיטן גאַנצן האַרץ. דער אייבערשטער וועט העלפֿן״.

און ס׳איז געשען ווי זי האָט אים צוגעווונטשן.

אַצינד שטייט רפֿאל דוב מיט אַ בכבודיק געשעפֿט, האָט אַ גרויסן, געמויערטן גאַלפּאָן מיט טישן, מיט שנייד־מאַשינען, פֿאַליצעס סחורה, לוי־פּיקע חשבונות איבער אַ שטיק אַרגענטינע און עס גייט אַ גאַנג. טרעפֿט זיך אַן אַנדער מסחרל, אַ פֿאַרמעקלעכץ פֿון אַ פֿאַבריק, וואָס עמעץ וויל פּטרן און אַ צווייטער קוואַקעט אויף דעם (ער קאָן אַ סך מענטשן און ער

---

* אַ קלאַפּער, הענדלער אויף אויסצאָל.

האָט אַ רירעוודיקן מוח, וואָס לאָזט נישט רוען) איז סעניאָר ראַפֿאַעל דוב אויך דערצו נישט פֿויל. אַ גיי טאָן, רעדן, איינשמועסן יענעמען אַן עסק, איז אים קיין מאָל נישט שווער.

ער האָט גיך געכאַפּט דעם שניט פֿון מאַכן די פּעזע און גיך, טאַקע כּדי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן, אָן שהיות, געלאָזן זיך שדכענען.

אים איז דעמאָלט געווען בערך פֿינף און צוואַנציק יאָר. שוין געהאַט זיך אַריינגעדרייט אין פּרנסה וואָס ליגט צעזייט איבער דעם גרויסן לאַנד (מ׳דאַרף נאָר האָבן אַן אָפֿן אויג!) און ער האָט געזוכט זיך צו שטעלן יוסטער אויף די פֿיס. איינער אַליין וועט ער עס נישט באַווייזן, — איז צו אים דערגאַנגען דער שכל און ער האָט זיך נישט געשעמט דערמיט, ווי עס טרעפֿט ביי יונגע לייט. אַוודאי, ביי חתונה האָבן ווערן זיי אַלע בושת־פּנימניקעס. פֿון פּרנסה וועגן איז ער אַראָפּגעקומען אַ מאָל אַ שמעק טאָן אין די קאָלאָניעס פֿון ענטרע־ריאָס — די לענדערייען וואָס זענען אויסגעשפּרייט צווישן די גרויסע טייכן פּאַראַנאַ און אורוגוויי — האָט מען אים נאַרייעט אַ כּלה און ער האָט זיך נישט אַ קווענקל געגעבן. „אַ יונגער מאַן ווי אַ ליכט — פֿאַר וואָס זאָל ער אָפּשוואַרצן די יאָרן אַזוי־אָ? פֿאַראַן פֿאַר דיר עפּעס רעכטס!“ נאַרייעט, און ער האָט צוגעקלאַפּט, ס׳הייסט: אַ ביסל נאָכגעטראַכט האָט ער יאָ, נאָכגעקוקט דעם מיידל וואָס מ׳האָט אים אָנגעוווּנקען, געפֿרעגט אויף איר און — געזאָגט זיין „יאָ“.

צוגעגאַנגען איז עס אַזוי:

— ראַפֿאַעל, האַ, וועסט זיך לאַנג אַ ז ו י אַרומדרייען אויף פּאַרעווע? — האָט פֿילדייטיק אים אַ פֿרעג געטאָן זיין ניעסוויזשער לאַנדסמאַן כאַצקל שעפּס. ער האָט זיך גענומען די העזה „אַרומצוקוקן“ אויף דעם צוציק וואָס איז דאָ איינער אַליין אויף דער וועלט. — ליידיקגיין איז נישט קיין תּכלית, ראַפֿאַעל. און היימישלעך מרמז געווען: ווייסטעך וואָס איך מיין!

— תּכלית אַהין, תּכלית אַהער. כ׳וועל דאָך נישט גיין כאַפּן אַ ליאַדע שקורע. ביי עפּעס רעכטס וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט. און בינו לבינו געביסן זיך די בעגל. — אַ שטייגער אַזאַ ווי די־אָ — האָט רפֿאל געגעבן אַ צוק מיטן פּנים און זיך אין גאַנצן געשטעלט אין פֿענצטער אַריין — — אַ שטייגער אַזאַ וואָלט מיר געפֿעלן.

דער בערדיקער, באַיאָרטער קאָלאָניסט הייבט אויף דעם בליק: ווען מיינט ער עס? — און אויך זיך צוגעבייגט צו דער שויב.

— אַוודאי זעט ער, דער בחורל, דאָס שענסטע מיידל פֿון דעם קאַנט. אָ! אַ שׂכל! עס איז דאָך איידל האָלוב.

גראָד האָט פֿון אַ שכנותדיקער שטוב געהאַט זיך אַרויסגעוויזן דאָס מיידל — אַ פּולבאַקיקע מיט ליכטיקע, פֿריילעכע אויגן; ווי אַ שבתדיקער שולגאַנג האָט זי זיך פֿאַרבייגעטראָגן — גרינג און פֿאַרביק ווי אַ פּאַווע.

נאָכגעקוקט איר אַ ווײַלע און דער בחור האָט געפֿלאַמט. און האָט ער אַ זאָג געטאָן כאַצקלען מיט זיין גיכן זאָג „ס׳קען גיין״, איז רפֿאלס מוח שוין געשטאַנען אין פּולער זידעניש:

„אַ שײנינקע איז זי, אַ געזונטע קענטיק און אַ באַלעבאָסטע מסתמא אויך. וואָס־זשע דאַרף איך דען מער?״

כאַצקל שעפּס פֿאַרשטייט זיך נישט אויף קיין געלעכטערס.

געהערט דעם יונגן מאַן, האָט ער אים איבערגעפֿרעגט:

— רעד ווי אַ מענטש, ראַפֿאַעל: ווילסטו, ׳על איך איבעררעדן.

אַ שאלה, צי ער וויל. רפֿאל דוב האָט געוואָלט, דער כאַצקל האָט אי־בערגערעדט און עס איז געוואָרן דערפֿון.

צונויפֿגעפֿירט דעם בחור מיטן מיידל,ביידע יונגע, ביידע האָבן געפֿלאַמט אין וואָרער שעמעוודיקייט און זיי זענען זיך איינע די אַנדערע געפֿאַלן אין אויג אַריין און...

ראַפֿאַעל דוב האָט גענומען פֿאַר אַ ווייב אַדעלאַ האָלוב, די זעלביקע פּאַווע פֿון דער האָראָדאָקער כאַוואַניע, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיך אַריבערגעקליבן אויפֿן אַרגענטינער ישוב. זי איז געווען די יינגערע טאָכטער פֿון גבריאלן, דעם מאָנטעפֿיאָרער האָרעפּאַשניק, וואָס האָט נישט אויף קאַטאָוועס זיך באַזעצט אויף באַראָן הירשס ערד.

ראַפּטעם ווי אַ בליץ איז עס געשען מיט דעם יונגן מאַן רפֿאל דוב, וואָס איז פּלוצלינג אַראָפּגעפֿאַלן אויף די יידישע פֿעלדער:

— מזל־טוב! מזל־טוב!

— מיט מזל זאָלט איר לעבן!

— נאָר אויף שׂמחות, אין פֿריידן ביי יידישע קינדער!

טרערן פֿון גדולה און פֿון דערוואַכטן צער האָט מע פֿאַרגאָסן און די ליידיקלעכע קאָלאָניסטישע געגנט האָט פֿאַרקלונגען מיטן אויפֿגעוועקטן יידן.

אָפּגעשפּילט, אָפּגעטאַנצט, און ווי נאָך אַ שטאַרקן טרונק האָט אומעט זיך אָפּגעזעצט אויפֿן דנאָ פֿון די הערצער ביי די קאָלאָניסטישע פּויערן.

געווען אַ קאַפּ יום־טוב און ווידער נעמט וואַרגן דער אינדערוואָכן: אַ קאַפּנדיקער ווי רעגן, אַ בייסיקער ווי שווייס און סכנות שווער איז פֿון די אומאויפֿהעריקע דאגות.

צוויי זין מיט אַ טאָכטער שוין אויסגעגעבן דער האָראָדאָקער און אַלע האַלט ער נאָענט אַרום זיך. לייט האָבן אים מקנא געווען מיט דעם: למה אתה עמל? ס׳גוט צו וואַרעמען זיך אַרום אייגענע, בפֿרט אַז די פּאַמפּאַ איז תמיד ברוגזלעך און קאַפּריז.

אַ קאָלאָניסט מיט קאָלאָניסטישע מחותנים זיך אויסגעמישט, דער יגיע־כּפּימניק גבריאל האָלוב, האָט ער אויך די יינגערע טאָכטער געוואָלט האָבן אַרום זיך. דער נייער איידעם האָט אָבער נישט געוואָלט ציִען זיין ברויט פֿון קאַמף. קומען אין קאַמף אַריין — פֿאַר וואָס נישט? אָבער אַוועקשטעלן זיך דאָ אויף די קאַלעמוטנע פֿעלדער איז נישט פֿאַר מיין טאַטנס זון, — האָט געטענהט דער יונגער מאַן רפֿאל דוב צום שווער און ער האָט זיך פֿאַר־ענטפֿערט פֿאַרן ווייבל: פֿאַרשטייסט, טייערענקע. ס׳אי׳ נישט פֿאַר מיר. כ׳קען נישט שטיין ווי אַ פֿערד אויפֿן אָברעק. כ׳מוז זען אַ מענטש, אַלע מאָל אַן אַנדערן מענטש.

און געטראַכט האָט רפֿאל פֿון דעם אייגענעם טאַטן אין מאַלאָראָסיער שטעטל, נאָך געטראַכט אַלעמען אַהערצוברענגען. אַ סך געוואָלט טאָן, אָבער גערעדט האָט ער אַנדערש, מיושבער:

— גרויס איז באַראָן הירשס מאַיאָנטעק אין אַרגענטינע, אַ סך פֿעלד און אַ סך קאָראַלן פֿאַר בהמות, היימלעכער איז פֿון דעסטוועגן צווישן היי־זער, צווישן מענטשן. ס׳איז אויך אַנדערש אין שטאָט.

קוים אָפּגעיומטובט די חתונה־טעג אין קאָלאָניע און רפֿאל דוב האָט זיך פֿאַרנומען מיטן ווייבל קיין בוענאָס־איירעס.

— ער ווייס שוין, ער וועט זיך פֿאַרנעמען אויף אַ ריכטיקן דרך.

ווינציק גערעדט, דער יונגער מאַן, רק געטראַכט און פֿאַרהוילן זיין טראַכטן ווי אַ סוד פֿון מי־יודע וואָס. פּרנסה, פּרנסה, — האָט עס אין אים געזונגען און זיך געלאָזן אויף אַלערלייִקע עסקים, אַבי די פּעזעס זאָלן נישט פֿעלן. „אויב נישט יונגערהייט — ווען דען?“

2

ווי עס וואָלט געווען אָקערשט נעכטן, אייערנעכטן, געדענקט עס זיך, כאָטש עס איז שוין אַוועק אַ קאַרגער דור זינט יענעם חתונה־מאָל אין מאָנ־טעפּיאָרע.

אַלטע לייט דערמאָנען זיך נאָך ווי מ'איז דעמאָלט געפאָרן צו דער חתונה מיט סולקעס, געריטן אויף פערד און פאַרנדיק־רייטנדיק באַלויכטן די אָוונטיקע פעלדער מיט געצונדענע לאַמטערנעס, מיט פלאַקערנדיקע שטורקאַצן.

לכבוד אַ חתונה אין מאָנטעפּיאָרע האָבן זיך תמיד געפעדערט ווייטע און נאָענטע קאָלאָניעס. צו גבריאל האַלוב איז מע געפאָרן מיט מתנות און מיט ברכות פאַר פאַרמערונג און פאַרשטאַרקונג פון יידן אויף די פּאַמפּאַס.

— מזל־טוב, מערטשעם ביי אייערע קינדער און קינדס־קינדער!

— מזל־טוב אַלע יידן! — האָבן געהילכט די פעלדער אין פרייער טונקלקייט און לידער האָבן ווי פריילעכע פלעמלעך זיך געשפּרייט מיט ליכטיקייט.

די געשפּאַנטע און אָנגעזאָטלטע פערד האָבן זיך צוגעהאָרכט, זיי האָבן צוגעהירזשעט.

— שוין צייט אַז ס'זאָלן זיך אָנהייבן שמחות. געננג ביטערע עפּעלעך שוין אויפגעגעסן, — האָבן ווייבער זיך איבערגעגעבן מיט ווינטשענישן און מיט אַ קרעכצל.

ביי וועמען עס האָט נאָך געגליוועט אַ זיס־טרויעריקע טרער.

— צו נחת מוז מע נעבעך אויכעט האָבן כוח. — דערמאָנט זיך איינע אָן פיבער וואָס האָט גראָד געוואָרפן פון די פיס אַ שכנישע קאָלאָניסטישע שטוב. ס'איז געווען הארט פאָרן אַרויספאָרן צו דער שמחה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פונאַנדערגעוואָרפענע יידישע פעלדער.

זינט דעמאָלט האָבן די קאָלאָניעס שוין געפּאַקט און געמאָזלט. היי־שעריקן און זאַמד־שטורעמס, טריקענישן און פוילענישן — אַלץ, אַלץ באַ־שערט געווען און ברוך־השם זיך אויסגעפּאַרכעט, ווי די פּאַדאַליער זאָגן, אַרויסגעוואָקסן שטיקלעך מענטשן. אַרויסגעדראַפּעט זיך פון דלות און — ס'זאָל אַזוי נישט געשען ווי ס'געשעט. אויף עולמות האָט מע נישט אונטערגעשריבן קיין קוויטלעך מיטן רבונו של עולם. געקומען טאָקע ס'גוטע,

נאָר דערצו האָבן נישט אַלע צוגעצויגן. אויך דער האַראַדאָקער מחותן גבריאל האַלוב איז שוין אַוועק זיין וועג און פון כּאַצקל שעפּס איז געבליבן נישט מער ווי אַ געזונקענער שטיין אויפן דאָרפישן בית־החיים. די קינדער זענען זיך צעפאָרן איבער אומבאַוווסטע ברייטן פון לאַנד און די איינקלעך גלוסט נישט צומאָל אַהערשמעקן.

עס איז אומעטיק צו טראַכטן פונעם סוף —

רפאל דוב, אַ ביסל אַ צעוואָקסענער, שוין אַ שווערלעכער אין טראָט, האָט אַוודאי נישט קיין געלוסט צו אַזוינע מחשבות. און ער האָט נישט קיין צייט. די פּרנסה טרייבט, די פּעזע לאָזט נישט אַנדערש. אַ באַרג זאָרגן זיך אָנגעהויפּט, אנן דער באַרג דריקט, כאָטש גליטש זיך אַרויס דערפון. גוטע תירוצים שיקט טאָקע צו זיין ליבער נאָמען: אַ קנס־מאָל ביי דער אייגענער טאָכטער, אַ חגיגהלע ביי אַ ידיד. מ׳פרייט זיך, מ׳זוכט זיך צו יומטובן ביי יענעמען, אַבי זיך צו פאַרגעסן. אָבער דער שאָטן טרעט נישט אָפּ. די יאָרן שפּאַנען מגושמדיק. און עפּטערס רוקט זיך אונטער ערגעץ אַנדערש אַ שניט פון מלאך המות. באַהיט זאָל מע ווערן — לוויות מערן זיך ביי נאָענטע, ביי ווייטע. אַריינגעשלעפּט אים אין לאַנדסלייט־פאַראיין פון די נעסוויזשער, דערמאָנט מען זיך אים נאָר אין הזכרות... ע, עע, נישט גוט! ווי עס איז שוואַך, דאַרט רייסט זיך — טראַכט ער. נאָר קלערן אַ סך איז אַן אומגליק, נישט קלערן — מוסרט ער זיך און ער איילט זיך שוין, ווי ס׳איז זיין שטייגער. שטענדיק איילט ער זיך.

רפאל דוב טרייבט זיין שעוראָלעט. די שלייפן זענען גראָ, די באַקן פול מיט רויטע פלעקן און די אויגן מיד. זיי גלאַנצן פון טרויעריקער מידקייט. ער וועט זיך נישט אונטערגעבן. אַ ספּרוזשינע אַז מ׳דריקט אַן — געדענקט ער — מוז זי אויפשפּרינגען. ער וועט דריקן, דריקן. איי, עס מישט אין קאָפּ, די האַנט גיט אַ ציטער? נאַרישקייטן!

און אַז אַדעלאַ בעט זיך ביי אים:

— ראַפאַעל, גיב אַכטונג, ביסט נישט קיין יינגל, געלאַסן, — גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט.

— זאָלן מיינע שונאים אין די אויגן! —ענטפערט ער און אַנטלויפט אויף דער קאָטש פון דער שטילער, שיינער שטוב. די רויִקייט באַאומרויִקט דעם סעניאָר ראַפאַעל דוב.

אין שטאָט שטעלט ער אָפּ מענטשן, פאַרטשעפּעט אַזעלכע וואָס באַמערקן אים נישט:

— געזען נפתלין, בערנאַרדאָ?

— שיק צו מיר אייזיקן, דודקע. כ'האָב אַ נייטיקע זאַך פאַר אים. זאָלסט נישט פאַרגעסן, הע!

— פעדראָ, ווו זאָל'עך זיך אַרומיאָגן נאָך דיר? קום איך צו דיר אין שטוב, ביסטו נאָר וואָס אַרויס אין קלייט אַריין, גיי איך אין דיין קלייט, טרעף איך אַלעמען, נאָר נישט דיך!

ער קאָכט זיך, דער סעניאָר דוב.

די ברייט-פונאַנדערגעוואָרפענע בוענאָס-איירעס פאַרכאַפּט דעם סעניאָר ראַפאַעל דוב. די געשעפטן רופן, די פרנסה לאָזט נישט אָנדערש. די ספּרו-זשינגע דאַרף מען אָנדריקן. ער וועט זי דריקן. גלייכער זי אָנצודרוקן איידער צו זיצן אין שטוב, קוקן אויף צוריק. יאָרן זענען פאַררעטעריש.

„ראַפאַעל, גיב אַכטונג" — —

דער טייוול רייסט פון אים שטיקער, אויב מ'קומט שטערן.

— איך האָב נישט קיין צייט. נו, ווייסטו שוין?

אָבער איצט איז עס אין כלומרשטן. איצט טרייבט אים עפּעס אַנדערש — די אייגענע שטוב האָט זיך געוואָרפן אויף אים, און זי טרייבט מוראדיק.

3

— — — ווי טרערן-פלעקן אויף דעם פּנים פון אַן איינגעשטילט קינד, האָבן די אַלע שיינע יאָרן געלאָזן אַ נאָגנדיקן ווייטיק אין געדעכעניש פון ראַפאַעל דובן. אָפּט מאָל שניידן זיך אַרויס אָט-די פליאַמעס אין געשטאַלט פון נעפּלדיקע שליאַדן וואָס ציִען צו זיך ווי אָקערשט איבערגעלעבט'ס, און ס'איז נישט שכיח עוקר צו זיין פון זיי.

רפאל רוב ראַנגלט זיך מיט די יסורים וואָס קניפּן זיך איין אין זיין גוף און נשמה. אַדעלאַ דאָס ווייב איז דער נאָמען פון דעם ביטערן געראַנגל, ווייל אַדעלאַ איז קענטיק — ער. אין גאַנצן — ער. יאָ, צוזאַמענדיקע יאָרן זענען מסוגל אויסצוקנעטן אַזאַ שאַרפע שפּירונג.

אַצינד, אַז זי איז שווער קראַנק, איז קראַנק זיין גאַרער נפש. אַצינד וויינט די וועלט אין אים. און ער האָט נישט וועמען אויסצודערציילן דערפון. מוז ער זיך אויסוויינען אויף דער שויס פון דעם אייגענעם גורל וואָס איז מסוכן שלאַף. ער לויפט פון זיך און דערלויפט נישט אין ערגעץ.

זע, זע. די אויסגעצערטע אַדעלאַ האַלט אַלץ, אַלץ אין אירע קליינע, בלאַסע פויסטן. זי באַלייכט אַלץ און אַלעמען מיט איר טרויעריקלעכן בליק וואָס איז אָקערשט פול טרערן. ווייסט זי עפּעס? איז זי זיך עפּעס משער פון די יסורים, וואָס גראָבן זיך הינטער איר?

ווי, שוין אַ צייט פון מסוכנע וואָכן, חדשים און לאַנגע שוואַרצע נעכט פון וואַכזיין, און ער מוז זיך וואַרגן מיטן ביטערן סוד: אַדעלאַ איז סכנהדיק שלאָף און סיי ער, סיי די דאָקטוירים געגנאַרן זי אַרום מיט תירוצים, מיט קאַליריקע פילן, מיט הוילע צואָגענישן אַז זי ווערט אָט־אָט געזונט. מ׳גע־נאַרט ווי אַ קינדיש מיידעלע דער מאַמען פון די שיינע, ליכטיק־אומעטיקע און קלוגע קינדער וואָס טאָרן נעבעך אויך נישט וויסן וואָס עס איז גע־קומען אויף זייער יונגער מאַמען. ווי אים, דאָס געגנאַרן גייט אין פּאָר מיטן באַשיימפּערלעכן צאַנקען פון דער טייערער. און ער מוז זי כסדר אָוועק־געגנאַרן פון טראַכטנדיקע רייד, מוז זי אָוועקפּירן פונעם פּנים פון שפּיגל. ער מוז, ער האָט נישט קיין אַנדער עצה ווי אַרומפּירן זיך מיטן בלודנעם בטחון וואָס אין אים טאָר ער בשום אופן נישט גלייבן. יאָ, יאָ, די דאָקטוי־רים זאָגן, די דאָקטוירים ווייסן און ער טאָר עס נישט נישט וויסן, ער דער פאַרמשפּטער אויף טרויער.

אָ, דאָקטוירים, און די ליגנס און די גרימעניש פונעם שוואַרצן בילד וואָס פאַלט אויף אים, דערדריקט אים מיט פינצטערגיש און ער מוז — שמייכלען. ר׳מוז ברענגען פאַרגעסנקייט פאַר דער טייערער.

4

— האַלאָ, סעניאָר דובי!

ע, ווער קען אים אָפּשטעלן שמועסן? נאָר עס טראָגט דעם מענטש. און עס איז אים נישט צו דערקענען. סותרים חידושן זיך: „אַז געשעפּט נעמט אים אויכעט נישט", — און זיי פאַרדרייען די אויגן.

ס׳איז געוואָרן קענטיק אַ גרויסע שינוי אין דעם מענטש.

הפּנים, עפּעס האָט אָפּגעזאָגט ביי דובן, אויב ביי אים איז געבליבן צו נעמען זיך צייט גיין צו עמעצן, רעדן פון דעם וואָס עס ווילט זיך נישט רעדן.

... שוין געווען אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי, ווען מאַניש זייפערט

האָט אַ פֿאַרשלאָפֿענער זיך אַ ריס געטאָן פֿון געלעגער. צעטרייסלט זיך פּלוצלינג דאָס טיר־גלעקל און אים האָט עס אַ שלעפּ געטאָן „פֿאַר די אויערן”. אַ ביטערע נאַכט געהאַט (האָט ער זיך געשפּירט זויער) בשום אופֿן נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. מבולבל זיך אַרומגעקוקט ווי ר׳וואָלט געזוכט וואָס אַזוינס ס׳האָט זיך דאָ פֿונאַנדערגעשאָטן מיט איילִיקן געקלימפּער. „אָ, מסתמא שוין שפּעט”, און נישט געפֿילט קיין כוח צו גיין זען ווער עס איז געקומען. ער האָט געשלעפּט די פּיס און אויף זיין וויִע האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אַ שפּליטער ליכט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך דער אַראָפּגעלאָזענער שאַלוזיע פֿון שלאָפֿחדר. די זון שטעלט שוין לאַנגע לאַפּקעס איבערן דיל, טאַפּט ס׳מעבל.

„גוט, וואָס עס מאַכט זיך כאָטש שיין”.

געעפֿנט די טיר — עס איז רפֿאל דוב. „וואָס איז די מעשה?” דאָס גאַנצע לייב ציט זיך נאָך אין פֿוילקייט, האָט דערפֿאַר געפֿרעגט נאָר זיין בליק. און ר׳איז עפּעס נישט דרייסט געווען צו באַוואָרפֿן דעם אַריינגעקומענעם מיט פֿראַגעס. עפּעס נידערגעשלאָגן דער מענטש, האָט ער זיך געכאַפּט. מאַניש גייט אין שטוב אַריין און דער גאַסט נעבן אים. דער האַסטיקער רפֿאל טראָגט זיך איבערן קאָרידאָר ווי אַן אונטערגעזונקטער.

אָט זיצן זיי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. מאַניש מיטן שלאָף אויף די אויגנלעפּלעך: „מסתמא אומהיימלעכס ברענגט דער־אָ” און אים שווימט נאָך דער דרימל אויפֿן האַרצן. דאָך איז גוט צו זיצן מיט האַלב־אָפֿענע אויגן, איינצוהערן זיך אין די טריט וואָס אָנען זיך דיר. פּעסע גייט, פּעסע וועט מאַכן שטיל אין שטוב, וועט ער זיך צוריקלייגן. אַוודאי, עס טרעפֿט: אַ מענטש איז אַזוי מיד ווי ער. דאָך — דער גאַסט! דער שלעפֿעריקער מאַניש זייפֿערט שטרענגט זיך אָן אויפֿצוהייבן צו אים דעם בליק:

— נייס, רפֿאל?

— נישט גוט, מאַניש. — איז אים שווער דאָס קוקן אויפֿן אַנטקעגנדיקן. — איר קענט מיך אויסהערן? — און קענטיק, ר׳שעמט זיך מיט זיין מאַנצבילישן לעכצן זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרצן. — אַ פֿריינד פֿיל איך אין אייך. נאָר אַ סוד, כ׳בעט אייך, שטאַרק בסוד.

ראַפֿאַעל דובס ליפּן קראַמפּן זיך צונויף.

— וואָס פֿרעגט איר...? איר זעט: ווי די וואַנט וועל איך שווייגן.

— כ׳גלייב אייך — רייטלט זיך רפֿאל און ר׳שפּירט אַז אַ וואָלקן פֿינצטערט אָן זיין פּנים.

מאַניש נישטערט שוין אויף אים מיט נייגיר, געלאַסן, אַז דער זאָל עס נישט דערפילן, נישט זיך שטערן.

— נישט גוט, מאַניש. מיינע איז שווער קראַנק. אַ מוראדיקער חולה. און זי ווייסט עס נישט. די קינדער ווייסן אויכעט נישט. איך מוז עס וויסן און כ׳מוז שפּילן אַ פריילעכן. פון איר טובה וועגן שפּילן אַ טרויעריק שפּיל. וווּנדערט זיך נישט, מאַניש.

— וואָס איז געשען, רפאל? עפּעס מיט אַ מאָל! — ער זעט ווי ביי רפאלן ברענען די אויגן. זיי זענען דערצונדן — איר שלאָפט שלעכט?

— פרעגט נישט. אַ מענטש האָט אַ צונג און קען נישט רעדן. שוין דריי יאָר ווי דאָס דריקט, און וואָס אַ מאָל ערגער. מיין ליבער, מ׳ווייס גאָר נישט ווי שטאַרק מ׳איז! איך טרייב זיך אַרום, כדי זיך צו פאַרגעסן. איך שרעק זיך, מאַניש!

רפאל דוב קוקט זיך אַרום חשדיק. שטיל איז אין די־אַ צימערן, אומעטום צעפּראַלט די טירן. פון די פענצטער שפּאַרט די יונגע זון. ס׳איז אָקטאָבער, אָנהייב דרומדיקער פרילינג און ער שפּירט אַן אינעווייניקדיקע קעלט. פּלוצלינג הערט ער זיך איין אַ ווילע: יאָ, נישטאָ מער קיינער אין הויז.

— טרויעריק, איר הערט? אַדעלע איז קראַנק אויף... — זיין שטים זינקט אין טרעריקן טונקל. קוים ער שטאַרקט זיך: — וואָס זאָל איך אייך זאָגן! כ׳דאַרף נישט זאָגן. איר פאַרשטייט שוין. ס׳ערגסטע האָט זי. די פרוי איז מוראדיק קראַנק און איך שלאָג זיך מיט דער שרעק, וואָס גייט אויפן גאַנצן הויז.

ער דערשטיקט דעם כליפּ, רפאל קווענקלט זיך מיט די רייד, וואָס ער דערדעדט נישט. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן. שטאַר, ווי ביי אַ בלינדן, איז דער בליק געווענדט אין חלל אַריין. דער דאָזיקער אויגנבלענד האָט מאַנישן, דעם אַנטקעגנזיצנדיקן, פאַרגליווערט. געקוקט אויפן גאַסט, געקוקט און דערשפּירט דאָס שרעקלעכע ווי אַ ברי, וואָס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אין רפאלס וואָרט:

— אַ קאַנסער!

ערגעץ טיף אין מאַניש זייפערטן האָט עס אַן אומגעריכטן גריבל געטאָן מיט ברענענדיקע נעגל. ער האָט זיך געגעבן אַ הייב:

— איר רעדט זיך איין, ראַפאַעל!

די וואָר האָט זיך ברוטאַל געוועקט אין אים און זי האָט אים אַ צי געטאָן ביי די האָר־וואָרצלען —

— הערט אויף, ס'אַ ליגן! — האָט מאַניש זיך געווערט און אים אָנ־געשריגן —

— הלוואי וואָלט איך געווען אַ ליגנער! —

און די אויגן זענען ראַפאַעלן געווען פאַרגאָסן, נאָס די באַקן.

שווער געווען דאָס שוויגן וואָס האָט זיך אָפּגעריסן באַלד נאָך דעם. עס האָט געדויערט אַ מינוט, אפשר אַ שעה; לאַנג און מיט רוגזה האָט עס געהאַמערט איבערן מוח. לעסטיק איז געוואָרן מאַנישס בליק, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט רפאל דובס קוק.

— דריי יאָר אַזוי, מיין ליבער.

פלוצלינג רופט ער זיך אָפּ מיט אַ שלוכצנדיק קול.

און ווידער אַ וויטיקלעך שוויגן. דערנאָך האָט ראַפאַעל זיך צוריק־געקערט צו די אָפּגעריסענע רייד.

— שוין צוויי אָפּעראַציעס געהאַט פאַר דער צייט. די ערשטע האָט באַלד געוויזן אַ בייזן אַנוווּקס. פון דעסטוועגן איז זי געווען אַ ביסל רויק. וויטיקן זענען נישט דערגאַנגען צו איר מיט אַזאַ האַסט און אַדעלעס פנים האָט געלאָזט מיינען — — אַ טעות קען דאָך באַגיין דער בעסטער דאָקטער, און אַ נס קען דאָך אויך געשען. אין אמתן האָט די צרה זיך נאָר פאַרטייעט. איטלעך מאָל איז „דאָס" אָנגעפאַלן אויף דער אומגליקלעכער אַדעלאַ, איט־לעך מאָל אַ גריזשע געטאָן.

ער האָט פאַרביסן די ליפּן, איבער די באַקן האָט דורכגעצוקט אַ גרי־מאַסע. מאַניש האָט שוין נישט געקענט אַראָפּשלינגען דאָס אָקערשטיקע שוויגן.

— און איצט? — האָט ער געפרעגט קוים אָנצורירן דאָס וואָרט מיטן גומען.

רפאל דוב האָט שוין געפלאַמט.

פריקרע געוואָרן דאָס פרעגן, יסורימדיק דאָס ענטפערן. מאַניש האָט זיך נישט געקענט באַוועלטיקן. ס'קוקן, ס'שוויגן האָט ממש געשלאָגן. דער פרעג האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים, געטריקנט די ליפּן.

איצט? ווי איז אים, אַ צער אויף די קינדער. ראַפאַעל האָט נישט געפונען אַ וואָרט צו ענטפערן, אין די שלייפן האָט עס געהילכט. ליבערשט וואָלט ער אים געפּאַטשט, דער מאַניש. לסוף זיפצט ער אָפּ. ער קען שוין:

— פֿאַראַיאָרן האָט עס זיך שטאַרק פֿאַרערגערט. „יסורים גראָבן זיך אַ קבר אין מיין אינגעווייד, ראַפֿאַעל. כ׳וועל נישט לאַנג אָנטרייבן״, — האָט זי אין מיר אַריינגעוויינט מיט אַ געוויין וואָס האָט צעשניטן ס׳האַרץ. בלויז מיר האָט אַדעלע עס פֿאַרטרויט. כ׳בין איר אַ מאַן, כ׳בין איר אַ פֿריינד. וועמען זאָל זי דערציילן פֿונעם ווייטיק פֿון איר צונויפֿגעשטשעמעטן האַרץ אַז אַפֿילו פֿאַר די קינדער היט זי זיך? זי האָט זיך געשטיקט מיט איר געיאָמער אין די נעכט, פֿאַרבאַהאַלטן זיך מיט די יסורים אין פֿאַרטונקלטן צימער בייטאָג. די קינדער וויל זי נישט זאָגן וואָס איר איז — זיי קענען דען עפּעס העלפֿן? און פֿאַר דער גאַס האָט זי מורא געקראָגן: אפֿשר דערקענט מען אין איר... מ׳דערקענט נישט, אמת? איר זעט דאָך אַדעלען — זי איז שיין, פֿריש ווי תמיד. זי איז נאָר מוראדיק בלאַס געוואָרן, אַזש געל, און די געלקייט שלאָגט מיר איבערן קאָפּ: זעסט? זע די שווערד.

העלער זון־טאָג שטייט הינטערן פֿענצטער, די שטילקייט פֿון די דאָזיקע צימערן לייגט זיך צו די פֿיס און ד ע ר הערט נישט אויף צו ציִען און וויקלען דאָס געקלאָג פֿונעם מענטש, וואָס בעט אַ ביסעלע לעבן ווי מ׳בעט אַ נדבה.

— איך האָב פֿאַרשניטענע יאָרן, מאָניש. גיי באַהאַלט אויס אַ שריפֿה! פֿאַרדושעסט דעם פֿלאַם, זעצט אַרויס אַ רויך, דער טשאַד רייסט זיך פֿון אַלע שפּאַרונעס. די גאַנצע צייט ציטער איך איבער איר און כ׳וויל שוינען ס׳הויז. אַ באַרג צרות אַליין גענומען אויף זיך און ער פֿרעסט מיך. איך בין געלאָפֿן צו מיינע דאָקטוירים, געגאַנגען אָן איר; כ׳האָב געמוזט זיי צוגרייטן, פֿרעגן, עצהן זיך. זי טאָר ג אָ ר נ י ש ט וו י ס ן. כאָטש פֿאַראַיאָרן איר שוין נאָך אַ מאָל געשניטן, ווייסט זי אַלץ נישט. תירוצים בסדר געגרייט פֿאַר איר: ס׳אַן אולסער אין מאָגן. מ׳האָט פֿאַרנייט אינעווייניק, דערפֿון ס׳שווערע היילן. ס׳וועלן אָוועק די ווייטיקן, מאַמעלע.

— ס׳איינציקע גליק — דאָס נישט וויסן אירס, מאָניש.

ווידער פֿינצטערט דאָס פּנים ביי רפֿאל דוב און מאָניש דערוועגט זיך נישט צו קוקן אויף אים; אַקוראַט ער וואָלט געווען חייב, דער גוטער פֿריינד, אין דעם אומגליק וואָס טליִעט זיך אין יענעם הויז.

— כ׳מוז היטן די באַקאַנטע, זיי זאָלן זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ רמז וואָס קען פֿאַרוואונדיקן די איינגעשלעפֿערטע מורא פֿון דער פֿרוי, וואָס טוליעט זיך צו דער טונקלקייט; כ׳מוז אויסהיטן אַלע שמועסן, וואָס זייטיקע

פירן אַ מאָל מיט אַדעלען. איי, די יסורים, וואָס טאַטשען איר לייב! אויף דערויף זענען קלאָמפּערשט דאָ דאָקטוירים, רפואות. אוך, ס׳אַראַ שקרים!

— איר טוט גוט, ראַפאַעל. און זי איז גאָר נישט חושד?

— ווער קען וויסן די וועגן פון טויט? אונדזער איינשמועסן איר האָט אפשר פאַרשלעפּערט דעם דראָענדיקן געדאַנק דערפון, און אפשר בלויז איינגעשטילט אַדעלעס קול — גיט ער אַ ווייַן אַרויס. — זי איז שוין חושד און מיר לאַכן פון איר פרעגן. „אַ לונג און לעבער הענגט דיר פאַר דער נאָז״, — שרייען מיר אַלע און פאַרטומלען די אימה מיטן צאַפּל פון איי־גענעם לייב און לעבן. כ׳ווייס נישט, צי די קינדער זענען זיך שוין משער — ס׳קען נישט זיין אַז זיי וויסן נישט: כאַקאַבאַ איז אויף מעדיצין, סאַרע איז אַ געלערנט מיידל. מיר רעדן נאָר נישט פון דעם. אומאָפּגעשמועסטער־הייט באַהאַלטן מיר די אייגענע יסורים אונטער כלומרשטער פריילעכ־קייט. איך לאַך פון אַדעלען און די קינדער העלפן מיר אונטער. זיי פילן נעבעך די שאַרפע נויט פון מוזן הויזן אונטער איין דאַך מיט דער סכנה. מיר שווינדערט דאָס־אַ שפּילן, מאַניש, כאַטש יעדעס מאָל רייסט עס פון מיר שטיקער. פאַר איר גורל טאַטשעט עס מיך, און ס׳פּיי־ניקט פאַר די קינדער וואָס טאָרן אויכעט נישט הערן פון מיר קיין אָפענע רייד. און כ׳מוז נאָך זיצן אין פּרנסה־זאַכן, געדענקען אין דעם הויז. חלילה, איין שטיין אַז מ׳ציט אַרויס פון פונדאַמענט, איין בעליק ווערט איינגעפוילט, צעוואַקלט זיך דער גאַנצער בנין — — ווינציק צו זאָגן אַז ס׳איז גבורה. אַ שגעון האַלט מיך, וואָרן אַ מענטש ביים זיבען וואָלט שוין געווען אויסגע־צויגן די קאַפּיטעס.

רפאל דוב פאַרקוועטשט די אויגן. ער הערט זיך איין אינעם אויס־קלאַנג פון די אייגענע רייד, וואָס שטעלן זיך אים אַקעגן געשוואָלענע, צע־קאַליעטשעטע, אין סאַמע וווּנדן, און זיי רופן.

אָבער שווייגן קען ער מער נישט.

— איצטער, זאָגט ער, קומען ווידער אויף די ווייטיקן ביי אַדעלען. אַ בייזע חיה איז עס. זי וואַקסט אין איר און ברומט אויף מיט רציחה. איך באַנעם אַדעלעס אומאויפהערלעך קלאַגן. אויך אין איר ביטערן שווייגן, אין איר בלאַסקייט, שרייט דאָס געוויין. זי איז דאָך אַ יונגע פרוי, אַ מאַמע פון וואַקסנדיקע קינדער. אונדזער נחמיה איז נאָך נישט קיין בר־מיצווה. איך האָב נישט קיין רו, מאַניש. כ׳האָב נאָר מורא, כ׳זאָל נישט פאַלן אין מיטן

דערינען. איך בין שוין אַן אַלטער ייִד און מוז זיך נאָך דרייען ווי אַ ייִנגל אויף אַ ווילדער קאַרוסעלע — — ווערט חלילה עפּעס טרעפֿן, זאָלט איר כאָטש וויסן. איר זעגט אַ פֿריינד וואָס דאַרף עס וויסן. איך טאָר נישט זיצן רויִק. כ'מוז איצט ווידער מאַכן קונצן זי אַריינצוגענאַרן צו דאָקטוירים, געפֿינען תירוצים צו זען קלאָמפּערשט איר וואָג, מעסטן דעם בלוטדרוק. „איך מוז אַכטונג געבן אויף דיר, זאָג איך, ידו פֿאַרגעסט אַז מ'דאַרף זיך היטן". און כ'ציטער, וואָס איך מוז זיך אײנער אַליין אַרומטראָגן מיט דעם אימהדיקן סוד. כ'האָב מורא, מ'זאָל נישט דאַרפֿן ווידער אַ מאָל שניידן. וואָס־זשע וועט זיין איצטער, צום דריטן מאָל? „מ'וועט פֿון ס'ניי שניידן, ראַפֿאַעל — ווײנט זי אַריין אין מיר — אַצינד וועט מע שוין פֿאַרשניידן ס'לעבן פֿון דעם קינד נחמיהס מאַמע, מ'וועט פֿאַרשניידן גבריאל האָלובס טאָכטער, און אַ סוף". זי פֿאַלט שטאַרק ביי זיך. איר כאַפּן אָן אויסטערלישע ווייטיקן, אַזעלכע מיטאַמאָליקע קראַמפּן. שטיל קען זיין אַ טאָג, צי צוויי און זיי הייבן זיך אויף פֿון ס'ניי, שטויסן זי. זי ווײנט אַרויס אין דער שטיל, אַז די קינדער זאָלן נישט הערן. פּלוצלינג גיבן זיך די יסורים אַ וועק אויף, באַפֿאַלן מיט וועלפֿישער בלוטדאָרשטיקייט.

שווער צו קוקן דרייסט אין פּנים אַריין אַ מענטשן, וואָס ווייסט שוין דעם דרך פֿונעם טויט. עס רונצלט דער רוקן אַז מ'הערט אַזוי רעדן. מאָנישן נעמט שוין ווי טאָן דאָס בליקן אויפֿן גאַסט. וואָס זיצט ער, דער בהמה, און הערט! און ווערט ראַפֿאַעל אַנטשוויגן, פּייניקט מאָנישן זיין אייגן געצווונגען שווייגן.

— איך זע, ס'איז שלעכט. אַדעלעס שיינע פּנים זאָגט עס אויס. שטאַרק בלייך געוואָרן, איינגעפֿאַלן, זי האָט אויפֿגעהערט עסן, — ציט ער אים די אָדערן.

— ראַפֿאַעל, ס'וועט גוט זיין. מסתמא געקומען דער קריזיס, אָבער ס'וועט אַריבערגיין, — וויל ער טרייסטן, וואַשן די בלוטנדיקע וווּנד ביי יענעמען.

— כ'באַשטיי. צי מעג איך אָבער גלייבן? ניין, כ'מוז שרייען. כ'טאָר נישט זיצן. הילף מוז איך שרייען. חיי־שעה איז אויך עפּעס, מאָניש. אָפּנאַרן דעם משחית איז אויך אַ קרן. קלאָר: איך מוז נאָך אַלץ שפּילן אַ פֿריילעכן, אויב כ'וויל זי נישט הרגענען. אַדעלע האָט'ס שוין אַפֿילו דערמאָנט — זי ווייסט ס'אומגליק, נאָר אונדזער אַלעמענס געלעכטער שלאָגט עס אַרויס

פֿון איר. אויף בלומרשטן גלייבט זי, די אומגליקלעכע, און זי שפּירט זייטיק נאָך אונדזערע מינעס — — דאַכט זיך, מ'קומט אָן, מאָניש. כ'בעט אייך, ששש!

5

ס'איז טאַקע עמעצער אַריין אין הויז. ס'האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ פֿון אַ נאָענטער טיר. מיטן רעדן און מיט זיין פּלוצלינגן שווייגן שטרויכלט זיך רפֿאל דוב. ליימיק גיבן זיך אַ באַוועג זיינע ליפּן: „געדענקט, אַ סוד!" אויף דער גיך באַווייזט ער זיך נאָך צוצובייגן צו מאָנישן:

— איר מעגט וויסן, אָבער זי, פּעסע? חלילה! אַ פֿרוי האָט רחמנות. רחמנות טרערט באַלד. אַדעלע טאָר עס נישט באַמערקן. ס'קען זי דער־הרגענען.

— געראָכט, — שאָקלט מאָניש מיטן קאָפּ און דערוואַרט מיטן בליק און מיטן געהער די טריט וואָס דערנעענטערן זיך.

פּעסע קומט אַריין. אין איר האַנט זענען פֿרישע צווייגלעך בעז, אַ בשורה פֿון צעלויכטענעם דרויסן. ראַפֿאַעל טראָגט איר אַקעגן אַ שמייכל.

— ס'וואַרעם אין גאַס, האָ?

— נאָך נישט צייט, סעניאָר דוב? פֿרילינג בליט. די וועלט עפֿנט זיך פֿון אַלע זייטן. נאַט, פֿאַרגינט זיך אַ קוק טאָן!

איבערן טיש גיט זיך אַ צעפֿאָכע אַ דינער אַראָמאַט מיט לילאַ אויגן פֿון צעעפֿנטע בעז־שטערנדלעך.

— שיין, באמת! — זאָגט ער — מיין אַדעלע האָט עס אַזוי ליב. כ'וועל אויך גיין קויפֿן בעז. זאָל זי זיך פֿרייען.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַוועק מיט אַ לייכטן, רעשיקן „אַ גוטן".

מאָניש זייפֿערטן האָט שוין נישט אָפּגעלאָזן דער אומעט, וואָס דער־אַ האָט אויף אים אָנגעוואָלקנט. ביז פֿאַרנאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער פּידזשאַמע. ראַפֿאַעל דובס סוד האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ מהומה: מענטשן שטאַרבן הי אַזוי פֿיל אויף ראַק! די לופֿט מסתם אַזאַ. „ער" טרינקט ס'בלוט. מ'וויס דען ביי וועמען ער הייבט אָן וואַקסן, דער דראַקאָן? מ'דערשפּירט אים, ווען ס'איז שוין שפּעט.

— מאָניש, וואָס איז מיט דיר? אַ נעכטיקער דרייסטו זיך היינט, —

האָט ס'ווייב צו אים גערעדט אין שטוינען. — גייסט אַרום און מאַכסט וואָ־כעדיק אַ יום־טוב, וואָס פֿאַכלט אין דרויסן.

— זאָל זיין אַ נעכטיקער, פעסל. דער נעכטן איז אַ מאָל בעסער ווי דער היינט.

— כ'האָב פֿיינט אַזעלכע חכמות, מאַניש. טו זיך אָן, פֿאַרטרייב די נאַרישקייטן, אויב זיי האָבן דיך אָנגעכאַפּט.

— כ'האָב דען עפּעס געזאָגט?

— זע נאָר, ס'אַרע נחתדיקער טאָג ס'איז — און זי אַנטציקט זיך מיט דער זון, וואָס איז שוין אין גאַנצן אַריין אין שטוב. פעסע האָט אויפֿ־געהויבן די שאַלוזיעס פֿון די פֿענצטער. זי האָט נישט געקענט אויסלויבן די פֿרישקייט פֿונעם בעז, געקוואָלן פֿון אים אין לויטערן וואַסער פֿון גלע־זערנעם וואַזאָן: זע, זע!

— ס'איז שיין, אָבער דער אַלטער זשאַווער פֿון האַרבסט איז אַ מאָל מער צום האַרצן, — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרלעגן קול. — יונג לעבן איז נישט תמיד געזונט לעבן. מ'קען דען וויסן וואָס פֿאַר אַ קרענק עס טאַטשעט אַ שיינעם גוף? אַ סך סודות פֿאַרהוילט די דרויסנדיקע שיינקייט.

פֿון זיינע פֿאַרשטעלטע רייד האָט פעסל דערפֿילט אומגעריכטן לויער אויף איר היים.

— שפּירסט זיך חלילה נישט מיט אַלעמען, מאַניש? קום, מירן גיין צו אַ דאָקטער. ביי מיר שפּילט מע זיך נישט. איך האָב פֿיינט איבערצוי־קלערן. שטעלן זיך שיינע טעג, פֿריי איך זיך. בעז געפֿעלט מיר, קויף איך אים אין שטוב אַריין. פֿאַרמערן זיך ס'לעבן? איך האָב נישט קיין כוח צו דעם. אויב ס'פֿרייט דיך גאָר נישט, ס'גלוסט דיך גאָר נישט אין אַזאַ ליכטי־קייט, דאַרף מע פֿרעגן. דו גייסט היינט נישט צו דער אַרבעט, מאַניש.

— לאָז געמאַך, פעסל. פֿרילינג ברענגט טייל מאָל אַזאַ אומעט, — מאַכט ער זיך אַרויס פֿון איר. — איך בין נישט קראַנק, טאָ רעד מיר נישט איין אַ קרענק.

מאַניש האָט אויף אָן אמת דערשפּירט אָן אומבאַגרייפֿלעכע דריקעניש. ס'האָט אים געשראָקן זיין ניילעד טראַכטן: אַ מענטש ווייסט דען וו ע ן...? אפֿשר טאַקע גיין צו אַ דאָקטער!

עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אָן אומרו צו גיין צו אַדעלע דוב, פֿרעגן

ווי זי פֿילט, ווי ס׳איז געווען אין אָנהייב, וואָס איר חלומט זיך — — אויס־טערלישע חלומות וועקן אים אָפּט פֿון שלאָף און זיי ברענגען אים אין מאָדנע סיטואַציעס וואָס קענען שרעקן.

מאָניש זייפֿערט האָט ערנסט מורא געקראָגן פֿאַר זיך און ר׳האָט זיך סכנות געהיטן מיטן סוד פֿון ראַפֿאַעל דוב, וואָס טראָגט זיך נעבעך ווי אויף אַ ווילדער קאַרוסעלע — —

זיקנה

די שטילקייט זשומעט, זי פֿליסט ווי וואַסער — רינט, שאַרט זיך ווי אויף זקנהשע פֿיס. מיטן אָונט צוגלייך שטעלט זיך אַזאַ שטילקייט און זי וועבט אויס אַ שלעפֿעריקייט פֿאַר אַ לאַנגער נאַכט. טראָגט זיך אָן פֿון ערגעץ אַ קלאַנג, ס'וועקט זיך אַ קול, זעצט עס זיך אָפּ אין דער טונקלקייט פֿון די אַלטע מויערן און ווערט פֿאַרשלונגען ווי אין אַ תהום.

צופֿוסנס דער גאַנצער גאַס — און צוקאָפּנס פֿון אירע הייזער — שפּרייט זיך די פֿינצטערניש אַ באַזאַכטע, כאָטש די שעה איז נאָך אַ פֿרי־אָונטלעכע. קויטיק דער הימל, טינטשוואַרץ דער שטראָם ווינט וואָס בלאָזט אין די אויגן אַריין. אַ מאָל שפּרייעט אויס אַ פֿענצטער אַ בעזעמל ליכט־שטויב, פֿון אַ צעעפֿנטער טיר גיט אַ גלימער אַ גרינלעכע שיין; זי פֿאַלט אויפֿן פּנים, אויף די אַקסלען פֿון דער פֿינצטערניש און צעוואַסערט זי אויף אַ רגע; געלבלעך צעגיסט זיך אַן אומגעריכטער פלעק איבער אַ שוועל, אַ ליכטהעזל לויפֿט אַריבער אַ טראָטואַר־פּליטע און איבעראַנייס ווערט אַלץ פֿאַרטרונקען אין ברונעם פֿון גאַרנישט־זען און פֿון אָפּהילכן וואָס צעפֿליסן זיך ווי אַ וואַסער־פּליוך.

אין דער־אָ פֿינצטערניש גייט אויס דאָס לעבן פֿון אַ קלייט, וואָס צאַפּלט זיך אַ גאַנצן טאָג צווישן להוטע מענטשן און, מאָדנע — אויף אָט־דעם פֿאַרגיין קוקט אויס אַ פֿאַראייניזאַמט הארץ.

יאָ, ס'איז דער גורל פֿון זאַכן וואָס קניפּן זיך צונויף מיטן לעבעדיקן מענטש: פֿון תמיד הענגט אָן דער מענטש זיין גאַנץ חיות אין דעם אָרט וואָס ער פֿאַרהיימישט צי אין זאַכן וואָס ווערן אים ליב. די ייִדענע שרה קרעניץ, וואָס פֿון איר קומען דאָ די רייד, האָט איר גאַנץ חיות פֿאַרבונדן מיט דער קלייט וואָס זי האָט אויף דער עלטער געמוזט אָפּטרעטן אַ ייִנגערן. „יענער" איז געוואָרן דער באַלעבאָס און זי, ד י ג ע וו ע ז ע נ ע, האָט זיך געשפּירט דער שאָטן פֿון דער קלייט וואָס לעבט אַ גאַנצן גייעדיקן טאָג מיט די באַדאַרפֿטיקייטן פֿון די מענטשן, וואָס ווינען אין דער נאָענט.

„די קרעניצענס קלייט" רופֿט מען עס ווייטער, כאָטש די קלייט שפּינט שוין איר קליינעם קיום אָן דער אַלטער.

עס רעדט זיך וועגן אַן אַלטפֿרענקישער קראָם וואָס איז זינט אַמאָליקע צייטן אַן אָנשפּאַר פֿאַרן קרעמער, דעם קנעכט צו דער פּרוטה ריווח. אַ ברייט געוועלב איז דאָס מיט פּאַליצעס צווישן דיקע ציגלנע ווענט און אין דער טיף — אַ שטיבל פֿאַר אַ טיש מיט בענקלעך, פֿאַר אַ קאָמאָד, אַ קלענערן אַלקער פֿאַר אַ פּאָר בעטן און אַ קעמערל פֿאַר אַ קיך פֿאַרן בידנע פֿייערל אונטער די טעפּ און טעפּלעך, ראָנדלעס און אַ טשייניק. ס'איז אַזאַ טונקל באַוווינונג וואָס שעפּט קאַרגע טאָגשיין נאָר פֿון דעם פֿראָנטאָוון קלייט. אין דער דאָזיקער באַוווינונג איז שרה קרעניץ אַריין מיט איר אַנומלטיקער יונגשאַפֿט, אַ שיינע, אַ קרעפּטיקע, מיט געלוסטן איבערצוהאָרן די שווערע יאָרן וואָס גייען אויף אַ יעדן „גרינעם"; אין דער־אָ הינטערשטער דירה זיצט זי אַצינד אַן איבערגעלאָזענע איינע אַליין און אין קאָפּ הייבט זיך איר אַ טומאַן פֿון אויסגערונענע חלומות.

ערשט איצט זעט זי: די יאָרן זענען אַוועק אָפּגעגאַרטע.

◈

מיטן אָוונט צוגלייך לעבט אָפּ די אַלטע שרה. אַ הויכע, אַ באַלייבטע איז דער טאָג איר ענג און נמאס אין דעם הינטערשטן דירהלע, מיט וועלכן זי האָט זיך נישט געקענט צעשיידן. אין דער־אָ נעסט מוז זי זיך דרייען ווי אין אַ שטייג. ס'איז איר פּריקרע דורכצוגיין די קלייט און ס'איז פּריקרע דער געדאַנק אַז ס'קען אָנגיין אַ באַקאַנטער און ער וועט זי פּלוצלינג אָנ־קוקן: ס'זי צי אַן אַנדערע? גיי דערצייל יענעמען ווי די גוט־באַוווסטע סע־ניאָראַ קרעניץ האָט זיך אַצינד! די צוויי קליינע צימערלעך קוקן אויף איר, הערן זיך איין אין אירע רייד און איינע אַליין רעדט זי צו זיך, האָט תרעומות צו דער וועלט, הלמאי זי איז פֿון איר אַזוי געשטראָפֿט געוואָרן: זי האָט נישט פֿאַר וועמען אַרויסצוזאָגן איר פֿאַרדראָס; דער נייער „בעל־דאָס" דערקענט זי שוין נישט. אַ פֿאַרשוין וואָס האָט נישט פֿאַר אַ גראָשן כּאָוואַניע, שוין נישט צו רעדן פֿון דרך־ארץ פֿאַר אַן עלטער מענטש. און זי, די „מאַדאַם", איז סתם אַ פֿערד. ווײַ איז דער סעניאָראַ קרעניץ, וואָס זי האָט זיך דער־וואַרט. פּעוונע, די אַליינקייט הרגעט זי. אַ פֿרוי ווי זי קען לאַנג נישט אויסהאַלטן צו זיין ווי אַ שטיין. בלייבן אַן אַלמנה איז די ערגסטע קללה. געבוירן ווערן אַ פֿרוי איז סתם אַן אומגליק, בפֿרט אַזאַ וואָס דער מאַן פֿאַר־

לאָזט זי — אַזוי צי אַנדערש. אַזעלכע צעטרעט מען — —

דאָס ווילדע עגמת־נפש וואָס באַלעבט איר האַרץ, ברענט אויף אין שרה קרעניץ יעדעס מאָל ווען זי הערט זיך צו צום האַרמידער „אין דרויסן“. פּאַרנט גייט אָן דער מסחר. מ׳וועגט, מ׳ציילט, די קאַסע כאַרכלט אָפּ גאָר אָפּט. די לייט ווערן נתעשר, זיי ווערן צעזעצט פון לייזונג; „זיי“ האָבן נישט קיין הענט פון נעמען געלט און איר בעטן זיי אַפילו נישט אַריין אין קלייט, צוצוהעלפן אַ מאָל. אוודאי, זי וואָלט עס גערן געטאָן. ס׳גוט אַז אַ מענטש איז פאַרנומען ביי עפּעס. אָבער „די כאַלערעס“ פאַרגינען עס איר נישט; זיי האָבן מורא, די קונים זאָלן זיך נישט דערפרייען מיט איר. מ׳פרעגט זיך אָפּט אויף איר, זי ווייסט עס געוויי. „זי איז שוין פון לאַנג אָוועקגעפאָרן, די קרעניצן“, זאָגן זיי, די שנאָרערס, וואָס ווערן רייך אַ דאַנק איר. זי איז ביטער אַריינגעפאַלן, די פרוי קרעניץ. געמיינט, זי האָט צו טאָן מיט עפּעס רעכטס, מ׳עט זי האַלטן ווי אַ מאַמע. זי קען דען נישט ברענגען אַ נוץ? אָבער דאָס איז לא עלינו פּראָסט. זיי ווילן באַדאַי היזק האָבן, אַבי זי נישט צוצולאָזן צו די קונים וואָס געדענקען זי. אומזיסט געמיינט אַז ס׳עט זיין בעסער. זיי ווילן זי דערדריקן. שרה פילט עס פון זייערע בליקן, ווען זי מוז אַ מאָל דורכגיין די קלייט. דאָס ווייבל מיט די האַרטע לעקעלעך איז אַ שטיק גיפט. יענע פאַרקוועטשט די ליפּן ווען זי באַגעגנט די פּריערדיקע באַלע־באָסטע. ס׳וואָלט געפּאַסט, פרוי קרעניץ האָט זיי גאָר אָן עוולה געטאָן. געמיינע הענט יערן עס אָן די דייזשע צרות וואָס זי האָט זיך אַליין צוגעגרייט. „זיי“ וואַקסן, זי נעבעך זינקט איין.

אין דער אַלטער שרה ווײנט ס׳האַרץ: יענע לעבן און פאַר איר טונקלט די שיין.

שוין אַ יאָר צען ווי זי איז אַלמנה. איצט איז זי אַ זיבעציקערן מיט אַ שמיצל. געבליבן אָן אַ שטיקל קינד, האָט איר באַלד נאָכן מאַנס טויט געשלאָגן די איינזאַמקייט. ווען ער האָט געלעבט, איז די שטוב געווען פול מיט אים: מענטשן פלעגן קומען, גיין, און פריינדשאַפט האָט זיך געקלעפּט צו די קרעניצס. „ער“ איז אַוועק, האָט אַלץ זיך אָפּגעטאָן פון הויז. און אַלץ איז געוואָרן צו שווער פאַר איר. פריער פלעגט שרה קרעניץ זאָגן: אַזאַ גרויס הויז ביי מיר און די הענט זענען נאָר צוויי, און די אויגן זענען נישט מער ווי אַ פּאָר אויף אַכטונג צו געבן אויף די, אויף וועלכע מ׳מוז אַכטונג געבן. ד ע ר ג אָ ד, מלך דער מאַן איז צוגענומען געוואָרן, איז אַ ווייבערישע שוואַכקייט איר באַפאַלן. פריער האָט זי נישט געפילט אירע יאָרן:

געווען פֿאַרפֿאַרעט, געהאַט ס׳געמיט צו פֿודערן זיך, צו חנדלען זיך און ס׳בילד פֿון אייגענער אַמאַליקער מיידלשאַפֿט איז קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר. שטענדיק האָט זי געדענקט זיך, זי איז זיך געפֿעלן געוואָרן. ערשט איז דאָ די זיקנה, זי שפּירט אַז די כוחות האָבן זי פֿאַרלאָזט, נישט בלויז דער מאַן. מלך — אַ ליכטיקן גן־עדן אויף אים — פֿלעגט גיין, ברענגען, זאָרגן פֿאַר אַלצדינג, אַצינד איז אַלץ געפֿאַלן איר אין קאָפּ אַריין. ערשט — די פֿיס זענען איר אַנגעשוואָלן, ס׳האַרץ סאָפּעט. ס׳איז איר ביטער, דער סעניאָרע קרעניץ, איינע אַליין קען זי זיך נישט קיין עצה געבן. דאָס געפֿאַלענע הויז אירס דריקט ס׳געמיט.

◈

עס איז נישט געווען קיין ברירה און זי האָט די קלייט אָפּגעטראָטן סאַנטיאַגעלען מיטן שטייפֿן האַלדז.

תמיד ווען זי דערמאָנט זיך דעם נאָמען פֿונעם נייעם באַלעבאָס, ציטערט זי אויף. זי האָט׳ן פֿיינט. ער גייט אויף איר לעבן. ער וואַקסט, ער שאַרט ס׳געלט מיט לאָפּעטעס און זי גייט אַ ר אָ פּ ! ער זעט, זי פֿאַלט און ער קוועלט דערפֿון. ער האָט פֿאַרגעסן ווער ער איז געווען, דער לויזן־פּויקער — זידט עס אין פֿרוי קרעניץ — אַנישט וואָלט ער איר געקושט די הענט. אַזאַ גאָלד־גרובן אים געגעבן און ד אָ ס וואַרפֿט זיך נאָך מיט איר. אַ האַר רעספּעקט נישט פֿאַר אַן עלטער מענטש, דער כאַם — —

אַ פֿולן בוזעם מיט צאָרן האָט די אַלטע אויף דעם סאַנטיאַגאָ וואָס פֿאַרעט זיך היינט אין דעם געשעפֿט, וואָס איז נעכטן געווען אירס, דער דאָניאַ קרעניצס, ווען אַלע שעצן און לויבן.

טייל מאָל דערמאָנט זי עס אים און זי מוז אים אַריינזאָגן, ווייל דאָס „מעסטל״ גייט שוין איבער. אַזאַ גראָבער פּליגל! — ברומט זי.

די אַלטע ווייסט, מ׳איז געקומען אין קלייט אַריין פֿרעגן אויף דאָניאַ קרעניץ, האָט ער, דער כמאַל, געזאָגט אַז זי איז נישט ה י.

— סטייטש? — האָט יענער זיך געחידושט. — ס׳איז דאָך ס׳זעלביקע געשעפֿט, אַלץ אויפֿן אָרט, ווי געווען — ווי איז דאָס מעגלעך? מאַכט נישט קיין שפּאַס, סעניאָר!

— ס׳איז קיין שפּאַס, — האָט סאַנטיאַגאָ יענעם אָפּגעפּטרט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— סעניאָר, אַ וויכטיקע זאַך איז עס פֿאַר סעניאָראַ קרעניץ.

— וויכטיק, צי נישט וויכטיק. איר האָט עפּעס אַן עצה קעגן דעם טויט? — איז דער נייער באַלעבאָס שוין געוואָרן פֿאַרריסן. — געשטאָרבן דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע, וועט איר גיין צו איר?

אַוועק ווי אַן אָפּגעפּאַטשטער און סאַנטיאַגאָ האָט גיך פֿאַרגעסן אין דעם. די אַלטע שרה איז עס אָבער דערגאַנגען און אים אויסגעשייגעצט ווי אַזאַ, וואָס מ׳קען אין אים אַריינהאַקן ווי אין אַ קרויט („וואָס, אַ האַנט וועט ער אויפֿהייבן קעגן איר? נישט דערלעבן וועט ער עס!“ — האָט זי געטראַכט און לסוף אַרויס אויף אים):

— דו, אומגעוואַשענע ברואה, דו אונטערגעוואָרפֿענער בענקאַרט, דו, דו...!

זי האָט זיך צעקוויטשעט, ער האָט זיך אָנגעצונדן, געוואָלט זיך וואַרפֿן אויף איר מיט די פֿויסטן, אַז קוים זי האָט זיך שוועך, אַנגסטיק אַריינגעשלעפּט אין איר הינטערשטן דירהלע און פֿעסט פֿאַרשפּאַרט די טיר פֿאַר סאַנטיאַגאָס ווילדע געשרייען:

— דו, דו, אַלטע... מיינסט טאַקע כ׳וועל דיך שוינען!

פֿון דעמאָלט אָן האָט זי שוין אין גאַנצן געווייכט פֿון די נייע באַלעבאַטים, געפֿילט אויך אַ ווידערווילן צו דער קלייט גופֿא, הלמאי זי האָט זיך דערוועגט אַזוי מיאוס פֿאַרראַטן איר אַלטע באַלעבאָסטע. אַ פֿאַרפֿינצטערניש האָט באַדאַרפֿט קומען אויף אַזאַ קלייט, טרייבן די קונים.

אין תחילת איז זי, אמת, געווען צופֿרידן וואָס ער איז געקומען, דער סאַנטיאַגאָ קעזמאַן. אַ געשלאָגענער הונט, אַ יונג וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט דעם ביסן אין מויל אַריין, וועט ער וויסן ווי זיך צו פֿירן קעגן איר. זי גיט אים אַ ברויט מיט אַ מעסער, וועט ער זי האַלטן ווי אַן אייגענע, האָט זי געטראַכט. וואָס, אַ מאַמע טוט דען מער פֿאַר אַ קינד?

— סעניאָראַ, איר ווילט אַוועקגעבן אייער קראָם, בין איך אַ קונה, — האָט ער זיך געבעטן ביי איר, — וואָס פֿאַר אַ נפֿקא מינה איז אייך — וועמען? נאַט אייך טויזנטערס ווי די שמעקעדיקע בלעטער און זייט געזונט. כדי איר זאָלט נישט פֿילן קיין אונטערשייד, וועט איר קענען דאָ פֿאַרבלייבן וווינען אין די הינטערשטע שטיבלעך. איך האָב אַ שאָנקעדיקע דירה, באַדאַרף איך אייך נישט טרייבן. דער עיקר איז ס׳ביסל פּרנסה. און זאָלן מיר די פּיס פֿאַרדרייט ווערן, אויב איך וויל אַז איר זאָלט אַרויס פֿון דאַנען.

אדרבא, די פֿירמע האָט איר איינגעאַרבעט, זאָל מען אייך דאָ זען. איר וועט זיך פֿילן אין דער היים און מיר ווילן אין אייך האָבן אַ גוטן פֿריינד. סאַנ־טיאַגאָ איז אַ מענטש. איר וועט שוין זען. איך האָב נישט קיין מאַמע, וועט איר מיר זיין אַ מאַמע. מיין ווייב איז אויך אַ יתומה, וועט זי זיין גליקלעך צו האָבן פֿאַר וועמען זיך צו פֿאַרטרויען. זי איז אַ גוטע, זי זוכט נאָר זיך צוצוטוליען צו וועמענען. שוין אַזאַ האַרץ ביי איר — — סעניאָראַ סאָפֿיאַ, איר האָט זיך נישט וואָס צו קווענקלען. נעמט געלט און זאָל זיין אין אַ גוטער מינוט. אייך איז דען אַ חילוק — ווער? איר קריגט דען אַ בעסערן קונה ווי סאַנטיאַגאָ קעזמאַן? און איך האָב דען נישט די נאָז צווישן די אויגן? פֿאַרגינט עס סאַנטיאַגאָן, וואָס זוכט נישט קיין גליקן. ר׳וויל נאָר ערלעך לעבן. אדרבא, פֿרעגט זיך נאָך אויף סאַנטיאַגאָן, וועט איר הערן אַז ער איז אַן אָרנטלעך יינגל.

האָניק איז אים געגאַנגען פֿון פיסק, ווען ר׳האָט זי איבערגערעדט, היינט ריינט פּעטס פֿון זיין מאָרדע. ר׳ווייס שוין נישט אויף וואָס ר׳גייט.

ער האָט איר דעם קאָפּ פֿאַרדרייט, דער פויערניונג. ער איז געבליבן פֿאַרנט ביי דער קלייט, ער ווערט משוגע־רייך און זי וואַלגערט זיך הינטן אין די צימערלעך; זי איז אויף צרות, די פֿרוי סאָפֿיאַ קרעניץ וואָס האָט אַ שם אויף גאַנץ מוריזשאַ, טהאַמעס און סערראַנאַ. אַזאַ אויסוואַל פֿון סחורות, די בעסטע, די פֿרישסטע. אַצינד ראַנגלט זי זיך מיט דער עלטער און מיט פֿאַרדראָסן.

פֿון מידקייט וואַלגערט זיך די אַלטע אויפֿן טאַפּטשאַן און זי קרעכצט. אַזוי גייען אַוועק אירע פֿאַר יאָר. דאָס פֿולע לייב גיסט אָן ס׳געלעגער אונ־טער איר, קלעמבעס פֿלייש רינען אַראָפּ פֿון אירע שווערע אָרעמס, פֿון די מעכטיקע פּיס וואָס האָבן ענג אומעטום. זי ליגט און פֿאַרנעמט ס׳גערויש פֿון געוועלב. מע זשויבט, רעדט זי צו זיך, ער קלייבט אָן אַ זאַק מיט געלט, דער חזיר, איר איז געבליבן נאָר פּייכטע טונקלקייט. די געלענקן דרייען איר, זי ווערט אַ קאַליקע אויף די הענט און פּיס. ווי דערלעבט מע שוין ס׳זאָל זיך מאַכן וואָרעם אַז זי זאָל קענען אַרויספֿאָרן קיין קאַרהוע אין די בעדער אַריין. זומער האָט זי כאָטש אַ פּאָר וואָכן מנוחה. דאָס זאַלץ קרעפּ־טיקט זי, און אַ שטיק געזונט קומט איר צו דערפֿון וואָס זי קוקט נישט אָן דעם פויערנוואָיטעק. ווינטער מוז זי ליידן. אַ לויב גאָט, ס׳איז שוין פֿאַר ניי־יאָר, ס׳גייט צו די היצן.

טריבע דערוואַרטונג האַלט אויף ס׳חיות פֿון דער ייִדענע, וואָס גיט

זיך נישט אָפּ קיין חשבון אַז יאָרן קרוב צו אַכציק האָבן שוין צעטראָטן איר לייב. זי געדענקט נאָך אַלץ אַז זי איז סאָפֿיאַ קרעניץ, זי איז אַ שיינע, אַ שטאַלטנע. מענער קוקן־נאָך אַזעלכענע. ס׳קרעכצן פֿון זיקנה איז קלאָמפּערשט נישט איר געקרעכץ. אירע גלידער ווייטיקן נאָר ווייל דער סאַנטיאַגאָ האָט זי אַריינגעקריגן. אַ וועלט מיט עגמת־נפֿש איר אָנגעטאָן. ער האָט אויסגענוצט וואָס זי איז אַ פֿרוי אַליין; ער האָט איר צוגעזאָגט כּל הגליקן און לסוף זי אָפּגענאַרט. נישקשה, זי וועט אים נאָך דערלאַנגען. נישט שטענדיק וועט זי זיין איינזאַם.

ווידער אַ מאָל פֿאַרגעסט די אַלטע איר באַיאָרטקייט. אין איר שפּינט זיך נאָך אַ שטילער חלום אַז איינער אַ מאַן, אַ דעליקאַטער, אַ רענטלעכער, וועט זיך נאָך באַווייזן צו איר. פֿרוי סאָפֿיאַ וועט נאָך אָפּלעבן ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען די גראָטענע און קלוגע סאָפֿיאַ. זי מיט איר „שיק“, מיט איר חן און איר בריהשקייט. ווער ז׳געווען גלייך צו איר? אַוודאי, זי טאָר זיך נישט אָפּלאָזן. טאַקע היטן ס׳פּנים, געדענקען זיך צוצורוזשירן, שמירן די ליפּן. שאַדט נישט, זי׳ט נאָך פֿאַרשטעקן צוויי יונגע פֿריילנס. סאָפֿיאַ וועט ווייטער זיין סאָפֿיאַ.

אָפּט טרעפֿן מינוטן, ווען זי פֿאַרגעסט צו קרעכצן אויף די רעומאַטן, פֿאַרשרייט אין זיך די תּמידע מיגרענע, פּרוווט גיך אַ גיי טאָן פֿון צימערל צו צימערל, שטעלט זיך אַוועק ביים שפּיגל, זוכט דעם גלאַנץ אין די אויגן: „הע, שרה!“

אין פֿאַרוואַלגערטן חלום פֿון ווייטער מיידלשאַפֿט, פֿון אָפּגעפֿלאָסענער יונגפֿרוילעכקייט, האָט זי זיך אָפּט מאָל פֿאַרפּלאָנטערט, די זקנה שרה פֿון די הינטערשטע קעמערלעך. דעמאָלט האָט זי קוים זיך דערוואַרט דעם אויפֿדערנאַכט, ווען פֿאָרנט האָט זיך איינגעשטילט דער האַרמידער פֿון קויפֿערס און פֿאַרקויפֿערס. ווען עס פֿאַרשווינדט דער סאַנטיאַגאָ, ווערט דער אַלטער גרינגער. אַן איבעריקס ווערט דאָס שמאָלע געלעגער פֿאַר איר פֿליישיקן גוף און די שווערע פֿיס ווערן באַוועגלעכער. זי זוכט אויף דעם שפּיגל, די קראַנקע, שוואַכע סאָפֿיאַ און ס׳געהער ווערט איר שטאַרק שפּירעוודיק.

— מ׳קלאַפּט דאַכט זיך. מ׳גייט צו איר.

די אָנגעטונקלטע קראָם גיט ניי לעבן דער אַלטער שרה קרעניץ. אין אָוונט צעצינדט זי אַלע פֿלאַמען פֿון זשיראַנדאָל אונטערן אָנגעכמורעטן סופֿיט.

◈

אויפֿדערנאַכט, ס׳איז האַלב־אַראָפּגעלאָזן דער אייזערנער שטאָר פֿון סאַנטיאַגאָ קעזמאַנס פֿינצטערע קלייט, הערט זיך יעדעס מאָל אַ קלאַפּן אין דער פֿראָנט־טיר. עס קומען פֿרוי סאָפֿיאַס גוטע פֿריינד און שכנים. די זקנה דרעפּטשעט צו צו דער גלאָזטיר, שליסט זי אויף פֿון אינעווייניק און עס באַווייזן זיך די ליבע און טייערע, וועלכע זי קוקט אויס: עלטערע פֿרויען, אַן איינציקער אַלטיטשקער מאַן און אַלע זעצן זיך באַלד באַנאַנד שפּילן לאָטערייקע. וואָס איז דאָ צו רעדן צווישן זיך, וואָס פֿרעגן? תמיד דאָס זעלביקע. מ׳איז צופֿרידן וואָס מ׳זעט זיך: „אָ־וואַאַ, אַ גאַסט!“ און שוין ווילט זיך ווערגן דעם דערעסענעם אומעט. די זעקספֿלעמלדיקע לאָמפּ אי־בערן קאָפּ זשמורעט אויס וואַרעמע ליכטיקייט, אויפֿן טיש ווערן אויסגע־שטעלט אין לייטערלעך קאָלירטע טאָוולען מיט נומערלעך און איבער זיי גייען און נישטערן זשעדנע עטלעכע פּאָר אַלטע, גיריקע אויגן. מ׳שפּילט קלאָמפּערשט אויף געלעכטער, מע וויל פּטרן אַ שטיק קאַלעמוטנע צייט, נאָר אין אמתן גיט יעדער אַכטונג אויפֿן ווייסן קלונג פֿונעם מינץ, וואָס אַלע מוזן אַריינוואַרפֿן אין „באַנק“.

טרוקן, געהיטן פֿאַלן רייד, עס מיניען פֿיגורן פֿון ציפֿערן, ס׳ברומט אויס דער קלאַנג פֿון צאָלן:

— זשיבעטשיק זשיבן, פּופּטשיק זשעקש, אַכטשיק דריי. אַלע האָבן שוין געשטעלט?

— ווייטער! — זאָגט דער „זיידע“. זיינע קליינע אויגן פֿינטלען צו, די ליפּן שמייכלען זכריש: „די וואַאַבער וועלן זיך באַלד קאָכן“, טראַכט ער.

— וואָס איז ס׳געאיילט? כ׳האָב צייט. כ׳מוז זיך אַרומזען וואָס כ׳גיי קויפֿן, — חכמעט זיך אַ יִדענע.

— ניינטשיק, זשיבעטשן, פּופּטשיק איינס, — וויל נישט מפּסיק זיין די רופֿערקע און וואַרפֿט אַריין אַ פֿרעג: — ווידער געטראָפֿן ביי אייך, מערע?

— געטראָפֿן דערלעבן, — ענטפֿערט יענע און זי האָט מורא צו פֿאַר־לירן אַ קנעפּל פֿאַרן לעכל וואָס וואַלגערט זיך טומאַניק פֿאַר איר בליק: — אַ רגעלע, יאָ? אין אמתן: וואָס זיך איילן?

— צ׳ווילט אפֿשר איינשלאָפֿן ביי דער שפּיל, — האָט שוין אַ טענה די באַלעבאָסטע שרה־סאָפֿיאַ. אויב שפּילן זאָל זיין געשפּילט, — רירט זיך אַ ביסעלע, ליטוואַטשקע!

— איך אייל זשיך ניט, — מאַכט די שוסטערקע פֿייגע און אין מיטן

דערינען פֿאַרלייגט זי די הענט אויפֿן בוזעם. — איך האָב מיך דען צו וואָס צו איילן? דער אָוונט איז גרויס און די נאַכט לאַנג.

נעמט מען אויס אַ קאָן, הייבט זיך ס׳געמיט און ס׳ווילט זיך דווקא שפּילן, כאָטש די מידקייט לייגט זיך אין די אויגן אַרײַן, אין קעל ווערט טרוקן. איבערנעמען ס׳זעקעלע נומערלעך איז פֿון דעסטוועגן אַ קרן, הגם ס׳רופֿן די „שטיינער" איז נישט תמיד ניחאדיק, ווייל מ׳מוז לאָזן געווינען אויך יענעמען.

— איר האָט שוין געמאַכט אַן „אָנהייב", — זאָגט נעכע די נייטאָרן,

— איכ׳ל זיך היינט שוין נישט איינמעלדן?

— איהנס שטערן וועט נאָך אויפֿקומען. דערווייל שלאָפֿט ער, סעניאָראַ נעכע, — זאָגט די באַלעבאָסטע וואָס געדענקט, אַז זי טאָר נישט לאָזן קיינעמען אַרויסגיין אַ באַליידיקטע ביים שפּילן, מחמת יענע ווערט אָן און אַליין וויל זי נישט אַראָפּ אַ פֿאַרשפּילטע. אַ ניקל איז טאַקע נישט קיין גרויס געלט, נאָר אַז ס׳פֿאַלט אַרײַן אין אַ פֿרעמדער קעשענע — און זי פֿאַרלירט, טוט איר נישט קיין הנאה. און זי ציילט די צענער־סענטאַוואָס וואָס זי האָט שוין פֿאַרשפּילט. זי מאַכט זיך אָבער אַ לב און גיט אַ געשריי לשם פֿריילעכקייט, ווייל ס׳איז אירע די געסטלעכע שטוב:

— מירן מאַכן ס׳אויסהייבן, קאַרטאָווניקעס. אַראָפּ מיט דער לאָטערייקע און זאָל אַרויף אַ גלעזעלע טיי.

— מירן כאַפּן אַ שלוק, מעשה שפּילערס, — רופֿט זיך אָן דער זיידע.

טאַקע שוין צופּיל צוגעזעסן. די אַלטע שרה איז אַ פֿריינדלעכע גאַסטגעבערן. זי איז מהנה מיט געשמאַקן טיי און אַ זיס פֿאַרבייסעכץ. קיכלעך באַקט זי אַליין און שטרודל מאַכט זי ווי אין אַ קאָנדיטאָרסקאַיאַ. ס׳שמעקט ענק? — פֿרעגט זי מיט די בלישטשלעך פֿון די שמאַלץ־פֿאַרגאָסענע אייגעלעך אין איר גרויסן פּנים. זי האָט ליב אַרײַנצובראָקן אַ רוסיש ווערטל, אַן אָנצוהערעניש אויף איר גליקלעכער יונגשאַפֿט, ווען זי האָט געהאַט דערפֿאָלג ביי וואַזשנע מאַנצבילן. אַז זי איז געווען אַ שיינע אָסאָבע, זעט מע נאָך היינט, און דער גלאַנץ פֿון אַ גומער כאַוואַניע האָט איר צוגעהאָלפֿן צו דעם. זי האָט געקענט שמועסן מיט אַ שררה, געוווסט צו ענטפֿערן אַן אָפּיצער, אויב ער איז געווען פֿאַרריסן אַקעגן אַ דאַמע ווי זי איז געווען. אַגב, מעשיות פֿון יענע צייטן האָט דאַניאַ סאָפּיאַ מער ווי איין מאָל שוין דערציילט אירע שטאַמגעסט. די אויפֿדערנאַכטן זענען גרויס, מוז מע נישט זעלטן זיך צורוקערן צו אַזוינס וואָס איז שוין באַקאַנט. אַ רינגל אויף דער האַנט דער־

מאָנט עס, אַ שלייפֿל וואָס סעניאָראַ סאָפֿיאַ פֿאַרקניפּט אויפֿן בוזעם, ברענגט דערצו און אַ בראָשקע איז אַ סיבה פֿאַר אַזאַ דערמאָנונג וואָס בלייבט אייביק זיס פֿאַר דער נשמה.

מ׳זיצט ביי אַ גלעזל טיי, עס בינדט זיך אַ שמועס און דערמאָנונגען קומען שוין קאַפּויר. אָ, די איינזאַמקייט איז ס׳גרעסטע אומגליק!

מיט ענלעכס כאַפּט זיך אַרויס יעדע טישזיצערן ביי פֿרוי סאָפֿיאַ. דער קליינבענקער, שטילער „זיידע“ פֿאַרשווייגט זיין נאָגעניש נאָך אַ קאַפּעטשקע היימלעכקייט. מ׳ווייס עס און די אַרומיקע פֿילן אים מיט: ער האָט רייכע קינדער, גערעטענע אייניקלעך, נאָר אַ קעלט יאָגט פֿון זיי. ער לעבט אָפּגעזונדערט, דער זקן, אַליין ווי אַ שטיין. זעלטן ער רעדט זיך אַראָפּ פֿון האַרץ. די ווייבער איז גרינגער — זיי קרעכצן זיך אויס, נעמען זיך אין לייכטן וואָרט פֿלינקע שותּפֿים צו זייערע פּלאָגן; זיי זענען פּזרנותדיק מיט די זיפֿצן, פֿאַרטרויען זיך פֿאַר אַ יעדער וואָס זעצט זיך צו נאָענט צו זיי. אָבער „נישט אַלץ קען מע דערציילן יענעמען“. און אַ שטיל בענקען בלייבט פּישטשען אין דער ברוסט.

אַזוי, אין נאָגנדיקער שטומקייט, וואַרטן די זקנותטעס אויף די אָוונטן, צו קענען פֿאַרברענגען ביי דער אַלטער פֿריינדינע שרה. באַנאַנד איז דאָך לייכטער אַריבערצוטראָגן ס׳טראַכטן, פֿון וואָס מע רעדט שעמעוודיק. צומאָל דערשטיקט מען עס מיט אַ זיפֿץ, וואָס פֿאַלט איבער דעם לאָטערייקע־טיש.

◈

... די שוסטערקע פֿייגע האָט דאָך זיך דערוואַרט אויף דער וואָר פֿון איר פֿאַרבאַהאַלטענעם חלום פֿון אַן איינזאַמער ייִדענע.

צוערשט האָט מע זיך בלויז געשושקעט דערפֿון. אין שטיבל פֿון פֿרוי סאָפֿיאַ האָט עס זיך באַלד אָפּגעשטעלט, כאָטש גלייבן האָט עס זיך נישט געגלייבט.

אַן אַלמנה זיבעט פֿאַרגעסענע יאָרן (די אייניקלעך האָבן שוין באַוויזן זיך צו פֿאַרקנסן, אויך צו גיין צו דער חופּה), האָט צו איר זיך שטיל פֿאַרשדכנט אַ באַיאָרנטער אַלמן פֿון אַ וויטערער שטאָט־געגנט. דעם סוד האָט די כלהדיקע זקנה פֿריידיק־שעמעוודיק אָנפֿאַרטרויט דער פֿריינדינע סאָפֿיאַ.

— שוין געווען אַ „וואָרט“. מירן זיך פֿריִער געטראָפֿן און אָפּגעשמועסט,

— און מויזיש־שרעקעוודיק פֿאַרהאַקט די ליפּן אויף די פֿרעמדע, סקאַוואַרטשנדיקע ציין. דערנאָך האָט זי צוריקהאַלטעוודיק זיך שוין געבעטן מיט

אַ דינטשיק טענדעלע: — איר זייט די ערסטע, סאָפּיאַ, דאָס צו הערן פון מיר. כ'בעט איך, סווייגט דערווײַלע. זאָלן לייט מיך ניט אַרומסלעפּן! — — איר הערט, ר'איז ניסקאָסעדיק רײַך, גאָר אַ ווילער — זי האָט צוגעציטערט מיטן גראָען קעפּל.

— אויף אַן אמת?

יענע האָט זיך נישט געקענט לאָזן צוגלייבן די רייד פון דער זקנה:

— אַזאַ שקראַב, אַזאַ פאַרדאַרט מאַלפּעלע און אַ ייִד מיט כוח האָט זיך פאַר־ליאַבטשעט אין איר?

— אויב ס'איז נישט קיין קאַטאָוועס, פּייגעשי, זאָל עס אייך זײַן מיט מזל. איך בין אַ פאַרגינערקע. שוין צײַט, איר זאָלט אָפּלעבן, פּייגע־קרוין, — סאָפּיען האָבן פלוצלינג געשײַנט די אויגן. — איר זעט, אַז מ'לעבט, דער־לעבט מען!

— יע, יע, אַזוי פיל פאַרסוואַרצט געוואָרן. איצטער מעג מיר סוין גוט זײַן, — און בייגט זיך אַראָפּ צו דער פאַרקרימטער, בײַנערדיקער דלאָ־ניע, אין וועלכער ס'איז געווען אײַנגעקלעמט אַ שפּאַר טאַשנטיכל: — ס'אי, דען דאָ קנאַפּ צו ווײַנען? — און שוין ווישט זי די טרערן.

— אוודאי מעג אייך שוין גוט זײַן. און אַלע ייִדישע קינדער דאַרף ווערן לאַכטיק, — האָט דאָביאַ סאָפּיאַ שוין נישט אויסגעהאַלטן ווי די־אַ הייבט זיך אָן פּיעשטשען. — שוין, שוין, גענוג געוויינט. כ'האָב נישט ליב אַז אַזאַ מענטש גיט זיך נאָך ווי אַ קליין מיידעלע. אין מײַן שטוב וויל איך נישט הערן ווײַנען, פּייגע. זאָגט בעסער: עפּעס אַ בעל־פּרנסה, דער...? האָט ער כאַטשיק אַ שיינע שטוב, איז ער מיט פּריילײַדיקע קינדער?

שרה קרעניץ האָט דערשפּירט אַ קיצל פון קנאה צו דער שוסטעריכע פייגע: „אַ מענטש האָט מזל. נישטאָ רעכט אויף וואָס צו קוקן און אַ מאַן האָט געוואָרפן אויף איר אַן אויג. איר וועט נאָך וויל זײַן. אַ ייִד וואָס האָט שוין אויסגעגעבן אַלע קינדער, אָפּגעגעבן די געשעפטן די זין און זיי ברענ־גען אים גראָב חודש־געלט אין שטוב אַרײַן. און זיי געפעלט גאָר וואָס דער אַלטער טאַטע וויל „אין די יאָרן" נישט בלײַבן אַליין. הער אַ מעשה! קינדער האָבן גאָר נישט קאָ' מורא אַז אַ פרעמדע ייִדענע וועט ביי זיי אָפּרעדן די רײַכע ירושה! 'עסט זען, דער אַלטער וועט זי נאָך פירן אויף אַ חתונה־רייזע. אויפן האָניק־חודש וועט די שוסטערקע זיך אָרעקלאָזן מיט שיפן אין די ווײַטע לענדער, ס'כלה־מיידל. ס'עט נאָך זײַן טשוטשעלע־מוטשעלע צווישן זיי!"

און אַז די אַלטע פּייגע איז געזעסן אַנטקעגן איר, האָט סאָפּיאַ איר געלייגט צו די פּיס די וואַרעמסטע ברכות „פֿון טיפֿן הערצן". ס'פּרייט מיך איוף אַן אמת, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ פּלוצלינגן כריפּ, גלייך ס'וואָלט איר געגומען ווערגן אַ שלונג טרערן. שפּעטער האָט זי געהיטענערהייט דער־פֿון אָפּגעלאָזן אַ סוד די ווייבער, וואָס האָבן זיך אַריינגעוויזן צו איר אין די אויפֿדערנאַכטן.

— צ'האָט שוין געהערט? אַ גאַנץ גליק האָט געטראָפֿן דער ליטוואַטש־קע. וואָס, איר ווייסט אויך שוין? אַבי איך האָב געגלייבט אַז איך בין די איינציקע, וואָס האָב געכאַפּט די מציאה. צעפּויקט שוין אַליין, די ייִדענע. און זאָגן זאָגט זי, אַז זי האָט מורא פֿאַר אַן עין־הרע און אַליין גייט זי אַרום אין פּלוידערט, די ליטוואַטשקע. נאָר סיי־ווי האָט זי אַ גויִיש מזל. „ער" נעמט זי אַרויס פֿון איר פּינצטערן שטיבל, ברענגט זי אַריין אין סאַ־ליעס. ס'וועט איר זיין וווּל ווי אַ פֿערשטן. מענטשן זאָגן, ס'אַ פּעוונע זאַך.

— זאָל זיין מיט מזל אַלע ייִדישע קינדער, — האָבן די אַנדערע נישט־פֿאַרגינעריש אויך זיך געהאַט אין זינען ביי די ווינשעוואַניעס פֿאַר דער אַלטער פּייגע.

◆

הפּנים, די ייִדענע פּייגע האָט אויף אַ רעכטן אמת זיך געקליבן חתונה האָבן אויף דער עלטער. ווערדליך ווי מ'האָט געשאַצט, האָט מען איר „גע־געבן" יאָרן קרוב לזיבעציק, דעם חתן־יונגערמאַנטשיק אַ צען יאָר מער. ריכטיק, ער גייט נאָך זשוואַווע, ער איז אַ רענטלעכער, איז אָנגעטאָן אין פֿרישע אָנצוגן מיט שיינע קראַוואַטן, טראָגט געפּוצטע שיך און איז ריין געגאָלט. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס קאָנען אים שוין, האָבן זיך געאיילט צו זען מיט „אים".

ביי דאַניאַ קרעניץ האָט מע געדיכט געשמועסט דערפֿון און עפּטערס זיך איינגעהערט צו דער דרויסנדיקער טיר, צי די אַלטע פּייגע קומט אָן. וואָרן זינט זי האָט זיך געכלהט, איז זי געוואָרן מאָדנע פֿאַרנומען און געוויזן זיך זעלטענער. „הע, ס'אי' נישט קיין געלעכטער?" — האָט איינע זיך אַרויסגעכאַפּט אַקעגן דעם וואָס מ'זאָגט. „אַז פֿאַרליבט, וויל מע נישט וויסן ווי שפּעט ס'איז!" — רופֿט זיך אָן פֿרוי סאָפּיאַ און זי וויל זיך נישט שטערן אין דעם לאָטערייקע־שפּיל. „זאָל איר גוט זיין און זאָל זי פֿון וויטנס הערן

נחת ביי אונדז״. ס׳האָט איר פֿאַרדראָסן הלמאי דאָס דאַרע ווייבעלע האַלט זיך אַזוי אין גרויסן, עס פּאַסט איר שוין נישט אַריינצוקומען צו איר.

אין אַ פֿאַרנאַכט האָט די כלה פּייגע דאָך זיך אַריינבאַוויזן צו סאָפּיאַן און איר אַ פֿינקל געטאָן מיט אַ בריליאַנט אויף דער האַנט: „פֿון אים אַ מתנה!״

— טראָגטס עס געזונטערהייט, — זייער, זייער שיין!

— מערטשעם ביי אייך צו זען כלה־מתנות, — האָט די ליטוואַטשקע איר נישט געזשאַלעוועט.

— זאָל ביי אייך זיין גליק אַ פּול מעסטל, פּייגע קרוין, איך מיין עס פֿון גאַנצן הערצן, — און זי כאַפּט אַריין אין אירע הענט דער כלהס פֿאַר־שרומפּענע קעפּל, קושט עס, קושט אין די באַקן און פֿאַרגיסט זיך מיט טרערן. — כ׳פֿריי זיך, פּייגע קרוין. זאָל אייך גוט זיין!

אַ גרויסע, אַ ברייטע איז די אַלטע סאָפּיאַ געשטאַנען איבער דער פֿריינדינע פּייגע, וואָס ווערט באַגליקט און די שייך פֿון דער תמיד ברע־נענדיקער לאָמפּ קוקט אויף איר מיט פֿאַרחידושטער פֿאַרנעפּלטקייט.

אין די טרערן און אין יענערס נאַסע קושן, אָנגעפּרעסטע מיט די גראָבע ליפּן, האָט די באַיאָרטע כלה דערשפּירט אין דאָניאַ סאָפּיאַ אַן אמתע פֿריינ־דינע און זי האָט איר שוין אָנפֿאַרטרויט דעם סוד וועגן דעם אָפּגעשמועסטן זמן־חתונה. יאָ, טאַקע אין גיכן.

— שוין? איר טוט ראַכטיק. וואָס דען, ערשט „דערקלערן זיך״, אַרומ־שלעפּן זיך, טשוטשלען זיך? גלייכער אַזוי. געגאַנגען צום רב און פֿאַרטיק אַן עסק.

— אַלץ סוין באַסטימט, סאָפּיאַ לעבן. אָ־דער סטיין — האָט זי איר ווידער אַ פֿינקל געטאָן מיטן פֿינגערל אויפֿן אויסגעסוכניעטן הענטל — איז אַן אַדערויף. דער זון זיינער האָט׳ס געקויפֿט. דער אַלטער האָט באַסטעלט.

— פֿיין, פֿיין, ס׳וועט אייך גוט זיין, פּייגע, — און שרה אַן אַלטע, אַ שווערע, פּלוצלינג אַ שוואַך־געוואָרענע, האָט געזוכט ווו זיך אַראָפּצולאָזן מיט איר גרויס לייב. — באמת שוין צופֿיל פֿון דעם קליאַק, — האָט זי געטראַכט מיט באַסט. — נאָר זי גרויסט זיך מיט אַן אַלטן תרח, און זי ווייסט נישט אַז מ׳באַדאַרף האָבן אַ ביסל שכל אויך. זי ווייסט נישט, די בהמה, אַז אַן אַנדערער האָט אויך אַ האַרץ, אַן אַנדערער האָט זיך אויך זיין קוואַל. נאָר באַרימט זיך!

און ס׳איז גוט געשען וואָס עס זענען גראָד אַריינגעקומען די שטענדיקע געסט און מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש מאַכן „אַ קערטל אין לאָטערייקע״. קאָרטן שפּילן זיי נישט, די ווייבער — זאָגן זיי — ס׳איז פאַר הולטייעס. זיי ווילן נאָר פאַרטרייבן אַ סמוטנע שעה.

— זשיבעטשיק אַכט, דריישיק פינעף, עלעף, נאָך אַ מאָל דריישיק מיט אַ זשעקש, אַכטשיק פיער, זשיבן, ניינטשיק און... גענוג, כ׳האָב. פאַרטיק! אַ קאָן פון עטלעכע ניקלנע צענערלעך און איינגענומען אַ שלאַכט.

זיי לאַכן, די ווייבערישע שפּילערס, מיט נאָכמאַכן דער שוסטעריכעס פייגע איר אָנציינזיק רופן די נומערלעך און זיי לאַכן פון די „קאָרטן״. דערנאָך לאָזן זיי זיך סערווירן טיי מיט קיכלעך. די פריינדינע סאָפיאַ איז אַ גוטע גאַסטגעבערן. זי זעט גערן אַז מ׳קומט אַריין צו איר. אַ מאָל, אין מיטן טיי־טרינקען, האָט זי זיך דערשלאָגן צו אַ דרייסטקייט:

— איר ווייסט, ליבע מענטשן? מ׳עט באַלד אָנווערן די סעניאָראַ פייגע, אונדזער טייערע ליטוואַטשקע? זי׳ט מיט גליק חתונה האָבן. ס׳אַן אמת, — האָט זי פאַרזיכערט — איך ל אַ ד נישט, — און די גרויסע סאָפיאַ האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ׳עט זי אונדז פאַרבעטן אויף דער חתונה, ׳עלן מיר מאַכן אַ מיצווה־טענצל, — רופט זיך אָפּ די פּיצענקע נעכע מיט די שטייפע פאָר הערעלעך אויפן קאָפּ ווי אויסגעדאַרטע שטרוי. — געזאָגט, און זי קוקט כיטרע אויף אַלעמען אַרום טיש.

— הערט אויף צו חוזקן. ווי קען זי דאָס? ס׳אי׳ דען אַ הוטשנע חתונה, איז זי אַ כלה צום ערשטן מאָל? מ׳זאָל באַהיט ווערן פאַר אַזאַ אויפשפּיל... שטיל, מיט אַ שטיק וויטיק אין האַרץ און אַ שמייכל אויף די ליפּן, ס׳דען דאָ אַן עצה ? ?!

— וואָ׳דען, זי זאָגט דען נישט דעם וואָרן אמת? — האָט די כלה גראָ און געשרומפּן געוויגט מיטן קעפּל.

און די רייד פון פרוי סאָפיאַ האָבן ערשט רעכט זיך צעקלונגען.

דאָס האָט די באַלעבאָסטע זיך געלאָזט הערן מיט איר קלוגשאַפט און עולם ווייבער איז געוואָרן מוראדיק ערנסט. שטיל. ווי אַ פאַרדושעט געשריי און אַפּוואַרטנדיק איז געווען ס׳שווייגן. דעמאָלט האָט די קליינע נעכע מיט איר דין קולכל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ סקאָמלענדיקן טרויער:

— מ׳זאָל באַהיט ווערן, וואָס פאַר אַ צרות עס טרעפן דעם מענטש —

האָט זי פֿאַרקוועטשט די אויגן. — אַנומלט האָט אַן עלטער פּאָרל חתונה געהאַט. זי, נעבעך, האָט יאָרן זיך געמוטשעט מיט קראַנקע קינדער, קוים זיי אַרויסגעשלעפּט פֿון בלאָטע; ע ר, נעבעך, אויך אַ געליטענער; און אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, זיי האָבן זיך דערהערט, ווי ס'פּירט זיך, וועגן אַ שטילער חופּה, האָבן זיי נאָך געוואָלט זיך אָנטאָן אַ תענוג און די חופּה־נאַכט נישט פֿאַרברענגען אין זיין שטוב אָדער אין אירער. איז ס'פּאָרפֿאָלק אַוועק אין אַ שיינעם האָטעל־צימער איבערשלאָפֿן די נאַכט און — —

זי האָט נישט פֿאַרענדיקט, נאָר באַזאַכט מיט בפֿירושער טרעריקייט, אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— און וואָס, נעבעך? — וויל ווער שמייכלען און ווען ס'ווילט זיך לאַכן: — נו, נו, שעמט זיך נישט, אויב עמעץ באַנאַרישט זיך!

די קליינע שוואַכע נעכע האָט אָבער אַלעמען ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ העשעדיקן זאָג:

— ער איז נעבעך שוין נישט אויפֿגעשטאַנען. נישט טרעפֿן זאָל עס — ער איז געווען טרויעריק גליקלעך און נישט געהאַט קיין כוח אויפֿצוהייבן זיך צום גליק: די חתונה געפּראַוועט באַנאַנד מיט אַ לוויה, וואַ־וווואַ־אַ!

— טפֿוי, טפֿוי, אין אַלע וויסטע וועלדער זאָל עס אַריין. און צו וואָס דאָס דערציילן אַצינד? — איז עמעצער אַרויס אויף דער אַלטער נעכע. — אַ מענטש האָט עס אַ ביסל אַ שכל! נישט פֿאַר קיין שום יידיש קינד אָנגעצייכנט.

— ס'זאָל אויסגיין צו אַלע אונדזערע שונאימס קעפּ — נישט אייך האָט מען אין זינען, פֿייגע־קרוין! — האָט סעניאָראַ סאָפּיאַ געפּרוווט טרייסטן דאָס „כלה־מיידל“, וואָס איז בפֿירוש געוואָרן טרויעריק און ס'האָט איר מער נישט צוגעלויכטן דער בלישטשנדיקער שטיין אויפֿן פֿינגער.

נידערגעשלאָגענע האָבן אַלע פֿאַמעלעך זיך אויפֿגעהויבן פֿון ווייבערישן טיש אין יענעם אויפֿדערנאַכט.

— טפֿוי, טפֿוי, נישט געדאַכט זאָל עס זיין.

יעדע האָט זיך אָפּגעשאָקלט און אַוועק אין דער דרויסנדיקער פֿינצטערניש אַריין.

◈

אויפֿצומאָרגנס און איבערמאָרגן האָט אַ קלענערער עולם זיך שוין אַריינגעוויזן צו דאָניאַ סאָפּיאַ קרעניץ אין הינטערשטן דירהלע אַריין. די

כלה פֿייגע איז אויף לאַנג פֿאַרשוווּנדן פֿונעם ווייבערישן טיש אַוועק. די לאָטערייקע־שפּיל האָט פֿאַרלוירן פֿון דער תּמידער הייטערקייט און די באַלעבאָסטע שרה האָט אין אומער דערשפּירט דאָס אומהיימלעכע דרילן פֿון לאַנגאָניקע ווייטיקן אין די גלידער. די עלטער האָט איר שאַרף געשראָקן, זי איז מער געלעגן אויפֿן שמאָלן טאַפּטשאַן, געלאָזט אַראָפּיערן די קלעמבבעס פֿלייש פֿון איר לייב און זי האָט מיט פֿאַראיבל פֿאַרנומען דעם חוצפּהדיקן גערויש פֿון פֿאָרנטיקן קלייט.

— סאַנטיאַגעלע כמאָל, ער זשויבט!

— סאַנטיאַגעלע, אַ בייזן כּוח דאָס האָט!

קאַלעמוטנער זונטיק

ער האָט זיך איבערגעוועקט און אין פֿוילקייט דערפֿילט אַז אויך זי שלאָפֿט נישט. אונטער זיינע וויִעס האָט זיך נאָך געוועבט דער דרימל, אין באַוווּסטזיין האָט זיך נאָך נישט אויסגעוואַרעמט קיין וואָרט וואָס זאָל פּותר זיין זיין שפּירונג נאָכן שווערן שלאָף. די גלידער לענגערן זיך אויס, זיי קנאַקן נחתדיק. אַ טייערער טאָג דער זונטיק!

ווי צערונענער רויך האָט דער פֿרימאָרגן זיך געשטעלט שיטער־נעפּלדיק. הימל און חלל וואָס צווישן מענטש און מויער עטעמען מיט דער זעלביקער מוטנער, אומעטיקלעכער שיין. רו איז אויסגעגאָסן אויף אַלץ, ברייט און פֿאַרטראַכט זיך אַראָפּגעזעצט —

איבער די אַנטקעגנדיקע פֿענצטער שלאָפֿן נאָך די אַראָפּגעלאָזענע ליכט־שאַלוזיעס, איידל פֿאַרשאַרט קוקן אַרויס די דין־אָנגעכוואַליעטע פֿאָרהאַנגען; ס׳איז געשלאָסן די קראָם אויפֿן ראָג, פּייכט־שוואַרץ ליגט דער אַספֿאַלט פֿון גאַס וואָס האָט ענדלעך אַ ביסל מנוחה פֿון די מטורפֿע אויטאָמאָבילן. רק זיי באַוועגן זיך מיט אומאויפֿהערלעכן ליאַרעם, גרילצן מיט די ראַפּטעם אַראָפּגעדריקטע טאָרמאָזן. ערשט איז שאַ־שטיל, כאָטש לייג זיך אַוועק אין מיטן גאַס אויף רו.

אויף יענער זייט שויבן איז איינגעגליוּוערט אַפֿילו דאָס תמידע געשריי פֿונעם צייטונג־הענדלער:

— דיאַאַאַאַ־רררריאָאָאָ! — —

דאַכט זיך, שיכור גייט נאָך אויס דאָס קול.

אמת, אַן אויסדאַכטעניש.

לאַנג שטייט דער זונטיקדיקער אין דער פֿרי. דער דרויסן ציט זיך אין געעעעע־נעץ.

ערגעץ נאָענט, שפּירט זיך, איז פֿאַרשפּאַרט געוואָרן דער אינדערוואָכן.

ביז אין טיפֿער נאַכט אַריין האָט מע נעכטן אַרויסגעטריבן דעם אינ־

דערוואָכן מיט צוגעוואַרעמטער היימלעכקייט, מיט צעפּליגלטן לאָמפּן־פייער און שרײַיקן געלעכטער.

אַז אַדערויף אויפֿן זונטיק האָט מען אין דער נאַכט אַריין זיך אַרייַנגעשניטן מיט בלענדעניש פֿון קאָרטנשפּיל.

— אַ פֿיינע שטוב ביי די שפּיצקאָפּס.

גערעדט צו זיך און ער טויכט זיך אָפּ אין אַ וואָלקנדל דערמאָנונג. עס שטייט נאָך פֿריש־אויסדעמפּנדיקע טאַבעק־שאַרפֿקייט און אין דער נאָז קיצלט דער ריח פֿון גלוסטנדיקע ביסנס.

טאַקע אַרויסגערעדט העכער ווי געוואָלט, וואָרן זי האָט עס דערהערט און זי האָט באַגלייט זיין געדאַנק.

— געווען גאָר סימפּאַטיש!

אויף גוט־מאָרגן האָט זי זיך אָנגערופֿן צו אים, אַקוראַט זי וואָלט זיך ערשט צוריקגעקערט פֿון דאָרטן. — אַ גוטע באַלעבאָסטע די סעניאָראַ ראָסאַ. קלוג צוגעגרייט צו פֿאַרבייסן, שיין דערלאַנגט.

מיט באַוועגטע ליפּן שמעקן־נאָך מאַן און ווייב די טעמים פֿון דער נעכטיקער חברותאדיקער סעודה און ביידן טוט הנאה די איינגעגעבענע פֿאַרטיע קאָרטן:

— געלאַסן, אָן צעקאָכטקייט. אַזוי האָב איך ליב, — האָט זי מוסיף געווען.

פֿאַוואָליע, אין רעדן, קומט זי רעכט אויף.

— ס׳גייט דען אין געווינען? מ׳וויל נאָר פֿאַרברענגען די פּאָר שעה. אַ דאגה די פּאָר פּעזעס!

ווייל דאָס צונויפֿקומען זיך. ווייל אַז מ׳קלייבט זיך צו אַ ריכטיקע געזעלשאַפֿט, זאָגט פֿרוי ראַקעל. ערשט באַהעפֿט זי זיך — אין געדאַנק — מיט דער געמיטלעכקייט וואָס איז אויסגערונען מיט דער נאַכט.

דער סעיניאָראַ ראַקעל פּאַפּטשען זיך נאָך די אויגן, כאָטש שלאָפֿן שלאָפֿט זיך שוין נישט. ערשט וויל זי צוטראַכטן עפּעס אויף היינט, נאָר ס׳שפּאַרן אַלץ דערמאָנונגען פֿון נעכטיקן אָוונט ביי די שפּיצקאָפּס. און אומגעריכט לאַכט זי אַרויס. דער סעניאָראַ שטיפֿטס איינפֿאַל איז איר געקומען אויפֿן זינען. אַ המצאה: איטלעכע פֿרוי זאָל באַקן אַ טאָרט און שטעלן אים אין קאָן פֿון וועגן דעם שטאַרקסטן געווינער. הע־העהעעע, נעמען ס׳געלט און נאָך צובאַקומען אַ קניפּ אין בעקל אַריין: קענסטו אַלעמען אונטערצופֿן, נאַזשע דיר נאָך אַ לעקעכל. אַ וואַזשנע המצאה זאָג איך דיר!

זי רעדט עס גיכער צו זיך, אין פרימאָרגן אַריין, די פרוי ראַקעל, און זי וויל אַז דער מאַן זאָל אויך הערן איר טראַכטן.

אָפּגעריסן זיך ס'ניכטערע געלעכטערל און זי האָט געגומען באַרע־כענען, ווען דער שבייסצונאַכטס וועט ווידער זיין ביי איר.

זי פאַרקוועטשט די אויגן און ס'פליסטערן די ליפּן:

— ס'אַ רעדל. בוראַק, בוראַק איז דער אָנהייב פון ראָד — עס קריגט קוים אַ ריר. בוראַק דער ערשטער. שווייג נאַר (זאָגט זי זיך), פאַר צוויי וואָכן די זאַלצמאַנס, יענע וואָך די סיוואַקס, היינטיקס מאָל ביי די שפּיצ־קאַפּס — — עס גייט שוין. ווילק, רובין, זונדעלעס, איך. עס גייט שוין! מיטן אַכטן גאַנג קערט עס זיך איבער צו מיר, צו דיר, — דער אַכטער שבייסצונאַכטס איז אונדזערער, טיטאָ. ס'פרייט דיך? נאָך פיר וואָכן, די פערטע! וועסט האָבן די גאַנצע פרייד ביי זיך אין הויז! או־או, עס פרייט מיך און ס'גרוילט. דעם אמתן מושב, דעם גאַנצן ציגאַרן־קאָפּעטש מיטן טומל. די גראַטשקע. ס'איז זיך דערפון נישט צו דערוואַשן.

— וואָס קען מע טאָן, ראַקעל? — באַפּאַלט אים אַ נייע שלעפּעריקייט וואָס קלעפּט זיך צו זיינע רייד — מ'מוז! גייסט צו יענעמען, מוז יענער קומען אויך צו דיר. אפשר אָפּזונדערן זיך? אפשר ווערן אַן אַנלייגער? — רעדט שוין פון אים תרעומות. — כ'וואָלט נישט געקענט דעם קאָפּ אַרויס־שטעלן אין ערגעץ. אַ נפקא מינה? זאָלן לייט זיך אָנפרעסן אויך ביי מיר. און ס'איז טאָקע פריילעכער אויכעט. אַ מושב? וועסט דער שיקסע געבן אַ פּאָר פּעזעס, זאָל זי רוימען, זאָלן אַלע צעזעצט ווערן, אַבי ס'זאָל נעמען אַ סוף צום אַכטן.

אים איז געוואָרן דערווידער דאָס קרימען זיך דעם ווייבס.

— גרינג זיך צו זאָגן: פּעזעס. קלייבסט זיי אין גאַס?

— צייל ליבערשט נישט די פּעזעס, וועסטו האָבן ווינציקער עגמת־נפש, און אַראָפּ אַן עסק.

— פּעזעס? — דרייט זי אויס צו אים דעם קאָפּ. — פון וואַנעט אַזוי פיל פּעזעס? ביי מיר וואַקסט עס נישט אַזוי גיך.

— נישט פּעזעס? גיב איר פּלעווועס, גיב איר אַ קרענק, גיב איר ס'קדחת און זאָל זי רייניקן, פּוצן, זאָל זי געשוואָלן ווערן, ברעכן ס'געניק! לאָמיך צו טאָן אַן אויג, מאַמעלע!

— אַזוי? — צעשטשירען זיך אירע ציין.

סעניאָראַ ראַקעל לאָזט עס אים נישט באַקומען. שלאָפן? זי צופּט דעם

מאַן ביי אַן אויער, זי וויל, ער זאָל אויף איר קוקן. ר׳זאָל הערן, גוט אויס־הערן. דער פֿאַרשלאָפֿענער טיטאַ וויל אָבער גאָר נישט הערן, אים גלוסט זיך שלאָפֿן. ער שרייט כּמעט:

— ווילסטו נישט, איז נישט! מוזסט זיך אָוועקרוקן פֿון אַלע, צו קיינעם נישט גיין... ווילסט פּרעסן ביי יענעמען, גיב אויך יענעם אַז ער זאָל דער־וואָרגן ווערן. שאַדט נישט, זאָל די שיקסע וואַשן ס׳פּאָרצעליי, ס׳גלאָזוואַרג, זאָל זי ברעכן. ס׳איז אַ יאַלדישע קאָרט, טייערע. מ׳מוז איינשטעלן אויף צו פֿאַרשפּילן.

— או־או, ווי ס׳געלט צעשווימט!

— וואָ׳דען, ווילסט נאָר נעמען? — כאַפּט ער זיך אַ באַליידיקטער. — ווי אַ שנאָרער זאָל מע מיך באַטראַכטן? און דו אַ ווייב פֿון אַ שלעפּער? ס׳פּאַסט דען?

— כ׳מיין עס דען, קינדלעבן? — פֿאַרמאַכט זי די אויגן מחמת פֿאַר־לוירנקייט.

— פֿאַרגעס נישט, מענטשן קוקן אויף די הענט, — איז ער שוין וואַכעדיק.

— קוקן, קוקן, וויל זי זיך פּיעשטשען און אים ציט נאָך אויף אַן אמת דער אָנגעקייקלטער גרויסער קנויל שלאָף. דריוולדיק, רויכיק האָר־בעט ער זיך קעציש פֿון די ווינקלען אַרויס, טונקלט באַגיניק אויף די טיול־כוואַליעס פֿון די הויכע, ברייטע פֿאַרהאַנגען.

היינט איז יום־טוב, זונטיק שלאָפֿט מע שפּעט; אום זונטיק זוכט מען איינצוהאַלטן דאָס ביסל יונגשאַפֿט, וואָס רינט אויס. דער סעניאָדאַ ראַקעל שלאָפֿט זיך נישט מער. איר רעגט זיך די ברוסט, איר דרימל רייסט זיך איבער פֿון מאָל צו מאָל. מיט צעעפֿנטע אויגן הערט זי זיך שוין צו צי דער מאַן שלאָפֿט. זי וועט אים זאָגן, ער זאָל זי היינט אַרויספֿירן מיט דער קאַטש אין ראַזעדאַל. אַ שפּאַציר אויף דער לופֿט פֿרישט אָפּ. אַפֿילו אום ווינטער — — אַן אויגנבליק דאַכט זיך איר, זי האָט עס אים שוין געזאָגט מיטן גאַנצן פּיעשטשענדיקן האַרץ אירן. אַוודאי, זי וועט צושטיין צו אים, ער זאָל איר אָפּגעבן מער צייט. אַ פֿרוי טאָר אַזוי פֿיל נישט וועלקן אין שטוב. אַן איינפֿיר געמאַכט זיך: נאָר אויף די שבייסצונאַכטסן וואַרטן!

זי קוקט אין זיין זייט. שוין ווידער! נאָר ער שלאָפֿט. און דווקא ברענט אין איר אַ באַגער ער זאָל מיט איר רעדן.

— מאַכסט זיך שלאָפֿן, לאַכטיקער מאַן מיינער... ס׳עט גענוג זיין! — טוליעט זי זיך צו אים. ער עפֿנט די אויגן ווי אויסגעוואַשענע, קילע, פֿרעגנ־דיקע, און אַקעגן זיי ציט זי זיך קינדיש, ברוגזדיק.

— לאָזסט נישט אַן אויג צוטאָן, שלעעכטע! — קוקט ער אויף איר.

— אָדער ס׳געשעפּט, אָדער געשלאָפֿן, האַ, גוטער?

— אַוודאי בין איך אַ גוטער — אַז כ׳מוז זיך אַזוי פֿיל אויסשטיין פֿון דיר, — לאַכט ער.

— גיי, גיי!

— כ׳גיי שוין גיין, טייערס. ווייס: אַלץ איז ס׳געדענקען, ווו מ׳האָט זיך — גלעט ער זי מיט פֿאָטערלעכער באַרויִקונג. — ווייסטעך, ראַקעל. גאָרנישט איז לייכט.

זי פֿאַרשטייט, די סעניאָראַ ראַקעל, און גיך וויל זי פֿאַרגעסן די איבּ־לען, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן ביי איר. דער אמת איז — פֿון דעם מאַן איז זי צופֿרידן. זי דאַנקט אים פֿאַר אַלץ, אַלץ. און היינט וועט זיין אַ גוטער זונטיק. דרויסן זאָל זיך נאָר אויסלייטערן. פֿאַסקודנע דער כוניאָ, דער כוליאָ!* מאוימדיקע חדשים פֿון ווינטער: אָט איז די זון מיטן פֿאַלשן בליאַסק אין מיטן פֿון דערעסענעם, וואָסערדיקן הימל, זי בריט צומאָל, פֿאַרעט אויס אַ פֿייכטקייט, וואָס האַקט אונטער די פֿיס און אָט צעבראַסטעט זיך אַ פּלוצלינ־גער ווינט; ער בילט נישט ווי אין דער היים אַמאָל. קאַלט, עסעדיק רייסט ער זיך פֿון די ימישע ברייטן, שניידט דעם אָטעם, פֿרעסט די לונגען: קכור־קכוכו, קככככוווו! דער הוסט צעלעכערט די ברוסט, די פֿייכטקייט צעקרימט הענט און פֿיס.

אין סאַמע טראַכטן פֿאַרוועבן זיך ווידער אירע אויגן, אָבער דאָס ווע־טער אין דרויסן באַאומרויִקט זי.

— אַ וואַזשנע ווינטער! — גיט איר זיך אַ זאָג און אונטער די וויִעס ליכטיקט: טרוקן סקריפּנדיקע שנייען אָנען זיך איר. פֿליטערלעך ווייסע, שוועבנדיקע זעצן זיך אַראָפּ אויף דעכער, אויף שוועלן, לבנהק בלאָ פֿאַר־קאָוועט דער פֿראָסט די פֿענצטער און די הדרתדיקע געשטאַלט פֿון שיד־לאָווצער רב באַוועגט זיך אין גרויסן, לאַנגן פּעלץ — —

— כאַ־כאַאַאַ, — רייסט זיך אַפּ אומגעריכט אַ פֿרעמד געלעכטער —

---

* יוני, יולי.

אַ צעקוועטשטער תּמוז! ווינטער, זאָגסטו, ראַקעל? — דאָס איז ער, טיטאָ, איר סענדער, אַזוי אומרחמנותדיק צו איר — ווייסטעך: דאָ איז אַלץ פֿאַר־קערט — אַז "דאָרט" איז חנוכּה, מ'הייצט דעם קאַכל־אויוון, מע צעלאָזט גענדזנשמאַלץ אויף פּסח, באָדט מע זיך דאָ אין שוויס. און אַ רב ווי אַ ר' יוסל פֿון שידלאָווצע וועסטו דאָ טרעפֿן? און פֿרומע ייִדן מחדש זיין די לבנה האָסטו שוין געזען? פֿאַרקערט איז דאָ אַלץ, פֿאַרדרייט אַלץ, קינד. ס'איז "בוינע", ווינציקער בוענאָ,* ראַקעל, העערסטו?

— שלאָף, שלאָף, — בעט זי זיך שוין און זוכט מיט איר האַנט זיין מויל. זאָל ליבערשט פֿאַר איר ליכטיקן דאָס אָנען פֿון ווינטער — "דאָרט".

* גוט.

עס רעגנט

ררררוווככככ־ווו !

אַ לאַנג אויסגעצויגענער, הייסער גרילץ איז טעמפּ אַריינגעפאַלן אין דער פאַרדרימלטער שטילקייט פונעם פרימאָרגן. די שויבן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, די לופט האָט אָפּגעציטערט, גלייך עפּעס וואָלט שווער אויפ־געריסן, אָנגעחורבנט אַט־אָ אונטער דער נאָז.

קוקן? זי האָט מורא. ראַקעל האַלט אָן דעם מאַן ביים אַקסל.

— הערסט? נאָך אַזוי פרי און שוין...

די פרוי גיט אַ שוידער.

— שרעק זיך נישט. עפּעס געפּלאַצט מסתמא, — פאָנפעט ער פון האַלב־שלאָף.

— ס׳זאָל נאָר נישט האָבן געשאַדט קיין מענטשן, — זעצט זי זיך שוין אויף אין בעט. ס׳ציט איר צוצוגיין צום פענצטער און זי פוילט זיך. די שטילקייט אין שטוב אַרט איר אַצינד.

— און אַז אַ וואָגן פאָרט אַרויף אויפן טראָטואַר, וואָרפט אום אַ בוים, הרגעט אַ זקן צי אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד, איז ביי זיי אַן אומגליק? — הערט זי אים ווייטלעך, מיט אירע געשלאָסענע אויגן. זי האָט מורא צו זען דאָס בילד, וואָס ער מאָלט איר אויס — ווי משוגעים טראָגן זיי זיך!

ער קען מער נישט איינליגן. צייט זיך אָנצוטאָן, אַז אַ דרימל טאָן וועט מען סיי־ווי שוין נישט לאָזן. עמעצער קען קומען, דער טעלעפאָן וועט אפשר רופן.

מיט אַ פאַרמעקט פנים שטייט טיטאָ קיפער און ציט צו דעם רימען אויף די הויזן. די האָר אויפן קאָפּ זענען האַרט צעשויבערט און אין בליק מאָנטשעט זיך אים ווי אַ רויך: הינטערן פענצטער קנוילט זיך דער אין דער פרי אין אַ טומאַן; שיטער גייט ער אויף פון דער גערונצלטער ערד. זיכער, גיט עס אַ שאָס, מוז ערגעץ פאַלן אַ קויל. — —

זיין שטערן פֿילט שוין די קילקייט פֿון דער שויב, זיינע אויגן זוכן.

— ניי? — פֿרעגט זי.

— באַלד. אַ געשטיי אויפֿן ראָג זע איך. און עס רעגנט שוין, ראַקעל! אַ רעגן זאָלסטו זען, אַ דינער, אַ געדיכטער, אַ פֿלייסיקער — אַ כליאַפּ אויף אַ גאַנצן טאָג... כאַ־כאַ, מיט אַ קאַמיאָן איז עפּעס געשען, ראַקעל. כ׳זע שוין. צעטשאַפּעט זיך ביי אים אַן אונטערשטער שיך און — איינגעשניטן. ער וועט נישט גיין ווייטער, — טענהט דער וואָגן. דערפֿון דער פּלוצלינגער דונער אין טריבן פּרצוף אַריין פֿון דער תמוזדיקער קרירה, וואָס צעגריזשלט די הויט. פֿון אַ סאַרווער־פּירמע דער וואָגן, ראַקעל —

טיטאָ דרייט זיך שוין הין און הער הינטער די שויבן פֿון שלאָפֿצימער. ער וויל געניי זען אַלץ, וואָס עס ראַיעט זיך אַרום דעם גרויסן אויטאָ־וואָגן, וועלכער האָט דאָ אָפּגעדאַנקט און וויל זיך נישט רירן פֿון אָרט. — מיט טישן איז פֿול דער קאַמיאָן, מיט לאַנגע בענק, מיט געפּעס! — ציילט ער ס׳געזעענע. — פֿאַר אַ גרויסן זאַל קענטיק געגרייט אַ שמחה. כאַ־כאַ, — לאַכט ער און שאַרט מער אַוועק די פֿאָרהאַנג, זוכט גאָרנישט צו פֿאַרלירן פֿונעם אויג — אַ גאָרנדיקן טאָרט שטעלט מען אַראָפּ פֿון לאָמען קאַמיאָן; מ׳טראָגט, מ׳טראָגט, ראַקעל: קוישן מיט געבראָטענע עופֿות, קעסלען מיט יויך, מיט געזאָטענע פֿליישן, פּולמיסקעס מיט פֿיש, מיט מייערלעך, מיט — — שטעלסט דיר פֿאָר, ראַקעל, אַ חתונה? דאָ האָסטו זי אין גאַנצן. כאַ־כאַאָ, זי האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַהער, אָן חופּה־שטאַנגען, אָן אַ כלה און אָן קאַפּעליע. זע, זע, וואָס מ׳שטעלט אַלץ אַרויס פֿון אויסגעגליטשטן וואָגן! באמת, אַ חתונה, אַ משוגענע חתונה ׳עט עס זיין, מיט דער פּרעס, מיטן זויף!

די אויגן קריכן אים אַרויס, דעם באַשעדיקן טיטאָ הינטער די שויבן פֿון דער שלעפּעריקער שטוב.

פֿון הילציקער התפּעלות גיט זיין וואָרט אַ רייט אָן מיט אַ כריפּ, אַזש דעם וייב ווערט עס איבערדריסיק:

— ביסט נעבעך הונגעריק, טיטאָ, — ס׳וואָר?

איר ווילט זיך ליבערשט פֿאַרמאַכן די אויגן — נישט הערן, נישט זען. אַ רעגן צו איר קאָפּ. פֿלוידערט פֿון אַ חתונה, וואָס לאָדנט זיך אַרויס פֿון אַ צעבראָכענעם וואָגן. אַ דאַגה אים עמעצנס אַ חתונה! מיט איר האָט ער נישט וואָס צו רעדן, בלאָנדזשעט אויף יענער זייט פֿענצטער, ווו דער אמת האָט צו טאָן נישט מיט איר. דיר, ראַקעל, איז ביטער. אַ מאַן האָסטו,

איז ער אומעטום, נאָר נישט אין דער היים מיטן ווייב; אָדער מיטן געשעפֿט, אָדער ביי די אַמיגאָס. פֿאַר יענעמען וועט ער אַוועקגעבן אַלץ. זי מעג איינטריקענען. ס'ווייב זעט ער דען...? אויף יעדער פֿרעמדער חתונה וועט ער גיין, אַבי מ'זאָל אים אַרויסזען, פֿון אים רעדן. ראַקעל, טו אָן דאָס, טו אָן יענצס! צירונג וואַרפֿט ער אַרויף אויף איר האַלדז, קייטן און בראַשן איבער דער ברוסט, רייפֿן אויף די הענט, רינגען, שטיינער וואָס מער, וואָס גרעסער, עס זאָל אויסשטעכן יענעמס אויגן, פֿאַרבלענדן, און אַליין איר די מכה אין האַרץ. אַ שטיקל סחורה אין וויטרינע איז זי אים. ער וועט איר קויפֿן ס'טייערסטע, אַבי מ'זאָל אים דערמאָנען צווישן מענטשן: קוק, וואָס פֿאַראַ געשמאַק! אַלץ ער, נאָר ער. איר האָט מען געמאַכט אַ שם פֿאַר אַ קאַרגע. ביי יעדן צונויפֿקום אויף קאָרטנשפּיל ביי די קיפּערס אין הויז, מוז זי אונטעררייסן איר געזונט, זי, ראַקעל. ראַקעל, זשאַלעווע נישט. ראַקעל, גרייט אָן, ראַקעל, זאָלן מענטשן נישט האָבן קיין עוולה ביי אונדזער טיש, — מאָנט ער שטענדיק. יענעמען וועט ער אַלצדינג אַוועקגעבן, ס'ווייב וועט ער דערדריקן. דו מאַך, טו, אַז די פֿאַרב זאָל שטיין אין פּנים, אַליין דאַר איין! ווי לאַנג קען מע דאָס? — — —

אַ שטיק צוריקוועגס איז זי אויף גיך אָפּגעלאָפֿן, פֿרוי ראַקעל, ס'געדע־כעניש פֿונאַנדערגעוויקלט; פֿון אַ פֿאַרשאָטן פֿייער האָבן אין איר זיך פֿונאַנ־דערגעשפּרייט פֿונקען, גענומען ברענען. ווי אין אַ ווירבל האָבן טרערן זיך צעזאָטן אין איר ברוסט. דאָס האָט אים פּלוצלינג אָפּגעריסן פֿונעם פֿענצ־טער. אויסגעדרייט זיך האָט ער ס'ווייב דערזען ליגן אין בעט אַ צונויפֿגע־קנוילטע און שטאַרק געהעשעט. דערנענטערט זיך צו איר, האָט ס'געוויין אין איר אין גאַנצן זיך אויפֿגעלייזט און אין חלל טריב, טרויעריק אויסגע־ציטערט; ווי האַסטיקע רעגנטראָפּנס האָט דער ווייבערישער געקלאָג גע־קלאַפּט אינעם אָנגעגליטן דאַך פֿון זיין געהער.

— וואָסי, ראַקעל? זאָג... באַרויק זיך, ראַקעל!

זיין שטים ווערט שיער נישט אָנגעשוואָלן פֿון דעם געוויין, וואָס האָט אים געבראָכן ס'געמיט מחמת די האַרצרייסנדיקע גאַמעס: „צו וואָס ס'גאַנצע לעבן? פֿאַר וועמען לעב איך?“... פּלוצלינגקייט האָט זיך געריסן פֿון דער פֿרויס געקלאָג, פֿון אַ יעדן צוק פֿון איר פּנים. אַ געפּלעפּטער האָט ער איר געגלעט איבערן קאָפּ, געפֿרעגט צי איר טוט עפּעס וויי, אפֿשר רופֿן אַ דאָק־טער? האָט זי אַ רגע זיך באַרויקט, געקוקט אויף אים מיט פֿאַרקלעפּטן גע־זיכט, רויטע אויגן, איז ער געלאָסן צוגעשטאַנען:

— וואָס ז׳געשען אין מיטן דערינען, רחלע?

ווידער האָט פון איר אַ שפּריץ געטאָן מיט ווייטיקלעכן געכליפּ. ראַקעלס אַקסלען האָבן ספּאַזמאַטיש זיך אַ הייב געטאָן, אויפגעצוקט. זי האָט אַרויסגעכליפּעט פאַרהוילענע יסורים. רופן אַ דאָקטער? — פרעגט ער שוין מיט תחנונים. זי וויל נישט! ראַקעל האָט נאָך מער זיך צעהעשעט. אַ דאָקטער וועט דאָ גאָר נישט העלפן, — האָט זי אָפּגעשליידערט זיין האַנט. בייזקייט האָט געפלעמלט, צעשפּרייט זיך אין אַ פלאַקער: אַ לעבן האָט זי ביי אים? אַלץ, אומשטיינס געזאָגט, איז געלעבט! „פאַר דער וועלט" מאַכט ער זיך שיין, זי מעג אויסגיין, זי מעג פלאַצן — שטילערהייט.

יעדעס מאָל האָט פון איר אַרויסגעכליפּעט אַ ספּאַזם. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם קישן, נישט געוואָלט זען דעם מאַן. און דאָס בילד פון אַליינפּיין איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר: יונג געוועזן רחלע אַלבערט, שיין, מענטשנס אויגן פאַרבלענדט. ביי אים וועלקט זי, פאַרוועלקט ראַקעל דע קיפּער. פאַרשפּילט די קאַרט, כאָטש נישט געשפּילט יאָלדיש, ווי ער זאָגט עס, סענדער — —

פאַוואָליע האָט זיך געלאָשן ס׳געכליפּ פון דעם צעטראָטענעם, אַמאָל מיידלשן טרוים. אָקערשט טליען פעדעם פון מאַנענדיקער פרוילעכער געפּרוווטקייט. קענטיק, פאַר ליכטיקערע יאָרן ווי אויפן שענסטן קלייד האָט דער קליגסטער שכל נישט קיין פעולה. ס׳פאַלן און דאָס צעפאַלן געגענט, דערנענטערט זיך מיט עקשנות. ערשט צופּט חרטה, באַדויער. דאָס איז עס דער פלוצלינגער ברי אין סעניאָרא ראַקעלס האַרץ. איר יאָמער צעטרייסלט זי און דאָס צעפלעטשט אים, זיין יום־טוב פון זונטיק־פרעס און אומזין.

טיטאָ איז מיד געוואָרן פון דעם טרויער, וואָס ס׳וויב האָט דאָ אָנגעבראַכט. גוט, עס איז שוין רויק, זי דרימלט. דער רעגן הערט זיך דייטלעך איבערן שטילן אַספאַלט. ער פאַטשט שוין אין געלאַף, דער געדיכטער רעגן. סעניאָר קיפּער פאַרשאַרט פון ס׳ניי די פאָרהאַנג, שטעלט זיך אין שויב אַריין:

אויף אַן אמת — אַ קאַלעמוטנער טאָג, ער בינדט צו צום הויז; מענטשנס נודאָטע וועט זיך דיר אָנוואַרפן, פּוסטקייט וועט נעמען שפּאַרן, אין טעלעפאָן וועט עס גרילצן. נישט אומזיסט האָט ראַקעל זיך צעקלאָגט. יולי איז דער ביטערער חודש פון קרענקען. די רעוומאַטן צעדרייען די גלידער אין די־אָ מוז מיר צעדרייען ס׳ביסל מנוחה: אָוועקשיקן זי?... שוין וועט זי פאָרן! האָסט דען געלט? באַלד ברענט זי מיט קנאה: יענע האָבן, זיי האָבן

זיך נישט אַרויפֿגעאַרבעט. זי רעדט שוין נישט דערפֿון, די אָדערן שינדט זי מיטן שווייגן, מיטן קלאַצעוואַטן פֿרעגן.

אומעטיק. די שויבן טרערן און זיין בליק רייסט זיך דורך — ער בלאָנדזשעט שוין ווידער אונטן. דער רעגן באָדט אויס די וועלט אין בלאָטע; ער פֿאַלט, פֿאַלט אָן אויפֿהער, רוגזהדיק שניידט ער דעם טאָג, פֿאַרגיסט דעם אַספֿאַלט מיט פֿליסיקער, מוטנער גלאַזור־טונקלקייט. אָפּגעלייזיקט די גאַסן, פֿול זענען זיי מיט אומגעזעענער מהומה, פֿול מיט שווערן הימל און קאָטשן איינגעשניטענע אין באַלבנדיקער, פֿליסיקער איילעניש, וואָס וואַקסט און שוימט זיך; די קאָטשן קענען ווייטער נישט גיין. דאָס רעגן־געוויטער בושעוועט. פֿון דעם אויטאָ־וואָגן מיטן צעטשאַפּעטן גומי־שוך איז שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן די גאַנצע סעודה. אונטערן ראַגאָווע באַלקאָן גליווערט די חתונה אַ ברוגזע, אָן איינגעזונקענע מיט די פֿיס אין סאַמע מיטן מיצווה־טאַנץ. ס׳וואַסער פֿליוכעט איבערן טראָטואַר, מענטשן אין די שטיינגעבליבענע קאָטשן גליווערן, קוקן זשעדנע און שפּאַטיק צום ראָג —

אַ חתונה אַ שפּעדיקע, אַ גרויסע און מלא־שמחהדיקע איז נעבעך געבליבן הפֿקר אַרויסגעשטעלט אין מיטן גאַס; דער שיינער זאַל מיט די געפּוצטע לאָמפּן און וואַנטלייכטערס וואַרט פֿאַרבענקט אויף פֿריילעכן האַרמידער. נישטאָ, און ס׳וועלן אפֿשר נישט קומען חתן־כּלה, אויך נישט די געסט אויפֿצושוימען פֿון נחת אַרום מחותנים, אַרום קינדער, אייניקלעך און גוטע פֿריינד. דער גאַרנדיקער טאָרט, די קוישן מיט די געבראָטענע עופֿות, די פּולמיסקעס מיט פֿיש, די טעפּ מייערן־צימעס, די פֿריש־וואַרעמע בולקעס — אַלץ קוקט פֿאַרשעמט אויפֿן בלעזלדיקן פֿליוך פֿון רעגן. ער שוועבקט, דער רעגן, די פֿאַרנאַרישטע קאָטשן, צוואָגט די אַראָפּגעשטעלטע טישן און בענק אין סאַמע גאַס, ער לאַכט פֿאַרשייט פֿון דעם קאַליקעוואַטן גרויסן אויטאָ־וואָגן און ער פֿאַרשפּריצט, נעצט די חתונה־פּאַטראָווען מיט דער גילדענער יויך וואָס ווילן בשלום איבערהאַרן דאָס געוויטער וואָס ניידערט פֿון די אומזיכערע הימלדיקע הייכן. ניין, עס זעט זיך נישט אַז עס זאָל אין גיכן אויפֿהערן. ס׳איז חודש כוליאַ, פֿייערלעשערס וועט מע מוזן ברענגען מיט טרומייט־שאַלן און ליאַרעם: אַ ח־תו־נהההה בררעעעענט! דערווייל לאַכט זיך נישט, דערווייל לעשט זיך נישט דער אומרו ביי די איינגעווייקטע מענטשן. רק עס פֿליוכעט, ס׳שפּריצט און דער באַלעגאָלע מיט די קעכערס פֿון דער סאַרווער־פֿירמע ציטערן איבער דער פּרנסה,

וואָס איז איינגעשטעלט. מיט די אייגענע אויסגעשפּרייטע פּאָלעס פֿאַרהיטן זיי די געקעכטסן, מיט די אייגענע פּלייצעס ווילן זיי פֿאַרמיידן דעם חורבן וואָס גייט אויף דער פּייערלעכער סעודה און פֿון זיי אַליין רינט עס ווי פֿון אָפּגעיאָכמעטע שקאָפּעס. די מענטשן אין די געצוואָגענע קאָטשן קוקן חוזק־דיק: אַ פֿאַרשפּילטע חתונה! אָפּגעפּאָרן דער חתן, שלעכט געטובלט די כלה, העהע־העעעע — — נישטאָ וואָס אויפּצוטאָן. עס איז מן השמים. עס פּליו־כעט, ווייל דער רעגן וויל אַזוי. ווי מקווה־צעבערס גיסט ער איבער די איינגעזונקענע אויטאָס; די באַלעבאַטים וואָס איינגעקלעמט אין זיי מחמת דעם שטורמישן רעגן, קאָרטשען זיך: וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיי־יי־ייייייך! אין זייערע אויגן טונקלען שוין די געבראָטענע אָדערקעס פֿון די אינדיקעס, עס טריקענען די ליפּן, אין האַלדז קומט אָן די סלינע, די נאָזלעכער זופּן די ריחות פֿון די גוטע פֿיש, פֿון די שאַרפֿע כוסות; די גומענס קלעפּן זיך, אין די אויערן טומלט: ס'גאָר נישט קיין פֿריילעכע קאַפּעליע, ליבענקער. בלאָטע כליאַפּעט אין דער נשמה אַריין, ברררר — —

רעגן, רעגן. עס רעגנט שווער, ווינטערדיק און עס שלאָפֿט דער טאָג אונטערן אומהיימלעכן זונטיק. די סעניאָראַ וועקט זיך איבער, נאָר איר שווייגן איז קאַלעמוטנע ווי איר קוים־טליִעדיקער געדאַנק:

— אַ טאָג ווי איר אומגליק פֿינצטער. ווידער באַשערט נישט אַרויס־צוגיין זיך אָפּפֿרישן, נאָר פֿויל, וועלק!

פֿון טרוקענער ברוסט האָט איר אָנגעכאַפּט אַ פּלוצלינגער בייזער שלו־קערץ. טיטאָ האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט. ער האָט געקלעפּט צו דער שויב און וויסט געלאַכט אין זיך פֿון דער חתונה, וואָס ווייקט זיך אונטערן רעגן. צוגעפּאָרן שוין צוהילף אַ צווייטער וואָגן צו די סאַרוועס, אָבער ער וועט אויך נישט אַרויס פֿון דאַנעט. פֿאַרטרונקען די טאַליקע געגנט. גיכער וועט דער וואָגן שווימען, געטראָגן ווערן פֿון די שטראָמען וואָס הייבן זיך, טאַנצן שוימיק.

— אַ חתונה, כאַ־כאַ־כאַאַאַ, אויף לאַדקעס!

ראַקעל האָט זיך אומגעריכט אַ קאָרטשע געטאָן.

אונטער די שויבן פֿון שלאַפֿצימער האָט דער דרויסן געפּאַרנאַכטיקט אין סאַמע אין דער פֿרי.

אַ ז אַלטע גאַס

אַ ז אַלטע גאַס איז די גאַס פֿון אונדזער אָקערשטיקער מחשבה. אויב איר ווילט — רופֿט זי כוניק, אַ נאָמען פֿונעם ביכערדיקן פֿאַרצייטנס אינעם מידבערדיקן און חלומענדיקן אַרגענטינע, פֿונעם גאָלד־ און זילבעררייכן פּערו, פֿון, פֿון... די היסטאָריע וועט אייך שוין פֿירן. אַגב מעגט איר זי רופֿן אַבדערש. בוענאָס־איירעס האָט אַ סך ענלעכע גאַסן: שמייניקע, גראָע, מיט דורותדיקע רונצלען אויפֿן פּנים, שטאַרק אָפּגעריבענע שוועלן, שמאָלע, שטויביקע פֿענצטער.

צוגעשפּאַרט צו אייננאַנדער איז די דאָזיקע אַלטע גאַס פֿול מיט קליינע מויערלעך, פּלאַטשיקע דעכער און שטילע, מרוזשנדיקע שויבן אין דרויסן אַרויס. און הינטערווילעכטס, פֿאַרהוילן פֿאַרן טאָג, טוליען צו זיך די מויערלעך ענגע, אייביק־טונקעלע, פֿייכטע פּאַטיאָס. איך וואָלט געשווירן: דאָ טראָגט זיך פֿון ערגעץ דער אָטעם פֿון שימל, פֿון נישט־אַנטפּלעקטן מאָך וואָס בערגלט זיך אונטער אַ פֿאַרוואָקסענעם קאַרניז. יונגקייט איז אין ערגעץ נישט ניכּר. שפּראָצט אַרויס פֿון דאַנען די געשטאַלט פֿון צאַרטער יונגמיידלשקייט, גייט איר נאָך באָבעשע באַזאַכטקייט, פֿונעם אויגנגלי נעפּלט אומערשאָטן. געלעכטער שאַלט דאָ נישט, נייערט עס רייכערט זיך אַ פֿוילע פֿלאַמיקייט. קומט פֿון ערגעץ אַ געלעכטער, ברעכט עס זיך און פֿאַלט גיך, טעמפּ. הפּנים, מיט נאַכטישקייט זענען אָנגעזאַפּט די ווענט פֿון כוניק, און זיי שאָטענען אָן דעם גורל פֿונעם מקום, כאָטש לעבן וועבט זיך אין אים אונטער די באַלקנס פֿון די באַשיידענע הייזקעס. אַ פֿויגל נעסטיקט זיך צומאָל נישט אויף כוניק־גאַס, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן פֿון דער אימפּעטיקער שטאָט. אַ סברה: שכנים פֿון כוניק האָבן שוין פֿאַרגעסן אַז ס'איז פֿאַראַן אַזוינס ווי פֿויגלשער טשיריק, וואָס וועקט דעם מענטשן אין די באַרוטע באַגינענס, לאָזט הערן אַן איידעלן, בענקשאַפֿטלעכן געפֿלאַטער.

פֿאַרלאָזענע אַלטקייט הויזט אויף אָט־אָ־דעם פּאַס שטאָטישער ערד. דער אמת איז, אַז דאָ און דאָרט האָט זיך אויך אויף כוניק שוין אַרויפֿגע־

דראַפּעט אַ העכערע געביידע מיט לאַנגע שורות פֿענצטער, וואָס צינדן זיך אָן אין אויפֿדערנאַכטיקן טונקל ווי אָקערשט אויפֿקומענדיקע רויטע מאָן־בלומען. „אָט־אָ, זעסטו? און נאָך, נאָך!" מענטשן פֿאַררייסן די קעפּ און שטוינען: זענען מיר עס די אייגענע, אָדער, אָדער טאַקע זיך פֿאַרלוירן אין דער מהומה דער גרויסשטאָטישער — — ?

אויף אַן אמת זיך פֿאַרגעסן אין דער־אָ משונהדיקער צייט. מ'דערקענט נישט אונדזער כונין, די צוריקגעצויגענע און בכבודיקע.

אַוודאַי, ס'איז נישט אַמאָל! די צייט די איצטיקע איז שוין באַוווסט ווי גאָר אַ מאָדישע, אַ מער קלוגע. גרונטיק אָפּגעקערט זיך פֿון אַל דאָס שלעפּעריקע, האָט די היינטוועלטישקייט האַסטיק אַריינגעדרונגען אויך אין דער אַלטער גאַס. לאַכט נישט: פֿון הינטער פֿאַרצייטישע באַלעבאַטישע גאַר־דינען טראָגט זיך נישט ווו, נישט ווען דאָס דרייסטע קול פֿון ראַדיאָ וואָס אַמפּערט זיך מיט די גליווערנדיקע ווייטן און מיט דער צאַם פֿון אַ פּאָלירט קעסטל; ערגעץ אַנדערש ווערט די שטילקייט אָפּגעשטויסן פֿון אַן אייליקער כוואַליע פּיאַנאָ־בלעזלעך און חוצפּהדיק־צעקלונגענע טענער, וואָס ווילן לאַכן. נשתוממדיק הייבן זיך אויף אויגן, אויערן לויערן־נאָך מבולבל: „ווו בין איך?" די זון שפּאַרט זיך אַריין צווישן די מויערן און אויך זי חידושט זיך, קריכט איבער דעכער, דערקריכט צו שויבן־גלעזער, פֿאַרבלענדט זיי פֿון מיטאַמאָליקער שאַרפֿזעעוודיקייט:

— איי, איי, געפּאַקט.

די גרעסערע הייזער האָבן זיך ממש אַריינגעריסן אויף כונין, עלעהיי אַ קונדס כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ בוים וואָס אין פֿונאַנדערגעגאָסענעם צוויט און ער לאַכט חוזקדיק, דער שטיפֿער, פֿון אייער תרעומותדיקן געשריי: „ביטע! דער זיידע שלאָפֿט. ר'עט דיך דורסן אויב ר'וועט זען, ווי דו שאַדנסט אָן!"

אמת. אמת. אויך די נייע הויכע הייזער זענען חשיבותדיק און באַ־שיידן, אַפֿילו מיט זייער מירמל אין פֿאַסאַד, מיט די מאַסקירטע עלעקטרישע לאָמטערלעך ביים אַריינגאַנג. אַזוי שטייט עס אָן אַ זקנה. עס מעג זיין אַ גאַס אַ זקנה, וואָס פֿאַרנעמט נאָר די טונקלקייט און איז שוין צוגעוווינט צום דערשרעק פֿון צעטומלטע בלאָנדזשנדיקע פֿלעדערמייז אין ראַפּטעמדיקן גע־פֿלאַטער.

און סיי־ווי האַלט זיך די כונין־גאַס פֿאַר אַ מיוחסת צווישן גאַסן, הגם צו קיין גדולה איז זי קיין מאָל נישט דערגאַנגען. אַ ביסל העלע פֿאַרב דאָ,

אַ שטיקל פּרישע מאָזאַיִק אַנדערשוואו, אַ נייע געביידע ערגעץ צווישן שפּלע שטיבער און פֿון ירידה קען נישט זיין קיין קלער. מיט כל הכוחות מיידט אויס די כונין זיך אָנצושפּאַרן אויף אַ שטעקן. אַ שטייגער ווי אַ מענטש ראַנגלט זיך די גאַס מיט איר אַלטקייט. זי וויל נאָך גיין אויף די אייגענע פּיס. אויסבאַהאַלטן דעם איינגעבויגענעם רוקן, צוגלעטיקן די קנייטשן איז איר תּמידע טוונג. אויף די גערונצלטע באַקן איז נאָר קענטיק איר פֿאַר־לעגענער שמייכל יעדעס מאָל, ווען עס הייבט זיך אויף איבער איר אַ פּרישע מויער, — אַן אַלטע, אַ קרישלענדיקע איינגעוואָרפֿן אויף דעם אָרט! — ווען עס שײַנט אויף אַ ניי אויסשטעל־פֿענצטער, סחורות נעמען מיניען מיט צו־זאָג. עס איז די פֿרייד פֿון אַ באָבע מיט אירע אייניקלעך: „ס'זשאָל זשיין מיט מאַזשלו!״ אָט אַזוי — אָן ציין, אָן כוחות, מיט טריפֿנדיקע אויגן. מאָדנע לייכטנדיקער טרויער ברומט אָפּ פֿון באָבעשן געלעכטערל. עס טריפֿט דער בליק פֿון דער כונין און זי דרימלט איין ביי אַ ליאַדע אָנשטרענג. שוין די נאַטור ביי איר אַזאַ: צו שטילקייט, צו רו געווינט די כונין, כאָטש זי ליגט אין אויבן־אָן פֿון שטאָט, אויף יעדן אָפּשניט לויפֿט זי צו אַנדערע באַלעבטע אָרטעריעס, איבערפֿולע מיט זודיקן אויטאָמאָביל־רויש, מיט טראַמוויי־גע־קלימפּער און האַרמידער פֿון אייליקע מענטשן.

איר מעגט גלייבן.

ווי אויף אָפּצורוען זיך אַ ווײַלע לענט זיך אָן אויף דער באַשיידענער כונין די לענגסטע, די לויפֿיקע און קאָכיקע אַווענידע ריוואַדאַוויאַ;

ערשט די שלאַנגיק־רירעוודיקע סאַרמיענטאָ־גאַס;

די אייביק יונגע, טומלדיקע קאָריענטעס;

אויך די פּריציש־פֿײַערלעכע סאַנטאַ־פֿע.

שווער אויסצושעפּן אין ראיות דעם יחוס פֿון דער אַלטער, שטילער גאַס.

אַ בכבודיקע גאַס די באַיאָרטע כונין, וואָס באַגעגנט זיך מיט מערערע חשובע בוענאָס־איירעסער גאַסן און זי ציט זיך צוריק ווי אַ געשטרויכלטע שילדקרעט אין איר מויערפּאַנצער אַריין. אַן אַלטע, איז איר באַגער צו דרימלען, צו טראַכטן פֿונעם געווען. זי האָט אַפֿילו ביי זיך שיינע קראָמען, ביר־שענקען, רײַכע ביוראָ־גאָרנס, נגידישע ווילעס, כאָטש — אמת, אמת — אָן אַ קריש גרינס פֿאַר די שוועלן, צומאָל אָן אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן בוים פֿון אַמאָל, איידער די כמורע מויערן האָבן זיך דאָ אַוועקגעזעצט. אַרום און אַרום גראָער טינק, שווערער שטיין, שטוינענדיקער, וואַרטנדיקער הימל איבער ווייט־אויסגעשפּרייטן שוואַרצן דאַך. יאָ, לייט פּרוּוון אַלץ צו באַלעבן

די כּונין, וואָרן זיי גופא ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם אומעט פֿון דער עלטער. זיי באַגערן ליבערשט דעם האַמעטנעם האַרמידער פֿונעם יונגן דרויסן. ווען יאָרן גיסן זיך אָן מיט איבערגעצייטיקטקייט, אַ ציִעניש גראָבט אין דער נשמה, לאָזט עס דעם האַרץ נישט שלאָפֿן. דערפֿאַר האָט די אַלטע כּונין אויפֿגעהויבן איבער זיך אַ גרויסן האָטעל־געביי מיט ברייטע אַקסלען. ניי און שטאַרק. מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן גרויסט זיך די גאַס מיט אָט־דער יונגשאַפֿט, תּענוגט זיך מיט די קאַליריקע נעאָן־ליכטער, בענקט בפּירוש נאָך געסט פֿון דער פֿרעמד, נאָכן אָטעם פֿון אַנדערשדיקן. זי זוכט מונ־טערנדיקס.

אַ מיאַוטשנדיקע קאַץ טוליעט זיך צו אַ נאַכטישער שוועל, צו אַ קילער וואַנט, ווייל אַן אַלטע באַלעבאָסטע איז אַנטדרימלט געוואָרן אין די פֿינצ־טערע אינעווייניקייטן פֿון איר הייזקע, ווייסט מען אַז ס׳איז די קאַץ פֿון כּונין; פֿון אָפּהענטיקייט איז די זקנה אַוועק אין פֿאַרגעסעניש פֿון כאַפּעדיקן שלאָף און אַ גאַנצן אָוונט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. עס איז רעכט, אַז אויף צו פֿאַרריגלען די טיר אין דרויסן אַרויס, צו פֿאַרנעמען ס׳געוויין פֿון קעצישן אומעט, וועט זי זיך אויפֿכאַפּן אין טיפֿער נאַכט, אַריינלאָזן ס׳באַשעפֿעניש און שוין פֿאַרפֿרי אָנהייבן דעם נייעם טאָג, וואָס איז נאָך ווייט פֿאַרבאָרגן הינטער זיבן בערג און זיבן מאָל זיבן טאָלן פֿון דער וועלט וואָס איז אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף.

ווי אַ געשרומפּענע באָבע ליכטיקט מיט לעבנס־טרויער די אַלטע גאַס. דער הימל דער אייביקער און אויסגעשפּרייטער איז לייטזעליק צו איר: אין זיין מטושטשדיקייט, וואָס הענגט ווי אַ מאַט אָנגעגאָסן גלאָז איבער דער שטאָט, שענקט ער דער באַיאָרטער כּונין אַ שמייכל פֿון וואַרעמקייט, אַ מאָל אויך אַ טרער פֿון צער.

אַ פֿענצטער צום דרויסן

א פֿענצטער צו דער גאַס איז אָפֿט מאָל ווי אַ פּנים, וואָס מ׳טראָגט אַרויס צום דרויסן. עס גיבן שטילע פֿענצטער און עס גיבן האָפֿערדיקע, ווי פֿאַרזאָרגטע. דאָס פֿענצטער, אויף וועלכן מיר קוקן, איז אַ פֿאַראומערטס — עס בליקט אַרויס ווי אַ פּנים, וואָס געדענקט נאָר אומהיימלעכס און אַזוינס וויל עס אונדז דערציילן, דווקא אַזוינס.

◈

נידעריק צו דער גאַס איז אַראָפּגעזעצט דאָס פֿראָנטאָווע פֿענצטער פֿון מענדל ראָוונערס שטוב, נאָר פֿאַרבייגייערס זעען עס רעכט נישט, סיידן די וואָס האָבן נייטיק אַריינצוגיין צו אים. אַ פֿענצטער אַ פֿאַרשטויבטס, אַ פֿאַר־גלאָצטסט און אַן אַלטס — ווער זאָל זיך אומקוקן דערויף? אויך די טיר איז אַ בלינדע, אָפּגעקראָכן פֿונעם געמאָלעכץ ווי די גאַנצע הייזקע. מענטשן טראָגן זיך דורך דאָס שטיקל גאַס און נישט זעלטן גיט אויף זיי אַ ווייע אַ קילקייט ווי פֿון טוכלען קאָרידאָר־טונקל, אַזאַ וואָס מ׳חיל גיכער האָבן הינטער זיך. עפּעס אַן אומווילן טרייבט פֿאַרביי. שאָטנהאַפֿטיק, מאָדנע אָפּגעלאָזן, מיט דורכויס אָפּגעבליאַקעוועטע שטיבער איז אַרומגערינגלט מענדל ראָוונערס פֿראָנט־פֿענצטער, נאָר אין פּלייצע, האַרט אַריבער די שכנותדיקע פֿלאַכע דעכער הייבן זיך אַרויף הויך, שווער, גרויסע שטיינערנע גאָרנהייזער, גלייך ווי זיי וואָלטן מיט זייערע צעפֿליגלטע פֿענצטער, מיט די מאַכטיקע ווענט אַוועקגעשטעלט געוואָרן רק איינצושלינגען דאָס גראָע ליכט.

פּריקרעוואַטע איז אָט דער גאַס־אָפּשניט, הגם אין דער נאָענט קאָכט די לאַנגע, רייכע אַוועניוע קאָריענטעס און פֿון דער אַנדערער זייט שטופּט זיך מיושבדיק די באַרג־אַרויפֿיקע, שמאָלע גאַס סאַרמיענטאָ. עס זעט אויס ווי פֿון וועגן דעם שטיקל גאַס איז אויף שטענדיק דאָ איינגעצאַמט געוואָרן לויערנדיקער ערב־אָוונט, כאָטש באַלד אַנטקעגן, אויפֿן צווייטן טראָטואַר שטייט לעבעדיקער טאָג: מענטשן באַוועגן זיך מיט געניגטונג פֿאַרן אייגע־

נעם נפֿש און די זון לענגערט זיך קעציש איבער די ווענט, איבער די טראָ־טואַר־טאָוולען, קוקט נייגעריק אין אַ פֿענצטער אַריין, שאַרט אָפּ מאָכיקע מרה־שחורה פֿון דער גאַסיקער אַלטקייט.

דער נידעריקער דירה פֿון מענדל ראָוונער איז נישט באַשערט דער שמייכל פֿון דער זון, צומאָל נישט דעמאָלט ווען הימל און״ ערד ווערן צע־שמאָלצן פֿון קלינגלענדיקן ליכט. ס׳פֿאַרנטיקע פֿענצטער ליגט אין כמור־נעקייט זינט די הויכע מויערן האָבן עס אַוועקגעזעצט ביי זיך צופֿוסנס. דער־פֿאַר — אַז עס קומט די ווילבאַוווסטע בוענאָס־איירעסער קלעפּיקע פֿייכט־קייט, איז זי אויך דאָ נישט געפֿעלט. אויף די שויבן פֿונעם באַשיידענעם פֿענצטער שטעלט זיך אַ מאַטקייט ווי פֿראָסט־פּאַרע. די ראַם און דאָס ביי־שטידל ווערן גליטשיק־נאַס. מיט דער לופֿט, מיט דער גראָער שיין פֿונעם שווערן הימל שפּאַרט די פֿייכטקייט און זי באַדעקט אויך דאָס קיילעכיק־אָנגעגאָסענע פּנים פֿון מענדלען: גרויסע, גלאָזיקע שווייסטראָפּנס ווי טרערן רינען פֿון אים, דאָס העמד נעצט און עס קלעפּט זיך צו זיין לייב.

מענדל ראָוונער איז בסך הכל אַ שוסטער, נישט מער און נישט וויג־ציקער. דאָך אַ וויכטיקער תושב, ווייל אַן איינציקער שוסטער אין גאַס; אין דעם גאַנצן אַרום איז נישטאָ נאָך איינער אַזאַ. און ס׳איז טאַקע חידושלעך: אַ שוסטער אויף אַנסע דער געגנט, ווו לייט מאַכן פּרנסה פֿון בייטן „שמאַ־טעס״ אויף קנאַקעדיקע פּעזעס, אויף שיינע קאָטשן, אויף לוסט־רייזעס. ווער באַדאַרף דאָ אַזוינעם? פֿאַר געשעפֿטן איז דאָ אַ מקום. אַ לאַטע, אַ פֿלעקל, אַ פּאַדעשווע, כאַכאַ־כאַאַאַ! זייטיקע, וואָס קאָנען נישט דעם שוסטער פֿון דעם שטילן ווינקל, וואָלטן זיך באמת געוווּנדערט. עס איז אָבער נישט אַזוי. און נישט אַזאַ לאַטוטניק איז אונדזער שוסטער.

שוין צענדליגגער יאָרן זיצט מענדל ראָוונער אין דער געגנט און מענטשן גייען צו אים שוין „מיט פֿאַרמאַכטע אויגן״. זיי זענען צו אים צו־געוווינט ווי צו אַזאַ וועמען מ׳זאָל אַזוי נישט באַדאַרפֿן, ווי מ׳מוז צו אים אָנקומען, כאָטש ער איז אַ מענטשל — נישט דאָ געדאַכט — מיט אַ וואָכע־דיק פּנים, מאָזאָלנע הענט און בכלל אומבאַדייטעוודיק אין אָנזען. נישט צו גרויס אין וווקס און אַ בימעלע צו ברייט אין די אַקסלען. מחמת ער פֿלעגט תמיד זיצן אויפֿן נידעריקן בענקעלע איז אים אַריין די הייך אינעם בויך און אינעם קאַרק. נעבעך געבוירן געוואָרן מיט אַזאַ מזל צו ברעכן זיך ס׳גע־ניק און אַריינצוװאַקסן אין פֿלייש אַריין. אַריינקומערס באַדויערן דעם שוס־טער, נאָר מענטשן קענען אַ מענטש נישט גליקלעך מאַכן — זאָגט איטלעך

מאָל זייערס אַ זיפּצל. דעם אמת: מענדלען אַרט עס ווינציק. ער איז גאָר שטאָלץ אויף זיך: „נישט קיין פּאַשעביק געוואָרן גאָטצודאַנק. מיט אָרנט־לעכקייט איז דאָך שענער ס׳לעבן״. און מענדלס מלאכה האָט מען אויך גערן אין אַ סך היימען און, באַשיימפּערלעך, ער גופא איז שטאַרק צופרידן פון זיך שוסטעריי. „נישט דער זייגער איז דער עיקר, נאָר די צייט״, זאָגט ער פּאַר אַליינלויב, מחמת זעלטן זענען די קונדן וואָס דערלויבן זיך אויף אַ שבת פאַרן נישט אָנזעעוודיקן מענטשל און ער איז דאָך להוט אַ מאָל צו הערן אַ גוט ווערן פאַר זיינע אויפּטוען. „ס׳סאַמע ערשט — חזרט ער איבער — איז ס׳ברויט, ס׳קלייד, די שיך״, און ער היט יעדן אָל־שטאָך, יעדן האַמערקלאַפּ איבערן לעדער אויף זיין שויס.

מאַמעס און קינדער, געבוירענע און אויפגעצויגענע אין „אָנסע״, קענען דעם גוטמוטיקן ייד וואָס לאָזט נישט אַרויס ס׳העמערל די אַלע יאָרן, כאָטש ס׳זענען שוין געווען צייטן ווען מ׳האָט געקענט זיך אַרויפּאַרבעטן. אַ סך זיינס גלייכן האָבן אינצווישן טאַקע פאַרביטן די בעל־מלאכהשע ווערקשטעטל אויף אַ שיינער קליִט אין דער פּרינציפּאַלנער גאַס. אַנדערע זענען לגמרי אַרויס פון די סמאָלנע בראַנדזשעס שניידעריי און שוסטעריי, אַריבערגע־וואָרפן זיך אויפן מער ליַיטישן האַנדל. דער שוסטער מענדל זיצט אַלץ איבער דער קאַפּיטע, גלייך עס וואָלט אים נישט געבריט די חמימה, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ מאָל פון ים און פון דער לופט.

— אויפן הימל אַ יאַריד, — האָט ער געטענהט — אָבער נישט אַלע קענען זיין מלאכים. אַז אַלע וועלן מסחרן, טאָ ווער וועט באַקן ס׳ברויט? גלייבטס, די וועלט איז גוט אויסגעמעבלירט, — און געטאָן זיך ס׳זייניקע.

גרויס איז בוענאָס־איירעס און גרעסער זענען געוואָרן די געלעגנהייטן אַרויסצוהייבן זיך — ווען די ווייטע לענדער זענען געשטאַנען אין שריפה פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך צעשפּילט מיט גרויסע אַכזריותן און חורבנות. אַרגענטינע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ האַפּערדיקן שפּאַן פאַרויס און מענטשן האָבן זיך אַ ריר געטאָן באַגלייך מיטן פאַרשלעפּערטן לאַנד: ס׳גאָלדענע רענדל האָט מיט געקלימפּער זיך צוגעקייקלט צו אַ יעדער אויסגעשטרעק־טער האַנט; אָנסע איז געוואָרן אימפּעטיקער; קלוגע לייט האָבן אויפגעכאַפּט דעם רוף פון דער אויפגעוועקטער פּאַמפּאַ אין טיפן הינטערלאַנד, וואָס האָט ווי נאָך אַ לאַנגן הינערפלעט אָנגעהויבן מאָנען העמדער, הויזן, אַ קלייד. ס׳האָט זיך אויסגעשוכעט דער גאַוטש פון אַרגענטינישן מידבר, ר׳האָט דערזען — ער איז נאַקעט און ר׳האָט אָנגעקלאַפּט צום שטאָטישן קרעמער.

מיט אַ מאָל האָבן פֿון זקנהשן דרימל דערוואַכט די אָנגעפּלאָנטערטע שטייניקע גאַסן, ווו עס זענען געדיכט געזעסן ייִדן, אויסגעגעבענקטע נאָך פּרנסה. אויף די גאַרנס, אין די הינטערהייף האָבן גענומען קלאַפּן מאַשינדלעך, ס'האָבן זיך פֿונאַנדערגעפֿירט די הענט. ווו נאָר אַ שטוב, האָט מען געבייט, געשטעפּט, געשטריקט און געטשוועקעוועט; אין די פֿראָנטאָווע געוועלבער האָבן זיך אָנגעהויפּט בערג מיט סחורה. ביים בעל־מלאכה האָט באַשיימ־פּערלעך אויפגעיוירן דער לאַנגיאָריקער חלום אַרויסצוקריכן מעבדות לשפע. ווי אויף גוטער ראָשטשינע זענען געוואָקסן פֿאַבריקאַנטלעך, גבירימלעך. יאַנקל האָט חיימען אַריבערגעשטיגן אין אויפֿטו. פֿאַמעלעך האָבן זיי אָנגע־נומען אויך אַן אַנדערע באַרווע. דער האָט שוין געהייסן כאַקאַבאַ און דער אַנדערער האָט זיך געלאָזט רופֿן ענריקע. כיימע קלינגט אַ ביסל פּראָס־טאַצקע. געוויינטלעכע „שוואַרצע“ האָבן אַזעלכע ראַזעוואַנע בעמען.

די אַלע יאָרן האָט מענדל ראַוונער נישט געענדערט זיין פּירעכץ און ר'האָט נישט געביטן זיין נאָמען. אָדם אַ מענטש, מאַמע ברויט — אַזוי גע־בוירן, אַזוי פֿאַרלוירן. זאָלן מענטשן טוען ווי זיי פֿאַרשטייען, ער פֿאַרשטייט אַזוי: צו דער קאָפּיטע איז ער געקומען, מיט דער קאָפּיטע איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. פֿון אַ לאָמפּ וועסטו קיין רוזשע נישט אויספּלעכטן, באַ־לערנט ער נאָך זיין שטיל ווייב ריווע און זי גייט גערן אין זיינע וועגן. אויך זי וועט זיך נישט אַריינשפּאַרן צווישן די ניימאָדישע רעסטאָקראַטן. אַ בליי־כע, אַ בכבודיקע גייט זי אַרום אין שאָטנדיקן הויז און אַזוי שטיל ווי די מאַמע, איז ס'איינציקע ייִנגל וואָס וואַקסט אויך אַ בלאַסער, אַ דאַרער מיט אַן אויסגעצויגענעם פֿויגלהאַלדז, מיט איבערגעשראָקענע מוטנע־גרינע אויגן.

ס'פֿענצטער צום פֿראָנט ליגט אַלץ אַזוי נידעריק, שאָטנדיק און אַן אַ זייט פֿון אים, אין שיין פֿון אָרעמען דרויסן, זיצט מענדל ראַוונער, קאָוועט אויס חיונה מיט זיינע געניטע הענט. אַ גרויסער קיילעכיקער קאָפּ וויגט זיך איבער דער לעדער־אָנגעקליידטער קאָפּיטע און אין נייעם שוך שפּיגלט זיך די ווייסקייט פֿונעם כאַלאַט, אויך דער פֿאַרטראַכטער גלאַנץ פֿון דעם שוסטערס בליק.

— אויך גבירנטעס קענען קראַנק זיין, זאָגט ער, נאָר פֿאַר זייער לאָמ־קייט מוז ס'שיכל זיין ריין און שיין.

ער פֿאַרגינט זיך נישט צו לאַכן פֿון אַ בעל־מום, נאָר טראַכטן ביי זיך וואָס ער מיינט, דאָס מעג ער, דער צוועקער:

— גאָר נישט קען זיך דערלויבן אַן אָרעמאַן, קרענקען אַוודאי נישט.

און די הנאה פֿון זיך קוועלט אַ מאָל אַרויס פֿון מענדלען:

— אַ וועלטעלע אַ געהויבנס, און איך שמיד אים אונטער די פּאָדקאָוועס!

אַ באַשטעלטער שוסטער איז מענדל ראָוונער און אין פּאַך פֿילט ער זיך ווי אַ דאָקטער. אויף קראַנקע פֿיס שלעפּט זיך אַ האַלבע שטאָט — קומט מען צו אים, מוז ער העלפֿן. אַ דאָקטער טאָר נישט אָפּזאָגן זיין הילף. כאָטש זיי אַ פּלאַסטער צו דער מכה, — טענהט ער צום ווייב; און זי איז אַ געדול־דיקע. דעם קרומען וועסטו טאָקע נישט אויסגלייכן, נאָר אַ שוך צו דער קרומקייט איז אַ שטעקל פֿאַרן שוואַכן.

מענדל שוסטערס ווייב שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַ מאָל — שמייכלט זי בלאָס: „געדעכט, מיין מאַן".

אַ ראיה: לייט גייען כסדר צו אים:

— דאָן מאַנועל, איר ווּעט אַזוי גוט זיין?

— וואָ׳דען? כ׳מוז גוט זיין, סעניאָרא. ס׳איז מיין חוב. וואָרן נישט — צו וועלכע רוחות בין איך דאָ? יעדער אויף זיין אָרט, סעניאָרא. לעבן איז סלוזשבע.

יענע קרימט זיך באַלד, די אויגן גייען איר איבער אַז ער דערמאָנט אירע צעקאַליעטשעטע פֿיס. אַזאַ דאַמע געוועזן אָקערשט נישט לאַנג מיט איר חנעוודיקן געגנגל! אַזאַ תל געוואָרן פֿון איר.

און דאָן מאַנועל דער שוסטער קווענקלט זיך נישט באַלד זיך אָנצובייגן צו איר זיין אויסגעהאָרעוועטן רוקן און געלאָסן צו פֿירן זיינע פֿינגער איבער די צעווייטיקטע ביינער, אָנגעשוואָלענע פֿון רעוומאַטן, צעקרימטע, אָפּ־געקוועטשטע, דעפֿאָרמירטע. פֿון שווערן, נאַסן קלימאַט און פֿון יאָרן־לאַנגן שלעפּן דעם גוף, וואָס ווערט בדרך הטבע אָנגעגאָסן מיט פֿעטס און לעסטיקער מידיקייט, קריגן מענטשן ביי די פּופּציקער פֿיס ווי די קאַנען, פֿיס שוואַכע, וואָס מוזן האָבן שיך וועלכע עס איז נישט צו קריגן גרייטע. געניט אין די אַלע פֿורעמס פֿון פֿאַרפֿאַלענע הינעראויגן, אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער ווי פֿאַרדאַרטע חלה־פֿלעכטלעך, צונויפֿגעוואָקסענע פֿינגער, איז מענדל ראָוונער אַ געבענטשטער נאָמען צווישן בעלי־יסורים וואָס קרימען זיך נעבעך אויף די פֿיס.

זיי טרעפֿן צו אים, די מיט די קראַנקע פֿיס; זיי טרעפֿן צו דער שטילער גאַס, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט פֿון רעש און רויש. זיי געפֿינען דעם שוסטער אין זיין נידעריקער, אַלטמאָדישער שטוב מיטן אַלטן, פֿאַר־שטויבטן פֿענצטער — צופֿוסנס די הויכע, שטייניקע ווענט פֿון די נייע גאָרנ־

הייזער. אין שטענדיקן שאָטן שטייט מענדל שוסטערס שטוב, אַליין ווי אַ שאָטן וויגט זיך זיין גרויסער קאָפּ אין דעם נידעריקן פֿראָנטאָוון פֿענצטער, וואָס איז נעבעכדיק אָוועקגעזעצט צום דרויסן. ווי אַן אומרו וויגט זיך דער־אַ קאָפּ איבער די שיך אין זיין שויס:

— סעניאָרעס, כ׳קען זיך נישט צערייסן. מער ווי צוויי הענט האָב איך נישט. קיין הענט, זעט איר, האָב איך נישט פֿאַראיבעריקט אין בוענאָס־איירעס. פּאַסיענסיאַ, וויל ער שמייכלען — — גערולד אַ ביסעלע. אַנטרויען אַ בילע־וועמען אַזוינע דעליקאַטע זאַכן ווי... שוואַכע פֿיס?

פֿול אַנגעגאָסענע זענען מענדלס אויגן. ער איז גוטמוטיק ערנסט. ער לאַכט נישט, דער דאָן מאַנועל. ער האָט נישט קיין עצה: סיי־ווי וועט אויסקומען צו וואַרטן אויפֿן „פּאַרל״.

מענדל ראָוונערס שאָטן שאָטנט זיך אויף דער שטילער שויב פֿון דעם נידעריקן פֿענצטער צו דער גאַס. עס וועלן זיין די אמתע שיכלעך — לייכטע, ווייכע ווי הענטשקעס, אַריינגעפּאַסטע אין די שלאַפֿע גלידער. אַ האַלבע שטאָט איז קראַנק אויף די פֿיס — סיי־ווי וועט ער זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַלע פֿאַר אַ מאָל. גערולד. מער קען ער זיך נישט איילן. און ס׳איז דען דאָ צו וואָס זיך צו איילן? נאָ, נאָ, סעניאָרעס! —

אָט רעדט ער שוין אַריין אין זיין פֿאַרטראַכטקייט, מענדל שוסטער, און מיט די שפּיצן פֿון די געהאַרטעוועטע פֿינגער זוכט ער די ווייכקייט פֿונעם לעדער אויף דער קאַפּיטע, וואָס אין זיין שויס.

אַ געבענטשט געזינדל

— באמת, ס'איז אַ ביסעלע טונקל ביי זיי. שטענדיק, זאָגט איר? ס'איז אַ גוזמא. מ'באַדאַרף זיך נאָר רעכט איינקוקן, זעט מען ס'גוטע פון דער שטוב, כאָטש זי איז אַן אַלטפּרענקישע. נישקשה, ס'איז נאָך נישט „די טיר פון גיהנום". און ס'פעלט מיר נישט איין כ'זאָל איבערבייטן די דירה אויף אַ... בעסערע. מער זון, מיינט איר? איר אַנטלויפט דען נישט פאַר דער זון, איר פאַרקלאַפּט דען נישט די לאָדנס אין מיטן טאָג? אַבי גערעדט. כ'לעבן, ווילד זענען די מענטשן! אַזוי פאַרשטעלן זיי דעם וועג פאַר דער זון, האַלטן פאַרמאַכט די פענצטער אויף אייזערנע שטאָרן און דאָ זענען זיי גאָר אַ חסרון אינעם ביסל שאָטנדיקייט. מיר איז עס אַ מעלה. אַ גוטע שטוב מיינע. זי איז מיר געפעלן אין דער יוגנט און נישט נמאס איז זי מיר אויף דער עלטער. וואָס, איך בין שענער געוואָרן? ס'איז מיר אָנגעוואַקסן אַ נייע טשופרינע, צוגעקומען פרישע ציינער? לאַכט, לאַכט. פאַרראַטן? זיכער וואָלט עס געווען אַ סאָרט פאַרראַט, כאָטש קעגן אַ שטוב. ביי מיר וועט איר עס נישט פועלן, סעניאָר. נאָ, נאָ, בלויז אַ קינד וואַקסט אַרויס פון זיין רעקל, אָבער אַ דערוואַקסענער?! אַ דערוואַקסענער צערייסט זיין בגד אָדער — ער פאַלט אַרויס פון אים. פשוט, מ'מוז צו אַלץ צולייגן אַ ביסל קאָפּ. אַ מענטש איז מחויב צו האָבן פאָלנע שכל, והשנית, ס'איז מיר דען ענג דאָ? נישטאָ קיין לאָמפּ, אויב מ'זעט נישט גענוג? און כ'בין נישט איין און איינציק אין גאַס צווישן די וואָס רירן זיך נישט אַרויס פון דאַנען. שוטים, אַוודאי גייט נישט צו אַנטלויפן פון זיך. גיין נאָכטאָן עמעצן? און אַז עמעץ איז דול אין זיין חכמה...? מיין זיידע, מיין טאַטע האָבן דען אַזוי גרינג געוואָרפן זייערע איינגעזעסענע ערטער? סיידן אַ גוטער ייד האָט געהייסן, סיידן פון פרנסה וועגן, סיידן כ'ווייס־אַליין־נישט־וואָס. דאָרט זענען יידן געבענטשט געוואָרן מיט גענוג גוטסן אַז זיי האָבן געבעך געמוזט אַנטלויפן. ליבערשט נישט צו ברענגען איבערן מויל. אויף סאַמע גליקן מוז מע שוין האָבן אַ קאָנטראַקט מיטן רבונו של עולם. אויף

הצלחה מוז מען האָבן די זכיה. אַ דירה איז אויך שייך צו דעם. אַ דירה איז ווי די הויט פֿון אייגענעם לייב — זי וואַקסט מיט מיטן מענטש און די פּרנסה וואַקסט מיט איר ווי פּרוכט אויף אַ בוים. אָדער, חלילה, זי דאַרט־אויס און פֿאַלט. טאַקע, שפֿע און ברכה האָבן זיך זייערע וועגן. די וווינונג וואָס באַשערט איז דער אָנגעצייכנטער וועג פֿון מזל.

— איכ׳ל זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן, אָסור! — לאַכט ער שוין. כ׳וועל נישט אַוועק פֿון כוניך, אַפֿילו מ׳זאָל מיך טרייבן. אַן אויסטערליש איינפֿי־רעכץ זיך געמאַכט אין דעם אַמעריקע: כאַפּן, לויפֿן און פֿאַלן טאַקע אויכעט. ס׳איז די נייע חכמה. און כ׳ווייס נישט צי די אַלטע איז נישט קליגער (צע־רעדט זיך מיט היץ דער שטילער האַרעפּאַשניק). שוין הונדערטער יאָרן האָבן מענטשן זיך אויסגעלערנט צו וויסן אַז איטלעכער מוז זיך האָבן זיין אייגענע מאָס; אַ פֿרעמדע מאָס קוועטשט אָדער שטערט. און אַז אַ שוך קוועטשט זאָל מע באַהיט ווערן. מ׳מעג פֿרעגן ביי מענדלען. ר׳איז זיך דורכ־געגאַנגען זיין שקאַלע.

מענטשן פֿון גאַס, פֿון זיין נאָענטער שכנות האָבן שוין וויפֿל מאָל געענדערט זייערע וווינונגען — אַרויסגעקליבן זיך, נייע שכנים געקומען און אויך זיי זענען אַוועק; פֿון צווישן די אַלטע שכנים איז מענדל דאָ גע־בליבן אויף אַן אָרט ווי אַ מויער פֿון די מויערלעך. די מלאכה איז אים שוין שווערער, די גלידער מידער, נאָר זיין דעה איז די אייגענע ווי געווען. ער רירט זיך נישט. צוגלייך מיט דער גאַס עלטערט ער זיך.

גרייזע זקנים פֿון דער געגנט דערמאָנען זיך דעם שוסטער נאָך אַ יונגן מאַן: הע־הע, דער?... אַ פֿיינער, אַ געזעצטער. געקומען אַ פֿריילידי־קער, אַ שפּאָרע פּאָר יאָר געקליבן זיך חתונה צו האָבן און אַלץ נישט חתונה געהאַט. מ׳האָט געשמועסט פֿאַרשיידנס. אָפּגעשלאָגן אים די שוועל מיט וואָזשנע שידוכים, און ער? ווי אַ פֿאַרכישופֿטער איז ער געזעסן און געענט־פֿערט בע־מע. ווי נישט צו אים זענען געוועזן אַלע צוזאָגנדיקע רייד, אַבי זיך נישט אָליין. און ס׳איז טאַקע אויך געווען אַ צער. מ׳האָט באַלד פֿאַרשטאַנען: פֿאַרשווירן זיך צו עמעצן. טיע־טיעטיע, ביי היינטוועלטיקע אַ מאָדע אַזאַ: ליבע. און אפֿשר שוין אַ תנאים־געשריבענער דער. ר׳איז אַ באַהאַלטענער, רעדט זיך נישט אַרויס פֿאַר קיינעם.

ער האָט נישט געזאָגט „יאָ״ און נישט „ניין״. אויסגעהערט יעדן און פֿון ס׳ביי אויפֿגעהויבן ס׳העמערל פֿון דער פּאָדעשווע.

— ס׳רעדט צו אייך אַן אייגענער און איר, לא עלינו, זענט טויב.

— חס ושלום.

— נו־נו? — פרעגט יענער. און דער ענטפערט צוריק: נו־נו.

— נוקעט נישט, נאָר ענטפערט קלאָר — איז דער מענטש שוין געוואָרן ברוגז. — אַבי איך מיין אַז אַזאַ איינער באַדאַרף אַ טובה פון אַ גוטן פריינד.

— אַ דאַנק, — האָט ער געענטפערט — ס׳איז מיר צום האַרצן צו האָבן אַ גוטפריינד אין אייך.

— דאָס גאָר? — האָט יענער דאָך געוואָלט דערגיין דעם מענדלען.

— ס׳ברענט חלילה? אַליין זיך נאָך נישט פאַרזאָרגט, זאָל איך זיך איילן פאַרזאָרגן אַ פרעמד מיידל?

אויך אַ שטיק הלצהניק זיך געוויזן דער־אָ. יאָ, יאָ, ס׳דערמאָנט זיך אַקוראַטנע.

יעדעס מאָל אַזוי. מענדל האָט קלוג אַ שמייכל געטאָן און די אויגן האָבן זיך טרויעריק צעבלישטשעט. אין אמתן: פון זיינע פאַרהוילענע בענקשאַפטן האָט אַרויסגעקוקט דעם שוסטערלס אומעט. דער עיקר: מ׳האָט דערקענט אין אים אַן אָרנטלעכן. אויך יונגווייז שוין נישט געווען קיין שוויצער, קיין פלוישער.

טאָג און נאַכט געזעסן איבער דער קאָפּיטע (דעמאָלט נאָך געטשוועקע־וועט אַלטוואַרג, געקלאַפּט און געלאַטעט), דער איינזאַמער בחורישער בעל־מלאכה. באַלד מתחילת זיך געזעצט אַרבעטן פאַר־זיך, אין אייגענעם ווינקל. אַבי יידן וווינען אין דער נאָענט. לייט דרייען זיך, לייט רעדן, איז עפּעס היימלעכער; ער הערט דאָרשטיק, גלייך ער וואָלט פון ערגעץ־ווו געהערט זיך אַליין. ווי אַ הייסן ביסן פלעגט ער יעדעס מאָל אויך אַריינכאַפּן אַ בריוול, וואָס איז דערגאַנגען פון דער ווייטער ווייט.

— פון ווייב, סעניאָר מענדל? —

עמעצער איז געווען נייגיריק, האָט אַריינגעשטעקט אַן אומגעהיטענעם פוס אין ז יי ן באַשיימפערלעכן אומעט. דעם יונגן מאַן אויפן שוסטער־בענקל זענען איבערגעגאַנגען די אויגן אַלע מאָל, ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין שרייבעכץ פון „דאָרטן״.

— חס ושלום, — האָט ער זיך פאַרענטפערט — פון דער היים. איר פאַרשטייט, סעניאָר גדליה: טאַטע־מאַמע האָט מען אייניקע. שווער נישט צו געדענקען אין זיי. מ׳שרייבט צו זיי און זיי ווילן תמיד וויסן בייס, כאָטש די וועלט וויל אַלץ זיך נישט קעלבן.

און ווידער געטשוועקעוועט, באַשיכט מענטשן. אין זיך גופא האָט ער רעכט פאַרגעסן, אין דער נשמה באַהאַלטן זיין טיפן סוד. טאַקע צו די אַלטע לייט געבענקט, געדאגהט זיך פאַר זיי אין זיין פאַרוואָרפנקייט, נאָר ס׳האַרץ, ס׳גאַנצע האַרץ פון מאַנצביל איז אים אויסגעגאַגען נאָך ריוועלען „זיין מיידל״. אַזוי האָט ער זי אָנגערופן פאַר זיך, אין זיך. נישט אַ כלה איז זי אים געווען, נייערט אַ געליבטע וואָס האָט געגלייבט און מיטן ערלעכן גלויבן אים איבערגעגעבן אין געטשוועקעוועט פון אומבאַוווסטער פרעמד. און דאָס האָט ווי מיט טשוועקעס זיך איינגעגנאָגלט אין געדאַנק, געעקבערט אין זיין בלוט.

„איכ׳ל וואַרטן, מענדעלע, פאַר געזונטערהייט. זאָלן גוטע בשורות מיר אָנטקעגן קומען פון דיר״.

טרערן זענען געגרונען פון אירע שיינע אויגן, די טרערן האָבן אים אָנגעזאַפט מיט אומגעריכטער פרומקייט פון צניעותדיקער ליבע און ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַן „אמן״.

צום געזעגענען האָט זי מענדלען אַ קוש געטאָן און דער קוש האָט אים דאָ נאָך געגליט אויפן פנים. דער קוש פון ריוועלעס ליפּן האָבן ביי אים אין דער ווייט אויפגעוועקט אַ פלאַטער אין דער ברוסט.

דריקנדיק איז געווען דאָס לעבן אין אָפּגעריסנקייט. יאָרן דורכאַנאַנד מיט בריוו זיך געקלאַמערט צו ריוועלען, און האָט ער זי אַראָפּגעבראַכט קיין בוענאָס־איירעס, האָט ער באַלד גענומען די־אַ שטוב.

ווי אַ נעסט פאַרן פויגל איז פאַרן מענטש אַ שטוב, און אַ שטוב איז פאַרן עלנטן דער אָנהייב פאַר אַ היים. ריוועלע איז עס געווען די געהאָפטע פאַר פאַר דעם היים, וועלכע מענדל האָט באַגערט אויסצוואַרעמען. אַ רויִקע געגנט נאָך געווען דעמאָלט דאָס מקום פון אַמבו, כונין און לאַוואַזשע, וואָלוול ס׳דירה־געלט אוז די מענטשן אַרום האָבן נישט געצויגן מיט די נעזער. „גאָט וועט העלפן, וועט מע זיך מפרנס זיין אַפילו דאָ״. און גאָט האָט געהאָלפן. לייַדיקלעך באַך געווען אומעטום. קליינע מויערלעך, אינדזלען גראָז און געזעמלעך ביימער פון וואַלד, וואָס איז פון דאַנען שוין פאַרטריבן געוואָרן. אַ סך הימל געווען דעמאָלט איבער די דעכער פון די ניי־דעריקע שטיבער, זון אַ סך, מחמת שטיקער מרחק האָבן פוסט געשפּאַרט אַהערצו פון אַלע זייטן. איצט איז די דאָזיקע ליידיקייט ענג פאַרמויערט. פאַרן הימל זענען געבליבן בלויז ווינקלען, הויכע מויערן און שוואַרצע דעכער. ערשט איז מענדל שוסטער אַ פאַרמויערטער אין מיטן דער געגנט, וואָס האָט זיך איבער אים אַריבערגעבויגן מיט גרויסשטאָטישע הייכן. פון

דערסטוועגן איז מער נישט קאַלעמוטנע ווי אַמאָל. צוזאַמען מיט אים האָט דאָס אָרט איינגעוואָרצלט זיין ריוועלע, דאָס דינע, בלאַסע ווייב און איר אויסן אויג — אויך אַזוי דאַר און הויכפּיסיק — איז אויפגעגאַנגען ס׳איינציקע בחורל זייערס. אין מענדלס מיטעלע יאָרן איז געקומען דער זון און דער טאַטע חברט זיך מיט אים ווי אַן עלטסטער ברודער מיטן מעזיניק פון הויזגעזינד. ס׳אַ חברשאַפט אַ ליבלעכע.

— גייסט אין קינאָ אַריין, זעליקל? איך האָב שוין אַ בילעט. ווילסט? מ׳עט מיטנעמען די מאַמע.

ס׳יינגל איז צופרידן. זיינע אויגן שמעלערן זיך רויק ווי די אויגן פון אַ סויב, וואָס ווייסט דעם זין פון שלווה. ער איז צופרידן מיט טאַטע־מאַמען: זיי זענען אַלט און גוט, זיי עלטערן זיך אין מידקייט פון לעבן וואָס כוואַליעט זיך אין דרויסן און עס ריזלט אין די בלוטן און אין די ביינער. ער זעט שוין, זעליק, ער באַנעמט עס מער ווי דער טאַטע מיינט, כאָטש דער מאַמען דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך אַ קינד — זעליקל. ס׳איז טאַטע־מאַמעשע פאַרקוקטקייט. יאָ, זייערע ברילן ווייזן שוין נישט גוט — — ער וועט קיין מאָל מער נישט אַרויפרייטן אויפן טאַטנס אַקסל. ר׳וועט שוין נישט שטיפן.

— פאַר וואָס נישט, טאַטע? — ענטפערט זעליקל — אויב דו האָסט חשק? מירן גיין. עלעהיי די שטוב וועט האָבן אַ ביסל מנוחה פון אונדז, — זוכט ער אָנצושמייכלען דעם טאַטן.

— אַ קלוגשאַפט פון אַ יינגל, אָן עין־הרע, — קוועלט דער שוסטער און לייגט אַרויף אַ האַנט אויפן זונס אַקסל, נאָר זאָגן זאָגט ער אים: — וואָ׳דען, אַלע גייען מיר, זעליקל.

טייל מאָל אין אויפדערנאַכטן גיט אַ צי די דרויסנדיקע פרישקייט. שלייכן זיי אַרויס זאַלבעדריט פון דער אָנגעזשמורעטער זייטנגאַס, פאָטער־מוטער און זון: כפּי דער הייך איז אַ שיפלעכע די ליניע פון די באַזאַכטע געשטאַלטן, און אַלע דריי, אָרעם־פאַרפלאָכטענע, באַוועגן זיך ווי אַ שאָטן־גרופע. ער נידעריק, עטוואָס שווערלעך אין טראָט, משא אין די פּלייצעס, דער קאָפּ אַראָפּגעזעצט; זי — הויך, לייכטפיסיק, נאָר פאַרטראַכט, און נעבן איר גייט אַ נאָכוויגנדיקס דאָס אויסגעצויגענע יינגל מיטן לאַנגן האַלדז. פּאַוואָליע שפּרינגט ער אונטער, דאָס שטאַמל פון דעם וואָרצל־פּאָר. ער שוויגט ווי דער טאַטע, ווי די מאַמע, און צוגלייך מיט זיי קוקט ער להוט אין אָונט אַריין. געלאַסן, ווי ס׳נאָכבאַגלייטנדיקע טונקעלע ליכט פון דער אויפדערנאַכטיקער גאַס, פאַרקירעווען זיי געאָרעמטע צו דער פייערלעכער

קאַריענטעס־גאַס. שטוינענדיקע שיין און רויש פֿאַרציקן דאָ אַ יעדע שטיל־קייט. ברייט — גלייך אַ צעעפֿנט ליכט־טויער איז די אַוועניִדע. זי פֿאַרכאַפּט מיט חידושות דאָס קליינע משפּחהלע: „סקאַצל קומט! אַ ביסל נעענטער, נעענטער"... ממש עס פֿאַרבעט די לייט פֿון כּוזין. לאַנג צו שפּאַצירן האָט ער נישט קיין כּוח אין מיטן וואָך, דער מענטש פֿון פּראַצע. און ס'איז נישט די צײַט. „זונטיק, מערצישעם, יאָ?" — מענדל קוקט צו די זיבניקע און שאָקלט אַליין מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, פֿאַר וואָס נישט?

אָבער קינאָ לאָקט, קינאָ פֿירט גנאַדיק. רופֿנדיק איז דער אַריינגאַנג צו דער קילבלעכער פֿאַנטאַזיע. מענדל געדענקט: ס'אַן אויסטראַכטעכץ וואָס מ'ווייזט, נאָר ס'איז גוט אַ מאָל צו לאָזן זיך פֿירן. ס'איז חמור־למשא שטענדיק צו האַלטן זיך אויפֿן משקולת פֿון וואַרטן און האָפֿן. קען מע דען אויס־קומען בלויז מיט דער שטוב! ס'קלעקט נישט אַזוי פֿיל גבֿורה. שווער פֿון דעסטוועקן אין גאַנצן אַוועקצוגיין פֿון זיך. דער מענטש פֿאַרלירט זיך — חשבונט שוין מענדל מחמת דער מוח לאָזט נישט אָפּ.

ער טרייבט פֿון זיך דעם אומעט. מענדל וויל זיך נישט געניאַרן, נאָר ער נאַרט זיך דאָך. פֿע, געעלטערט זיך. נישט קיין לייט, דער חכם מענדל. די פֿיס זאָגן אָפּ, די אויגן זענען פֿאַרפּרישעט, ווי זאַמד שטעכט אין זיי. אויך נישט קיין וואַזשנע רפֿואה דאָס קינאָ. עס נעמט דער שלאָף.

טיף אין זיך וויספּערט מענדלען זיין געדאַנק: ריוועלען מיט זעליקלען וועט ער נישט שטערן. זאָלן זיי קוקן, ער'ט כאַפּן אַ דרימל. ס'אַן אויס־טראַכטעניש דאָס־אָ, נאָר גלייכער מ'געדענקט נישט דערין. אַ וויסטע קרענק דאָס געדענקען. זונטיק, מ'עט'ס דערלעבן, וועט מע זיך שוין נישט אַריינ־זעצן אין דער פֿינצטערניש, ווו עס דאַכט זיך דעם שוטהוואַטן קאָפּ אַז ער חלומט אַ גוטן חלום. ס'בעסער צו זען אַ בוים, אַ גראָז.

זונטיק זעט מען טאַקע ס'משפּחהלע אַן אויסגעפּוצטסט אַרויסשפּאַנען פֿון דער שטילער גאַס. תּמיד צוזאַמען: פֿאָטער־מוטער און זון — אַ שיפֿלעך באַוועגטע ליניע פֿון שטום זוכנדיקע קעפּ. אין די זונטיקן גייען זיי תּמיד פֿאַרבערענגען. קרובֿים האָבן זיי נישט דאָ, פֿריינד ווינציק. פֿריינד זענען זיי איינער אין דעם אַנדערן. איינער פֿאַרן אַנדערן זוכט תּענוג. אוי, פֿאַר רי־וועלען. די מאַמע האָט דאָס גערן. דער טאַטע האָט ליב צו הערן זינגען. מירן גיין אין ייִדישן טעאַטער. גיי, נעם גוטע בילעטן. און טרעפֿט זעלטן אַ יום־טובֿ ביי אַ באַקאַנטן, איז עס זייערער אַ יום־טובֿ — פֿון דעם משפּחהלע ראַוונער. מ'באַנייט זיך יעדעס מאָל מיט פֿייערלעכקייט. מענדל שוסטער

איז אויסגעפּוצט ווי אַ יונגערמאַנטשיק: אין געפּרעסטן אַנצונג, ווייסן העמד און שיינעם אויסבינדער. דער גראָער קאָפּ אין אַ שטייפן, שוואַרצן הוט. ריוועלע איז כלהדיק, כאָטש ס׳פּנים איז פאַרוועלקט. בלויז דער שמייכל איז יונג, די אויגן בלישטשען. אויך זעליקל איז ניי. מענדל שפּיגלט זיך אין ריוועלען און אין זון, אַקוראַט ווי זיי שפּיגלען זיך אין אים. נישט צו פילן דעמאָלט קיין מידקייט, נישט צו זען קיין עלטער ביי מענדלען צי ביי ריוועלען.

— מזל־טוב. אין פריידן, — ווינטשט מען זיך פון אַלע זייטן און מענדל ראָוונער מיטן משפּחהלע פאַכלען אין יום־טובדיקייט. און נעמט מען עסן, האָט מענדל שוסטער גרויס הנאה פון דער יוסטער מאָלצייט. ער האָט נאָך די אייגענע ציין און דער מאָגן דינט אים.

— ריוועלע, פּרוביר נאָר. ס׳האָט אַלע טעמים. זעליקל, דאָס מעגסטו.

איינס טרעט נישט אָפּ פון אַנדערן, איינס „זעט־צו" דאָס אַנדערע. זאָל זי הנאה האָבן, זאָל ער זיך ס׳האַרץ אונטערלענען.

ביי אַ שמחה האָט אויף מענדלען נישט קיין שליטה דער קאַליקער קאָפּ, וואָס האָט די קרענק סתם צו קלערן: ער עלטערט זיך, ר׳איז שוין אַלט. אויף אַ יום־טובל צווישן מענטשן פאַרפליט אַלץ. אַדרבא, מענדל דערשפּירט ערשט דעם רעכטן תענוג פון זיך. ער איז דער גרעסטער מיי־ליאָנער, זאָגט ער. די גבירים קוקן נעבעך, ווי מענדל שוסטער עסט אַ שטיק געבראָטן גענדזנס, מאַכט פאַרטיק אַ פּאָזשע*, כאַפּט אַראָפּ אַ כוסה. אויב עסן, זאָל זיין געגעסן. צעפּיעשטשעט זענען לא עלינו די גבירים און די גבירישע געדערעם: נעבעך שטאַרק איידל — דאָס נעם נישט, אויף יענץ קוק נישט — —

אין גאַס זאָגט מען: דער שוסטער פון אַלטן קלייטל וועט לעבן הונדערט יאָר. אָבער מענטשן ווייסן נישט צי זיי מעגן אים מקנא זיין. צו זיינע מאַ־יאָנטקעס נעמט דאָך נישט אָן קיין גלוסטונג. ער איז בלויז אַ קבצן וואָס מאַכט זיך נישט קיין עסק פון זיין דלות. יאָ, זיין מאָגן איז אַנגעהאַרט נאָך אַ מאָגן, וואָס קאָכט ווי ס׳געהער צו זיין.

* אַן עוף.

פונעם מחבר

הגם טעמאַטיש פאַרשיידנאַרטיק, באַשטייט דער תוכן פון אָט־דעם בוך אין אַן אַזוי צו זאָגן אידעיִשער גאַנצקייט — וואָס שייך דעם געמיט, וואָס אונטער זיין ליכט זענען אויפגעשריבן אַלע זאַכן פון דעם באַנד. און כאָטש די פאַראַנענע ציקלען האָבן לגמרי נישט קיין אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן, האָט דער מחבר זיך געפונען געצוווּנגען צוצוהערן זיך צו דער מחשבה, וועלכע איז צום נאָענטסטן זיין געפילוועלט:

„אַ פאַרווּנדיקטער פון שריפה און פּאָגראָם, געפינסטו זיך נאָך אַלץ אַן אַרויסגעריסענער פון דיין אייגנטלעכער ספערע. בעל כרחי מוזסטו זיך איינקלאַמערן אין דעם נייעם באָדן וואָס דיר איז באַשערט געוואָרן".

יאָ, מיטן געפיל פון לכתחילהדיקער פאַרצווייפלונג האָב איך פאַראייגנט דאָס וואָס נעמט אָן די געשטאַלט פון מיין נייער היים. אַזוי האָב איך אויך באַלעבט אין זיך די שפּירונג פון בהדרגהדיקער אַריינגעוואַקסנקייט אינעם אַרום, וואָס שילט אויס פאַר מיר די באַזונדערע בולטקייט פון דער לאַנדשאַפט, וואָס איז גרונטיק אַנדערש פון דער, וועלכע האָט מיך געפורעמט.

דערין — דער בעלעטריזירטער פירוש פונעם מחבר אויף דעם וואָס ער האָט ביז איצט באַנומען אינעם בילד מיטן כוללדיקן נאָמען: ייִדיש אַרגענטינע, ייִדישע אימיגראַנטישע בוענאָס־איירעס. דערפאַר אַזאַ און נישט קיין אַנדערער אויפשטעל פון דעם בוך: נאָכן גרויליקן ווידערקול פונעם גטאָ, קומען מאָטיוון פון פּליטימשאַפט אין איר גאָרער נשמהדיקער צעריסנקייט, דערנאָך די אָפּהילכן פון צעשטערטן חלום. געוויס, צום סוף קומט די וואָר אויפן פאָן פון אויסניכטערונג. עס איז אַרגענטינע אין איר פּראָפיל, די אַרגענטינע אין די גרימאַסעס פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט.

* *

די זאַכן פון דעם בוך זענען געשריבן אין רוים, קאַסטעל־גאַנדאָלפאָ און בוענאָס־איירעס — אין די יאָרן 1951—1955.

* *

פאַר מיטווירקן דערצו אַז דאָס בוך זאָל זען די ליכטיקע שיין דאַנק איך האַרציק די ליבע פריינד משה פיעטריקאָווסקי (בראַזיל), יעקב קרייצער, הערמאַן יאַקובאָוויטש, זלמן הירשפעלד, מאַטעס קרישטאַלקאַ, ראובן קאָרב, יחזקאל קרוק (טשילע), משה פלאַמבוים, משה בונם לעדערמאַן, פנחס בירנצווייג, משה כיניטש און לייב שמולעוויטש.

י. אָקרוטני

בוענאָס־איירעס, סעפּטעמבער 1960.

אינהאַלט:

דאָס געשריי 5

פאַרברענטע שוועלן

די מוטער פון יאָהאַן שטראַוס 17
שכנים 50
אַ שיף אין מיטן ים 92

שיין איז דער חלום

I אין בענקשאַפט 101
II צו נייער ערד 108
III טירן 114
IV עס טריפן טראָפנס סם 124
V פון דאָס ניי האָט געפרילינגט 132
VI חסד 143
VII דערלעבט 152

בוענאָס-איירעסער מאַטיוון

אַ קוואַדראַט הימל 167
פאַרשפעטיקטע ליבע 221
דער גוטער חודש 233
איינזאַמע און אויסטערלישע 241
תכלית 274
פאַרמשפטע יאָרן 300
דער סוד 320
זיקנה 337
קאַלעמוטנער זונטיק 353
עס רעגנט 359
אַן אַלטע גאַס 365
אַ פענצטער צום דרויסן 369
אַ געבענטשט געזינדל 375

Este libro se terminó de imprimir el día 8 de octubre de 1960 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.